STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00602

TSVISHN TAYKHN UN VASERN

Yaakov Ziper

Permanent preservation of this book was made possible by
Ruth S. Weiss
in memory of
Fannie & Hymie Schneiderman

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יעקב זיפער

צווישן טייכן און וואסערן

ZWISHN TAICHN UN WASSERN

(Between Lakes and Waters)

by JACOB ZIPPER

Copyright 1960
by JACOB ZIPPER
417 Smart Ave.
Montreal 29, Canada

הילע און אותיות געצייכנט פון מרים לאָווינגער
הילע און שער־בלאַט פּלאַנירט און אויסגעפּאַרטיקט פון שלמה פּאָמעראַנץ
מאָנטרעאַל, תשכ״א — 1961

27

Printed in Canada by
THE NORTHERN PRINTING AND LITHOGRAPHING CO.
Montreal, Quebec

שרהקען

אַ מתנה

מיט אַנערקענונג זאָלן דערמאָנט ווערן
מיינע טייערע פריינד
דבורה און דר. הערשל ראָזנפעלד
דורך וועמעס מי ס'איז מעגלעך געוואָרן
דאָס דערשיינען פון דעם בוך.
זיי, און אַלע די, וואָס האָבן זיי
געהאָלפן אין דעם — מיין האַרציקן דאַנק.
אַ באַזונדערן דאַנק מיין ליבן שוואָגער,
אַן אמתער חובב פון יידישן וואָרט,
שלום קרישטאַלקע, פאַרן איבערקוקן
אַלע קאָרעקטורן; דער קינסטלערין
מרים לאָווינגער פאַר די צייכענונגען
און אותיות, און שלמה פאָמעראַנץ
פאַרן פלאַנירן און אָפּגעבן זיך
מיטן קינסטלערישן אויסזען פון בוך.

י. ז.

אינהאַלט

בריקן

1. די לאַנגע בריק — 9
2. דאָס קורצע בריקל — 12
3. די אַלטע בריק — 16
4. דאָס פּאַשע בריקל — 24
5. דאָס יאַטקע בריקל — 34
6. די מיטלסטע בריק — 44
7. דאָס שמאָלע בריקל — 60

גאַסן

1. דער רינג

מענדיקס גדולה און דאָס איינפאַר־הויז — 73

די קאַמעניצע און דאָס גאַרן־שטיבל — 93

2. די גרעבליע גאַס

די בערע אַבעס און לייזער איזיקס — 156

אין דער מייסטערסקייע — 186

3. דאָס שמאָלע געסל

אין געמויערטן הויז — 195

קראַקוס דער מײַנסטער — 199

דער קלויסטער גאָרטן — 210

פּרימאַרגנס אין געסל — 223

ר׳ דוד דיינס שטוב — 236

4. דאָס ליקל

דער פאַרבאַרגענער וועג קיין ארץ־ישראל — 260

דער זיידע מיט דער זיידעכען — 268

בענטשע למדן — 280

5. די גאַרבאַרניע גאַס

דאָס ירושה הייזל — 292

די וואָסערמיל — 310

פעלטע גאַרבער — 339

6. דאָס הייפל

ר׳ מרדכי ברויער — 353

7. דאָס געסל מיט די צווײ נעמען

אַרום דער שיל — 368

אין קעלערל אונטן — 391

אין ריזשינער שטיבל — 396

אויפן בערגל אַרויף — 393

אין ריזשינער שטיבל — 398

פאַרטייטשונגען — 411

באַמערקטע גרייזן — 429

צווישן טייכן און וואַסערן

בריקן

די לאַנגע בריק

אַרומגערינגלט מיט וואַסערן פֿון אַלע זייטן, פֿירן בריקן און בריקלעך אין שטעטל אַריין. יעדע בריק האָט אַ נאָמען, וואָס איז אי סתם אַ נאָמען און אי מער ווי דאָס. ס'איז געוווּנדט ווי אַזוי און צו וואָס מ'באַנוצט אים.

„די לאַנגע בריק" למשל, איז גאָר נישט אַזוי לאַנג, נאָר דער וועג וואָס פֿירט פֿון איר צום שטעטל איז לאַנג און אויסגעצויגן צווישן לאָנקעס און פֿעלדער. זי פֿירט פֿון דער גויאישער פֿאָרשטאָט אין יידישן שטעטל אַריין. פֿון יענער זייט בריק, שטייט פֿאַרטוליעט אין זיך אַ שאָר פֿון אַ סעדל מיט רויטע זאַפטיקע עפּל און פֿאַרבאָרגענע שמאָלע ליבע־סטעזשקעס, וואָס ווערן פֿאַרפֿאַלן ערגעץ אין די געדיכטע ראָר־שטעקנס אויפֿן ברעג פֿון טייך. חדר יינגלעך וואָס זיינען טיף פֿאַרנומען מיט דער מעשה פֿון משהן און פּרעהס טאָכטער, ווערן פֿול מיט אויגן ווען זיי קומען צו דעם אָרט. דאָ איז זיכער ערגעצוואו געשטאַנען מרים און געוואַרט צו זען וואָס וועט ווערן פֿונעם קעסטעלע וואָס באָברעט זיך מיט די כוואַליעס אַרויף, אַראָפּ. אָט אָט, וועט עס אַ כוואַליע אַ כאַפּ טאָן און אוועקשליידערן סאַמע היינטערן גרויסן שטיין וואָס שפּאַרט אַרויס אין מיטן טייך, און פֿון דאָרט אָן שוימט שוין דער טייך גלייך אַוועק ביז צו קעסל־גריבער פֿון וואַנעט קיין לעבעדיק נפֿש קען זיך נישט ראַטעווען. נאָר אָט הערן זיך שוין די פֿריילעכע קולות פֿון די מיידלעך וואָס קומען אַהער זיך באָדן . . . און די חדר יינגלעך אָטעמען פֿרייער אָפּ און ווערן נעלם. בלויז איין מרים צאַפּלט נאָך דאָרט ערגעץ אין פֿאַרבאָרגעניש.

אונטער דער בריק רוישט דער טייך און פּאַטשט מיט ווייסן שוים די זאַמדיקע ברעגעס וואו שמאָלע סטעזשקעלעך ציען זיך שלענגלדיק און ווערן פֿאַרלוירן אין די הויכע גראָזן פֿוןביידע זייטן. די בריק איז אויך אַ גוטער דאַך איבערן קאָפּ און אַ געבענטשטע סוכה, וואָס פֿאַרהיט פֿון אַ בייז אויג ווען מ'דאַרף.

די לאַנגע בריק איז היימישלעך און אייגן יעדן טאָג פֿון וואָך. אַזוי אייגן ווי אַן אייגענע האַנט, אַז מ'פֿילט אַפֿילו נישט אַז מ'האָט זי און מ'מאַכט

פון איר קיין ווען נישט. אָבער אמאָל טוט מען זיך אזוי א זאָג מיט אויס־געצויגענער צארטקייט ממש: ד י ל א נ ג ע ב ר י ק — . טאקע דער זעלבער נאָמען, נאָר ליבער און אייגענער; היימישלעך איינגעבאקן אין הארצן.

„לאַנג ווי דער גלות, נעבעך״ — קרעכצט מען אַמאָל אונטער, — „וועט זי דערפאר מיט אונדז אינאיינעם דערלעבן משיחן צו פירן אויף זיך, ווייל אויף איר וועלן מיר אים אוודאי אנטקעגנגיין. פון די מדברדיקע מרחקים וועט ער קומען דורך דער לאנגער בריק, און גאנץ כעלות זועט ער קומען״— פלעגט די באָבע אונדז שטיל אריינציען מיט דער בענקענדיקער נאָגנדיקער שטימע, ווי א באָבע קען ווען די אייניקלעך זיינען שטילינקע און וואוילע, און מידע און דערוואַרטנדיקע אין א שבת פארנאכט, ווען די פינצטערניש קריכט פון אלע ווינקעלעך און קליינע שייבעלעך מיט וואַכעדיקער אימה און פאַסנע טעג. „פארטאָג וועט ער קומען״, גאנץ פארטאָג, ווייל וועלן וויל ער דאָך אלע טאָג קומען. איי, וויל ער נעבעך קומען, און טאָקע מיטן גרויסן טראַקט,—קען ער אָבער נישט קומען בייטאָג צוליבן גערויש און געטומל פון יארידים און האנדל־וואנדל. יידן קריגן זיך און רייסן זיך איבער א קרישקע פרנסה, מישטיינס געזאָגט; פארנאכט איז זייער שווער ער זאָל קענען קומען. ס׳איז טאקע שטילער שוין: יידן פאָרן שוין אהיים פון ירידים; גויים ניכטערן זיך שוין אויס פון שיכרות; קראָמען שליסן זיך און בתי־מדרשים ווערן טאקע פול מיט קדושה און ברכו, נאָר ווי ער קומט צו נאָענט צום ווייסן קלויסטערל און טוט א קוק ווי דאָס יונגוואַרג שפּאַצירט נעבעך אהער און אהין אריינגעטאָן אין געזאנג און געלעכטער, דרייט ער זיך אויס און פארשווינדט צווישן די זאמדיקע בערג און אפשר נאָך ווייטער אין טערקעוויטשער וואלד אריין מיט די הויכע ווייסע ביימער וואָס בלייבן זיך באנג און ציטעריק אין דער סאַמע פינצטערניש פון שטוב. „דערימעך, וועט ער מוזן קומען פון דער אנדערער זייט שטאָט, דורך דער לאנגער בריק״, און פון דעסטוועגן וועט ער דארפן קומען פארטאָג, ווייל אויך דאָ שפּאַצירט מען שוין ארום אין די פארנאכטן. טאקע בלויז די „שטיבל יינגלעך״ אליין, אָבער ווער ווייסט זיי די היינטיקע קינדער? אנומלטן פארנאכט צו איז זי געגאנגען מיטן קאָשיקל פון דער פערשטאָט. געמיינט זי וועט עפּעס קויפן. „טי איך א קיק, שטייט זיך חוהטשעלע משה יידלס נישט ווייט פון דער בריק, שטייט און קיקט אין וואסער אריין. ני, קען מען וויסן? טאקע א וואויל

קינד, א פיין קינד חוהטשעלע, אָבער פארנאכט לעבן דער בריק, וואו עס דרייען זיך ארום אזוי פיל בחורים. וואָס זאָגט עץ, האי? האָב יעך עס טאקע באלד דערציילט דער משה יידעלעכן. זעט איר שוין, אז ער וועט מוזן מיערטשעשעם קימען פארטאָג". שטאָט וועט טאקע נאָך שלאָפן דעם זיסן שלאָף, אָבער שיינע יידן וועלן שוין וואַך זיין; תהילים זאָגער וועלן שוין שטיין גרייט לעבן אויוון אין גרויסן בית־מדרש און בלויזווארטן אז יאָשע שמש זאָל שוין אראָפּנעמען די האנט פון הארץ און דאָס בית־מדרש וועט נעמען לייכטן מיט ליכט און לאָמפּן; גדליה בייגל בעקער און שענסטער בעל־קורא פון שטעטל, וועט דעם גאנצן „וואול" *) פארקלינגען מיט זיין קול נגינה פלעמענדיק די בייגל מיט די מאָן־פלעצלעך אריין און ארויס פון אויוון.

— „פון וואנען זשע וועט מען וויסן, אז ר'איז שוין דאָ?" — טוט א פארבענקט אייניקל א ציטער צו דער באָבען.

— „נאַרעלע, — גלעט די באָבע דאָס גליענדיקע אייניקל, — זאָל ער נאָר ארויפשטעלן דעם ערשטן טראָט אויף „דער לאנגער בריק", וועט עס שוין אויפזינגען אין אלע יידישע הערצער און קינד און קייט וועלן אין געאייל ציען אהער פון אלע גאסן און געסלעך. מ'זאָגט יאַקבי, אז אפילו די הייזער וועלן אים אקעגנאיילן מיט א טאנץ".

---

*) א טאָל אזא, לענג אויס איינער פון די הינטער געסלעך. א נשאר פון אן אמאָליקער באפעסטיקונג. איצט בלויז א פלאץ פאר מיסט פון די ארומיקע געסלעך און טיילט אָפּ דאָס שטעטל פון די גויאישע גערטנער און פעלדער.

דאָס קורצע בריקל

פון דער אנדערער זייט שטעטל איז „דאָס קורצע בריקל". א קליינס, א שטילס און א מאָגערס. שטענדיק פארשווארצט און גרוי, כאָטש עס שטייט לעבן דער גרויסער פארמעליקטער וואסערמיל, וואָס הוידעט און טראַסקעט טאָג ווי נאַכט. דער גרויסער הילצערנער ראָד דאָרט, דרייט זיך אויף א גאנצער וואנט מיט א שליאפעו און שלינגען און פּוישן, וואָס דערמאָנט עפּעס ווי עמעץ וואָלט כסדר זיך געריסן ערגעצוואו און די פּיס זיינען ווי געליימט, קוים וואָס מ'קען מיט זיי א שליאָפּע טאָן. אין יאריד טעג, קומט דאָס גאנצע גאַיעס אין שטעטל אריין דורך דעם בריקל. שטעלן זיך אָפּ מיט די הויכע דראָבניאַסטע וועגענער אויפן ליידיקן פּלאץ קעגנאיבער דער מיל און לאָזן זיך אוועק איבערן שטעטל האנדלען.

דאָס בריקל טרייסלט זיך שטענדיק, מן הסתם פונעם הוידען פון דער מיל, נאָר פון אויער צו אויער גייט איבער במסורה פון „חדר" צו „חדר", אז בלויז פון אויבן אויף איז עס א בריקל, וואָס פירט אריין און ארויס פון שטעטל. אין דעם אמתן איז עס גאָר עפּעס אנדערש. אפילו דער פּלאץ נישט ווייט פון בריקל איז נישט סתם קיין ליידיק אָרט. ס'איז עפּעס מער ווי א פּלאץ, כאָטש אין יאריד טעג שטייען דאָרט פערד און וועגענער, און געווייינטלעך טריקענען דאָרט די גארבערעס די לאנגע ברוינע פעל וואָס פארשמעקן די גאנצע „גרעבליע" ארום.

נשארן פון אלטע געבייען זיינען צעוואָרפן איבערן גאנצן פּלאץ. אז מ'זוכט גוט קען מען געפינען א שטיקל צעפּלאצט גלאָז, וואָס בליצט און שפּריצט מיט אזא געשליפן ברוין שווארצלעכן גלאנץ, וואָס דערמאָנט אָן עפּעס אומהיימלעכס. גרויסע, שמייכלען ווען מ'דערמאָנט זיי אָן דעם, און יונגזוארג שפּיצט אויף מויל און אויערן און ווילן דערזען דעם „בראָווערס הויף" מיט דער גרויסער פאַראָווער מיל, וואָס איז דאָ אַמאָל געשטאַנען. די הויכע סטראָסטענעס איןביידע זייטן ברעג, האָבן געציטערט און געפּלאָטערט און געשאָקלט זיך יאָרן לאנג, ביז דעם בראָווערס טאָכטער איז

לאַ עליִנו אַ באַנומענע געוואָרן, ווייל דער טאַטע האָט איר געשטערט, אַזוי זאָגט מען, צו נעמען דעם מילנערס זון. איז זי אין איין זוניקן טאָג אַרויס צווישן די סטראַסטענעס, טאַקע נישט ווייט פונעם בריקל. מיט אַ געוויין איז זי אַרויס, אַזוי שושקעט איין יינגל דעם צווייטן דעם סוד איין, אַ באַרוועסע און כמעט אַ נאַקעטע אין מיטן העלן טאָג. איז דעם מילנערס זון מיט אַ יאָמער און געשריי געלאָפן פון דער אַנדער זייט צו דערכאַפּן זי ביי די פעלזן. האָבן אָבער די סטראַסטענעס געציטערט און געפּלאַטערט און די מיל האָט געזשומעט און געטראַסקעט ווי אַן אמתע פּאַראָווע מיל דאַרף, נישט אַזוי ווי דאָס קליינע מילעכל אויף יענער זייט, וואָס קוים וואָס עס טורקעט דאָרט. האָט זי נישט געהערט זיין געשריי, האָט קיינער נישט געהערט; און ווען מ'האָט עס דערזען, איז שוין געווען צו שפּעט. פון באַזונדערע זייטן האָט זיי דאָס וואַסער געטראָגן און די הויכע סטראַס־טענעס האָבן זיך געשאָקלט, און דאָס וואַסער ציטערט דאָרט עד היום. דאָרט באָדט מען זיך נישט.

נאָך אין יענער נאַכט, זיינען האַלב פון די סטראַסטענעס אויסגעברענט געוואָרן צוזאַמען מיט דער מיל און מיטן גאַנצן הויף. פונעם אַלטן בראַוער האָט מען מער נישט געהערט און קיין פּאַראָווע מיל האָט מען שוין דאָ נישט אויסגעבויט. אַ וואַסער מיל האָט מען אויפגעשטעלט מיט טורבינעס וואָס טרייסלען זיך און וואַרפן זיך טאָג ווי נאַכט, און אַ גרויסער הילצער־נער ראָד מיט ברייטע שטאַבעס שליאַפּעט און שלעפּט זיך און פּויזעט אין וואַסער לאַנגזאַם און באַזאַכט. אַ סך, גאָר אַ סך וואַסער דאַרף נאָך פליסן אונטערן בריקל ביז צו תחיית־המתים, צו וואָס זשע די איילעניש?

נישט ווייט פון דער מיל, אַביסל אָן אַ זייט פונעם בריקל, רוישט און קנייטשט זיך דאָס וואַסער, און צעפּלאָשעטע שוימיק פלאַקסענע וואַסער־האָר שלאָגן זיך אָן און פאַרפּלאָנטערן זיך אין די פאַליעס און שפּיציקע שטיינער, וואָס שפּאַרן אַרויס פון געריוש. רעדט מען נישט דערפון און מ'מיידט אויס דאָס אָרט, ווייל ווען מ'קוקט לאַנג אויפן שוימען פון די פלאַקסענע וואַסער האָר, וואָס זיינען אָן אָן אַנהייב און אָן אָן עק, הייבט אָן שווינדלען פאַר די אויגן. עפּעס באַוועגט זיך, דאַכט זיך, אויף די שטיינער. עפּעס גליטשט זיך מיטן בלענדנדיקן ווייסן פעלז, עפּעס שוואַרצט זיך אויפן שטיין. הויבט אָן דאָס אייגענע בלוט רוישן און דאָס האַרץ קלאַפּט מיט נאָגנדיקער בענק־

שאפט צו עפּעס וואָס מ׳וויסט אליין נישט וואָס. איז וואויל צו דעם וואָס קען זיך א האסטיקן ריס טאָן פון אָרט און א שפּיי טאָן מיטן פולן מויל: טפוי, און אוועק. אָבער דער וואָס קען נישט, איז אין גרויס סכנה. נאָר דאנקען גאָט, עס שטייט א וועכטער ביי דער וואסערמיל, טרייבט ער שוין פון בריקל אויך...

מיטן „קורצן בריקל״ גייט מען אויך צום אלטן און נייעם בית עולם. יעדע לויה שטעלט זיך אָפּ א פּאָר טריט פאַרן בריקל. די מיטה רוט דאָרט געציילטע מינוטן און נאָכדעם איילן שוין די נושאים ווי פון עמעצן גע־טריבן, ביז העט אריבער דעם קליינעם קלויסטערלביים שיידוועג. אלט איז דאָס קלויסטערל און די ווענט מיט מאָך באוואָקסן. אמאָל אָבער איז עס געווען העכער פון דער אלטער שול און פלעגט זיך מיט חוצפה צע־קלינגען ווי נאָר א יידישע לויה איז פארבייגעגאנגען. ביז איינמאָל האָט א צדיק נסתר עס פארשאָלטן און ס׳האָט אָנגעהויבן זינקען טיפער, טיפער אין דער ערד אריין. אָבער דער גלאָק קלינגט נאָך אלץ. הייזעריק און כריפּנע טאָקע, אָבער עס פארטויבט די געוויינען פון די קלאָגערקעס. איילט מען שנעל אדורך מיטן מת ווי אנטלאָפן פון א פּעסט.

כוהנים און קליינע קינדער וואָס גייען געוויינטלעך ווייט אָפּגערוקט הינטער דער לויה, בלייבן שטיין ביים בריקל פון דער אנדערער זייט ביז די מיטה פארשווינדט פון אויג. צוריקגייענדיק פון א לויה בלייבט מען אויך שטיין פארן בריקל. ס׳איז שוין אלעמאָל דאָ אן עמעץ, וואָס האלט גרייט עמערס וואסער מיט קוואָרטן אָפּצוגיסן די הענט פון דער טומאָה פון מת. און דאָס בריקל טרייסלט זיך און דער ראָד שליאפּעט און פּויזשעט אין וואסער, און דער עולם מלווים פארשוויגן און פארביסן ווי דער שטייגער איז נאָך א לויה, טרייסלט מיט די נאסע הענט אין דער לופטן. טרייסלען זיך מיט אין טיפן אומעט די בערד, היטלען, ווייבערישע קופקעס און באבעשע גאמבעס פארשפּיצטע מיט א קרעכצעלע: „אוי וויי, רבונו של עולם״. שפּירן אלע וואָס עס מיינט דאָס קרעכצעלע, נאָר מ׳שווייגט און מ׳מיידט אפילו אויס צו קוקן דער באבעשין אין די אויגן אריין.

וועגן דעם טעם פון אָפּשטעלן זיך אזוי פארן בריקל, רעדן די עלטערע נישט זייער גערן. וואָס שייך? — זוכט מען זיך אויסצודרייען און נישט ענטפערן אויפן צודרינגלעכן פרעגן פון חברה יונגוואַרג. „מיר אין אייערע

יאָרן האָבן נישט געפרעגט אזוי פיל קשיות" — איז געווען א גאנץ גייענ־דיקער ענטפער אויף א סך זאכן פון וועלכע מ'רעדט וואָס ווינציקער. יונגוואַרג איז אָבער נייגעריק און נישט אויפגעהערט שושקען זיך אין אלע „איבערזעץ חדרים". נישט איין באָבע האָט מיט הארץ קלאפעניש די לעצטע און איינציקע טרייסט אויסגעגעבן מיט א שעפטשען קוים צו דערהערן און א פחד איבערצוגעבן קעגן ליכט פון טאָג:" ווען ער וועט קומען פון יענער זייט, וועט ער דאָך מיט „דער לאנגער בריק" אריינרייטן אין שטעטל אריין; און גאנץ קהל, יונג און אלט, וועלן אים אנטקעגנלויפן. דאן וועלן פון דער אנדערער זייט, מיטן „קורצן בריקל", ציען צו אים אלע זיידעס און באָבעס פון אלע דורות, וואָס וועלן אויפשטיין תחיית המתים... קיינער וועט זיי נישט טאָרן זען איידער זיי וועלן זיך אונטערן בריקל טובלען און אין שול אריין איילן איבערצוטאָן זיך צווישן די „שמות" אין משיחס קליידער..."

— איי, ווײ, — פארגייט זיך אזש מיט תענוגדיקן וויטיק דער געלער יאָש, און דאָס געלע קאָזע בערדל צאפלט און טאנצט אונטער מיט הסכמה אויפן פארפלאמטן פנים, — איי, ווײ מיר נעבעך, ווי דערשלעפט מען זיך שוין צו קומען צו יענער זייט בריקל.

— א חכם דאָס איז, — האָט זיינוועלע לץ אָנגעשטעלט אן ערנסט פנים אויף אים, — ווילסט פארבייטן די יוצרות. דו זע פריער, אז מ'זאָל דיך טראָגן אויף דער זייט בריקל, וועסטו מיערטשעשעם זוכה זיין צו קומען צוריק מיט דער אנדערער זייט...

— לץ, זיינוועלע לץ, — בייזערט זיך דער געלער יאָש און איז ממש גרייט איינצושלינגען דעם לץ, וואָס שטייט ווי זיין שטייגער, איינגעשרומפן, דאר און איבערגעוואָקסן עפעס, און דאָס שווארץ בערדל ווי צוגעקלעפט, — און דו שטייסט נישט און קוקסט אין וואסער אריין ביי יעדן לויה?

— אזא גערעכט לעבן אויף מיר, — ענטפערט געלאסן דער לץ און דאָס חוזק שמייכעלע טוט זיך נישט אָפּ פון זיינע ליפּן, אבער מ'קען נישט וויסן צי ער לאכט דאָס טאקע, — אוודאי קוק איך. דאָס וואסער ציטערט פון אונטערן בריקל אָפּער און ווינקט יעדן מת אָן:" ווי זעט מען זיך שוין אויפן וועג צוריק..."

— ס'איז נישט אויסצוהאלטן פון דיר — אנטלויפט דער געלער יאָש א צערודערטער, — נאָר דאָס לאכט. פון אלצדינג לאכט עס.

די אַלטע בריק

א

„די אלטע בריק״ איז אין דרום זייט און פירט צום גויאישן דערפל וואָס איז אָפּגעטיילט פונעם שטעטל בלויז מיט א שמאָלן פּאַס לאָנקע און א שטיק פון הויפישן סאָד. די אלטע בריק איז א גאנצער געביי מיט שטאבעס און גראטעס וואָס ציען זיך אריין און ארויס ווען מ׳דארף קאָנטראָלירן דאָס וואסער פאר די מילן. הויכע פירעקיקע באלקנס שפּארן ארויס פון ביידע זייטן מיט דער לענג פון טייך, און אונטער די באלקנס רוישט אלעמאָל און קאָכט פונעם אימפּעט וואָס שאפט זיך ווען דאָס וואסער פליייצט אדורך די אָפענע גראטעס. אלעמאָל ציט עס א קלעטער צו טאָן אויף די שטאַבעס, וואָס דעקן צו די עפענונגען, און ארונטערלאָזן זיך אין איינעם פון די פארמאכטע קעסטעלעך, און אָנטאַפּן מיט די אייגענע הענט די פוכקע גליטשיקייט וואָס גלאנצט ארויס פון דעם גרינעם שליים וואָס באדעקט דאָס גאנצע געביי. תמיד פלייצט עס דאָרט פון איין אָדער צוויי פענצטער־לעך, און די אנדערע שטייען בלינד פארהאקט. בלויז דורך אַ שפּאַרע רייסט זיך דורך א שמאָל שפּריצעלע וואסער, א דערמאָנונג אז ס׳רוישט נישט נאָר דאָ פון דער זייט, נאָר אויך פון יענער זייט רייסט און דריקט און שטויסט דאָס וואסער, און ס׳וועט זיך אמאָל דורכרייסן און איבערגיין און איינוואַליען די שליוזע, צעשליידערן די שטאבעס און אויפרייסן אלע פענצטער. וועט די לאָנקע דאַן ווערן איינס מיטן טייך; דיביימער אין הויפישן סאָד וועלן ביזן האלדז שטיין אין וואסער און די „גרעבליע גאס״ פון דער זייט בריק, וועט זיצן אויף די דעכער פון די הייזער און די אויגן זיך אויסקוקן, מ׳זאָל שוין צוריק א נעם טאָן די שטאַבעס און זיי אויסגלייכן מיט דער לענג פון דער בריק, פארמאכן די פענצטערלעך און זאָל ווידער רוישן און קאָכן פון ביידע זייטן פון דער אלטער בריק.

יידן גייען זעלטן מיט דער אלטער בריק. צו קיין שטעט און יארידים־וועגן פירט זי נישט. אַחוץ אַ ייד אַ דאָרפס־גייער אָדער אַ יידענע אַן אויפ־קויפערקע, האָט מען אין דערפל נישט וואָס צו טאָן. סיידן ס׳איז שבת בייטאָג

און ס'איז זומער. די לאָנקע איז טרוקן; אין די סעדער שווערן זיך שוין די רויטע עפּל און לאנגע געלע באַרן. טאַטעס און מאַמעס שלאָפן געשמאַק אונטער פארמאַכטע לאַדנס, כאַפּט מען זיך אַריבער הענדום פּענדום אין דערפל אריין. טייל זיינען שוין דאָרט גאַנץ היימיש, אַזוי אַז דער פּויער לאָזט אריין און פאַרגינט דאָס עסן גלייך פון דיביימער אָן געצאָלטס אפילו. מ'עט אָפּגעבן אין מיטן דער וואָך. אַנדערע אָבער מוזן גלייך סילוקן מזומן פּאַר א צוגעציילטן ביסן באַר און עפּל; פון פלוימען שוין אָפּגערעדט. און דער פּחד, אַז טאַטע מאַמע זאָלן זיך חלילה נישט דערוויסן דערפון, מאַכט איילִיק די טריט און הייליק די ציין. און ווי נאָר מ'טרעט צוריק אַרויף אויף דער אַלטער בריק אהיימצואוועגס, דרייט שוין אין בויך קרעמפּיק און שאַרף, אַזוי אַז עס פאַרטויבט דעם רויש פון וואַסער און אפילו דאָס בילן פון די הינט, וואָס אַ טייל פּויערים רייצן אָן אויף די „קאַפּאַטשאַרזשעס, וואָס קריכן מיט זייער שמוץ אין פּוילנס גערטענער אריין".

נישט אַלעמאָל גייט עס אָפּ אַזוי גלאַטיק און בלויז מיט בויך ווייטיק. עס טרעפט, אַז פון הינטערן הויפישן סאַד אָדער פון ליימיקן בערגל ביים אויסבייג פון טייך, טוט זיך אַ לאָז אַרויס אַ כאַפּטע שקצים מיט די ריכטיקע הינט און מיט שטעקנס אין די הענט. מערסטנס ציט מען אָפּ ווען אַזאַ מחנה באַוויזט זיך. ווער עס קען ציט אָפּ אַריבער דער בריק אין שטאָט אריין. „זאָלן זיי גיין אין דער ערד אריין די היצלעס מיט זייערע סעדער אינאיינעם". ווער עס באַוויזט נישט, זוכט זיך צו באַהאַלטן וואו עס איז. עס טרעפט זיך אָבער אַז מ'קען שוין נישט אַנטלויפן. דאַן טראָגן זיך ביידע מחנות איינע קעגן דער אַנדערער. א טייל פון דער יידישער מחנה קומט אַלעמאָל צוגעגרייט אויף אַזאַ פאַל. פאַרבאָרגן אין אַרבל טראָגן אַ טייל שמאָלע שטיקלעך אייזן, אָדער אין הינטער קעשענע ליגט גרייט אַ „הענטשקע", אָן אייזענדל אַזאַס, וואָס פּאַסט זיך צו צום שלעגערס האַנטפלאַך. די וואָס האָבן אַזעלכע כלים, מערסטנס די זינדלעך פון פערדהענדלער און קצבים, האַלטן זיך געוויינטלעך סטאַטעטשנע אָן אַ זייט. אין רעזערוו הייסט עס. זיי וואַרטן ביז עמעץ פון די אָנפאַלער זאָל זיך דערנענטערן. זיי שפּילן זיך ממש מיט אים. זידלען אים אַפריער גוט אָפּ פאַר וואָס ער טשעפּעט זיך אומזיסט און אומנישט. בפרט אַז עס טרעפט נאָך, אַז דער אָנפאַלער טראָגט

א סטודענטיש היטעלע, דאַן איז גאָר א מצווה אריינצוזאָגן אים ביז דער זיבעטער ריפּ. און אַז ער טראָגט זיך אַלץ נישט אָפּ, נעמט מען אים כמאַליען וואו עס לאָזט זיך. און די יללות פוןביידע זייטן מישן זיך, היטלען פליען און מלבושים ווערן צעריסן ביז מ׳הייבט אָן צו דערזען בלוט, נעמט מען זיך אָפּטראָגן.

אמאָל מאכט זיך, אז א פאַרבלוטיקטער בחור פאלט אריין אין דער גרעבליע גאס, וואו אויף די הויכע באלקאָנדלעך פאר די הייזער זיצן, זומער־דיק צעכראסטעטע, די פערד הענדלער און קצבים און בארעדן די וועלט פון די שיינע יידן. ווערט א בהלה: „די נכפה וועט זיי כאַפּן. דאָ וועלן מיר עס נישט דערלאָזן. דער מלך אביון האָט זיך צעיוכעט״—שטייפן זיך די ברייטע פּלייצעס און עס פלאמען די רויטע קאַרקן. נישט קוקנדיק אויף דעם וואָס ס׳איז שבת, ווערן ווי פון זיך אליין דרענגלעך ביי יעדן אין האנט, און וואָכן נאָכדעם וועט שוין זיין פון וואָס צו רעדן, און דאָס לאָ־דעניש אין געריכט וועט אָפּקאָסטן אוצרות געלד וואָס גאנץ קהל וועט דארפן דעקן. „געפּעלט זיי נישט, די שיינע יידן, וואָס די גרעבליע־גאס טוט, זאָלן זיי זיך אליין גיין אונטערבינדן די מילה״—גרויסט זיך די גאס און איז מבטל די שיינע יידן, וואָס האָבן תרעומות פאר זייער אריינמישן זיך אין געשלעג.

ב

נישט ווייט פון דער אלטער בריק, איז דאָס באָד־פּלאַץ. זומער קומט אהין דאָס גאנצע שטעטל יונגוואַרג. די עלטערע און מיטליעריקע באָדן זיך געוויינטלעך ביי דעם „פּאשע בריקל״, הינטערן מרחץ און הקדש; פרויען און מיידלעך באָדן זיך אין די לאנגע נאכט־העמדער, העט ווייט אוועק מיט דער לאָנקע, נאָענט צום דאָרפישן וועלדל שוין. אָפט, ווען נאָך א הייסן שטיקנדיקן טאָג דערהערט זיך פּלוצים א יאָמערדיק קול פון א פארצווייפלטער מאַמע: „געוואלד, יידן, געוואלד״!—לויפט מען גלייך צו דער שליוזשע. די הויכע שטאָבעס שוואַרצן און גלאָצן מיט גרוי פון פארנאכט; די גראטעס, באוואקסן מיט גרינעם מאָך, שטומען און גרוילן סיי מיט די אָפענע טיילן, דורך וועלכע סע פלייצט דורך דאָס וואסער און סיי מיט די פארמאכטע טיילן, וואָס זעען אויס ווי פארשטאָפּטע מיילער וואָס אָט אָט

וועלן זיי אויפפלאַצן. אונטן קאָכט און זשומעט א גלאָזיקער שוים אין וועלכן עס שווינדלען ארויף זילבערנע בינטן וואסער־פלעכטן ווי צעפלאָשעטע פלאקסענע קעפ. דאָס זיינען די וואסערמיידלעך, וואָס מאַניען און ציען און פלעכטן אין פארבאָרגעניש וואסער שטריקלעך ארום די פיס פון יעדן איינעם, וואָס וואגט צוצוקומען נאָענט אהער.

אין לבנה נעכט, לויערן די וואסער־מיידלעך צווישן די גראַטעס און מיט גרינע אויגן און ווייך־ווייס סאמעטענע לייבער פארשפינען זיי אינעם נעפל־דיקן טיול אריין אויף דער נאָענטער לאָנקע, יעדן איינעם וואָס פאר־בלאָנדזשעט אהין אליין אָן א לייבצודעקל אויפן לייב... א דין געזאנג גייט דאן אויף פון צווישן די גראטעס און די גראָזן ארום; א געזאנג וואָס איז א מין שאָרכן, זשומען פון וואסערפאלן און ציענדיקן שימער פון פאלנדיקע שטערן אין טיף בלויע נעכט. מ׳קען אויסגיין פון אזא געזאנג. ווער עס האָט נאָר איינמאָל אין לעבן עס געפילט און געהערט, דעם וועט עס שוין א גאנץ לעבן ציען און רופן און מאַניען אהין אינעם שפיגלדיקן שפילעוודיקן שוים אריין. מ׳דארף דעריבער זיין זייער געוואָרנט נישט צו נייגן דאָס פנים צו די גראטעס, נישט גלעטן מיט די אויגן דעם גרינעם אויגן־מאָך, און אין די אויערן איז גלייכער ארייננצולייגן שטיקלעך וואטע...

מ׳זאָגט, אז אָרן שוחט האָט איינמאָל אין א מיטוואָך געמוזט האלבע נאכט דורכגיין די בריק, האָבן אים די גריבע אויגן א צי געטאָן און מיט אזא קול נגינה אים באהאָפטן מיט די סאמעטענע ווייסע לייבער דורכזיכטיק ווי א נעץ, אז דער מוח האָט זיך אים גענומען הייבן. ער איז שיר נישט נכשל געוואָרן, אזוי׳ האָט ער אליין דערציילט אויף צו מאָרגנס ביים גומל בענטשן. האָט ער אָבער געהאט א סייעתא דשמייא, וואָס ר׳האָט זיך פלוצים דערמאָנט וואו ער איז אין דער וועלט און וואָס ער דארף טאָן. ר׳האָט גענומען זאָגן עפּעס, נאָר ס׳האָט ווייניק געהאָלפן, האָט ער א פּאָך געטאָן מיטן חלפל, וואָס ער האָט פונקט געהאט ביי זיך און — קוים מיטן אָטעם איז ער אריינ־געפאלן צו זיך אין הויז.

ג

אויף יענער זייט בריק, ציט זיך די פריצישע לאָנקע ביז צום איינזאַמען בערגל מיטן אויסטערלישן אויסלענדישן צלם וואָס מ׳זעט קוים אָן פון דאנען. אלע צלמים אין די קאנטן זיינען הילצערנע, אויף וועלכע דער „אותו האיש״

איז צוגענאָגלט פון אויבן מיט דער גאַנצער אָן־בושהדיקער נאַקעטקייט. אַביסל נידעריקער אַ געהאַפּטן פאַרטעכל, וואָס דער רעגן און די זון האָבן עס אָפּגעבליאַקעוועט און פאַרוואַנדלט אין אַ שטיקל שמאַטע מיט געלע און גרוי צעשמירטע פלעקן; פון ביידע זייטן פונעם האַלב פאַרפוילטן האָלץ, וואָס בלינצלט מיט אַן אומהיימלעכן קאָליר אין דער פינצטער, הענגען די מאַרטיר־מכשירים: אַ צוואַנג אָנגעוואָקסן מיט זשאַווער, אַ האַמער פון איין גוס, אַ שפּיז וואָס איז ענלעך צו אַן אויסגעגלייכטער קאָסע, און אַ קליין לייטערל וואָס איז נאָר אויף דער העלפט צוגענאָגלט. אָט אַזעלכע זענען די היימישע צלמים אומעטום ביי אַלע דאָרפישע הויפן און שיידוועגן. דער „שקץ תשקצנו" זאָגט זיך איבער זיי מיטן פולן מויל. איידער דו ביסט נאָך פאַרטיק מיטן זאָגן, איז שוין פול דאָס מויל מיט שפּייעכץ. אָבער דער צלם אויפן איינזאַמען בערגל איז גאָר אַ מאָדנער. מ׳זעט גלייך, אַז ר׳איז נישט פון הי: געפלאָכטן פון דינעם אייזן ווי אַ קראַנץ מיט נישט אָפּגעפיילטע שפּיצן ביי די ראַנדן, איינזאַמט ער אויפן בערגל הויך און דאַר און גרוי. עס דאַכט זיך אַלעמאָל, אַז ער בויגט זיך אין דער לופטן, און אָט אָט וועט ער אַ פאַל טאָן מיטן פּנים אַראָפּ אינעם גערטנדל אַריין מיטן געפלאָכטענעם אייזערנעם פלויטל. אין גערטנדל וואַקסן ווילדע בלומען און רויטע מאָן־קעפּ, וואָס בלוטיקן אַ גאַנצן סוף זומער עלנט און אַליין.

אין די שטאָט ביכער איז פאַרשריבן, אַז ס׳איז אַ רו־פּלאַץ פון שוועדישע סאָלדאַטן, וואָס זיינען דאָ געפאַלן פאַרן כבוד פון דער אויסגעייענדיקער גלאָריע פון די שוועדישע געזאַלבטע. אייגענע אָבער, שושקען זיך מיט אַ ציטער אין האַרץ און אַ ברען און בליאַסק אין אויג: „פּאָוסטאַנציעס ליגן דאָ באַהאַלטן". דעם אויסלענדישן צלם האָט מען ספּעציעל אוועקגעשטעלט כדי צו פאַרבלענדן די אויגן פון די מאָסקאַליעס. זעלטן אַז ס׳קומט ווער אַהער צו דעם בערגל. און אַז מ׳קומט שוין בלייבט מען נישט לאַנג שטיין. כאָטש ס׳איז קיינער נישטאָ דאָ, און ווי ווייט דאָס אויג גרייכט איז בלויז פלאַכע גרינע לאָנקע, דאָך ציטערט מען עפּעס. דאָס איינזאַמע בערגל איז־מיטן דעם ים גראָז פון ברייט אויסגעשפּרייטער לאָנקע, רודערט מאָדנע אויף און שרעקט. עפּעס ווי פון די בלוטיקע מאָן־קעפּלעך סוף זומער און בלענדנדיקער שניי ווייסקייט אין ווינטער, וואָלט אויפגעגאַנגען אַ שטומער עלנדער געצאַפּל וואָס נעמט דורך און דורך. מ׳איילט אוועק ווי מ׳וואָלט

מורא געהאַט, אז פונעם געצאפּל זאָל אַמאָל נישט נעמען אויפגיין די פאַר־הוילענע און פּיינלעכע מעשה, וואָס בלויז פּוילישע ווינטן דערציילן אין טינטיקע נאַסע נעכט, ווען דער מאַסקאַל וויקלט די לאַפּטיעס ארום זיינע צעווירענע פיס און ציטערט ארויסצוגיין אין פּוילישן דרויסן. פון עק לאַנד ביז עק לאַנד וואָיען דאָן די ווינטן מיט גרויל און שפּיציקער קעלט וועגן די יינגלעך ווי די ווייסע בערעזעס, וואָס טאַפּטשען אין שניי און אין רעגן מיט די איידעלע פיסעלעך און דריי שפּיציקע היטעלעך אויף די פלאַקסענע קעפּ. דעם שונא גייען זיי פאַרטרייבן פון דער פאַרפייניקטער ערד. די וועלדער די טרייע, פאַרהיטן זייער גאַנג, און די היילן די אייביקע פון היימישער ערד וואַרעמען זיי און שיצן. נאָר אָט זיינען זיי שוין ביי די פאַרשטעט מיט פלאַטער אין האַרץ און פיבער אין אויג. הערן זיי נישט, פאַרנעמען זיי נישט ווי עס שומען די סאָסנעס מיט שפּיזיקע נאָדלען און די טאָפּאָ־ליעס וואָרענען מ׳יט שטילן געצאַפּל: „עס וועלן די טייכן די אייגענע פאַר־ראַטן מיט זייערע שפּיגלדיקע גלאַטע תהומות”. ווייי, ווי עס זינקען די פּוילישע אָדלערס אין די נעצן פון תהום, און עס קלאַמערן זיך די יינגלעך מיט שלאַבעריקע הענט אין שוים פון די אָפענע שליוזשעס. ברומען די טייכן באַליידיקט און קנייטשן דעם גלאַטן שפּיגל מיט כעס. פון קעלט זיינען די וואַסער מיידלעך שוין לאַנג אין די תהומות פאַרשוואונדן, און עס אומערן די כוואַליעס אויף די פּוילישע יינגלעך וואָס האָבן פאַרבלאָנדזשעט און ס׳האָט זיי פאַרראַטן די אייגענע היים. א קללה הענגט אויף די טייכן דערפאַר; אפילו די לענגסטע פון זיי און די טיפסטע וועלן פאַרקאָוועט ווערן מיט אייז אויף א גאַנצן ווינטער און טרעטן וועלן אויף זיי אַלע, אַלע: דער מאַסקאַל מיט די שווערע פיס, די לעצטע וואַלד חזירים אין די וועלדער און אויך די וואָס ס׳איז זיי ליב די היים און דאָס אייגענע לאַנד. געבענטשט זיינען נאָר די בערגלעך וואָס הויערן און שווייגן, און די היילן וואָס באַהאַלטן זייער סוד פון די לעצטע פאַרצווייפלטע רגעס.

אַזוי איינזאַמט דער צלם אַ גאַנצן ווינטער און זשומעט אין ווינט און הוידעט זיך אין אַלע זייטן, אָבער ווי נאָר עס קומט דער פרילינג ציען צום בערגל אויסגעפּוצטע ווייס־קעפּיקע שלאַנקע מיידלעך. די הייליקע בילדער אין זייערע הענט וויגן זיך צום טאַקט פון זייער בענקנדיק געזאַנג. די קאָ־לירטע טיכער אויף די אַקסלען פלאַטערן אין ווינט און די בונטע געפאַל־

דעוועטע קליידלעך געהאַפטן מיט גאָלד און זילבער פעדים און מאַטן פורפור, מיניען און בלישטשען אין ראָזן שטראַלן־שטויב פון זונען פאַרגאַנג. אונטער א חופה פון ווייסן זייד מיט א רויטן אייבערשלאַק און גאָלד־פרענזן שפאַנט דער קסיאַנדז אין ווייסן אטלאַס געקליידט. ארום אים די יונגע אָדלערלעך מיט די בלאָנדע קעפּלעך און פאַרשפּיצטע נעזלעך אויף ארויף, טריטלען באַזאַכט אין שטומען דרך ארץ. שאַרפע ריחות טראָגן זיך פון דער לאָנקע און מישן זיך אויס מיטן ווייררויך וואָס זיילט פון קופּערנע פאַנען. די שליוזשע רוישט און זשומעט ווי אַלעמאַל, און די פרישע זאַפטיקע קולות פון די מיידלעך העכערן זיך און שטייגן איבעם זונען שטויב גלייך ארויף צום ראָזן קלאָרן הימל מיט א הארץ רייסנדיקן געבעט און בענקנדיקן ציטער.

ציטערט אויך אויף דאָס שטעטל פון דער אַנדערער זייט בריק. לאָדנס קלאַפּן זיך האַסטיק צו; מיט אימה איילן די שאָטנס פון די בערג אראָפּ, פאַרקריכן אין איין אָטעם אין די שמאָלע ליקלעך אריין און צעטרייבן די קונדסים אין סאַמע מיטן שפּיל: „די גוים בלעקעכצן שוין" — פאַר־שטאָפּן זיי די אויערן מיט די גראָבע פינגער, און ווער עס געדענקט נישט דעם פּסוק „יענך ה׳ ביום צרה", וואָס איז א סגולה בדוקה אין אזא פאַל, כאַפּט וועלכן פּסוק תהילים ס׳קומט אים אין מויל אריין און איילט וואָס שנעלער ארונטערצוקומען אונטער א יידישן דאַך, וואָס איז באַשערעמט און באַשיצט מיט א מזוזה און א הייליק ספר.

מיט פּלאָטערנדיקער שרעק לויפן אין בית המדרש אריין די, וואָס האָבן זיך געשפּילט הינטער דער שול. וואַשן פרום די הענטלעך ביים כיור און נישט ווילנדיק, פאַרבלאָנדזשען די בליקן צו די הויכע פענצטער פון דרום זייט וואו דאָס בערגל געפינט זיך. דאָס בלעקעכצן הערט מען נישט פון דאַנען, נאָר ליכט, גאַנצע טונען ליכט בלינצלען און פלעמלען זיך פון דאָרט. „די גוים צינדן אונטער דעם דרויסן"—קלאַפּן די הערצלעך און מיט גרויס כוונה שרייט מען מיט מיטן בעל תפילה ביים וואַכעדיקן גרויען עמוד: „והוא רחום יכפר עוון ולא ישחית..."

ס׳איז מאָדנע ציטערדיק אויף דער נשמה און באַנג אַזוי: „די הייליקע נביאים האָבן דאָך זיך אַזוי געבעטן ביי זיי און געוואָרנט און געשטראָפט מיטן האַרבן וואָרט, אַז זיי זאָלן זיך נישט שלעפּן צו די בערגלעך, און אונטער די לינדן־ביימער זאָלן זיי נישט רייכערן, אין דער פּוסטער שלעכטקייט

פון זייער הארצן. נאָר געשלאָגן זיינען זיי מיט בלינדקייט, און די אויערן זיינען ביי זיי פארשטאָפּט.״ פארקוועטשט מען די אויגן שטארק שטארק ביי דער שטילער שמונה עשרה: אוי, רבונו של עולם, מיר זאָלן כאָטש נישט ליידן צוליב זייערע זינד. זאָל שוין זיין א כפרה דאָס וואָס מיר שרעקן זיך אזוי.״ „ראה ה׳ בענייננו״—זע גאָט אונדזער פיין און שרעק—פלעמ־לען פאר די אויגן די טריפּהנע ציגלעך ליכט וואָס באַלעקן זיך מיט דער געדיכטער שטאָק פינצטערניש, און אין די אויערן קלינגען ווייטע קולות וואָס זיינען אזוי שרעקעוודיק פרעמד און דאָך ציענדיק נאָענט. „אוי וויי,״— צאפּלען הערצלעך מיט א זיס נאָגנדיקן ווייטיק און רחמנות אויף זיך אליין, און ווען מ׳שארט זיך הינטער די שאָטנס פון די דערוואקסענע אהיים נאָך מעריב דאווענען, האלט מען דעם קאָפּ גלייך, נישט חלילה אויסצודרייען אהין אין יענער זייט אריין וואו עס פלאמען נאָך אלץ חוצפּהדיקע פלעמלעך אין חושך אריין און א ברומען פון ציענדיקע געזאנגען טראָגן זיך מיטן וואסער העט אזועק אריבער די לאָנקעס צו די וועלדער און היילן און אייג־זאמע בערגלעך.

דאָס פּאַשע בריקל

א

דאָס „פּאַשע בריקל״, איז א טאַנדייטנע בריקל, וואָס הענגט אלעמאָל אויף א משקולת. אלעמאָל דארף מען עס פארריכטן און עפּעס וויל עס קיינמאָל נישט שטיין גלייך. קיין פערד און וואָגנס פאָרן קיינמאָל נישט אויף דעם. אי, ווייל עס פירט נישט צו קיין שום ישוב, בלויז צו דער „פּאשע״; אי, ווייל ס׳איז א גרויסע סכנה ארויפצופירן אויפן בריקל א באשעפעניש, וואָס איז נישט געוואוינט צו שפרינגען כדי אויסצומיידן לעכער און פעלנדיקע ברעטער, אָדער גאָר פאָרזיכטיק שטעלן איין פוס נאָכן אנדערן אין דער לענג אויפן שמאָלן באַלקן, וואָס באהעפט איין טייל בריקל מיטן אנדערן אין סאמע מיטן טייך. ס׳איז טאַקע נישט טיף דאָרט און אבי מ׳קען נאָר אביסל שווימען, טאקע מער נישט ווי אביסעלע, איז שוין אָן סכנות, אָבער מ׳דארף זיין א בעל־שכל אויסצומארקירן דעם ריכטיקן שפרונג אין דער ריכטיקער מינוט. האָט דאָס בריקל דעריבער נאָך קיין פיר פיסיקע באשעפעניש קיינמאָל נישט געפילט אויף זיך.

שלעכט איז נאָר אין אָנהייב פרילינג ווען די קריעס לויפן און שלאָגן זיך אָן אין די קיילעכדיקע אָבער גאַנץ מאָגערע באַלקנס וואָס האלטן אונטער דאָס בריקל. דאָס גאנצע געשטעל טרייסלט זיך, טוט זיך א בייג אויס אוןווארפט אראָפּ פון זיך דאָ א האלבן פאָרענטש, דאָרט א פויל ברעטל, און אין מיטן בלייבט הענגען א באַלקן בלויז אין דער לופטן, אָן אָן אונ־טערשטן אונטערשפּאָר. דאָס גאַנצע בריקל בערגלט זיך אויס און די מאָר־צאָווע ווינטן פייפן דאָ מיט א באזונדערער יללה, עפּעס וואָס רודערט אויף און שרעקט. אפשר אויך דערפאר וואָס פייגע לאה די משוגענע באוויזט זיך אלעמאָל צווישן די קריעס מיט א בינטל שמאטעס וואָס זי דריקט שטארק צום הארצן, מיט אָ נאָגנדיק זיס ניגונדל ווי זי וואָלט איינגעוויגט א קינד, גלעט זי די שמאטעס און טונקט זיי אין קאלטן וואסער: „—א, ס׳איז גוט,״—ברומט זי מיט צאָן קלאפעניש פון קעלט, אָבער עס קלינגט

ווי אַ הנאהדיקע ווארעמע פרייד פון אַ מאמען וואָס באָדט איר קינד. מיט אַמאָל טוט זי אַ לאָז ארויס אַ בעטש ווי אַ נישט דערשאָכטענע בהמה; די שמאַטעס פאַלן איר ארויס פון די אויסגעשטרעקטע הענט און נעמט זיך רייסן די האָר פון קאָפּ: "אומזיסט אייך געטובלט, ליובקעלעך מיינע. ער איז נאָך נישט געקומען, אַ בראָך צו מיר."

שטאָט האָט געמורמלט, כאָטש קיינער האָט נישט געקענט זאָגן אויף זיכער, אז ער האָט עס אליין געזען אָדער אפילו געהערט פון אַן איש מהימן, אז מיט יאָרן צוריק ווען דער משוגענער פייגע לאהס מאַן, איז נישט געקומען אַ היים אויף פסח פונעם „מדינה גיין", האָט זי געכאַפּט דאָס קינד פון וויגל און דערמיט ארויס דעם מאַן אנטקעגן צום טייך צו. הינטער דער באָד לעבן דעם פאָשע בריקל, און עס אָפּגעטובלט צווישן די לויפנ־דיקע קריעס מיט אַ זיס נאָגנדיק ניגונדל: „אלע גייען, אלע קומען, אַ, אַ, מאמע. לכבוד פסח טובלען אלע באַזאַמען." ווען דער בעדער האָט דערזען וואָס זי טוט און געוואָלט ארויסרייסן דאָס קינד פון אירע הענט, איז זי אָפּגעשפּרונגען פלינק ווי אַ צערייצטע קאַץ פון ברעג אויף די קריעס ארויף מיט אַ מוראדיקן בעטש. ווען דער בעדער האָט געמאכט אַ געוואַלד און מענטשן זיינען זיך צונויפגעלאָפן, איז פייגע לאה שוין געשטאַנען אויף אַ דיק שטיקל קריע, וואָס דאָס בריקל האָט פאַרהאַלטן אויף אַ ווײַלע, אַ פאַרגליווערטע מיט אויסגעלאָשענע אויגן און אַן אָפּן מויל ווי אַ גולם; די הענט ברוין און בלוי פון טונקען אין קאַלטן וואַסער אויסגעשטרעקט פאַר זיך און ליידיק.

וואָכן נאָכאַנאַנד, זאָגט מען, איז זי אַזוי ארומגעגאַנגען מיט אויסגע־שטרעקטע הענט. אַ גאַנץ יאָר הערט מען נישט פון איר און מ'פאַרגעסט גאָר אז זי איז דאָ, נאָר פונקט ווען די קריעס נעמען ציען און קנאַקן, און די מאַרצאָווע ווינטן וויִען מיט דינע, לעבלעכע טרערן פון איילנדיקע וואָלקנס—באַווייזט זי זיך אונטערן בריקל מיט אַ יאָמער און פאַרשווינדט באַלד ביז איבער פסח. קיינער ווייסט נישט וואו זי באַהאַלט זיך. ערשט אז די וועלט טריקנט זיך אויס און נעמט שמעקן מיט בעז און ליפּע בליעכץ, באַווייזט זי זיך ווידער אין שפּעטע לבנה נעכט, אין סאַמע מיטן מאַרק ביים פּלומפּ; אַ טשאַטע הינט ארום איר און צודריקנדיק אַ בינטל שמאַטעס צום האַרצן יאָמערט זי אין דער נאַכט אריין:

„שלאָפט נישט יידן
שלאָפט נישט טרייע,
מ׳קאָן אים נאָך פארזאַמען —
גייט אנטקעגן משיחן
אלע באזאמען.״

ערגעץ אין א ליקל וויינען קעץ; צעבילן זיך די הינט און נעמען זיך יאָגן מיט אימפעט, און ווייסע שאָטנס שפּרינגען זיי נאָך איבערן מארק און איבער די פארשלאָפענע, מיט טוי טריפנדע דעכער. שפּרינגט פייגע לאה אויך אויף און צעריטשעט זיך מיט א הייזעריק קול:

„א בראָך צו ענק פּעפערס,
עץ וועט אים אויך פארשפּעטיקן
ווי איך מיינעם!..״

דערביי שליידערט זי פון זיך די שמאטעס צו דער לבנה ארויף און פארגייט זיך אין א קוויטשנדיק געוויין, וואָס צאַפּלט אין דער שטילקייט מיט אזא עלנד און אימה, אז סע ציטערן אויף קינדער אין די וויגן און דער־וואקסענע אין די ווארעמע בעטן. לאנגע שעהן נאָכדעם ליגט מען מיט אָפענע אויגן און מאָדנע הוריות קריכן אין קאָפּ אריין, און א שרעק פון נישט הי הויערט ארום און ארום, אזוי אז מ׳דאנקט שוין גאָט ווען מ׳דער־לעבט שוין צו הערן דעם קלאַפּ פון שמשס האַמער אויף די לאָדנס און זיין מאָראַלישע שטימע: „שטייט אויף יידעלעך, לעבודת הבורא!״

געפינט זיך יעדעס יאָר עמיץ וואָס צעפרעגט זיך ביים בעדער צי ס׳איז טאקע אמת וואָס מ׳מורמלט אין שטאָט וועגן פייגע לאהן. ענטפערט ער נישט גלייך, נישט אהין נישט אהער. צופּט כלומרשט א שמייס־בעזעמל וואָס ער האלט אין האנט און וואָרטשעט עפּעס צו זיך. אָבער אז מ׳שטייט צו׳ן אים צו, להבדיל אין בית מדרש ביים תפילין לייגן, טוט ער א ווישׁ מיטן ארבל די בתים הין און צוריק ביז זיי נעמען גלאנצן און האַקט אָפּ אויף שנעל: „הערסטאָך, אז מ׳האָט קינדער אין די וויגן, זאָמין לאָזן לייטן צופרידן. ער, ווייסט מיסתם וואָס ער טיט.״

ב

ווי א בריקל, איז דאָס פּאַשע בריקל א שטאָטישע זאך און שטאָט דארף אכטונג געבן אויף דעם, אָבער עס איז עפּעס א יוצא־דופנדיק בריקל

און אלע ווארפן זיך מיט דעם, כאָטש אזוי פיל פון שטעטל קענען פשוט קיין איין טאָג נישט אויסקומען אָן דעם. מיט דעם בריקל באנוצן זיך די גאסן באָענט צום טייך, אחוץ דאָס גויאישע „בארג־גאסל" וואָס געפינט זיך נישט ווייט פון בריקל אויפן בערגל ביים ברעג טייך. די גויים באנוצן זיך גאָר זעלטן מיטן בריקל, ווייל די „פּאַשע" איז נישט פאר קיין בהמות און פערד צום פּאַשען זיך, נאָר פאר א טייל פונעם שטעטל צו טאָן דאָרט די מענטשלעכע באדערפענישן. דער אלטער גרויער קלויסטער ביים אנדערן עק פון דער „פּאַשע", האָט שוין לאנג אויסגעפּירט צו פארמאכן דעם וועג אהינצוצו מיט א הויכן דראָטענעם פּלויט. גייען די וואָס דארפן אין קלוי־סטער אריין מיטן ווייטן וועג דורך דער לאנגער בריק און מיידן אויס „קאַהאַלס־בריקל", ווי זיי רופן עס. בלויז ווען א בהמה אָדער פערד פאר־בלאָנדזשעט אמאָל אויף דער פּאַשע ארויף און מאכט אָן א גערודער צווישן עולם וואָס זיצט דאָרט שערענגעסווייז, קען מען זען א באָרוועסן פּויער לויפן אויפן בריקל אין איין אָטעם שרייענדיק און שעלטנדיק נישט ווייסנדיק וועמען, צי קהל צי די נארישע בהמה וואָס זוכט עסן אין אזא אָרט. א ווײלע איז לעבעדיק אויף דער „פּאַשע". דער פּויער שרייט און שפּרינגט וועלנדיק אויסמיידן דאָס טינופת. די בהמה אָבער, א דערשראָ־קענע, ציט אים אריין וואָס ווייטער. און יידן וואָס ווילן אים באהילפיק זיין, טרייבן זי צוריק מיט א משונהדיק געשריי און פּאַכן מיט איין האַנט, ווייל מיט דער אנדערער דארף מען צוהאלטן די נישט פארקנעפּלטע תחתונים. גאָר לעבעדיק ווערט שוין, ווען די בהמה טוט זיך פּלוצים א דריי אָפּ אויף רעכטס צווישן די ביימער. דאָרט איז דאָס אָרט פאר די פרויען. זיי זיצן זיך געוויינטלעך אין קופּקעלעך, און אז די בהמה טוט זיך א לאָז אין זייער זייט אריין, קומט איר אזא באַגוואלד אנטקעגן, אז זי ווערט אזש ווילד פון שרעק און טוט זיך א שטעל אוועק אויף צוויי פיס, אָדער טוט א לאָז אראָפּ דעם קאָפּ אויפשטעלנדיק די הערנער מיט א רציחה און מרוק, וואָס טרייסלט אויף אלע געסלעך ארום. ווערט א געלאָף און געטומל ארום און ארום. מאַמעס, וואָס האָבן געוואוסט, אז זייערע טעכטער זיינען אוועק אויף דער „פּאַשע", נעמען לויפן אין איין אָטעם; די טוכענע שאַלעכלעך לויז פארבונדן, די פאַרטעכער פלאָנטערן זיך פאר די פיס און קליינוואָרג פון די נאָענטע חדרים שלייען זיך נאָך מיט א העצע און

געליארעם ביזן בריקל. דאָרט איז געוויינטלעך שוין פאַראַנען א גאַנץ געזעמל, וואָס ווייסט גענוי וועמעס בהמה עס איז, און ווער ס׳איז דער פויער וואָס פירט זי איצט א פאַרשעמטער דורכן וואסער שוין. וואשט זי לאַנגביים ברעג און פאַרשווינדט דערנאָך אין גוואישן געסל מיט עפּעס ענלעכס צו א קללה. נאָר ווער הערט אים דען? מ׳איז פאַרנומען מיטן דערציילן נסים ונפלאות ווי אזוי דער איז געשפּרונגען און יענער איז געלאָפן. און חברה יאַטן, וואָס האָט דערוויל געהאַט א געלעגנהייט אריבער־צוכאַפּן זיך אויף דער ווייבערישער זייט, ווינקט זיך איבער וואוילינגעריש פון דעם וואָס מ׳האָט דאָרט געזען. שפּעטער צו אין דער קאַמער פון ר׳ לאַזוערס חדר, וועט שוין שיקע היריק וואָס איז מדריך די בר־מצווה בחורים אין די „זאכן״—ברייטלעך פליעשקען מיט די גראָבע ליפּן און ציענדיק די עצמות איינרוימען אלעמען א סוד אין אויער, אז ער האָט בשעת דער סומאַטאָכע אַנטדעקט דאָרט אָן ערטל, וואו מ׳קען צוקומען דורכן גערטל פון דער אנדערער זייט, און פון וואַנען מ׳קען, פון קיינעם נישט באַמערקט, זען אלצדינג. חברה שפּייען טאַקע אויס און זאָגן גאַרנישט, שיקעלע אָבער שמייכלט זיך זיכער מיט זיין אויפטו, טוט א בלאָז אָן איין באַק ווי א באַל און בלאָזט זי אויף מיט א קנאַק. דאָס זאָל מיינען: מ׳עמיר זיך דאָך טרעפן דאָרט, צו וואָס זשע ברייען?

אַלע האָבן געוואוסט, אַז ס׳איז זיכער עמיצנס התחייבות צו האַלטן דאָס בריקל אין דער בעסטער אָרדענונג. דאָס האָט אויך געטענהט די אָפּי־ציעלע מאכט פון שטעטל, וואָס פלעגט אָפּט כדי צו פאַרהיטן פון אַן אומ־גליק פאַרצוימען דעם וועג צום בריקל, ביז „דער, וועמענס התחייבות ס׳איז, וועט עס פאַרריכטן״. קיינער האָט אָבער נישט געוואוסט ווער דער עמיצער איז. די שטאָט־מאכט האָט צוגעגעבן, אז בריקן געהערן צו איר, נאָר ווען איז דאָס גערעדט געוואָרן, אַז ס׳איז א בריק וואָס פירט ערגעץ, אָבער דאָס בריקל פירט דאָך אין ערגעץ נישט, און נאָר די שטעטלשע יידן נוצן עס, דעריבער געהער עס צו „קהל״. קהל האָט אָבער געהאַט א תירוץ, אז פון קדמונים אָן געהער עס צום בעדער צו האַלטן דאָס בריקל ווי עס באַדאַרף צו זיין, זינט דער זיכרון דינט האָט מען עס גערופן „דאָס באָד בריקל״. טענהט אָבער דער בעדער: מילא, אַז מ׳דאַרף צוקלאַפּן א ברעטל אַמאָל, איז מהיכא תיתא. מ׳וואוינט דערלעבן — איז מען דאָך עפּעס אַ ייד, נישט

קיין דבר־אחר,—טוט ער עס. אָבער התחייבותן האָט ער נישט מער ווי צו דער באָד. און א ראיה האָט ער אויך דערפון וואָס די גויים רופן עס אויף זייער לשון: „קאַהאַלס בריקל". הענגט אזוי דאָס בריקל אויף משקולת און אפילו ר' עוזר דער רב קען גאָרניט נישט פועלן. קיין רייגער דין תורה, זאָגט ער, איז דאָ נישט שייך, אלא א פשר—איז אויך די אייגענע מעשה: אי ער איז א נוגע בדבר, ווייל די שול־גאס וואו ער וואוינט איז איינע פון די גאסן וואָס באנוצן זיך מיט דער „פּאַשע" פאר די „דרכי נקיות", און אי וואָס די צדדים זיינען נישט קיין גלייכע אין דעם פאל.

הענגט עס אזוי אין דער לופטן און מ'שפילט ממש מיטן לעבן יעדעס מאָל ווען מ'לאָזט זיך מיטן בריקל צוצוקומען צו דער „פּאַשע".

און אָנקומען צום בריקל דארף מען דווקא יעדן טאָג, ווייל די געסלעך זיינען ענגע, איינגעשלאָסן אין הויז אינעם אנדערן און קיין בית־הכסאות זיינען נישטאָ. ליידיקע פלעצער און חורבות אויך ווייניק. גייט מען צו דער „פאשע" איינציקווייז און מערסטנס גרופּעסווייז. יונגווארג שטעלט זיך אָפּ צו טרעפן ביים בריקל אין א באשטימטער צייט אינדערפרי אָדער פארנאכט, און אפילו פארנומענע באלעבאָסטעס וואָס וויסן נישט וואו דער טאָג קומט זיי אהין, איילן פארביי א שכנטעס טיר מיט אן ארייגרוף: „גייסט?", און איידער מ'קוקט זיך אָרום איילן שוין א טשאַטע ווייבער צום בריקל מיט פולע הענט „אשר יצר" פּאַפּיר און מאַלנדיקע מיילער מיט ניין מאָס רייד.

פארטאָג איילן אהין בעלי מלאכות און קרעמער. אביסל שפּעטער חסידים וואָס פראווען הכנות פארן דאווענען. זיי זיצן אין די קעמערלעך וואָס זיינען דאָרט אויפגעשטעלט און ווערן זעלטן גערייניקט און גייען איבער, אָבער אביסל צניעות איז עס פאַרט. זיצן זיי און פּאַפּען די ליולקעס אָדער ברענען שטיקער פּאַפּיר כדי צו פארטרייבן אביסל די שווערע ריחות וואָס שטיקן אין האלדז און זעצן דורך אפילו די פארשטאָפּסטע נאָז. שבת איז דערפאר דאָס גרעסטע אָפּקומעניש פאר די קעמערלעך־זיצערס. מוזן לויפן אהין ווען ס'איז נאָך כמעט פינצטער, איידער דער עולם קומט אָן אויף דער „פּאַשע", ווייל אין די קעמערלעך קען מען נישט אריינגיין אָן א פּאַפּיראָס אָדער ליולקע. דער איינציקער וואָס גייט אהין אפילו שבת איז שלמה ברייה, א הויכער ייד, א פארנעם, מיט א פּיר קאַנטיקן הוט מיט

א דאשעק, וואָס דעקט צו דעם גאנצן שטערן וואָס שפּאַרט ארויס פון דער לאנגער בלאָנדער באָרד און לאָזט אים איבער בלויז א זכר פון א פּנים: צוויי שמאָלע פּיצעלעך גזלע הויט אונטער די טאָרבעלעך פון די אויגן, און איבער זיי א נאָז וואָס איז אלעמאָל רויט, פארשטאָפּט און פול מיט טאביק. זעלטן ווען ער קען פון איר ארויסבאַקומען א נאָס. „מ׳דאַרף זיין א ברייה ארויסצוקריגן א נאָס פון אזא נאָז״—פלעגט ער זיך וויצלען ווען ער האָט זיך שוין אָפּגעמוטשעט א פּאָר מינוט קיצלענדיק די נאָזלעכער מיט א שטרויעלע און אריינפּאַקנדיק אהין גאנצע פינגער טאביק. דער גאנצער טאָג ממש גייט ביי אים אוועק מיט „הכנות״. אָדער ער האַלט פאַרן גיין אויף דער „פּאַשע״, אָדער ר׳איז נאָר וואָס געקומען פון דאָרט. די הענט זיינען ביי אים ברוין און בלאָ און ווי צעוויקעט סיי זומער סיי ווינטער. נישט חלילה דערפאַר וואָס ער האָט אזוי פיל געאַרבעט ביים קנעטן דאָס ברויט ארויסהעלפנדיק דעם וויב אין דער בעקעריי, נאָר פון טונקען די הענט אין האַנטפאַס נאָך די הכנותן זיינע. ר׳איז בעבעך קיינמאָל נישט גרייט. צום ערשטן מגין האָט ער נישט באַוויזן זיך מכין צו זיין, און ביז צום צווייטן דאַרף ער שוין גיין נאָך אמאָל. ליצנים פלעגן דעריבער זאָגן, אז ר׳איז דער גרעסטער ברייה אז ער קומט אויס מיטן טאָג.

אַן איידעלער ייד געווען און פון די געהויבענע חסידים. מער געפּאַסט ווי געגעסן און אָפּגעהיט מיט א וואָרט. קיינעם נישט פארטשעפּעט. „נאָר וואָס דען,״—האָט מען זיך געשושקעט—„פון גרויס הכנות איז ער קיינמאָל נישט פאַרטיק עפּעס צו טאָן״... דער וואָס האָט צום ערשטן מאָל געזען דעם יידן ווי ער שפּאַנט מיט דער ליולקע ציביק אין מויל, האָט געקענט מיינען אז אָט וועט דער ייד אַן עפן טאָן דאָס מויל, וועט מען מויל און אויערן אויפשטעלן, אָבער מער ווי א שטילער שעפּטש אָדער א דראָבנער געבייזער איז קיינמאָל נישט ארויס פון זיין מויל: „שקצים, וואָס וואָיעוועט איר אזוי?!״ האָט זיך זיין גאנץ פּיצל פּנים פאַררויטלט א רגע און נישטאָ אים מער. ער שפּאַנט שוין מיט א שטיק פּאַפּיר צו דער פּאַשע. אז זיינוועלע ליך האָט אים אמאָל אום פורים, שפּילנדיק דעם פורים רב, פאַרטשעפּעט: „שלמה, וואָס טוסטו שבת?״ האָט ער און אלע ארום אים גלייך פארשטאַנען וואָס ער מיינט, און אויפן אָרט אויף א פורימדיקן אופן געענטפערט: „כ׳זעץ אריין דעם גראָבן פינגער אין מויל אריין און פּאַפּע. נאָר איך אָפּ די נאָז

און דעם — — — „האָט ער זיך באַלד פאַרכאַפּט. דער לץ האָט שוין אָבער פאַרענדיקט פאַר אים און אַרויסגעפּלאַצט: „אָט אַ בריה אַ ייד". איז דער בריה טאַקע דער איינציקער וואָס זיצט שבת אויך אין איינעם פון די קעמערלעך. גאַנץ קהל זיצט אָבער אויף דער פּאַשע—רייעסוויז אין דער מענערישער זייט און אין רעדלעך—אין דער ווייבערישער.

גאָר ביטער איז, אַז ס'מאַכט זיך אַ שבת ווען דער עירוב איז פּסול געוואָרן און מ'טאָר נישט טראָגן. מ'קאָן דאָך נישט גיין אָן אַ שטיקל „אשר יצר פּאַפּיר", און שלעפּן די קלענערע קינדער גאַנץ פּרי גלוסט זיך אויך נישט. קריכט מען דאָן מיט די שיסלען אויפן אייגענעם בוידעם. טיפע וואַש־שיסלען אַזעלכע, וואָס זייַנען אין יעדן הויז גרייט פאַר אַזאַ פאַל, אָדער ווען מ'איז חלילה קראַנק, צי מ'דאַרף אַמאָל ביינאַכט. געוויינטלעך צערעמאָניעט מען זיך נישט צופיל מיט דעם: מ'קריכט אַראָפּ פון בוידעם מיט דער שיסל און מ'גיסט זי אויס אויפן שמאָלן שטיקל דורכפאַר וועג וואָס ס'איז פאַראַן צווישן איין שורה הייזער און דער אַנדערער. ס'הייסט, — אויפן וועג אַרויס וואו אין הארבסט און אין פרילינג שטייט תמיד אַ גרויסע בלאָטע, און אַ פערד און וואָגן וואָס פאַלט אַהין אַריין, איז מיט די פיס און רעדער נישט זיכער. ווייל כדי צו פאַרשטאָפּן די לעכער און פאַרדעקן די גריבער, וואָס דער זומער גראָבט אויס אין דעם שטיקל וועג נעבעך, ווען עס שטויבט און פאָכעט מיט אַזאַ ווילדער רציחה און גאווה ווי עס וואָלט זיך נוקם געווען פאַר אַזוי פיל חדשים ליגן איינגעלייגט איבעראַנאַנד מיט דער בלאָטע,—פּענטעט מען עס אָפּ מיט לאַנגע לאָזעס, שטיקער פוילע דרענג־לעך און קרומע שייטלעך האָלץ, וואָס מ'קען שוין בשום אין־אופן נישט נוצן אפילו אין קיין באַק־אויוון. אויף דעם שיט מען אָן הויפנס מיסט מיט ציגל פון ערגעץ אַ חורבה, אַלץ אָנגעוואָרפן אויף אַ מאָל, וואָס ווערט פאַרשוועגקט מיטן ערשטן גאָס פון קרומען הארבסט רעגן און ס'איז סכנות נפשות אַריינצושטעלן אַ פוס אַהין.

פאַרטאָג, קוקט מען זיך אַרום מכלומרשט צי עמעץ זעט נישט, ווייל מ'גיסט טאַקע פאַר די אייגענע טיר און פענצטער, ס'קען דאָך אָבער הייסן— הינטער יענעמס טיר און פענצטער. קוקט מען זיך אַרום און מ'טוט אַ כליופּ אַזוי פון זיך און מ'פאַרשווינדט. ביינאַכט אָבער, איז שוין דער ענין נישט אַזוי פשוט. קיין גאָר יונגע קינדער וועט מען גאָרנישט לאָזן אַרויס־

גיין מיט דער פולער שיסל, און דערוואקסענע גייען אויך אין צוויען. ס׳איז בכלל א סכנה ארויסצוגיין אליין באנאכט, בפרט נאך אויף נישט גאר קיין ריין ארט. די „יענעזייטיקע״ וואס האבן שליטה נאר ביינאכט, רוען געווינט־לעך אין אזעלכע פלעצער, און אז מ׳שטערט זיי זייער רו פלוצים, קענען זיי נאך מזיק זיין חלילה. קיין פסוק אדער הייליקן שפרוך קען מען דאך דא נישט נעמען צו הילף. וואס זשע איז די עצה?—קודם, גייט מען נישט אליין. בעסער איז אוודאי אויב סע גייט א זכר מיט א נקבה. מ׳קען דאך נישט וויסן פון וועלכן מין „יענע״ זיינען: זאלן זשע זיין גרייט אי דאס לייבצודעקל, אי דאס פארטעך. צווייטנס, דארף מען אויסמיידן נישט צו שטעלן זיך אונטערן „אקאפ״, פון וואנען דער רעגן פאלט גלייך פון דער רינווע פון דאך. באזונדערס מוז מען זיך היטן דערפון אין הארבסט, ווען די רעגנס טריפן עפעס אין דער קרום צוליב די ווינטן, וואס יאגן זיך אן פון די וויסטע היילן, וואס ווער ווייסט ווער עס וואוינט דארט. און אז מ׳איז שוין גרייט צו גיסן זאל מען למען השם אין זינען האבן און טאקע הויך אויפן קול ארוף טאן אין דער נאכט ארייך, צו דער בלאטע צו: „היצעך, אין אייער רו אריין!״ תוך כדי דיבור: גיס, און צוריק אריין אין שטוב.

זומער און ווינטער אזוי. אין שלום צייט און אין מלחמה: פאר דער גרויסער שרפה, ווען דרייפערטל פון שטעטל איז אוועק מיטן רויך, און נאך דער שרפה, ווען פיע הייזער האבן זיך ווידער גענומען איינשליסן איינס איינס אינעם אנדערן. דאס בריקל הענגט אלץ אויף משקולת, און שכנים וועמעס ווענט זיינען פארשמוציקט געווארן יענע נאכט, האלטן זיך מכלומרשט אויף צו מארגנס פאר, און ס׳בלייבט אלץ ווי געווען. אפילו ווען דאס יונג־ווארג איז אין די לעצטע יארן ארויס לתרבות רעה, רחמנא ליצלן, און באלע־באטישע קינדער האבן פון שוואוילטאג, ווי טאטע־מאמעס האבן זיך געביי־זערט, יעדן פרימארגן זיך פארזאמלט אויף די זאמד בערג הינטער דער שטאט. אפגעמושטירט זיך דארט א ווילע מיט מאדנע העברעישע אויס־רופן און דערנאך זיך צעלאזט איבער יידישע הייזער מכשיר זיין זיך צו „עבודה למען הארץ״ דורך האלץ האקן, פלויטן פאררעכטן און איינגעבעטן זיך ביי די פארשטאט גוים ארייננצולאזן זיי אין גארטן צו דער ארבעט,— אפילו זיי האבן געלאזט דאס בריקל ווי עס איז אלעמאל געווען. עפעס האט מען יא געפרואווט איינמאל אויסגלייכן עס, האבן טאטע־מאמע גלייך דער־

שנאַפּט די „וואוילטעגערס״ און ביי די אויערן אהיימגעשלעפּט יעדערער זיין תכשיט: „בריש גליה אזוי צו פארשעמען מיך״—האָבן מאַמעס גע־ווײנט און טאטעס געסטראשעט מיטן גארטל. „די גאנצע וועלט וויל עס פארזאָרגן, שוואוילטעגערס אזעלכע!״

— קענען קיין קאָץ דעם עק נישט פאַרבינדן,—זיינען חברה בעל מלאכות פון דער באָד־גאַס זיך צונויפגעלאָפן אויפן בייז וואונדער מיט חוזק און ביטול.

איז דאָס בריקל געבליבן הענגען אזוי אויף משקולת ביז צום סאַמע סוף פון שטעטל, ווען די דייטשן האָבן דאָס טייכל אויסגעטריקנט, צענומען די רעשטלעך פון בריקל און פארברענט צוזאַמען מיט גאנץ קהל.

דאָס יאַטקע בריקל

גאָר אָן א זייט, פארבאָרגן צווישן גראָזן פון אן איינזאמער לאָנקע, הענגט איבער הויכע סלופּעס דאָס „יאַטקע בריקל”, וואָס פירט צום שעכט־הויז. בלויז איין שמאָל וועגל פירט אהין — דאָס אָקסן־וועגל, וואָס הייבט זיך אָן גלייך מיטן חזיר־מארק, וואו עס שטייען די הויכע געשטעלן פון די חזירניקעס, און איבער זיי אויף א הויכן סלופּ טורעמט דער בלעכענער רויטער האָן, א נשאר פון אן אמאָליקן געץ אויף וועלכן מ׳זאָגט אז אין דער „ניתל” נאכט, ווען עס צעקלינגען זיך די קלויסטער גלעקער מיט בשורה־פרייד פון איין עק פאָרשטאָט ביז דער אנדערער, ציטערט אויף דער געץ און נעמט גליען רויט אין דער ווייסער נאכט אריין. ציט פון ערגעץ אָן א ווירבל־ווינט, טוט דער געץ א צעשפּרייט די ארונטערגעלאָזענע פליגל און הויבט זיך אָן דרייען פלינק אויף די דראָטענע פיס און לאָזט ארויס א מאויימדיקן קריי פונעם אויסגעצויגענעם גליענדיקן האלדז. ווען נישט וואָס יידן זיינען געוואָרנט דאַן צו האלטן די אויערן פארשטאָפּט, וואָלטן זיי פון דעם גרילצנדיקן קרייען חלילה ניזוק געוואָרן. די וואָס וואוינען נאָענט צום חזיר־מארק און מוזן נעבעך צוזען דאָס דרייען זיך פונעם רויטן האָן יעדן טאָג פון וואָך, זיינען געוואָרנט צו פארהענגען גוט די פענצטער אין יענער נאכט, און טרייבן די קינדער פון די פענצטער — נישט צו זען אפילו דורך א שפּאַרע ווי דער רויטער קראַם פון האָן שטעלט זיך אויף, טרייסלט פון זיך מיט רציחה און גאווה די פליאַכעס שניי און פלאַמט מיט אַן אויס־טערלישן פלאַקער אין דער שטאָק פינצטערניש פון זייער חגא־נאַכט.

דאָס אָקסן־וועגל איז א שמאָלס און פארדרייט זיך צום בריקל גלייך אין אָנהייב פון דער גויאישער גאַס, וואָס ליגט נידעריקער פונעם חזיר־מארק. שפּאַצירן גייט מען דאָרט נישט. באלעגאָלעס פאָרן דאָרט קיינמאָל נישט. דאָס וועגל פירט נישט צו קיין מענטשלעכן ישוב. אפילו א פורל היי אָדער תבואה אין שניט־צייט זעט מען זעלטן פאָרן מיט דעם וועגל. בלויז הויכע וואָגנס מיט הילצערנע דיקע דראַבינעס פון ביידע זייטן ציען מיט

דעם וועגל. און א בלעקעכצן און מעקען רייסט זיך פון וואָגן אויף צוריק פון די געבונדענע קעלבלעך און שעפסן וואָס ווערן געפירט צו דער שחיטה.

אין זומער טעג לויפן חברה נאָך אזא וואָגן ביזן בריקל. ווייטער גייט מען נישט, ווייל פון דאָרט אָן נעמט זיך דער וועג בערגלען העכער און העכער ביז צום משופּעדיקן האָלצערנעם טראַקט, וואָס ענדיקט זיך ביי דער טיר פון שעכט־הויז. און פון ביידע זייטן ציען זיך אָפענע בלעכענע רינוועס וואו עס גליווערט א מאָדנע ברוין־רויטע פליסיקייט. די קעלבלעך שטרעקן די קעפּלעך דורך די דראַבינקעס און דאָס מעקען טראָגט זיך פון ביידע זייטן עלנד און יתומדיק. א ווײַלע שטייען די קונדסים צעחושט און נעמען לויפן צוריק הענדום פּענדום, און פון אלע זייטן אומערט נאָך זיי דאָס בלעקעכצן; און נישט איין ייִנגל וועט שוין א גאנצע נאכט חלומען פון שווארצע און ווייסע קעפּלעך וואָס שטרעקן די העלדזלעך פון די דראַ־בינעס אין אָן עלנדן דרויסן ארויס.

אין די פאַרטאָגן זעט מען אָפט פירן מיטן וועגל א בהמה אָדער צוויי. פון פאָרנט טרעט דער פויער פירנדיק די בהמה מיט א שטריקל פאַר די הערנער און פון הינטן שפּאנט נאָך דער קצב און קיצלט די בהמה צווישן די פיס מיט א דין צווייגל. פּלוצים שטעלט זיך די בהמה אָפּ. דרייט אויס דעם קאָפּ אויף צוריק און לאָזט ארויס אזא מוראדיקן ריטשע, אז סע ציטערט אויף דאָס גאנצע שמאָלע וועגל מיטן שטויב, מיט די הויכע גראָזן, און סע דאכט זיך אז די ריטשקע צאפּלט אויך אויף מיט א זשומען איבער די שווארצע שטיינער, וואָס שפּאַרן שפּיציק ארויס פון סאַמע מיטן וואסער; אפילו דער רויך פון די קוימענעס פון די פויערישע כאַטעס בייגט זיך עפּעס אויך מיט ציטערנדיקן צער. דער פויער ווערט אפּהענגיק און לאָזט ארויס דאָס שטריקל פון האנט, פינטלט מיט די אויגן א צערודערטער אויף די ארומיקע הייזקעס, ווי ער וואָלט זיך פארשעמט וואָס מ׳האָט אים געכאַפּט ביי דער האנט ביי א מיאוסער זאך. אויך דער קצב ווערט אומרואיק און טאַנצט ארום דער בהמה פון הינטן מיטן ריטל אין האנט, ווי ער וואָלט וועלן פאַר־האַלטן דאָס ריטשען עס זאָל ווייטער נישט גיין און נאָך אויפוועקן דאָס גאנצע שטעטל.

א מאָל מאכט זיך אז מ׳פירט אן אָקס צו דער שחיטה. דער גרויסער שווארצער קאָפּ מיט די שפּיציקע הערנער געצאָמט אין א הילצערנעם יאָך

פון וועלכן עס ציען זיך צוויי דיקע געפלאָכטענע שטריק, וואָס ווערן שטייף געהאלטן אין די הענט פון די צוויי פירערס איןביידע זייטן. דער ברייטער געפאַלדעוועטער האלדז אַרומגענומען מיט אַן אייזערנעם רינג צו וועלכן עס זיינען צוגעפעסטיקט די אייזנדלעך, וואָס שפארן ארויס פונעם פארשלאָ־סענעם פיסק איבער וועלכן עס הענגט א לעדערנע מאַסקע מיט שמאָלע לעכערלעך פאר די אויגן און נאָז. דער אָקס טריטלט טראָט ביי טראָט; א ווייסע פינע שוימט און בלעזלט אים פון ביידע זייטן פיסק און נאָזלעכער און א שווער סאָפּען און פאַרסקען גייט אים פאַראויס. ס׳איז שטיל און שטום אויפן וועגל. די שטריק זיינען אָנגעצויגן אין די הענט פון די קצבים, וואָס שפּאַנען פון ביידע זייטן אָנגעשטרענגט און גלייך ווי סטרונעס, און הינטער זיי מיט גראָבע שטעקנס אין די הענט שפאַנען די יונגען, וואָס לאָזן נישט אראָפּ קיין אויג פונעם אָקס. די הייזער ארום זיינען אויך אזוי אָנגעשטרענגט. דערזעט ווער—ווּעמען מ׳פירט דאָ, ציט ער זיך גלייך צוריק הינטערן פלויט און וואַרט אָפּ מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם ביז מ׳וועט אַדורכגיין זיין הויז. עס טרעפט, אז ארויפטרעטנדיק אויפן בריקל שטעלט זיך דער אָקס אָפּ, ווייל א דריי טאָן דעם קאָפּ און קען נישט. טוט ער זיך א טרייסל און נעמט דריגען מיט די פיס ארום זיך. ווערט א געטומל צווישן די קצבים: „לאָזט נאָך דעם יאָד!”—עצהן די עלטערע וואָס ווייסן אז מ׳טאָר זיך מיט אזא נישט שפילן. „לאָזט אים נישט זען דאָס וואסער!”. אויף די שפּיץ פינגער אבער זייער פלינק ריינגלט מען אים ארום. די שטעקנס פאַרבאָרגן הינטער זיך און מ׳לאָזט קיין אויג נישט אראָפּ פונעם ריז וואָס טוט א לאָז אראָפּ דעם קאָפּ מיט רוגזה ווי ער וואָלט וועלן דורכבויערן דאָס בריקל. א ווילדער מרוק רייסט זיך פון אים, אָבער די שטריק שטייפן זיך צוריק איין און דער יאָך דריקט און שטופּט אים אויף פאַראויס. טוט ער זיך א לאָז מיט א שפרונג ווי ער וואָלט וועלן עמיצן פאקן. די קצבים הינטער אים שפרינגען נאָך אין איין אָטעם ארויף אויפן משופּעדיקן וועג ביז צום הילצערנעם בריקל פארן שעכטהויז אויף וועלכן עס ליגן שוין פארלייגט פון ביידע זייטן די בינד־שטריק מיט אָפענע שלייפן. אין איין ווילדן אָטעם שפרינגט דער אָקס ביז צום אָפענעם טויער פון שעכטהויז. דאָ לאָזן די פירער נאָך די שטריק און שפרינגען אָפּ אַן אַ זייט, ווייל פון טויער טוט פּלוצים א פּלי ארויס אַן אָפענער שלייף, וואָס פארכאַפּט דעם גאנצן קאָפּ

פון אָקס און נישט געזעענע געזונטע הענט שלעפּן אים צו זיך. פון ביידע זייטן פאַרשטייפן אים די פאַרלייגטע בינד־שטריק ביים בויך, ביי די פיס. ווי צו די יונגען אָבער, אויב זיי דערשרעקן זיך פלוצים פאַרן ווילדן שפּרונג פונעם אָקס מיטן רציחהדיקן געוואַי, און פאַרשפּעטיקן אויף א סעקונדע צו פאַרציען דעם שליף אַרום האַלדז פון צערייצטן ריז. נישט איינער פון זיי איז שוין אַזוי צעממיטשט געוואָרן.

אָבער ווען אַלץ איז שוין אַריבער בשורה און דער אָקס ליגט שוין א געפּענטעטער און צוגעפּעסטיקט מיט א קייט צום שעכט־קלאָץ, שווענקט מען אָפּ דעם האַלדז מיט ריינעם אָקעוויט; די פאַרפּלאָמטע פּנימער שיינען מיט צופרידנקייט. אינעם פריידיקן פלאַפּלען הערן זיי אפילו נישט דאָס פחדימדיקע וואָיען פונעם געבונדענעם אָקס. בלויז אויפן שוחט ציטערט די הויט. צו אַזאַ, — נוצט מען דעם לאַנגען ברייטן חלף וואָס פון בלאַנק אליין כאַפּט אָן א ציטער אפילו דעם שטאַרקסטן פון צווישן זיי. בפרט אַז מ׳קען קיינמאָל נישט זיין זיכער צי די קצבים וואָס וועלן האַלטן דעם קאָפּ פון אָקס, וועלן אים דערהאַלטן אין דער לעצטער רגע, און אפילו דער מינדסטער ציטער פון שוחטס האַנט, קען טרפהן דעם אָקס. נישט איין שוחט איז קוים מיטן לעבן אַרויס נאָך אַזאַ מעשה... בפרט אַז עס טרעפט נאָך, די שעה זאָל נישט זיין מיט לייבע אבישעס, איז גאָר ביטער. לייבע איז א קצב בן קצב און א גבר־אלים, וואָס האָט שוין נישט איין שוחט איבער־געשראָקן אויף טויט. אין דער לעצטער רגע דערכאַפּט ער זיך טאַקע, אָבער מ׳קען קיינמאָל נישט זיין זיכער צי זיין פעטער בערעס בלוט וועט אים נישט א יאָג טאָן אין קאָפּ אַריין, און ווי יענער — אין גאַנצן פאַרגעסן זיך און כאַפּן א האַק צום שוחט. אגב, טאַקע נאָך דער מעשה מיטן פעטער בערע, ווי אַלע קצבים האָבן אים גערופן, פלעגט אַ לאַנגע צייט זיין א סטראַזשניק בשעת דער שחיטה. לייבע — קען זיך, און די מהומה מיטן פעטער בערע איז אים גוט געלעגן אין זינען. פלעגט ער דערפאַר אין אַ שחיטה אָוועגט קיינמאָל נישט צורירן זיך צו קיין ביסל משקה, און אַז חברה האָט זיך אָנגעטשעפּעט אַמאָל, האָט ער ממש פרום אָפּגעענטפערט: „אַ קצב איז אויך אַ כלי־קודש. האָט עך שוין געזען אַ שוחט נעמען אין מויל אַריין פאַר דער ברכה? האַ? אַזוי וויל די תורה. יידן זעמיר און לאָצט מעך געמאָך!״

אָבער איינמאָל איז ער שיר נישט נכשל געוואָרן. ס'האָט זיך פּונקט געמאכט, אז נאָכדעם ווי עטלעכע וואָכן נאָכאַנאַנד זיינען ביי אים טריפה געוואָרן עטלעכע בהמות, האָט אים דער אידעם פון יענעם שוחט, אויף וועמען דער פעטער בערע האָט געוואָרפן די האַק,—געטראַפן אן אָקס. פון דער גריזאָטע און כעס אויף די ביז איצטיקע היזקות, האָט ער נאָך פאר דער שחיטה כסדר געוואָרטשעט און זיך קיין ארט נישט געקענט געפינען. און האַלטנדיק דעם אָקס גרייט פארן חלף, האָט זיך אים אַלץ געדאַכט אז דער שוחט האַלט עפּעס נישט געוואָג פעסט דעם חלף און ס'האָט אים ממש געריסן אַנצוכאַפּן דעם שוחטס האַנט און העלפן אים דורכפירן דעם חלף בשלום איבערן געפאַלדעוועטן האַלדז פון דעם פרייכנדיקן אָקס. פון אָנ־שטרענגונג, האָט ער אליין געציטערט מיט אלע אברים און אין דער לעצטער רגע, האָט ער א האַרעלע נאָכגעלאָזט דעם פארשטייפטן קאָפּ און דער שוחט האָט א צאַפּל געטאָן נישט מיט זיין קול עפּעס: „רחמנא יצילנו!" און זיך א הויב געטאָן א צום טויט דערשראָקענער און אָפּגעטראָטן אויף צוריק. דאָס גאנצע בלוט און ביטערע רציחה האָט לייבן א שלאָג געטאָן אין קאָפּ אַריין." באַדיר, נאָך אַלע היומס!" — האָט ער אַרויסגעפּלאַצט און א שפּיי געטאָן דעם שוחט גלייך אין פּנים אַריין. מיט אימפּעט איז ער אַראָפּגעשפּרונגען פונעם אָקס און זיך אויסגעגלייכט מיט דער גאנצער רויטער גבורה, וואָס האָט געשפּאַרט פון זיינע איבערגעוואקסענע אברים. די יונגען ארום, פארשוויצטע און פארפלאַמטע זיינען ממש צוריקגעפאַלן אין די זייטן פון פחד און אומבאַהאָלפנקייט, און אליין נישט געפילט ווי זיי האָבן געמאכט א רינג ארום ציטערנדיקן שוחט מיטן נאָקעטן פארבלוטיקטן חלף אין האַנט. דער שוחט האָט טאַמלענדיק געשטאָלפּערט הינטערווייַלעכץ אריינצובאַקומען זיך אין שומרס בודקע ביי דער זייט און פאַרהאַקן הינטער זיך די טיר. א רגע בלויז האָט עס געדויערט און ס'איז געוועזן אן אייביקייט. לייבעס אויגן ווי גליענדיקע קוילן, האָבן געברענט אויפן בלאַסן שוחטס פּנים, אָט וועט ער א שפּרונג טאָן אויף אים און איז פונדעסטוועגן געשטאַנען ווי צוגעקאָוועט. דער חלף שפּרייט אים רויט פאר די אויגן און דער אָקס כאָרכלט, דריגעט מיט אלע כוחות און פלייצט מיט הייס בלוט ארום זיך.

און דאָ האָט עס געטראָפן, וואָס האָט אים געראַטעוועט פון אן אומגליק. א יונג האָט נישט טראַכטנדיק אפילו א כאַפּ געטאָן א האַק פון א סלופּ

אַראָפּ און א וואָרף געטאָן אזוי פון זיך. א טעמפּער אויסגעשריי האָט א שוידער געטאָן אין שעכטהויז. דער חלף האָט א קלונג געטאָן אויפן שטיי־נערנעם דיל און די טיר פון שומרס בודקע, האָט זיך האַסטיק א פאַרמאַך געטאָן.

— אַוועק פון מיינע אויגן, די ליימענער יאָץ! — האָט אין דער רגע לייבע צוריקגעקראָגן דאָס לשון.—ווער ס׳נעמט זיך אונטער קוילענען אָן אָקס. אַ כאָליערע אין די געדערים!—האָט ער געשאָלטן אין דער פארמאכטער טיר אריין און האָט זיך ממש מיט פרייד א ריס געטאָן צום יונג וואָס האָט געוואָרפן די האַק — „די הענט זאָלן דיר דאַרבן, יונגאַטש איינער. נאָך דאָס פעלט דיר, מיט א מעקעלע דערטשעפען. שריי, שפּיי, פּרא אדם, די, וויפל די ווילסט. נאָר די לאַפּעס האַלט אין די קעשענעס, הערסט?!״ — האָט ער שיר די געדערים ארויסגעטרייסלט פונעם יונג, וואָס איז געשטאַנען ווי א גולם, — בערע איז אַ גרעסערער בריה געווען פון אינדז און זיינע קינדס קינדער קענען זיך נאָך אלץ נישט אויסקויפן דערפון, גיי, זיך אויף די האַק און בענטש גומל וואָס די האַנט איז ביי דיר פארגולמט געוואָרן...—איז ער שוין אין גאַנצן ווייך געוואָרן און געפילט ווי אויסוויינען זיך פון גרויס גליק, וואָס אלץ איז פּאָרט אראָפּ בשלום.

— קימצט ארויס, שוחט! האָט ער שוין א באַרואיקטער אריינגערעדט אין דער פאַרהאַקטער טיר אריין,—דער יונג וויל אייך מחילה בעטן. וואָס ווייס דען א שנעק. מירן אלע גומל בענטשן. אויב עץ ווילט וועמיר גלייך גיין צום רב.

יאָרן נאָך דער מעשה, האָט לייבע אבישעס זיך געהיט אליין צו קויפן אן אָקס און ווי וויט מעגלעך אויסגעמיטן צו קומען אין שעכטהויז. צי דער רב האָט אים אזוי געהייסן, צי ר׳האָט עס אליין אזוי געוואָלט, איז נישט זיכער, ווייל מ׳האָט וועגן דעם נישט גערעדט צו הויך. נישט צווישן די שוחטים און נישט צווישן די קצבים. אמאָל בלויז פלעגט א שוחט ממש ווי איינרוימענדיק א סוד זיך וואונדערן:—ווי א שטיל שעפּסעלע געוואָרן. אפילו די באָרד איז ביי אים ווייך געוואָרן.—בלאָזט ממש די טריט,—האָט אן אנדער שוחט שוין כמעט ווי געשמייכלט,—האָט זיך ווייזט אויס גוט אָפּ־געבריט.

מער האָט מען נישט גערעדט. שטאָט האָט זיך אָבער געוואונדערט, וואָס מיט אמאָל איז לייבע, וואָס פלעגט נישט רעדן נאָר שרייען און ביי יעדן קלייניקייט הייבן די הענט, געוואָרן א סטאטיק. גערעדט בנעימותלעך און געגלעט דאָס קורצע בערדל וואָס איז דאכט זיך אידעלער געוואָרן, און אויך די אויגן, שארפע, ברוינע, זיינען עפּעס מילדער געוואָרן. ווייבער האָבן געוואוסט, אז ביי לייבען קריגט מען דאָס בעסטע שטיקל קעלבערנס. זעלטן ווען ער האָט רינדערנס. האָט מען זיך אזוי לאנג געוואונדערט ביז מ'האָט זיך אויפגעהערט צו וואונדערן. א קצב האָט דאָך אויך זיינע משוגעתן. ליובקעט זיך אין קעלבערנס. שוחטים אָבער זיינען ווייכער געוואָרן צו אים און נישט געלאָזט פאלן קיין שטויבעלע אויף אים.

— גאָר א לייטישער ייד, לייבע, און אן אָפּגעהיטענער אויך.

זיי האָבן אויך געוואוסט, אז בשעת א פארצויגענעם סיכסוך צווישן די שוחטים און קצבים איבער שחיטה געלט, וועט לייבע זיין דער ערשטער ארייננצושטעלן זיך צו איינעם פון די שוחטים אין א שבת צו נאכטס. גלייך נאָך הבדלה וועט ער זיך ארייננשטעלן, גלעטן דאָס בערדל און רעדן שטיל און נישט קענען איינזיצן אויף דער שטול. ווי דאָס געזעס וואָלט אים געבריט, האלט ער זיך אין איין דרייען און אין סאמע מיטן שמועס זיך אויפשטעלן און ארויספלאַצן: „כ'קען עס מער נישט אויסהאלטן שוחט. די קעלבלעך מעקען דאָרט. ס'איז דאָך נישט קיין תכלית. שוין איבער צוויי וואָכן קיין בלוט נישט געזען. קומט מיט מיר. כ'האָב פינעף קעלבעלעך אין קעמערל".

— און וואָס וועלן די קצבים זאָגן?—קווענקלט זיך נאָך דער שוחט.

— אָקסן!—טוט זיך לייבע פּלוצים א גלייך אויס און טוט א שפּיי אזוי פון זיך,—אייסעך דאָרט וואָס,—קומט אים דאָס בלוט אין פּנים אריין, און די אָמאָליקע גבורה שפּארט ווידער פון זיין גאנצן געשטעל. ווייסט שוין דער שוחט, אז מ'קען קיין שהיות נישט מאכן און נעמט די חלפים און גייט מיט לייבען. צו אים אהיים גייט מען. לייבע פּאָראויס און דער שוחט נאָך אים. מ'פילט ממש אין די טריט אז ער וואָלט איינגעשלונגען דעם וועג, אזוי איילט ער זיך. ער קען זיך קוים דערווארטן, אז דער שוחט זאָל שוין מאכן די ברכה.

דעם שוחט ווערט אזש אומהיימלעך. נישט ווילנדיק קומט די מחשבה: „דער קצבניאַק האָט זיך צעקאָכט אין אים", און אַ שמץ פון דעם אָמאָליקן

פחד פאר לייבען וואַכט אויף, נאָר אַריינקומענדיק אין הויז אַריין וואו די יונגען וואַרטן שוין אויף זיי, באַרואיקט ער זיך און פּרואווט נאָך אַ רעדטאָן פאַר יוצא וועגן:

— און וואָס איז מיט אַ קוויטל פון סטראַזשניק? אפשר וואָלט מען געגאַנגען אין שעכט־הויז?

— וואָס רעדט איר ר׳ דוד, שבת צו נאַכטס אויף יענעם אָרט, נישט גלייך.—ענטפערט לייבע מיט אַזאַ פעסטקייט וואָס מיינט, אַז פאַר קיין געלט גייט ער איצט נישט אַהין. מער רעדט מען שוין נישט דערפון, ווייל סיי דער שוחט און סיי די יונגען ווייסן, אַז דאָס שעכטהויז בריקל איז אַ באַרעדטס, און ביינאַכט וועט דאָרט קיינער נישט וואָגן צו גיין אַליין. מ׳מאַרקירט אַלעמאָל אויס צו גיין צווייעוויז, און ווי מיד מ׳זאָל נישט זיין, איילט מען זיך אַריבערצוגיין דאָס בריקל און נישט אַרומקוקן זיך. באַזונדערס געהיטן איז מען אין פרילינג נעכט ווען די ריחות פון דער לאַנקע פאַרשיכורן ממש און פאַרשלאָגן דעם אָטעם; דאָס וואַסערל רוישט עפּעס אַזוי פליעסקנדיק דיק, ווי עס וואָלט עפּעס דערציילט און שטיל גערופן צו זיך; לבנה שטראַלן בלאַסן איבערן שמאָלן וועגל, און ווען מ׳שפּאַנט אַריבער איבער זיי, טוען זיי זיך שאָטנדיק אַ הייב אויף און בלייבן הענגען אויפן ווייסן בעז ביי די זייטן פון די גערטנער, וואָס שטייען שטום און האַרכן זיך איין.

וואָס געענוי מ׳רעדט אויפן בריקל, איז שוין כמעט פאַרגעסן געוואָרן. אָבער אַלע ווייסן, אַז ס׳איז אַ באַרעדט אָרט, כאָטש מ׳היט זיך גאָר צו רעדן דערפון. באַזונדערס איז לייבע נישט קיין בעלן צו רעדן דערפון. נאָך קינדוויז, געדענקט ער, אַז מ׳האָט אין זייער הויז מיט פחד דערמאָנט דאָס אָרט און נישט געלאָזט די קינדער גיין אַפילו ביזן בריקל. עס פּלאָנטערט זיך אים אין קאָפּ עפּעס אַ מעשה מיט שיכורע יונגען, וואָס האָבן אין צייט פון אַ מחלוקת מכלומרשט געוואָלט איבערשרעקן אַ שוחט, און פאַרטאָג האָט מען אים געפונען לעבן בריקל אַ פאַרחלשטן. קצבישע שונאים האָבן געזאָגט, אַז מ׳האָט דעם שוחט אונטערגעהאַקט די לונגען. דער שוחט האָט לאַנג נישט געקרענקט און איבערגעלאָזט אַן אַלמנה מיט פינף פיצלעך קינדער. ווי אין אַ חלום געדענקט ער עס, ווי מ׳האָט די קצבישע קינדער געטריבן פון די חדרים און דערנאָך, ווי דער זיידע מיט אַלע עלטערע קצבים מיט די ווייבער און קינדער, האָבן אין די זאָקן זיך געשטעלט צו דער

שבועה אין בית המדרש. ביי אַן אָפענעם ארון קודש, האָבן זיי מיט טרערן אין די אויגן געשוואוירן אז זיי ווייסן פון גאָרנישט צו זאָגן, און דער אלטער רב האָט מיט טרערן געבעטן מחילה ביים טויטן פאר גאנץ קהל. ער גע־דענקט עס דאכט זיך גוט און דאָך איז ער נישט זיכער צי ס׳איז טאקע געווען דאָ אין שטעטל, צי ר׳האָט עס געהערט דערציילן וועגן אַן אנדער אָרט. פון אזעלכע זאכן רעדט מען נישט און איבערפרעגן איז נישט שייך. קיין תשובה וועסטו סיי ווי נישט קריגן. פונקט ווי ר׳האָט קיינמאָל נישט געקענט אויסגעפינען, נישט ביים טאטן זיינעם און נישט ביי דער מאמען און נישט ביי וועמען עס איז, צי א חוץ פעטער בערן, וואָס מ׳האָט מעביר געווען צוליב דער מעשה מיט דער האק, איז ווער פון דער משפחה נכשל געוואָרן מיט אַן ענלעכער מעשה. ער וואָלט געקענט שווערן, אז ס׳איז געווען נאָך א פעטער וועלכער איז עפעס נעלם געוואָרן, דאכט זיך טאקע גלייך נאָכן איבערשרעקן דעם שוחט... ווייטער ווי איבערשרעקן קען ער אפילו אין דער מחשבה נישט גיין און וויל דאָס אויך פארגעסן. מ׳רעדט נישט פון דעם און שוין. עס טרעפט אָבער אמאָל, אז פון זיך אליין נעמט מען זיך שושקען. עמיץ האָט עפּעס געזען אויפן בריקל. עמיץ האָט עפּעס געהערט א ריטשען, א יאָמערן אָדער גאָר א זיס געזאנג זיך טראָגן פון די לאָנקעס. ארבעטן די יונגען מיט די שינד־מעסערס און שטייף־העלצלעך ביים שינדן די בהמות און האָבן מורא צו קוקן הינטער זיך. מ׳גייט אהיים אין איינעם צונויפגעדריקט און מ׳אָטעמט פרייער אָפּ, ווען מ׳איז שוין אריבער דאָס בריקל. ביי יעדן אין קאָפּ פּלאָנטערט זיך אַן אַנדער זאָגעכץ און גערייד וועגן דעם אָרט. ס׳איז א סברה אז די יונגען האָבן דעם שוחט געצוואונגען פריער צו זינגען שבת זמירות האלטנדיק אים ביז העלפט אין וואסער. אנדערע האלטן, אז זיי האָבן אים אריבערגעוואָרפן א זאַק איבערן קאָפּ און דאָס דומפּע קול טראָגט זיך נאָך ערגעץ ארום דעם אָרט. אנדערע ציטערן גאָר, אז די קולות פון די געטרפהטע בהמות בלאָנקען דאָ ארום זוכנדיק א תיקון. שוחטים זיינען בשעתן גיין דאָרטן אליין מהרהר בדברי תורה. ס׳איז א סגולה, אָבער נישט איינער פון זיי, האָט שוין אליין אויף דעם וועגל צוריקגעאיילט מיט ציטער און פלאָטער נישט וועלנדיק צוריק־קוקן, אָבער דאָך געהאלטן אין איין אויסדרייען דעם קאָפּ כדי צו זען צי שאַרט זיך נישט ערגעץ א יונג מיט בייזע מחשבות אין די קצבישע הענט.

פארשטייט זיך, אז דאָס טרעפט נאָר בשעת א מחלוקת אָדער נאָך א סך טרפותן איינס נאָכן אנדערן. פונדעסטוועגן איז שוין אזא געוואוינהייט ביי די שוחטים צו איילן איבער דעם אָרט אַלעמאָל. כסדר זיך אומקוקן און קלאפּן הויך מיטן שפּיץ שטעקן אויף די ברעטער פון בריקל.

דאָס בריקל נעבעך האָט זיך שוין אזוי דערדינט, אז וואו עס זאָל נישט טרעפן א צרה מיט ווּעמען, אן איבערשרעקעניש, א פּלוצים בלייבן ליגן איבעראנאנד, אָדער רחמנא יצילנו א פארבלענדעניש, ווי ס'האָט געטראָפן מיטן רויטן יאש, וואָס א פייערל האָט אים געבלענדט און געפירט איבער אלע לאָנקעס און מושבס א גאנצע נאכט, און ערשט פארטאָג האָט אים ברוך פישער געפונען לעבן טייך א האלב משוגענעם, — מומלט מען אזוי לאנג ביז ס'קומט אויס, אז ס'האָט עפּעס א שייכות מיט דעם בריקל.

איז דעריבער די בעסטע זאך אז מ'דערמאָנט עס גאָר אין גאנצן נישט. דאָרטן שפּאצירט מען נישט, און אפילו ווען מ'קען דורך דעם וועגל זיך איינבערענגען א שטיק וועג צו געוויסע הויפן, מיידט מען עס אויס. בלויז די וואָס מוזן גיין צום שעכטהויז, גייען דאָרט. אז א דאָרפס גייער באשטעלט זיך מיט וועמען צו גיין מיט דעם אָרט, וועט ער זאָגן „מירן גיין מיטן שמאָלן וועגל", אָדער „מיטן גויאישן געסל". און אוודאי וועלן אַזוי זאָגן די וואָס וואוינען דאָרט דערלעבן. אזא מזל פון אַ בריקל.

די מיטלסטע בריק

א

די „מיטלסטע בריק״ איז זייער א מזלדיקע. מ'קען זאָגן א צעפּיעש־טשעטע עפּעס. קיין שטויבעלע לאָזט מען קיינמאָל נישט פאַלן אויף איר, כאָטש זי הענגט הויך איבער זייער א טיף ארט און פארשטעלט מיט אירע געשטעלן א גאנצע רייע הייזער וואָס שטייען ביים ברעג, און נישט איין אומגליק האָט שוין דאָרט געטראָפן.

נאָענט צו דער בריק געפינט זיך די קאנצעלאריע מיטן גרויסן פּאַרקאַן, וואָס פאַרשטעלט די ברייט פאַרצווייגטע בלעטער ביימער פון רחבותדיקן גאָרטן. דרייען זיך דאָרט אָפּט ארום א היפּש ביסל מענטשן, וואָס דארפן ווארטן שעהן לאנג ביז יארוש דער גמינע שרייבער וועט פלינק און פאַר־שמייעט ארויסלויפן פון קאנצעלאריע, אויפפראלן די ברייטע גלעזערנע טיר און לאָזן וויסן מיט גרויס כבוד, אז דער פּאַן ביעזשינסקי, דער „וואָיט״ מיטן אויסגעכאַליעטן קאָרק און תמיד זויערן פּנים, איז גרייט אויסצו־הערן די קריוודעס פונעם פּשוטן פאָלק. אויף דער בריק שושקעט מען זיך אלעמאָל. מ'עצהט זיך מיט באקאנטע און מיט אזעלכע וואָס מ'ווייסט, אז זיי האָבן א צוטריט צום פּאַן ביעזשינסקי. קרעכצן פון באעוולהטע און קללות אויפן חשבון פון די מושלים און מאכערס, זיינען דאָ א וואָכעדיקער גאנג. באזונדערס, אין יאריד טעג, ווען ס'גאנצע גאַיעס פון די ארומיקע דערפער קומט זיך צונויף און שטופּט זיך אין דער „טשיינע״ אריין, דאָ נישט ווייט, וואו מ'טרינקט בראָנפן מיט גרויסע טיי גלעזער. די צונג ביים פויער ווערט דאן לויזער און פרייער.

אונטער די הויכע געשטעלן פון דער בריק באהאלטן זיך שטענדיק אויס די לאָבוסעס פון די צוויי חדרים, וואָס געפינען זיך נישט ווייט. דאָרטן טשאַטעוועט מען איינע אויף די אנדערע אין די ווינטערדיקע שבת נאָך מיטאָגס, ווען לייטישע יינגלעך גייען צום רבין זאָגן „ברכו נפשי״. פון דאָרט איז איין שפּאַן צו דער גליטש הינטער דער באָד, און סיי ר' לאָזער דער גרויסער און סיי ר' מאָטעלע תם, קענען זען פון זייערע פענצטער

ממש, ווער פון זייערע תּלמידים איז מחלל שבת בפרהסיא. אויף מאָרגן, נאָכן גוט אָפּשמייסן, וועלן זיי אַריבערגיין צו מוסר און טענהן מיט האָרץ: „וואָס ציט ענק אַהין אַזוי? וועמען זעט איר דאָרט אויף דער גליטש? אייערע טאַטעס? מיך אפשר, האַ?" די יינגלעך, אויסגעפּאַטשטע און דערשלאָגענע, זיצן מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ און קוקן שוין אויס אויף דער מינוט, ווען דער רבי וועט זיך לייגן אָפּרוען און זיי וועלן זיך אַרויסכאַפּן הינטער דער בריק אויסצופּלאָנירן עפּעס א שקאָצערײַ אויף נוקם צו זיין זיך אין רבין.

א פעסטע איז זי די בריק, א געזונטע מיט א טאָפּלטן דעק פון דיקע ברעטער געלייגט אין דער לענג און ברייט; דיקע קלעצער פאַר פּאַרענטשעס מיט א ספּעציעלן צוים פון איין זייט, וואָס שאַפט א שמאָלן דורכגאַנג פאַר פוסגייער. פאַרט מען איבער איר, קלאַפּט עס און שאַרגעט מיט הוילן הילך, אָבער עס טרייסלט נישט, ווייל זי איז גוט אונטערגעשפּאַרט און אויף א גאַנצן שטח ווייט, הויבן זיך פון וואַסער אַרויס אָן אַ צאָל דיקע סענקעוואַטע קלעצער, וואָס פאַרהיטן זי פונעם שטאַרקן שטראָם פון א גאַנץ יאָר און פון די איילנדיקע קריעס ווען דאָס אייז פּלאַצט. די מיטלסטע בריק איז שוין ממש אין מיטן שטאָט. שטייענדיק אויף איר קען מען שוין אַרומנעמען מיט איין בליק א היפּשע צאָל געסלעך, און דאָך איז זי דער סאַמע דרויסן פון שטאָט, כמעט שוין אויף יענער זייט. לעבן איר שטעלן זיך אָפּ די באַלע־גאָלעס, וואָס קומען אָן פון די גרעסערע שטעט מיט פולע בוידן מיט פּאַרשוינען און סחורות. דאָ געזעגנט מען זיך מיט אייגענע וואָס לאָזן זיך אַוועק אין מרחקים אויף די הויכע באַלעגאָלישע וואָגנס; דאָ וואַרט מען אָפּ א רבין אָדער להבדיל דעם גובערנאַטאָר מיט ברויט און זאַלץ. דאָ איז אַלעמאָל לעבעדיק, עפּעס קומט דאָ אַלעמאָל פאָר.

נאָך דער בריק שטייט שוין דער עירוב, וואָס מיינט, אַז דאָ איז עק שטאָט. כאָטש די מיוחסים פון „הויף מיט דער מיל" טענהן, אַז זיי וואָס וואוינען א ברעקל וועג פון דער בריק געהערן נאָך אויך צו שטאָט און דער עירוב דאַרף זיי אויך אַריינבנעמען אין כלל. זיי טענהן און ס'העלפט זיי נישט. „מ'קען דאָך נישט מאַכן קיין עירוב אין מיטן וועג"—איז דער אויסרייד. אין אמתן אָבער איז עס א מין אָפּרעכענען זיך מיט די הויפליַיט, וואָס א טייל פון זיי זיינען עפּעס גאָר קיין חסידים נישט און יחוסן זיך מיט כ'ווייס אַליין נישט וואָס. מ'שושקעט זיך אַפילו אַז זיי זיינען גאָר

שטאַרק געכאַפּט אין דער מעשה. ס'איז אַ סברה, אַז ביי די חנינאַס אין סאַליע שטייט אַ ספרים שראַנק, וואו סע שטייען רוקן ביי רוקן דער תנ"ך מיטן ביאור און דער ווילנער ש"ס. אַנדערע ווייסן אויף געוויס, אַזוי זאָל זיך האָבן באַרימט חנינאַס אַן אייניקל, אַז ביים זיידן אויפֿן בוידעם זיינען דאָ גאַנצע פּעק מיט אַזעלכע אַנטיקן, וואָס קיין לייטישער ייד דאַרף נישט נעמען אין דער האַנט אַריין. אַז מ'שטייט שטאַרק צו צו איילע באַלעגאָלע פּאַרקעט ער אַזוי לאַנג מיט איין פינגער אין דער געלער באָרד, ביז ער קראַצט זיך אויס, אַז פון צייט צו צייט ברענגט ער צו די חנינאַס אַזעלכע יאָלדיש פּאַרפּאַקטע פּעקלעך, וואָס עס גיט אים איבער דער זאַמאָשטשער דאָקטאָר, אָבער וואָס דאָרט געפינט זיך, פרעגט אים בחרם.

„און פון וואַנען ווייסן זיי עס אַלע נייעסן פון דער וועלט, אויב זיי זאָלן זיך נישט אָפּגעבן מיט די זאַכן?"

בית המדרש בחורים וואָס זיינען נייגעריק, דרייען זיך אָפּט אַזוי לאַנג אויף דער בריק, ביז עמיץ פון די הויפּישע פאַרטשעפּעט זיי, און נישט איינער וועט זיך שוין גנבענען אַהין אין אַ פאַרנאַכט, אָדער גאָר אין אַ משמור נאַכט, כדי אַריינצוקוקן אין די פאַרבאַרגענישן פון הויף. וואָס דאַרפט איר מער, דער לאַנגער חנינא, דער אַלטער באַלעבאָס פון דער מיל, שפּאַנט אַלעמאָל אַריבער די בריק אין שטעטל אַריין אַן אויסגעפּוצטער; די באָרד פיין פאַרקעמט און אויפן קאָפּ עפּעס אַזאַ מין הוט, וואָס איז חצי קאַפּעליש, חצי פּריציש היטל. דאָס אַליין איז שוין גענוג מ'זאָל קוקן קרום אויף אים און אויפן הויף. קומט נאָך צו צו דעם, אַז ווען מ'דאַרף עפּעס דורכפירן פאַר קהל, ווילן זיי אַלעמאָל, אַז עמיץ פון די הויף מיוחסים זאָל זיין צווישן די דורכפירער, אַנדערש זאָל מען זיך אויף זייערע נתינות נישט ריכטן... קיין געסל שטעלט נישט אַזעלכע תנאים. ווען קהל באַ־שטימט, דער איז דער בעל דעה. וואָס איז?—דער „רינג" ווייסט נישט ווי אַזוי?! און „די גרעבליע לייט", זיינען חלילה שיפּע זיבעלעך? און די שול גאַס מיט די קאָך־לעפל פון דער גאַרבאַרניע גאַס, קענען קיין צוויי נישט ציילן?—דער הויף האַלט זיך אָבער ביי זיינעם: „מיר זיינען פון יענער זייט בריק".

איז שטאָט אומצופרידן און בייזערט זיך און ווען מ'קען נאָר, טוט מען זיי אָפּ שפּיצלעך אָבער זייער פאַרזיכטיק און שטיל. ערשטנס, זיינען אַ סך

אָפּהענגיק פון דער מיל מיט דער פּרנסה און צווייטנס ווייסן אַלע, אַז די הויפּלייט זיינען איינגעטונקען אין יחוס. משמעות, אַזש ביזן של"ה הקדוש. גיי דערטשעפּע מיט זיי.

גאַנץ אָפט קומען צו זיי, ערגעץ פון מרחקים, קרובים מיט אַ מאָדנע הילוך און אַ פאַרצויגן לשון, וואָס ס'איז שווער צו כאַפּן. אַ לשון מיטן פולן מויל מיט אַ צוזינג און פאַרנעם, כאָטש גיי און כאַפּ אַראָפּ דאָס היטל ווי פאַר אַ פּריץ. זייערע פרויען גייען אַרום מיטן גרעסטן שיק, מיט קאָ־לירטע שאַלן אַזעלכע און געהאַפטענע קליידער וואָס פאַרנעמען דאָס אויג. מ'מוז זיך אָפּשטעלן קוקן. עס גייט מיט זיי מיט עפּעס אַ פּאַטריאַרכאַלישער פאַרנעם פון אַלט יידישן שטייגער און פאַרצייטישער זיכערקייט. און אין דער זעלבער צייט זעט מען באַשיינפּערלעך, אַז זיי זיינען אַביסל צעלאָזן אויך, אויב נישט אין גאַנצן פאַרשייט, לא עלינו. זיי שפּאַצירן אַרום אויף דער בריק מיט אַזאַ פרייער אָפנקייט; ווענדן זיך צו פרעמדע מאַנסבילן מיט פראַגעס און ווילן אַלץ וויסן אָן שום צוריקגעהאַלטנקייט. אפילו די קאַנצעלאַריע שרייבער שטעלן זיי אָפּ, און רעדן צו זיי אין זייער לשון. און וואָס נאָך מער,—איר קענט זיי טרעפן אין אַ פאַרטאָג אָדער אין אַ פאַרנאַכט אויף אַ שיפל און זינגעז הויך מיט פאַרשייטער חוצפּה, גלייך קיין מאַנסבילן וואָלטן שוין גאָר אַרום נישט געווען און יידן וואָלטן נישט פונקט דאַן געאיילט אין בית המדרש אַריין.

די מאַנסבילן זייערע, געשטאַלטנע און גלייכע, מיט פיין פאַרקעמטע בערדלעך און אַביסל פאַרשוירענע שוין, קומען דווקא אין בית המדרש אַריין, נאָר האַלטן זיך עפּעס פון ווייטן. פאַררוקן זיך לעבן די ספרים שאַפעס, בלעטערן די רמבמס און אַנדערע חקירה ספרים וואָס געפינען זיך דאָרט, אָבער זייער זעלטן טרעפט זיך, אַז איינער פון זיי זאָל זיך פּשוט אַוועקזעצן לערנען ווי עס באַדאַרף צו זיין.

וואָס דאַרפט איר מער,—איין שפּאַן פון הויף, טאַקע באַלד אויף דער זייט בריק בלויז, געפינען זיך יאַנקעלע תמס חדר פאַר גמרא יינגלעך און לאַזער דעם בייניקנס חדר פאַר חתן בחורים, און פון דעסטוועגן איז זעלטן ווען אַז אַ יינגל פון די הויפּישע זאָל דאָרט לערנען. זיי האָבן זייערע אייגענע מלמדים, וואָס קומען צו זיי אהיים, און אויב זייערס אַ יינגל גייט שוין יאָ אַמאָל אין אַ שטאָטישן חדר, איז עס בלויז אויף אַ קורצער צייט,

ביז ר׳ ברוך מגיד, וואָס איז דער מדריך פון הויף, וועט צוריקקומען פון וועג און וועט צוריק איבערנעמען די הדרכה. ר׳ ברוכס צוריקקומען איז א געשעעניש אין הויף און אויך אין שטאָט. דעם ערשטן שבת נאָך זיין צוריקגעקומען, דרשנט ער געוויינטלעך אין דער גרויסער שול. דאָס איז עפּעס ווי א מין שלום עליכם צו גאַנץ קהל און אין איין וועגס א מין איבערגעבן וואָס עס הערט זיך אויף דער וועלט, און מיט רמזים און קלוגע משלים שטאַרקן דעם עולם, אַז מ׳דאַרף זיך רעכטן אויף א ישועה בקרוב. נייע צייטן קומען אָן. מ׳שלאָפט נישט אויף דער גרויסער וועלט. און כדי צו פאַרהיטן זיך פון א בייז אויער, וואָס קאָן ערגעץ דאָ זיין אָנגעשטעלט, גיט ער א בּרענג א משל פון דער צייט פון די חז״ל: „זיינען געקומען די שליחים פון א וויטן דאָרף פאַרן בית־דין וואָס איז געזעצט געוואָרן מקדש צו זיין דעם חודש, און האָבן אַזוי געזאָגט: ראינו, מיר האָבן געזען. מיר האָבן געזען די לבנה ווי זי הויערט איבער די בערג א פולע און דער בויך איז איר צווישן די ציין. האָבן די חכמים געזאָגט: כאָטש איר האָט אַנדערש געזען, ווי אלע עדות אין אלע חדשים, האָט איר פאָרט גוט געזען...״ דער עולם הערט און איז אַריינגעטאָן אינעם מיין פון דעם מאמר און פאַרשטייט: „עס קומט א נייער חודש״. הענגט מען אויף זיינע ליפּן, און נאָך דער דרשה באַגלייט א גרויסער עולם ר׳ ברוכן ביז צו דער בריק און מ׳קען זיך ממש זאט נישט אָנקוקן אין זיין טוכענער קאַפּאָטע, וואָס האָט נישט קיין שפּרענ־קעלע אויף זיך, און אין דער שווארצער פּירעקיקער באָרד וואָס באַשיינט זיין מילד שמייכלענדיק פּנים מיטן הויכן שטערן.

ר׳ ברוך איז דאָס שיינדל פון הויף און יעדעס מאָל ווען ער פאָרט אַוועק האַלטן דרשות אין די גרעסערע שטעט, פילט זיך דער הויף ווי אויס־געליידיקט. אויף דער בריק דרייען זיך ווייניקער בחורים ארום, און די יינגלעך פון הויף קענען זיך גאָר קיין ארט נישט געפינען. מ׳בעט זיך ביי אים: צו וואָס דאַרפסטו דאָס? פאַר קיין ישיבות פאַרסטו דאָך נישט, אלא פאַר זיך—כל זמן די מיל מאָלט און דער הויף איז באַלויכטן איז דאָך נישט שייך,—אָבער גיי מאַך עפּעס מיט א מענטשן, וואָס האָט א קול וואָס דרינגט אַריין אין א מענטשנס האַרץ אַזוי לייכט און געמיטלעך, אַז דו פילסט ווי עס גלעט און וואַרעמט און רודערט גלייכצייטיק אויף. ער זאָגט פאַרן עולם, און מ׳פילט אַז דאָס שמועסט א קלוגער ייד, וואָס כאָטש קיין איין גראָע

האָר באַצירט אים נאָך נישט, דאָך איז זיין שטעל פון א זקן ורגיל, וואָס האָט אזוי פיל געזען, אז ס׳איז א שאָד צו פארלירן אפילו איין וואָרט זיינס. און ווען ער פארענדיקט, דערפילט מען ערשט אז ער האָט גאָרנישט נישט געמוסרט, מיט גאָרנישט נישט געשראָקן, נאָר אלץ איז פון דעסטוועגן אזוי קלאָר: די וועלט איז א גיהינום פארן מענטשן און נאָך מער פארן יידן. דאָס האָבן געוואוסט אונדזערע חכמים פאר אונדז און דאָס פילן אלע וואָס האָבן א הארץ און אן אויג אויך ביי די חסידי אומות העולם. אזוי פיל משלים זיינען פאראן אויף דעם און אזוי פיל קלוגע רייד מיט רמזים. ער דער־ציילט, דאכט זיך, א באַקאַנטע אגדה און מיט זיין מויל און גלעטנדיקן ניגון לעבט זי אויף מיט גאָר א ניי לעבן און רמז. מ׳זעט בחוש ווי דער אַמאָל געזען מיטן אויג פון א פארצייטישן, שפּאַצירט ארום דאָ צווישן אונדז. מ׳דאַרף בלויז אן עפן טאָן דאָס אויג און מ׳זעט; גוט זיך איינהערן און דער־שפּירן דעם קלאַנג פון דורות; דערזען דאָס פארבאָרגענע ליכט וואָס וואַרט נאָר, אז א מענטש מיט א סייעתא דשמיא זאָל עס ארויסאַנטפּלעקן. אָט זעט ווי עס עפענט זיך א פארבאָרגעניש אין סאַמע טונקעלן בית־המדרש: „ווען אדם הראשון האָט באַלד גירוש דערפילט די גרויסע פינצטערניש וואָס הויערט אויף אים פון אַלע זייטן, האָט ער זיך אָוועקגעזעצט אין איין עק וועלט און געוויינט, און חוה האָט אים אנטקעגנגעוויינט פונעם אנדערן עק וועלט. „אפשר איז דאָס דער טויט, וואָס איז נגזר געוואָרן?״ אָבער אז עס איז טאָג געוואָרן, האָבן זיי געוואוסט אז דער סדר עולם איז אזוי. האָבן זיי א טאָג א גאנצן ארומגעטאַנצט איבער דער גרויס פון דער וועלט; און ווען ס׳איז ווידער נאכט געוואָרן, זיינען זיי אין דער פינצטער שוין נישט געזעסן, ווייל א ליכט פון אויבן האָט זיי א וואונק געגעבן; האָט ער גענומען צוויי שטיינער און געקלאַפּט איינס אין אנדערן ביז א פונק איז ארויס. איז ליכטיק געוואָרן אין זייערע נשמות און אויף דער גאנצער וועלט. דאַן האָט ער געמאַכט די ברכה: בורא מאורי האש.״

דאָס הארץ ציטערט נאָך איצט, ווען מ׳דערמאָנט זיך ווי פשוט און פּראָסט די רייד קומען פון מגידס מויל און דו פילסט פּאָרט, אז ער באַשאַפט פאר דיר א נייעם הימל און א נייע בענקשאַפט אויף דער ערד. גייט מען אויך מיטן פּראָסטן עולם וואָס קלעפּט ממש צום מגיד און וויל אים נישט אָפּלאָזן. דער שמאָלער וועג ביז צו דער בריק, איז איצט אזא לאנגער

און אויסגעצויגענער. פון הינטן טונקלען די גאסן און געסלעך, און פּאַרנט פּייערט א רויטע קויל זון, וואָס פאַרהוילט זיך מיט ראָזע פלאַמען הינטערן וואלד פון יענער זייט בריק. דער טייך טונקלט און רוישט עפּעס מיט שעפּ־טשענדיקן סוד. וויפל דו זאָלסט נישט קוקן ארונטער, זעסט אלץ נישט מער ווי חושך וואָס ווערט אלץ געדיכטער און פארשלינגט די ראָזע פּאַסן ליכט, וואָס פארשווינדן צוזאמען מיט די שווארצע ברעגעס און די איינ־זאמע שטיינער וועגט ארום הויף און נאָך ווייטער אויף דער לאַנקע פון יענער זייט. (דאָס זיינען נשארן פון דער אלטער פעסטונג, ווען אין ווייטן אַמאָל האָט דאָס שטעטל געהיט די פּוילישע מדינה פאַר די האַרדעס טאטארן, וואָס האָבן זיך געריסן אהער פון די סטעפּעס פון אוקריינע.)

ס׳איז אזוי פול דאָס הארץ און אויפגערודערט. פילסט ממש בחוש — ביסט אינמיטן פון גרויס געשען. עפּעס האָט זיך אזוינס אָפּגעטאָן אויף דער וועלט פאַר דיר, אז דו מוזסט אליין צולייגן א האנט און עפענען די טיר צו דעם וואָס וועט זיך דארפן טאָן מיט דיר און נאָך דיר.

דער עולם איז זיך שוין צעגאנגען און בלויז איינציקע בחורים שטייען נאָך דאָ ביז שפּעט. קוקן אין די שווארצע וואסערן און זיינען ערגעץ ווייט אין אזעלכע פאַרהוילענע מקומות וואָס מ׳קען מיט קיין אויג נישט זען וואו עס איז און וואוהין עס פירט.

פון דער גרויסער סאַליע פון הויף בלישטשען ארויס די בליצלאַמפּן. די מיל הייבט אָן רודערן און רייבן מיט שטיין אויף שטיין, און די בחורים שטייען אלץ און רירן זיך נישט. די מעשות וואָס קומען לעצטנס אָן פון די גרויסע שטעט און מ׳שושקעט זיי פון אויער צו אויער, קריגן עפּעס אן אנדער טעם. „מ׳שלאָפט טאקע נישט דאָרט...״ און אויך דאָ גלוסט זיך נישט גיין שלאָפן. מ׳דארף עפּעס טאָן און ארויסרייסן זיך פון דעם העק, וואָס איז ארומגערינגלט מיט וואסערן און בריקן, טונקעלע לאַנקעס מיט אלטע חורבות און ווייטע שומענדיקע וועלדער מיט טיפע היילן אין זיי.

נישט ביי איינעם, איז נאָך אזא אָוונט פארטיק געוואָרן דער געדאנק ארויסצורייסן זיך. כאָטש וואוהין און צו וואָס, איז נישט קלאָר געווען.

ב

אין די ערשטע יאָרן ווען ר׳ ברוך איז געוואָרן א מגיד, פלעגט ער זיך נאָך הבדלה און טיי טרינקען צוזאמען מיטן בני בית ארויסגיין שפּאצירן.

די בחורים האָבן געוואוסט פון דעם און געוואַרט, שפּעטער אָבער האָט ער גלייך נאָך דער דרשה זיך געאיילט אהיים און מער נישט ארויסגעקומען. אין דער גרויסער סאַליע זיצט ער א פּאַרטיפּטער איבער די גלייך צעווירעטע ווייסע בויגנס פּאַפּיר און טינטלט מיט אַ דראָבנער שריפט. אין צימער איז שטיל, בלויז דער סאַמאָוואַר סיקעט און פּאַרעט. א ספר שרייבט ער ר׳ ברוך. א ספר פון דרשות מיט משלים וואָס זיינען אָנגעמאָסטן אויף היינטיקע צייטן און רמזים וואָס ער האָט ארויסגעפינקלט פון אלטע אגדות. אין די יונגע יאָרן, ווען ער האָט נאָך געגעסן קעסט און זיך געגרייט צו ווערן דער בוכהאלטער פון דער מיל, האָט ער געשריבן שירים, וואָס מ׳האָט געדרוקט מיט גרויס כבוד אונטער אן אנדער נאָמען אין די זאמלביכער פון די גאַ־ליצישע משכילים. טיף פאררוקט אין דער ספרים שראַנק געפינען זיך נאָך אייניקע פון זיי, וואָס ר׳האָט שוין נישט געלאָזט דרוקן, אָבער נישט געהאט דאָס הארץ צו פארברענען. זיין פארבינדונג מיט די משכילים האָט ער איבערגעריסן ווען ס׳איז אים אויסגעקומען צו פארברענגען א לענגערע צייט אין לעמבערג און זיך צוגעקוקט פון דער נאָענט צו די פּירות זייערע (אזוי פלעגט ער רופן זייערע קינדער) און זיך דערשראָקן.

ווען ר׳איז אהיימגעקומען, האָט ער זיך אָפּגעשלאָסן אויף גאנצע וואָכן. נישט געמישט זיך מער אין מיל, נאָר געזעסן יומם ולילה און געזוכט אין חקירה ספרים. וויפל מ׳האָט זיך ביי אים נישט געבעטן: דער שווער, ס׳ווייב און די שוואָגערס, האָט ער זיך געהאלטן ביים זייניקן: ס׳איז נישט פאר אים. מ׳מוז געפינען אן אנדערן דרך ווי צו ברענגען דעם עולם צו נייע פירונגען און דאָך נישט פארלירן דעם עיקר. אז די קדמונים האָבן געקענט פאראייניקן די תורה מיט דער חכמה פון זייער צייט און בלייבן אמתע יידן, מוז מען עס אויך היינט קענען.—האָט ער געטענהט מיט גרויס איבער־צייגונג און קיינער האָט אים נישט געקענט אָפּווענדן. ווען ר׳איז פארטיק געוואָרן מיט זיך, האָט זיך שוין קיינער נישט געקענט אפילו אנטקעגנשטעלן זיין באשלוס צו ווערן א מגיד. צום ערשטן האָט מען געמיינט, אז ס׳איז א קאַפּריז פון א צעפּיעשטשעטן בן־יחיד „פון אזא גוטס—ארומשלעפּן זיך גאָר ווי א מגיד”. האָבן די אייגענע געטענהט מיט פארדראָס. ס׳האָט אָבער גאָרנישט נישט געהאָלפן. ער האָט זיך געטאָן זיינס. ארומגעפאָרן צום ערשטן אין די נאָענטע שטעטלעך און דערנאָך וואָס ווייטער פון דער היים. גערעדט

ווי א מגיד און דאָך עפּעס נישט ווי קיין מגיד. פון זיך אליין האָט זיך צו אים צוגעקלעפּט דער נאָמען: „מאָדערנער מגיד", כאָטש ער האָט קיינמאָל נישט גערעדט אָפן וועגן די מאָדערנע זאַכן, נאָר רמזים האָט מען געקענט געפינען ביי אים. אַמאָל האָט ער פאַרוואָרפן א וואָרט וועגן חינוך און דערביי דערציילט ווי מ'האָט מחנך געווען די קינדער אין אמאָליקן שפּאַניען און אין אלטן פּראָג און אויסגעפירט, אז תורה און חכמה דאַרפן זיין גע־פלאָכטן צוזאמען. מאריך געווען האָט ער נישט. דער עיקר איז אים גע־גאַנגען אין אויסטייטשן אגדות חז"ל און באוויזן, אז די קדמונים האָבן איבערגעלעבט דאָס זעלבע ווי מיר היינט און דורך די אגדות דערציילן זיי עס. מיט א באַזונדער ליבשאַפט האָט ער דערציילט וועגן ר' עקיבא און זיינע חברים, וועגן רבה בר חנא און ר' יהושע בן לוי. אלץ באַקאַנטע פון אמאָל, נאָר ביי אים זיינען זיי ארויסגעקומען ווי ביי געבוירן. אין אייניקע מקומות האָט מען געקוקט קרום אויף אים און מ'האָט אים נישט געלאָזט „זאָגן" אין דער גרויסער שול, נאָר ערגעץ אין א זייטיק בית־המדרשל. אז פאַר קיין ישיבה דרשנט ער נישט און מיט די חסידים פאַרטשעפּעט ער אויך אָפּט. טאָקע בלויז מיט א רמז, אָבער קיין צו גרויסן צוטרוי האָט עס אים נישט פאַרשאַפט. איז ער אָפּט געקומען פון וועג א צערודערטער און ארומגעגאַנגען ווי אויפן עולם התוהו. דאָס בני־בית האָט שוין געוואוסט, אז דאָס בעסטע וועט זיין צו לאָזן אים צורו, ביז ער וועט קומען צו זיך און זיך ווידער לאָזן אין וועג אריין, אָדער ער וועט זיך אָפּשליסן אין דער סאַליע און האַלטן אין איין שרייבן און זוכן אין ספרים.

אין וואָס עס גייט אים, האָבן בלויז יחידי סגולה אין הויף געוואוסט. שטאָט האָט געוואוסט בלויז, אז ער שרייבט זיינע דרשות. ער האָט מיט קיינעם אין שטאָט נישט גערעדט דערפון. מ'האָט אָבער געפילט, אז עפּעס איז נישט גלאַט מיט אים, און וואָס ווייטער איז ער אלץ אָפּגעפרעמדטער געוואָרן. צו זיינער א דרשה זיינען לומדים זעלטן געקומען, בלויז „עמך" און יונגוואַרג האָט עס געהאַלטן פאַר יום־טוב ווען ער האָט געדרשנט. אין אָנהייב האָט עס אים געאַרט, אָבער דערנאָך האָט עס שוין נישט אויסגע־מאַכט. ער איז געווען צופיל פאַרנומען מיט זיך. די נישט זיכערקייט מיט זיך איז אין אים געוואָקסן פון יאָר צו יאָר. פון נסיעה צו נסיעה, וואָס מער ער האָט געזען אין די גרויסע שטעט דאָס אָנקומען פון נייע צייטן, אלץ שווערער איז

אים געוואָרן אויסצוגלייכן עס מיטן אלטן שטייגער. שטייענדיק פאַרן עולם, האלט ער זיך אָפּט צוריק פון אויסרעדן זיך אין גאנצן און פאַרציט זיך מיט א ניגון ווי מיט א דינעם פאָרהאנג. ביים שרייבן אָבער, פאלט דער פאָרהאַנג אוועק און א געדאנק איינמאָל אָנגעכאפּט, ציט ער זיך שוין ביזן סאמע סוף. ווערט ער אָפּט דערשראָקן פאַר זיך אליין און נעמט שנעל זוכן אין רמב״ם, אין כוזרי און אין אנדערע חקירה ספרים. „די פראגע איז נישט נאָר צי מ׳קען וויסן אלץ, נאָר צי דאַרף מען אלץ וויסן און צי עס פּירט ערגעץ. עס קען דאָך זיין, אז זיינע רמזים מיט די משלים וועגן נייע ציטן ברענגען בלויז אריין א צערודערונג אין די מוחות. קיין קלאָר בילד וואָס צו טאָן גיט ער דאָך זיי נישט. עס קען דאָך זיין, אז ער העלפט בלויז אויפצודעקן דעם שלייער פון דעם וואָס די אלטע האָבן דווקא געוואָלט באהאלטן, ווייל זיי זיינען געווען קליגער און דערפאַרענער און געוואוסט, אז כל זמן דאָס הינדעלע איז אונטער דער מאַמעס פליגל, איז עס טאַקע בלינדלעך, אָבער ס׳איז ווארעם דאָרט און ס׳איז זיכער, אז דער מאַמעס פליגל זיינען מי יודע וואָס פאַר א פעסטונג. עפן עס אָבער אויף די אויגן און — — —״

די פען פאלט אים ארויס פון דער האנט. די אויגן בלאָנדזשען ארום איבער דער סאַליע און ער זעט קלאָר דעם זיידן ר׳ משה דיין מיטן הויכן ספּאָדיק פאררוקט איבערן שטערן און איין האנט אויסגעשטרעקט צו דער ספרים שאפע: „זעסט, ברוכל, מער ווי זיי דערציילן, פאַרהוילן זיי. און ס׳איז גוט אזוי און קלוג. כי לא יראני האדם וחי, שטייט. פאראן א זמן און פאראן אן עת. מער ווי דיין זמן זוך נישט״. „אָבער אין דיין זמן דארפסטו דאָך זוכן״—לויפט אים דורך דער רעיון אין קאָפּ—און דער זמן פון אלע פריער־דיקע דורות איז דאָך שוין עת, און נאָך דעם, וואָס?״. מיט אַמאָל דערמאָנט ער זיך, אז לעצטנס זעט ער דעם זיידן זייער אָפט אין חלום. אנומלטן, האָט זיך אים אויסגעוויזן, אז עמיץ יאָגט אים נאָך. נייך, נישט עמיץ נאָר א גאנצע כאָפּטע צעיושעטע קאצאפּעס. איז ער אריין אין א הויז און גע־נומען לויפן ארויף אויף די טרעפּ. אזעלכע שווינדלדיקע געדרייטע טרעפּ געווען, און זיי נאָך אים. ער פילט ווי א גאנצע לאַווע כעס בריט אים שוין, און דאָ מיט א מאָל אין א ווינקל שטייט דער זיידע מיט א גימנאזיסטיש היטל אין האַנט און שעפּטשעט צו אים: „זע, ברוכל, טו אָן דאָס היטל און ביסט א

רויטער עשו גלייך ווי זיי. איך אָבער, וואַרט איבער אָט דאָ אין קאסטן.״ ער וויל עפּעס זאָגן אָבער קען נישט. די לאַווע האָט אים אָנגעיאָגט און שלעפּט אים מיט זיך. ער שפּרינגט פון טרעפּ צו טרעפּ און דרייט אַלץ דעם קאָפּ אויף צוריק און ר׳איז קלאָר ביי זיך, אַז ער זעט דעם זיידן דאָרט אין קאסטן שמייכלען: „איך וואַרט דאָ איבער״. פון בענקעניש טוט אים אַזאַ צוויק ביים האַרצן און ער ליגט מיט אָפענע אויגן און טאַפּט זיך די באָרד און פאות. פון צעטומלעניש נעמט זיך אים אויך איצט מישן אין קאָפּ.

די טיר האָט זיך שטיל געעפנט און ער האָט נישט באַמערקט, אַז אויף דער שוועל שטייט ביינישל און בלישטשעט אויף אים מיט די שוואַרצע אויגן מיט אַזאַ טרויער און יאוש, וואָס נעמט דורך און דורך. אַ הויכער, אַ מאָגערער, מיט איינגעפאַלענע באַקן וואָס אַ קרענקלעכע ראָזקייט צאַפּלט אין זיי, שטייט ער אויף דער שוועל און בליקט. זיין שוואַרצער הולך און די לאַנגע שוואַרצע האָר ביז איבער די אַקסלען וואַרפן אָן אָן אימה אויף יעדן וואָס זעט אים. „ער גייט אויס ווי אַ ליכט״—שושקעט מען זיך וועגן ביי־נישלען און דער נייגער צו דערוויסן זיך וואָס מיט אים איז געשען אין די מרחקים ערגעץ, וואַקסט פון מאָל צו מאָל. אַ וויטער קרוב איז ער דאָ אין הויף. געקומען אויף אַ ווילע און שוין געבליבן. לעבט אָפּגעזונדערט פון אַלעמען אין זיין שטיבל אין סאַמע סוף פון הויף. אין שטאָט קומט ער זעלטן. מ׳זעט אים אַמאָל שטיין אויף דער בריק און קוקן אַזוי פאַר זיך און הוסטן און ווישן דאָס מויל מיט מאָדנע קאָלירטע טיכלעך. אין די פאַרנאַכטן בלאָנקעט ער אָפּט אַרום אויפן וועג מיט די לאָנקעס אָדער שפּאַנט הין און צוריק אינעם גערטנדל פאַר זיין שטיבל. זעלטן אַז ער כאַפּט זיך אַריין אין אַ „שטיבל״ אָדער בית־המדרש. שטייט לאַנג ביי די ספרים שאַפעס און קוקט, אָדער דרייט זיך אַרום די טישן וואו די בחורים זיצן ביי די אָפענע גמרות און לערנען. דאַכט זיך, אַז ער הערט זיך איין און הערט פאָרט גאָרנישט; קוקט און איז גאָר ערגעץ אַנדערש, נאָר אפשר ווייזט זיך עס בלויז אַזוי אויס. ער רעדט נישט מיט קיינעם און גייט צוריק אַרויס אַ געבויגענער ווי אַ שווערע מאַסע וואָלט אים נאָכגעגאַנגען. בלויז אַ פאַרשטיקטער הוסט הערט זיך פון אים די גאַנצע צייט. אין הויף ווייסט מען מן הסתם וואָס מיט אים איז געשען. שטאָט אָבער האָט זיך געשושקעט.

איינער האָט געוואוסט, אז פון צופיל לערנען איז ביי אים פארדרייט גע־וואָרן אַ קלעפּקע אין קאָפּ; אנדערע האָבן בסוד דערציילט, אז ר׳איז פון יענער חברה, פון די „אחדות־לייט״ וואָס דערגייען דער „קאַזניאַ״ די יאָרן און באַצאָלן דערוויל אליין מיט אָפּגעהאַקטע לונגען און פארשיקונג. אויף געגוי האָט קיינער נישט געוואוסט, און ווייל ער האָט זיך נישט צופיל גע־וואָרפן אין די אויגן, האָט מען אין אים פארגעסן. די בחורים אָבער וואָס האָבן אָפט ארומגעשפּאצירט אויף דער בריק, האָבן נישט געקענט פאר־געסן. זעענדיק אים טריטלען אין גאָרטן און הוסטן אין גאנצן אין שווארצן ווי א שאָטן פון א מענטשן, האָט געגאָגט אין הארצן און עפּעס געשראָקן. באַזונדערס די, וואָס האָבן זיך אין דער שטיל שוין ארומגעטראָגן מיטן געדאנק אוועקצורייסן זיך פון שטעטל.

ר׳ ברוך איז געווען דער איינציקער מיט וועמען בײנישל האָט אַמאָל פארפירט א שמועס. באזונדערס ווען ר׳ ברוך איז צוריקגעקומען פון וועג און איז געווען אָנגעפילט מיט איינדרוקן און לעכצעניש צוצוכאַפּן זיך צו די לאנגע בויגנס פּאַפּיר און שרייבן שנעל שנעל ביז עפּעס א רעיון וועט אים א כאַפּ טאָן און דערשרעקן פונקט ווי איצט. ווען ער איז אזוי צעחושט, אז ער זעט ממש גאָרנישט פאר זיך.

— כ׳האָב געהערט די דרשה,—האָט בײנישל ענדלעך אויפגעכאַפּט ר׳ ברוכס פארווירטן בליק.

— טאַקע?!—כ׳האָב דיך נישט געזען. געווען א גרוסער עולם,—קען ר׳ ברוך זיך נישט צוריקהאלטן פון אויסגעבן א געפיל פון צופרידנקייט, וואָס די דרשה האָט צוגעצויגן כמעט א האלב שטעטל,—קאָפּ אויף קאָפּ איז מען געשטאנען.

— כ׳מיין נישט דאָס,—איז בײנישל נאָך אלץ געשטאנען ביי דער טיר און דאָס הייזעריקלעכע קול האָט געררופעט די רואיקע שטילקייט פון צימער און עפּעס ווי אָפּגעריסן אויך אין ר׳ ברוכן.

— וואָס זשע מיינסטו דען?—איז ער אים אנטקעגנגעגאנגען אביסל א צעטומלטער און נייגעריקער.

— פארהוילסט מער ווי דו ווייסט און ווילסט. אָדער מ׳זאָגט אלץ אָדער מ׳שווייגט. הייבסט אָן מיט א משל און פארענדיקסט מיט א רמז. פאר וואָס האָסטו מורא?

א ווײַלע איז ר׳ ברוך געשטאַנען אַנטקעגן אים און מיט אַמאָל א ציטער געטאָן. ביינישלס שוואַרצע הויך און די אײַנגעפאַלענע באַקן מיטן הײַ־זעריקן קול, האָבן אויף אים א יאָג געטאָן מיט געשפּענסט און טויט־שאָטן, און פון זיך אַליין האָט עס אַרויסגעצאַפּלט פון אים, כאָטש ער האָט נאָך קיינמאָל פריער נישט געטראַכט אַזוי.

— כ׳האָב מורא פאַר דײַן נמשל, — האָט זיך זײַן גאַנץ פּנים אויסגע־קרימט,—ווי אין א וואָרעמער שאָל לעבט מען נאָך דאָ מיט „גאָט און זײַן משפּט איז געקרעכט״. אוועקרוקן אין גאַנצן דעם פּאַרהאַנג, בלײַבט מען דאָך אין נאַקעטן דרויסן. דו ווייסט דאָך גוט דעם טעם. אויף דײַנע לײַט קען מען זיך דאָך אוודאי נישט פאַרלאָזן.—האָט ער עפּעס ווי אַרויסגעיאָגט פון זיך.

— פאַר וואָס זשע ברעכסטו די שאָל?—האָט יענער נישט אָפּגעלאָזט ווי ער וואָלט געקומען אָפּנעמען חשבון, און א ביטערער שמייכל האָט זיך געקנייטשט אין די ווינקלען פון די פאַרטריקנטע ליפּן—זעסט,—האָט ער אים צוגעפירט צום פענצטער,—זיי שטייען נאָך אויף דער בריק און ווילן זיך דערוויסן דעם סוד פון דײַנע רמזים. גיי אַרויס צו זיי און זאָג זיי דעם נמשל אויך, אויב דו ווייסט אים. „בורא מאורי האש״, האָסטו געזאָגט, מיך האָט עס אין גאַנצן פאַרצערט. מיינסט, אַז די סיבירער קלעפּ האָבן מיר אונטערגעהאַקט דאָס לייב און לעבן. דאָס איז נאָר פון דרויסן אַזוי. דער עיקר איז דער הוילער טעם פון דער ליידיקייט נאָכן אויפהייבן דעם פּאַרהאַנג. טאַקע דער נאַקעטער, פּוסטער דרויסן, נאָך וועלכן מ׳קען זיך שוין נישט באַהאַלטן אונטער דער שאָל.

— דאַרף מען אַלץ לאָזן אַזוי ווי ס׳איז—האָט ר׳ ברוך זיך קעגן עפּעס געוואָרט און געפילט אַז דאָס לשון איז אים אָפּגענומען,—דאָס קען דאָך נישט — — — איז ער פּלוצים אַנטשטומט געוואָרן, ווײַל ביינישל האָט זיך משונהדיק א וואַקל געטאָן. קוים באַוויזן אַרויסצונעמען דאָס קאָלירטע טיכל און פאַרבאָרגן אין דעם א שטיקנדיקן הוסט.

— ברוך,—האָט ער קוים אַרויסגעזאָגט מיט הארץ, ווען ר׳איז אביסל געקומען צו זיך,—ס׳איז א רחמנות אויף דיר. דו גלויבסט און האָסט מורא פאַר דעם אין וואָס דו גלויבסט. ווילסט דאָס גייע און ציטערסט פאַר דעם.

ווילסט דערהאַלטן די שאַל און צעבערעכסט זי מיט די אייגענע הענט. פאַר וואָס האָסטו אויסגעקליבן צו זיין א מגיד?

א פאַרשוויגענער, א צונויפגעדריקטער איז ר׳ ברוך געשטאַנען איבער ביינישלען און ס׳איז געווען ווי זיין אייגן געוויסן וואָלט געלעגן פאַר אים און געבלוטיקט.—און איך האָב אמאָל געמיינט, אז אייערע לייט זיינען זיכער אין דעם וואָס זיי טוען,—האָט ער מיטאמאָל זיך אוועקגעדרייט פון אים און זיך צוריקגעזעצט ביים טיש און האַסטיק גענומען מעקן די דראַבנע אותיות.

— ווען ס׳איז אָפּגעטאָן, ברוך, איז שוין צו שפּעט צו מאַכן דעם חשבון,—האָט זיך ביינישל צוריק ארויסגעשלייכט פון צימער פּונקט אזוי שטיל ווי ר׳איז אַריינגעקומען.

ביינישל האָט לאַנג שוין נישט געצויגן. פּלוצים זיך אַ כאַפּ געטאָן ביים הארץ, אַ פאַל געטאָן און שוין. באַלד נאָך דער לוויה האָט ר׳ ברוכל געלאָזט וויסן אז ער פאָרט אוועק.

אינעם שבת פאַרן אוועקפאָרן האָט ר׳ ברוכל געהאַלטן א דרשה אין דער גרויסער שול. ווי געוויינטלעך איז געקומען א גרויסער עולם, נאָר ס׳איז נישט געווען דערזעלבער ר׳ ברוך. דאָס קול געבראָכן און דער ניגון האָט זיך פרעמדלעך געטראָגן איבער די קעפּ און נישט געוואַרעמט מער. א מין פאַרשטעלטער הספּד איז עס געווען אויף די וואָס רייסן זיך אָפּ פון שורש און ווערן פאַרוויאַניעט פאַר דער צייט אין גרויס פיין. דער עולם האָט עס אָבער נישט באַנומען. די עלטערע, דערפאַר וואָס מ׳האָט געמורמלט אין שטעטל, אז ביינישלס טויט איז נישט געווען אין גאַנצן קיין נאַטיר־לעכער. איז געווען וואָס מ׳האָט צוליבן כבוד פון הויף באַגראָבן אים מיט לייטן גלייך און נישט הינטערן פּלויט ערגעץ, אָבער א הספד גאָר און אין דער גרויסער שול, איז שוין צופיל; די יינגערע ווידער האָט געאַרט, וואָס די רייד האָבן געקלונגען אין זייערע אויערן ווי א רמז נישט צו זוכן קיין נייע וועגן. אָן אָנוואונק, אז דער „דרויסן״, ווי ער האָט זיך ארויסגעכאַפּט איז „א פרעמדער״ און עסט אויף דעם גוף מיט דער נשמה... מ׳האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס ער וויל און זיך געפילט אנטוישט.

פון שול איז ער אהיימגעגאַנגען כמעט אליין. די וואָס זיינען מיטגע־גאַנגען האָבן שוין גאָרנישט נישט געפרעגט, נאָר נאָכגעשלעפּט זיך שוויי־גנדיק און ביי דער בריק זיך שנעל צעזעגנט.

ר׳ ברוך האָט אפשר נישט געוואוסט, אז די בחורים וואָס האָבן צום מערסטנס געקלעפּט צו אים און פון זיינע רמזים געשטויסן געוואָרן צו זוכן נייע וועגן, זיינען שוין דאן געווען צו ווייט אוועק. האָבן שוין אין געהיים באצויגן נייע ספרימלעך פון דער נאָענסטער גרויסער שטאָט. געהאַלטן זיי פארבאָרגן אין די חסידים „שטיבלעך״ צווישן די „שמות״ און בגנבה געזוכט אין זיי דעם באשייד פון זיינע רמזים. זיי האָבן אָבער אויך נישט געוואוסט, אז דאָס איז געווען ר׳ ברוכס לעצטע דרשה אין שטעטל, ווייל אויף צו מאָרגנס איז ער אוועק אָן א זיי געזונט, און אין שטעטל האָבן זיך נאָך דעם געטראָגן פארשידענע שמועותן וועגן אים. אייניקע האָבן דערציילט, אז ער חברט זיך אין ווארשע מיט די גרעסטע פרומאקעס; אנדערע גאָר, אז ער דרשנט פאר ציוניזם אין גאליציע ערגעץ, און גאָר אנדערע האָבן געוואוסט, אז ער זיצט אין גרויס פוילן ביי א רבין ווי א „יושב״.

יאָרן שפּעטער אָבער, ווען דער הויף איז שוין געווען נאָר אין נאָמען, ווייל די מיל האָט אין איין זומער נאכט אָפּגעברענט, און באלד דערנאָך איז דער אלטער חנינא אוועקגעפאלן אויף דער סאמע בריק און מ׳האָט אים קוים א לעבעדיקן אריינגענומען אין הויף,—האָט זיך אין א בלאָטיקן הארבסט־אָוונט אריינגעשליאָפּעט אין שטעטל אריין אהרון באלעגאָלעס פאַרדריפּעטע בויד און מיטגעבראכט ר׳ ברוכן מיט דער משפחה.

א פארעלטערטער, א געבויגענער; די באָרד אין גאנצן גרוי, איז עפּעס מאָדנע צעוואקסן געוואָרן און די קאַפּאָטע, נאָך אלץ א טוכענע, א שווארצע, אָבער אזוי אָפּגעבליאקעוועט, אז ס׳האָט געשניטן ביים הארץ. בלויז די אויגן האָבן נאָך געבליצט מיט יונגקייט, באזונדערס ווען ווער פון די פריערדיקע בחורים, וואָס זיינען נאָך געבליבן אין שטעטל, האָבן געלויבט א חידושל פון ספר וואָס ער האָט מיטגעבראכט מיט זיך.

א שטיבל האָט ער זיך געדונגען הינטער דער שטאָט, שוין כמעט אין דער גויאישער גאַס. אין שטאָט זאכן זיך נישט געמישט און געטראָפן זיך בלויז מיט געציילטע מענטשן. ווינטער פלעגט ער אויסגבלייבן פון שטעטל חדשים לאַנג און זומער זיך מערסטנס אַרומפירן מיט אַ פרעמדן בחור, א סטודענט וואָס האָט ביי אים געזומערט און אויך אויסגעמיטן די שטעטלדיקע. בלויז זעלטן ווען האָט ער זיך אָפּגעשטעלט רעדן א וואָרט

מיט די „שטיבל יינגלעך״, וואָס זיינען נאָך אַלץ געשטאַנען אויף דער מיטלסטער בריק און מכלומרשט געקוקט ווי די ראָזע זון שטראַלן טוקן זיך און פאַרשווינדן אין די רוישיקע כוואַליעס, וואָס ווערן אַלץ טונקעלער און טונקעלער. אין דער אמתן האָבן זיי דאָ אָפּגעוואַרט די נאַכט פינצטער־ניש אין וועלכער ס'איז לייכטער אוועקצושלייכן זיך יעדער צו זיין געהיים־פּלאַץ. ווער צום בוידעם שטיבל פון „בונד״ אין דער גאַרבאַרניע גאַס, ווער צום „התקווה״ פאַריין אין „רינג״ און ווער צו די „גרויסע״ אין אַ שאָפּע ערגעץ הינטערן „וואַול״. און אַמאָל גאָר פאַרלעכווייז אוועקצו־שטעלן זיך אויף די פאַרשידענע אַריינגאַנגס ערטער פון שטעטל אויף אַ גאַנצע נאַכט, אַזוי ווי די געהיימע זעלבסט־שוץ האָט באַשטימט.

אַ ווײַלע בלויז פלעגט ער שטיין מיט זיי און אומרואיק אַרומקוקן זיך. עס האָט אָפּט אויסגעזען ווי ער וואָלט זיך געוואָלט עפּעס קלאָר מאַכן און דערמאָנען, אָבער ווי נאָר ער דערכאַפּט עס, צאַפּלט ער אויף און אײַלט אַוועק.

דאָס שמאָלע בריקל

דאָס שמאָלע בריקל, איז אין דער אמתן גאָר קיין בריקל נישט, און איז ביז לעצטנס גאָרנישט אריינגענומען געוואָרן אינעם מניין פון די שטעטלשע בריקן, וואָס פירן פון ערגעץ צו ערגעץ. אפילו דער נאָמען איז ערשט צוגעקלעפּט געוואָרן צו דעם אין די לעצטע יאָרן. יאָרן־לאַנג האָט מען עס גערופן: „די לאַווע״, וואָס האָט גאָר אָנגעוויזן אויף דעם שטראָ־מיקסטן טייל פונעם טייך איבער וועלכן עס הענגט אויף דיקע קלעצער ווי אין דער לופטן. א זייטיק וועגל פירט צו דעם דורך די לאָנקעס און עס באשטייט אין גאנצן פון א פּאָר ברעטער צונויפגעקלאַפּט טאַנדייט און צו־געפעסטיקט מיט אייזערנע האָקנס צו א קיילעכדיקן באַלקן וועלכער דינט פאר אן אָנשפּאַר פון איין זייט. קיין פערד און וואָגן איז אויף דעם נאָך קיינמאָל נישט געפאָרן. ס׳איז א סברה אז קיין צוויי מענטשן קענען דאָרט אויך נישט דורכגיין איינער קעגן אנדערן. ס׳איז אין גאנצן א זייטיקס און עפּעס ווי סתם פאר שיינקייט וועגן, איבערצורייסן די מאָנאָטאָנע פלאַכקייט פון די לאָנקעס און שמאָלן שטראָם וואָס אינמיטן. בלויז די פאַסטעכער פון הויף באנוצן זיך אַמאָל מיט דעם ווען זיי איילן זיך אָנצוקומען צו די לאָנקעס מיט א קירצערן וועג.

פונעם הויפּטוועג, וואָס פירט פון שטעטל צו דער גויאישער פּאָר־שטאָט, זעט מען עס נישט ארויס. א שמאָלע סטעזשקע צווישן גראָזן פירט פון דאָרט צום בריקל. טרעטסטו אבער ארויף אויף דעם, טורעמט דיר גלייך אנטקעגן דער הויכער פּאַרקאַן פון הויפישן סאָד מיט די בייכיק צע־צווייגטע עפּלביימער, און עס בלינצלט פאר די אויגן דאָס ווייס געקאַלעכטע הויז מיט די שפּיציקע געדרייטע שטאַכעטן פון גלחס גאָרטן וואו עס רייסן זיך ביים טויער גרויסע ברוינע הינט ווי די קעלבער. זייער רייסן זיך מיט אן אומגעהייער האַווקעריי, פאַרקילט דאָס בלוט אין די אָדערן. פון זיך אליין הייבסטו אָן שלידערן אויף זיי אין דער גיך דעם „לא יחרץ כלב לשונו״ און ציסט זיך צוריק אין איין אָטעם נישט גרייכנדיק יענע זייט.

ווער ווייסט צי די כלבים זיינען נישט אמאָל לויז געוואָרן פון די קייטן. דער קירצער וועג, ווערט מיט אמאָל א לאנגער, און ערשט ווען מ׳איז שוין מיט גאָטס הילף אויפן טראקט, אָטעמט מען אָפּ פרייער ווי ארויסגע־ריסן זיך פון טייוולס הענט.

אין די לעצטע יאָרן אָבער, ווען מ׳האָט אויף יענער זייט הויף אויס־געבויט די פוילישע שקאָלע אין וועלכער יידישע קינדער זיינען געצוואונגען צו גיין, האָט „די לאווע״ געקראָגן דעם נייעם נאָמען פון די יידישע קינדער, וואָס פרוואוון אָפּט אין א ווינטערדיקן פרייטיק פארנאכט גיין דאָרט ארום כדי צו פארקירצן דעם וועג און נאָך באַווייזן אהיימצוקומען פאר ליכט־צינדן. צוליבן איילעניש קוקט מען נישט אויפן רייסן זיך פון די הינט, אויפן ציטערן און טרייסלען זיך פון די פּאָר לויזע ברעטער וואָס ווי נאָר דו טרעטסט ארויף אויף זיי, נעמען זיי זיך הוידען און פלאטערן פונקט ווי דאָס אייגענע פארציטערטע הארץ. מ׳לויפט מיטן וועגל וואָס פארן אלטן דאָקטאָרס הייזקעלע און מ׳הערט קוים זיין פריילעכן צורוף:״ אייל זיך, סראָליקל, וועסט נאָך ארייַנפאלן גלייך אין די לאָקשן״. מ׳שטעלט זיך אויך נישט אָפּ פארן טויער פון הויפישן סאָד וואָס מ׳מוז פארבייגיין, וואו דער משוגענער יאנוש, דעם פריצס ברודער, שטייט אלעמאָל דרימפּלענדיק אויף א צעבראָכענעם פידל, און ווי נאָר ער דערזעט עמיצן פארבייגיין איילט ער אים אנטקעגן דעקלאמירנדיק:״ שטיל ארום, פינצטער ארום, וואָס וועט דאָ זיין? וואָס וועט געשען?״ איצט האָט מען נישט קיין צייט צו אים און מ׳הערט נישט זיין דרימפּלען און זיין הייזעריק נאָכשרייען:״ פון אומגליק אנטלויפט מען נישט, קינדערלעך!״ די קינדער ווילן שוין וואָס פריער אָנקומען צום בריקל און אריבער אויף יענער זייט כדי אויסצומיידן א באגעגעניש מיטן „קיראָוניק״ פון דער שולע, פּאַן קאָזשעק, וועלכער לויערט אפילו אין דרויסן אויף די יידישע קינדער כדי צו געפינען אן אויס־רייד אויף מאַכן זיי א פּאָרוואורף און באווייזן זיי, אז זיי ווייסן נישט ווי אזוי אויפצופירן זיך אין לייטישער געזעלשאפט. פאר דער מינדסטער קליי־ניקייט ווערן זיי עפנטלעך באליידיקט און אויך באשטראָפט דורך פארלירן צייכנס אָדער בלייבן אין איזאָלאַציע ביז שפּעט אין אָוונט. פאר דעם לעצטן ציטערן די יידישע קינדער צום מייַנסטנס, באזונדערס אין די פרייטיקס. מיט אלע כוחות היט מען זיך נישט ארייַנצופאלן אין זיינע הענט, אָבער

גיי היט זיך אויס אז דו ווייסט קיינמאָל נישט וואָס איז לייטיש אין די אויגן פון פאַן קאַזשעק.

קומט פאַר א קינדערישע קריג אין הויף ביי וועלכער יידישע קינדער האָבן נישט אָפּגעשוויגן, נאָר צוריקגעגעבן, נעמט ער גלייך צונויף אַלע יידישע קינדער און האלט פאר זיי א מוסר־דרשה. זאָלן זיי וויסן זיין, אז דאָס נייע פוילן איז אויפגעשטאַנען תחיית־המתים כדי צו ווערן די טרעגערין פון דער אייראָפּעישער קולטור אויף די גרעניצן פון מזרח, און אלע בארבאריש־אזיאטישע מנהגים זיינען א פאראט קעגן נייעם פוילן. זייערע עלטערן וואָס לעבן נאָך לויט די אלטע באגריפן פון מיטלאלטער וועלן מוזן אויס־געמענטשלט ווערן דורך דער רעגירונג. ער און זיינע לערער זיינען דאָ געשטעלט, אז די קינדער זאָלן פארשטיין וואָס פאר א טובה מ׳טוט זיי ווען מ׳לערנט מיט זיי וועגן דער גלאָריע און גרויסקייט פון פוילן. זיי דארפן זיך פארדינען צו קענען ווערן א טייל פונעם אויפגעשטאנענעם פוילן. „ברענגט זשע דאָ נישט אריין אייער טשוואַרגאָטשען אין אייער לשון, וואָס קיין קולטורעלער מענטש וויל עס נישט קענען, און אייערע כיטרע שטיקלעך האָבן דאָ אויך נישט קיין אָרט. דאַנקבאַר דארפט איר זיין צו יעדן פּויליש קינד וואָס זיצט צוזאמען מיט אייך און העלפט אייך ווערן מענטשן״— צעקאָכט ער זיך און פארענדיקט מיט א שטראָף פאר אלעמען. ווען עס טרעפט זיך, אז די יידישע קינדער האָבן זיך אָפּגעהאַלטן פון ענטפערן אויף באליידיקונגען פון די פוילישע קינדער אָדער געשפּילט זיך אויפן הויף בלויז צווישן זיך כדי אויסצומיידן צוזאמענשטויסן, פארזאמלט ער זיי באַ־זונדער אין דער צייט ווען דער גלח איז אין שולע און לערנט מיט די פוילישע קינדער רעליגיע.״ אונדזערע קינדער לערנען איצט דעם אמתן גלויבן פונעם מויל פון א געטרייען דינער פון גאָט. אייערע עלטערן אָבער האָבן מורא פארן אמת און פארווערן אייך צו זיין דערביי. מיר לאָזן אייך אויספאַלגן זייער נארישקייט, ווייל אונדזער קריסטלעכע געדולד לערנט אונדז נישט ארויפצוצווינגען קיין זאך מיט געוואלד. איר דארפט עס אָבער אָפּשאצן און אליין וועלן דערזען דאָס ליכט פון אמתן גלויבן. נישט אָפּטיילן זיך ווי איר טוט עס. נישט אָפּזונדערן זיך. די גלאָריע פון פוילן וואַרט אויף אייער אָפּזאָגן זיך פון דעם עקשנות. איר דארפט אָבער וויסן, אז א געטרייער פאסטעך מוז אמאָל אויפהייבן דעם שטעקן כדי ארויסצופירן אויף דער

ריכטיקער סטעזשקע די סטאַדע וואָס ווייסט נישט וואו דאָס פּאַשע פּעלד ליגט.״

זיין געלאַסנקייט צוזאַמען מיט די פּאַרפּוצטע מליצות און גרייטע פּסוקים וואָס ער באַנוצט אין רעדן, פּאַלט שווער אויף די קינדער. א מאָדנע בושה און ווייטיק פּרעסט זיי. ממש ווי די ווענט וואָלטן זיך צונויפגערוקט און זיי איינגעקלאַמערט. מ׳האָט מורא צו קוקן גלייך און א ריר טאָן מיט אַן אבר. פּאַרגליווערט זיצט מען און מ׳הערט מיט שרעק ביז דער פּחד באַ־וועלטיקט אפילו די שטאַרקסטע און זיי גלאָצן גלייך צום פּאַן קאַזשעק, וואָס ווערט אלץ שאַרפער און פּאַרכליניעט זיך מיט די אייגענע רייד. די שטומקייט פון די קינדער רייצט אים. רעדט ער שוין נישט, נאָר ער שרייט, שטעכט און וואָרנט און וואַרפט בייזע, אַרויסרופערישע בליקן אין דער זייט וואו עס זיצט דעם דיינס טאָכטער דבורהלע. די פּעאיקסטע אין שולע איז זי און בלייבט קיינמאָל נישט שולדיק קיין ענטפער ווען עפּעס געפעלט איר נישט. אפילו דעם גלח וואָגט זי צו ענטפערן:״ דער טאַטע, זאָל לעבן, האָט מיר געזאָגט, אַז אין אונדזערע הייליקע ספרים שטייט אַנדערש...״

פּאַן קאַזשעק דערוואַרט, אַז זי זאָל סוף כל סוף אַרויסשפּרינגען מיט עפּעס און ער גרייט זיך צו דעם. „אוודאי האָט איר אויך אַמאָל געהאַט הייליקע ספרים״—קוקט ער דבורהלען גלייך אין די אויגן אריין,—„אָבער היינט איז אַן אַנדער צייט. גרויסע זאַכן דאַרף פּוילן דורכפירן פאַר איראָפּע. פּוילן איז אויפגעשטאַנען כדי צו באַפרייען אלע מזרח פעלקער פון זייער יאָך און שמאַך. דאָס איז אַלעמאָל געווען אונדזער מיסיע און אוודאי איצט. אייער אָפּזונדערן זיך איז א שטער, א גרויסע שטער. מיר קענען נישט און וועלן עס נישט דערלאָזן. איר דאַרפט עס אליין לערנען און אָנווייזן אייערע עלטערן. זיי מוזן אוועקוואַרפן זייערע שאַכער־מאַכערס און תלמוד דריידלעך.

— האָט דער פּאַן קיעראָווניק אַמאָל געלערנט תלמוד?—האָט איינמאָל דבורהלע אַרויסגעפּלאַצט מיט אמאָל און זיך צעוויינט.

א רגע האָט פּאַן קאַזשעק זיך פאַרלוירן און ווי צעטומלט געקוקט אויף די קינדער, וואָס האָבן מיט אמאָל אויפגעהויבן די קעפּ. באַלד האָט ער זיך אָבער אויסגעגלייכט מיט דער גאַנצער הויך זיינער, א גלעט געטאָן די גלאַט פאַרדרייטע וואָנצעלעך און כמעט רואיק געענטפערט:

— ניין, דבורה, איך האָב אליין קיין תלמוד נישט געלערנט. איך ווייס אָבער פון אנדערע וואָס דאָרט שטייט. דער גאנצער אומגליק אייערער קומט פון דאָרט. פאר אנטקעגנרעדן, דבורה, וועסטו היינט בלייבן נאָכן לערנען אויף צוויי שעה אין איזאָליר־צימער. דאָרט וועסטו האָבן גענוג צייט צו באטראכטן זיך. דער קלאַס קען גיין, נאָר זוי מענטשן און נישט ווי צע־דרייטע חסידארניקעס — — —

צוגעבן דארף מען, אז אויך די נישט יידישע קינדער האָבן גאנץ אָפט געליטן פון זיין שטעכיקן מוסר און שארפער צונג. דאָס פלעגט געוויינטלעך ארויסקומען אין די חודשלעכע שמועסן וואָס ער פלעגט פירן מיט די עלטערע קלאַסן. ווי דער פירער פון דער שולע, איז ער נאָכן גלח געווען אויך דער גייסטיקער מדריך פון די תלמידים, און אין יעדן דרשה ברענגט ער ארויס די גרויסע מיסיע וואָס ער און די לערער פירן דאָ דורך און פארלאנגט פון די קינדער זיי זאָלן זיי ארויסהעלפן אין דעם „וויל—שפּיזט ער זיי דורך און דורך מיט שאַרפן פאַרוואורף אין קול — אייערע היימען שמעקן מיטן ריח פון שטאַל און פויערישער כיטרעקייט אָדער גאָר מיט שאַכער־מאַכער. מיר וועלן עס אויסרייניקן און אייך אויסאיידלען כדי איר זאָלט ווערט זיין צו פארטיידיקן אייראָפּע קעגן אזיע.״

זעלטן אז די שמועסן זיינען אָפּגעגאַנגען גלאטיק. גאנץ אָפט האָט א קינד שוין נישט געקענט איינהאלטן זיך און עפּעס א זאָג געטאָן, אָדער סתם ארויסגעוויזן א נישט צופרידענע מינע. ערשט דאַן האָט זיך דער מוסר געשטארקט און א גאַס געטאָן מיט א פלייץ איבער די קינדערישע קעפּ. איבערטראָגן האָט מען עס געקענט נאָר צוליב דעם לעקעכל פון אָט די פארזאמלונגען. די גאנצע צייט פון זיין רעדן האָט מען געוואַרט אויף דער פראַזע וואָס פלעגט קומען ביים סאַמע סוף פון דער דרשה וועלכע ער פלעגט ענדיקן מיט א מין טריאומף „און איצט וועט איר הערן די רייד פון די גרויסע גייסטער פון פוילישן פאָלק, וואָס איז די שוץ־וואַנט פון אייראָפּע אויף דער גרעניץ פון אזיע״.

מערסטנס האָט ער פאַרגעלייענט אָדער פאַרגעזונגען. אין דעם איז ער געווען א מייסטער און די קינדער האָבן ממש געשלונגען יעדן וואָרט און באוועגונג זיינע. זיין גאנצער געשטעל איז דערביי געוואָרן אן אנדערער. ס׳האָט זיך מער נישט געזען די שטייפע אָנגעצויגנקייט פון דעם הויכן

גראָען פאַן קאַזשעק, נאָר עפּעס אַ שלאַנקער עקזאַלטירטער מכשף איז געשטאַנען פאַר זיי און זיי אוועקגעפירט אין אַנדערע וועלטן. אָט זיינען זיי ערגעץ אין די טאַטרען־בערג מיט די „ליאַכעס" פון פאַרצייטן און אָט שווימען זיי מיט דער לעגענדאַרער וואַנדאַ אויף די שפּילנדיקע שטיפער־רישע כוואַליעס פון די פּוילישע טייכן; אָט שטייט אויף פאַר זיי די אַמאָליקע גלאָריע און ריטערלעכקייט פון דער „שליאַכטאַ" וואָס שטייט ווי אַ מויער אויף די גרעניצן און לאָזט נישט די טאַטערישע און קאָזאַקישע האָרדעס פאַרפּלייצן דעם אַוואַנגאַרד פון אייראָפּע. און אָט נעמט זיי איבער דער צער און טרויער פון פאַרפייניקטן פאָלק. זיי זעען בחוש ווי דער מאָסקאָ־לישער שטיוול טרעט איבער פעלד און וואַלד וואו עס באַהאַלטן זיך די טרוימער פון דער קומענדיקער פרייהייט.

ווען ער לייענט, פאַרגעסן די קינדער ווער עס שטייט פאַר זיי. זעען מער נישט זיין גיפטיקן שמייכל און חוזק וואָס ער טראָגט אַלעמאָל אַנטקעגן יעדן איינעם. אויג און אויער איז צוגעשמידט צו דעם דינעם הויכן פאַן קיעראָווניק, וואָס איז די איידלקייט אַליין איצט. זיין קוק פון אויבן אַראָפּ איז ערגעצוואו נעלם געוואָרן. ער איז אַריינגעטאָן אין זיך, און עס דאַכט זיך, אַז ער איז איינס מיטן טרויער וואָס פליסט פון די ווערטער וואָס ער ברענגט אַרויס; איינס מיטן ציטערדיקן בענקענדיקן צער וואָס הויערט אין צימער, און איינס מיט דער אָפּט צאַפּלדיקער פרייד וואָס טאַנצט מיטן שפּילעוודיק לופטיקן ריטם וועלכער קלינגלט אַראָפּ פון די געשניצטע ליפּן זיינע. מלא חן איז ער איצט, און ווען ער פאַרשווינדט פלוצים פון צימער בלייבט מען זיצן מיט אָפענע מיילער און פולע הערצער. ס'איז באמת אַ שאָד וואָס ער איז מער נישט מיט זיי.

באַגעגענען זיך אָבער מיט אים אין געוויינטלעכע טעג, איז גאָר נישט פון די פריילעכסטע געשעענישן וואָס קען טרעפן אַ קינד. קיין זאַך געפעלט אים נישט. נישט ווי דו גייסט און נישט ווי דו שטייסט. קיינעמס אויפפירן קען זיך נישט אויסגלייכן מיט זיין פאַרלאַנג. באַזונדערס נאָך די יידישע קינדער, וואָס צו זיי האָט ער גאָר אַ באַזונדערע מאָס און גרייטע שטראָף. איילן זיך דעריבער די יידישע קינדער מיטן קירצסטן וועג דורך דעם „שמאָלן בריקל". אַבי דו קומסט עס נאָר אַריבער, ביסטו שוין כמעט אין דער היים וואו די מורא פאַרן פאַן קאַזשעק פאַרשווינדט ווי נישט געווען.

זעלטן אז ער באווייזט זיך אין שטעטל בפרט אין א פרייטיק פארנאכט. ער קען פשוט נישט צוזען ווי דאָס שטעטל שטילט זיך איין און די רו אליין הילט עס איין מיט א שלוואהדיקן שלייער. עס שטעכט אים ממש מיט דינע נאָדלען דאָס אויפבליצן מיט אמאָל פון שבת ליכט אין אלע פענצטער. די ארומיקע רו און דאָס באַזאַכטע ציען פון אויסגעפוצטע יידן מיט זייערע קינדער אין די באלויכטענע שטיבלעך און בתי מדרשים אריין, רייצט אים און פייניקט אים. עס יאָגט אים פון שטעטל: „זע נאָר ווי זיי פארשטעלן זיך. גאנצע לעמעלעך געוואָרן!" צישעט עס אין אים ווי א פערזענלעכע באליידיקונג. ער וועט עס שוין אויסלאָזן צו די קינדער אונטער זיין רשות קומענדיקע וואָך.

ער ווייסט, אז גאָר א גרויסער טייל פון די שטעטלשע יידן שיקן זייערע קינדער אין דער פוילישער שולע נישט מיטן גוטן ווילן. ער האָט אפילו עטלעכע געדארפט איינזוצן אין „קאָזע" אויף א פאָר טעג איידער זיי האָבן זיך אונטערגעגעבן און געשיקט די קינדער. עס ברענט אים אויך ביזן ביין, וואָס א טייל קינדער און דווקא פון די אויפגעקלערטע מיט וועמען די פרו־מאקעס פירן א מלחמה, זיינען אין גאנצן נישט אין זיין רשות. זיי לערנען עפּעס אין אן אייגענער שולע, וואָס איז געעפנט געוואָרן נאָך אין דער צייט פון די עסטרייכער בשעת דער לעצטער מלחמה. „ווייסט זיי דער טייוול, וואָס זיי לערנען דאָרטן". ער האָט שוין וויפל מאָל אָנגעוויזן אין דערציאונגס אמט, אז דאָס שטערט אים אין זיין ארבעט. ער האָט אָבער גאָרנישט גע־פועלט. דער עיקר אָבער ברענט אים דאָס וואָס כמעט אלע יידישע קינדער גייען ערשט נאָך דער שולע אין חדר אריין. קעגן דעם איז ער שוין גאָר הילפלאָז. עס העלפט נישט זיין חוזקן און בייזערן זיך. ער קען עס נישט אָפּשטעלן פונקט ווי ער קען נישט אָפּשטעלן די שארפע בליקן וואָס שפּיזן אים נאָך פון אלע זייטן ווען ער באווייזט זיך אין „רינג". עס דאכט זיך אים אפילו, אז פון הינטער די בריקלעך און האלב פארמאכטע לאָדנס לויפן אים נאָך שנאה בליקן פון זיינע אייגענע תלמידים וואָס ווערן אויסגערונעט ווי נאָר ער באווייזט זיך דאָרט.

ער האָט דערפאר א ווילדע הנאה ווען א לערער לאָזט אים וויסן, אז ווער פון די יידישע קינדער האָט זיך מיט עפּעס פארזינדיקט, אָדער דורכ־געפאלן אין אַן עקזאַמען. מיט געמאָסטענע טריט און פארשטייפטע ליפּן

טוט ער זיך א שטעל אריין אין קלאס ארויסצוגעבן זיין שטראָף אז אלע זאָלן הערן און זען. די באַליבסטע שטראָף איז איבערלאָזן אין איזאָליר־צימער ביז שפּעט. „איר וועט שוין היינט נישט שווארגאַטשען אין חדר דאָרט״—צעציט ער א גיפטיק שמייכעלע פון איין שפּיציקע וואָנצע צו דער צווייטער. שטארק צופרידן איז ער ווען א גאנצע גרופּע פארזינדיקט זיך און דאָס נאָך אין א פרייטיק. דאן שיקט ער דעם לערער, וואָס דארף בלייבן מיט די קינדער, אַהיים און בלייבט אַליין היטן די באַשטראָפטע.

כל זמן ס׳איז נאָך ליכטיק, האָט ער די קינדער געלאָזט אליין אין איזאָליר־צימער און זיי נישט געשטערט אפילו ווען זיי האָבן ווי קינדער געפּרואווט פארוואנדלען די שטראָף אין א שפּיל. ווי נאָר אָבער ס׳איז טונקל געוואָרן, שטעלט ער זיך אריין אין צימער אריין און מיט א גלאטיק צינגל נעמט ער אריינטענהן אין זיי: „גוטע צייט טאָר מען נישט פארשווענדן אויף גאָרנישט. וועל איך אייך דערווייל דערציילן א מעשה, וואָס וועט אייך עפּעס לערנען אין דער זעלבער צייט...״

די מעשה וואָס ער האָט צוגעקליבן איז אלעמאָל געווען א שרעק־געשיכטע וועגן א ריז מיט איין אויג א רויטס, א גליאיקס וואָס וואו עס פאלט א בליק פון דעם, ברענט עס ווי א פייערדיקע שפּיז, אָדער פון א כשופמאכער וואָס דער טייוול אליין גייט מיט אים מיט אין אלע וויסטע וועלדער און פארלאָזענע היילן, אָדער גאָר פון גזלנים וואָס באהאלטן זיך אין פארבאָר־גענע היילן א גאנצן טאָג, און באנאכט לאָזן זיי זיך ארויס אויף רויב און טויט ווי די הונגעריקע וועלף. דערביי האָט ער אזוי מאַנעווורירט און נאָכ־געמאכט דאָס קול פון די העלדן פון דער מעשה, אז ס׳האָט זיך געדאכט אז זייער הייזעריק און כריפּנע קול פול מיט שלעכטס קומט אָט פון דעם און אָט פון יענעם ווינקל אין טונקעלן צימער. די קינדער זיינען געזעסן צונויפגעדריקטע און געציטערט. פּלוצים האָט ער זיך א רוק געטאָן אויף הינטערווילעכטס און ארויס פון צימער אויף א ווילע כדי פּונקט אזוי פּלוצים אומצוקערן זיך און ווייטער פאָרזעצן די שרעק געשיכטע. מיט יעדן מאָל אריין און ארויס פון צימער איז די שרעק פון די קינדער גע־וואקסן, און ערשט ווען די קינדער האָבן שוין מער נישט געקענט אויס־האלטן און זיך צעוויינט, האָט ער אָנגעצונדן א שוועבעלע און זיך צעלאכט:

„אזעלכע פחדנים זענט איר?! גייט זשע שוין אהיים זיך באהאלטן הינטער די לייבסערדאַקן דאָרט.“

עס האָט נישט געהאָלפן וואָס א פּאָר טאַטעס האָבן זיך איינגעשטעלט און געקומען צו אים בעטן און אפילו געסטראשעט מיט פארקלאָגן פארן אינספּעקטאָר. „ווי אזוי צו מאכן פון פארווילדעטע קינדער מענטשן פון ישוב, ווייס איך בעסער פון אייך“—האָט ער זיי אָפּגעזידלט און נאָך מער געזוכט וועגן ווי צו ברענגען דערצו, אז כאָטש א טייל פון די קינדער זאָל יעדע וואָך מוזן פארפעלן צו גיין אין „חדר“.

אויפגעגעבן האָט ער עס ערשט דאן, ווען ס'איז אים איינמאָל בשום אופן נישט געלונגען צו מאכן די קינדער צו וויינען. געווען איז עס אזוי: כאָטש ער האָט דערציילט א שרעק־געשיכטע און אָנגעווענדט אלע זיינע קונצן צו פארשטארקן די אומהיימלעכקייט, האָבן די קינדער פּאָרט נישט ארויסגעוויזן קיין סימן פון שרעק. ער איז אריין און ארויס פון צימער עטלעכע מאָל און די קינדער זיינען אַלץ געזעסן שטיל און רואיק, האָט עס אים זייער שטארק געוואונדערט. האָט ער אנגעצונדן א שוועבעלע און דערזען אז די יינגלעך זיצן און האלטן די ציצית אין די הענט און די מיידלעך האלטן זיך ביי די הענט ווי זיי וואָלטן געווען צונויפגעפלאָכטן. אין דער ערשטער רגע, האָט ער געוואָלט ארויספּלאצן מיט א געלעכטער, אָבער דער אָנבליק פון דער קינדערישער זיכערקייט האָט אים פארהאקט דאָס געלעכטער איידער ס'האָט נאָך באוויזן ארויסצוקומען. כמעט מיט א ציטער האָט ער ארויסגעשטאמלט: ״ווער האָט אייך דאָס געהייסן טאָן? זאָלסט שוין זאָגן, דבורה!״

— דער טאַטעשי זאָגט, אז יידן האָבן נישט קיין מורא פאר קיין שדים און קיין כישוף. ווי נאָר דער פּאַן קיעראָוניק גייט ארויס, זאָגן מיר די הייליקע ברכות וואָס הייבן זיך אָן מיט „ברוך“. אַ געבענטשטער קען נישט זיין פארשאָלטן—האָט זי עס אָפּגעמאָלן אזוי שנעל, אז זי האָט קוים דעם אָטעם געקענט אָפּכאַפּן.

ווען נישט די פינצטערניש אין צימער, וואָלטן מן הסתם די קינדער באמערקט ווי פּאַן קאָזשעק האָט זיך ממש געקאָרטשעט פון כעס. ער האָט זיך אָבער באהערשט און ארויסגעזייערט צווישן די ציין: „ביסט ווערט שמיץ, דבורהקע, פאר אקעגנרעדן. דיין טאַטוש איז אָבער גערעכט. מ'דארף

נישט קיין מורא האָבן. איר האָט געלערנט אַ גוטע לעקציע. טראָגט זיך אַפּ אהיים."

וואָס דבורהלע האָט אים אָבער נישט געזאָגט איז, אז דאָס האָבן די קינדער זיך צונויפגערעדט מער נישט ארויסצעוויזן פארן קיראָוועניק קיין פּחד פאר זיינע מעשות. געקומען צו דעם זייענען זיי נאָכדעם ווען לויפנדיק איינמאָל אהיים פון איזאָלירונג א פארווינטעט, האָט זי פאר דער וואסערמיל אָנגעטראָפן דעם טאַטן מיט ר׳ לייבע שניטקרעמער. זיי האָבן זיך טאַקע פונקט דאן געלאָזט גיין צו דער שקאָלע אויסצוגעפינען וואָס עס טוט זיך דאָרט מיט זייערע קינדער. הערנדיק וואָס עס האָט פּאסירט, האָט ר׳ לייבע אזש א צאפּל געטאָן:

— און ווער האָט דיך געלערנט, דבורהלע, צו וויינען ווייל דער גוי דער רשע וויל אזוי? ווי קומט עס צו דיר, האַ?

— מיר האָבן מורא,—האָט זי נאָך אַלץ געכליפּעט.

— וויניק ברכות קענסטו? און די ייִנגלעך האָבן דאָך ארבע כנפותן. שטותים, זאָג איך דיר. טוט אים נישט צוליב בלויז איינמאָל, וועט ער אויפ־הערן. א מכה אים, אז א ייִדיש קינד זאָל וויינען פאר אים.

— כּהאָב דאָך דיך געלערנט, אז א „ברוך" האָט נישט וואָס מורא צו האָבן פאר אַן „ארור"—האָט כמעט מיט פּאראיבל דער דיין איר אפּערגעהאַלטן און גלייך זיך צוריקגעכאַפּט—צוריקרעדנדיק אָבער, איז אפשר בעסער אזוי. זאָלן ייִדישע קינדער וויסן דעם טעם פון רשעות. אז נישט קענען זיי נאָך חלילה מיינען, מי יודע וואָס עס ליגט אין זיינע וואָנצעס.

— אָבער וויינען פאר אים, א פּייג אים. זאָגט וואָס איר דאַרפט און פּטור. הערסט, דבורה?!

אהיימגעקומען איז שוין דבורה מיט טרוקענע אויגן, און אפילו אין שלאָף האָט זי געדענקט געניי וואָס מ׳דאַרף טאָן. און טאַקע ביי דער ערשטער געלעגנהייט עס אויסגענוצט. ווי נאָר דער פאַן קאזשעק איז פּלוצים ארויס פון צימער אינמיטן א שרעק בילד, ווי דער שד וואָס באַגלייט דעם כישוף־מאַכער נעמט קריכן דורך א שפּאַלט אין הויז אריין וואו עס ליגט אַן אומ־שולדיק קינד, האָט דבורהלע מיט ציטערנדיקע ליפּן א שעפּטש געטאָן:

— איך האָב קיין מורא נישט. איך קען די ברכות וואָס זיינען א סגולה קעגן נישט גוטע.

— זאָגט אַלע וואָס איר קענט. נעמט זיך אָן ביי די הענט און זאָגט שטיל וועלכע ברכה איר געדענקט.

— און ארבע כנפותן זיינען אויך א סגולה.

ס׳איז אָפּגעטאָן געוואָרן אזוי שנעל און שטיל, אז ווען דער פּאָן איז ווידער אריין אין צימער, האָט ער גאָרנישט נישט באמערקט. ערשט ווען ער האָט זיך צום דריטן מאָל אריינגעשלייכט ווי א קאַץ זייענדיק זיכער אז זיי וועלן שוין מער די שרעק נישט אויסהאלטן, איז אים געוואָרן אויפפאלנ־דיק די שטילע רואיקייט פון די קינדער.

דער בלינצל פון שוועבעלע האָט אפילו אויפגעציטערט אלע פּנימער. ער האָט אָבער גלייך דערזען, אז דאָס מאָל איז ער דורכגעפאלן. נאָך דבורהס ענטפער, האָט ער גלייך דערזען אז ס׳איז געווען אן אָפּגעמאכטע זאך. כדי אָבער נישט ארויסצעווייזן זיין שוואכקייט האָט ער עס בעסער געפּרואווט פאַרוואַנדלען אין אַ זיג פאַר זיך.

— איר האָט געלערנט א גוטע לעקציע. ס׳האָט זיך געלוינט אָפּצוגעבן מיט אייך—האָט ער זיי ארויסבאגלייט כמעט מיט פריינדשאפט.—איך האָף אז מער וועט איר שוין נישט טאָן אזעלכעס איר זאָלט דארפן בלייבן אין איזאָלאציע.

די איזאָליר־שטראָף איז טאקע פון דאן אָן געוואָרן א זעלטנקייט, פונ־דעסטוועגן האָט מען נאָך יעדן פרייטיק געאיילט צו לויפן מיטן „שמאָלן בריקל״ כדי אויסצומיידן א באגעגעניש מיט אים.

האָבן יידישע קינדער געבענטשט דאָס בריקל וואָס איז ממש א געשאַנק פון גאָט אין די ווינטערדיקע קורצע פרייטיקס. איי, דאָס האַרץ ציטערט און פלאַטערט אַרויפשטעלנדיק אַ טראָט אויף דעם: אוי, ווי גליטשיק ס׳איז, און ווי עס הוידעט זיך, ווייַ איז מיר. נעם זשע די נשמה אין די הענט און קוק נישט הינטער זיך און נישט אין די זייטן. לויף פאָרויס. מיט איין האַנט האַלט זיך אָן אָנלען ביי דער זייט און די צווייטע שיק פאָרויס ווי זוכנדיק אָנשפּאַר אין דער לופט וואָס איז פול מיטן בהלה־דיקן בילן פון די הינט אין גלחס הויף. נאָך א טראָט און נאָך א טראָט און

די סכנה איז הינטער דיר. ביסט שוין אויף דער סטעזשקע וואָס פירט צום וועג. אבי נאָר קיין שקצים לויערן נישט ערגעץ הינטערן בערגל, ביסטו שוין נאָענט פון דער אלטער בריק וואָס איבער דער שליוזשע, וואָס רוישט און שוימט מיט אָפענע און פארמאכטע פענצטערלעך צו פארהאלטן דאָס וואַסער פאַר דער מיל.

און אבי דו ביסט שוין אויף דער בריק און הערסט נאָך פון ווייטנס דאָס שליאַפּען פונעם גרויסן הילצערנעם ראָד פון דער וואסער־מיל, ווייסטו אז האָסט נישט פארשפעטיקט און נישט מחלל שבת געווען חס ושלום. איז אז וואויל צו דיר און א לויב צום שמאָלן בריקל.

גאסן

דער רינג

א

א שמאָלער גריבערדיקער וועג פאַר פערד און וואָגן פון פויער און באַלעגאָלע, ציט זיך גלייך ווי א ווירע פון דער „לאַנגער בריק" אָן ביז צו „דער מיטלסטער" און פון דאָרט גלייך צום „רינג". פון איין זייט וועג שפּרייטן זיך די פּריצישע לאָנקעס וואו געזונטע ברייטבייניקע פערד מיט געשווירענע עקן און צעבערשטלטע גריוועס לויפן ארום און הירזשען פריילעך און זאַט ביז העט אוועק צום הויכן שטעכיקן פּאַרקאַן, וועלכער צוימט אָפּ די לאָנקעס פון די טאָרף און בלאָטע פעלדער וואָס ווערן פאַרפאַלן ערגעץ ווייט הינטערן זוים פון הימל אין עק וועלט שוין. בלויז א פלאַקערדיקע זון זעצט זיך דאָרט א קנויל פייער, אָבער קיין לעבעדיק באַשעפעניש קומט פון דאָרט נישט צוריק. דאָרט אין יענעם עק וועלט, זאָגט מען, זיינען מיט הונדערטער יאָרן צוריק מי יודע וויפיל טאַטארישע און קאָזאַקישע האָרדעס נעלם געוואָרן אין זייערע אָנפאַלן אויף די גיטער פונעם גראַף זאַמאָיסקי. אין רואיק שטילע נעכט, זאָגט מען, קען מען נאָך היינט דערהערן אָפּקלאַנגען פון יללות און אָכצן פון די מחנות וואָס זיינען דאָרטן פאַרזונקען געוואָרן. אין זומער נעכט, בלישטשען פון דאָרט פייערלעך וואָס שווימלען ארום מיט א שנײדנדיקן בלינצלען אינעם חשכות; לעבעדיקע פלעמעלעך שפּרינגען אַרום פון אָרט צו אָרט. שפּאַציר־גייער אויפן וועג, נעמען איילן דאַן אין שטאָט אריין און מיידן אויס צוקוקן אהין וואו די פייערלעך טוקן און פלעמלען זיך.

מיטן צווייטן זייט וועג איילט מען. דאָרט זיינען די הויכע הילצערנע קליאַדקעס האָרט לעבן די הויפישע בניינים. די קליאַדקעס קנאָקן און סקריפּען אונטער די טריט פון די גייער; הייבן זיך כסדר אויף און פאַלן צוריק מיט א טעמפּן שליאַפּ, ווי זיי וואָלטן וועלן נאָכיאָגן די איילנדיקע טריט ביזן סאַמע מיטן פון שטעטל, ביזן „רינג" וואו אלע וועגעלעך און בריקלעך וואָס ציען זיך אין שטעטל אריין ווערן פאַרלאָרן און באַהאַפטן מיטן שטענדיקן טומל וואָס שטייט דאָרט.

דער „רינג״ איז קיילעכדיק, בייכיק און רחבותדיק. א לײדיקער גרויסער נישט ברוקירטער פלאץ וואָס שיידט אָפּ די קלייטן פון מזרח צו מערב און צפון צו דרום. דאָס פלאץ איז אָנגעפילט מיט וועגענער און געשטעלן בלויז אין די יאריד־טעג. אין סאמע מיטן פון דעם רינג־פלאַץ טורעמט הויך און גרוי דער אלטער פארזשאווערטער פלומפּ; לעבן אים דער פייער־גלאָק מיט א לאנגען נאָכהענגענדיקן שטריק, וואָס באָמבלט זיך אין ווינט. א רינג הייזער מיט קראָמען און געשטעלן באזעצט מיט מארק־יידענעס, רינגלט ארום דעם גאנצן פלאץ. קראָמען מכל המינים האָט דער „רינג״: אייזן און ברוכווארג; שניט סחורות און לעדער און מעל און בשמים און שיך און היטלען, און פּרוכט און פליייש; פוטער און פּעלצן, און קאָשער־מילעכלעך און זשאַרנעס, וואָס גרילצן מיט שווערע שטיינער א גאנצן טאָג. אין סאמע אויבן־אָן די אַפּטייק מיטן גרויסן שווארצן שילד אויף גויאיש, וואָס שרעקט מיט א סודותדיקן דרך־ארץ און שטילקייט ארום זיך, און שארפע ריחות, וואָס פארהאקן דעם אָטעם.

דאָ מיניעט זיך אויך אין פרעמדע אויסטערלישע קאָלירן דאָס קייַלעכדיקע סלופּיקל פארן שערערס הויז. מיט רויט און געל און א בלייך פּאַסיקל ווייס, רייסט עס אויף יעדן אויג, און יידן איילן פארביי דעם הויכן גאָניקל כדי נישט צו זען ווי משה שערער שטייט בריש־גליה, אָן א היטל אויפן קאָפּ, אָן דעם צלם־אלוקים אויפן פנים און קראַצט די מאָרדעס פון גוים און יידישע תרבות־רעהניקעס מיט אזא טריפהנעם אפעטיט, אז ער שיינט אזש פון הנאה.

דאָ איז אויך דאָס שענקל, די „טשיינע״ מיט דער גרויסער גלעזערנער טיר און כסדרדיקן טומל הינטער זיך. מאָט און געשליפן איז דאָס גלאָז פון דער גרויסער טיר; גלאַנצט, דאַכט זיך, אָבער דו זעסט גאָרנישט נישט; נאָר די שמאָלע לאַנגע שילד פון דער רעכטער זייט רעדט מיט א הייסן סאַמאָוואַר פון וועלכן עס זעצט א פּאַרע; אונטן—א גלעזל מיט א טעצל באלייגט מיט רויטן געקנאָבלטן אויפשניט, וואָס בעט זיך ממש: טו נאָר אַ לעק, ועסטו זען ווי סע צעגייט אין מויל.

א גערודער טומלט ארום אין „רינג״ א גאנצן טאָג, און שמאָלע ליקלעך פירן פון דאָרט צו אלע גאסן און געסלעך פון שטעטל. פון וועלכער זייט דו

זאָלסט נישט קומען, מוזסטו אריינפאלן אין „רינג" אריין, און צו וועלכן געסל דו זאָלסט נישט איילן, מוזסטו דורכשפאַנען דעם „רינג", און הונ־דערטער אויגן זעען דיך און קוקן דיר נאָך, אז די פיס נעמען זיך פּלאָנטערן און די הענט זיינען עפּעס איבעריק אזש דו ווייסט נישט וואו מ׳טוט זיי אהין. אפילו די זון וואָס גייט אויף ערגעץ הינטערן וואלד, צעלייגט זיך ערשט באמת מיט דער גאנצער גרויס ווען זי שטייט א פלאַמיקע הויך איבערן „רינג". געסלעך און גאסן—אַנגעוואָרפן און אויסגעצויגן ארום און ארום דעם „רינג", האָרכן זיך צו צום טומל פון „רינג" און שעפּן חיות פון דאָרטיקן גערודער און פאלן מיד און פארחלשט אוועק מיטן לעשן זיך פון פייערדיקן פלאם ארונטער צו צום געדיכטן סומנעם וואלד, העט העט נאָך דער גויאישער פאַרשטאָט ביים זאמדיקן טראקט.

ווער שמועסט נאָך די לבנה—זי ווערט ערשט באמת די „קעניגן פון הימל", ווען זי טוט זיך אזוי אַ שטעל אוועק אין סאַמע מיטן „רינג" מיט טרויעריק בלאסן שיין אין פרילינג נאכט. זילבער שטילקייט שפּרייט זיך פון דאָרט אויף אלע בלעכענע און שינדל דעכלעך. שא שטיל ארום: די קעניגן פון דער נאכט איז געקומען אין איר קעניגרייך. די שטילע הינטער־געסלעך קוקן שטום דורך די פלויטן און ליקלעך צום „רינג" מיטן פאר־שטומטן געטומל און האלטן אויך דעם אָטעם איין:—דער „רינג" רוט, דרך ארץ!

בלויז ציגן און פּארוואָרלאָזטע הינט און בלודנע קעץ ניוכען ארום, נישטערנדיק צווישן אָפפאל פון די געשטעלן. אָפט פּראַלט די שטילקייט אויף מיט א גרילץ, געוואָי און געיאָמער פון פארלאָזענע קעץ. שטעלט אלץ אָן מויל און אויערן מיט פּחד און גרויל. מ׳ווייסט פון וואנען עס קומט דער געיאָמער. פון דער חורבה פון „מענדיקס גדולה" קומט עס. פּארטוליעט אין טונקלעניש און פארשטעלט פון דער הויכער קאָמעניצע ביים סאמע עק פון „רינג", בלאסט אין לבנה שיין די איינגעפאלענע חורבה. בלויז קעץ און הינט שלייכן דאָרט ארום איצט, אָבער קינד און קייט ווייסן אז אַמאָל האָבן בליצלאָמפּן דאָרט געברענט גאנצע נעכט. פול זענען געווען די שטובן מיטן גרויסן געזינדל פון מענדיק דעם תקיף. א ייד א געשטעל געווען דער מענדיק. פון קאָפּ ביז די פיס א תקיף: א ברייטע צעקעמטע שווארצע באָרד און א יאָמש שטאָק מיט א זילבערנע גאָלקע; א ברייטביינערדיקער גוף

און א גאנג וואָס לאָזט נישט איבער קיין צווייפל, אז ער ווייסט נאָך וואָס ער גייט, און קיינעמס טריט גייען אים נישט אָן—נישט ווער ס׳איז פאר אים און נישט ווער ס׳איז נאָך אים.

געווען אויסגעקאָכט מיט פריצים און מלכות. געלעבט ברייט, נגידיש רחבותדיק ווי דאָס גרויסע הויז זיינס מיטן הויף ארומגעצוימט מיט א הויכן פארקאָן. ערגעצוואו האָט ער גרויסע געשעפטן, האָט מען געזאָגט, אָבער וואָס און וואו? האָט מען לאנג נישט געוואוסט. א ייד גיט אויף קהל מיט דער ברייטער האנט, האָט מען דרך ארץ. איי, ער איז א תקיף, אָן עומד בדעתו—אויף דערויף איז ער דאָך א נגיד. אלטע יידן דערמאָנען זיך, אז דער טאַטע זיינער איז אויך געווען א שטיקל תקיף, כאָטש ר׳איז געווען בלויז א שרייבערל ביים פריץ אין וואלד. חסידים האָבן אפילו אים אויס־געמיטן און אים קיינמאָל נישט גערופן צו א חסידישער שמחה, אָבער דאָס איז געווען דערפאר ווייל ער איז קיינמאָל נישט געפאָרן צו קיין רבין און נישט אָפגעגעבן קיין „קוויטל״ ווען א רבי איז געקומען אין שטעטל אריין. געווייגטלעכע באלעבאטים אָבער, בית מדרש און שול דאווענער, האָבן אין דעם קיין פסול נישט געזען—א מתנגד מן הסתם. א ייד א תקיף קען זיך אזוינס אויך פארגינען. אזוי זיינען א סך יאָרן פארביי ביז צו דער גזירה פון די „כאַפערס״. מיט אמאָל האָט מען זיך גענומען שושקען אין שטעטל, און וואָס מער מ׳האָט זיך געשושקעט אלץ נישט זיכערער איז געוואָרן צי דאָס שושקען האָט א האפט. זיכער איז מען, ווייזט אויס, קיינמאָל נישט געווען, נאָר געשושקעט האָט מען זיך און זיך גענומען דער־ווייטערן פון אים און פון זיין הויז געזינד. עס האָט געהייסן אז ער האָט א יד אין איבערגעבן יידישע קינדער צו די יוונים. דער אָנפירער פון די כאַפערס אין גאנצן געגנט איז ער און די אלע אורחים וואָס קומען צו אים לעצטנס, עפּעס אזעלכע אויסטערלישע אָנגעצויגענע פאַרשוינען וואָס זעען אויס ווי יידן, אָבער ווערן מיט דיר קיינמאָל נישט היימיש, זיינען אלע זיינע לייט, זיי זיינען עס די לאַפּיטוטן, ווי מ׳האָט פאַרשטעלטערהייט גערופן די „כאַפּערס״. האָט מען זיך געשושקעט און געציטערט, כאָטש דאָ אין שטעטל, האָבן נישט ער און נישט זיינע לייט געטאָן קיין שום שלעכטס. פארקערט גאָר, ער האָט אפילו איינמאָל פאָרן צושטעלן די צאָל סאָלדאָטן

פארן מלכות געגעבן אָנצוהערן, אז ער קען פועלן ביים מלכות מ׳זאָל די היגע אין גאנצן נישט טשעפּען. שטעטל האָט אָבער געציטערט און נאָך מער זיך געשושקעט און געוויכט פון דער „גדולה". מ׳האָט אפילו אויפגעהערט פורש בשמו זיין. מיט אמאָל איז ער נעלם געוואָרן און דערנאָך האָט זיין געזינדל אויך עוקר געווען און דאָס הויז איז געבליבן א פּוסטס, האָט גע־חרובט און געגומען זינקען אין דער ערד אריין ביזן היינטיקן טאָג.

מ׳שושקעט זיך נאָך אפילו היינט, אז אָן איבערבלייב פון מענדיקס געזינדל געפינט זיך די גאנצע צייט אין שטעטל און געהערן צו די פּני און רעדלפירער, אָבער קיינער וועט עס אויפן מויל נישט ברענגען. ווייל אין דער אמתן וואָס איז די ראיה, אז ווייל מ׳וואוינט לעבן דער חורבה און מ׳הייסט מענדיק, האָט מען א קרובישאפט צו מענדיקס גדולה... ווייכט מען פון דער חורבה נאָך אויך היינט ווען מ׳דארף דאָרט דורכגיין ביינאכט און מ׳מיידט אויס צו רעדן פון דעם.

אָבער אז א נייגעריקער בחור שטייט שטארק צו צום אלטן יונהלע, פון די ניקאָלייעווסקער סאָלדאטן,—פארזשמורעט ער די אלטע רויטע אויגן, גראבלט אזוי לאנג מיטן סענקעוואטן שטעקן אין דער ערד ביז ער גראבלט זיך ארויס: „אייסעך דאָרט, וואָס מ׳רעדט, עס האָט אים קיינער נישט געכאפּט ביי דער האנט. אויף א ייד א שוכן עפר איז נישט כדאי צו רעדן סיי ווי, מן הסתם שוין זיינס אָפּגעקומען. נאָר געהערט האָט ער, אז נאָך כמה וכמה יאָרן איז דער אָ—ער וויל נישט אָנרופן אים ביים נאָמען—צוריקגעקומען צו זיין שטוב אן איינגעשרומפּענער, א גאָרשטש ביינער. שטאָט האָט זיך נישט אומגעקוקט אויף אים. ס׳איז שוין געווען לאנג נאָכדעם ווי די גזירה איז בטל געוואָרן, און דאָ האָט ער דאָך קיינעם קיין שלעכטס נישט געטאָן... ער איז זעלטן ארויס פון דער חורבה, אזוי אז מ׳האָט שוין אָנגע־הויבן מיינען, אז די גאנצע מעשה איז אויסגעטראכט. אָבער איינמאָל שבת אין דער פרי, ווען יידן זיינען געגאנגען דאַווענען, האָט ער זיך אוועקגע־שטעלט פאר דער טיר פון דער חורבה און זיך הייזעריק צעלאכט:—נאַט, זעט יידן, מענדיקס גדולה. איך פּגר פון הונגער.

ביינאכט, האָט עמעץ געהערט א שטארקן קלאַפּ אין חרובן הויז. אויף מאָרגן האָט מען אים באגראָבן הינטערן פלויט און אפילו קיין ברעטל פאר א צייכן נישט געשטעלט.

די שטוב איז שוין פון לאנג איינגעפאַלן. פון הויכן פאַרקאַן איז שוין לאנג קיין זכר נישט געבליבן, אָבער דאָס פלאץ איז נאָך אלץ ווי אָפּגעצוימט. מ׳גייט עס פארביי שנעל.

ב

ווען דער „רינג״ שטילט זיך איין פונעם טומל פון טאָג, ווערט לעבעדיק אין „מענדיקס גדולה״. א געלאַף און א געפילדער פון משונהדיקע ברוי־אימלעך טראָגט זיך דאָרט ארום, וואָס פלאצט פלוצים אויף אין א געיאָמער פון קעץ מיט קינדערישע קולות. פארשטאָפּט מען זיך די אויערן אין די הינטערגעסלעך, מ׳דעקט זיך איבער מיט די איבערבעטן ביז עס שטילט זיך איין. נאָך קריאת־שמע־לייענען—וואָס איז זיך דאָ צו שרעקן? שלאָפן די הינטערגעסלעך, רוט דער „רינג״ ביז דער מילכיקער קומט אָן פון דאָרף מיטן סקריפּענדיקן וואָגן און דער וואסערטרעגער נעמט האקן מיטן פארזשאַווערטן וואַסערציער פון פלומפּ; די אלטע רערן הייבן אָן כריפּקע סקריפּען און ריצן מיט הוילער פארטריקנטקייט, קוים וואָס זיי כאַפּן דעם אָטעם אָפּ און גיבן צום סוף א טיפּן שליוכץ און פליוכע ארויס מיט מים־חיים.

דער „רינג״ וועקט זיך און מיט אים די הינטערגעסלעך. איילנדיקע טריט קלינגען אָפּ אויף די הילצערנע בריקלעך; גרעלער, מאַטער לאָמפּן שיין בליבצלט פון האלב פארשלאָפענע הייזער. א נייער טאָג קומט אָן און יידן איילן שוין איבער אים א ברכה צו מאכן. אָט הערט זיך שוין דער אָפּהילך פון משה שמשס האָמער איבער די לאָדן פון די געסלעך. יעמערלעך און מאָראַליש טראָגט זיך דאָס הייזעריקע בעטן זיך פון זיין אָן־ציינ־יק מויל נאָך יעדער קלאַפּ פון האָמער: „עורו נא, התיצבו נא, קומו נא לעבודת הבורא! שטייט אויף יידעלעך דאָס בית מדרש ווארט! שטייט אויף יידעלעך צו תהילים!״ א ווײַלע דויערט עס ווי דער „רינג״ הערט זיך איין מיט א פארשלאָפן געמיט צום רירן זיך פון די הינטערגעסלעך, אָבער באלד וועט דער לאנגער מוינע מיט דער גרויסער געמבע, זיך אויסציען אין זיין גאנצער גרויס לעבן פלומפּ אין מיטן „רינג״ און אויסשרייען הויך און שארף: „ישראל עם קדושים, שטייט אויף לעבודת הבורא!״ זיין קול הילכט איבערן „רינג״, אריבער די בריקן, העט אוועק אין דער ווייטער וועלט אריין. טיר און טויער נעמען זיך אויפפראַלן: „גוט מאָרגן דיר, רבונו של עולם! דער „רינג״ האָט זיך אויפגעכאפּט אין א מזלדיקער שעה!

פראַלן זיך אויף פאנאנדער די גרויסע ברייטע טויערן פון אהרון משה שפיליטערס איינפאָרהויז, אין סאמע עק פון „רינג". דאָרט שטעלן זיך אָפּ אלע באלעגאָלעס וואָס קומען מיט שווער אָנגעלאָדענע וועגענער מיט סחורות פון די גרעסערע שטעט.

פרייכנדיק און מיט פארשוימטע פיסקעס פארהאלטן זיך די פארמאַ־טערטע פערד פאר די ברייט צעעפנטע טויערן. קוקן אריין אינעם טונקעלן חלל פון גרויסן שאַלאַש, וואו עס שטייט שטענדיק אן אומהיימלעכע שאָטנ־דיקייט. מענטשן האָבן דאָרט אין אלע ווינקעלעך און ביז מ׳דערזעט נישט דעם פּאָס ווייס ליכט וואָס טראָגט זיך פון דער אנדערער זייט וואו עס זיינען אויך צעפראַלט אזעלכע גרויסע טויערן צום ארויספאָרן, זעט אלץ אויס געשפּענסטיק און פול מיט פחד אפילו אין מיטן העלן טאָג.

דער פארשטויבטער און פארדריפּעטער באלעגאָלע שפּרינגט מידלעך אראָפּ פון דער קעלניע, טוט א גלעט די פערדלעך פאר די גאָמבעס און פירט זיי גוטמוטיק אין איינפאָרהויז אריין:

— עך האָט ניש געלאָינט קאָ קרישמע, פערדישע קעפּ? צי וואועס? ני, ני, מ׳עט שוין באלד אָנקלאפּן מזוזות אויף פאר ענקערט וועגן... רירט זעך!—איילט ער זיי—עך זעט דען נישט, אלץ היימישע מענטשן דאָרט, שקושע—נאַרט ער זיי פּאמעלעך אריין אין פלאץ, וואו עס ווארטן שוין אויף זיי א כאָפּטע טרעגערס מיט גראָבע שטריק איבער די קאַפּאָטעס און נאָך גרעבערע ווערטער און קללות וועלכע טראָגן זיך סיי פון די עלטערע מיט די פארפאפטע בערד און אָקסענע קאַרקן, און סיי פון די ייִנגערע מיט די געגאָלטע מאָרדעס און דראָטענע הענט. זיי באפאלן דעם וואָגן ווי גע־שפענסטער און נעמען שליידערן די פעק משא אין די ווינקלען אריין נאָכ־שיקנדיק נאָך זיי א מבול פון הייזעריק לשון און געפעפערטע רייד:

— טי זיך דאָרט א שאָקל, טרעלבאַך!

— נעם אים אָן ביים זנב, זשלאָב איינער!

— ס׳איז חיים קילעס געמעכץ, היט זיך!—הילכן די קולות און שלאָגן זיך אָפּ אינעם אָפענעם פענצטערל פון אהרון משהס קאנטאָרל, וואו עס ברענט א לעמפל טאָג און נאכט. דער באַלעגאָלע גיט דאָרט אָפּ די רשימה פון די סחורות צו אהרון משהן אין דער האנט אריין. יענער אָבער קען נישט

איינשטיין. מיט יעדן אָפּהילך פון א קאסטן אין שטיינערנעם דיל, טוט אים א צוויק ביים הארצן:

— זיי וועלן מעך בדיל הדל שטעלן מיט זייער יאָגן זיך—צאַפּלט זיין שווארץ בערדל.

— פארמאכץ די פּאָמעשאַפּן!—נעמט אים דער באַלעגאָלע ארויסהעלפן צעשרייענדיק זיך אויף די טרעגערס מיט זייער לשון. זיי הערן אים אָבער נישט.

— צעיושעט זיך, די האָלאָטע!—ווערט ער שוין אויך צעטראָגן פון דעם טראסקען און טאַראַבאַנעווען ארום אים און טוט א כאַפּ די בייטש און טוט זי א צעכוואַשטש מיט א קנאַל, וואָס דערשרעקט אלעמען און שטילט זיי מיט אמאָל איין:

— ס'איז א הון מיט גאָלד דאָרט!—קען שוין אהרון משה אויך ארייג־שטעלן אַ וואָרט, — אַז עץ 'עט אָנמאַכן אַ היזק!

— 'עט מען אַלע פּעכנען, אַ כאָליערע אין די געדערים! — פּאַרענדיקט שוין דער באלעגאָלע.

— יעך דארף מאכן שבת!—קומט שוין צום זינען איינער פון די עלטערע טרעגערס.

— ני צעדרשנט זיך!—בייזערן זיך א פּאָר מיט אמאָל, אָבער עס ווערט שטיל און די ארבעט ווערט שוין געטאָן געלאסענער, און לויט אהרון משהס אָנווייזונג ווערט די סחורה אָפּגעלייגט און סאָרטירט אין באזונדערע ווינ־קעלעך. ביי יעדן פּאַק סחורה שטייט שוין א טרעגער גרייט אָפּצו־טראָגן צו די קונים. באלד לאָזן זיך ארויס דורך בײדע זייטן איינפאָרהויז גייענדיקע קאַסטנס און זעק. אהרון משה שמאַיעט פון איין טויער צום אנדערן, כאפּט א בליק אין דער רשימה און א טאַפּ דעם פּאַק:

— א זאק צוקער צו ר' חיים משהלעס—ווארפט ער צו פון הינטן צום טרעגער און יענער ענטפערט אויף זיין שטייגער:

— צו חיים קילעס?, שפּיליטער!

— א זעקל זאלץ צו חנהטשע ברײנעס!

— די גבאיטע קיקט שוין אויס אויף דעם—ענטפערט אָפּ דער טרעגער און לאָזט זיך גייך.

— א קעסטל הייזון צו ברוך בעקער! — שמאַיעט ווייטער אהרון משה מיט א ניגון.

— א געמעכץ פּארן פּארך מיט די געקרייזלטע האָר — חכמהט זיך יענער און וואַרט נישט מער אויף קיין אָפּרוף. עס קומט ווי פון זיך אליין און איז עפּעס ווי א טייל פון א שפּיל אזא וואָס דאַרף אביסל לייכטער מאכן דאָס שווערע געמיט אינעם טונקעלן איינפאָרהויז. אָבער ווי נאָר זיי האָבן אָפּגעזאָגט דעם שפּרוך, נעמט מען טרעטן שווער און האַרט אינעם ליכטיקן דרויסן פון „רינג" וואו דער שטענדיקער טומל פאַרשלינגט באלד דעם אָפּקלאַנג פון די שווערע טריט אויף די הילצערנע בריקלעך ביים זייט פון וועג. אנדערע, וואָס שפּאַנען דורכן צווייטן טויער אין די זייטיקע הינטערגעסלעך אריין, ציילן די אייגענע טריט אין דער שטילקייט און קענען זיך אפילו פאַרגינען צו פרייכן און קרעכצן הויך, אָדער אָפּשטעלן זיך און כאַפּן דעם אָטעם ביי די טרעפּ פון אהרון משהס „שולעכל", וואו טרעגערס און באַלעגאָלעס כאַפּן אריין אינמיטן דער וואָך א מנחה און מעריב, און שבת און יום־טוב זיצט מען אויסגעזעצט אַרום די לאַנגע טישן ביים דאַווענען ווי די סטאַטיקעס. מ'היט זיך מיט א גראָב וואָרט אנטקעגן דער „ריינקייט". בפרט, אז גאָט העלפט און ס'איז א שבת מיט א „גוטן ייד" אין שולעכל, ווערן זיי גאָר סטאָטעטשנע און אָפּגעהיט: שטייען ממש אויף די שפּיץ פינגער; שלינגען יעדן תנועה און העוויה פונעם „גוטן ייד". די טליתים ליגן אויף זיי גאָר אנדערש — פאַרדעקן דעם גאַנצן קאָפּ מיט א שטיק פון פּנים, און די גאַנצע גדולה פון זיין מיט לייטן גלייך רעדט אראָפּ פון יעדן איינעם פון זיי. דער עיקר טאַקע פון אהרון משהן, דער גבאי און אויסהאַלטער פונעם שולעכל. יענעם שבת איז דאָס שולעכל געפּאַקט אפילו ביים לייענען און גלייך נאָכן ענדיקן דאָס דאַווענען און קידוש מאכן, לויפט מען אהיים אָפּכאַפּן דאָס עסן און מ'קומט צוריק מיט ווייב און קינד צום „טיש", וואָס ווערט געפּראַוועט אין שולעכל. ס'איז זייער שבת דאַן, און מיט אויפגעהויבענע קעפּ טראָגן זיי אנטקעגן דעם „גוט שבת" צו יידן באַלעבאַטים און חסידים וואָס זיי טרעפן אָן אויפן וועג, אָדער וואָס קומען א קוק טאָן ווי אהרון משהס רבילע פּראַוועט טיש. אין זייער דערהויבנקייט, מאכן זיי זיך נישט ווייסנדיק דערפון, וואָס דער רוב פון די חסידים קומען

בלויז כדי צו קענען דערנאָך חוזקן. אבי די „פיינע לייט" דארפן אמאָל קומען צו זיי אין שולעכל, איז שוין געננג פאר זיי.

געוויינטלעך וועט קיין רבי פון חסידים מיט אן אייגן „שטיבל", אָדער אפילו אַן אייניקל פון א באוואוסטן רבין נישט קומען פראַווען קיין שבת ביי זיי. פאר יענע איז אָפן דאָס אייגענע „שטיבל" אָדער דאָס בית־מדרש. אָבער אז עס קומט א „גוטער ייד" וועמעס יחוס איז נישט אָנגעבונדן אין איינעם פון די באוואוסטע „הויפן", אזא איינער בלאָנקעט נעבעך ארום מיטן גבאי זיינעם ווי א בלודנע שאָף. אין די חסידים שטיבלעך וועט מען אויף אים קוקן קרום און נאָך אפילו מבייש זיין.—„דולט נישט קיין ספאָדיק רבי ייד,—וועט מען גאנץ ברייטלעך אים זאָגן אין ראדזינער שטיבל,— עץ דארפט א נדבה, מאָכעטיסע, אָבער רבישע שטיק פראַווען, אייסעך דאָרט וואָס—וועלן די ריזשינער מיט ביטול אים אָפשלידערן. אין אנדערע „שטיבלעך", וועט מען זיך סתם נישט אומקוקן אויף אים און פטור. צו די בית־מדרש באלעבאטים וועט ער דאָך סתם נישט גיין, דאָרט דארף מען זיך שוין מכניע זיין פארן רב אויך. בלויז באוואוסטע „גוטע יידן" קענען דאָרט פראַווען „טיש". זיינע חסידים זעען שוין דערצו אז דער רב זאָל אנטקעגן גיין און אליין אָפּטרעטן דעם רבין דעם אויבנאָן. גייט אזא אייניקל אין אהרון משהס שולעכל. האָט ער דאָרט אַ גרייטן שבת מיט כל טוב און אַ פּאָר מניינים חסידים און חסידהסטעס וואָס וועלן שבת צו נאָכטס געבן אַ גרויס פראַוועכטס אויך. קיין גרויסע „פדיונות" וועט ער טאקע נישט קריגן, אָרעמעלייט נעבעך, אָבער שיינענדיקע פנימער וואָס פילן זיך דערהויבן פון דעם וואָס „ער זאָל לעבן" פראַוועט ביי זיי טיש, וועט ער האָבן.

עס פאסט אָבער נישט צוצופאָרן גלייך צו אהרון משהן, האלט ער זיך אויף א האלבן טאָג אין אן אכסניה. אָבער ווי נאָר אהרון משה דערוואוסט זיך פונעם באלעגאָלע, אז ס׳איז אָנגעקומען אן אייניקל, ווערט ער גלייך איבערגעביטן. ער ווערט עפּעס העכער און דאָס תמיד צעפּלאָשעטע בערדל, ווערט גלייך סטאַטעטשנע פארגלעט. דער גאנצער האַמעטנער געשטעל זיינער ווערט לייטישער און געלאָסן. ער רעדט אנדערש און גייט אנדערש. פטרט אויף שנעל אָפּ דעם באלעגאָלע מיטן געפעק. איילט אונטער די טרע־גערס מיט אידעלע אָנצוהערענישן—ני, רירט זיך, חברים! כ׳דארף גיין מקבל שלום זיין. חברה פארשטייט שוין וואָס עס מיינט. א שבת ווי א ווייך

וועט זיין. מ׳טאָר זיך איצט מיט אהרון משהן נישט שפּילן. ער דאַרף לויפן אָנזאָגן זייןביילען זי זאָל אָפּרייניקן די סאַליע מיטן אַלקער פאַרן גוטן יידן. עס קען זיך נאָך אַמאָל אונטעריאָגן עמיץ וואָס וועט אויסכאַפּן דעם „גוטן ייד״ פון אונטער די הענט. די קאַצעלייניקעס (קצבים) פון פּאָליש קוואָקען אויך אויף אַביסל חסידישן יחוס. זייער גבאי הערש טרעלבאַך קוקט שוין לאַנג אויס אראָפּצוזעצן אהרון משהן פון דער גדולה.

— עץ ווילט דאָך נישט בלייבן מיטן בייטשל,—וואָרנט דער באַלעגאָלע א מחוצף א טרעגער וואָס קען זיך נישט איינהאַלטן פון א חוזק טאָן.

— א גדולה האָט אונדז באַטראַסקעט, דער רבי ר׳ צאָץ איז געקומען!

— הערש טרעלבאַך ניוכעט שוין אַרום דער אכסניה, ווי כ׳בין אַ ייד—איילט דער באַלעגאָלע—ווי ר׳האָט דערזען דאָס שטריימל האָט ער גלייך פאַרמאַכט די יאַטקע.

— איינשטיין וועט ער ביי מיר—שמאַיעט אהרון משה אַרום צווישן די פּעק אונטעראיילנדיק די טרעגערס מער מיטן וואונק ווי מיט די רייד.

— איר דאַרפט זען א גבאי ער האָט—קען זיך דער באַלעגאָלע נישט אָפּלויבן—עך זאָג ענק, ער בלאָזט אים די טריט. ווייזט אויס, א וואַזשנע גיטער ייד!

אָפּגעפּאַרטיקט דעם עולם, פאַרקלאַפּט אהרון משה די גרויסע טויערן פונעם איינפאָרהויז און לויפט אהיים אראָפּוואָרפן פון זיך די וואָכעדיקייט. ער גייט נישט דורכן „רינג״ נאָר דורכן שמאָלן קאָרידאָר וואָס פירט פונעם איינפאָרהויז צום שולעכל וואָס איז וואַנט אין וואַנט מיט זיין הויז. אין שולעכל איז קיינער נישטאָ, אָבער ער זעט עס שוין פול מיט יידן וואָס וואַרטן אויפן רבין. דער שבת ליגט אים שוין אין טעם, עס פעלט אים בלויז די טוכענע קאַפּאָטע און דאָס סאַמעטענע היטל, איילט ער זיך אין זיין חדר אַריין און טוט זיך איבער, און אין גאַנצן אַ שבתדיקער נעמט ער שפּאַנען מיט די הינטער געסלעך צו מאַירטשע גבאַיס אכסניה. דאָס איז דאָס מקום צו וועלכן אַלע איינינקלעך מיט די גבאים פאָרן צו.

אַמאָל מאַכט זיך, אַז ער טרעפט טאַקע דאָרט הערש טרעלבאַך אַרומדרייען זיך מיט א פרעמדן ייד. עס ווערט אים אזש קאַלט און וואַרעם. קיין מחלוקת פאַרפירן וויל ער נישט. הייבט ער אָן מיט גוטן און פאַרגעסט אפילו צו געבן שלום דעם אורח.

— הערש, אונדזער שולעכל, ווייסט דאָך, האָט שוין א חזקה און מיין ביילע האָט שוין גרייט די סאַליע מיטן אַלקער, הערסט? עס גייט דען עפּעס אין כאפּעלעך, האַ? כ'האָב זיך נישט געקענט ארויסרייסן אזוי גיך.

דער פּרעמדער ייד קוקט אויף אים מיט גרויסע אויגן. פאַרשטייט, ווייזט אויס, נישט וואָס דער ייד וויל, נאָר כאַפּט זיך באַלד אין וואָס עס גייט, זוכט ער גלייך א פּשרה.

— קודם נאָט אייך שלום ר' — — —

— אהרון משה—העלפן אים ביידע מיט אמאָל ארויס מיטן נאָמען.

— זייער שיין פון אייך ר' אהרון משה, זייער שיין. נאָר וואָס שייך א שולעכל, האָט דאָך ר' הערש —

אהרון משה לאָזט אים אָבער נישט ענדיקן. געוואָלט וואָלט זיך אים אַריינזאָגן דעם טרעלבאָך, אַז ער זאָל עס געדענקען אויף קינדס קינדער, נאָר ער האלט זיך איין און ציילט יעדן וואָרט:

— ס'איז מיין חזקה, אז מ'זאָל איינשטיין ביי מיר. א ליידיקע שטוב. דו ווייסט דאָך הערש.

יענער אָבער שווייגט און שפּילט זיך מיטן טראָלב פונעם גארטל ארום דעם קיילעכדיקן בויך.

— כ'ווייס,—לאָזט ער עפּעס פּלוצים נאָך—איינשטיין טאָקע ביי דיר. ביילע נעבעך, קוקט דאָך שוין אויס, אָבער דער פריייטיק צו נאכטס איז אונדזערער.

דעם גבאי, טוט ווייזט אויס הנאה, וואָס די יידן אי זיי רייסן זיך איבערן רבין, אי זיי קריגן זיך נישט, טוט ער זיך א גלעט די גרוילעכע באָרד און רעדט נאָך געלאַסענער פון זיי ביידן.

— מיערטשעשעם, וועט זיין איין פריייטיק צו נאכטס ביי אייך און איינער ביי זיי.

— ניין,—שטעלט זיך שוין הערש אנטקעגן און קוקט אהרון משהן גלייך אין פּנים אריין, ווי ער וואָלט אים געוואָלט איינשלינגען—א גאַנצער שבת ביין אונדז, הערסט, אנדערש גייט עס נישט.

— אָבער מלווה מלכה איז ביי מיר.

— אוודאי!—איז מסכים דער גבאי—נאָכן פּראווען, בלי נדר.

— מילא, זאָל זיין אזוי—קען זיך מער אהרון משה נישט שפּארן, כאָטש ער ווייסט, אז זיינע לייט וועלן זיך א גאַנצן שבת עסן לעבעדיקערהייט און

אים אפערהאלטן, אז ער איז א לעמעשקע און לאָזט זיך פארדרייען דעם קאָפּ פון דעם טרעלבאַך, וועלכער טוט עס בסך הכל בלויז דעם שולעכל אויף צו להכעיס. א סימן, אבי נאָר ער ווערט אביסל בגילופין אין כאַנעשעס שענקל וואו חברה קצבים און באלעמלאכעס קומען זיך דערקוויקן דאָס האַרץ אַלע מאָנטיק און מיטוואָך אין אָוונט נאָך מעריב מיט אַביסל בראָנפּן און פרישע קניזשעלעך, נעמט ער ברייען און חוזקן ווי אזוי ער האָט אויס־געגנארט דעם רבין פון אהרון משהן.

— עך זאָלט זען א רבילע א צאצקע מיט א שטריימל און א יופּיצע, און דער גבאי סאמע שמן זית און קוקט דיר כסדר אין האנט אריין. דריי עך מיך מיט אים ארום. כ׳וויל אויסגעפינען פון וואנען און וואָס און ווער. עך זאָג אים גאָרנישט נישט צו. מיר זיינען דאָך גאָר שיל־יידן נישט קיין חסידים. קומט אָן אהרון משה מיטן סאמעטענעם היטל און דער טוכענער קאַפּאָטע, א גאנצער חסידאק. דערזעט מעך, אנטפאלט אים דער מאמעס מילעך. ני, אריינגעטראָפן אין קארב—טראכט עך מיר. וועל עך טאקע נישט אָפּטרעטן. דער ערשטער שבת איז מיינער און זאָל ער וויסן.

אָפּט קומט פון דער בארימעריי צו אזא מחלוקות ביז פּעטש און די צוויי יידן רעדן נישט איינס צו דאָס אנדערע ביז א ניי אייניקל קומט צו פאָרן.

דערפאר אָבער, אז גאָט העלפט און אהרון משה באוויזט צו פארכאפּן דאָס אייניקל פאר זיך אליין, אָן טיילעגישן מיט הערש טרעלבאַך, איז דאן קיינער נישט גלייך צו אים און די באלעמלאָכעס קענען זיך זאַט נישט אָנקוקן אין אים. דעם רבינס התנהגות באנעמען זיי גאנץ וויניק; די ניגונים לייגן זיך עפּעס אויך נישט אין זייערע מיילער, אָבער אהרון משהס שיי־נענדיק פּנים טראָגט זיך ביסלעכווייז איבער צו יעדן איינעם פון זיי, און טאקע גלייך אין דער סאמע נשמה אריין. זיי ווערן דערהויבן מיט זיין גדולה, און א מין בגילופינדיקע האָפערדיקייט הויבט אָן רוען אויף אַלע פּנימער. ס׳איז א מחיה, א דערקוויקעניש ממש צו לעבן אויף דער וועלט; ס׳איז אזוי גוט אויפן הארצן, אז ס׳גלוסט זיך אזש א טענצל גיין. זעט נאָר ווי ליכטיק ס׳איז אין אלע ווינקעלעך; די בליצלאָמפּן שיינען גדלותדיק פון דער סטעליע אראָפּ. און אפילו זאָלסט זוכן מיט טויזנט אויגן וועסטו קיין פּיצל שאָטן אין ערגעץ נישט געפינען. אויפגעהייטערט און דערהויבן פלאַמען די שטערנס; די בערד זיינען עפּעס ווי ווייכער געוואָרן ביי זיי און

הערן זיך בנעימותדיק אין צום רבינס קול, וואָס כאָטש ס׳איז נישט פאַר־שטענדלעך און ווייטלעך, איז עס דאָך אַזוי היימיש און גלעטנדיק מילד. אביסל פון דער ווייטנס, אָבער גענוג נאָענט אויף צו פילן זיך אין מיטן פון דער גרויסער ליכטיקייט, שעפּן פולע עמערס נחת די ווייבער מיט ביילע העניען אין דער מיט: די פּנימער גליען חנעוודיק פאַרצנועהט פון פלאַמיקע שטערנטיכלעך און שוואַרץ פאַרפּוצטע שייטלעך ארויס; יעדן פאַרשפּיצט גאַמבעלע שיינט מיט אזא גינציקער גוטסקייט און צופרידנקייט, וואָס רעדט ממש אויסטערליש אַן לשון: „אַז וואויל צו אונדז, וואָס מיר האָבן זוכה געווען צו זען עס מיט די אייגענע אויגן״. ס׳איז זיי אַזוי גוט צו זיין דאָ, אַז ווען זיי שעמען זיך נישט פאַר די הייסע אויגן פון די מאַנסבילן — וואָלטן זיי זיך צעקושט ווי לייבלעכע שוועסטער און זיך צעכליפּעט פון איבער־פולטע הערצער. פון גרויס פאַרגאַפטקייט קענען זיך טאַקע אייניקע נישט איינהאַלטן און קנייפּן זיך אין די אָרעמס און קוקן זיך אייניס דאָס אנדערע אין די אויגן גלייך ווי זיי וואָלטן זיך ערשט דערקענט נאָך אַ לאַנגגען זיין צעשיידט.

אהרן משה זעט עס אַלץ און פילט עס אַלץ. קען ער נישט איינשטיין אויף אַן אָרט, שמאַיעט אַרום פון איין ווינקל צום אַנדערן און די שמחה פלאַטערט אים נאָך און נעמט אַלעמען אַרום אַזוי, אַז אַפילו ווען ווער פון די חסידישע מיוחסים, וועלכע קומען געוויינטלעך זוכן עפּעס אַ סירכא, טוט זיך אַ פאַרקרים אויף עפּעס אַ סיגע פּונעם אייניקל — אַרט עס אים נישט. ער איז אין אַן אנדער וועלט, אַ ליכטיקע אַזא, וואו עס קומט נישט צו קיין שום שאָטן און פאַרקרימעניש. ער הערט אַנדערש גאָר דעם רבינס רייד און פילט גאָר אַן אַנדער טעם אין די געוויינטלעכסטע אויס־רופן פונעם משמש.

— דער באַלעבאָס, הנגיד ר׳ אהרון משה שטעלט משקה לכבוד שבת!

דאַכט זיך וואָס, פּשוטע רייד, אָבער סיי ער, סיי די גאַנצע עדה זיינע הערן עס מיט אַן אַנדער מין הערן. דערהויבונג איז אין דעם און ממש פייערלעך שטרעקן זיי די גלעזער און פילן זיי אָן מיטן שוימיקן ביר, און מיט יום־טובדיקער ברייטקייט טראָגט זיך זייער ענטפער צום טיש:

— לחיים יידן! לחיים!

— איין קלייניקייט, לחיים! — גייט אַרויס פון די כלים אליה שוסטער

און נעמט פלאָנטערן מיט די קרומע פיס גלייך צום טיש צו:—לחיים יידן, לחיים! ס'זאָל אינץ נאָ נישט פארשטערט ווערן, רבונו של עולם!— קען ער קוים איינשטיין און טרערן רינען אים גלייך אין דער פארקאָלטנ־טער באָרד אריין.

— זאָגטע אמן, יידן—האלט אונטער דער משמש, און דאָס „איניקל" פון אויבן אָן בליקט ארום זיך מיט הרחבת הדעת און נעמט פארציען א ניגון, צום ערשטן שטיל און באלד העכער און שטארקער און פריילעכער און זיכערער: „מי כעמך, כעמך ישראל, גוי אחד בארץ."

די גאנצע עדה ציט מיט; מיט מויל און אויערן ציט מען מיט; מיט האַרץ און נשמה און כלערליי קולות: מיט אַלע אברים און בלוטן איז מען אריינגעטאָן. דאכט זיך, אז אפילו די ווייבער וואָגן מיטצוציען. נאָר ווער הערט דען איצט א פרעמדע שטימע? ווער פילט דען א פרעמד אבר ארום זיך? און די הענגלייכטער הוידן זיך און בליצן; די בליצלאָמפּן שייַנען. אזא ליכטיקייט איבער זיי און אין זיי, וואָס איז איינס מיט דעם קול און געזאנג. ציט זיך העט אוועק איבערן „רינג", צו די הינטער געסלעך, אריבער די בריקן ביז צום וואלד און די לאָנקעס: „מי כעמך גוי אחד בארץ!"

— אָט דאָס הייסט א שבת ווי א ווייַן—צעיאָכמערט זיך גדליה דער בעקער און טוט זיך א שטעל אוועק אויף א בענקל אויסשטרעקנדיק די הענט איבער די קעפּ פונעם עולם, ווי ער וואָלט געשיקט א לאָפּעטע אין אויוון אריין—ממש א פלאָם פלעצל...—און נישט קענענדיק קומען צו זיך, נעמט ער זיך צעציקלען מיטן ניגון פון דער „קריאה" ווי ער קען: „וללוי אמר: אוריך ותומיך לאיש חסידיך". איי, יידן, ס'איז גוט!

דער עולם כאַפּט אים אונטער מיט א פליעסקעריי פון הענט און רעדלדיקן טאַנץ, וואָס האקט זיך איבער אין מיטן בלויז פון איין מאך פון דעם רבינס האנט צוזאמען מיט א ווייך צעפּיעשטשעטע קול, וואָס מ'קען נישט אנדערש ווי נאָר הערן.

— שבת איז מנוחה, מנוחה ושמחה אור ליהודים. אז ס'ווערט ליכטיק אין א יידישער נשמה, איז דאַמאָלס דער אור גדול וואָס ברענגט אמתע שמחה. מיט דעם איז מען מקרב די גאולה, וואָס איז דער אמתער אור וואָס דער רבונו של עולם האָט גונז געוועזן ביז מירן זוכה זיין צו גיין

אַנטקעגן דעם גואל, במהרה בימינו. דער זיידע, זכותו יגן עלינו האָט גע־טייטשט; רגל מיינט א יום־טוב. רגל איז אויך די טייטש א פוס, און אז מ׳וויל מיינט עס אויך א רגילות, א געוויינטשאפט. מ׳געווינט צו די פיס צו גיין אנטקעגן שבת און יום־טוב. שבת און יום־טוב היטן אלע יידן, פשוטע יידן, יידן פון א גאנץ יאָר און יידן אנשי מעשה. איז א שמחה אין אלע עולמות צוליב דעם, און מ׳איז דערמיט מקרב די גאולה, וואָס איז כולה אור. מיט דער שמחה פון שבת ורגל, געוואוינט מען זיך צו גיין אנט־קעגן דער גאולה. אזוי זאָלן מיר טאקע זוכה זיין צו גיין ברגל, מיט די אייגענע פיס אַנטקעגן דעם אמתן גואל וואָס וואַרט אויף אונדז. „כי בכל יום אחכה לו.״

דער עולם הערט מיט אלע חושים און פארשטייט דאכט זיך יעדן וואָרט. פילט די פארבינדונג מיט דער פריערדיקע פרייד און דאָך איז עפעס א שאָד, וואָס די רייד האָבן איבערגעשלאָגן די שמחה. ווער ווייסט ווען מ׳וועט זוכה זיין אנטקעגן צו גיין, און דער צער פון דער גרויער וואָך טוט זיך פלוצים א שטעל אויף ווי א וואנט אנטקעגן די אויגן. עפעס לייכטן שוין נישט אזוי די בליצלאָמפּן. ס׳איז סתם ליכטיק נאָר, און אז מ׳גיט נאָך א כאַפּ א קוק אין דער זייט פון דער טיר וואו עס שטייען אין קופּקעלעך די חסידישע פּני פון שטעטל, וועלכע האָבן פריער נישט מיטגעטאנצט און נישט מיטגעזונגען, און מ׳זעט ווי זייערע פּנימער זיינען גלייכגילטיק און קאלט—ווערט עפּעס גאָר ברעקלדיק אויף דער נשמה. ווארפט מען צאפּלדיקע בליקן אהין צום טיש וואו דער רבי זיצט אָנגעשפּארט דעם קאָפּ אויף ביידע הענט.

א ווײַלע בלויז וואַרט מען און מ׳דערכאפּט זיך גלייך מיטן משמשס אונטערטראָגן דעם כוס של ברכה צו אהרון משהן, וואָס זיצט שוין איצט ביי דער זייט פון רבין.—רבותי, מיר וועלן בענטשן!—ציטערט אהרון משהס קול, אָבער דער עולם כאפּט אונטער אין איין אָטעם, אַן אויסגע־לייזטער פון דער פריערדיקער שטילשווייגעניש.

מיינט עס: ס׳איז נאָך פאראנען א גרויסער שבת אויף גאָטס וועלט, און מ׳וועט נאָך צייט האָבן צו דאַגהן און בידעווען א גאנץ־גייענדיקע וואָך אינעם גרויסן טונקעלן איינפאַרהויז מיט די קאסטנס און זעק און ביי די גרויע און אָנגעהויפטע ווארשטאטן אין די אייגענע ענגע און קאלטע הייזער.

— אמן! — ציט זיך דעם רבינס קול ווי עס וואָלט צוגעשטימט צו זייערע רעיונות. דאָס שטילע שעפּטשען פון בענטשן טראָגט זיך פון שולעכל ארויס אין דעם שטילן דרויסן אריין, וואו עס רוען פארטוליעט אין זיך די געסלעך און דער „רינג״, און ווארטן מיט שבתדיקע מנוחה, אז אָט אָט זאָל דער שמש זיך א שטעל טאָן לעבן פלומפּ און אויסרופן מיטן פולן מויל: יידן, אין שול אריין!

ס'איז שטיל ארום און ארום. בלויז דער ווייסער שניי בלייכט אין דער פינצטער מיט א גרעלע רו. די שבת ליכט און נאפט לאָמפּן זיינען שוין לאנג אויסגעגאנגען. די לאָדנס און די דרויסנדיקע בלינדע טירן פון די הייזער, זיינען שוין צוגעשפּארט פון אינעווייניק מיט אייזערנע פּרענטעס. בלויז דורך די הויכע פענצטער פון דער שול בליצט ארויס א יתומדיקער שיין פונעם נר־תמיד, וואָס צאנקט און טוקט זיך און ברעכט זיך איבער הינטער די שווערע טריט פון די אהיימגייער.

— אָט דאָס הייסט אַ שבת! — געזעגנט מען זיך ביי יעדן געסל, און די איבערגעלעבטע גדולה גייט מיט אין די פינצטערע הייזקעס אַריין. מאָרגן איז נאָך א גרויסער שבת מיט א „טיש״, מיט „שלוש סעודות״ און דערנאָך א „מלווה מלכה״ אין אהרון משהס גרויסער סאליע.

— איי, א שבת! — פּלאָנטערט מיט די פיס דער קרומער אליה און פאלט אריין אין זיין שוסטער וואַרשטאַט אונטערברומקענדיק זיך „מי כעמך, כעמך ישראל״. ווען נישט וואָס די קינדער שלאָפן שוין וואָלט ער ערשט אויפן קול זיך צעזונגען און נישט אויפגעהערט. צווישן מענטשן קומט עס אים אָן שווערלעך, אָבער איצט זינגט עס זיך פון זיך אליין. מ'האָט אים מכבד געווען ביים „טיש״. ר'איז געזעסן שיר נישט אויבנאָן. „לחיים, אַ קלייניקייט לחיים,״ — קלינגט אים נאָך אין אלע אברים.

— הערסט, הינדע, שבת צונאכטס בלי נדר, ווען מיר זיך פּראַווען פון די ערשטע, — איז ער איינגאנצן צענומען און קען אלץ נישט געפינען דאָס ריכטיקע וואָרט ארויסצוברענגען וואָס ער פילט.

— ס'זאָל אונדז נאָר נישט פארשטערט ווערן, רבונו של עולם! — קען הינדע שוין מער נישט איינהאלטן דעם באהאלטענעם ציטער מיט וועלכן גאָר א סך פון אהרון משהס שולעכל טראָגן זיך ארום יעדעס מאָל ווען א נישט גאָר באקאנט „איניקל״ פּראַוועט ביי זיי א שבת.

— זאָל דער אייבערשטער שומר ומציל זיין!—טוט אליה אזא צאפּל אז ער פאַלט שיר אוּם, און דערראַטעוועט זיך מיט נעמען לייענען קריאת שמע אויפן קול, וואָס איז אי א סגולה קעגן שלעכטע רעיונות און אי א מיטל צו פאַרהיטן זיך פון דאַרפן נאָך רעדן. ער זאָל זיך חלילה נישט אַרויסכאַפּן מיט עפּעס פון דעם וואָס קיינער וויל נישט רעדן דערפון. הינדע טוט אים נאָך מיט א קרעכץ און קנייפּט זיך אין גראָבן פלייש יעדעס מאָל ווען זי פילט אז די קריאת שמע פאַרטרייבט נישט פון איר די מעשה שהיה, וואָס האָט מיט א צייט צוריק אויסגעשטעלט דאָס גאַנצע שולעכל צו צער און בזיון, השם ישמרנו.

און געווען איז עס אַזוי: מיט א פּאָר יאָר צוריק איז אנגעקומען אַן „אייניקל" וואָס קיינער האָט נישט געקענט. דאָס ערשטע מאָל אין די קאַנטן געקומען און גלייך זיינען אַלע צוגעזאָטן געוואָרן צו אים. א הדרת פּנים אַן אויסנאַם, און א קול א דיס, וואָס צעגייט אין אַלע אברים. און צו דעם א גבאי, וואָס איינס און צוויי קען ער יעדן ביים נאָמען און שרייבט אַן אַ קוויטל ממש פון סאַמע הארץ אַרויס. איידער דו גייסט נאָך אַריין צום רבין, פּילסטו שוין אַז ביסט געהאָלפן. דער גבאי ווייסט עס ממש מיט אַלע פּיטשעווקעס וואָס וועמען עס פעלט און גיט אָנצוהערן אויפן וואונק, אַז ס'איז פּונקט הייַנט א שעת הכושר. יעדן טאָג איז עפּעס אַן אַנדער יאָרצייט פון איינעם פון די זיידעס זיינע, וואָס איז געווען א פּועל ישועות איבער דער גאַנצער מדינה.

דאָס שולעכל איז די גאַנצע וואָך פול געווען מיט ווייבער און מאַנסבילן פון אַלע הינטערגעסלעך. מ'זאָגט אפילו, אז אייניקע פון די חסידישע פּני פון שטעטל האָבן זיך אויך געפּראַוועט ביי אים. גאַנצע צוויי וואָכן האָט זיך די טיר ביי אהרון משהן נישט פאַרמאַכט, און נישט בלויז ער אַליין האָט זיך די גאַנצע צייט נישט געוויזן אין איינפאָרהויז. א היפּש ביסל בעל מלאכות פון די הינטערגעסלעך האָבן קיין שטאָך אַרבעט נישט געטאָן. מ'האָט געלעקט די פינגער פון די זמירות וואָס צעגייען אין אַלע אברים און געפּראַוועט סעודות ווי איין גרויסער שבת. אמת, ס'האָבן זיך אפילו געפונען יונגעלייטלעך פון די חסידישע שטיבלעך, וואָס האָבן אונטערגע־מורמלט, אַז עס געפעלט זיי נישט וואָס דאָס „אייניקל" גייט אַלע טאָג שפּאַצירן מיטן גבאי אין אַן אַנדער טייל פון שטאָט צו אַן אַנדער בריק

און לאָזט קיינעם נישט מיטגיין. אויך די תורה זיינע איז זיי עפּעס נישט געפעלן געוואָרן און מ'האָט געשמועסט אז ביים שלוש סעודות אין דער פינצטער, וועלן זיי מאכן א העצע אויף אים און ארויפלאָזן אויפן טיש א קאַץ איינגעהילט אין א פסולן טלית, אָבער ווער הערט זיי די „געפּוצטע שטיבלעטלעך" און ווער האָט מורא פאַר זיי. אז בסך הכל פארגינען זיי נישט די הינטערגעסלעך אזא תענוג.

„אזא כתרל"—ווי מ'האָט צווישן זיך גערופן דאָס אייניקל—„טרעפט זיך איינמאָל אין א יובל." האָט מען אים געהיטן און נישט געלאָזן קיין שפּרענקעלע פאַלן אויף אים, ביז ר'איז בשלום אוועקגעפאָרן מיט דער הבטחה צו קומען מיערטשעשעם תחילת ווינטער. אויסגעלאָזט האָט זיך אָבער, אז אין א פּאָר וואָכן ארום האָבן זיך אין איינפאָרהויז אריינגעשטעלט צווי סטראַזשניקעס, פארנומען אהרון משהן אזוי ווי ער שטייט און גייט און צווישן בלאַנקע שווערדן געפירט אים צום אויספאָרשער וואָס איז ספּע־ציעל געקומען פון גובערניע. נאָך אהרון משהן האָבן די סטראַזשניקעס אויפ־געזוכט און געפירט איבערן „רינג" אונטער שווערער וואַך אַ פּאָר פון די דאָרונער אין שולעכל. צו דער גויאישער פאָרשטאָט האָט מען זיי געפירט וואו עס געפינט זיך דעם פּריסטאַווס הייפל. דאָס שטעטל האָט זיך געוויגט. די בלאַנקע שווערדן מיט די טויט בלייכע פּנימער פון די געפירטע האָבן אָנגעוואָרפן אן אימה און געשליפן אלע שאַרפע ציינגלעך. יעדער האָט געוואוסט אן אנדער סיבה. צום ערשטן האָט עס געהייסן אז ס'איז א מעשה מיט א קאָנטראַבאַנד, גנבהשע סחורה. א קשיה אויף א שפּיליטער. שטיל און פרום און פאַרט א מום. ס'האָט זיך גלייך געפונען ווער וואָס האָט געוואוסט צו דערציילן, אז אנומלטן אויפשטייענדיק פארטאָג, האָט ער שוין געטראָפן אהרון משהן פאָרען זיך ביים איינפאָרהויז און ווען ער האָט אים דערזען, האָט ער זיך באהאלטן. אן אנדערער האָט דערמאָנט, אז ביי אהרון משהן אויפן גאָרן ברענט אלעמאָל א לעמפּל. ביז דאן האָט עס גע־מיינט, אז אזוי ווי ביילע העניע האָט מורא צו שלאָפן אין דער פינצטער, ברענט אלעמאָל א לעמפּל אין איינעם פון די גאָרן צימערן, איצט אָבער האָט מען שוין געוואוסט אויף קלאָר וואָס דאָס איז. מ'האָט אליין געזען, אז דאָס לעמפּל האָט צייטנווייז געצאנקט געטוקט זיך און אָט גאָר אויפגע־פלאַמט. פאַר אנדערע איז איצט קלאָר געוואָרן פאַר וואָס אהרון משה איז אלעמאָל דער ערשטער אין „רינג" אויפצושטיין פארטאָג. ווען דו זאָלסט

נישט אין א פאַרטאָג דורכגיין דורכן „רינג", שטייט שוין אהרון משה ביים אָפענעם פענצטער פון זיין גאָרן שטיבל און קוקט ארויס.

אָבער די באַלעגאַלעס און טרעגערס האָבן פאַרנאַכט צו מנחה אָנגעמאַכט א רעש אין בית־מדרש: „ס'איז א בילבול פון וועלכן קיין ייד איז נישט באַהיט. מיר קענען שווערן פאַר אים ביי די הייליקע ספר תורהס!".

די געשליפענע ציינגלעך האָבן זיך דערשראָקן און געוואָרן אפּהענטיק מער פאַר זייערע הענט ווי פאַר זייערע שבועות, דאַן האָבן זיך שוין אָנגעזעענע באַלעבאַטים אריינגעמישט און געגאַנגען מיט זיי צום פּריסטאַוו זיך משתדל זיין. האָט זיך ארויסגעוויזן, אַז אין דער גובערניע אריין האָט זיך דערטראָגן, אַז אין דער געגנט וואָס איז נאָענט פון דער גאַליצישער גרעניץ, פאָרן ארום אויסקוקערס וואָס פאַרשטעלן זיך פאַר גוטע יידן און מגידים און קוקן דערוייל אויס דאָס לאַנד. איינעם פון זיי האָט מען געכאַפּט ביי דער האַנט און ס'איז א סברה אַז אויך „דאָס אייניקל" וואָס איז דאָ געוועזן איז איינער פון דער חברה.

גאַנצע אַכט טעג האָט דאָס שטעטל זיך געקאָכט און געוויגט. אויסגעפונען האָט מען גאָרנישט, ווייל נישט אהרון משה און נישט ווער עס איז פון די אַנדערע פון שולעכל, האָבן געוואוסט אויף זיכער פונוואַנען „דאָס אייניקל" איז געקומען און וואו ער איז אוועקגעפאָרן. האָט זיך עס אויסגעלאָזט דערמיט וואָס דער פּריסטאַוו האָט זיך נאָכדעם איינגעקויפט א נייע בריטשקע מיט א פּאָר צוגאָוועפערד און געקראָגן א צוזאָג, אַז ווען עס וועט קומען א גוטער ייד אין שטעטל אריין, וועט ער זיין דער ערשטער צו וויסן פון דעם, און די דאַווענער פון שולעכל מיט אהרון משהן בראש האָבן א לאַנגע צייט נאָכדעם זיך געשעמט צו קוקן איינס דאָס אַנדערע אין די אויגן אריין.

מיט דער צייט האָט מען טאַקע פאַרגעסן אין דער גאַנצער מעשה און דאָס שולעכל האָט צוריק אויפגעלעבט מיט יעדן קומען פון אַן „אייניקל", אָבער אין דער שטיל מיט זיך, האָט ביי אַלעמען געציטערט א מורא וועלכע מ'האָט געטריבן פון זיך מיטן וואונטש:

— ס'זאָל אונדז נאָר נישט פאַרשטערט ווערן.

— אמן,—האָט מען מיט האַרציקייט געענטפערט, נישט דערמאָנענדיק מיט איין וואָרט אפילו וואָס מ'מיינט.

די קאַמעניצע

א

ביים סאַמע סוף פון „רינג״ און ביים אָנהייב פון דער „גרעבליע גאַס״, שטייט די קאַמעניצע. א חוץ דער שטיינערנער מויער פון אקעגנאיבער אויפן אנדערן עק פון „רינג״, איז עס דאָס העכסטע הויז אין שטאָט. דער אמת איז, אז עס האָט נישט אין זיך קיין פיצל שטיין. ס׳איז גאָר א דריי גאָרנדיקער הילצערנער בנין, נאָר ווייל ס׳איז באשלאָגן פון צוויי זייטן מיט בלעכן געפּארבט אין קעסטעלעך פון ציגל קאָליר, טראָגט עס שטאָלץ דעם נאָמען „קאַמעניצע״.

הויך און דערהויבן שפּאַרט זי אריבער אלע הייזער. עפּעס ווי א מחיצה צווישן טומלדיקן „רינג״ און דער גלייכליניעדיקער „גרעבליע״. עפּעס איז זי יאָ און נישט קיין טייל פונעם ארומיקן געטומל אויף וועלכן זי קוקט אראָפּ פון אן איינגעהאַלטענער העכערקייט, פּונקט ווי איר באלעבאָס בעריש דער שרייבער, וואָס פארנעמט אליין דעם גאנצן אויבערשטן גאָרן מיט אלע זיינע „פּאַקאָיעס״, וועלכע זיינען אָפן פאר די שטעטלשע חסידים נאָר שמחת תורה אָדער ווען עס קומט צופאָרן דאָס ריזשינער איניקל ר׳ דודל, זאָל לעבן. דאָס וואָס ר׳ דודל שטייט איין אין דער קאַמעניצע איינמאָל אין עטלעכע יאָר, גיט איר צו א ספּעציעלע חשיבות. כמעט ווי מ׳גרויסט זיך מיט איר דערפאַר, ווייל וואו דען וואָלט דאָס ריזשינער איניקל געקענט איינשטיין? „זיי,—די ריזשינער הייסט עס —זיינען דאָך, כידוע, מלכות,—גיבן חסידים צו פארשטיין,—פאָרן זיי זעלטן צום עולם. מאכט זיך שוין, אז איינער פאָרט יאָ ארויס, איז דאָ אָ טעם דערביי. און אומעטום וואו ער קומט, שפּרייט זיך דאָס מלכות מיט אים. איז עס דאָך טאקע א זכייה וואָס ר׳ דודל קען פארשפּרייטן מלכות דאָ ביי אונדז״. גאנץ שטאָט איז זוכה אין זכות פון דער קאַמעניצע, ווייל דאָרט זיינען די צימערן געראַמע, די פענצטער ברייטע און גרויסע. זיינע תנועהלעך און ניגונים טראָגן זיך דורך די אָפענע פענצטער מיט אזא דבקות און רחבות, אז גאנץ שטאָט ממש שטייט אונטן און צעגייט זיך פון מתיקות.

אינם פרייטיק ווען ר׳ דודל איז אין דער קאמעניצע, שטילט זיך דער „רינג״ איין אין סאמע מיטן טאָג. ווען ר׳ דודל זאָגט שיר השירים זעט מען בחוש ווי דער גאנצער מאַרק מיט די געסלעך און אלע בריקן האָבן אָנגעשטעלט מויל און אויערן.

אין ראדזינער שטיבל, וועט מען טאקע זיך קרימען און חוזק: „א מלכות אין לאַטשן״ (אַן אָנוואונק אויף די ווייכע שיכלעך וואָס ער טראָגט, און זיין אופן פון בנעימותדיקן רעדן.) און די „טריסקער״ און „בעלזער״ וועלן מיט קנאה וואָרטשען: „—אייסעך דאָרט וואָס עס נעמט ביי לייטן. קיין וואָרט תורה הערט מען נישט.״ אָבער שטאָט פילט סיי ווי, אז ס׳איז א מין שטיל מלכות, וואָס שפרייט דרך ארץ ארום און ארום· שוין דער אריינפאָר זיינער אין שטאָט, איז נישט ווי געוויינטלעך. די אויסגעבעטע בריטשקע מיט די גומענע רעסאָרן קומט אזש פון יענער זייט גרעניץ. א רייכער גאליציאַנער חסיד איז אליין דער אָנטרייבער. ער אליין, ר׳ דודל, איז דווקא נישט קיין הויכער און שטאַלטנער, אָבער ס׳אָטעמט פון אים מיט רחבות און דורות־דיקער גדולה. דער גאַנג זיינער איז אַ ווייכער, אַ געלאַסענער. עס זעט אָבער אויס ווי ער איילט זיך ערגעץ אָנצוקומען. ס׳איז נישט קיין סתם גיין. איז דאָך זיין קומען אויך נישט סתם. שטייט מען און מ׳קוקט ארויף צו דער קאַמעניצע מיט אָפשיי און יראת הכבוד. מ׳זעט שוין דערביי ווי מ׳וועט אם ירצה השם שבת צו נאכטס צו מלווה־מלכה אויך האָבן די זכייה צו באַטרעטן די סאַלאָנען אויף וועלכע עס רוען באַזאַכט און אין גבי־רישער דערהויבנקייט אזעלכע ווייכע דיוואנען, וואָס ווער ווייסט פון וואנען זיי האָבן עס אָנגעשפארט אהער. מ׳עט שפאַנען שטיל און מיט דרך ארץ, אין די זאָקן ממש, ווייל נאָך פאַר דער טיר וועט די דינסט אין ווייסן פאַרטעך און געבלימטן געפרעסטן קליידל ציטערן און פלאטערן: „טיטס אויס די קאַלאָשן, טיטס אויס. קראצט אָפּ די בלאָטע דאָ אָ אינעם קראַצער. אָט איז אַ שמאַטע, ווישט אָפּ גיט, כ׳בעיט ענק!״ — זינגט זי און וואָרנט אויפן גרויס פוילישן שטייגער, פון וואנען זי אליין קומט, און גיט דערמיט צו צו דער גרויס־שטעטישקייט און באַזונדערקייט פון גאנצן הויז.

בעריש דער שרייבער איז אַ הינעגדיקער און עפּעס נישט קיין הינעג־דיקער. נישט בלויז זיין הויז, נאָר ער אַליין איז אויך העכער געוואַקסן פון אַלעמען אין שטאָט. ווען נישט וואָס זיינער אַן אייגענער, אויך אַ שטיקל

שרייבער האָט שוין דעם צונאָמען: כּוהן־גדול, וואָלט ער מן הסתם געטראָגן דעם נאָמען. אויך זיין פּרוי איז אַזאַ הויכע, אַ שטאַלטנע און אַלעמאָל אַ פּאַרפּוצטע. אַז זיי רעדן עפּעס קומט עס אַרויס אויך עפּעס העכער; כאָטש זיי רעדן אַלעמאָל שטיל און געלאַסן, נאָר ס׳קומט אַרויס אַזוי ווי פון אַ העכערן מקום אַרויסגעצויגן. מ׳קען נישט זאָגן אַז בעריש שרייבער האַלט זיך גרויס, פאַרקערט ער איז אויסגעמישט מיט יעדן איינעם און דווקא היימישלעך, אָבער אַלץ וואָס ער טוט פאַר וועמען עס איז, איז פון דעם מין וואָס טראָגט מיט זיך דעם אָפּשיי און באַהאַלטענעם פּחד וואָס מ׳האָט צו מלכות און צו די וואָס זיינען נאָענט צו דעם. אַ שרייבער פון „פּראָ־שעניעס" און געריכטס אַקטן איז ער. אין דעם געראַמען און ציכטיקן צימערל וואו ער נעמט אויף די וואָס קומען צו אים נאָך אַן עצה, הענגט עפּעס אַ פּאַפּיר, וואָס ווייזט שוואַרץ אויף ווייס מיט בולטע שאַרפע אותיות, אַז דער גראַזשדאַנין בערקאַ שוואַרץ, האָט אַ רעכט צו געבן געריכטלעכע עצות און בייזיין ביי ציווילע פּראָצעסן. דאָס אַליין טיילט אים שוין אויס פון אַלעמען, און זיין וואָרט איז שוין ממילא באַלד ווי מלכות אַליין.

איז וואָס שטילער ער רעדט, קומט עס אויס אַלץ וואָגיקער און קלינגט אין די אויערן פון צוהערער ווי אַ פּסק־דין פון סאַמע ריכטער אַליין. ווער ווייסט עס דען נישט, אַז ווען בעריש גיט אַ גלעט דאָס קורצע און פיין פּאַרקעמטע בערדל זיינס, בייגט באַלד דער סענדזשע אַן דאָס טויבלעכע אויער כּדי נישט צו פאַרלירן קיין וואָרט פון דעם באַזאַכטן מליץ־יושר. אַלע אין געריכט שטעלן אויך אָן מויל און אויגן אויף דעם אויסגעטאָקטן ייד, וואָס שטייט אַזוי גלייך און דרך־אַרצדיק פאַרן ריכטער, און דאַך פילט זיך ווי דער ריכטער קוקט אַרויף צו אים און צו זיין געלאַסענער אָפּגע־טאָקטקייט. עס זעט אויס, אַז ער קוועלט ממש צו קוקן אין זיין לויטער פּנים אַריין. קוקן שוין ממילא אַלע אויף אים.

מיט אַ קאָפּ העכער פאַר אַלעמען איז ער, און דאָס לשון אָן אַ פּגם. עפּעס ווי פון זיך אַליין איז ער גרויס, און וויפל ער זאָל זיך נישט היימישן מיט אַלעמען, איז מען פאָרט נישט צו נאָענט מיט אים. גיי גיב אַזאַ יידן אַ גוט־ברודערישן קלאַפּ אין פּלייצע, אָדער רעד צו אים ווי צו אַ גלייכן.

— ׳שמעגלעך,—פאַרגינט זיך זיינוועלע לץ אים אָנצונעמען ביים לאַץ, ווען ער ווערט בגילופין אין אַ שמחת־תורה טאָקע ביי אים אין דער סאַליע

פון דער קאַמעניצע,—ווילסט דאָך זיין א חסיד, בעריש, ביסט אפילו א לייטישער מענטש אויך, אבער דיין גרייס קיין איינערהאָרע (עין הרעה) לאָט נישט. ׳שמעגלעך פשוט! בעריש, וועסט זעך שוין אזוי עלטערן מיט דער קאַמעניצע ביז הונדערט און צוואַנציק. ס׳אימער (עס איז מיר) נאָר אַן עבירה וואָס דער טאַטע דיינער האָט דיר ניש א נאָמען געגעבן שאול המלך.

דעם לצס חכמות געפעלן געוויינטלעך נישט דעם עולם חסידים, וואָס פילן זיך שמחת־תורהדיק בגילופין און גאַנץ געהויבן פון אַרומשמאַיען אין די פאַרפּוצטע סאַליעס; בעריש אָבער שמייכלט צום לץ וואָס האלט אים נאָך אַלץ ביים לאַץ, און זיין קאַזע־בערדל גרייכט קוים צו בערישס עלנ־בויגן. מ׳זעט בחוש, אז ער האָט הנאה פון דעם ביסל היימישקייט וואָס בלויז אונטערן גלעזל קומט עס אַרויס. ער כאַפּט אַ שלוק פון לצס גלעזל און צעגייט זיך ממש פון תענוג: לחיים זיינוול, לחיים!

א גאַנץ גייענדיק יאָר אָבער, איז ער עפּעס וויטלעך פון אלעמען אפילו ווען ער איז נאָענט, און אזוי אויך די קאַמעניצע.

דער זעלבער זיינוועלע לץ פאַרגינט זיך אַמאָל צו לצעווען אויף ערנסט: „עך ווייסט, ווען ס׳קומט מיר אויס נאָר דורכצוגיין די קאַמעניצע, פאַרדריי עך מיר די פאות און פאַרכע אָפּ די שטיוול. אַ קלייניקייט, ס׳איז דאָך עפּעס בערישעס קאַמעניצע. ס׳קען דאָך נאָך זיין, אז די בערישעכע קוקט נאָך דאָרט פון אויבן אויך.״

מערסטנס זיינען די פאַרנדיקע פענצטער דאָרט אויבן פאַרהאַנגען מיט שווערע געבלימטע פאַרהאנגען, און קוקנדיק פון אונטן ארויף קומט עס אויס ווי דער אויבערשטער גאָרן וויל גאָר נישט זען און הערן וואָס עס טוט זיך אין „רינג״. דערפאַר קוקן שוין די זייטיקע פענצטער גלייך צום פערד מאַרק מיט די הויכע געשטעלן פון די חזיר־יאַטקעס אין מיטן און איבער זיי דאָס גרויע טורעמל מיטן פאַרזשאַווערטן רויטן דראָטענעם האָן אויפן סאמע שפּיץ; א נשאר פון אַן אַמאָליקן געץ איז עס וואָס האלט זיך אין איין יאָגן מיטן ווינט ווי א נישט גוטער וואָלט אין דעם געזעסן. יידישע קינדער טוען גלייך ווען זיי איילן פאַרביי די יאַטקעס איידער די סלינע זאַמלט זיך אין מויל און עס נעמט שלאָגן צו דער גריבער גאַל ביז צום ברעכן פון די פאַרקילטע זייטלעך חזיר־פעטס וואָס הענגען אויף גרויסע

שפּיציקע האָקנס און מאָניען און ציען בגוואַלד ממש אַריינצושטעקן די פינגער אין דער גלאַטער ווייכקייט, ווייס ווי קרייד. אַזוי שנעל ווי די אויגן שלאָגן זיך אָן אינעם פּאַרגליווערטן חלב און די ליפּן נעמען סמאַיען און וואַסערן, אַנטלויף ווי גאָט איז דיר ליב. כאַפּ זיך אַרויף אויף איינעם פון די נאָענטע פּאַטשענעס, וואָס ליגן אָנגעלענט אויף די אַרומיקע געוועלבן און הייזער און דיגען אי ווי אַן אָנשפּאַר, אי ווי אַן אַרויפגאַנג און דורכגאַנג ווייטער אין „רינג". קענסט זיך, פאַרשטייט זיך, ראַטעווען אין „רינג" אַריין אָדער גאָר צו דער קאָמעניצע צו, וואו סע שטייט אַלעמאָל אַ מאָדנע גע־דעמפּטע רואיקייט. עפּעס ווי דער גאַנצער יאַריד מיטן טומל וואָלטן צוגע־פאַלן ביז צו דער פּאַטשענע דאָ און זיך אוועקגעלייגט אַרויפקוקן צו די פאַרהאַנגענע פענצטער. אָבער ביז וואַן, פון צווישן די פאַרהאַנגען דאָרט, וועט ווער זיך אומקוקן אויפן איינגעשטילטן טומל אונטן, קוקט דער יאַריד דערווייל דרך־אַרצדיק צום אונטערשטן גאָרן מיט די פּאָר פאַרפּוצטע קראָמען וואו פון די שמאָלע אויסשטעל־פענצטער ווינקען אַרויס ווייסע שיך קעסטלעך, טונקל גרויסע רוקנס פון באַלנס שניט־סחורה און ברוינע שטיקער לעדער און פאַרשידענע שניידערישע און שוסטערישע צודאַטן. די טירן פון די קראָמען זיינען אַלעמאָל פאַרמאַכט. קענסט סתם אַזוי נישט אַריינלויפן אַהין. עס נעמט אַ ווײַלע ביז דו טרייסלסט אָפּ פון זיך דעם טומל פון יאַריד און עפענסט אַ טיר מיט אַ פּאָלירטער קליאַמקע וואָס טראָגט דיר אַנטקעגן אַ קלינג פון אַ גלעקל ערגעץ, און שטילט זיך באַלד אײַן איידער נאָך האָסט באַוויזן צו פאַרמאַכן הינטער זיך די טיר וועלכע שפּרינגט דיר עפּעס אַרויס פון דער האַנט, ווי זי וואָלט מורא געהאַט אַז די קראָם וועט חלילה געניזוקט ווערן פון אײַן איבעריקער רגע אָפן זײַן. דאָ אָהער טאָר דער טומל פון „רינג" נישט אַריינגאַנווענען זיך אַפילו אויף אַ סעקונדע.

אין די קראָמען איילט מען זיך נישט און מ׳דינגט זיך נישט. עס שמעקט דאָרט מיט גרויסשטאָט פון וואַנען די קעסטלעך מיט די רויטע און בלויע צעטעלעך זיינען געבראַכט געוואָרן אין גרויסע הילצערנע קאַסטנס און שטייען ווי יאָר עדות אין אַ ווינקל. אַזוי שנעל ווי די פּאַרקויפערין הינטערן לאַנגן טיש טוט אַ צי אַרויס פון אַ ספּעציעלן געשטעל אַ קעסטל מיט אַ גלאַנציקער פּאָר שיך אָדער אַ ווייס בלאַנקנדיק ווייבעריש שפּיצל, בלאַנקט

עס אויף אין קראָם מ׳יט ווייטע שטעט. דער ליידיקער בלויז אינעם געשטעל, דאַכט זיך רעדט צו דיר: „ס׳איז אַ כבוד פאַר דיר אַז איך בין גרייט צו שיידן זיך מיט דעם פיינעם שטיקל סחורה, וואָס איז פון אַזוי ווייט געקומען אַהער אין דעם העק. כאַפּ עס איידער איך טוליע עס צוריק צו זיך אין דער שטילער רו.״

זוען דו גייסט נאָכדעם אַרויס אויף די פּאַטשענעס מיט די גלאַנציקע שטיבלעטן אויף די פיס אָדער מיטן געטאָקטן קעסטעלע אין האַנט, ווייסטו נישט אויף וואָס פריער צו קוקן און אין וועלכער וועלט דו גייסט אַרום. דער אָטעם פון אַ ווייטער וועלט גייט מיט דיר מיט פון דאָרט אין סאַמע „רינג״ אַריין. אויף די אָפּגערונדיקטע זשוואָווע געשטאַלט פון יאַנקל סוחר, דער באַלעבאָס פון די קראָמען, שטייט דיר פאַר די אויגן מיט זיין בלאָנד בערדל און זילבערנער פענסנע מיטן ברוינעם סאַמעטענעם בענדל פאַרלייגט הינטער איין אויער.

— ס׳איז די לעצטע מאָדע דאָרט — האַלט ער זיך קוים איין אין זיין ווינקל וואו ער זיצט אין סטאַטעטשנער אָפּגעזונדערטקייט אַכטונג געבנדיק ווי די פאַרקויפערין באַהאַנדלט אַ קונה, און קוקט כלומרשט אין דעם אָפענעם זשורנאַל וואָס ליגט פאַר אים.

— דאָ דינגט מען זיך נישט, — שטעלט ער זיך אַמאָל אויף און נעמט אַראָפּ די פענסנע ווען אַ קונה קווענקלט זיך וועגן דעם פּרייז.

זעלטן ווען ער באַדינט אַליין. סיידן אַ פּריץ אָדער אַ דאַמע פון הויף קומט אַריין, שטעלט ער זיך אויף און שפּאַנט אַנטקעגן דעם גאַסט מיט אַ פלינקן און פריינדלעכן שמייכל ווי ער וואָלט שוין לאַנג געוואַרט אויף דעם אַריינקומער. איידער נאָך יענער האָט באַוויזן אַרומצוקוקן זיך, איז דער שמאָלער טיש שוין באַלייגט מיט קעסטעלעך נאָך וועלכע עס הענגען נאָך פאַרשידנקאָלירטע צעטעלעך, און עס קלינגען אויסטערלישע נעמען אין שטילן צימער: אַנטווערפּ, אַמסטערדאַם, בריסל, פּאַריז, ווין, און אַלץ אין אַ געמיטיקן פאַלירטן פּויליש ווי איבערגעבנדיק אַן אַנגענעמען גרוס פון אַ ליבן קרוב. עס דאַכט זיך אַז אין דער שטיל אַזוי דערציילן פונקט דאָס זעלבע די קאָלירטע זשורנאַלן מיט וועלכע ער באַוויזט זיך פאַר דעם אַנגעזעענעם קונה. און נישט ער רעדט אים איין צו נעמען דאָס וואָס ער

עצהס, נאָר דאָס גיט ער אים איבער דעם סוד פון דער לעצטער מאָדע און שיינקייט פון די ווייטן מיט וועלכע ער איז אויסגעבונדן.

יאַנקל סוחר וויזט זיך זעלטן אין „רינג". ווען ער גייט פון און אין קראָם, גייט ער מיט אַזאַ איילעניש, קוים מיטן אויג צו דערכאַפּן. דערפאַר אָבער אַז ער טוט זיך פּלוצים אַ שטעל אָוועק אויף דער פאָטשענע אַזוי אין מיטן טאָג און קוקט זיך אַרום אין אַלע זייטן צוהאַלטנדיק די פּענסנע מיט צווי פינגער, ווייסט מען שוין אַז אָט באַלד וועט ער זיך לאָזן אין מרחקים. לצים זאָגן, אַז יאַנקל פירט אַוועק דעם גאַנצן „רינג" אין זיין לענגלעכן ברוינעם רענצעלע און שיקט צוריק אַהער די גרויסע שטעט אין פירעקיקע הילצערנע קאַסטנס. נישט ביי איין טאַנדייט שניידער אָדער שוסטער הייבן זיך אָן די פיס צו זעצן, ווען ער דערזעט יאַנקל סוחר שפּאַנען געמיטלעך מיטן רענצעלע צו דער מיטלסטער בריק וואו אַרטשע באַלעגאָלע וואַרט אויף פאַרשוינען. וועד ווייס וואָס פאַר אַ נייע מאָדע ער וועט דאָס מאָל ברענגען, וואָס וועט צונעמען דעם לעצטן ביסן ברויט פון די באַלמעלאָכעס.

איז אויב דו איילסט זיך זייער, אָדער דער ריח פונעם חלב פון די יאַטקעס איז דיר אַריין אין די געדערים, דאַן מייד אויס די קראָמען צוזאַמען מיט יאַנקל סוחר, גיי זיי פאַרביי. בלויז אַ פּאָר שפּאַן ווייטער, איז די איינציקע קראָם דאָרט וואָס האַנדלט גלייך אויף דער פאָטשענע שוין. חנא אייזנקרעמערס קראָם איז עס. שפּרינג אַריבער די פּרענטעס אייזן און ביסט שוין אינעווייניק. די טיר איז דאָ אַלעמאָל אָפן. מעגסט גאָרנישט נישט דאַרפן אין קראָם, קענסטו אַלץ אַריינכאַפּן זיך אַהינצו. חנא אייזנ־קרעמער, אַ הויכער ייד אַ מרה־שחורהניק, וועלכער שווייגט אַפילו ווען אַ קונה איז שוין באַלד הייזעריק פון דינגען זיך, וועט דיר גאָרנישט נישט זאָגן ווען וועסט סתם אַריינשטעקן די האַנט אין אַ קעסטל טשוועקעס און מישן זיי מיט אַ מאָדנער הנאה וואָס באַרואיקט. עס טריקנט אויס די נודנע סלינע אין מויל און פאַרשוואַרצט די פינגער. קענסט דאָ שטיין ווי לאַנג דו ווילסט אַליין. דער הויכער גראָער ייד, וועט דיך גאָרנישט נישט פרעגן. ער וועט בלויז קוקן מיט דער זעלבער מרה־שחורה וואָס טונקלט דאָ אין שמאָלן קרעמל וואו אַלץ איז שוואַרץ, גרוי און זשאַווערדיק. בלויז פון די בלאַט־שלעסלעך אויפן שענקל איבערן פאַרקויף־טיש וואו חנא שטייט, בלישטשעט אַרויס אַ קופּערנער מאַטער בליאַסק.

— וואָס זשע, יינגעלע, קענסט אויך נישט סובל זיין דעם חלב?, האַ?
— וועט ער לסוף אַ שמייכל טאָן צו דיר פון אַ קעסטל טשוועקעס אַרויס וואו ער האַלט אויך פאַרטאָן די הענט. האָסט דאָס געפיל, אַז ער רעדט נישט צו דיר גאָר, נאָר ער פירט עפּעס אַ שמועס מיט עמיצן נאָך פון פריער — זעסטאָך אָבער, אַז אַ גאַנצע וועלט גויים באַלעקט זיך מיט דעם...

— כ'האָב געמיינט, אַז אייער גרשון איז דאָ הינען — פאַלט דיר איין צו ענטפערן און מאַכסט זיך גלייך ווי דו באַנעמסט נישט וואָס ער רעדט — מיר דאַרפן ערגעץ גיין.

— אַזוי, ביסט הייסט עס, גרשונס אַ חבר, זייער שיין, — דערזעסטו מיט אַמאָל ווי ער נעמט קאַלופּען אַ גרויסן שוואַרצן נאָגל מיט אַ לאַנגגען טשוואָק — ער קומט נישט אַהער. ר'האָט פיינט טשוועקעס, דער תכשיט — לאָזט דער מרה־שחורהניק נישט אָפּ — די גאַנצע משפחה אַזוי, מנע — קוקט ער אויף דיר מיט אַזאַ פאַרטראַכטקייט וואָס הייבט דיך אָן שטופּן הינטערווייַלעכטס און דער טשוואָק איין זיין האַנט ווערט אַלץ לענגער און לענגער — ער שמעקט נישט אַריין אַהער. דער חלב ציט אים. ביי די יאַטקעס דאָרט וואַלגערט ער זיך פּונקט ווי דער ברודער זייַנער אין בריסל ערגעץ צווישן כ'ווייס ווער — גייט ער דיר נאָך ביז דער שוועל און רעדט דאַכט זיך צו דיר און דאָך נישט צו דיר — נאַ, נעם דיר אַ טשוואָק. און וואו דאָס בריסל איז ערגעץ ווייסטו, האַ? דאָס האָב יעד יאַנקעלע שייגעץ צו פאַרדאַנקען. גאַנצע טעג האָט ער זיך דאָרט געפּאָרעט ביי די קעסטעלעך. ער האָט אויך פיינט געהאַט די טשוועקעס. דער חלב איז אים אַריין אין די געדערים, השם ישמרנו. האָט ער איינמאָל נאָכגעטראָגן יאַנקעלען דאָס רענצעלע און שוין — טרעט ער אַריבער די שוועל און ציט זיך גלייך צוריק — וואָס וועט אָבער העלפן רעדן, איציקל — גיט ער זיך אויס, אַז ער האָט די גאַנצע צייט געוואוסט ווער דו ביסט — ביסטאָך שוין דאָ, נעם זשע אַ טשוואָק און גיי דיר געזונטערהייט מיט דער גרעבליע גאָס. דער חלב איז נישט פאַר דיר, סיידן ביסט שוין אויך איינער פון זיי דאָרט אויבן, — ווייזט ער מיטן פינגער אויפן מיטלסטן גאָרן, וואו עס געפינט זיך דער „התקוה״ פאַריין מיט דער ביבליאָטעק.

ענטפערן עפּעס איז נישט שייך, ווייל דער ייד האָט זיך שוין צוריקגעצויגן

הינטערן טישל און הערסט קלאָר ווי די מרה שחורה רעדט פון אים אַרויס פון דאָרטן:

— אַז נישט היינט וועסטו מאָרגן אַרויפגיין, ווי דען?

ב

ווי צו אַלע הייזער און קראָמען אין „רינג", קען מען צו דער קאַמעניצע צוקומען דורך פאַרשידענע וועגן. מ׳קען פשוט גיין מיטן קירצסטן און באַקוועמסטן וועג. מ׳נעמט און מ׳שניידט דורך דעם קיילעך פון „רינג" אין אַ גלייכער ליניע מיטן אַלטן ראָטהויז וואו איצט זיינען די קאַשע מילעכלעך און שמאָטע שפייכלערס וועלכע האַקן איבער דעם „רינג" אין סאַמע מיטן, און ביסט שוין אויף יענער זייט. איז דאָס אָבער נאָר גוט ווען די בלאָטע איז אויסגעטריקנט און דער עיקר ווען דו ווייסט אַז דו גייסט אַהין עפּעס צו באַזאָרגן אָדער איינצוקויפן. אָבער אַ טאַטנס אַ קינד, וואָס ווייסט אַז ער גייט צום „התקוה" פאַריין וואָס אין מיטלסטן גאָרן פון דער קאַמעניצע, וועט ער שוין צען מאָל איבערטראַכטן איידער ער וועט אין מיטן העלן טאָג זיך פאַרנעמען צו גיין מיט דעם וועג. ווען דו גייסט דאָרט, גייסטו נישט אַליין. פון אַלע פאַטשעגעס און באַלקאָנען פון די הייזער און קראָמען גייען דיר נאָך נייגעריקע אויגן, אַזוי אַז די פיס הייבן זיך דיר אָן פּלאָנטערן און ווייסט שוין לחלוטין נישט וואו אַהינצוטאָן די הענט. וואָלסט זיך וועלן איינשרימפּן און ווערן אַן אינו נראה. פון אַלע זייטן שפּיזט מען דיר נאָך און הערסט שוין אַפילו דאָס מורמלען: „זע נאָר, איציקל גייט שוין אויך אַהין, ווי דער מאַמען."

וואָס זשע טוט מען? וואַרט מען אָפּ ביז שוין גאַנץ טונקל און אַלע קראָמען זיינען שוין פאַרמאַכט. יונגוואַרג איז שוין אויפן שפּאַציר הינטערן וויסן קלויסטער אָדער ביי דער לאַנגער בריק, און דער שוואַרצער ברוך דער בשמים קרעמער איז שוין געקומען פון מנחה מעריב און שוין אָפּגע־רוזשהט זיין טעגלעכן הילך־געשריי פון זיין פאַטשעגע אין חלל פון פאַרשטילטן „רינג" אַריין: כאַנטשע! גייסט נישט אַריין, וועל עך דעך באַ די צעפּ אַריינשלעפּן!" דאָס רופט ער זיין טאָכטער אַהיים פון שפּאַציר. דאַן איז די בעסטע צייט פאַר אַ טאַטנס אַ קינד צו לאָזן זיך אין „פאַריין" אַריין. אָבער ס׳איז אַלץ גלייכער צו גיין אַרום און אַרום מיטן ווייטערן וועג דורך די

„קליאַדקעס" און פּאַטשענעס וואָס קיילעכיקן זיך מיטן קיילעך פון „רינג" און דינען אי ווי אַ טרוקענער דורכגאַנג פון איין עק צום אַנדערן, אי ווי אַן אויסשטעל אָרט פאַר די צענדליקער שטעלן און טישלעך פון די גרינס און פרוכטהענדלערקעס, פישערקעס און בעקערינס און הענדלערקעס מיט צעלניק און אַלערליי קלייניקייטן און צודאַטן. סיי זומער סיי ווינטער זיצן זיי דאָרט און רייסן די קונים איינס פון דאָס אַנדערע און האַלטן אָן דעם שטענדיקן טומל פון „רינג".

איצט איז שטיל אויף די קליאַדקעס און ס'איז דאָרט קיינער נישטאָ, פון דעסטוועגן גייט מען זייער פּאַמעלעך, נישט געאײַלט — אלעהיי מ'גייט שעפּן לופט. מ'דאַרף דאָך נאָך אַלץ דורכגיין דאָס סאַדע געוועלבל פון חיימטשע קוואַטש וואָס האָט טויזנט אויגן און איין פּאָר הענט מיט וועלכע ער קען באַדינען אַ קונה און וויסן וואָס דרויסן טוט זיך. דער ברייטער לייבסערדאַק זײַנער איז ממש אַ מילגרוים מיט סודות וועגן אַלע טאַטע מאַמעס קינדער וועלכע ער וועט מאַרגן כּעלות אויסקוואַטשען מיט זיין ברייט מויל פול מיט צונג אין דער מזרח־וואַנט פון בית מדרש נאָך פאַר ברכות השחר. דער קוואַטש ווייסט אַלץ און זעט אַלץ. מ'דאַרף זיין אַ בריה פאַרבייצוגיין דאָס קרעמל און נישט אויפגעשפּיזט צו ווערן פון דעם קוואַטש'ס לייבסערדאַק מיטן אַרויסרופערישן תכלת־פעדימל אין די פאַרפּלאָנטערטע ציצית.

מ'מוז אויך אַריבערשפּריזן דאָס נאַפּט געוועלבל פון חייהטשע די גבאיטע, וואָס פאַרמאַכט זיך קיינמאָל נישט. דאָס קאַגאַניצל קאָפּטשעט דאָרט ביז טיף אין דער נאַכט אַריין. די גבאיטע אַליין זעט מען נישט, אָבער דער קאָפּעטש טראָגט זיך אין „רינג" אַריין — **אַ סימן אַז זי איז דאָ ערגעץ** אַ וואַכיקע.

שבת ביים לייענען וועט גאַנץ ווייבערישע שול זיך פאַרכליפּען מיט אַנווינקעניש און סודות וואָס עס טוט זיך אַלץ אָפּ אין דעם „גאָרן" דאָרט. — „דער אייבערשטער זאָל שירעמען און זיך דערבאַרעמען. מ'קען דען מיט אַן אויג צומאַכן, השם ישמרנו. אַז אַלע שלעפן זיי זיך דאָך אַהין. טאָמער ווייסטו וואָס זיי האָבן דאָרט אַזוינס?! תחילת אָוונט ברענען נאָך די בליצלאָמפּן, אַז בליצן זאָל זיי שוין אין גאַנצן געלענדער, רבונו של עולם. נאָר דערנאָך ווערט שטיל און פינצטער. חייהטשע איז אָבער נישט טויב. אַ גרויל גייט מיר איבערן לייב. גאָדלען, זאָג עד ענק. מ'כיכיקעט און

מ׳קרעקט זיך. עץ האָרכט מעך, צי ניש, ייִנגען מיט מיידן אין דער פינצטער, — נעמט זי זיך קנייפּן די באַקן, — כ׳זאָל אַזוי הערן שופר של משיח, ווי כ׳האָב געהערט אַזאַ חציפות, וואָס מ׳טאָר אויפן מויל נישט ברענגען אין אַ מקום קדוש.״ ,

עס העלפט נישט וואָס אַ פּאָר ווייבער, וועלכע האָבן אַליין קינדער וואָס שמעקן אַמאָל אַריין אין ,,פּאַריין״, ווילן זי איינשטילן: ,,לאָזט שוין צורו, חייהטשע לעבן, מ׳טאָר נישט באַרעדן, אין אַ מקום קדוש. לאָזט הערן אַ יידיש וואָרט!״ — זי האַלט אין איין פייערן און אָנרופן נעמען פון באַלע־באַטישע קינדער, אַז ס׳נעמט אַלעמען פלאַמען דאָס פּנים, און נישט איין באַלעבאַטיש ייִנגל און מיידל, וועט שוין האָבן אַ פאַרשטערטן שבת און בגוואַלד נישט אַרויסגעלאָזט ווערן אין דרויסן.

— עס העלפט אָבער נישט קיין שומרנו און קיין מצילנו, — ווי עס גיט צו מיט טרויער חנא אייזנקרעמער, — אַזוי איז געווען מיט מיינע, אַזוי וועט עס אויך זיין מיט דיינע. אַבי מ׳זאָל כאָטש וויסן וואו זיי זיינען, מישטיינס געזאָגט. — נאָגט ער פון זיך אַרויס די גאַנצע מרה־שחורה, — הערסטאָך, דוד, — טענהט ער אין מיטן דיין ווען ער קומט זיך נאָכפרעגן אויף זיין איציקלען, — הלוואי וואָלט עך ברוכלען מיינעם געווען געלאָזט גיין אַהין, וואָלט אים אפשר יאַנקעלע שייגעץ נישט געווען פאַרשלעפּט וויים איך וואו. זאָלסט זען וואָס ער שרייבט מיר פון דעם בריסל דאָרט. פון ארבע פינות עולם פאָרט מען אַהין און פון דאָרט נאָך ווייטער. וואָס לויפן זיי דאָס אַזוי? — לאָזט ער נישט אָפּ דעם דיין, וואָס איילט זיך אַוועקצוגיין, — צוריקגעשמועסט אָבער, וואָס האָבן זיי דען דאָ צו טאָן? זשאַווערן מיט די אַלטע אייזנס, האַ? — דאַכט זיך ווי ער זוכט פון אים אַן ענטפער און לאָזט אים פון דעסטוועגן נישט עפענען דאָס מויל, — ברוכל מיינער שרייבט מיר, אַז אויך דאָרטן האָט די מלחמה אַלץ איבערגעאַנדערשט. זעסט, — טוט ער אים אַ נעם ביים אָרעם און ווייזט אַן מיט אַ לאַנגן טשוואַק צום חזיר־מאַרק צו, — עך קען עס אויך נישט איבערטראָגן מער. אָט עפּנט מען שוין דאָרט אַ פּוילישע קראָם אויך. וואו זשע וועלן מיר זיך אַהינטין, דוד? זיינען אפשר די קינדער גערעכט? מ׳ברענט דאָך אונדז די טריט.

— וואָס זשע טוען זיי דען דאָרט? — באַווייזט דער דיין קוים אַריינ־צושטעלן אַ וואָרט, — ביטול תורה און חציפות, זאָגט מען.

— ווייסעך דאָרט וואָס מ׳זאָגט. ס׳אי ווערט אַ שוואָך. עד הער נאָר מ׳זינגט און מ׳רעדט, עד זעי גאַנישט דאָרט.

— איז ווי זשע איז ער געגאַנגען? — וויל דער דיין פּאָרט וויסן וואו זיין איציקל איז און לאָזט זיך צו דער טיר, ווי ער וואָלט מורא געהאַט צו דערוויסן זיך דעם ביטערן אמת.

— נאָך ניש אַרויפּציצי, דוד, נאָך ניש, — טוט דער מרה־שחורהניק עפּעס אַ מאָדנעם זאָג, — וואָס איז דען די נפקא־מינה, אַז פון די טשוועקעס וועט דאָך סיי ווי גאָרנישט נישט אַרויסקומען. די מלחמה און דאָס מלכות האָבן אַלץ איבערגעקערט. וואָלסט אַליין אויך געמעגט אַמאָל אַרויפגיין אַהינציצי, דוד, אויף דיר וועט מען דאָך ניש זאָגן. די ביסט דאָך אַ מבין אויף דעם. האָסט דאָך אַמאָל אויך געכאַפּט אַ קיק אין זייערע ספרימלעך. וואָס זשע זוגסטי, דוד? — בלייבט ער מיט דער פראַגע אין דער גרויקייט פון דער קראָם און רוקט ווידער אַריין ביידע הענט אין אַ קעסטל טשוועקעס.

— — די מלחמה און דאָס מלכות, השם־ישמרנו, ווי זשע זאָלן זיי גיין? ווי?

ג

דאָס „גאָרן שטיבל" אָדער דער „התקווה פּאַריין", ווי עס איז שפּעטער גערופן געוואָרן, איז געבליבן אַ ירושה נאָך פון דער מלחמה צייט. איינער פון די עסטרייכישע קאָמענדאַנטן האָט עס אַרויפגעצוואונגען אויפן שטעטל און מיטן כוח פון מלכות געפּועלט ביי די פּני פון שטעטל צו „דערלויבן" זייערע קינדער אַנצושליסן זיך אין „פּאַריין" אויף צו לערנען „דייטש און וויסנשאַפטן, איידער זיך אָפּצוגעבן מיט שמוגל און אייטלקייט" — אַזוי האָט הער פאָן פעלזנבערג איינגעטענהט צום ערשטן מיטן רב און דערנאָך מיטן דיין און די אַנדערע, האַלב אויף דייטש, האַלב אויף פּשוטן יידיש.

שוין אין די ערשטע פּאָר טעג פון זיין אָנקומען אין שטעטל, האָט מען דערפילט, אַז דער אָבערמייסטער הער פאָן פעלזנבערג איז נישט פון יענע אָפּיצירלעך, וואָס זיינען געקומען צו דער גדולה אין דער מלחמה, און זייער גאַנצע אַמביציע איז אַרויסצעווייזן זייער מאַכט און אין דער שטיל אָנפילן די אייגענע קעשענעס.

— אַ האַרטע נוס! — האָט אים דער „רינג" גלייך אָפּגעמאָסטן ווי נאָר ער האָט דאָס ערשטע מאָל דורכגעשפּאַצירט דעם גאַנצן קיילעך פון

„רינג‟ און דורך אַ מאַנאַקל אויפמערקזאַם באַטראַכט די האַלב לײדיקע געוועלבן און צעבראָכענע פּאַטשענעס. עפּעס איז געווען אין זיין גאַנג און אופן פון דרייען דעם שפּיצרוט, פון וועלכן ער האָט זיך קײנמאָל נישט געשיידט, וואָס האָט גלייך אַרויסגערופן אַפּשיי און דרך ארץ צו אים. אָן אַ וואָך און נישט באַוואָפנט, האָט ער זיך געשפּאַנט אַ רואיקער און אַ גלייכער ווי אַ ווירע. הויך און דאַר מיט פיין געכאַליעטע גרוילעכע באַקן־בערד אויפן לענגלעכן פאַרשפּיצטן פנים, האָט עס אויסגעזען ווי ער דרינגט אַריין אין אַלץ נישט בלויז מיטן מאַנאַקל אויף דער געהויקערטער נאָז, נאָר מיטן גאַנצן געפּאַסטן און פאַרשפּיצטן געשטעל זיינעם. און דאָך איז קיין שום אָנשטעל און אָנגעשטרענגטקייט נישט געווען אַרום אים. נישט אין זיין ענטפערן אויף באַגריסונגען און נישט אין זיין אויסדרייען זיך פון צייט צו צייט עפּעס צו פרעגן ביי הערשקע בירגערמייסטער, וואָס איז אים נאָכגעגאַנגען טריט ביי טריט. ס׳האָט געווייעט פון אים מיט שטאַט, מיט איינגעשטעלטן סדר. „אַ באַלעבאָס פון דער היים‟ — האָט יעדער שטעל זיינער געגעבן צו פאַרשטיין אָן ווערטער. „אַ באַלעבאָס וואָס באַקוקט צום ערשטן מאָל דאָס באַלעבאַטישקייט וואָס ער דאַרף איבערנעמען.‟ — האָט מען באַשטימט נאָך איידער ער האָט אַפילו אַרויסגערעדט דאָס ערשטע וואָרט. „מיט אַזאַ אַ פּילט מען זיך טאַקע גאַנץ זיכער, נאָר צי מ׳עט קענען הויזן מיט אים, איז אַ גרויסער ספק.‟ — איז נישט איינעם שוין באַפאַלן די מורא פאַרן מאָרגן.

— די פּאַטשענעס דאַרפן פאַרריכט ווערן גלייך, — האָט ער מיטן שפּיצרוט אָנגעוויזן הערשקען אויף די לעכער און לויזע ברעטער, — קיין האַלץ פעלט נישט און לײדיקגייער אוודאי נישט, — האָט ער שוין מיט אַ שמייכל צוגעוואונקען הערשקען אין פּשוטן יידיש, — מ׳טאָר נישט בטלען קאָ צאַאַט. פיר אַרבייט, צאָהלען וויר ציעמליך גוט, פאַרשטאַנדען, הער בירגערמייסטער ?!‟

אָפּגעזאָגט און זיך אַוועקגעשפּאַנט צוריק צו דער „קאָמעניצע‟ אין וועלכער די קאָמענדאַנטור האָט זיך געפונען. פאַרנאַכטצו האָט ער זיך אַזוי דורכגעשפּאַצירט לענג־אויס דער גרעבליע גאַס און זיך געמיטלעך באַגריסט מיטן יונגוואַרג, וואָס האָט זיך מיטן „אַלטן בריקל‟ געלאָזט אויפן שפּאַציר צו די בערג און פּריצישן סאַד. באַמערקנדיק די געשלאָסענע וואַסערמיל,

האָט ער זיך עפּעס פאַרנאַטירט און נאָך אינעם זעלבן אָוונט איז שוין ביי אים געזעסן חיים משה מילנער וועמעס פּאַראָווע מיל, הינטער דער שטאָט, האָט געאַרבעט אין דריי שיפטן פאַר דער אַרמיי בלויז. „מ׳דאַרף לאָזן אין גאַנג די וואַסערמיל פאַר דער ציווילער באַפעלקערונג, וועט ער נישט דאַרפן באַגנבענען דעם „קייזערס־שאַץ׳׳ כדי צו שפּייזן דאָס שטעטל און די דערפער אַרום. איין באַדינג נאָר האָט ער, „קיינעם שמוגל, וויסן זי, פיר דיזען ווערדן זי מיטן קאָפּפּע באַצאַהלען.׳׳ וויפל תבואה מ׳דאַרף פאַרן נאַרמאַלן געברויך, וועט ער דערלויבן אַריינצופירן, און יעדער מעלשענקער וועט קריגן וויפל ער דאַרף לויט די ברויט־קאַרטלעך. אויב אָבער מ׳וועט אים וועלן אָפּנאַרן, זאָל ער וויסן זיין, אַז ער אַליין וועט אַכטונג געבן און אַרויסשיקן קיין אונגאַרן אויף שווערער אַרבעט יעדן „טויכלער און לאָזבוב׳׳, וואָס וועט וואַגן צו ברעכן די רעגולאַציעס.

מיטן פאַרריכטן די פּאַטשענעס און לאָזן די וואַסערמיל אין גאַנג, האָט ער זיך טאַקע איינגעקויפט די ליבע ביים שטעטל. דערפאַר אָבער האָבן די שמוגלער און ספּעקולאַנטן פאַרשאַלטן יעדן טראָט זיינעם, ווייל וואו מ׳האָט נאָר עפּעס געפּירט איז ער אויסגעוואַקסן. מ׳האָט זיך גאַרנישט נישט געקענט אויסהיטן פון אים. מיט טויזנט אויגן ממש האָט ער געוואַכט איבערן שטעטל בייטאָג און ביינאַכט. פון יעדן באַהאַלטן ווינקל האָט ער געוואוסט און דאָרט אויסגעוואַקסן פונקט צו דער מינוט ווען אַ וואָגן מיט סחורה האָט זיך געפּרואווט אַרויס אָדער אַריינגנבענען אין שטעטעל. ס׳איז גאָרנישט מעגלעך געווען אָפּצונאַרן אים. ער האָט געוואוסט פון די טאָפּלטע דנאָען אין די וועגענער, פון ספּעציעל געהוילטן געשפּאַן אין וועלכן מ׳קען פאַרבאָרגן טיטון און זייף ביי וועלכע מ׳קען אָפּלעקן דאָס גוטע פאַרדינסטל. ער האָט זיך אַפילו נישט געשעמט צו באַטאַפּן די ברייטע פּאַסקעס וואָס איניקע פון די שמוגלערס האָבן דאַן געטראָגן איבער די ברייטע פלודערן און וויצלענדיק געהייסן די מיידלעך וואָס זיינען מיט זיי מיטגעפּאָרן „אויסטרייסלען זיך׳׳, וועט זיי לייכטער זיין דאָס פאָרן שפּאַצירן. „איינע פראַוענצימער איסט דאָך ניכט קיינע שמוגלאַרין, איינע באַגלייטערין בלאָז, ניכט וואַר ?׳׳ — האָט ער גוטמוטיק געהייסן דעם מיידל איבערטון זיך און זען צי זי קען זיך נישט מאַכן אַביסל דינער. ס׳האָט נישט געהאָלפן קיין בעטן, קיין טענהן און אַפּעלירן. „קריג איזט קריג׳׳ איז געווען דער פאַר־

טיקער ענטפער, און זייער העפלעך און אַן געשריי קאָנפיסקירט די טריפהנע סחורה און אַרויסגעבן אַ קוויטירונג. „עס ווירד אַלץ באַצאַהלט ווערדן״. אַן אויסנאַם האָט ער נאָר געמאַכט, ווען מ׳האָט געפירט זאַלץ אָדער צוקער. דאָס האָט ער נישט קאָנפיסקירט, נאָר געהייסן צופירן צו די קראָמען און פאַר זיינע אויגן עס איבערגעגעבן צו זיי כדי עס זאָל גיין אויף זייער חשבון „קאַרטן״. פאַרט אַ מענטש מיט געוויסן — האָט מען געמוזט צוגעבן, אַז ער גיט פון דעסטוועגן אַכטונג אַז דאָס שטעטל זאָל נישט פאַרלירן אַזעלכע פּראָדוקטן וואָס ס׳איז זייער שווער צו קריגן. מ׳האָט נאַטירלעך געפּרואווט ווייבער מאַכן זיין האַרץ דורך צושיקן אים אַ דאַנק־מתנה פאַר זיין „פּאַטער־לעכע באַציאונג״ צום שטעטל, האָט ער זיך גלייך אויף צו מאָרגנס אַריינ־געשטעלט צום רב מיטן גאַנצן פּאַק און עס אים איבערגעגעבן צו צעטיילן צווישן די נויטבאַדערפטיקע. גלייכצייטיק האָט ער אים געבעטן אויסצורופן שבת אין אַלע בתי־מדרשים, אַז אויב עמעץ וועט עס נאָכאַמאָל טאָן, וועט ער זיין געצוואונגען דורכצופירן די שטראָף וואָס קומט פאַר דעם.

— אַ האַרטע נוס! — איז קלאָר געוואָרן פאַר אַלעמען און ס׳איז געבליבן בלויז די איינציקע האָפענונג אַז ער וועט זיך לאַנג נישט האַלטן. פעלזנבערג האָט זיך אָבער יאָ געהאַלטן, און לאַנג גענוג איבערצולאָזן נאָך זיך עפּעס, וואָס כאָטש אַלע עלטערע באַלעבאַטים זיינען געווען שטאָל און אייזן קעגן דעם, האָט זיך אָבער דאָס יונגוואַרג אָנגעכאַפּט אין דעם און נישט נאָר אָנגענומען זיין הילף, נאָר אים נאָך באַטראַכט ממש פאַר אַן אייגענעם.

געווען איז עס אַזוי: אין איין פאַרנאַכט, איז ער זיך ווי זיין שטייגער אַוועק שפּאַצירן פאַרפוצט אין דער גאַנצער טראַכט זיינער. דאָס שמאָלע גרויע פעלד־היטל ווי צוגעשמידט צום געלאָקטן קאָפּ פונקט איבער אַ האַלבער זייט פון פנים מיט איין אויג. דער „טשוואָק״ (זיין מאָנאָקל ווי לצים האָבן עס אַ נאָמען געגעבן) איבערן צווייטן אויג צוגעפעסטיקט מיט אַ קלאַמרע צו דער הויקערדיקער נאָז און מיט אַ דין שוואַרץ בענדעלע אַריבער־געלייגט איבערן אויער, און פון דאָרטן הוידעט עס זיך געמיטלעך אויף דער גאַנצער לענג פונעם קורץ־געפּאַסטן בלויען רעקל מיט די גלאַנציקע זילבערנע עפּאָלעטן. אַ ברוינער פּאַסיק פאַרבינדט עס ווי איין שטיק מיט די שטייפע גאַליפּיי הויזן, וואָס שטייען ברייט און אויפגעבלאָזן ביי די

קני און פאַרענדיקן זיך מיט די ברוינע ווינקל־שנורן ביז אַריבער די לאַקירטע רייט־שיך מיט קלינגענדיקע שפּאָרן. דאָס איינציקע וואָס שטאַרט אַרויס פון דעם אָפּגעטאָקטן אָבערמייסטער הער פאָן פעלזנבערג, איז דער שפּיצרוט וואָס איז קונציק פאַרשטעקט אין לינקן אָרעם און שפּאַרט אַרויס פון ביידע זייטן פונקט אין אַ גלייכער מאָס. בלויז ווען ער דאַרף אויף עפּעס אָנווייזן, טוט ער אַ צי אַרויס דעם שפּיצרוט און פאַרשטעקט אים באַלד צוריק הינטערן אָרעם אַזוי אַז די זייט פונעם הענטל מיטן זיידענעם טראָלב און דער שפּיץ מיט דער ספּרוזשינע שטעקן אַרויס פון ביידע זייטן אויף דער האָר גלייך.

יעדעס מאָל ווען מ'האָט אים געזען אַזוי שפּאַצירן, איז מען געווען זיכער אַז דאָס מאָל גייט ער נישט „אויף יאַגד" און אַ גליקלעכער שמוגלער וועט זיך דאָס מאָל קענען דורכגליטשן דורך די וואַכן וואָס לאָזן זיך יאָ „רעדן", ווייל ער וועט זיך באַלד פאַרנעמען מיטן וועג צום פּריצישן סאַד און זיך אויסמישן מיט די שפּאַצירנדיקע פאַרלעך, און אַפילו מיטזינגען מיט זיי די פאָלקס לידער פון וועלכע ער קוועלט גאָר אָן און פלייסט זיך אַפילו אַרויסצושטעלן אַז ער קען זיי נאָך פון צו הויזע. „ביי זיי, אינעם „גוט" אויף וועלכן ער האָט זיך געהאָדעוועט, האָט מען די לידער געזונגען" — זוערט ער דאָרט פריי אויף דער צונג און דערציילט גאַנץ אָפּט וועגן זיך אַזעלכע פּרטים, אַז מ'פאַרגעסט כמעט אין זיין איצטיקן שטאַנד. עס גלייבט זיך גאָרנישט אַז ס'איז דערזעלבער שטייפער, געזעץ־טרייער הער פאָן פעלזנבערג. ווען נישט דער מלכותדיק גויאישער טראַכט און דאָס איבערגיין פון צייט צו צייט אויף דייטש, וואָלט מען גאָר געמיינט אַז ס'איז אינגאַנצן אַן אייגענער, וואָס האָט זיך אַרויסגעלאָזט אויפן שפּאַציר אָן טאַטע־מאַמעס וויסן און עס וואַרט שוין אויף אים אין דער היים אַ בייז וואָרטשען פאָר וואָס ער פאַרטאַכלעוועט די אָונטן מיט גאָלע גאָרנישט.

גאָר אָפּט וואַרפט ער אַריין אין שמועס, אַז מ'וואָלט געדאַרפט אָרגאַניזירן אַ „לייען און לערן שטובע" וואו די יוגנט זאָל זיך קענען צונויפקומען עטלעכע אָוונטן א וואָך. נישט זייענדיק זיכער צו וואָס ער צילט, האָט מען זיך געהיט פירן דעם שמועס צו ווייט און בעסער זיך צוגעהערט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם צו דעם וואָס ר'האָט דערציילט ווי די יוגנט לעבט אין די גרויסע שטעט. ער האָט געקענט אַזוי אַריינשמועסן ביז גאַנץ שפּעט ווען

די נאַכט־וועכטער אויף די בריקן האָבן זיך גענומען איבערפייפן ווי אַ סיגנאַל, אַז די „שפּער־שעהן" ווען מ'טאָר זיך נישט ווייזן אויפן גאַס הייבן זיך אָן. גלייך מיטן ערשטן פייף, האָט ער זיך צוריק אַ פאַרשטייף געטאָן: „די צייט איז פאַריבער, מיינע הערשאַפטן; געזעץ איז געזעץ, קריגס־צייט!" — האָט ער זיך אויף שנעל אַ לאָז געטאָן צוריק אין שטאָט אַריין און שוין קורץ און אָפּגעהאַקט צוגעוואָרפן אין דייטש: „איילן זי מאַלס!"

עס האָט אָפּילו אויך וויפל מאָל געטראָפן, אַז אַביסל שפּעטער זאָל מען צו אים אין דער קאָמענדאַנטור אַריינפירן אַ פאַרשפּעטיקטע גרופּע יוגנטלעכע מיט וועמען ער איז אין אָנהייב אָוונט געווען צוזאַמען אויפן שפּאַציר. האָט ער זיי אַרומגעקוקט גלייך ווי ער וואָלט זיי געזען דאָס ערשטע מאָל און דאָס פאַרשטייפטע פּנים איז געווען פול שטראָף. ער האָט גאָרנישט נישט געדאַרפט זאָגן אָדער באַפעלן. מ'האָט געוואוסט וואָס דאָס פאַרברעכן איז און וואָס די שטראָף וועט זיין. זיי וועלן איבערנעכטיקן אין קאָזע און מאָרגן וועלן זיי דאַרפן אויסקערן דעם גאַנצן „רינג" מיט די גרויסע לאַנגע בעזימער און ער אַליין וועט עטלעכע מאָל דורכשפּאַצירן אַן אַ שמייכל צו טאָן כדי צו זען צי מ'קערט דעם שטויב פון די קליאַדקעס און בריקלעך אין ליידיקן „רינג" אַריין ווי געהעריק איז.

נאָכן אָפּשרייבן די נעמען פון די פאַרהאַלטענע, איז ער מיטגעגאַנגען מיט זיי ביז צו דער שוועל פון דער קאָזע און כמעט ווי וועלנדיק זיך אַליין אָדער זיי אויפקלערן עפּעס, ראַפּטום זיך אָפּגעשטעלט סאַלוטירנדיק: „קריג איזט קריג, מיינע הערשאַפטן, ניכט וואַהר? צום ווידערזען!"

איז וואָס מער מ'האָט אים דערקענט, אַלץ מער רעטעניש איז ער געוואָרן און אַ מין דערוויטערטע נאָענטקייט האָט זיך איינגעשטעלט צווישן אים און דער יוגנט. ביז איינמאָל אין אַן אָוונט ווען ער האָט זיך אַרויסגעלאָזט אויף זיין געמיטלעכן שפּאַציר אַ פאַרפּוצטער ווי געוויינטלעך, איז ער דורכגייענדיק פאַרביי דעם גרויסן איינפאָר הויז פון משה אהרון שפּיליטער געבליבן שטיין און אָפּגעוואַרט אָרע באַלעגאָלעס פול געפּאַקטן וואָגן מיט סחורה, וואָס איז פונקט אָנגעקומען פון דער קרייז־שטאָט. אוודאי האָט אהרון משה געהאַט אַ דערלויבעניש אַריינצופירן די סחורה וואָס ער האָט געפירט און אַלץ איז שוין געווען קאָנטראָלירט פון די וואַכן ביי דער „לאַנגער בריק", אַנדערש וואָלט ער דאָך נישט געפאָרן אַזוי פראַנק און

פריי. אָבער אַז דער קאָמענדאַנט שטייט און קוקט, שטעלט זיך דער באַלעגאָלע אָפּ און חיים דער ברייטער, אהרון משהס מענטש, שפּרינגט אַראָפּ פון וואָגן גרייט אַרויסצונעמען די פּאַפּירן אים צו ווייזן. צעשמייכלט זיך אָבער דער הער פאָן פעלזנבערג און אָן אַ וואָרט צו זאָגן ווייזט ער אָן מיטן שפּיצרוט אויף אַ קאַסטן וואָס שטאַרט אַרויס פון די זעק און פעק פון וואָגן. מיינט עס, אַז דעם קאַסטן וויל ער מ'זאָל עפענען פאַר זיינע אויגן. פאָרט מען אַריין אין איינפאַר־הויז און אין אַ קורצע ווײַלע אַרום שפּאַנט ער זיך צוריק אַרויס פון דאָרט אין איילעניש און נאָך אים שפּאַנען גאָר נאָך נישט משה אהרון און נישט חיים דער ברייטער, נאָר בונימל עוזרס און יאַנטשע דעם מעלשענקערס. ביידע שטיבל ייִנגלעך גאָר, וואָס האָבן קיינמאָל נישט געשמוגלט. גאַפּט דער „רינג" און קען נישט פאַרשטיין, וואָס זיי האָבן געהאַט צו טאָן אין פינצטערן איינפאַר־הויז און פאַר וואָס זיי זיינען אַזוי פאַרפלאָמט און גייען מיטן קאָמענדאַנט גלייך צו דער קאָמעניצע. אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז אין קאַסטן זיינען געווען פאַרפּאַקט עטלעכע צענדלינג יידישע און העברעישע ביכער, וואָס די שטיבל בחורים פלעגן אין געהיים באַציען פון דער ביבליאָטעק פון דער קרייז־שטאָט, און פונקט אַזוי געהיים זיי צעטיילן צווישן זיך און לייענען אין די שטיבלעך און אויף די בוידעמער כדי אויסצוהיטן זיך פון די וואַכע אויגן פון די טאַטעס, וואָס האָבן געציטערט פאַר די טריף־פּסולען.

אָנגעהויבן האָט זיך עס נאָך פאַר דער מלחמה, ווען די עלטערע ברידער פון די צוויי זיינען אַוועק קיין גאַליציען צו זוכן אַ תכלית און פאַרן אַוועקפאָרן איבערגעגעבן בסוד סודות, אַז אויפן בוידעם פונעם ריזשינער שטיבל צווישן די ליאַכעס און שיימעס איז פאַרשטעקט אַ שאַפּקעלע מיט ספרימלעך אין וועלכע ס'איז כדאי אַריינצוקוקן. ווי אַזוי די ספרימלעך זיינען געקומען אַהין, האָבן זיי נישט אויסגעזאָגט, נאָר אַזוי ווי איין סוד פירט שוין צו אַ צווייטן, האָבן זיי זיך שוין אויך דערוואוסט, אַז ביי בעריש גלעזער אויפן בוידעם שטייט אויך אַזאַ אוצר, וואָס זיין בן־יחיד היט ווי אַן אויג אין קאָפּ. דאָרט קומט אַלעמאָל צו עפּעס נייס אויך, ווייל ווען ער פאָרט נאָך סחורה אין דער קרייז־שטאָט אַריין, זיינען צווישן די פּעק אויך פאַרשטעקט געווען פּעקלעך ביכער וואָס ער באַקומט דאָרט אין דער ביבליאָטעק. אוודאי האָט מען נישט אַלעמען איבערגעגעבן דעם סוד, אָבער די וואָס האָבן באַדאַרפט

ווייסן, האָבן שוין אויסגעקוקט אויפֿן שבת צו נאַכטס ווען די טאַטעס האָבן זיך געזעגנטלעך פֿאַרקליבן צו בעריש גלעזער אין סאַליע צו מלווה מלכּה, זינגען זיי אויך געקומען מכלומרשט צו הערן אַ גוט יידיש וואָרט, מיטזינגען אַ ניגון און קריגן הדרכה אין חסידות, און ווען מ׳איז שפּעט אין אָוונט אַהיימגעגאַנגען פֿון דאָרט האָט יעדער געהאַט קונציק פֿאַרשטעקט אַ ביכל אין די הויזן. די ערשטע שווערע מלחמה יאָרן האָבן דאָס אָפּגעשטעלט, אָבער ווי נאָר עס האָט זיך צוריק איינגעשטעלט אַ שטיקל אָרדענונג, האָט זיך שוין ווידער געפֿונען ווער פֿון די שטיבל־ייִנגלעך וואָס איז געפֿאָרן פֿאָרן טאַטן איינקויפֿן און אין איין וועגס געבראַנגט די טריף־פּסולס. איצט זיינען די צוויי געווען די ממונים אויף דעם. אויף זיי וואָלט קיינעם אין שטיבל נישט איינגעפֿאַלן אַזאַ זאַך. פֿון די סאַמע מתמידים זיינען זיי געווען און ווייזן זיך אַפֿילו זעלטן אויפֿן שפּאַציר. „די מלחמה האָט זיי נישט אָנגערירט״ — האָבן זיך זייערע טאַטעס געגרויסט מיט זיי, ווען זיי האָבן זיך דערוואוסט פֿון אַנדערע טאַטעס, אַז זיי האָבן געכאַפּט זייערע ייִנגלעך ביי טריף־פּסולס, אָדער אַזוי בטלען צייט דורך אַריינכאַפּן זיך צו משה אליה לייענער לערנען זיך שרייבן דייטש. משה אליה לייענער, דער איינציקער אין שטעטל וועמען מ׳האָט גערופֿן ביים פֿאַמיליע נאָמען, האָט נאָך פֿאַר דער מלחמה זיך אָפּגעגעבן מיט לערנען די שניידער און שוסטער געזעלן שרייבן. מ׳האָט אים גאָרנישט נישט געקענט טאָן כאָטש מ׳האָט געוואוסט אַז ער לערנט אויך מיידלעך און ווער עס וויל נאָר. ערשטנס האָט ער געהאַט דערויף אַ דערלויבעניש פֿון מלכות און געווען אויסגעקאָכט מיטן שרייבער פֿון דער גמינע. והשנית, האָט מען טאַקע אָפּט געדאַרפֿט אָנקומען צו אים צו שרייבן אַ פּראָשעניע אָדער רעדן מיט מלכות. אָבער דער עיקר פֿאַר וואָס מ׳האָט אים נישט געטשעפּעט איז ווייל מ׳האָט געוואוסט, אַז זעלטן ווען ער וועט אָננעמען צו לערנען עמיצן פֿון די טאַטע־מאַמעס קינדער פֿון „רינג״ אָדער „גרעבליע גאַס״. זיי, אַז זיי האָבן געוואָלט לערנען האָבן זיי שטילערהייט זיך געמוטשעט מיט רוסישע גראַמאַטיקעס און אַליין־לערנערס, וואָס זיינען איבערגעגאַנגען פֿון איין „שטיבל״ צום אַנדערן בסוד סודות און געהזרט געוואָרן אויף אויסנווייניק אין די גרויסע משמור נעכט אַפֿילו אין בית מדרש און אין יעדן שטיבל, ווען אַ טייל זיינען אונטן געווען אויף דער וואַך פֿאַרטאָן אין לערנען און יענע אויבן, האָבן אויסגעהערט

איינער דעם אַנדערן. די מלחמה האָט דאָס געענדערט. איצט איז משה אליה דוקא געווען אַרומגערינגלט מיט טאַטע־מאַמעס קינדער וואָס האָבן צוזאַמען מיט אים געחזרט די דייטשישע גראַמאַטיק, און די בעלי־מלאכהשע קינדער האָבן זיך אָפּן געזאַמלט אין פאַרשידענע הייזער עפּעס צו לערנען און פאַרברענגען. מ׳האָט זיך שוין מער נישט, ווי אַמאָל, געגנבעט אויפן שפּאַציר אַרויס, נאָר ווען נאָר מ׳האָט געמעגט גיין אין דרויסן, איז מען פראַנק און פריי געגאַנגען מיטן „רינג״ און „גרעבליע גאַס״, געשמועסט און געזונגען אין דער הויך און זיך אַפילו פאַרגינען צו גיין געאָרעמט אַ ייִנגל מיט אַ מיידל. ווען אין איין שבת נאָכמיטאָג איז דער רב מיט אַ פּאָר שיינע באַלעבאַטים אַרויס אויפן שפּאַציר נאָך דער פאַרשטאָט אין פריצישן הויף כדי צו פאַרטרייבן דאָס חציפות, וואָס האָט זיך דאָ אָפּן צעלייגט, האָבן זיי דאָרט געקראָגן אַזאַ ברוך־הבא, אַז זיי האָבן שוין מער נישט געפּרואווט זיך באַווייזן דאָרט.

טאַטע־מאַמעס קינדער פון חסידיש באַלעבאַטישן שטאַנד, האָבן אָבער אָפּענערהייט נאָך אַזוי ווייט נישט געהאַלטן. אויף זייער שפּאַציר־פּלאַץ ביי דער „לאַנגער בריק״, זיינען נאָך ייִנגלעך און מיידלעך געגאַנגען באַזונדער. אַ שערענגע מיידלעך פון איין זייט און אַ שערענגע ייִנגלעך פון דער צווייטער. מ׳האָט זיך דעם „גוט שבת״ אָדער „גוטן אָוונט״ אַריבערגע־שושקעט אַריבערן וועג נישט אָפּשטעלנדיק זיך אין גאַנג. אוודאי האָבן אַ טייל גאַנץ אָפּט פשוט פאַרבלאָנדזשעט און אַראָפּ פון וועג און זיך צופעליק באַגעגנט הינטער דער בריק אויף „דער ליבע סטעזשקע״, וואָס ווערט דאָרט פאַרפאַלן ערגעץ צווישן די הויכע וואַסער־גראָזן, אָבער דאָס איז אַלץ געווען צופעליק פאַרשטייט זיך און מיט אַ סך האַרץ קלאַפּעניש. אַפילו בחורים פון איין שטיבל האָבן זיך געהיטן איינס פאַר דאָס אַנדערע. דעריבער האָט עס אָנגעמאַכט אַזאַ טומל ווען מ׳האָט זיך דערוואוסט אַז בונימל עוזרס און יאַנטשע מעלשענקערס זיינען אויך געכאַפּט אין דער מעשה. „גיי ווייס וועמען צו גלייבן היינטיקע צייטן״, האָבן אַלע בערד געטאַמלט צערודערט, „אַ מגפה רחמנא ליצלן, וואָס מיידט נישט קיינעמען. זע נאָר, זע, דאָס שטיל וואַסער, השם ישמרנו״, האָט מען מיט צערודערונג און חשד געקוקט אויף די אַנדערע שטיבל ייִנגלעך, וועלכע זיינען אַליין אויך געווען געפּלעפּט פון דער נייעס, און אַפילו די וואָס זיינען נישט געווען פאַרמישט אין דער

מעשה, האָבן מורא געהאַט צו עפענען דאָס מויל עפּעס צו זאָגן אָדער נאָכ־פרעגן זיך. מ׳האָט שנעל אָפּגעדאַוונט מנחה־מעריב און אַרויסגעאײַלט אין גאַס אַרײַן.

אוודאי, ווען די מעשה נורא מיט די טריף־פּסולס וואָלט אויפגעדעקט געוואָרן אויף אַן אַנדער אופן און נישט אַז דער קאָמענדאַנט זאָל זײַן אין דעם פּאַרמישט, וואָלטן עוזר שניטקרעמער און דער מעלשענקער זיך איצט נישט באַוויזן אין „רינג״, נאָר פּשוט זיך פאַרשלאָסן אין דער היים מיט די בנים און זיי מקיים פּסק געווען מיטן גראָבן פינגער זיי זאָלן געדענקען אויף וועלכער וועלט זיי גייען אַרום, אָבער אַז די זאַך איז גאָר אין דער האַנט פונעם קאָמענדאַנט, האָט דער פּחד פאַרן מלכות געטריבן די צוויי טאַטעס צו דער קאָמעניצע צו. ווי נאָר זיי האָבן זיך ז׳ערוואוסט, אַז ס׳זײַנען טאַקע זייערע בנים וואָס דער קאָמענדאַנט האָט געכאַפּט מיט די טריף־פּסולס, האָבן זיי זיך גלייך אַ לאָז געטאָן צו משה אליהן ער זאָל מיט זיי גיין צום קאָמענדאַנט.

— וואָס עפּעס יעך? — האָט יענער געפּרוּווט זיך אַרויסדרייען פון גיין מיט זיי.

— ווער דען, דער רב? דו ביסט דאָך דער גורם, — האָבן זיי זיך אי געבייזערט אי געבעטן, — נאָכאַלעמען, ווייסטו דאָך בעסער פון אונדז ווער ס׳האָט זיי פאַרשלעפּט אין דעם אומגליק אַרײַן.

— ווען עך זאָלט נישט זײַן אַזעלכע פאַנאַטיקער און לאָזן עפענען אַ ביבליאָטעק, וואָלט מען נישט געדאַרפט אַנקומען צום שמוגל, — האָט זיך משה אליה געגלעט דאָס געשווירענע בערדל און זיך אַלץ נישט גערירט פון אָרט, — אין אַנדערע שטעט איז עס שוין פון לאַנג אַן אָפענע זאַך.

— וואָס זשע, משה אליה, דו ביסט נאָך גערעכט? דאָס גאַנצע אומגליק איז דאָך דײַן מלאכה. האָט מען דיך דען עפּעס געטשעפּעט, האַ?! און דו מיינסט אַז מיר וועלן איצט אויך שווייגן, אַז מירן לאָזן די קינדער אָפּקומען צוליב דיר? וועסט גיין און דערציילן דעם מושל דעם גאַנצן אמת. אַ שטיקל יאַבדעס האָסטו דאָך פאָרט אין דיר. האָסט דאָך פאָרט אַמאָל געלערנט.

— יעך זאָג דען אַז יעך וועל נישט גיין, — איז מיט אַמאָל משה אליה ווייכער געוואָרן און זיך אויפגעהויבן צו גיין מיט זיי, — נאָר מיינט נישט אַז כ׳וועל אויף זיך נעמען ענקער שמוגל. כ׳וועל דעם קאָמענדאַנט איבער־

געבן ווער עץ זענט און ווי אַזוי עץ האַלט די יוגנט אין פינצטערניש. ער איז אַ גרויסשטאָטישער, ער וועט פאַרשטיין.

— זאָל זיין פון קאָזאַק, אַבי די קינדער זאָלן נישט ליידן, — האָבן די יידן זיך געמאַכט ווי זיי פאַרשטייען נישט וואָס ער ברייעט דאָ אַבי ער זאָל גיין און רעדן מיטן קאָמענדאַנט. — איצט איז נישט קיין צייט אויף קיין לאַנגע מחזקות. מ'מוז שוין גיין. עס פאַלט זיי דאָרט נעבעך אַרויס די הערצער, השם ישמרנו. נאָ דיר אַזאַ מעשה גאָר.

דער גאַנצער „רינג" איז געווען אויף און נאָכגעקוקט ווי די שיינע באַלעבאַטים שפּאַנען מיט משה אליהן ווי אַ סגול. ער, גלייך ווי אַ ווירע, אַ שמאָלער אַ דינער מיט אַ געפּאַסט קורץ רעקל אויף זיך, שפּאַנט פאָרויס אַ צעשמייכלטער ווי ער וואָלט געגאַנגען אויף אַ שמחה, און זיי — געבויגענע און וואַקלדיקע, פּלאָנטערן זיך אים נאָך פון הינטן און די לאַנגע שוואַרצע קאַפּאָטעס יאָגן פון זיך מיט חרפה און בושה פונקט ווי זייערע פאַראומערטע פנימער און צעקנייטשטע גרוילעכע בערד.

— אַ שיינער נחת, — האָבן פריינד באַדויערט און שונאים זיך געשמאָלצן פון הנאה.

אַרויסגעוויזן האָט זיך אָבער, אַז הער פעלזנבערג האָט זיך ממש דערפרייט מיט דער דעלעגאַציע. ס'איז גאָרנישט געווען דער זעלבער קאָמענדאַנט מיטן אויסגעטאָקטן לבוש און גלייוער אויפן פנים, וואָס שטייפט תמיד פונקט ווי זיין שפּיצרוט. ווי נאָר מ'האָט אים געלאָזט וויסן, אַז די עלטערן פון די פאַרהאַלטענע ווילן אים זען, איז ער אַליין צוגעגאַנגען צו דער טיר און מיט אַ ברייט פנים זיי פאַרבעטן אין קאַבינעט אַריין:

— ביטע שיין, מיינע הערשאַפטן, זייער גוט וואָס זיי זיינען געקומען, צימליך גוט. גאָר פאַרנונפטיקע יונגען אייערע זינדלעך, — איז ער באַלד אַריבער אויף זיין גאַליצישן יידיש און פאַרענדיקט מיט אַ צופרידנקייט וואָס האָט די דערשראָקענע יידן געפּלעפט. — צימליך באַלעזן. ס'איז דאָך דאָ מיט וועמען צו גיין צום טיש, — האָט ער זיי אָנגעוויזן צו זעצן זיך אַרום טיש וואו די צוויי זיינען געזעסן גאַנץ באַקוועם, ווי זיי וואָלטן דאָ שוין געווען גאַנץ היימיש און נאָר וואָס זיך דערוואוסט פון עפּעס גוטס.

און איידער נאָך די אַריינגעקומענע האָבן באַוויזן צו עפענען דאָס מויל און אַרויסרעדן אַ וואָרט צו די קינדער, וואָס האָבן זיך ביים אַריינ־

קומען פון די טאַטעס געכאַפּט אַנטון די היטלען, האָט דער קאָמענדאַנט זיך ברייטלעך אָוועקגעזעצט אין דער טיפער שטול פון יענער זייט טיש און כמעט פייערלעך אַריינגערעדט אין זיי.

— ס'איז אַ שאַנדע, אַז אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, זאָל מען דאַרפן אַריינבערענגען ביכער פון וויסן בגנבה. וויסן איז ליכט און ער האָט זיך שוין לאַנג געוואונדערט פון וואַנען די היגע יוגנט באַזיצט דאָס ביסל וויסן וואָס זיי האָבן. איצט פאַרשטייט ער שוין, נאָר עס קען נישט מער זיין קיין שמוגל. די יוגנט וואָס לעכצט נאָך וויסן מוז דאָס קענען קריגן פריי און אומגעשטערט. ער וועט עס שוין איצט נעמען אין דער האַנט אַריין. אין דעם מיטלסטן גאָרן פון דער קאָמעניצע, איז פאַראַן אַ ליידיקער גרויסער צימער, וועט עס געטומען ווערן פאַר אַ לייען־שטובע און פאַרזאַמלונגס פלאַץ פאַר דער יוגנט. וועלן זיי זיך נישט דאַרפן אַרומשלייען פוסט און פאַס און פאַרנעמען זיך מיט נאַרישקייטן. די עסטרייכישע מלוכה איז פאַראינטערעסירט אַריינצוברענגען וויסן צווישן די פעלקער. „מאַן מוס די יונגען לערנען" — האָט ער נישט געמערקט ווי די צוויי יידן פינטלען מיט די אויגן פון געפּלעפּטקייט און אַן אַנונג אַז ס'איז נאָך ערגער ווי זיי האָבן דערוואַרט.

— אָבער הער קאָמענדאַנט, — האָבן זיי סוף כל סוף געוואָלט עפּעס זאָגן איידער משה אליה וועט אָנהייבן, ווייל זיי האָבן שוין דערזען ווי זיין פּנים הייבט אָן צו שיינען און גרייט זיך שוין אַרויסצוקומען מיט לשון.

— קיין אָבער, מיינע הערשאַפטן, — האָט ער זיי נישט געלאָזט רעדן, — עס איז שאָן באַשלאָסן. די יונגען זיינען באַאויפטראַגט צו לייטן די ביבליאָטעק און צוציען די פּאַסיקע לויטע צו עפענען קורסן פאַר שפראַך און וויסנשאַפט און פלעגן די קונסטע; — האָט ער זיך אַלץ מער באַגייס־טערט, — טעאַטער שפּילע, פאָלקס קונסט פאַרשטייען זי, וואָס מיינען זי, הער שרייבער? — האָט ער גערעדט שוין נאָר צו משה אליהן, — זיי קאָנען זייער פיל לייסטן, מיין הער!

— טעאַטער?! — האָבן די צוויי יידן זיך אַ הייב געטאָן פון אָרט ווי אָפּגעבריטע, — יונגען מיט מיידן, רחמנא ליצלן!

— דאָס גאָר, — האָט זיך דער קאָמענדאַנט צעלאַכט, — זאָרגט זיך נישט, מיינע הערשאַפטן. מאָרגן פרי וועט ער שוין דורכרעדן זיך מיטן

רב און נאָך אַ פּאָר באַלעבאַטים. עס וועלן שוין געפונען ווערן די מיטלען, אַז די לייען שטובע זאָל אויסגעשטאַט ווערן ווי געהעריק. אַ גוט טעאַטער־שפּיל וועט ברענגען אַ געלט אַ פּאַרוויילונג, — איז ער געווען אַזוי צופרידן מיטן גליקלעכן צופאַל וואָס האָט אים צונויפגעפירט מיט די יונגען וואָס לעכצן נאָך וויסן, אַז ער האָט אַפילו נישט באַמערקט ווי די צוויי יידן זיצן פאַרצאַפּלטע איבער דער נייער גזירה וואָס קומט אויף זיי. זייערע קינדער זיינען די וואָס זיינען אין דער סאַמע מיט דערפון און זיי אַליין מוזן זיצן און צוזען און קענען גאָרנישט נישט טאָן.

— שיר פאַרגעסן, — האָט ער זיך פלוצים עפּעס דערמאָנט און אויף אַ בלאַנק אָנגעשריבן אַ פּאָר פּאַראַגראַפן, — אַלעס מוס לויט די רעגולאַציאָנען געמאַכט ווערדן. אַ לעגאַלער סטאַטוס מוס פון יעמאַנדן פאַרלאַנגט ווערדן, — האָט ער זיי אונטערגערוקט אַ פּאַפּיר, — שרייבן זיי זיך אונטער אָט אַ דאָ, ביטע, זי מוסען, וויסן זי, — האָט ער כמעט באַפעלעריש און דאָך מיט אַ שמייכל זיי דערלאַנגט די פען אונטערצושרייבן, און גאַנץ יידישלעך צוגעגעבן: — נאָכדעם וועלן מיר טרינקען לחיים און די יונגען וועלן קענען אַהיימגיין, — האָט ער שעלמיש געגעבן צו פאַרשטיין די צעטומלטע יידן.

אַזוי איז געבוירן געוואָרן דאָס ערשטע לעגאַלע פאַרזאַמלונגס־פּלאַץ, פון דער יוגנט אין שטעטל, דאָס גאָרן־שטיבל. לאַנגע יאָרן נאָכדעם האָבן יאַנטשע מעלשענקער און עוזר שניטקרעמער נישט געקענט זיך אָפּוואַשן פונעם פלעק, אַז זיי האָבן מיט די אייגענע הענט געהאָלפן אויפשטעלן דאָס מקום, וואָס איז בעוונותינו הרבים געוואָרן פולער און פולער און דאָס בית מדרש און די „שטיבלעך" זיינען געוואָרן אַלץ ליידיקער און ליידיקער.

אַפילו די, וועלכע מ'האָט אָפענערהייט נישט געזען אַרייַנגיין אַהין, האָט מען געמעגט חושד זיין, אַז באַהאַלטענערהייט הינטער די גמראָס, וואַלגערן זיך ביי זיי יענע ספרימלעך. נישט איין טאַטע האָט שיר נישט די נשמה אויסגעשפּיגן, לא עלינו, ווען ר'האָט פאַרבייגייענדיק זיך אַריינ־געכאַפּט אין פאָדערהייזל פון „שטיבל" און באַנומען מיט שרעק, אַז איבער די טישן דאָרט אינעווייניק טראָגן זיך גאָר אַנדערע ניגונים, ממש ווי די וואָס פאַרקלינגען לעצטענס דעם „רינג" אַלע אָוונט. גיי האַלט אויס און פּראַל נישט אויף די טיר מיט אַ האַרץ־ריס: „קינדער, וואָס טוט זעך מיט ענק?!"

געהאָלפן האָט עס אָבער סיי ווי נישט. דורך טיר און טויער און וואו נאָר אַ שפּאַלט האָט זיך דאָס אומגליק אַריינבאַקומען אומעטום. זיינען די טאַטעס קוים איינגעשטאַנען אין די קראָמען ביים מעסטן און וועגן און דינגען זיך איבער אַ גראָשן ריווח, און דאָס שטיבל־יונגוואַרג האָט זיך פאַרשטעקט אויפן בוידעם ביי אַ האַלב געעפנטן לופטשיקל אָדער סוכה־וואַכלער און ממש געשלונגען די ניי־אַנטפּלעקטע וועלטן, וואָס ליגן פאַרהוילן אין די קליינע ספרימלעך און אין די ברייטע ליכטיקע גמרא־בלעטער פון „החיים והטבע״, וועלכע זיינען געגאַנגען פון האַנט צו האַנט בסוד סודות און ציטערניש ווי אַפּגעניגלטע אוצרות. פון זיך אליין עפּעס, האָט דאָס שטיקל גמרא און דער פּסוק חומש אויך אַן אַנדער אויסזען געקראָגן. עפּעס שאַר־פער און דורכזיכטיקער געוואָרן, אויפגעדעקט זיך האַלבלעך און געבליבן שטיין אין פאַרהוילעניש אָן אַ ניגון. ס׳איז געווען ווי א הייטל וואָלט פון די אויגן זיך אַפּגעשיילט און עס זעט זיך גאַר אַנדערש און באַנעמט זיך אַנדערש. מיט אַמאָל איז קלאָר געוואָרן, אַז די זיכערע מויער פון דער מסורה, וואָס איז געפעסטיקט און געהייליקט פון דורות תנאים און גאונים, איז גאָרנישט אזוי פעסט און זיכער ביי זיך. קוק גוט אריין, וועסטו זען וויפיל מוחות האָבן זיך געבראָכן אויסצוטייטשן די נישט קלאָרקייטן, די ספקותן אויף שריט און טריט. עס פרעגט דער מדרש און טייטשט מיט אַ קנייטש און אַ מעשה; עס אַמפּערט זיך די גמרא און פאַרענטפערט מיט א היקש; די גאונים ראַנגלען זיך און די פּרשנים פאַרגלעטן מיט אַן אויס־טייטש; און וואָס מער מ׳טייטשט, אַלץ מער פרעגט זיך ערשט. זוכט מען א באַשייד אין די אַנווינקעניש פון אבן־עזרא, אין דער קרישטאָלענער לאָגיק און קורצן בקיצור פון רלב״ג און אין דער שאַרפער געשליפנקייט און גלייכן שכל פון רמב״ם. אָבער דער פועל יוצא איז, אַז קיין זאַך איז נישט גאַנץ זיכער אַפילו ווען דו נעמסט צוהילף דעם סודותדיקן הויך פונעם אור־החיים און רמב״ן. מ׳קען אזוי און אויך אביסל אנדערש זאָגן. אדרבא, זע נאָר ווי דער רד״ק מוטשעט זיך נעבעך און אלע נאָך אים האָבן נאָך אַלץ וואָס צוצוגעבן.

קומען נאָך צוגיין די נייע ספרימלעך און שטעלן דעם גאַנצן סדר העולם אונטער א פראַגע צייכן. דערזעסטו ערשט דאַן, אַז אין תוך איז יענע אויך נאָר געגאַנגען אין דעם וואָס דער סדר העולם איז זיי נישט

געוועזן גאַנץ צום האַרצן, און אַפילו גאָר די גרויסע און הייליקע זיינען נכשל געוואָרן. קען מען מער נישט איינזיצן אין שטיבל. דער ניגון פון לערנען רודערט מער ווי ער באַרויקט און בינדט צו. דער איינגעשטעלטער סדר דאָ גיט קיין ענטפער נישט אויף די שאלות וואָס מאַטערן. דער גאנצער סדר מיט אלע שטייפע דורות הינטער אים טוט זיך מיט א מאָל א וואקל, א צאַפּלענדיקער ספינקס.

גנבעט מען זיך ציטערנדיק אַרויס פון שטיבל און מ׳בלאָנקעט לאַנגע שעהן ארום דער „לאנגער בריק" וואָס פירט אין מרחקים אריין, און דער סוף איז אז מ׳שלייכט זיך אריין דורך א הינטער־וועגל אין איינער פון די ליקלעך וואו מ׳קען געפינען די זייטיקע טיר צום „גאָרן־שטיבל". די ערשטע צייט וואָגט מען נישט אריינצוגיין אין פאָרנדיקן באַלויכטענעם צימער, נאָר מ׳פארשטעקט זיך אין א ווינקל אין הינטערשטן צימערל וואו מ׳אַמפּערט זיך אין דער פינצטער וועגן דעם ריכטיקן מיין פון א פסוק פרץ, אַ פרק מענדעלע, אַ משנה אחד־העם. עס בליצן דאָרט אין דער טונקל מאָדנע ווערטער: „אויטאָעמאַנציפּאַציע, טראַנספאָרמאַציע, אי־בערבוי, הגשמה, סאָציאַלער איבערברוך". צום ערשטן פארשטייט מען נישט קלאָר וואָס עס מיינט און וואָס פאר א שייכות עס האָט מיט דיר. ביסלעכווייז אָבער ווערסטו א טייל פון דעם און דערזעסט זיך אליין ווי א טייל פון דעם סדר וואָס ברעקלט זיך. דורך די שפּאַלטן אין דער פאר־הייליקטער אַלטער מויער דערזעסטו זיך אליין זוכן אַן ארט צו באפעסטיקן זיך נישט נאָר פאר היינט, נאָר פאר דעם וואָס דארף ערשט געשען מיט דיר און מיט אלע דאָ ארום. דאָס שטיבל, דעם טאַטנס הויז און דאָס גאנצע שטעטל מיט די בריקן און די געסלעך, ווערן קלענער, איינגעשרומפּענער, ענגער פון טאָג צו טאָג. מ׳וועט זיך דארפן ארויסרייסן פון דאנען אין די מרחקים און דאָרט אָנהייבן פון דאָס ניי. און ביז וואָס און ווען, זיצט מען אין דעם טונקלען זייטיקן צימערל פון „גאָרן־שטיבל", שפּעטער גערופן „התקוה פאריין" און מ׳וויל אויסגעפינען—וואָס טאקע מיינט א „נישט דאָס בין איך אויסן", און וואָס ליגט אין די דריי פּינטעלעך פון די „קלאָץ געשיכטעס" און ווי אַזוי קומט מען טאַקע צום ריכטיקן וועג וואָס זאָל דערפירן צו אַן ערגעץ?!

קיין קלאָרן ענטפער קריגט מען טאַקע דערווייל נישט, אָבער עס פילט זיך פאָרט, אַז ס׳ווערט גרינגער אין חברותא. שטעלט מען זיך שוין איין ארייַנצוגיין אין פאָרנדיקן באַלויכטענעם צימער מיט די אָפענע פענצטער צום „רינג״, און זאָל זיין וואָס ס׳וועט זיין. דער ריכטיקער וועג מוז און וועט דאָ געפונען ווערן.

ד

עס האָט פונדעסטוועגן גענומען אַ סך לענגער ווי דער הער פאָן פעלזנבערג האָט זיך פאָרגעשטעלט ביז דאָס „בילדונג און קונסט הויז״ איז געוואָרן דאָס נייע בית־מדרש פון דער יוגנט. אין אָנהייב האָבן גאָר א סך זיך צוריקגעהאַלטן פון אַרויפקומען אַהין. שטיבל־ייִנגלעך, האָבן זיך געמוזט שטארק היטן פאר די טאַטעס וואָס האָבן אָנגעזאָגט זהיר וזהיר נישט צו דערוועגן זיך אַריבערצוטרעטן די שוועל פון דעם „מקום״ שכל באיה לא ישובון; די וואָס האָבן זיך פארנומען מיט אָפענעם און באהאַלטענעם האנדל, האָבן קיין גרויס חשק נישט געהאַט צו קומען אין א פּלאַץ וואו דער קאָמענדאַנט איז אזא באַקענטער מחותן. האָבן טאַקע א פּאָר וואָכן נאָכאַנאַנד אלע לאָמפּן אין די צימערן דאָרט געברענט יעדן אָוונט, אָבער זעלטן אז ס׳איז ווער אַרויפגעקומען.

משה אליה האָט אָבער נישט אויפגעגעבן. שטילערהייט האָט ער זיך צונויפגערעדט מיט די וואָס האָבן געהיטן דאָס ביכער־שאַפקעלע אויפן בוידעם פון ריזשינער שטיבל. אויך די אוצרות פון בעריש גלעזערס בוידעם האָבן זיך אָפּן אויסגעשטעלט אין די שאַפעס פון „גאָרן שטיבל״. א פּאָר אָוונטן א וואָך, באַזונדערס אין די דאָנערשטיקס, ווען די שטיבל־בחורים פּראַווען א משמר, איז דאָס הינטערשטע צימער געבליבן פינצטער. עס האָט געהייסן, אז ס׳איז א שאָד צו ברענען א לאָמפּ פאר ליידיקע ווענט. אין דער אמתן אָבער האָט דאָס געגעבן א געלעגנהייט פאר די וואָס האָבן זיך געגאַנוועט אהער הינטערווײַלעכטס. אינעם פאָרנדיקן, גרויסן און ליכטיקן צימער, האָט דאָס בעל־מלאכהשע יונגוואַרג פראַנק און פריי זיך געדרייט ארום די שאַפעס און געשמועסט און אָפט געהערט א לעקציע פון משה אליהן, צי גאָר זיך אַ צעזונג געטאָן, אַז דער גאַנצער „רינג״ האָט אויפגעשטעלט מויל און אויערן. אין הינטערשטן צימער אָבער, האָט מען זיך געשושקעט און געאַמפּערט אין דער שטיל אין אלע ווינקעלעך. אויך

דאָס בייטן די ביכער איז אַזוי דורכגעפירט געוואָרן. מיט דער צייט האָט איינער אָדער איינע פון דאָרט זיך אָנגעגורט מיט מוט און אריבערגע־טראָטן די שוועל פון פּאַרנטיקן צימער, און עמיץ פון די פּאַרנטיקע האָט זיך אריינגעשליכט אין הינטערשטן צימער און געוואָרן איינס מיטן שטילן שעפּטשען דאָ, וואָס איז גאַנץ אָפט געוואָרן שאַרף און קריגעריש. אפילו גאנץ שפּעטער, ווען דאָס „גאָרן־שטיבל" איז שוין געווען דאָס אָפענע פאַרזאַמלונגס פּלאַץ פון דער יוגנט איז נאָך אַלץ געבליבן דער שטייגער, אז דאָס הינטערשטע צימערל איז מערסטנס געבליבן אין דער פינצטער.

דער קאָמענדאַנט, וואָס האָט אָנגעקוואָלן פון זיין אויפטו, האָט שוין געזען דערצו אז ס'זאָל זיין אביסל געלט אויף צו קויפן נייע ביכער. צווישן די קרעמער האָט זיך מיט אמאָל פאַרשפּרייט א מיינונג, אז ס'איז עפּעס לייכטער געוואָרן צו קריגן א דערלויבעניש אריינצופירן געוויסע סחורות. מ'האָט זיך עפּעס ווי צונויפגערעדט אויפן וואונק, אז ער וועט זיך מער נישט וואָרפן ווי פריער אויב מ'וועט אים צושיקן אַ מתנה צו טאָן דערמיט וואָס ער וויל.

— וויסן זי, — פלעגט ער אָפט אריינשפּאַנען אין פּראָנטיקן צימער בשעת משה אליה האָט מיט גרויס יראת הכבוד אויסגעטיילט די ביכער, ווי מ'טיילט מצה־שמורה, — וויסן זי הער שרייבער, כ'מיין אז דער „ביכער שאַץ" מוז פאַרגרעסערט ווערן. מ'דאַרף צופאָרן אין דער קרייז־שטאָט.

דאָס האָט ער אַזוי געגעבן אנצוהערן, אז עמיץ האָט אים אונטערגערוקט א מתנה, אָדער עמיץ האָט געדאַרפט באשטראָפט ווערן פאַר עובר זיין אויף עפּעס א רעגולאַציע, און יענער האָט שכל געהאַט באצייטנס צו באשטייערן זיך פאַרן „בילדונג און קונסט הויז"...

— א קונסט הויז אָן קונסט — האָט ער אָבער סוף כל סוף זיך געפילט געטראָפן וואָס ס'איז נאָך נישט געלונגען צו שפּילן אפילו איין „שטיק". דער הער שרייבער דאַרף זיך מער אָנשטרענגען וועגן דעם, — האָט ער כמעט אָפן באשולדיקט משה אליהן, אז ער באַמיט זיך נישט אפילו צו מאַכן פון דער ביבליאָטעק דאָס וואָס זי האָט לכתחילה געדאַרפט זיין. משה אליה האָט עס נישט געפּרואווט אָפּלייקענען און זיך אפילו נישט פאַרענטפערט. ער האָט אים געגעבן צו פאַרשטיין, אז ס'איז נישטאָ מיט וועמען צו שפּילן. נישטאָ ווער עס זאָל אָנפירן, און דער עיקר איז, וואָס אין אַ שפּיל

שטאָט. ער האָט נאַטירלעך אויסגעמיטן אָנצוגעבן, אַז זיין נאָענטקייט שטערט אויך א סך.

— זאָ וואָס! — איז דער קאָמענדאַנט אויפגעשפרונגען און אַריבער אויף דייטש — נאַין, מיין הער, דאָס גיבט ניכט!

פון זיין שטעל און טאָן, האָט שוין משה אליה פארשטאַנען אז נישט נאָר נעמט ער נישט אָן זיינע טעמים, נאָר ער איז דער עיקר אויפגערייצט פון דעם וואָס דער פּחד פארן שפּילן יינגלעך מיט מיידלעך האלט אָפּ פון פארווירקלעכן זיין פּלאַן.

— דער מיטלאלטער זיצט נאָך היפש אין איהנען, מיין הער, זי זאַגן ניכט די גאנצע וואַרהייט, — האָט ער זיך ווי איינגעהאלטן און צוריק אריבער אויף יידיש. ער שפּאצירט זייער אָפּט אין די הינטערגעסלעך און זעט גוט ווי די יוגנט פארווילט זיך מיט געזאַנג און טענץ. וואונדער־לעכע שטימען הערט ער דאָרט און עכטער, פרישער פאָלקס אויסדרוק. דאָס קאָן מען ניכט פאַרשיבען, מיין פריינד.

— ס'איז נישט דאָס אַליין, — האָט משה אליה געפילט אַז ער מוז אַרויס־קומען מיטן גאנצן אמת, אז איינע פון די הויפּט סיבות פאר וואָס אזוי ווייניק יונגוואַרג ווערט צוגעצויגן צום קונסט־הויז איז, ווייל ס'איז אַרויסגע־צוואונגען געוואָרן פון הער קאָמענדאנט. אוודאי זיינען די וואָס ווייסן, שטארק דאנקבאר אבער כדי אלע זאָלן זען אז דערמיט איז מען אויסן די טובה פון אַלעמען, דאַרף מען עפּעס זען טאָן פאַר דער אָרעמקייט פון שטעטל. עפּעס גאָר ניצלעכעס און נישט נאָר צעטיילן ביכער און שפּילן.

— זאָ וואָס, — האָט הער פעלזנבערג זיך שוין צוריק אָוועקגעזעצט אַ נייגעריקער, באַצייכנדיק דערמיט, אַז ער איז גרייט צו הערן אַ פאָרשלאָג.

— א היפשע צאָל משפחות האָבן נישט פון וואָס צו לעבן איצט. גייען פשוט אויס פון הונגער. א ביליקע קיך וואו די ארעמקייט זאָל קענען קריגן א וואַרעמען מאָלצייט פריי און אפשר אויך געוויסע פּראָדוקטן לויט די ראַציאָ קאָרטן, וועט זיין דער בעסטער באַווייז וואָס די יוגנט קען טאָן. דאָס וועט צוציען נישט נאָר די יוגנט אליין. קיינער וועט שוין אויך נישט וואַגן ארויסצוטרעטן קעגן א קונסט אוונט, די פאָנדן וועלן געניצט ווערן צו העלפן א וואוילטעטיקן צוועק.

— ציעמליך, פאַרנינפטיק, — האָט דער הער פאַן פעלזנבערג אויפגע־שיינט און שטאַרק געדריקט משה אליהס האַנט.

פון דאַן אָן איז געוואָרן לעבעדיק אין „גאָרן־שטיבל״. ס׳האָבן זיך דאָרט אָנגעהויבן באַווייזן אַזעלכע אויף וועלכע מ׳וואָלט זיך קיינמאָל נישט געריכט, אַז זייער פוס זאָל אריבערטרעטן אריבער דער דאָזיקער שוועל. יונגע באַלעבאַטישע ווייבלעך, וואָס קענען אָפּשפּאָרן אַביסל צייט און טאַטע־מאַמעס קינדער, האָבן צום ערשטן פאַרזיכטיק און דערנאָך גאַנץ אָפן זיך באַוויזן דאָרט כדי צו העלפן אין דער הייליקער אַרבעט פון שפּייזן די אָרעמשאַפט. אייניקע האָבן אַפילו אויסגעמאַרקירט צו קומען איינמיטן טאָג כדי טאַקע אַלע זאָלן זען און דער קאָמענדאַנט זאָל עס באַמערקן. דער גאַנצער מיטלסטער גאָרן פון דער קאַמעניצע און די גרויסע סאַליע פונעם אויבערשטן גאָרן איז פאַרנומען געוואָרן פון דעם הילפס־קאָמיטעט „התקוה״, וואָס האָט פון דאַנען אויסגעטיילט מאַלצייטן, גרייטע פעקלעך שפּייז און אָפט קליידער אויך. הער פאַן פעלזנבערג האָט שוין אַזוי מאַר־קירט נישט צו זיין דערביי ווען מ׳האָט אַרויפגעבראַכט די פּעק אין דער סאַליע אויף וועלכער מ׳האָט דעם ברענגער געגעבן אַ קוויטונג באַצייכענענדיק דעם ווערט פון דער סחורה. אָבער אין אָונט האָט ער אַלץ דורכגעקוקט און שוין געוואוסט ווער עס האָט זיך אויפסניי באַשטייערט פאַרן קונסט הויז דורך באַשפּייזונג הילף.

דער נאָמען „גאָרן־שטיבל״ איז עפּעס ווי פאַרגעסן געוואָרן. אַלע האָבן געוואוסט נאָר פון „התקוה פאַרייך״. אַפילו דער קוואַטש און די שטאַרקסטע פרומאַקעס האָבן נישט געוואָגט צו דערמאָנען אַז מ׳לייענט דאָרט טריף־פּסולען און אַז יינגלעך מיט מיידלעך זיצן דאָרט אין דער פינצטער. „מ׳זעט דאָך בפירוש, אַז ס׳איז אַן אמתע צדקה גדולה און בזכות זה האָבן דאָך ממש גאַנצע געסלעך אָפּגעלעבט, אריינגערעכנט אַפילו די „יורדים״, לא עלינו, פון „רינג״.

דער קאָמענדאַנט האָט אָבער זיינס אויך נישט אויפגעגעבן.

— עס דאַרף געשפּילט ווערן טעאַטער. פאַראַן אַזוי פיל פיינע „פּאָלקס שטיקע״, — האָט ער געהאַלטן אין איין איינטענהן מיט די יונגע ווייבלעך און מיטן הער שרייבער, ביז סוף כל סוף האָט מען אים געמוזט צוליב טאָן און מ׳האָט זיך גענומען גרייטן. פונקט דאַן האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז פון

סאַמע לאָדזש צי גאָר פון וואַרשע אַליין, האָט זיך דורכגעשלאָגן אין שטעטל אַריין אַ בחורל מיט אַ פאַרשאַרצט נעזל און אַ חוצפּהדיק בלאָנדע טשופּרינע, וואָס לאָזט קיין היטל אויף זיך נישט האַלטן. שפּאַנט ער אַרום אין דרויסן מיט אַ גאָלן קאָפּ, השם ישמרנו, און דער ווינט מיט דער זון און אַלע אויגן פון „רינג״ פלאָנטערן מיט די צעפּלאָשעטע האָר וואָס קענען זיך גאָר קיין אָרט נישט געפינען. איז דאָס נאָך ווייניק, הילט ער זיך איין אין אַ מין יאָלדישער פּעלערינע, וואָס הענגט אים בלויז אויף די אַקסל, פאַרבונדן מיט אַ שלייף ביים סאַמע צעכראַסטעטן האַלדז און אָן אַרבל גאָר. שטעלט עס אויף אַלע פּאָטשענעס אויף די פיס און מיט יעדן פלאַטער פון דער פּעלערינע פלאַטערן נאָך און צאַפּלען אַלע יונגע הערצער פון שטעטל. זינט דאָס שטעטל שטייט, האָט עס נאָך אַזעלכס נישט געזען. זיינען טאַקע מויל און אויגן אָנגעשפּיצט אויף דעם מאָדנעם פאַרשוין, וואָס שפּאַנט זיך גלייך איבערן גאַנצן קיילעך פון „רינג״ צו דער קאָמעניצע צו. מיידלעך מאָלן אין דער גיך מיט אַ שעפּטש און אַ שלונג. „זע נאָר וואָס עס טוט זיך דאָס אָפּ אין די גרויסע שטעט. אַ וואָרער שייגעץ, מישטיינס געזאָגט.״ נישט איין מאַמעס האַרץ ציטערט: „וואָס אַזאַ קען חלילה אָפּטין, זאָל דער איבערשטער שומר ומציל זיין.״

געקומען איז ער עפּעס צו אַ וויטן קרוב זיינעם אויף דער גויאישער פאַרשטאָט, און איידער וואָס און ווען איז ער שוין געוועזן פאָן־בראַט מיטן קאָמענדאַנט און מיט וועמען דען נישט. פייער־פלאַם ממש. גלייך ביי זיין ערשטן אַרויפקום אין „התקוה פאַריין״, האָבן זיינע ברענענדיקע אויגן דורכגעריסן די פינצטערניש פון הינטערשטן צימער און גאַנצע שטויסן געלעכטער האָבן זיך דערטראָגן פון דאָרט אין פאָרנדיקן צימער אַריין. זיינע חכמות און גלייכווערטלעך האָבן זיך גענומען טראָגן פון מויל צו מויל און איידער מ׳האָט זיך נאָך אַרומגעקוקט, האָט מען שוין געוואוסט אַז נישט נאָר דאָס מויל אַרבעט ביי אים אויף שרויפן, נאָר די הענט שטייען אויך נישט ליידיק. וואו נאָר ער גיט זיך אַ דריי, גיט ער אַ משל־אָפּ דאָ דעם, דאָ יענעם אין שטעטל ווי ער שטייט און גייט. פאַרשטייט זיך, אַז מ׳האָט גענומען קלעפּן צו אים אין פאַריין און אויפן שפּאַציר. מ׳האָט זיך ממש נישט געקענט אָפּרייסן פון אים. זיין יעדער מיג און באַוועג, האָט געמיינט גרויסוועלטישקייט, און דאָס בלויזע זיין נאָענט צו אים, האָט

אוועקגעטראָגן פון דאנען אין דער גרויסער שטאָט אריין מיטן גרויסן פארנעם און אומבאגרעניצטן פריי לעבן. אפילו א געוויינטלעך ליד, האָט אין זיין מויל געקלונגען ווי דאָס סאמע נייעסטע און בעסטער אויסדרוק פון דער נייער צייט. אָפגערעדט שוין, אז ווען ער האָט אנגעוואונקען וועגן פארזאמלונגען אין געהיימע דירות און אז ערגעצוואו אין א ווייך־קעלער, האָט ער זיך באגעגנט מיט פרצן אליין, איז גאָר זיין פעלערינע אויסגע־וואקסן העכער ווי די טשופרינע. וואָס ער זאָל נישט געווען זאָגן, איז געווען דאָס סאמע לעצטע וואָרט פון דער גרויסער וועלט. מיידלעך פון סאמע „פאָן", האָבן זיך געפילט געהויבן באמערקט צו ווערן פון זיינע בריינ־דיקע אויגן און פלינקע פינגער.

הינטער די אויגן, האָט מען אפילו — טייל פאר קנאה און אנדערע פאַר פשוטער מורא, געזוכט צו פאַרמינערן זיינע מעלות. אַרויסגעהויבן בלויז די חסרונות. א גאנצער קנאקער אויף צו טשעפען זיך צו די מיידלעך. היינט מיט דער, מאָרגן מיט יענער. א פארשייטער יונג אָן א הארץ. א מויל מיט שרצים. אַ לאַטעק, טוט נישט די האַנט אין קאַלט וואַסער, און נאָך און נאָך אַזוי. פונדעסטוועגן, ווי נאָר ער האָט אַמאָל זיך פאַררעדט, אַז אין ווארשע האָט ער אמאָל געשפילט טעאטער, איז מען גלייך צוגעשטאנען צו אים, אז ער זאָל נעמען גרייטן אַן אָוונט. הער פאָן פעלזנבערג, האָט זיך גאָר אָנגעכאפט אין דעם און גאנצע אָוונטן אָפגעזעסן גלייך מיט אלעמען ביים רעפעטירן די שפיל, וואָס הערשקע לאַטעק, ווי אלע האָבן אים שוין דאן גערופן, האָט געגרייט פאר דעם ערשטן פאָלקסקונסט אָוונט, וואָס וועט פאַרקומען דעם קומענדיקן שושן־פורים.

דער קאָמענדאנט איז געווען אין זיבעטן הימל, און אויף אים קוקנדיק האָט דער גאנצער „רינג" געשעפּט אי גרויס תענוג, אי אויסגעגאָסן גאנצע טונען פון ביטול און חוזק געמישט מיט א באהאלטענעם איבערנעמען זיך.

— זעט נאָר זעט מיט וואָס די חברה דאָרט פארנעמט זיך. די באָבע פּינטע עליה השלום, האָט דאָך נאָך געצויגן די דאָזיקע זינגעכצן.

— האָט עץ געהערט אזוינס. שוין איינמאָל א זאָגעכץ. אזא מענה לשון, האָט נאָך קא שום מיטער בריאה באן אינדז ניש געהערט.

— עץ פארשטייט זעך ניש אין די זאכן. ס'קימט דאָך פון סאמע לאָדזש.

— ס׳אי די לעצטע מאָדע דאָרט. מ׳קערט איבער דאָס פעסעל פון אויבן אַראָפּ, קימט אַראָס דער פינטעכעס זינגעכץ און דעם אלטן חזנס יעלהס.

— אייסעך דאָרט, וואָס עץ מאכט חוזק. אזא יאָר שוין אויף מיר ווי אָפּגעפּיצט אַן אַלטער שקראב קען גלאנצן.

— אז מ׳זיכט עפּעס גיטס מוז מען אנקוגען צין אינז.

אזוי האָט דער „רינג״ זיך געאַמפּערט און דאָך שטיל פאַר זיך נאָכגעברומט די באַנייטע אַלטע ניגונים און געגעבן עצות גישט געפּרעגטערהייט וואו מ׳דאַרף מער אַ קנייטש טון דעם ניגון און וואו מ׳דאַרף אַ קרעכץ געבן, און וואו ס׳פּאַסט זיך בעסער אַ לייטישער חתונה־טאַנץ: אַ שערעלע, צי אַ טריטעלע, צי גאָר אַ געפלעכטעכץ מיט אַ רעדל. איין זאַך האָט אָבער אַלעמען געריסן אין די אויערן: „וואָס ציען זיי אַזוי דעם מאַרך פון די ביינער מיט אויסטערלישע רייד, וואָס קיינער פאַרשטייט נישט פאַר וואָס מ׳דאַרף עס אַזוי אַרויסרעדן: אָט מיט אַ פּאַמפּ ווי יאָשע שמש בשעת ער רופט עפּעס אויס אין שול, אָדער מיט אַ גאָרן נידעריקער ווי ס׳וואָלט געקומען פון בויך ערגעץ, צי פון א פאס ארויס.״

— אָט אזוי רעדט מען עס ביי זיי אין די גרויסע שטעט דאָרט, האַ?

— מילא, אז מ׳עט לעבן, וועט מען שוין זען וואָסער געקעכץ דאָס איז. — האָט מען ווידער און אָבער אמאָל איבערגערעדט דאָס זעלבע נאכט אויף נאכט, און זיך אָנדערציילט גאנצע וואונדער וועגן דעם משוגענעם קאָמענדאַנט וואָס טרעט נישט אָפּ פון דער „שאָפּע״ וואו די „פּאָזשאַרנע קאָמאַנדע״ האלט אירע צעלעכצטע כלים. דאָרט טוט זיך עס ערשט אויף טיש און אויף בענק. ער האָט צונויפגעטריבן אלע סטאָליאַרעס און מאַליערעס פון אלע הינטערגעסלעך. גאנצע נעכט קלאפּט מען דאָרט און מ׳פארשטאָפּט וואו נאָר אַ לעכל. ביים שיין פון שטורקאַצן קריכן די מאַליערעס אויף די לייטערס און מ׳מאַליעוועט און מ׳צירט און מ׳פּוצט עס אויס ווי א ליאלקע. ס׳וועט שוין זיין איינמאָל וואָס צו זען. „איין ווארעס שפּיל־האַוז מוס עס זיין״.

— עץ זאָלט שוין זען ווי מ׳האָט עס אויסגעטראָצלט די חורבה, נאָר בילעטן צו נעמען!

אָבער ווען ס׳איז באקאנט געוואָרן אויף זיכער, אז אייניקע פון די שפּילער וועלן זיין פארשטעלט פאר מיידלעך און פארקערט אויך, און דער

עיקר אז אין דער שפּיל וועט טאַקע דורכגעפירט ווערן אַ חתונה מיט אַלע פּיטשעווקעס; דער „שאַלטעק" הערשקע וועט זיין דער חתן און מינטשע ברוכל ווייצנערס וועט זיין די כלה, איז מיט אַמאָל געוואָרן אַ געמורמלעריי אין אַלע באַלעבאַטישע הייזער.

— וואָס הייסט עס עפּעס? ווי דערלאָזט מען עס?

— אַזאַן אויסגעמישעכץ בריש גליה, וואו איז דאָס געהערט געוואָרן? אַ חופּה מיט אַ פאַרשטעלעניש, ווויי איז מיר! אַזאַ הפקר!

און כאָטש מ'האָט געוואוסט, אַז די גאַנצע זאַך איז אַרויסגעקומען צוליב דער קנאה פון אַ פּאָר באַלעבאַטישע טעכטער, וועלכע האָבן מינטשען נישט פאַרגינען וואָס הערשקע טרעט נישט אָפּ פון איר אויך נאָך די רע־פּעטיציעס, איז די סומאַטאָכע אַלץ נישט קלענער געוואָרן.

— עך האָב זיך אָבער געבעטן באַן ענק טאָג ווי נאַכט, אַז עך קאָן קאָ נעכט ניש שלאָפן איבערן חציפות, — האָט חוותשעלע די גבאיטע גע־גליאָמדזשעט מיט אַ מויל פול יאַסלעס שטייענדיק אַרומגערינגעלט מיט אַ טשאַטע ווייבער אין קרעמל ביים קאָפּטשנדיקן לעמפּל. אויך דער קוואַטש האָט פון הינטערן ברייטן טלית־קטן מיטן תכלת־פּעדעמל אַלע פרימאָרגן געמערט סוד אויף סודות, מויל און אויערן אָנצושטעלן. וואָס ער זעט עס נישט אַלץ פון זיין סאָדע־וואַסער געוועלבל, וואָס איז קעגנאיבער דעם „אָרט" דאָרט. — עס ברענט אַ פייער, השם ישמרנו! — האָט ער זיך גע־טראָגן פון רעדל צו רעדל אין בית־מדרש, — עך האָב נאָך פון דער ערשטער מינוט אָן געוואוסט אַז ס'עט זעך ניש גיט ענדיקן. עך האָב דערשמעקט גלייך פון אָנהייב, אַז דאָס מיינט מען ניש צו העלפן די אביונים. אַ פאַר־פירעניש, רחמנא ליצלן! — האָט דער ברייטער לייבסערדאַק געפּלאָטערט און פאַרצאַפּלט אַלע טאַטעס וועמעס קינדער האָבן נאָר ווען עס איז אַריבער־געטראָטן די שוועל פון דעם „התקווה־פאַריין".

— טיקווע שמיקווע, ס'איז דאָס אמתע טרעפל צום מקום וואו דער מסית ומדיח אַליין טיילט צדקה. אַריינגענאַרט גאַנץ קהל און די נחות־דרגא דערצו. מ'דאַרף שרייען געוואַלד אין אַלע גאַסן.

אַ שאלה דאָס איז צי ס'איז טאַקע אַזוי שלעכט. ווער האָט דען נישט געזען שוין, אַז דער שאַלטעק מיטן הוילן קאָפּ און געקרייזלטע לעקעלעך, האָט שוין אַריינגעכאַפּט דאָס לייטישסטע קינד אין זיינע לאַפּעס. „וואָסי, עך

האָט ניש קאָן אויגן, צי וואָס?״ וואו האָט מען דען זיי שוין נישט „געכאַפּט״ צוזאַמען? הינטער דעם ווייסן קלויסטער אין די אַלייען און אויפן „ליבע שטעגל״ אונטער דער „לאַנגער בריק״. און ווי ווייט איז פון דעם ביזן אָפּשפּילן טאַקע די אמתע חתונה ביי דער מכלומרשטער שפּיל שושן־פּורים ביינאַכט. ממש אַ האָר פון דער מילך. איר שפּילט זיך מיט יענע לייט, האַ?

האָט זיך טאַקע ברוך ווייצנער מיישב געווען און באַלד פאַרקייטלט טיר און טויער און נישט אַרויסגעלאָזט מינטשעלען אויף דער ליכטיקער שיין. דער לאַמטערן וואָס האָט אַלעמאָל געברענט אויף זיין גאַניקל, האָט געפינצטערט און די לאָדנס זיינען צוגעהאַקט געוואָרן מיט די אייזערנע פּרענטעס נאָך תחילת־אָוונט. עס האָט געהייסן, אַז דאָס קינד איז נעבעך שטאַרק פאַרקילט. אויף אים קוקנדיק האָבן נאָך טאַטעס געטאָן דאָס זעלבע און שוין. מיטאַמאָל האָבן אַלע מיידלעך, אַ חוץ אַ פּאָר פונעם „ליקל״ און „שמאָלן געסל״ מיט וועלכע מ׳רעכנט זיך זייער ווייניק, געקראָגן היץ און נישט געקענט אַרויסגיין פון הויז. חברה בחורים האָבן געפּרוּאווט שפּאַסן דערפון און זיך געלאָזט שפּאַצירן הינטער די פענצטער געוואָר ווערן וואָס זיי מאַכן, האָבן זיי אומעטום געטראָפן פאַרהאַקטע לאָדנס. בלויז דורך אַ שפּאַרונע האָט מען וואו עס איז דערכאַפּט אַ בליק פון יענער זייט. אויף אַ טייל פון די גאַניקלעך האָט מען אויך געטראָפן שטיין אַן אָנגעכמורעטן טאַטן מיט אַן עמער וואַסער ביי דער זייט. חברה האָט פאַרשטאַנען די קלאָרע אָנצוהערעניש און זיך גלייך אָפּגעטראָגן פון דאָרט.

דער אמת איז, אַז ווי נאָר מ׳האָט זיך גענומען גרייטן צו דער שפּיל, איז גאָר ברוכל ווייצנער געווען זייער צופרידן וואָס זיין מינטשע איז נישט קיין פאַרשלאָפענע און טויג זיך אויס. הייַנטיקע צייטן דאַרף אַ קינד נישט זיין פאַרבאַבטשעט און קומען צווישן מענטשן. אין גוטן מוט, האָט ברוכל זיך אַליין אויך געהאַלטן פאַר אַ שטיקל הייַנטיקן, אַ וועלטישן וואָס פאַרשטייט די נייע צייט. אַ גוטע שפּיל האָט ער אַליין אויך ליב צו זען. ער האָלט עס נישט פאַר קיין סוד, אַז יעדעסמאָל ווען אים קומט אויס צו זיין אין דער גרויסער שטאָט, רייסט ער אָפּ לכל הפּחות עטלעכע שעה אויף צו זען וואָס יענע האָבן צו ווייזן. „אַ מענטש דאַרף האַלטן די אויגן אָפן, און די וואָס האָבן פאַריבל אויף אים פאַרן אינזינען האָבן אַזעלכע נאַרישקייטן, ווייסן נישט וועגר ס׳האָט זיי געשלייערט, פּשוטע קליינשטעטלדיקע בידלעס. מ׳זיצט אין

בלאָטע, מיינט מען אַז דאָס איז די וועלט". אַזוי פּלעגט ער זיך אויסטענהן אין גוטן מוט און צוגעגעבן רעכט דעם יונגוואַרג וואָס וויל דורך ביכלעך דערוויסן זיך וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט. פאַרשטייט זיך, אַז אויף דעם קוקנדיק, האָבן שוין אַפּענע מיילער געקענט צולייגן וועגן אים, אַז נישט נאָר אין טעאַטער גייט ער דאָרט. ווי נאָר ער זעצט זיך איבער פון דער קליינבאַן אויף דער באַן אַרויף, טוט ער שוין אַ פאַרשאַרץ די פּאות און צעקעמט זיך דאָס בערדל וואָס איז ביי אים סיי ווי זייער אַ קורצס, אַז נישט וואָלט ער עס מן הסתם געטשעפּעט, לא עלינו, און בייט אויס דאָס פּוילישע היטעלע אויף אַ קאַפּעליוש. ס'איז אַ סברא, אַז אויף דער אכסניא דאָרט, האָט ער אַנדערע מלבושים און ער טראָגט דאָרט כמעט דייטש. אַן אַנדערן וואָלט מען עס אוודאי נישט געשוויגן און אים געלאָזט פילן אַז ער איז אַ „קל". ברוכלען האָט מען אָבער נישט געוואָגט עפּעס צו זאָגן. ערשטנס, ווייסן אַלע, אַז ר'איז אַ קליגער און קען שאַרף אַריינזאָגן און אַ טרייבער טאָן אַזוי, אַז די געדערים זאָל זיך ביי יענעם איבערדרייען. ווער האָט עס דען נישט אַ שטיקל פּסול ביי זיך צוליב וועלכן ס'איז גלייכער צו לאָזן לייטן צופרידן. צווייטנס, דאַרפן דאָך אַלע מעלשענקערס און דאָרפס־גייער זייער אָפט אָנקומען צו זיין שפּייכלער. און אַז דער „רינג" שווייגט און די „גרעבליע" גאָס האָט זיך אירע אייגענע דאגות, וועט שוין קיינער הויך נישט באַטרעטן אַן אָנגעזויענעם באַלעבאָס. איז ער זיך אַזוי אָנגעגאַנגען אי פאַר אַ חסידישן ייד, אַן אָפּגעהיטענער ווי עס באַדאַרף צו זיין, אי פאַר אַ שטיקל היינטיקן, וואָס לייענט אַ בלאַט צייטונג און ס'איז גוט מיט אים זיך שואל עצה זיין. ער ווייסט דאָך יאָ וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט.

פאַר וואָס זשע האָט ער זיך אַזוי דערשראָקן ברוכל ווייצנער? ממש די הויט ציטערט דאָך אויף אים, ווייל ער ווייסט זיין צרה. מינטשע איז טאַקע אַ וואויל מיידל, שיין ווי די וועלט און מיט גאָלד צוגלייך, נאָר וואָס דען, זי איז אַ בת־יחידה. איינגעשפּאַרט און אַביסל צעלאָזן פון קליינערהייט אָן. איז נאָך איידער דאָס גערעדעריי האָט זיך אָנגעהויבן, האָט זי אים שוין געהאַט געזאָגט, אַז אָן הערשעלען קען זי נישט לעבן. איר פאַרשטייט אַ פּזמון פון אַ נאַרישער ציג, אַז די גאַנצע מלחמה איז כלומרשט באַשערט געווען נאָר צוליב דעם אַז דער שאַלטעק זאָל זיך דערשלאָגן אַהערצוצי צו איר. זעט מען דאָך באַשיינפּערלעך אַז ער האָט איר אָפּגעטאָן אַ כישוף. האָט

ער דעריבער אַליין געזען אַז מ׳זאָל אָנהייבן רעדן און אויפגעשטעלט אַלע פרומאַקעס אָפּצושטעלן דאָס פּריצות איידער ס׳איז צו שפּעט. — פאָלגט מעך. עך ווייס וואָס עך רעד אין די זאַכן. ס׳איז ניש דאָס וואָס מ׳זעט מיט די אויגן און מ׳הערט מיט די אויערן. ס׳איז דאָס געבן אָנצוהערן און וואָס ס׳טוט זיך אָפּ נאָך דעם, וואָס ברענגט אַרויס דאָס גאַנצע חציפות. מ׳מוז זיך ווערן קעגן דעם מיט כל־אמצי כוחות, — האָט ער אונטערגעהיצט ווי איינער וואָס ווייסט עס פון דער ערשטער האַנט.

די שטאָט האָט גענומען גיין אויף רעדלעך. עס האָט נישט געהאָלפן משה אליהס איינטענהן, אַז ס׳איז נישט קיין אמתע חתונה, נאָר די חתונה־טענץ פירט מען אויף, און אַז די מעשה פון פאַרשטעלן מיידלעך פאַר יינגלעך איז שוא־ושקר. אויך דעם קאָמענדאַנטס אַריינמישן זיך מיט גוטן און מיט בייזן, אַז ער וועט נישט דערלאָזן דעם מיטלאַלטער פאַרלעשן דאָס ליכט פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, איז געפאַלן אויף פאַרהאַקטע טיר און לאָדנס. אַלע באַלעבאַטישע מיידלעך זיינען פּלוצים קראַנק געוואָרן. „דער הער קאָמענדאַנט פאַרשטייט דאָך. ער איז דאָך מן הסתם אַליין אַ טאַטע פון קינדער, אַז מ׳קען נישט אַרויסלאָזן אַ קראַנק קינד אין דעם נאַסן דרויסן אַרויס...״ — האָט מען מכלומרשט אין פולן ערנסט אַפּעלירט צו זיין קלאָרן פאַרשטאַנד און מיטפילנדיק האַרץ. זיין קלאָרער פאַרשטאַנד איז אָבער געווען אָנגעשפּיצט צו איין זאַך. דער פאָלקס־קונסט אָוונט מוז דורכ־געפירט ווערן ווען אַפילו ער זאָל דאַרפן שיקן די זשאַנדאַרן אויפצורייסן אַלע לאָדנס. משה אליה אָבער האָט אים אָפּגעהאַלטן פון דעם. מ׳וועט זיך שוין ווי עס איז אַן עצה געבן. די הויפּט ראָליסטינס האָבן אין געהיים געלאָזט וויסן, אַז זיי וועלן זיך אַרויסגאַנווענען פון הויז צו דער ריכטיקער צייט. און באין ברירה, וועט מען מוזן נעמען בחורים פאַר אַ פּאָר ראָלן. די צרה איז נאָר דער ברייטער עולם זאָל זיך נישט אָפּשרעקן. מ׳שמועסט אַז מ׳האַלט ביי אויסרופן אַ חרם. ס׳איז אינגאַנצן עטלעכע וואָכן צום אָוונט און די בילעטן רירן זיך נישט פון אָרט.

— זיי שפּילן זיך מיט פייער, — האָט דער הער פאָן פעלזנבערג געלאָזט וויסן דעם רב. פאַר אויסרופן אַ חרם אָן דער דערלויבעניש פון דער קאָמענדאַנטור וועט ער פאַרשיקן קיין אונגאַרן אויף אַרבעט. וויסנדיק אָבער, אַז אַ חוץ דעם יונגוואַרג פון די הינטערגעסלעך און סתם נחות־דרגא מיט

וועלכע קיינער רעכנט זיך נישט, וועט קיינער נישט וואַגן זיך אַנצונעמען פאַרן חציפות, האָט דער רב זיך געהאַלטן שטייף: „עס קען טאַקע זיין, אַז ס'איז אַ גאַנץ כשרע זאַך און מיט דער שפּיל איז דער הער קאָמענדאַנט אויסן נאָר גוטס. ער דאַרף אָבער וויסן אַז זינט דאָס שטעטל שטייט, איז נאָך אַזאַ זאַך נישט פאָרגעקומען און מ'קען נישט פאַריבל האָבן די עלטערן וואָס ציטערן פאַר זייערע קינדער. אלא וואָס שייך פאַרשיקן אויף אַרבעט, קען ער עס טאַקע טאָן, אָבער אין די זאַכן זיינען יידן שוין אַן אויסגעפּרואווט פאָלק. בשעת צרה וועט מען מוזן קלאַפּן אין אַ העכערער טיר ווי זיינע".

דער חרם איז טאַקע נישט אויסגערופן געוואָרן אָבער דער „התקווה פאַריין" איז סיי ווי געשטאַנען האַלב ליידיק. מ'האָט געוואוסט, אַז מ'האָט דערלאַנגט אַ בקשה אין „קרייז" צוריקצורופן דעם קאָמענדאַנט. הער פעלזנבערג ווידער איז אַרומגעגאַנגען איבער די געסלעך אַ שטייף פאַרפּוצטער מיטן שפּיצרוט אונטערן אָרעם און זעלטן מיט וועמען גערעדט. די וואָכן ביי די אַריינפאָרן אין שטעטל זיינען שטרענגער געוואָרן. עס איז פּלוצים געוואָרן אַ מאַנגל אין געוויסע סחורות. ס'איז אַפילו שווערער געוואָרן צו קריגן געוויסע אַרטיקלען אויף די צוגעטיילטע קאַרטן. די צדדים זיינען פאַרביטערטער און פאַרעקשנטער געוואָרן.

— מ'קען אים איצט נישט נאָכגעבן. מ'מוז אים וויזן, אַז אין די זאַכן קען ער זיך נישט מישן, — האָבן אַפילו די מעסיקע, וואָס האָבן זיך אין אָנהייב קעגנגעשטעלט דעם גאַנצן טומל, זיך צוריקגעצויגן און אַריבער אויף דער זייט פון די קנאים.

אַפילו ר' דוד דיין, וואָס האָט געווינטלעך אַלעמאָל געהאַלטן אַז מ'דאַרף זיך נישט איינרייסן און געוואָרנט קעגן איבעררייסן דאָס שטריקל מיטן יונגוואַרג, האָט דאָס מאָל געהאַלטן אַז מ'מוז זיין שטייף. „אַז אַ ייִנגעלע האָט טענות צום רבין וואָס ער לאָזט נישט עפענען קיין פענצטער, איז עס טאַקע אַ קלייניקייט. מ'קען אַפילו מיינען אַז ס'איז גערעכט אויך, נאָר ווען איז דאָס גערעדט געוואָרן, אַז מ'ברענגט נישט קיין זשאַנדאַר אויפצורייסן דאָס פענצטער מיט געוואַלד; און דער עיקר דאַרף מען וויסן, אַז דערמיט הייבט זיך עס נאָר אָן. דערנאָך קען אים חס ושלום נישט געפעלן אויך דעם רבינס חומשל און די גמרא, — האָט ער איינגעטענהט מיט משה אליהן, וואָס האָט געוואָלט פאַרמיידן אַן אָפענעם קאַמף, — ער דאַרף פאַרשטיין, אַז שוין צוליב

דעם אַליין וואָס מלכות שטייט מיט אים, געהער עס שוין צו דער בחינה פון „גזירה". דעריבער זאָל ער וויסן זיין, אַז ער שטעלט אויף זיך צופּיל. די דאָזיקע „שפּיל" קען אונדז קאָסטן צו טייער, — האָט ער אים אי געוואָרנט אי געוואָלט געבן צו פאַרשטיין אין וואָס עס גייט. צום סוף האָט ער אים אָנגעוואונקען אויף אַ שטיקל פשרה. זאָלן שפּילן נאָר די בחורים און מ'עט שוין מוזן פאַרקוקן דאָס וואָס די יינגלעך וועלן טראָגן ווייבערישע קליידער. אַלעהיי ס'איז אַ פּורים־שפּיל" — האָט דער דיין ווי אַלעמאָל ווען ער שלאָגט זיך פּלוצים אָן אויף אַ קלוגן איינפאַל אַ זשמורע געטאָן מיט די אויגן אויף משה אליהן, און דאָס גאַנצע פּנים מיט באָרד און פּאות איז געוואָרן איין שמייכל. „פאַר וואָס דען נישט? עץ ווילט אַ שפּיל, האָט עץ און מ'זועט זיך פאַרשפּאָרן איינרייסן".

— דער דיין מאַכט אודאי חוזק — איז משה אליה אויפגעטראָגן געוואָרן.

— רעדסט ווי אַ קינד, — איז ר' דוד ערנסטער געוואָרן, — דער עניין איז אַ סך טיפער. לעולם איז דאָך דער גאַנצער עניין בלויז ביטול זמן. בעסער וואָלט געווען ווען אַזעלכע יונגעלייט ווי דו און דיינס גלייכן זאָלן זיך אָפּגעבן מיט וויכטיקערע זאַכן. די „שפּיל" אַליין איז דאָך אויך ביי אייך נישט דער עיקר. די גאַנצע וועלט רייסט זיך ביים גרגרת. אַ שפּאָן פון דער „לאַנגער בריק" איז אַלץ חרוב ונחרב און עץ האָט אינזינען אַ שפּיל בלויז. אלא וואָס דען? עץ מיינט, אַז מיט דעם ווערט איר היינטיקע, בין עך צופרידן ענק נאָכצוגעבן. אָבער מיטן תנאי ס'זאָל נישט זיין קיין חציפות בפרהסיא. מיינסט, אַז דאָס וואָס מ'האָט געלאָזט „פּורים שפּילן" אַפילו אין אַ מקום קדוש איז געווען אויף חוזק? חלילה. ס'איז זייער אַן ערנסטער עניין. כדי מ'זאָל חלילה נישט איינוואַרפן דעם גאַנצן פּלויט, מוז מען לאָזן אַ שפּעלטעלע דורכצוקוקן דורך דעם. דאָס אויג זעטיקט זיך אָן און דער פּלויט בלייבט שטיין צו היטן פון פּריצות. ס'גייט נישט נאָר אין דער שפּיל, משה אליה. גיב אים צו פאַרשטיין דעם אדון, אַז מיט תקיפות וועט ער גאָרנישט נישט אויספירן.

—רבי, — איז משה אליה שוין גאָר אַרויס פון די כלים, — ס'איז נישט דער קאָמענדאַנט. די יוגנט וויל מער נישט ליגן הינטער די פּלויטן און קוקן דורך שפּאַרונעס. די צייט פון פאַרשטעלן די וועלט מיט דרענגלעך איז שוין אַוועק. ביי אונדז מיינט עס נישט קיין חציפות נאָר פריי אויסלעבן

זיך און מיר וועלן טאָן ווי מיר פאַרשטייען. ביי אונדז איז עס נישט קיין שפּיל פאַר יוצא זייַן.

— און ווי אַזוי מיינסטו דאָס דורכצופירן? — איז דער דיין צוגעשטאַנען שוין אויפגערעגט, — מיטן כוח פון מלכות? אַ שיינע פּרייקייט כ׳לעבן מיט גויאישע הענט. כ׳בין בטוח, משה אליה, אַז דו וועסט זיך נאָך אַמאָל שלאָגן על־חטא אויף דעם. שוין צייט זאָלסט וויסן, אַז מיט צוואַנג וועסטו קיינעם נישט אָפּשרעקן.

— ווי קענט איר זאָגן אַז מיר צווינגען. דער גאַנצער צוואַנג איז דאָך ביי אייך. מ׳קען דאָך קוים דעם אָטעם כאַפּן.

— הער זיך איין, — האָט דער דיין גענומען באַרואיקן דעם צערייצטן משה אליה, — זאָלסט וויסן זייַן, אַז יעדער האָר פון מיין גראָער באָרד שטעכט מעך ווי מיט נאָדלען הערנדיק דיינע נישט באַרעכנטע רייד. נאָר וואָס דען, עך ווייס, אַז ביסט נעבעך נישט אין דיינע הענט. בין עך דיר מוחל למפרע. גיי דיר געזונטערהייט און טוט ווי עך פאַרשטייט. נאָר געדענק, אַז מ׳גייט אין מלחמה אַריין דאַרף מען קענען שמעקן פּולווער.

— קיין שרעקעוודיקע מלופים־קינדער זעמיר ניש, רבי!

— אַזוי, — איז דער דיין עפּעס מיט אַמאָל ווי פאַרציטערט געוואָרן, — און מיר האָבן בקבלה, אַז מ׳דאַרף זיך שוין יאָ שרעקן. מ׳דאַרף געדענקען מיט וועמען מ׳האָט צו טאָן. אונדזערע דעכלעך זיינען פון שטרוי און שינדלען און שטאַרק פאַרטריקנט. כ׳האָב מורא, אַז עך ווייסט עס נישט און גייט שאַרן פייער דאָ מיט פרעמדע הענט.

— אַזוי שלעכט האַלט עס נישט, רבי, — איז שוין משה אליה אַביסל ווייכער געוואָרן.

— דו מיינסט טאַקע, אַז דו פירסט זיי און וועסט זיך אָפּשטעלן ווי דו ווילסט. דו האָסט דאָך אויך אַ פּלויט וואו אָפּצושטעלן זיך. עך האָב נישט קאָ מורא פאַר דיר נאָר פאַר די וואָס דו פירסט. זיי ווילן נאָר אַ פּתחון־פּה אַז מ׳מעג. פון דעם ביז הפקר איז בלויז איין טראָט. באַדענק זיך דעריבער באַצייטנס. זאָל דערווייל זייַן אַ פּורים־שפּיל.

— דאָס קען מען נישט, רבי, — איז ווידער משה אליה געווען אויף די פּיס.

— איז טאַקע אַ גרויסער רחמנות, — האָט דער דיין אַן אומעטיקער אים צוגעפּירט צו דער טיר — איין איבערגעאיילטער שריט און דער מחבל וועט ווערן דער גאַנצער באַלעבאָס.

— מיינט עס חרם, רבי ? — איז משה אליה געבליבן שטיין אויף דער שוועל.

—גיי שוין גיי. מ׳לעשט נישט קיין פייער מיט פייער. כ׳בעט ענק נאָר צו געדענקען, אַז די טאַטעס זיינען אייערע, ממילא וועלן זיי דאַרפן געדענקען אַז די קינדער זיינען זייערע. אָבער אַפילו אַן אייגן קינד מוז מען אַמאָל בינדן כדי ס׳זאָל נישט פאַרגיין אין שאָדן אַריין.

נאָך מער אויפגעררייצט זיינען די צדדים געוואָרן, ווען ס׳האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג אַז די לייזער־אייזיקס צוזאַמען מיט די שמוגלאַרעס פון דער גאַרבאַרניע גאַס גרייטן זיך צו לערנען דרך־ארץ מיט די שנעקעס, וואָס האָבן אינזינען „שפּילן״ ווען דאָס שטעטל גייט שוין באַלד אויס נאָך אַביסל סחורה. מ׳האָט איבערגעגעבן, אַז אין אַלע נאָענטע שטעטלעך טוט זיך אויך חושך מיט דער חברה יונגוואַרג, וואָס איז אַרויס פון די האַלאַבליעס אין צייט פון דער מלחמה. נישט מער, דאָרט שטייט נישט מיט זיי דער קאָמענדאַנט, האָט מען זיך מיט זיי פּשוט און גוט אַן עצה געגעבן. „ביינאַכט האָט מען זיך אַריינגעריסן אין דער „ביבליטעק״ און צעשלעפּט אַלע שלאָמויזן זייערע״ — האָט מיט אַ פולן מויל דערציילט אין בית מדרש אָרע באַלעגאַלעס שמייסער — „עץ זאָלט זען וואָסערע וועפּריקעס (גראָבע ביכער) מ׳האָט פון דאָרט אַרויסגעשלעפּט און צעפּליקט אויף פּיץ־פּיצלעך.

— אַזוי ?! — האָט מען זיך געקוויקט מיט דער מעשה און געחידושט, — און יענע האָבן געשוויגן ?

— פרעגט שוין גאָרנישט. מ׳האָט זיך נאָכדעם געשלאָגן ביז בלוט.

— דאָ וועט אָבער דער אדון געבן צו עסן פלוימען מיט ראָסל פאַר אַזאַ זאַך.

— ווער רעדט דען פון היגען ? מ׳עט שוין געפינען אַן אַנדער פאַרטל. דער אדון וועט שוין דאָ לאַנג נישט אָנציען.

ביסלעכווייז, האָבן זיך אָנגעהויבן אומשולדיקע געשלעגן אויפן שפּאַציר. פּלוצים האָבן געפּלאַצט אַלע שויבן ביי משה אליהן אין דירה. הערשקען האָט

מען איין אָונט אַריינגעשלעפּט אין אַ ליקל און צערעכט געמאַכט אַזוי, אַז ער איז דערנאָך אַרומגעגאַנגען עטלעכע טעג מיט אַ באַנדאַזשירטן קאָפּ און גאַנץ שטעטל האָט זיך געוויגט.

אויך אין די „שטיבלעך", האָט מען די חברהליִיט אויף די אויגן נישט געלאָזט. יעדער איינער וואָס איז נאָר געווען אונטער חשד, אַז ער קומט אַהין איז געוואָרן אַ מצווה צו דערגיין אים די יאָרן. עס איז אָפט געקומען צו פּעטש און די היציקע צווישן יונגוואַרג, האָבן געהויבן די הענט קעגן עלטערע פון זיך. איינער דעם אַנדערן האָט געהאָלפן. עס האָט געהייסן אין וואויל־יונגערישן לשון: „דו ווערסט דערלאַנגען מיין טאַטן פאַר וואָס ער האָט מיר דערלאַנגט, וועל איך דערלאַנגען דיין טאַטן פאַר וואָס ער האָט דיר דערלאַנגט". אַנדערע האָבן גאָר אויפגעהערט צו קומען אין די בתי־מדרשים און זיך געדרייט אין דרויסן אין סאַמע מיטן דאַווענען.

כדי אָנצוּלערנען די לאַבוסעס, האָבן די קנאים פון איין שטיבל זיך גענומען צו זייערע אייגענע „שטיבל בחורים", וואָס האָבן זיך שוין גענומען אויסגליטשן און אָנגעהויבן צו טראָגן אַרויפגעזעצטע פּאַפּירענע קעלנער לכבוד שבת. אַ קלאָרער סימן, אַז זיי „גענדזלען" זיך שוין אויך. אין סאַמע פרייטיק צו נאַכטס האָבן זיי אַרויסגעכאַפּט פון דער הרובע שטיקלעך קויל און זיי פאַרשמירט די קעלנער.

— עת לעשות! — האָט מען געפינעט מיט הייליקן צאָרן.

אין גערעַנגל האָבן נאַטירלעך די בחורים נישט געקוקט אויף עלטער און געגעבן איבער די הענט און אויך פאַרקראַכן נישט ווילנדיק אין אַ גראָער באָרד אַריין.

ר' דוד דיין וואָס האָט אויך געדאַוונט אין דעם שטיבל, איז פונקט יענעם שבת נישט געווען אין שטאָט. ווען ער איז צוריקגעקומען, האָט ער ווי זיין שטייגער אַריינגערוקט ביידע הענט אין די אַרבל אַריין ווי ס'וואָלט אים געווען קאַלט און אַ ווײַלע געקוקט קאַסאָקע ווי פון אַ זייטיקער ווייטקייט אויף זיין יצחקלען מיט די חברים מיט וועלכע ער פלעגט לערנען אין אַ פרייער שעה און דער עיקר מדריך זיין אין חסידות.

— עץ ווייסט, אין אונדזער חסידות איז אַ ווייסער קאַלנער ניש קאַ פסול. דעם רבינס קינדער גייען אויך אַזוי, נאָר דאָס פּוילישע חסידות מיינט אַז אַ העמד מיט אַ צוויקל האָט אין זיך מער יראת־שמים. אין דער

אמתן וואָס איז דען דאָ מורא צו האָבן פאַר אַ קאַלבער. ס'איז דאָס וואָס קומט נאָכדעם פאַר וואָס מ'דאַרף מורא האָבן. מיטן רבינס קינדער בין עך שוין אויסגעזאָרגט, נאָר מיט ענק ווייס עך ניש. ביז מ'עט זיך קענען דערוויסן איז נאָך העט ווייט, דערווייל האָט מען ענק מבייש געווען און מחלל שבת געווען. האָט עס ענק שוין געבראַכט נכשל צו ווערן אין הרמת־יד און עובר זיין אויפן והדרת פני זקן. דאָס פייער איז שוין גאַנץ גרויס, וי לאותה בושה, קינדער. עץ מיינט, אַז פייער קען מען לעשן מיט פייער? פון אַ פייער דאַרף מען זיך אָפּרוקן ווי ווייט מ'קען. עד מיין אַז אין בית־מדרש קען מען אויך דאַווענען און לערנען. ווען מ'האָט פאַרצייטן געטריבן די חסידים פון די בתי־מדרשים האָבן זיי זיך אָפּגערוקט אין די „שטיבלעך" אַריין. איז אפשר איצט געקומען די צייט צו טאָן דאָס פאַרקערטע. עך וועל זעך אם ירצה השם אַריבערטראָגן אַהין. שוין לאַנג צייט געווען.

די יינגלעך זיינען געזעסן מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ. דער רעזיגנירטער טאָן פון זייער רבין און דער אופן ווי ער האָט זיי פאַרגעוואָרפן פאַר וואָס זיי האָבן אָנגערירט עלטערע פון זיך, האָט זיי שטאַרק צערודערט. זיי האָבן געוואוסט אַז ער ווייטיקט פאַרביידע צדדים און וויסט מן הסתם, אַז זיי האַלטן שוין אַ סך ווייטער ווי בלויז אָפּרוקן זיך פון שטיבל. צווישן זיך האָבן זיי שוין לאַנג אָפּגעמאַכט, אַז ביי דער ערשטער געלעגנהייט ווען די וועלט וועט ווערן אָפּענער, וועלן זיי אַוועק פון דאַנען כדי צו געפינען פאַר זיך גאָר אַן אַנדער מקום־קדוש. כאָטש זיי האָבן נישט געוואוסט וואָס זיי וועלן זוכן און געפינען, האָט זיי שוין געווייטיקט פאַר דעם צער וואָס זיי וועלן דערמיט אָנטון זייער רבין, וואָס וויל עפּעס ווי פאַרענטפערן ביידע צדדים.

— ס'וועט דאָך אָבער מיינען אַ ניי מחלוקת, — האָט זיך זיין יצחקל איינגעשטעלט נישט מסכים צו זיין, — מ'עט דיך באַרעדן. אַפילו דיינע אייגענע חסידים, — האָט ער זיך דאָס ערשטע מאָל אַרויסגעכאַפּט, אַז ער נעמט זיך שוין אַרויס פון זיין כלל.

— אַזוי?! — איז ר' דודס פּנים גרין און געל געוואָרן מיטאַמאָל, — וואָס עפּעס אַזאַ שרעק?

— דער רבי דאַרף נישט ליידן צוליב אונדז, — האָבן שוין אַנדערע אויך געוואַגט אַרויסצוזאָגן זיך און שטאַרק צופרידן געווען וואָס זיי קענען עפּעס

זאָגן און פאַרט נישט דאַרפן אויסגעבן זיך פאַר דער צייט, — נישט אַלעמאָל איז געזונט צו דערוויטערן זיך.

— נצחוני בני, — האָט ער זיך צעשמייכלט נישט מאַכנדיק זיך וויסנדיק, אַז יצחקלס ווערטער האָבן אים ווי געטאָן, — קען זיין אַז עץ זענט גערעכט. נאָך אַלעמען זיינען דאָך דאָרט דאָ אַנדערע אויך. וועל עך בלי נדר קומען צו ענק אין בית־מדרש אַריין לערנען.

דער קאָמענדאַנט ווידער, האָט אויך נישט געשוויגן. ער האָט שוין געוואוסט, אַז מ׳וועט אים צוריקרופן פון דאַנען גאָר אין גיכן. עס הייסט, אַז ער איז איבערגעטראָטן זיינע פולמאַכטן מיטן אַריינמישן זיך אין אַן עניין וואָס קען אָנרירן די רעליגיעזע פרייהייטן פון דער באַפעלקערונג. דאָס וואָס די יוגנט איז מיט אים, האָט מען אים אין דער הויפּטקוואַרטיר געגעבן צו פאַרשטיין, מילדערט אַביסל זיין חטא און וועט גענומען ווערן אין אַכט אַז מ׳זאָל אים נישט מאַכן קיין אָפיציעלן פאַרוואורף, אָבער פון דעם פּלאַץ וועט ער מוזן אַוועקגיין גאָר בקרוב.

איז ער געוואָרן צוריק דאָס וואָס ער איז געווען אין סאַמע אָנהייב. געהיטן די אַריינפאָרן אין שטעטל מיט דער גרעסטער שטרענגקייט, אַרומ־געשפּאַצירט אויף די פּאַטשענעס אָן אויסגעפּוצטער, אַ שטייפער און לויט די פאַרשריפטן באַשטראָפט פאַר יעדער קלייניקייט. בלויז פאַר יוצא וועגן פלעגט ער זיך אַמאָל אַריינכאַפּן אין „פאַריין״ כדי אויסצוגעפינען ווי עס גייט מיט די צוגרייטונגען צום קונסט־אָוונט.

דערזעענדיק הערשקען אַ באַנדאַזשירטן, איז אים די שפּיצרוט אַרויס־געפאַלן פון אונטערן אָרעם.

— זאָ וואָס ! — האָט ער זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט און אין איין אָטעם אוועק צום רב.

וואָס ס׳איז געגוי פאַרגעקומען ביים רב איז נישט גענוג קלאָר ארויס־געקומען, נאָר פון אויער צו אויער האָט מען איבערגעגעבן, אַז דער קאָ־מענדאַנט האָט געסטראַשעט אַוועקצושיקן קיין אונגאַרן אויף אַרבעט אַלע די, וואָס אויף זיי איז דאָ דער חשד אַז זיי מאַכן די אָנפאַלן.

דעם קומענדיקן שבת אין דער פרי, פאַרן לייענען, האָט דער שמש אַ פּאַטש געטאָן אויפן באַלעמער און מכריז ומודיע געווען אין נאָמען פון

רב און די דיינים, אַז זיי האָבן קיינמאָל נישט געאַסרט די „פּורים־שפּיל״ וואָס די חברה פון „התקווה פאַריין״ וויל אויפפירן. יעדער זאָל געדענקען, אַז ס׳איז אַ שעת־חירום אויף דער וועלט, און ווער עס הייבט אויף אַ האַנט אויף אַ יידן, שטעלט זיין משפחה אין סכנה אויף דער וועלט און יענער וועלט.

דער עולם איז געבליבן אַ ווײַלע ווי געפּלעפט און דערנאָך זיך אַ וויג געטאָן און זיך צעטיילט אין קנוילן רעדלעך, וואָס האָבן זיך געפּלאָנטערט און איבערגעשטיגן איינס דאָס אַנדערע מיט היציקע רייד און טענות. דער עיקר האָט זיך דער „קוואַטש״ געקאָכט; געלאָפן פון רעדל צו רעדל און געגרוילט מיט כעס: „אַזוי גאַר, הפקר אַ וועלט. ביטאָ קיין איסור! אַ הכשר אויף פּריצות, וואו איז דאָס געהערט געוואָרן?! שומו שמים!״

— אָן אמתן חרם דאַרף מען! מ׳האָט צו לאַנג געשוויגן!

— מוסר נפש זיין דאַרף מען זיך! — האָט מען אים אונטערגעהאַלטן פון פאַרשידענע זייטן.

— פאַרמאַכט אַלע וועגן! יידן ווערן בדיל הדל איבער זיי!

— עוקר מן השורש זיין דאַרף מען זיי!

געווען אויך אַנדערע קולות וואָס האָבן געוואָרנט נישט איינצורייסן זיך מיטן יונגוואַרג, און אַז דער גאַנצער טאַראַראַם קומט בלויז פון עטלעכע וואוילע יונגען וואָס האָבן נאָר זייערס אינזינען. ווילן ווערן די גאַנצע מאַכערס און דעה־זאָגערס ווי אין די אַמאָליקע יאָרן.

— ווער סע האָט קינדער אין די וויגן, לאָז לאָזן לייטן צופרידן. אין אַלע שטעט זיינען דאָ ביבליאָטעקן, און די וועלט גייט נישט אונטער פון דעם.

די דאָזיקע קולות זיינען אָבער דערטרונקען געוואָרן אין דעם ברויז וואָס האָט זיך געריסן פון אַלע זייטן. ס׳איז געווען ווי די גאַנצע אָנגעזאַמלטע פאַרביטערונג פון די לעצטע יאָרן האָט אויפגעריסן מיט אַמאָל, און נישט קענענדיק עס אָפּן שיקן אויפן ריכטיקן אדרעס, טראָגט זיך עס מיט שטורעם קעגן דעם „התקווה פאַריין״ און דער יוגנט.

— אַזא שוואַנץ מלמד! — האָט זיך עס געריסן קעגן משה אליהן — ער האָט עס אַלץ אָנגעאַרבעט, דער עוכר ישראל!

— דער שאַלטעק, אַ פרעמדע האָורילע, האָט עס אַלעמען אַראָפּגע־פירט פון וועג! שווייגט נישט, יידן!

דאָס ספר איז געלעגן אויפן באַלעמער א פאַרוויקלטס און דער בעל־קורא האָט געהויערט איבער דעם א פאַרלאָרענער, ווי ער וואָלט עס וועלן פאַרהיטן פונעם געוויטער אַרום. ער האָט שוין וויפל מאָל געפּרוּוווּט אָ פּאַטש טאָן אין שולחן אָבער די האַנט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט שלאַבעריק און אומ־באַהאָלפן. ערשט ווען דער רב מיט די צוויי דיינים, וועלכע מ׳האָט מיט אמאָל דערזען, אז זיי דאַווענען היינט אין ביתמדרש, זיינען מיט די זילבערנע עטרות איבער די קעפּ געבליבן שטיין אויפן באַלעמער אין שטומען וואַרטן, האָט דער ברויז זיך אָפּגעהאַקט אין דער מיט, ווי עמיץ וואָלט אים מיט איין שמיר פאַרמאַכט ס׳מויל.

— רבותי, — האָט דער רב אָנגעהויבן א רואיקער, — כ׳האָב געבעטן די דיינים זיי זאָלן היינט דאַווענען דאָ כדי אַלע זאָלן וויסן, אז מיר האָבן זיך גוט מיישב געווען און אַלץ וואָס דער שמש האָט מודיע געווען איז על פּי דין שריר וקיים. אונדזערע חז״ל האָבן אונדז אָנגעזאָגט, אז אין גוזרין, מ׳טאָר נישט אַרויסגעבן קיין גזירה אויף אָ ציבור סיידן דער רוב פון ציבור קען עס ביישטיין. דאָס איז גערעדט געוואָרן בשעת שלום און על אחת כמה וכמה בשעת הסכנה. ווער עס טוט אַנדערש, איז ער חס ושלום מוסר יידישע קינדער למלכות.

— אַז ס׳האַלט ביי פּריצות מוז מען זיך מוסר נפש זיין, האָט דער קוואַטש שוין נישט אויסגעהאַלטן און אַריינגעשפּרונגען דעם רב אין די רייד.

— דרך ארץ, דער רב רעדט!

— במקום שיש חילול השם אין חולקין כבוד לרב! — האָט דער ברויז שיר נישט ווידער געעפנט דאָס מויל, אָבער ר׳ דוד דיין ווי דער עלטערער פון די דריי, האָט עפּעס א שושק געטאָן דעם רב אין אויער אריין, אויפגע־הויבן דאָס ספר און מיט א ציטער גאַרנישט ווי זיין שטייגער אריינגעשריגן דעם ברויז אין אָפּענעם מויל אריין: — ברשות הרב וכבוד התורה זאָלט עך וויסן זייך, אז ס׳איז א גרעסערער חילול השם מתיר צו זיין צו הייבן א האַנט קעגן יידישע קינדער, בפרט אז ס׳האָט שוין אפילו געפירט צו חילול שבת בפרהסיא. קוקט זיך אַרום וועט עך זען, אז דער שטן פון מחלוקת האָט אָנגעמאַכט דאָס פייער. אויף דעם האָט נאָך דער נביא עמוס געבעטן זיך: „מי יקום יעקב כי קטון הוא” (ווער וועט דערהאַלטן יעקבן, ער איז דאָך אזוי קליין). פון קדמונים אָן זיינען געווען פּורים־שפּילן — — —

—און דו וועסט ווערן זייער פורים רבי! — האָט דער קוואטש שאַרף א צישע געטאָן.

— דורך קנאות איז דער בית המקדש חרוב געוואָרן! — האָט ר׳ דוד אים פונקט אזוי שאַרף אָפּגעענטפערט און א רוף געטאָן צום בעל־קורא: — געננוג געבאַלאַמוטשעט! בעל קורא, לייען! — האָט ער האסטיק גענומען אויפוויקלען דאָס ספר.

ה

דער טומל האָט זיך נאַטירלעך מיט דעם נישט איינגעשטילט. אלע זיינען געווען נישט צופרידן, אי דאָס יונגוואַרג, אי די קנאים. די אָנפאַלן האָבן טאַקע אויפגעהערט, אָבער די אָנגעשטויסנקייט איינער אויפן אַנדערן האָט אָנגעהאַלטן א לאַנגע צייט. שטאָט האָט ווי געמאַכט אַן עיגול ארום דער קאַמעניצע, און א לייטיש קינד האָט צען מאָל איבערגעטראַכט און דערנאָך זייער פאָרזיכטיק ארומגעקוקט זיך איידער ער האָט געוואַגט ארויפצוגיין אהין.

די „פורים־שפּיל״, ווי דער קונסט־אָוונט איז שוין פון דאַן אָן באַ־צייכנט געוואָרן, איז שוין ווי עס איז דורכגעפירט געוואָרן ביי א האַלב לײדיקער שאָפּע. דער עולם איז געזעסן אָנגעצויגן און געווען מער פאַראינ־טערעסירט אינעם טרעפן ווער ס׳איז ווער, ווי אין דעם וואָס עס שפּילט זיך דאָרט אָפּ אויף די ברעטער. הער פאָן פעלזנבערג, האָט מיט דער גאַנצער שטייפער אויסגעפּוצטקייט זיינער זיך געהאַלטן אין איין הויבן פון בענקל מורמלענדיק: „זאָ וואָס״!

משה אליה איז ארומגעלאָפן א צעטומלטער און אליין נישט געוואוסט פון וואָס ער איז צעטומלט. מער קיין אָוונטן פון דעם מין האָט מען א לאַנגע צייט נאָך דעם שוין נישט געגרייט. גלייך ביי דער ערשטער פאַר־זאַמלונג נאָך דער „פורים־שפּיל״, האָט זיך ארויסגעוויזן אז גאָר א סך פון די מיטגלידער, באַזונדערס די יוגנטלעכע פון די הינטערגעסלעך זיינען שוין לאַנג נישט צופרידן מיט משה אליהס פּירעכץ. שטילערהייט פלעגן גאָר א טייל זיך צונויפקומען אין אלקערס און אין וואַרשטאַטן שפּעט אין אָוונט און לייענען און דיסקוטירן אזעלכע ביכער, וועלכע מ׳האָט אין „התקווה פאַריין״ נישט געקענט קריגן. פון אויער צו אויער האָט מען

איבערגעגעבן, אַז אין בענטשע לייזער אייזיקס מייסטערסקי־ע קען מען א שמעק טאָן גאָר שאַרפע זאַכן, וואָס בריען און גליען אויף פון נישט געבונדענע דינע ביכלעך, אויף פּאַפּיראָס פּאַפּירלעך ממש. דורך געהיימע וועגן ווערן זיי אריבערגעבראַכט פון „יענער זייט" וואו ס'קאָכט, זאָגט מען, מיט רעוואָלוציע און גרויסע געשעענישן. די נישט צופרידענע האָבן איצט געהאַט די געלעגנהייט שאַרף אריינצוזאָגן משה אליהן און זיינע מיטהעלפער, אז נישט ער פירט ערגעץ און קעמפט, נאָר ער ווערט גאָר געפירט פון די „שיינע יידן", און אז דער פאריין איז בלויז א צווייטע אויפ־לאגע פון „אלט־קהל". בלויז טאטע־מאַמעס קינדער זיינען אין דער שפּיץ. אָן ארבעטער מיידל און ייִנגל האלט מען פון דער זייט.

— איר מאַכט זיך נאָר, אז איר ווילט אונדז האָבן מיט זיך. אין דער אמתן שעמט איר זיך מיט אונדז אפילו צו טרעפן אין גאַס, — האָט דער שווארצער בנימין דעם וואַסערטרעגערס געפּייערט.

— ווען איר זאָלט געווען צולאָזן צום שפּילן די אונדזעריקע, וואָלט נישט געווען ארויסגעקומען אזא פורים־שפּיל — האָט דער קרומער הענעכל פון דער גרעבליע גאָס, געקלאַפּט מיט דער קוליע אין דיל — ביי אונדז וואָלט עס נישט געווען בלויז אויפגעסטריגעוועט, נאָר טאַקע אויפגענייט — האָט ער מיטן שניידערישן לשון זיך געהיצט און אָפּגעווענדט אלע תירוצים פון דער פאַרוואַלטונג.

— עץ האָט פיינט דעם „וואול" מיט די הינטערגעסלעך און ווילט אים האַלטן אין דער פינצטער ווי אלע פיינע לייט דאָ. אפילו קיין איין קורס פאַרן האַרעפּאַשנעם מענטשן האָט עץ דאָך נישט געעפנט.

— אַז מיר ווילן עפּעס וויסן, מוזן מיר עס זוכן ערגעץ אַנדערש, — האָט בנימין געגעבן אָנצוהערן, אז ס'זיינען דאָ אנדערע פּלעצער וואו צו גיין.

נאָכן אָפּשרייען און היצן זיך, איז טאַקע אלץ געבליבן ווי געווען, אָבער אַלע האָבן שוין געוואוסט אַז דער „התקווה פאַריין" איז בלויז פאַר די „אינטעליגענטן": קינדער פונעם פּער און שטיבל ייִנגלעך וועמעס עלטערן האָבן שוין איבער זיי קיין שליטה נישט. די יוגנט פון די הינטערגעסלעך קומט אהין בלויז צו נעמען א ביכל. זייערע גרופּקעלעך האָבן זיי שוין ערגעצ־

וואו אנדערש. אפילו אויפן שפאציר האָט זיך עס אָנגעזען. מ׳האָט כלומרשט שפאצירט אויף דער זעלבער אַלייע היגטערן הויפּישן סאָד און ווייסן קלויסטער. יעדער גרופּע האָט שוין אָבער געהאט איר ווינקל, און ווען עמיץ פון אן אנדער גרופּע איז צוגעקומען נאָענט, האָט זיך דער שמועס עפּעס מער נישט געקלעפּט, ווי מ׳וואָלט זיך געהיטן איינער פארן אנדערן. אָפּט האָבן זיך דאָרט באוויזן גאנץ פרעמדע בחורים. עס האָט געהייסן, אז זיי זיינען סתם געקומען צו גאסט צו וועמען אין שטעטל, אָבער בלויז די גרופּע האָט געוואוסט וואָס עס האָט זיי געבראכט אהער.

די צערִיסנקייט צווישן דער יוגנט און די ביטערקייט קעגן „התקווה פאריין" איז נישט קלענער געוואָרן אפילו ווען אלערליי קראַנקהייטן, וועלכע זיינען געקומען מיטן פרילינג, האָבן גאַנצע משפחות צוגענומען און דאָס רוב מתפּללים אין בתי־מדרשים און שטיבלעך זיינען געווען קדיש־זאָגער, און די טוער פון דער ביליקער קיך האָבן געמוזט שווערער אַרבעטן כדי צו קענען שפּייזן אַלע יתומים און אלמנות.

אויך נאָכדעם ווי דער קאָמענדאנט איז אוועק און ס׳איז געוואָרן פרייער דאָס ארייגפירן פארשידענע סחורות, האָט מען נאָך אלץ געווייכט פון התקווה פאריין. די סוחרישע קינדער האָבן זיך א נעם געטאָן צום שמוגלען מיט אַ באַנייטן חשק און זעלטן ווען אַריינגעשמעקט אין פאַריין, און די לערן־ און ארבעטער יוגנט האָט בלויז פון יוצא וועגן אָנגעהאלטן וועלכע עס איז פארבינדונג מיט די „התקווה לייט", וועלכע האָבן זיך בכלל עפּעס מאָדנע אויפגעפירט.

אין די פארטאָגן און אַמאָל אויך אין לויטערע פארנאכטן, האָט מען אָפּט געקענט טרעפן א צענדלינג פון די זייעריקע שפּאַנען אויף דער לאָנקע, נישט ווייט פון דעם גרויסן אויסלענדישן צלם, וואָס הויערט דאָרט איבער עלנטע קברים. אַן אַנדערש מאָל האָט מען זיי געזען אַרומבלאָנקען זיך צווישן די ליים־בערג נאָך דער פאַרשטאָט מיט קיילעכדיקע פאַרשפּיצטע שטעקעלעך אין די הענט, געמאכט מאָדנע קאָזשעלקעס און שפּרינגעכצן און באַלד זיך אויסגעשטעלט אין גלייכע רייען ווי סאָלדאַטן צום מושטרירן. „א געזונטע פרייע נשמה, פאָדערט א שטארקן און פעסטן גוף"—איז געווען זייער אויסמיידנדיקער ענטפער.

נאָכן אָפּמוטשירן זיך, האָבן זיי זיך א לאָז געטאָן איבער די פּאָטשענעס פון דער גויאישער פאַרשטאָט אָדער נאָענטן דערפל איינצובעטן זיך ביי די פויערים צו לאָזן זיי ארבעטן אין גאָרטן אָדער אין פעלד. די פויערים האָבן אָפן געחוזקט פון זיי און זעלטן ווען עמיצן פון זיי צוגעלאָזט צו דער ארבעט.

— די זשידעס ווערן משוגע פון ליידיקגיין, כא כא כא! — האָט מען זיי געטריבן פון די גערטנער.

— צו ווייכע הענטלעך ביי דיר, מאַשעק, פאַרדריי נישט קיין קאָפּ! — האָט א היימישער פויער גוטמוטיק ארויסגעשטויסן פון הויף, — ווילסט פאָרן אין הייליקן לאַנד? זייער שיין, וועסטו זיך דאָרט אָנשווויצן ווען די צייט וועט קומען. דערווייל פרעג בעסער וואָס טאַטע מאַמע וועלן זאָגן. אנדערע זיינען גאָר געוואָרן פול מיט רוגזה: „שוין, אירווילט שוין די הענט אייערע אויך אָהער אַריינשטעקן, וואָס? טראָגט זיך פון דאַנען! דאָס וויעכעטשל ערד איז אינגאַנצן אונדזערס. טראָגט זיך אין די לעכער אייערע, אין די בלאָטעס" — האָט מען נאָך נאָכגעשיקט די הינט נאָך זיי.

קיין סך א בעסערן אָפּשניט האָבן זיי נישט באקומען אין די יידישע הויפן פון דער „גרעבליע גאַס" און „שמאָלן געסל", וואו זיי האָבן זיך פאַר־געשלאָגן צו פאַרריכטן דעם פּלויט אָדער צעהאַקן אַ פורל האָלץ, צי פּשוט אויסגראָבן א רינווע אויף אָפּצוציען דאָס בלאָטע וואסער.

— משוגע געוואָרן, לא עלינו! — איז אויפגעגאנגען א חוזק צוזאמען מיט א ציטער אין אלע באלעבאטישע הייזער. יעדער איינער האָט געציטערט צי זיינער איז שוין נישט אויך געכאַפּט אין דער מעשה. בפרט, אז ס'האָט זיך נאָך ארויסגעוויזן, אז אויך א פּאָר פון די לייטישסטע כלה־מיידלעך זיינען א טייל פון דער חברה, איז שוין גאָר דאָס שטעטל געגאנגען אויף רעדלעך.

— הערט נאָר אַ יאַנעס פון אַ חצופה. אין דער היים וויל עס די האַנט אין קאַלט וואַסער נישט אַריינטאָן און דאָ איז עס גרייט אַפילו צו גיין דינען ביי פרעמדע פּאַמעשאַפן. ווער האָט דאָס אַלץ אָנגעבראַכט, השם ישמרנו?!

אזוי צו פארשעמען טאַטע־מאַמע! — האָט זיך געטאָן חושך אין א סך הייזער.

באַזונדערס האָט מען געביטערט און אויסגעגאָסן פולע עמערס חוזק אויף די משוגעים, ווען זיי האָבן זיך אין איין פאַרנאַכט אַ נעם געטאָן צו פאַרריכטן דאָס „פּאַשע בריקל״, וואָס האָט אַלעמאָל געהאָנגען אויף משקולות.

— אַלץ הייסט געגרייט זיך צו אַרבעטן אין ארץ ישראל, — האָט זיינוועלע לץ געשאָקלט מיטן ציגענעם בערדעלע און עפּעס זיך פאַרט נישט געקאָנט קיין עצה געבן מיטן גאַנצן ענין. ווען ברוך יאַנטשעס וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער חברה, האָט אים געגעבן צו פאַרשטיין פאַר וואָס זיי טוען דאָס. ער האָט עפּעס געוואָלט זאָגן אַ שאַרפס אַ שפּיציקס און נישט געקענט. דאָס בערדעלע האָט זיך געטרייסלט און געשטאָכן און דאָס מויל האָט פאַרט נישט געוואָלט אַרויסברענגען די הלצה — יאָ, יאָ, ברוכל, נאָך אַזוי פיל תפילות קומט עץ גאָר צום פּאַשע־בריקל״. אַ שיינע מעשה, כ׳לעבן. גאָר אַ שיינע מעשה. מיט ארץ ישראל שפּילט מען זיך אָבער נישט, ברוכל, פאַרשטייסט צי נישט?!

— אוודאי פאַרשטיי עך, מיר דאַרפן זיך מכשיר זיין פאַר ארץ־ישראל, און אין איין וועגס וועט שוין דאָס בריקל אויך אויפגערעכט ווערן.

— אוודאי, וואָס דען? שוין איינמאָל אָן אויפרעכטונג, — האָט זיך דער לץ עפּעס נישט געפונען. ער איז ווי צעמישט געווען סיי פון ברוכלס רייד און סיי פון דעם פלוצימדיקן גערודער פון חוזק און רוגזה וואָס עס האָבן אָנגעמאַכט די שוסטער און שטריקנדרייער יונגען פון דער באָד גאָס, וועלכע זיינען אָנגעלאָפן צוזאַמען מיט די טאַטעס פון די בחורים און מיידלעך.

— עץ גרייט זיך, הייסט עס, צו ווערן משיחס סאָלדאַטן! — איז דער גאַנצער לץ אָפּגערונען פון אים. — גיי וויים, וואָס עס מיינט משיחס צייטן, — האָט ער אַליין נישט געוואוסט צי ער לצעוועט צי ער איז ערנסט.

— יאָלדן אַזעלכע! גרייטן זיך קיין ארץ ישראל און קענען אַ קאַץ קאָן עק נישט פאַרבינען (פאַרבינדן)!

— מיט שטעקנס וועט מען דאָס משוגעת אַרויסקלאַפּן פון ענק! — האָט רוגזה און חוזק זיי נאָכגעיאָגט ביזן „רינג״ אַריין.

ו

אויך ברוכל ווייצנער האָט גאָרנישט אויסגעפירט מיטן גאַנצן טומל וואָס ער האָט אָנגעמאַכט. ווי נאָר דער קונסט־אָוונט איז אַריבער, האָט ער שוין מער נישט געקענט האַלטן זיין מינטשען הינטערן שלאָס, איז ער ערשט אויף אַן אמת געוואָרן צו חוכא וטלולא און ביי אַלעמען אין מויל. ער האָט געפּרואווט זיין מינטשעלען אַוועקשיקן צו קרובים אין דער קרייז־שטאָט אַריין, האָט זיך הערשקע אויך אַהין אַריבערגעקליבן. האָט ער זי צוריק אַהיימגעבראַכט, האָט ער אָבער געוואוסט, אַז כמעט יעדער פון דער חברה פון „התקווה פאַריין" האַלט עס פאַר אַ מצווה אַרויסצוהעלפן דעם פּאָרל צו טרעפן זיך אין געהיים, און גלייך נאָכדעם לאָזן אים וויסן גענוי וואו און ווען, כדי צו רייצן זיך מיט אים. טאָמער האָט זיך מינטשעלע נישט געוויזן אַ טאָג צוויי אין גאַס, האָבן שוין הערשקע מיט די חברים אַרומגעשפּאַצירט אַרום זיינע פענצטער מיט געזאַנג, און גיי טו זיי עפּעס.

מערסטנס האָט זיך דאָס פּאָרל געטראָפן אין פאַריין אָדער, ווען דאָס איז נישט מעגלעך געווען, זיך דורכגעשריבן און געהאַלטן די ליבע „וואָך" די גאַנצע צייט. קיין שליחים האָבן נישט געפעלט. פאַר דער יוגנט איז דאָס פּאָרל געוואָרן דער סימבאָל פון דער „געפּייניקטער ליבע", און אַזוי ווי כמעט יעדער איינער האָט געהאַלטן אינמיטן לייענען עפּעס אַ ראָמאַן, האָט יעדער איינער מיט גרויס ערנסט זיך אונטערגענומען אַליין צו ווערן אַ העלד אין דעם ראָמאַן וואָס שפּילט זיך דאָ אָפּ פאַר אַלעמענס אויגן. אַפילו שטיבל־ייִנגלעך, די חברים פון מינטשעס ברודער, האָבן מיט שעמעוודיקן ציטער געקוקט מיט פאַרנעפּלטער קנאה אויף דער העלדין און גאַנץ גערן דורכגעפירט אַ געהיימע שליחות.

ברוכל איז ממש געוואָרן אויס מענטש פון צער און איינזאַמקייט. ער האָט געפילט, אַז קיינער האָט עפּעס נישט קיין רחמנות אויף אים, און ווען אין איין יאַריד טאָג איז באַוואוסט געוואָרן אַז דאָס פּאָרל איז נעלם געוואָרן פון שטאָט, האָט כמעט גאַנץ שטעטל אָפּגעאָטעמט פרייער און ס'האָט זיך געשטעלט אַ יאַריד מיט אַזאַ אויפגעלייגטקייט כאָטש נעם און גיי טאַנצן מיט יעדן איינעם וואָס דו באַגעגנסט נאָר.

— אַ מצווה אויף אים. מ'טאָר זיך נישט אַזוי איינשפּאַרן מיט אַ קינד, — האָבן אַפילו די קנאים נאָכגעלאָזט פונעם כעס קעגן פּאָרל.

— איצט איז אים שוין בעסער? נעכיי וואָלט ער אים געוועז צוגעלאָזט צו זיך און אַריינגענומען אין שפּייכלער, וואָלט ער נאָך געוואָרן אַ לייטישער יונגערמאַן אויך.

— נאָך אַלעמען, שטאַמט ער דאָך פון אַ גאַנץ לייט׳שער משפחה, דער הערשקע.

— מיט איינשפּאָרן מאַכט מען היינטיקע צייטן ערגער. מיט היינטיקע קינדער, איז נאָר בניחותא, — קוקט מען זיך דערוויייל אַרום צי עס שטייט נישט קיין יונגוואַרג. — מ׳פירט זיך נישט אַזוי מיט אַ פרעמדן יתום, — האָבן פרימערע אויך שוין צוגעגעבן.

דער ביישפּיל פון ברוכל וויצנער האָט געמאַכט אַ טיפן רושם אויף גאָר אַסך. ביסלעכווייז האָט מען אין די באַלעבאַטישע הייזער זיך אָנגעהויבן פלייסן צו ווערן איינגעהאַלטענער מיט די קינדער. בעריש דער שרייבער, זאָגט מען, האָט זיינע קינדער געזאָגט אָפן אַז זיי מעגן פאַרבעטן ווען זיי ווילן אין הויז אַריין און נישט דאַרפן אַרומשלייען זיך ערגעץ הינטערן וויסן קלויסטער. אַנדערע האָבן עס אַפילו נישט געדאַרפט זאָגן, די קינדער אַליין האָבן עס געטאָן און טאַטע־מאַמע האָבן געשוויגן. „אַבי מיר האָבן זיי כאָטש אויפן אויג...״

אויך ר׳ דוד דיין, האָט אויף זיין אופן ביים אָפּרוען זיך נאָך אַ שווערער סוגייא, זייטיק באַמערקט צו זיין יצחקלען: „ווילסט דאָך מן הסתם אויך וויסן אַביסל וועלטישע זאַכן. מיט אַ מאָס שאַדט עס נישט. ווילסט, וועל עך עס איבעררעדן מיט בערישן, ער איז דאָך אַ קענער אין די זאַכן...

— כ׳וואָלט זייער געוואָלט קענען רעדן לשון קודש, — האָט יצחקל אויך אַזוי זייטיק זיך אויסגעגעבן, אַז ער איז אויך עוסק אין עפּעס וואָס האָט צו טאָן מיט די היינטיקע.

— מהיכא תיתא — האָט ר׳ דוד נאָך אַ מינוט פאַרטראַכטן זיך נאָכ־געגעבן, — כאָטש ס׳איז אַפילו דאָ אַ חשש צי די צייט איז שוין ראוי צו דעם. די היינטיקע רופן עס גאָר מיט אַן אַנדערן נאָמען, און אין די זאַכן דאַרף מען זיין זייער געוואָרנט. אלא וואָס דען, מיר ביידע קענען דאָך ביין אונדז אין הויז טאַקע רעדן לשון קודש. ביי מיר דאַרפן נאָך זיין ערגעץ די שירים מיט וועלכע כ׳האָב זיך בחורווייז נאַריש געמאַכט, — האָט ער זיך נישט אָן שמץ פון באַרימערישקייט אַרויסגעכאַפּט, — דיין זיידע ע״ה

האָט עס מיר נישט פאַרוועקט, נאָר וואָס דען, ער האָט מיך אַראָפּגעוואָרפן פון אַלע כלים: „קיין נייעם תהילים וועסטו דאָך נישט אָנשרייבן, לאָז זשע עס צורו. פונדעסטוועגן האָט ער מיט מיר אַליין אָנגעהויבן לערנען אַ קאַפּיטל ספּארבע (עשרים וארבעה) אַלע נאָכמיטאָג און געגעבן אַריינצוקוקן אין „סדר הדורות״. פאַרשטייסט, מיין קינד, אַז מ׳וויל נאָר קען מען אַלץ קריגן בהיתר. — האָט ער אים ווי געגעבן אָנצוהערן, אַז ער ווייסט אַז ער גנבעט זיך אָפּט אַריין אין יענעם „מקום״ אַריין, נאָר צו ווייט זאָל ער זיך נישט אַריינלאָזן אין די זאַכן, — די חכמים אונדזערע האָבן דאָס גוט געוואוסט און מתיר געווען אַ סך זאַכן כדי ס׳זאָל נישט קומען צו קיין גרעסערן מכשול. ס׳איז איצט אַזאַ צייט, ווען מ׳האָט אויף יענער זייט אויפגעריסן אַלע יסודות, מוז מען זיין זייער געוואָרנט. זיי מיינען דאָרט, אַז כדי אָפּצושאַפן די מלכות הרשעה, מוז מען אויך אומוואַרפן אַלע גדרים און סייגים פון אַלע דורות. זיי ווייסן נישט, אַז אָפּצושאַפן די מלכות הרשעה אַליין איז נישט גענוג. מ׳דאַרף ערשט איינשטעלן די מלכות הצדק און צו דעם דאַרף מען גאָר אַ סך פון אונדזערע גדרים און סייגים. אויב נישט ווערט חלילה אַלץ הפקר און אַ נייע עבדות, ערגער ווי פריער. דערפאַר האָט מען אונדז אָנגעזאָגט צו זיין געוואָרנט נישט צו בעטן אויף אַ נייעם מלכות. ערשט, אַז מ׳וועט זוכה זיין ביי דער אמתער גאולה, וועט עס זיין קלאָר ווי דער טאָג וואָס עס דאַרף געטאָן ווערן. פאַרשטייסט, ביים היינטיקן בלבול המוחות מוז דער קלוגער מעסטן און וועגן יעדן וואָרט און יעדן טראָט, כדי חלילה נישט צו ברענגען צו אַן אמתער הריסת הגדרים. עס נעמט זייער לאַנג צו פאַרריכטן וואָס מ׳מאַכט קאַליע אין איילעניש אין אַ רגע. פאַראַן אויך זאַכן, וואָס מ׳טאָר נישט טאָן נאָר דערפאַר ווייל זיי ברענגען בלויז צו חוכא וטלולא ביי די וואָס פאַרשטייען נישט דעם ריכטיקן מיין דערפון, ווייל די צייט איז נאָך נישט געקומען מ׳זאָל עס פאַרשטיין, — האָט ער אים אָנגעוואונקען אויף דער חברה, וואָס גרייטן זיך צו פאָרן קיין ארץ ישראל דורך איינבעטן זיך צו אַרבעטן אין אַ גויאישן גאָרטן אָדער צעהאַקן אַ פּורל האָלץ ביי אַ באַלעבאָס וואָס שטייט און קייעט די באָרד און חוזקט:

— גיי ווייס, אַז חיימטשע חזנס אייניקל וועט ווערן אַ האָלצהעקער ביי מיר אין מיטשקע דערינען. מ׳קען דאָך פלאַצן פון געלעכטער, קענסטאָך

אַפּילו קיין שטרוי נישט צעררייסן. צוליב דעם האָט עס געדאַרפט קומען צו אַזאַ שפיכת־דמים מיט אַ מלחמה מ׳זאָל באַהיט ווערן?!

פונעם טאַטנס אַריינרעדן אין אים, האָט יצחקל פאַרשטאַנען אַז עס האַלט דווקא פון דער חברה האַלצהעקער, נאָר ער וואַקלט זיך עפּעס אַנצונעמען זיך פאַר זיי. האָט ער עס אים אָפּערגעהאַלטן גאַנץ היציק.

— און פון די נביאים האָט מען דען נישט געלאַכט? און וואָס וועסטו טאָן מיטן „אל תתבייש מפני המלעיגים״, האַ?

— קאָך זיך נאָר נישט, ווען זיי זאָלן שוין קענען באַלד איצט דורכפירן זייער „תקוה״, וואָלסטו אפשר געווען גערעכט, דערווייל אָבער איז די וועלט נאָך פאַרמאַכט און אויסשטעלן זיך סתם צו חוזק, בין עך נישט גורס. זעסטו, דאָס וואָס מ׳קען טאָן אין דער שטיל נישט אויפצורייסן דעם בלינדן המון, מהיכא תיתא. מ׳קען זיך אָבער נישט איינרייסן מיט אַ גאַנצער וועלט.

די וועלט האָט זיך אָבער יאָ געריסן, און יעדע שטוב איז געווען אַן עדות דערויף. אַ ציטער פון טויזנט שרעקן פאַרן נייעם וואָס קומט, האָט פאַרצאַפּלט די רו פון די טאַטעס; און אַ ברויז פון יוגנטלעכן ווילן און שטרעבן, האָט געהויבן די בחורים פון די שטיבל און בית־מדרש בענק און די לערן־ייִנגלעך און מיידלעך פון די וואַרשטאַטן געשטעלן. פון אויבן אויף האָט אַלץ אויסגעזען ווי געווען: דער „רינג״ אינמיטן מיטן שטענדיקן יאַריד און טומל, און אַרום אים אַנגעלענט און צוגעטוליעט די הינטער־געסלעך מיט די בלאָטעס און געהויקערטע הייזקעלעך איינס אויפן אַנדערן. בלויז ליקלעך פירן פון זיי צום רינג און צו די גויאישע גאַסן ביי די בריקן און בריקלעך. אין דער אמתן אָבער איז שוין אַפּילו דאָס שול און באָד געסל נישט מער דאָס אייבערשטע פון שטייסל. פון אַלע געסלעך האָט זיך דאָס יונגוואַרג געשלייכט אין די אָוונטן דורך אַלע ליקלעך. ווער צו אַ בוידעם און ווער צו אַ שאַפּע און ווער גאָר צו דער „לאַנגער בריק״ וואו דער יוגנט ברויז האָט זיך געזעטיקט מיט נייע רייד און נייע לידער, וואָס זינט דאָס שטעטל שטייט, האָט עס נישט געהערט און נישט געוואוסט פון זיי. און אינמיטן פון דעם אַלעמען האָט דאָס גאָרן שטיבל געלויכטן מיט אַלע בליצלאָמפּן פון דער קאָמעניצע אַרויס אַריבער דעם „רינג״ און אַריבער די בריקן וואו דאָס וואַסער רוישט און רייסט זיך פון די ברעגעס אין דער שטומנעקייט פון דער נאַכט.

ז

שלום געמאַכט מיטן „התקווה פאַרייןי" האָט דאָס שטעטל ערשט ביים סאַמע סוף פון דער מלחמה, ווען די דעמאָראַליזירטע צעשלאָגענע אַרמייען, האָבן זיך אין איילעניש געשלעפט צו דער גרעניץ און יעדער מוטיקער ציווילער האָט זיי געקענט פאַרשטעלן דעם וועג און באַנעמען פון קאָפּ ביז די פיס.

צום ערשטן איז יונג און אַלט געווען ווי אין אַ הינערפּלעט. פאַרשלאָסן טיר און טויער און געקוקט דורך די פאַרהענגלעך און שליסל לעכער אויפן אַנטלויפנדיקן חייל. אַלץ איז געווען ווי אין אַ גליוועך און בלויז ווייטע אָפּהילכן פון אויפרייסן, האָבן פאַרציטערט די פאַרטויבנדיקע שטילקייט אַרום. ווען דאָס טרייסלען זיך פון די הייזער האָט אויפגעהערט און אַ מין שטעפּן פון מאַשין־געווער האָט זיך דאָ און דאָרט דערטראָגן פון וואַלד, האָט די פאַרגליווערונג גענומען אָפּגיין. די שרעק איז אָבער געוואָרן נאָך גרעסער. זי האָט אַרויסגעקוקט פון אַלע הייזער און אַלע ליקלעך. עס איז פלוצים קלאָר געוואָרן, אַז דאָס שטעטל איז איצט געבליבן הפקר אָן קיין שום מאַכט. ווער עס וויל קען קומען און טאָן דערמיט וואָס ער וויל. פון אַלע בריקן האָט דער הפקר זיך געטראָגן איבער די ליידיקע וועגן און אויפגעגרוילט אַלע ליקלעך. „בלויז דער שומר ישראל אַליין קען אונדז באַשערעמען" — האָט מען געציטערט און געפּלאַטערט, און זיך געשטאַרקט דערמיט אַז אויפן אַלטן בית־עולם ליגט דאָך משיח בן יוסף, וועט ער אַ גוטער מליץ יושר זיין.

נאָכן אָפּציטערן אַ נאַכט און צוויי וואָס האָט גרעל און סומנע באַלויכטן דעם הפקר מיט וויטן אָפּשיין פון אַ רויטן הימל איבער ברענענדיקע ישובים, האָבן זיך טירן גענומען עפענען. ווי אָפּגערעדט פון פריער, האָבן זיך די „חברה אויסגעמוּשטירטע", ווי מ'האָט אויף חוזק גערופן די גרופּע וועלכע פלעגט זיך מושטירן אַלע פאַרטאָג, גענומען שלייכן אין די ליקלעך. נישט געקוקט אויף טאַטע־מאַמעס בעטן זיך און הענט ברעכעניש, זיינען זיי אַרויס פון די הייזער און זיך געגאַנוועט צום גאָרן־שטיבל. ברוכל יאַנטשעס, דער ראש זייערער, אָנגעטאָן אין אַ מעשענער קאַסקע און שטייף פאַרגאַרטלט מיט אַ גלאַנציקן לעדערנעם פּאַסיק, האָט מיט פולן ערנסט און קורץ און שאַרף געעפנט די באַראַטונג: „חברה, — האָט ער ווי

אַלעמאָל אָנגעהויבן אין העברעיש און גלייך אַריבער אויף יידיש, — זעט אויס אַז אויף דעם האָבן מיר זיך געגרייט די גאַנצע צייט. אַלע זעמיר דאָ, — האָט ער אַ האַסטיקן בליק געטאָן אין גרויען פּאַרטאָג אַריין, — מיר זיינען אָבער ווייניק אויף צו קענען האַלטן דאָס גאַנצע שטעטל, ווער ווייס ווי לאַנג. מ'מוז קריגן געווער און אויפוועקן די געסלעך. איר ווייסט וואָס איר האָט צו טאָן — האָט ער מיט אַ קלאַפּ אין פּלייצע אַרויסבאַגלייט יעדן באַזונדער: — „חזק ואמץ!"

עס האָט נישט גענומען לאַנג און די „גרעבליע" גאַס איז אויך אַרויס אויף די פּאַטשעגעס און זיך פּאַרזיכטיק אַרומגעקוקט. באַלד האָט אויך די גאַרבאַרניע גאַס אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ און נאָך זיי, האָט מען שוין פון אַלע געסלעך גענומען טשאַטעווען ביי די וועגן און צוגענומען דאָס געווער ביי איינציקע פּאַרמאַטערטע זעלנער און אַפילו קלענערע גרופּעס וואָס האָבן פּאַרבלאָנדזשעט אַהער. אויך די קאָמאַנדאַנטור און די מיליטערישע באַראַקן זיינען דורכגענישטערט געוואָרן. גאָר באַזונדערס האָבן אַרומגעשמייעט פּאַרסאַפּעטע און פּאַרסודעטע די „אויסגעמושטירטע". אין אַלע ווינקעלעך זיינען זיי געווען פול. די יונגען פון די ה'ינטערגעסלעך און די בערע אַבעס מיט די לייזער אייזיקס פון דער „גרעבליע", האָבן מיט אַמאָל פּאַרגעסן אַלע טענות און קריוודעס צו די „חברה לייט" און געקוקט אין מויל אַריין דעם ראש ברוכל יאַנטשעס. מיט דער קאַסקע אויפן קאָפּ און מיט אַ טרובע אויפן אַקסל איז ער געווען אומעטום און ווי אַ גענייטער קאָמאַנדיר געגעבן באַפעלן קורץ און שאַרף. די וואַכן וואָס ער האָט צעשטעלט ביי אַלע בריקן האָבן פּינקטלעך אויסגעפאָלגט. ס'איז געווען אַזוי פּאַרשטענדלעך אַז קיינער האָט גאָרנישט נישט געדאַרפט איבערפרעגן. אַלע אויגן זיינען געווען געווענדט צום גאָרן שטיבל, וואו ברוכל האָט זיך אַרומגערינגלט מיט אַלע געוועזענע סאָלדאַטן, וואָס ווייסן עפּעס פון מלחמה פירונג. אין איינע פיר און צוואַנציק שעה, זיינען אַלע יונגע און מיטליעריקע געוואָרן אַ טייל פון דער „ציווילער מיליץ", וואָס האָט זיך באַוואָפנט מיט ווייסע אָרעמבענדער און לפנים וועגן געהאַלטן בלויז גראָבע שטעקנס אין די הענט. געווער האָבן בלויז געטראָגן די וואַכלייט אויף די בריקן. די פריערדיקע פירער פון שטעטל האָבן צוגעקוקט און זיך נישט אַנטקעגנגעשטעלט. „איצט איז זייער צייט", איז פון זיך אַליין געווען קלאָר.

דאָס געוועזער איז צעשטעלט געוואָרן אויף פאַרבאַרגענע פּלעצער וואָס קאָנטראָלירן די אַריינגאַנגען אין שטעטל. דאָס אַלץ איז אָפּגעטאָן געוואָרן אַזוי שנעל, אַז מ׳האָט ממש נישט געפילט ווי דער טאָג איז אַריבער און נישט געהאַט קיין צייט צו טראַכטן צי דאָס וואָס מ׳טוט איז גוט צי נישט. די געסלעך האָבן ווי אויפגעהויבן דעם קאָפּ און מיט פאַרוואונדערונג געקוקט ווי דער הפקר פאַרשווינדט פון די וועגן.

ביסלעכווייז האָט מען זיך אָנגעהויבן דערוויסן, אַז אין אַלע אַרומיקע שטעטלעך קומט פאָר דאָס זעלבע און אַז פאַרשידענע באַנדעס האַלטן זיך אויף אין די וועלדער, וואָס קוקן נאָר אויס אויף אַ געלעגנהייט אַריינ־צורייסן זיך אין שטעטל. אויך אין די נאָענטע דערפלעך גרייט מען שוין די זעק צום נאָענטן יאַריד. מ׳האָט דעריבער פאַרטאָפּלט די וואַכן. עס איז געוועזן קלאָר, אַז ביז עס וועט זיך נישט איינשטעלן אַ שטענדיקע מאַכט מוז מען זיך פאַרלאָזן נאָר אויף זיך אַליין.

לויטן באַשלוס פון „גאָרן־שטיבל", איז דער פריערדיקער בירגערמייס־טער געבליבן דער אָפיציעלער פאָרטרעטער פון שטעטל און בלויז זיין אונטערשריפט האָט געדאַרפט באַשטעטיקן אַלע נייע תקנות און רעגולאַציעס. דאָס האָט צוגעגעבן חשיבות צו די פירער פון דער מיליץ און דעם גאָרן־שטיבל.

— די חברה ווייסט וואָס זי טוט, — האָט דאָס שטעטל געפילט אַז עס געפינט זיך אין גוטע און פאַראַנטוואָרטלעכע הענט. קיינער האָט שוין נישט געוואָגט צו חוזקן פון די „אויסגעמושטירטע לייט". זיי זיינען איצט די זיכערקייט פון שטעטל און מ׳האָט זיך אָפּן געגרויסט מיט זיי. מ׳האָט זיך נאָר געוואונדערט: „ווען האָבן זיי זיך דאָס אויסגעלערנט".

— אַז דער אייבערשטער העלפט, קומט עס אין דער ריכטיקער צייט, — האָבן אַפילו די שטאַרקסטע קעגנער פון גאָרן־שטיבל צוגעגעבן מיט אַ פרומען קנייטש.

דאָס ביסל רו האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט. אין איין נאָכמיטאָג, האָבן צוויי גרופּעס רייטער זיך באַוויזן פון ביידע זייטן שטעטל. איינע אין דער זייט וואָס פירט קיין פוילן, אָנגעטאָן אין נאַציאָנאַלע פוילישע היטעלעך און פאַרשפּיצטע וואָנסעלעך, און די צווייטע פון דער אַנדערער זייט, וואָס פירט קיין וואָלין און אוקראַיינע, באַפּוצט מיט ברייטע געבלימטע רובאַשקעס

און רויטע געפלאָכטענע גאַרטלען אַרום די לענדן.ביידע האָבן חוצפהדיק פאַרלאַנגט צו זען דעם בירגערמייסטער און פייערלעך דערקלערט, אַז זיי נעמען איבער די שטאָט אין נאָמען פון די פראָוויזאָרישע רעגירונגען, וואָס געפינען זיך אין וואַרשע און די צווייטע אין לעמבערג.

כאָטש די שפּראַכן וואָס ביידע האָבן גערעדט זיינען געווען פאַרשידן, איז די חוצפה און דער פאַרלאַנג אָפּצוגעבן דאָס געווער געווען די זעלבע. אויך די אָנצוהערענישן קעגן דער „זשידאָווסקער הערשאַפט" זיינען געווען די אייגענע. עס האָט דעריבער נישט געקענט זיין קיין אַנדערער ענטפער פאַר ביידן, אַז ביז ס'וועט זיך נישט איינשטעלן קיין אמתע מאַכט, וועט דאָס שטעטל אַליין זיך היטן. אויף זייערע סטראַשונקעס, איז דער ענטפער געווען: „אויב איר טראָגט זיך נישט אָפּ אין פינעף מינוט אַרום, וועלן מיר שיסן." דאָס האָט געווירקט. דער פּחד פאַר אַ פּלוצימדיקן אָנפאַל איז אָבער געבליבן הענגען איבער אַלע בריקן און גאַסן.

אין יענער נאַכט האָט אַ גרויליקע שטילקייט געהויערט איבערן שטעטל. ווייטע, בלישטשענדיקע שטערנדלעך האָבן זיך אַ ציִ געטאָן איבערן קלאָרן הימל און אויסגעגאָסן ערגעץ אין דער אומענדלעכקייט און איבער־געלאָזט נאָך זיך אַן עלנטע איינזאַמקייט. „ווער עס מזל האָט זיך עס נאָר וואָס איבערגעשטעלט?" לענג אויס דעם טייך און ביי אַלע בריקן זיינען די וואַכן געשטאַנען שטום און אָנגעשטרענגט. אַ ליאַדע מינוט קען די שטילקייט אויפגעריסן ווערן. פון וועלכער זייט וועט עס קומען? — זיינען די אויגן און אַלע חושים אָנגעשטרענגט. אַלע פריערדיקע מחשבות און גרייטענישן צו עפּעס, זיינען פאַרטושט. בלויז דער גרויל אָן אַ נאָמען און אָן אַ פאָרם איז וואַך צו יעדער שאָרך און פליוסק פון יענער זייט. אַ געאיילציקער שעפּטש איז דער ענטפער פון וואַך צו וואַך: „וואַך — נאַכט!", אַ סימן אַז דער וואָס שטייט נאָענט צו דיר איז אַן אייגענער. זיין מזל איז ווי דיינער. האַלט דעם אָטעם איין און נישטער דעם גרויליקן טונקל אַרום דיר.

אין דער פרי איז קלאָר געוואָרן, אַז די חוצפהדיקע פאַרשוינען, האָבן זיך אין דער פינצטער אָפּגעטראָגן. ערשט אין אַ פּאָר טעג אַרום, האָט מען זיך דערוואוסט, אַז ביידע זיינען געווען שפּליטערן פון איין באַנדע, וואָס

האָט געמאַכט יד־אחת אַריינצונאַרן זיך אין די שטעטלעך אויף אַ מכלומרשט לעגאַלן אופן און דערנאָך זיך צעטיילן מיטן אָנגערויבטן.

נישט אַזוי גלאַטיק איז עס אָבער אָפּגעגאַנגען, ווען מ׳האָט אין אַ פּאָר טעג אַרום געלאָזט וויסן פון פּריצישן הויף, אַז „די קאַמף אָרגאַניזאַציע פון נייעם פוילן״ נעמט איבער די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער אָרדענונג אין גאַנצן געגנט ביז די נייע רעגירונג וועט אַליין באַשטימען אירע פאַר־שטייער. דער יונגער פּריץ, וועמען אַלע האָבן געקענט, האָט זיך אַליין באַשטימט פאַרן קאָמענדאַנט און פאַרלאַנגט אַז די מיליץ זאָל אים איבער־געבן דאָס שטעטל. עס האָט זיך גלייך אַרויסגעוויזן, אַז אַ גרויסער טייל פון די „פּני״ פון שטעטל זיינען גרייט געווען נאָכצוגעבן דעם נייעם מושל און אנערקענען זיין מאַכט. דאָס גאָרן־שטיבל איז אָבער געווען פאַרזיכטיק און זיך נישט געאיילט. זיי זיינען גרייט געווען צו אנערקענען דעם קאָמענדאַנט אָבער נאָר דאַן ווען די מיליץ בלייבט און איז אַליין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער שוץ פון שטעטל. נאָך לאַנגע פאַרהאַנדלונגען איז געבליבן, אַז דער קאָמענדאַנט וועט קומען אין בית־מדרש אַריין צו אַ פאַרזאַמלונג פון אַלע שטאָטישע באַלעבאַטים וואו ער וועט איבערנעמען די שטאָט אין נאָמען פון דער פּוילישער רעפּובליק און דערקלערן די מיליץ ווי די איינציקע היטער פון שטאָט.

אַ גאַנצן טאָג האָבן די וואַכן אויף די בריקן באַמערקט, אַז אויף די ברעגעס פון יענער זייט טוט זיך עפּעס. אין די פאַרשטעט האָט מען זיך צו עפּעס געגרייט. אויך אינעם נאָענטן דערפל איבער דער אַלטער בריק האָט זיך עפּעס גערודערט. ברוכל האָט דעריבער, קיינעם נישט פרעגנדיק, געלאָזט וויסן די וואַכן, אַז זיי דאַרפן נישט וואַרטן אויף קיין נייע באַפעלן אויב וועלכע עס איז גרופּע וועט זיך וועלן אַריינרייסן אין שטעטל אַריין.

ווי ס׳איז געווען אָפּגערעדט, האָט דער קאָמענדאַנט געדאַרפט קומען אין בית־מדרש אַריין מיט אַ קליינער וואַך און איבערלאָזן די וואָפן ביי דער מיליץ וואָס שטייט ביי דער טיר. צוקומענדיק אָבער צום בית־מדרש, האָבן זיינע לייט פאַרגעסן אין דעם און אַריינגעמאַרשירט אַפילו נישט אומקוקנדיק זיך אויף די מיליציאַנטן מיט די ווייסע אָרעמבענדער. אין בית־מדרש האָבן זיי זיך אויסגעשטעלט אַרום באַלעמער וואו דער קאָמענ־

דאַנט איז אַ זיכערער אַרויף און סאַלוטירט דעם אָרון קודש פון אַקעגנאיבער. אין דער ענגשאַפט און שטופעניש, האָט קיינער נישט באמערקט ווי א צאָל פון די „אויסמושטירטע", האָבן זיך זייטיק געדרייט און געשטופט אַזוי כדי אויסצוקומען פונקט צו צווײ הינטער יעדן באַוואָפנטן וועכטער.

אָנגעהויבן האָט דער קאָמענדאַנט מיט זיסע מליצהדיקע רייד וועגן ברודערשאַפט און גוט־שכנימשאַפט. ער האָט אַפילו נישט פאַרפעלט צו דערמאָנען, אַז אין די „פּאָווסטאַניעס" האָבן יידן געקעמפט צוזאַמען מיט אַלע געטרייע פּאָליאַקן. דאָס נייע פוילן וועט וויסן ווי צו באַלויבען אַלע געטרייע און לאָיאַלע בירגער, — האָבן זיך די רייד געטראָגן איבער די קעפּ פונעם עולם, וואָס איז שוין באַלד גרייט געווען אויסצושרייען פון פריידֹ, נאָר מיט אַמאָל האָט ער פּלוצים געענדערט דעם טאָן און גאַנץ שאַרף צוגעגעבן: „זאָל מען אָבער נישט מיינען, אַז דאָס נייע פוילן וועט דערלאָזן צו שאַפן אַ מלוכה אין אַ מלוכה. איין מאַכט וועט זיין און דאָס איז די פוילישע. די וואָס מיינען אַנדערש, ווי עס האָבן געמיינט אַ סך שטעטלעך נישט ווייט פון דאַנען, וועלן זיי זיך דערוויסן אַז די האַנט וואָס קען גלעטן קען אויך אַ כאַפּ טאָן ביים גאָרגל, — האָט ער אַ צייכן געטאָן מיט דער האַנט אין דער לופטן, אַז יעדער פון עולם האָט דערפילט ווי דער האַלדז זיינער ווערט געדריקט פון צווײ אָנגעשטעלטע פאַר הענט. דערפילנדיק די אומרואיקייט פונעם עולם, האָט ער אַפילו געפּרואווט אַביסל פאַרווייכערן זיינע רייד מיט אַ פּאָר נייע קאָמפּלימענטן. ער ווייס אַז דאָס שטעטל איז נישט ווי די אַנדערע. נישט אומזיסט איז עס איינס פון די היסטאָרישע פּלעצער וואָס האָט אַלעמאָל געהאָלפן פאַרטרייבן די טאַטאַרישע און קאָזאַקישע האָרדעס פון די פּוילישע גרעניצן. זיי דאַרפן אָבער וויסן, אַז איצט ווען די שטאָט איז שוין אין רשות פון דער פּוילישער רעפּובליק, וואָלט עס געווען אַן אַקט פון אמתער לאָיאַליטעט אָפּצוזאָגן זיך פון אַן אייגענער מיליץ און אָפּגעבן דאָס געווער פאַר דער פאַרטיידיקונג פון לאַנד.

דער נייער פאַרלאַנג איז געווען אַן אָפענער און אַ קלאָרער. אויך די אָנצוהערעניש וועגן די שטעטלעך וואָס מ'האָט געדאַרפט אָנלערנען, האָט נישט פאַרפעלט צו מאַכן דעם געהעריקן רושם. דער עולם האָט זיך פאַרלאָרן און געשטאַנען ווי געפּלעפּט און אַפילו נישט באַמערקט ווי ברוכל האָט זיך פּלוצים אַ שטופּ געטאָן צום באַלעמער און נאָך איידער

דער בירגערמייסטער, וואָס איז געשטאַנען לעבן קאָמענדאַנט האָט גע־עפנט דאָס מויל, האָט שוין דער עולם אַן איבערראַשטער געאָטעמט ברוכלס זיכערע רייד: „ביז וואַנען די געזעצלעכע רעגירונג וועט אַליין נישט באַשטימען אירע פאַרשטייער אַהער, איז דער חוב פון יעדער אָרגאַניזירטער גרופּע צו טראָגן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער שוץ און אָרדענונג. מיר אנערקענען אייך אַלס קאָמענדאַנט כדי די שטאָט און דאָס דאָרף זאָל זיך קענען פאַרטיידיקן קעגן די באַנדעס וואָס שלעפּן זיך נאָך דאָ אַרום. די מיליץ וועט זיך אויפלייזן נאָר ווען מ'וועט זי שוין נישט באַדאַרפן”.

ברוכלס ענטפער האָט דעם שטאָלצן פריץ אַרויסגעפירט פון די כלים. אַן אָנגעצונדענער האָט ער זיך צעשריגן ווי זיינע זיידעס אַמאָל:

— אַראָפּ דאָס היטל, מאָשעק! מיינע יינגלעך וועלן זיך אַן עצה געבן מיט — אָבער איידער ער האָט נאָך באַוויזן צו ענדיקן, זיינען שוין ער און זיינע לייט געווען איינגעקלעמט אין די אָרעמס פון די אויסגעמושטירטע און זיך נישט געקענט רירן.

— טאַקע כדי דער פריץ אָדער נאָך אַן ערגערער ווי ער זאָל נישט קענען טאָן מיט אונדז וואָס ער וויל, האָבן מיר זיך פונקט ווי איר געגרייט פאַר דער צייט. ווען דאָס וועט זיין קלאָר פאַר אייך וועלן מיר זיך באַגעגענען ווי פריינד. איצט וועלן מיר אייך אָפּפירן צוריק אין הויף אַריין און זאָגט איירע יינגלעך אַז מיר זיינען גרייט! — האָט ברוכל זיי באַרואיקט און דעם צעטומלטן עולם געאיילט אַהיים.

נישט אַלע האָבן, פאַרשטייט זיך, מסכים געווען מיט ברוכלס שאַרפקייט און האַנדלונג אָבער צוגעגעבן האָבן זיי, אַז ווען נישט זיין פעסטקייט וואָלט יענע נאַכט זיך גאָר נישט גוט געווען געענדיקט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז דעם קאָמענדאַנטס פּלאַן איז געווען אַז ווי נאָר ער וועט אַרויס פון שטעטל, וועט מען פון אַלע זייטן זיך אַריינרייסן אין שטעטל אַריין. זיי האָבן זיך אָבער נישט גערעכנט אַז דער קאָמענדאַנט מיט זיינע לייט וועלן געפירט ווערן מיט אַ שטאַרקער באַוואָפנטער וואַך און פון אַלע בריקן און טייך ברעגעס וועט מען וואָרענען: „ווער עס וועט וואַגן צו דערנענטערן זיך, וועט גלייך דערשאָסן ווערן!”

דאָס האָט, ווייזט אויס, געווירקט. באַלד נאָכן צוריקקומען פונעם קאָמענדאַנט אין הויף אַרייַן, האָט זיך דער גערויש פון יענער זייט גענומען איינשטילן, און ביז פאַרטאָג זיינען שוין אַלע פאַרדעכטיקע פּלעצער געוועזן אָפּגערייניקט. דער הויף האָט זיך מער נישט געמישט ווי דאָס שטעטל פירט זיך און בלויז אָוועקגעשטעלט אירע וואַכן פון יענער זייט פון די בריקן ביז וואַנען די נייע ממשלה האָט זיך באַפעסטיקט און איבערגענומען די גאַנצע פירונג.

ברוכל מיט אַ פּאָר פון די פירער פון די אויסגעמושטירטע, האָבן טאַקע דאַן געהאַלטן פאַר נויטיק בעסער עוקר צו זיין פון שטעטל, אָבער מיטן „גאָרן־שטיבל" האָט מען שוין כמעט שלום געמאַכט.

— פּאָר (פריער) גאָט און דערנאָך ברוכל מיט זיינע לייט, האָט דאָס שטעטל אָפּגעשניטן אַ סך בעסער ווי אַנדערע.

די גרעבליע גאַס

א

די „גרעבליע גאַס״, ציט זיך גלייך ווי אַ ווירע פון דער „קאַמעניצע״ אָן, ביים סוף פון „רינג״ ביז צום „קורצן בריקל״, וואָס פאַר דער וואַסער־מיל. פון דאָרט איז שוין בלויז אַ טראָט צו דער גויאישער פאַרשטאָט לעבן די זאַמדן, וואָס נאָך דעם ליים־באַרג וועלכער שטעלט צו רויטן קרישל־דיקן ליים פאַר אַלע גריבערדיקע דילן אין די הייזער פון די געסלעך.

דער גערודער פון „רינג״ בלייבט שטיין גלייך ביי דער ערשטער פּאַטשענע פון דער גרעבליע גאַס, וואָס האָט ווי אויף באַוואָרעניש זיך אויסגעשטעלט טאָקע אין אַ גלייכער ליניע, נאָר מיט טאָפּלטע פּאַטשענעס, איינע העכער פון דער אַנדערער; די אונטערשטע זיינען דער רשות הרבים. מיט זיי קענסטו גיין וויפל דו ווילסט און וואוהין דו דאַרפסט, אָבער איבער זיי, אַרויפצוגיין מיט אַ פּאָר טרעפּלעך בלויז, געפינען זיך די באַזונדערע פּאַטשענעס, דער רשות היחיד פאַר יעדן הויז באַזונדער. זיי הייבן זיך אָן און שליסן זיך אָפּ פּונקט דאָרט וואו די אונטערשטע פּאַטשענע איז אַביסל משופּע און אויסגעבויגן צום וועג צו.

ס׳איז דעריבער געוועגדט פון וואַנען דו קוקסט אויף דער גרעבליע גאַס: קוקסטו פון אַן אונטערשטע פּאַטשענע, איז עס איין געשלאָסענע גאַס ווי גאָט האָט געבאָטן, וואָס שטייט און גייט אינאיינעם, ווי פון איין גוס; קוקסט אָבער פון אַן אייבערשטער פּאַטשענע, איז יעדער הויז באַזונדער, פאַר זיך, מיט אַן אייגענעם אַריינפאַר צום הינטערשטן הויף, מיט אַן אייגענעם אָפּקאָפּ און פעסל פאַר רעגן־וואַסער און אייגענע אַלטע כלים און חפצים, וואָס וואַלגערן זיך אונטן אין טונקעלן חלל פון דער פּאַטשענע.

ס׳ע זעט אויס ווי די אַלטע אויסגעדינטע חפצים וואָלטן בשום אופן נישט געוואָלט שלום מאַכן מיט זייער אָפּגעלעבטער מערכה, לאָזן זיי עס וויסן דורך אַרויסשפּאַרן זיך פוןביידע זייטן אָפענע פּאַטשענעס.

קענסט דערפאַר גלייך וויסן ווער עס וואוינט דאָרט אויבן: צי עמיץ פון די אמתע גרעבליע־לייט, צי איינער אַזאַ וואָס וואוינט דאָ צוליב אַ ירושה־דירה אָדער אַן אַנדער סיבה, און פּאַסט זיך גאָר נישט אַריין צווישן דעם אמתן פּער פון דער גאַס — די לייזער־אייזיקס און בערע־אבעס, וואָס זיינען קצבים, אָקסן טרייבער און פערד הענדלער. אַרום זייערע פּאַטשענעס פון פאָרנט און קעמערלעך אין די הינטערשטע הויפן איז אַ שטענדיקער טומל פון בהמות, פערד און וועגענער.

שטאָט רעדט אויף זיי, אַז דער עיקר פּרנסה ביי זיי איז גאָר דאָס עפּענען פּרעמדע שטאַלן און זיי אַריבערשטעלן אַריבער דער גרעניץ. צי זיי אַליין טוען עס טאַקע אָדער עמיץ אַנדערש טוט עס פאַר זיי, איז שווער צו זאָגן. איינס אָבער איז זיכער, אַז זייער שותפותדיקער ירושה־נאָמען פּאַסט זיי לכל הדעות: „חברה זיצערס״ — רופט מען זיי. ס׳איז אָדער זיי זיצן אין „קאָזע״ אָדער אויף די רוקנס פון געגאַנווּעטע פערד, וואָס איילן צו יענער זייט גרעניץ.

אונטער זייערע פּאַטשענעס זיינען אויסגעלייגט לאַנגע ראַפּניקעס און סתם בייטשן, בינטן שטריק און צוים קלעצעלעך. אַלץ איז באַצייכנט מיט א קריצעכץ אין רויטער פאַרב, ממש ווי דער הערב פון א מיוחסדיקן שבט. געוויינלעך, ווען אַזאַ העלצל אין וועמעס האַנט, אין אַ יאַריד טאָג, אַז דער פויער וואָס האָט אַ פערד אָדער בהמה צו פאַרקויפן זאָל זיך נעמען צלמען און אַראָפּכאַפּן דאָס היטל: „אוודאי, איז ער גרייט צו פאַרקויפן. אָט, זאָל נאָר דער פּריץ אויסוואַרטן, וועט ער אים ווייזן וואָס פאַר אַ מאַסקע־זאַך דאָס איז״ — פּאַטשט ער דאָס פערדל אין הינטן אָדער ציט דעם אייטער פון דער בהמה. ער ווייסט, אַז אויב ער וועט זיך קווענקלען,, וועט פריער אָדער שפּעטער דער שטאַל זיינער שטיין אַן אָפּענער און קיינער וועט קיין פּיפּס נישט טאָן אויסצוגעפינען וועמעס מלאכה ס׳איז.

„מ׳קען דאָך נישט סתם אַזוי זיך טשעפּען״, — וועט דער סטראַזשניק אים געבן צו פאַרשטיין, — „דו ברענג אַן עדות וואָס האָט אַליין געזען, וועל איך אים אָפּשיקן אין קייטן״, — ווייסט ער נישט דער פויער ווען מ׳וועט שיקן אין קייטן און גייט אַוועק מיט גאָרנישט.

אַנדערש איז אָבער ווען עס טרעפט מיט אַ שטאַל פון אַ פּריץ, דאַן קומען אויך פרעמדע סטראַזשניקעס און צוזאַמען מיט די היימישע גייען

זיי אַרום פון איין שטאַל צו דער צווייטער אין דער גרעבליע גאַס און מעסטן די עקן און די פאַרקאַמטע גזשיוועס פון די פערד וואָס שטייען דאָרט, און עס ענדיקט זיך מערסטנס דערמיט וואָס אין איינער פון זייערע הייזער וועט מען אין מיטן וואָך אָנצינדן די גרויסע בליצלאָמפּן, און פון דער נאָענטער שענק וועט מען האַלטן אין איין טראָגן אַהין פלעשער בראָנפן און געזאַלצנס ביז שפּעט אין דער נאַכט. „מ׳קען קיינמאָל נישט וויסן ווען מ׳דאַרף אָנקומען צו זיי — גיבן זיי צו פאַרשטיין די פאַרוואונדערטע שכנים — זאָל אַ פרעמדער הונט אויך אָפּלעקן אַ ביין, וועט ער ווייניקער בילן״.

אַמאָל טרעפט עס, אַז עס קומט נישט צו דער גרויסער סעודה, און אין די שטובן ברענען בלויז די טישלאָמפּן. ווייסט מען שוין דאַן אַז עמיץ פון די זייעריקע איז אַוועק מקיים זיין די מצווה פון זיצן.

ב

די בערע אָבעס זייַנען שוין אַ הייפעלע איצט. בלויז דודיע מיט די בנים און איידעמס. אַלע מיט רויטע אונטערגעשוירענע בערדלעך פון וועלכע עס פלאַמען ממש אַרויס נאָך רויטערע קינבאַקן מיט גרויסע בליציקע אויגן, וואָס שניידן ווי חלפים אַפילו ווען זיי רעדן געלאַסן און געמיטלעך. וואו ער האָט עס גענומען שנירן און איידעמס וואָס זאָלן אויך זיין ווי ער מיט די בנים, איז זיין אייגענער סוד; הויך געוויקסיקע און רויטע — די איידעמס; שוואַרץ־קעפּיקע און שלאַנקע — די שנירן, און דאָך גיט זייער קול נישט אויס די הייסע זודיקע יוכע וואָס ברויזט אין זיי.

ביי יעדער חתונה פון אַ זון ווייסט גאַנץ שטאָט פון פאָרויס, אַז די כלה איז אויסגעטאָקט פון קאָפּ ביז די פיס; אַ פּנים בלוט און מילך, און אַ גאַנג אַז די פּאָטשענע טרייסלט זיך. ביי דער חתונה פון אַ טאָכטער איז דאָך אוודאי נישט שייך. מ׳קען שוין דודיעס קעסט קינדער; ער זוכט זיי דיר אויס פון וואו ווייט. גאַנץ שטאָט איז ביי דער חתונה: געבעטענע געסט — אינעווייניק, אין דעם גרויסן הויז וואָס איז כמעט דאָס העכסטע און שענסטע אין דער גאַנצער גאַס; נישט געבעטענע — אין דרויסן, הינטער די הויכע פענצטער און אויף דער אונטערשטער פּאָטשענע, וואָר־טנדיק מיטצוגיין צו דער שול־גאַס וואו די חופה וועט געשטעלט ווערן.

ס׳האָט נאָך נישט געטראָפן אַז דודיע זאָל משנה מנהג זיין. ער מעג זיך זיין וואָס ער איז, אַ קאָנױך טאַקע און נישט זייער קיין געהיטענער; רעדט אָפן ניבול־פה און חוזקט זייער אָפט פון די „קוועטשערס״, די חסידאַקעס וואָס פראַווען הכנות פאַרן דאַווענען, אָבער אויף זיין אופן האָט ער פּאָרט דרך ארץ פאַר די „קענערס״ אין די קליינע אותיות, און אַ שטיק דעריבער דאַוונט ער טאַקע אין אַ חסידים שטיבל צוזאַמען מיט די קוועטשערס.

— „צוליב זיי מוז איך שבת הונגערן אַ האַלבן טאָג״ — בריקעט ער זיך אָפּן, אָבער ווי נאָר דער הויפּט „קוועטשער״ ר׳ שלום בעקער גיט אויף אים אַ מרוק: „ני אָ, דודיע!״ — צעשמייכלט ער זיך מיט הכנעה:

— וואָס ני, ר׳ שלום? מ׳קען דען ניש אַריינקיקן אין אַ ספר נאָכן טשאָלנט? וזען עך קען, וואָלט עך געזען אַז יידן זאָלן האָבן אַ גאַנצן טאָג צו קיקן און קיקן.

— ווער זשע לאָזט דעך ניש, חכם איינער? — כאַפּט זיך עמיץ אַרויס שוין מיט ווידערווילן. דודיע אָבער שווייגט אָפּ. אויפן צונג ליגט אים עפּעס שאַרפס און שפּיציקס, נאָר דער דרך־ארץ פאַר „קענערס״ האַלט אים צוריק.

בלויז ווען עמיץ האָט אים שוין גוט באַטראָטן, טוט ער אַ וואָרף אויף צוריק: „אין דעם וואָס עך דאַרף, קיק עך״. אַלע ווייסן שוין דאָן, אַז מ׳טאָר מיט אים מער נישט טשעפּען, ווייל מיט דעם ווינקט ער אָן אויף דעם ספר וואָס איז דאָ ביי אים בירושה פון אָן עלטער זיידן אין וועלכן זייער יחוס איז באַשריבן.

ס׳זאָל הייסן, אַז יענער עלטער זיידע איז געווען דער ערשטער ייד אין שטעטל, ווען דער אַלטער מלך־אביון האָט אַראָפּגעבראַכט פון אויסלאַנד כדי צו בויען דאָ אַ ישוב. יענער זיידע זאָל האָבן געהאַנדלט אַזש ביזן בוג און נאָך ווייטער ביזן דניעפּער מיט די פרייע קאָזאַקן און געווען אויסגעבונדן אין פריצישן הויף. יענער זאָל עס אויך האָבן אויסגעפועלט, אַז די גאַס וואו ער מיט די יידן וועלן וואוינען זאָלן קענען בויען הייזער אַזוי הויך ווי די „מיעשטשאַנעס״ און זאָלן זיך מעגן לערנען ווי אַרומצוגייך מיט געווער אין צייט פון סכנה.

ס׳איז געווען גענוג אַז ער זאָל אויף דעם אָנווינקען, אַז מ׳זאָל מיט אים מער קיין מחזקות נישט האָבן. מ׳ווייסט, רירסטו אָן דעם יחוס זיינעם ביסטו

מיטן לעבן נישט זיכער. פון קיין זאַך ווערט ער נישט אַזוי אין כעס ווי ווען מ׳דערוועגט זיך צו צווייפלען צי די גאַנצע מעשה איז אמת אָדער צי ער האָט נאָך דעם יחוס בריוו. ער ווערט גאָר אַן אַנדערער מענטש; די רויטע באַקן ווערן ממש איין פלאַם מיטן רויטן געשווירענעם בערדל וואָס יעדע האָר אין דעם ווערט שפּיציק אָנגעשטעלט ווי ביי אַ יאָזש.

בלויז איין זיינוועלע לץ קען זיך פאַרגינען אים אַ טשעפּע טאָן אין סאַמע יחוס אַריין און זיין ספר, אָבער דאָס נאָר אום שמחת תורה, ווען דודיע צעלאָזט זיך מיט זיין ברייטקייט און טיילט לעקעך און בראָנפן פאַרן גאַנצן עולם פאַר הקפות אין דער קאַלטער שול. „לעבעדיק יידן! — הוליעט עס אין אים און אַרום אים מיט תקיפות און רחבות — מ׳האָמיר אַ גרויסן גאָט! הייליקע רייניקייטן און אַ שול! געטס מיר עוזר דלים, געטס מיר! אַלע הקפות זיינען גלייך, קינדער!״ — פלאַפּלט ער פריילעך און שווימט אַרום בגילופינדיק אַרומגערינגלט מיט די בנים און איידעמס וואָס קוקן אים גלייך אין מויל אַריין. אויך די נשים וואָס שטייען אויף די טישן און בענק שעפּן נחת פון אים ווי ער איז איינס מיטן גאַנצן עולם שול-יידן, כאָטש אַ גאַנץ יאָר קומט ער נישט אַהער. ווער טראַכט עס איצט גאָר, ווער געדענקט עס גאָר אינעם „קאַניוך״ מיט די בנים, וואָס האָבן אין דעם יאָר מקיים געווען מצוות זיצן ווי אַלעמאָל. אַפילו זיינוועלע לץ געדענקט איצט נישט דאָס באַרימטע ווערטל וואָס גייט אַרום אין שטעטל, אַז איינמאָל אום תשעה־באב ווען די אייניקלעך זיינען געקומען צו דער דודיעכן מיט אַ טענה פאַר וואָס זי מאַכט נישט קיין קניזשלעך מיט יאַגעדעס ווי אַלעמאָל, האָט זי גאַנץ ערנסט געענטפערט: מיערטשעשעם ווען אונדזער פליישׁ און בלוט וועט אַהיימקומען, וועמיר זיך אָפּמאַכן אַ תשעה־באב מיט קניזשלעך מיט אַלדאָס גוטס.

איצט איז שמחת־תורה און נישט קיין אָפּגעמאַכטער תשעה־באב. און אַז עמיצן קומט עס שוין יאָ אויפן זינען, דערכאַפּט ער זיך מיט אַ שלוק בראָנפן: „מאַלע וואָס אַ ייד זיצט אַמאָל. ווער קען עס וויסן פאַר וואָס, ווייסעך דאָרט וואָס״. ערשט העט נאָכן וויפלטן גלעזל קען זיך זיינוועלען אַ גלוסט טאָן אָנצוציען דודיען און ס׳איז שווער צו וויסן צי אויף ערנסט צי אויף שפּאַס.

— האָסטעך עפּעס צוגעזאָגט דודיע צו גייען צו הקפות מיטן זיידנס ספר, האַ? טשיקאַווע אַ קיק טון נאָך אַזוי פיל שרפות ווי סע זעט אויס, — שטעלט ער אויף אים אויס אַ פּאָר תמעוואַטע אויגן.

— מעגסט זיך שעמען צו לצוווען אַקעגן די רייניקייטן, — טוט אים דודיע בלויז אַ ציִ ביים שפּיציקן קאָזע־בערדל — עך האָב דען אַ קיילעכיקע רייניקייט אויף אַ פּאַרמעט. ס'אי פּאַפּיר מיט לעדערנע טאָוולען. ווערסט עס נאָך זען, — שמייכלט ער אַלץ שיכורלעך — שקושע, דער זיידע האָט עס גיט באַוואָרנט. אַ טייערער ייד געווען דער זיידע. עץ הערט, אַ טייערער ייד. דאָס גאַנצע גאַיעס האָט געציטערט פאַר אים פון הינען ביזן ביג (בוג)".

ווען נישט וואָס עס איז שוין צייט צו זאָגן „אתה הראית", וואָלט ער ערשט דערציילט און דערציילט וועגן זיידן ווי ער האָט געבויט די ערשטע שול, וואָס איז פאַרברענט געוואָרן אין דער גזירה פון כמיעל דעם צורר, ימח שמו. בלויז די מזרח וואַנט איז געבליבן שטיין, האָבן די יוונים אויף די הוילע סטאָלבעס, סאַמע הינטערן אָרט וואו אויף יענער זייט איז געשטאַנען דאָס ארון קודש, צוגעקלאַפּט די הילצערנע קאָריטעס פאַר זייערע פערד. נו, האָבן דען נישט אַלע זייערע פּגירות געקראָגן „די שלאַפּיקע" באַלד יענע נאַכט? און ווען דער זיידע מיט די זייניקע האָט פאַרטאָג זיך אַ לאָז געטאָן אויף די יוונים מיטן וואַסער און דורכן „וואול", איז קיינער פון זיי קיין לעבעדיקער נישט געבליבן. — „דאָס איז שוין איינמאָל געווען אַ זיידע" — טוט ער אַ בלישטש אַרום זיך מיט גדלות און שפּאַנט צו צו דער „שטאָט" זיינער אין דער מזרח־וואַנט באַגלייט פון די בנים און איידעמס. עס נעמט אַ ווײַלע ביז ער זעצט זיך אַוועק. ער קוקט גוט אַרום דעם אָרט און די שכנים וואָס זיצן וואַרטנדיק דער חזן זאָל שוין אָנהייבן. ער עפנט נישט דאָס מויל מער, נאָר עס דאַכט זיך ווי עס רעדט פון אים מיט גדולה: „זיידע, מיר זיינען דאָ".

אַן אומגעדולדיקער זיצט ער די גאַנצע צייט ביז עס קומט צו זיין הקפה. דאַן גיט ער זיך אַ צעלאָז נאָך העכער פונעם חזן און נאָך אים דער גאַנצער שבט בערע אַבעס: „עוזר דלים, הושיעה נא!" דאָס איז זייער הקפה און קיינער וועט נישט וואַגן מיטצוגיין מיט זיי, ווייל עס האָט זיך שוין געמאַכט אַז די לייזער אייזיקס האָבן אַמאָל אין שיכרות זיך געמאַכט פאַרגעסן און געגומען מיטגיין, האָבן באַלד געגומען פליען לייכטער

און שטענדערס. בלוט האָט דאַן געראונען פון דער שול ביז צו דער גרעבליע.

די גאַנצע צייט פון אַרומגיין אַרום דעם באַלעמער, האָלט דודיע אין איין קוקן אויף צוריק. ערשטנס, כדי צו זען צי עמיץ האָט זיך נישט אַריינגעשטופּט צווישן זיי, און דער עיקר כדי צו ווייזן די בנים ווי אַזוי מ׳דאַרף האַלטן די „ריינקייט״ אין דער רעכטער האַנט און מיט דער לינקער האַלטן דאָס אָפענע סידורל. די בנים לאָזן נישט אַראָפּ קיין אויג פון אים. זיי האָבן אָבער עפּעס אַנדערש אין זין. זיי ווילן אויסגעפינען צי ער האָט נישט אַמאָל דעם זיידנס ספר אונטערן אָרעם. פונעם ספר רעדט ער אַלעמאָל און זאָגט, אַז ער נעמט עס מיט זיך צו יעדער וויכטיקער געשעעניש, אָבער קיינער פון זיי האָט עס נאָך קיינמאָל נישט געזען. — „ווען די צייט וועט קימען, וועט עך אַלץ וויסן״ — האַקט ער אָפּ האַרב ווען זיין יאָשע, דער עלטערער פון די בנים וואָס האַלט זיך אויף פּאַר אַ שטיקל קענער, שטייט צו אים צו וועגן ספר — „ווען מע דאַרף, נעם עך עס מיט זעך. אַזוי האָט ער זעך געפירט, פירן מיר זעך אויכעט אַזוי. מיר וויסן שוין ווען מ׳דאַרף עס איבערגעבן דעם בכור. פאַרשטייסט צי נישט?!״

נאָך אַזאַ פּסק, פרעגט מען שוין מער נישט, אָבער מ׳ווייסט אַז ביי וויכטיקע משפחה פּאַסירונגען און פאַרן גרייטן זיך צו אַ גרויסן מסחר, איז ער זיך מתייחד מיטן ירושה־ספר, וואָס ליגט פאַרשלאָסן אינעם אַלטן דעמבענעם קופערט אויף רעדלעך און באַשלאָגן מיט אייזערנע רייפן אַרום און אַרום. ביי אים אין שלאָף צימער שטייט דער קופערט, און דעם שליסל געטרויט ער אַפילו דעם אייגענעם ווייב נישט.

מ׳ווייסט, אַז ווען ער פירט אַ קינד צו דער חופּה, גייט דאָס ספר מיט דער כלה פאַר אַ סגולה ווען זי גייט פאַרביי פאַרן גערטנדל וואָס פאַר דער שול וואו מ׳זאָגט עס ליגן די חתן־כלה, וועלכע זיינען נעבעך אומגעקומען פון היידאַמאַקישע הענט פונקט אונטער דער חופּה. ער באַהאַלט עס אָבער אַזוי אין די פאַלדן פון דער כלהס קרינאַלינע, אַז קיינער קען עס נישט באַמערקן. און אַזוי ווי ער אַליין פירט די כלה, קען גאָר זיין אַז ער האָט עס פאַרשטעקט ערגעץ אין זיין געהאַקטער קאַפּאָטע מיט די ברייטע קעשענעס. איבערפרעגן וועט דאָך אים קיינער נישט. שטייט דאָס גאַנצע שטעטל און גאַפט ווי דודיע האָט שוין ווידער געפונען אַן איידעמל אַ הדרל: אויג אין אויג

אַ בערע אַבעניק, גלייך ווי געבוירן ביי זיי. די פּאַטשעגע טרייסלט זיך הינטער אים, און אַביסל ווייטער פון הינטן פירט דודיע די טאָכטער געוויקלט אין שלייערן וואָס פאַרנעמען ס'אויג; דער וועליען — אויך אַ משפחה ירושה פון דורות, אַביסל אָפּגעטראָגן שוין און שטיף געקראָכ־מאַליעט, קען קוים פאַרדעקן דעם געפלעכט פון דער כלהס געדיכטע שוואַרצע האָר, וועלכע דודיע זוכט צו באַהאַלטן פאַר לייטנס אויגן, און די פריזערקע פון „קליין־פּאַריז" האָט אַ גאַנצן טאָג זיך געמיט עס זאָל אויסזען ווי אַ שייטל. כדי יוצא צו זיין, האָט די טוקערן געקראָגן אי טבילה־געלט, אי שער־געלט; נאָר אָפּגעשוירן האָט זי בלויז אַ שפּיץ פון אַ צעפּל אויף אַ זכר, וואָס דודיע אַליין וועט באַהאַלטן צווישן די בלעטער פון ספר, וואָס דער ערשטער בערע אבא האָט געהאַלטן מיט זיך ווען ר'איז געלעגן אין די זאַמדן מיט אַ הייפעלע יידן גרייט אַנטקעגנצושטעלן זיך כמעלניצקיס באַנדעס, וואָס האָבן אָנגעפילט אַלע וועלדער און פעלדער אַרום.

ג

הויך, איבער די פּאַטשענעס שטייען זיי די גרעבליע הייזער אַביסל ווייטלעך איינס פון דאָס אַנדערע און דאָך קוקט איין פענצטער גלייך אין צווייטן פענצטער אַריין. מ'איז נאָענט פון ווייטנס. די דעכער זיינען מיט בלעך באַדעקט, פאַרענדיקט ביי די זייטן מיט קיילעכדיקע רערן פאַרן אָפּקאַפּ וועלכער שלאָגט אויס טיפע גריבלעך ביי די זייטן פון די פּאַטשענעס. אין זוניקע טעג פאַרגלאַנצן די גרעבליע דעכער דאָס גאַנצע שטעטל און נאָך העט ווייטער אַריבער די בריקן און די לאָנקעס ביז צום טערקעוויטשער וואַלד וואו נאָר די שטילקייט אַליין ווייסט די באַהעלטענישן פון בערע אַבעס חברה דאָרט, ווען מ'האָט צערעכט געמאַכט אַ פריצס באַלעבאַטישקייט. די פענצטער און טירן דאָרט, זיינען גרויסע און שפּיגלדיקע, אַ חוץ נאַטירלעך די בלינדע טירן־פענצטער פון די כשרע יאַטקעס און דער הילצערנער טויער פון איינציקן איינפאַר־הויז וואו מ'קאָן אַ חוץ איבערשלאָפן אין אַ „נומער", אויך אָפּעסן אַ גוט יאַיכל אָדער אויסטרינקען עפּעס צו יעדער צייט פון טאָג, אַפילו דאַן ווען „דאָס מאָנאָפּאָל" איז פאַרמאַכט.

ווי אַלע טירן־פענצטער אין שטעטל זיינען זיי מערסטנס פאַרמאַכט, און פילסט אַלעמאָל ווען דו גייסט זיך אַזוי מיט דער אונטערשטער פּאַטשענע,

אַז גאַנץ גרעבליע גאַס קוקט דיר נאָך און חוזקט פון דיין שלאַבעריקן גאַנג. פון דער הויך קוקט מען דאָרט אַפילו ווען דו זעסט עס נישט; אַ באַהאַלטענע גאווה שפּיזלט דיר נאָך אין דער גאַס מיט אירע הייזער און פאַרפונדעוועטער איינגעזעסנקייט איבער די הויכע פּאַטשעגעס. די גרעבליע לייט מיט די ברייטע קאַרקן, רויטע פּנימער און געזונטע ידים, אַפילו ווען זיי זיצן נישט אין דרויסן, לאַכן פולע הויפנס פון די „זיבעלעך" פון „רינג" און די געסלעך. „מ'הערט דאָך ניש זייער טראַט האַשעמ־עשמערייני" (השם ישמרנו) — גרויסן זיי זיך אַקעגן די שטעטלשע — „אַן אונדזעריקער אַז ער גיט אַ טרעט, הערט מען". אויף דערויף ענטפערן די געסלעך אין דער שטיל: „אַז די גרעבליע טיט אַ רעדט, פּלאַצן די רייפן פון די פעסער און די שלעסער פון די שטאַלן."

„בלויז מיט איין אויג — זאָגט מען — קוקט די גרעבליע גאַס אין „יידישן רינג" אַריין. מיט די הענט און פיס שפּאַרט זי שוין אָן אין די גויאישע הייפן און פריצישע וועלדער."

אין דער אמתן ווערט מען טאַקע אַ גאַנצע וואָך כמעט נישט זען ווען פון דאָרט אין „רינג". שוין זונטיק מיטן שפּראָץ אויף טאָג, טוען זיי אַ כאַפּ אָפּ דאָס יידישע וואָרט יעדערער פאַר זיך „לעבן אייגענעם פּאַמעשאַף" — חוזקט דאָס שטעטל, — און פאַרשווינדן ווער צו פיס און ווער מיטן פערד און וועגעלע און ווער גאָר רייטנדיק גאַלאָפּ. בלויז מיטוואָך, יאַריד־טאָג, איז מיט זיי פול דער פערד־מאַרק וואו מ'פּרואווט אויס שנעל לויפנדיקע פערד און מ'טאַפּט די פולע אייטערס פון בהמות אַרויסגעפירט צו פאַרקויפן.

אינעם „רינג" וואו עס שטייען אָנגעפּראַפּט איינס לעבן אַנדערן די פויערישע הויכע וועגענער מיט די געפלאָכטענע לייטערס אָנגעשפּאַרט ביי די זייטן, און דאָס גאַנצע האָב און גאָב פון געגנט האַלט אין איין פאַרשווינדן פון זיי אין די יידישע שפּייכלערס אַריין, זעט מען זיי נישט נאָר מ'ווייסט זיי זיינען דאָ נאָענט. מיט קורצע בייטשלעך אין די הענט דרייען זיי זיך אַרום ווי נישט זיי מיינט מען און שמייסן זיך וואויל־יונגעריש אויף די גלאַנציקע הויכע שטיוול מיט וועלכע זיי פּוצן זיך דאָן אויס. און כאָטש זיי האָבן אין זיך בלויז זייערס אויפן פערד־מאַרק, איז זייער אויער אָנגעשפּיצט און די אויגן שאַרף צו אַלץ וואָס סע טוט זיך אין „רינג" ביי די וועגענער און די געשטעלן אויף וועלכע עס

ליגן אָנגעהויפּנט פּוטערנע און דריי־קאַנטיקע היטלען מיט גלאַנציקע דאַשקעס, קורצע וואַטאָווע קורטקעס און ברייטע באַרכאַטענע פלודערן, לאַנגע שטיוול און שטיקער קאַלירטע לייוונט, וואָס הוידען זיך אויף די שטאַנגען לעבן די געשטעלן. דאָס גאַיעס שמייעט אַרום די געשטעלן דינגענדיק זיך און פּאַטשענדיק אין די הענט ביים אָפּשליסן די קנייה. קריגן זוי אַ צולאָג אַ קאַלירט טיכל, אַ סטענגע אָדער אַ געבויגן קעמעלע וואָס שיינט קעגן דער זון ווי דורכזיכטיקער ביין און מוטערפּער. די פּנימער פון די „באַבעס" שיינען און גלאַנצן, און די יידישע סוחרים האָווען אַרום זיי פלינק און ספּריטנע נישט צו פאַרלירן די גוטע מינוט פון פּדיון אויף וועלכן מ'האָט געוואַרט אַ גאַנצע וואָך. מ'קען דאָך נישט וויסן פון וואַנען און ווען ס'קען ווערן אַ פּלוצימדיקער טומל. עמיץ דערפילט זיך פּלוצים אָפּגענאַרט, אָדער האָט נאָכן איינשלינגען אַ פּאָר הערינג מיט בולקע זיך אָנגעזשליאָקעט מיט ביר און „נעמט געבן צוריק" (ברעכן) זידלענדיק דערביי די אייגענע „באַבע" מיט די זשידעס אינאיינעם. אַ וואָרט צו אַ וואָרט און דער גאַנצער יאַריד קען צעטרענצלט ווערן, השם ישמרנו. דאַן איז געווען ס'זאָל זיך אַ טראָג טאָן אַהער לאַבע לייזער אייזיקס אָדער אָרע בערע אַבעס און ס'ווערט שטיל. אויב נישט — וועט דער פויער זיך באַלד דערזען אין איינער פון די ליקלעך, וואָס פירן צו די געסלעך און אין איין אויסע (אותו) רגע וועט ער זיך אויסניכטערן באַוואַשנדיק זיך מיט דער רויטער יויך.

ס'ווערט אָפּגעטאָן אַזוי שנעל און איילק, אַז מערסטנס באַמערקט מען עס גאָרנישט. דער יאַריד גייט אָן: פערדלעך הירזשען לויפנדיק גאַלאָפּ; בהמות מעקען; די „פּיווניע" רוישט און רופט צו זיך ווינקנדיק מיט דער גרויסער שילד מיטן זידנדיקן סאַמאָוואַר און אויף האַלב צעשניטענעם רויט טריפנדיקן אויפשניט, און פון די ליקלעך שפּרינגט אַרויס פון צייט צו צייט אַ קוויטש: „האַלט דעם פּיסק, דראַן, דו!"

די געסלעך שטייען שטום דאַן און האָרכן זיך איין מיט ציטער צום פּלאַטערן און בעטן זיך פון געשלאָגענעם: „ליאַ באָגאַ, פּאַנענקו, ליאַ באָגאַ!" מיט איינגעהאַלטענעם אומרו כאַפּט מען אַ בליק אין די טונקעלע ליקלעך אַריין און מ'ווייסט אַז ס'איז דאָ אַ האַנט און אַן אויג וואָס וואַכט.

נישט טראַכטנדיק אַפילו, שלאָגן זיך די אויגן אָן אין די גליענדיקע דעכער פון דער גרעבליע גאַס און ס'ווערט עפּעס לייכטער צו זיצן אויף דער אייגענער פּאַטשעגע אין „שמאָלן געסל" אָדער גרייטן וואַרעמעס אויף צו טראָגן צו די קינדער אין „שטיבל" און אין „חדר" אַריין. אין יאַריד־טאָג איז נישט כדאי, אַז די קינדער זאָלן זיך געפינען אין דרויסן. אַפילו באָדן זיך גייט מען נישט דאָן. דער ברעג טייך איז פול מיט פערד און דאָרפס שקצים. עס זעט אויס ווי דאָס גאַיעס וואָלט איבערגענומען דאָס שטעטל מיט אַלע בריקן און בריקלעך. אויב ס'איז זייער הייס, ווען די שטיבל־יינגלעך און עלטערע תלמידים פון די חדרים זיך אָפּקילן אין מקווה.

„פּאַר גאָט" (פריער גאָט) און דערנאָך די גרעבליע לייט, וועט אַלץ אָפּגיין גלאַטיק און יידישע קינדער וועלן לייגן קלאַפּטער און שווימען קאַפּוואַסער און טריטעלעך מאָרגן און איבערמאָרגן ביי אַלע בריקן און ביי דער שליוזשע און הינטער דער באָד לכבוד שבת.

ס'איז פונדעסטוועגן באַטירלעך, אַז אַפילו אין די יאַריד־טעג, וועט אַ קינד פון „רינג" צי פון „שמאָלן געסל" נישט באַרימען זיך מיט קרובהשאַפט צו די גרעבליע לייט, כאָטש אַלע ווייסן אַז ווען די בערע אבעס און לייזער אייזיקס זיינען פאַרנומען מיט „זיצן", ציטערט די הויט אויפן גאַנצן שטעטל פאַר און נאָכן יאַריד. אָפּגערעדט שוין אין טאָג פון יאַריד אַליין. — „מיט זיי" — האַלטן טאַטע־מאַמעס קינדער איז גלייכער צו זיין פון ווייטנס. אויך אין די חדרים וואו זייערע קינדער לערנען צוגלייך מיט אַלע קינדער פון שטעטל, איז מען מיט זיי חבר פון דער ווייטנס. פונדעסטוועגן, נישט אויסזאָגנדיק קיינעם און נישט אויסגעבנדיק דאָס וואָס מ'וויל אַפילו פאַר זיך אַליין נישט מודה זיין, האָט יעדער חדר־יינגל פריער אָפּגעאָטעמט ווען ער האָט זיך דערוואוסט ביים אָנקומען אין חדר צו רבי מאָטעלע תם אָדער רבי לאָזער דער גרויסער, אַז צווישן די תלמידים געפינט זיך אַ בערע אבע אָדער אַ לייזער אייזיק. גאָר וואויל איז ווען ס'איז דאָ אי אַ לייזער אייזיק, אי אַ בערע אַבע, ווייל דאָן איז מען טאָפּלט זיכער, אַז לאָמטערנס וועלן פינקלען אומגעשטערט דעם גאַנצן וועג גייענדיק אַהיים ווינטער ביינאַכט אין דער געדיכטער פינצטערניש, און שבת בייטאָג, וועט מען מערסטנס זיין פריי פון צו גיין אין חדר צו זאָגן „ברכו נפשי". די גליטש הינטערן באָד, וועט זיין פריי און אָפן און קיינער וועט נישט וואַגן אַ

פּיפּס טאָן. אַפילו די שקצים פון אַרום קלויסטער־גאָרטן מיט זייערע הינט אינאיינעם, וועלן זיך גליטשן ווייט אָפּגערוקט אויף יענער זייט „פּאַשע בריקל״. זומער וועט דאָס באָד־פּלאַץ לעבן דער „אַלטער בריק״ מיט דער שליוזשע זיין גרייט צו יעדער צייט פאַר דעם חדר. קענסט זיך פראַנק און פריי אַרומשפּאַנען אדם־נאַקעט צווישן די אָפענע פענצטער פון דער שליוזשע און אַריינשפּרינגען גלייך אין רוישנדיקן שטראָם און צוקומען ביז צו דער הייל ביים סאַמע סוף פון דער לאָנקע און אַריינשרייען אין טונקעלן חלל דאָרט פון וואַנען עס קומט צוריק אַ טעמפּער אָפּקלאַנג. אַ בערע אַבע איז אַלעמאָל גרייט נאָכצופּאַטשן דיר אין שטראָם אַריין און אַרויסשלעפּן פון אַ צרה. אַ נייגעריג לייזער אייזיקל וועט דיך נישט צורעדן, נאָר פּשוט מיטנעמען אין דער הייל אַריין אויסצוגעפינען וואָס דאָרט טוט זיך. יעדער שטיינדל דאָרט קענען זיי דיר. ווי נאָר לאבע לייזער אייזיקס טוט אַ שמעק די פּייכטע, שווערע לופט פון דער הייל גיט ער אַ קאָמאַנדעווע: „צי זיך אויס און קריך נאָך מיר. זעסט, אָט איז אַ פאַרזשאַווערטער קניפּיק, אַ שיידל פון אַ שווערד. און אָט איז אַ הויפן שטיינער ווי אַן אויוון״.

לאָבע ווייסט עס דיר אַלץ. די הייל פירט אַזש צו די טערקעוויטשער וועלדער און נאָך ווייטער צו די באַכעטשעווער זומפּן. דאָרט וואו די טאַטערישע האָרדעס זיינען איינגעזונקען געוואָרן מיט זייערע פערדלעך אינ־איינעם. דאָ האָט מען זיך אויסבאַהאַלטן און געטשאַטעוועט אויפן שונא וואָס איז אָנגעלאָפן מיט די לאָנקעס אָדער מיט די זאַמדן. און אָט הענגט אַ קייט אַראָפּ פון אַ שטיין אַרויס. עפּעס איז אויסגעקריצט אַרום דעם. די אויגן דינען אָבער נישט און דאָס האַרץ קלאַפּט ווי מיט האַמערס. ווילסט צוריקגיין און קענסט נישט. לאָבע ווייסט, אַז ס'איז דאָ פאַראַן אַן אַרויסגאַנג אויך צום פריצישן הויף. אַהער האָט מען געבראַכט די „פּאַנש־טשיזניקעס״ וואָס האָבן זיך מיט עפּעס פאַרזינדיקט. „אָן אָ, גיב אַ קיק, אין ווינקל דאָרט איז דאָס אָרט וואו מ'האָט זיי פאַרשפּאַרט. מ'זעט נאָך די גראַטעס.״

— דריי אויס דעם קאָפּ אויף צוריק — פאַרגינט נישט הירשקע בערע אבעס, אַז לאָבע זאָל זיין דער אַלץ־ווייסער — ווּעסטו זען, אַז פון דאַנען קען מען זען די גאַנצע לאָנקע ביז צום צלם דאָרט אויפן בערגל, אָבער וואָס דאָ טוט זיך קען מען נישט זען. פאַרשטייסטו שוין, אַז דער זיידע ר׳

אָרע האָט געוואוסט פון דעם. דערפאַר האָט ער דריי יאָר זיך געקענט דאָ אויסבאַהאַלטן ביז כמעלניצקיס סוף, ווען מען האָט אים אַנגעטאָן אַ פייערדיקע אייזערנע קרוין אויפן קאָפּ. וואָס, די גלייבסט מע ניש? טי נאָר אַ פרעג וועמען די ווילסט וועגן דעם, וועט מען דע זאָגן די גאַנצע וואָר.

— ווער ווייסט עס נישט, — מאַכט לאַבע יד־אחת מיט הירשקען און פּאַטאַקעוועט צו ווי ער וואָלט געווען דערביי. — ביינאַכט האָט ער זעך ארויסגעגאַנוועט שטילערהייט און בייטאָג געלעגן אָט אָ דאָ — הוידעט ער ער זיך פון איין שאָטנדיק ווינקל צום אַנדערן — די רויטע ברייטע מצבה אויפן אַלטן בית־עולם באַשרייבט דאָך עס קליפּ און קלאָר — ציט ער ווייטער אין דער פייכטער טונקלקייט אָן אַ סוף. דיר ווילט זיך אָבער שוין וואָס שנעלער צוריקציען זיך און אַרויס פון דער שטיקעניש און שרעק וואָס ציטערט דאָ אין און אַרום דיר.

— צייט צו גיין עסן וואַרעמעס — בעט מען זיך ביי לאַבען.

— מ׳דאַרף אַמאָל צוגיין ביזן סוף, — גיט ער זיך צום סוף אונטער — תשעה־באב וועט׳מער זיין אַ גאַנצן טאָג פריי, ווע׳מער צוגיין ביזן וואַלד. אָט, זעט נאָר אַ היטל מיט צוויי דאַשיקעס. דאָס איז פון דער פּאָוסטאַניע — איז ער אַזוי היימישלעך דאָ ווי ביי זיך אין דער היים.

קיינעם וועט נאַטירלעך נישט איינפאַלן איבערצופרעגן אים, און אוודאי וועט קיינער נישט וואַגן אַנווייזן אויפן לעדערנעם מויל־שלעסל מיטן ביסל פרישן האָבער וואָס איז אויסגעשאָטן דאָ דערלעבן. מ׳ווייסט, אַז זיינע פעטערס זיינען אויסגעבונדן מיט דעם אָרט...

נישט אָפּט, נאָר עס טרעפט זיך, אַז אין אַ פאַרנאַכט טוען זיך אַ לאָז צו דער הייל אַ גאַנצע מחנה סטראַזשניקעס מיט הינט און שטריק און לאַמטערנעס. די גרויסע פענצטער פון דער גרעבליע־גאַס, זיינען דעמאָלסט בלינד און שטום; אַלע פאַרהאַנגען זיינען אַראָפּגעלאָזט, און עפּעס ווי מיט שרעק און מיטגעפיל צוזאַמען שטומט דאָס גאַנצע שטעטל אויך דאַן און קוקט נישט און באַמערקט נישט ווי מ׳פירט שפּעטער עמיצן פון דאָרט אַ געבונדענעם מיט די הענט אַהינטער גלייך צו דער „מיטלסטער בריק" צו, וואו עס געפינט זיך די „קאַנצעלאַריע" מיט דער „קאָזע" וואו עס נעכטיקן איבער די אַרעסטירטע איידער מ׳פירט זיי אַוועק הינטער דער

וואָך פון בלאַנקענדיקע שווערדן אין דער גרויסער שטאָט אַריין. אַן אַנדערש מאָל פירט מען בלויז צוריק אַ פּאָר ברוינע, גוט געפּאַשעטע פערד מיט קורצע עקן און גלייך געשוירענע גזשיוועס, וועלכע גייען דורכן „רינג״ טראָט ביי טראָט און פאַרנעמען זיך מיט די הינטערגעסלעך צו דער גויאישער פאָרשטאָט. ערשט דאָן הייבט אָן ווערן ליכטיק אין די אייבערשטע פאַטשעגעס פון דער גרעבליע.

אויף צו מאָרגנס, וועט דודיע אָדער ווער פון די לייזער אייזיקס אַרויס־פאָרן גאַנץ כעלות נאָך אויף אַ גומענער בריטשקע אין אַ דריי פערד געשפּאַן מיטן וועג אין דער קרייז־שטאָט אַריין און זיך באַווייזן צוריק ערשט פרייטיק פאַר ליכט־צינדן. צום קומענדיקן יאַריד, וועלן זיי ווידער זיין אויפן פערד־מאַרק, און אויב אַפילו זוער פון זיי וועט פעלן, וועט מען נישט רעדן פון דעם. אַז נישט היינט, וועט ער זיך אָן אַנדערן מיטוואָך באַווייזן מיט די זעלבע רויטע באַקן און קורץ־געשוירן בערדל. דאָס בייטשל אין דער האַנט שמיצט וואויל־יונגעריש אויף די גרויסע שטיוול, און ווי נאָר דער סטראַזשניק וועט אים דערזען, צעשמייכלט מען זיך ווי אַלטע גוטע־ברידער און מ׳פאַרשווינדט גלייך אין דער „פּיוניע״ אַריין אויסצו־טרינקען ווי גאָט און לייט האָבן געבאָטן.

ד

מיטן אָנקומען פון די עסטרייכער, אין צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, זיינען די בערע־אַבעס אַראָפּ פון דער גדולה. די פּריצישע הויפן צוזאַמען מיט אַ היפּשער צאָל דערפער זיינען אַוועק מיטן רויך אין די גרויסע שלאַכטן אין די אַרומיקע וועלדער און זומפּן. נאָך אַ גרעסערע צאָל איז אַוועקגעפירט געוואָרן טיפער אין רוסלאַנד. דאָס האַלב צעשטערטע שטעטל מיט די פּאָר הונדערט איבערגעבליבענע יידישע משפחות, וועלכע האָבן נאָך וואָכן אַרומוואַלגערן זיך צוריקגעקערט אין די צעבראָכענע היימען, זיינען געווען ממש אַן אינדזל אינמיטן אַלגעמיינעם חורבן. דער הונגער האָט פּראַנק און פריי זיך באַזעצט אין יעדן הויז און נישט געמיטן אויך די גרעבליע גאָס מיט די געבליבענע לייזער אייזיקס און בערע אַבעס. די רויטע פּנימער האָבן זיך געבלאַסט ווי ביי אַלעמען און אַפילו די

בערדלעך זיינען שוין נישט געווען אַזוי גלאַט צוגעשוירן. ס'איז שוין רעכט געווען אַ פאַרפּלאָנטערטער שפּיץ דאָ און דאָרט.

אַז די יאַטקעס זיינען פאַרמאַכט, שטייט שוין מער נישט קיין לייזער אייזיק הינטערן קלאָץ האַקנדיק מיט דער האַק אין רויטן זודיק־פלייש און מאָלט אויף דער גיך מיט אַ קללה אויף די „קוועטשערס", די שוחטים און דיינים וואָס האַלטן אים אין איין בדיל־הדל שטעלן דורכן כסדרדיקן טאַר־פענען די בעסטע בהמה איבער אַ קליין סירכאָלע. „ס'זאָל זיי סאַרכען פון קאָפּ!" — האָט ער און האַקט — „זאָל קימען צי אַ מחלוקת" — פאַרמאַכט זיך אים נישט דאָס מויל און די ווייבער אַרום האָבן מורא דאָס מויל צו עפענען. טאָמער וועט טאַקע קומען צו אַ מחלוקת, וועט מען דאָך שוין גאָר קיין פּיצל פלייש נישט זען פאַר די אויגן.

איצט איז שטיל אויף דער גרעבליע, אויס בהמות, אויס שחיטה און אויס מחלוקת. גייען אַרום די לייזער אייזיקס שלינג און שלאַנג און שווייגן. און אַז קיין פריצים זיינען נישטאָ און די דערפער זיינען ליידיק, זיינען נישטאָ קיין יאַרידים, גייען אַרום די בערע אַבעס אָפּגעכוימלטע און נישט היגע. ווי אַלע אין שטעטל האָבן זיי זיך אין די פאַרטאָגן אַרויסגעלאָזט אויף די פאַרלאָזענע פעלדער און ליידיקע דערפער. אויב ס'האָט אָפּגעגליקט און מ'איז נישט אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דער מילטערישער זשאַנדאַרמעריע, וואָס האָט גאַנץ אָפט אַפילו נאָכגעשאָסן, האָט מען זיך ערשט פאַרנאַכט געדאַרפט קליגלען אַריינצוגאַנווענען זיך מיט די זעקלעך שפּייז אין שטעטל אַריין איבער די פאַרברענטע בריקן. דאָס בעסטע מיטל אָפּצונאַרן דעם זעלנער פאַר דער בריק איז געווען, אַז איינער מיט כמעט אַ ליידיקן זאַק האָט גענומען לויפן, האָט אים נאַטירלעך דער זעלנער נאָכגעיאָגט, און דערווייל האָבן די אַנדערע באַוויזן אַריבערצוכאַפּן זיך אויף דער אַנדערער זייט. דאָס האָט זיך איבערגעחזרט אַזוי פיל מאָל, אַז מ'האָט שוין אָנגעהויבן מיינען אַז דער וואַך־סאָלדאַט טוט עס שוין אַזוי אומישנע כדי מ'זאָל זיך קענען אַריינבאַקומען אין שטעטל כמעט אונטער דער נאָז פון די היטער. דאַרף זיך אָבער טרעפן איינמאָל אַז מ'האָט נאָכגעיאָגט בערע דעם לאַנגען אויף וועמען דודיע אַליין האָט עדות געזאָגט: „דאָס מיזיניקל מיינס וועט נאָך איבערגיין דעם זיידן עליו השלום. דעם לאָשעק וועט נאָר אַ כראַבסקע קאָבילע קענען איינהאַלטן". די וואָס האָבן עס געזען, האָבן אָנגענומען אַז

דאָס מאָל וועט ווי אַלעמאָל דער וועמען מ׳יאָגט נאָך זיך לאָזן כאַפּן נאָכדעם ווי ער וועט פילן, אַז די איבעריקע האָבן שוין באַוויזן זיך אַריבערצוראַטשקען אַריבער אַלע שטרויכלונגען, און דערנאָך וואַרטן אויף יענעם אויף דער אַנדערער זייט אין אַ הינטער־געסל ערגעץ כדי אים אומצוקערן דעם שאָדן וואָס ער האָט געהאַט. האָבן זיי געוואַרט און געוואַרט, אָבער דער לאַנגער בערע האָט זיך נישט באַוויזן און דעם וואַך־סאָלדאַט האָט מען אויך מער נישט געזען.

ווען ער האָט זיך אין אַ פּאָר וואָכן אַרום באַוויזן אין שטעטל, זיינען אים די קליידער נאָכגעהאָנגען. דאָס רויטע בערדל איז אין גאַנצן פאַר־שוואונדן און די באַקן, כאָטש רויטלעך נאָך — זיינען געווען איינגעפאַלן און הויל. בלויז די גרויע אויגן האָבן דערמאָנט אין דעם בערע פון אַמאָל. עטלעכע טעג האָט ער זיך אַזוי אַרומגעדרייט אַ שווייגנדיקער ביז ר׳איז ווידער פאַרשוואונדן, און קיינער פון דער גרעבליע, האָט קיין פּיפּס נישט געטאָן וועגן דעם. שפּעטער צו, ווען ס׳איז געוואָרן איינגעשטעלט אַ שטיקל אָרדענונג, האָבן די שמוגלערס וואָס האָבן פון דער אוקריינע און נאָענטן גאַליציע געשמוגלט עסנוואַרג און אַנדערע סחורות, איבערגעגעבן אויפן וואונק, אַז שוין נישט איינמאָל זיינען זייערע וועגענער אָפּגעשטעלט געוואָרן אין מיטן טערקעוויטשער וואַלד פון אַ באַנדע רייטער, און ווי נאָר יענע האָבן דערהערט וואוהין זיי פאָרן, האָט מען זיי נישט נאָר נישט באַראַבעוועט, ווי געוויינטלעך, נאָר נאָך צוגעפירט ביז צו די זאַמדן און געגעבן עצות מיט וועלכע הינטערוועגלעך ס׳וועט זיי לייכטער זיין אַריינצובאַקומען זיך אין שטעטל אַריין אויסמיידנדיק די וואַך־פּאָסטנס. און מאָדנע, ווי זיי האָבן אַלעמאָל גענוי געוואוסט וואו די וואַך איז שיטערער, אָדער ווען מ׳קען אָפּקומען מיט אַריינשטעקן דעם לאַנד־שטורמיסט אין דער יד אַריין און פּטור ווערן פון אים. ס׳האָט אַפילו געהאַט געטראָפן, אַז די רייטער האָבן זיך צו שפּעט דערוואוסט, אַז דער קאָמענדאַנט אַליין איז איצט אויפן וואַך־פּאָסטן, האָבן זיי זיך אַ לאָז געטאָן אויף צוריק מיט אַ שיסעריי. אינעם טומל, האָבן די וואָכן אַליין גענומען זיי טרייבן צום שטעטל צו און גאָרנישט נישט געזוכט. מ׳האָט אויך געהערט פון שיסערייען אין די נעכט; פון גאַנצע טאַבונען פערד, וואָס ווערן אַרויסגעפירט הינטער דער נאָז פון די אַלטע לאַנד־שטורמיסטן, וואָס האָבן געהיט דעם מיליטער־לאַגער הינטערן שטאָט.

דער קאָמענדאַנט האָט געזוכט און געבּישטערט אין גאַנצן שטעטל און באַזונדערס אונטער די פּאָטשענעס און קעמערלעך פון דער גרעבליע. אַסך מאָל אַרויסגערופן צו זיך אין הויף דודיען אָדער וועמען פון די בנים און גאָרנישט נישט אויסגעפונען. ביז אין איין פאַרנאַכט איז דאָס שטעטל ממש פאַרפּלייצט געוואָרן פון פעלד זשאַנדאַרן מיט פולעמיאָטן אויף די ברייט־קאַרקיקע פערד, און צווישן זיי אַ געפּענטעטער מיט אַ שווערער קייט ביי די פיס, איז בערע דער לאַנגער געגאַנגען זיין לעצטן גאַנג אין שטעטל. וואו זיי האָבן אים געפּאַקט האָט מען נישט געוואוסט. טייל האָבן געזאָגט, אַז אין דער הייל ערגעץ, האָט אים עמיץ פון זיינע לייט אויסגעגעבן; אַנדערע — אַז דאָס פערד איז הינטער אים געפאַלן אין אַ שיסעריי אין וואַלד. גאָר אַנדערע האָבן געוואוסט, אַז ער איז די גאַנצע צייט געווען אין שטעטל באַהאַלטן אויפן אַלטן בית־עולם לעבן דעם זיידנס מצבה, און פון דאָרטן אַנגעפירט מיט אַ באַנדע שמוגלערס. ווי עס זאָל נישט זיין — גאַנץ שטאָט איז אַ גאַנצע נאַכט אויף געווען און זיך איינגעהאָרכט צו יעדן שאָרך און קלאַנג פון פאַרמאַכטן דרויסן, וואו די וואַך־פּאָסטנס האָבן אַלע ווײַלע זיך איבערגעשריגן פון די בריקן און געסלעך: „ווער דאַ? האַלט!" פון זיבן אַ זייגער אָן האָט שוין קיינער נישט געטאָרט זיך באַווייזן אין גאַס און אַפילו נישט זיצן אין דרויסן אויף דער אייגענער פּאָטשענע ווי געוויינטלעך נאָך אַ הייסן זומער טאָג. בלויז פאַן כאַרקאָווסקי, דער גויאישער פעלדשער, האָט אַרומגעשפּאַנט פון געסל צו געסל מיטן רפואות בוך הינטערן אָרעם, אָבער נאָענט צום „קאַזע־הויף" האָט מען אים אויך נישט צוגעלאָזט. אַזוי האָט ער אַליין דערציילט.

דער איינציקער אין שטעטל וואָס איז געווען מיט בערען יענע נאַכט, איז געווען ר' דוד דיין, וואָס איז פּונקט דאַן אָפּגעזעסן אין „קאָזע" אַ שטראָף פאַר „טשיסטיטאַ". ר' דוד רעדט וועגן דעם נישט גערן, אָבער דאָך ווייסט גאַנץ שטאָט פון דעם, אַז ער פירט זיך שוין פון יאָרן נישט צו צאָלן קיין שטראָף־געלט פאַר נישט ריינקייט אין זיין געסל, ער זיצט עס אָפּ. אַזוי פאַר דער מלחמה ביי יענע און אַזוי אויך איצט ביי די היינטיקע מושלים. ס'איז דער זעלבער טעם: דער סטראַזשניק זאָל זיך נישט אָנ־זשליאָקען מיט יידיש בלוט, ווען עס פאַרגלוסט זיך אים; אלא זיצן תפוס — איז עס דאָך אַן אָפּקומעניש, איז דאָך נישט שייך זיך אויסצודרייען דערפון.

די סיבה פֿאַר זיין גיין זיצן איז אויך אַלעמאָל די זעלבע: נישט ריין אין זיין געסל און אַרום זיין פּאַטשענע. נו, גיי דעררייניק אַ בלאָטע פון קדמונים. נעמט ער אָן די גזירה פֿאַר ליב און כמעט יעדן יאָר קומט אים אויס צו זיצן אין „קאָזע" אַ טאָג אָדער צוויי. אין „קאַנצעלאַריע" ווייס מען שוין פון דעם און מ׳איילט אים נישט, נאָר ווען ס׳איז פריי אַ „נומער", לאָזט אים שוין דער שומר וויסן, נעמט ער דעם טלית און תפילין מיט אַ פּאָר ספרים און אַ קישעלע און ציט זיך אַריבער אין „קאָזע" אָפּקומען דאָס זייניקע. עסן ברענגט מען אים פון דער היים — לעקט אויך דער שליסל האַלטער, פאַן איגנאַץ, אָפּ אַ ביינדל. אַ גאַנצן טאָג קען אַפילו אַ קינד זיין מיט אים פון היימלעכקייט וועגן. און דער עיקר מ׳זיצט נישט לײדיק. קיינער איז דיך נישט מבלבל מיט קיין שאלות און דין־תורות — לערנט זיך גאָר אַנדערש. ווען ער זאָל נישט קיין מורא האָבן, וואָלט ער עס אַפילו נישט געהאַלטן פֿאַר קיין עונש. מ׳קען עס אָבער נישט זאָגן, ווייל די נאַכט איז שוין טאַקע אַן אָפּקומעניש, אי ס׳איז שווער צו לערנען אין דער פינצטער, אי עס טרעפט זיך אַז אינמיטן דער נאַכט ברענגט מען עמיצן אַריין: אַ שיכור צי כ׳וויים דאָרט וועמען. דער פאַן איגנאַץ גיט טאַקע אַכטונג, אַז יענער זאָל זיך געפינען אין אַן אַנדער „נומער". אָבער דעם טעם פון תפיסה פילט ער שוין דעמאָלט.

דאָס מאָל איז אויך אַזוי געווען. טאַקע נייע מושלים, אָבער די גזירה די זעלבע און דער שומר אויך דער זעלבער, האָט אים דער פאַן איגנאַץ געלאָזט וויסן, אַז ס׳איז ליידיק די גאַנצע „קאָזע", האָט ער זיך מיטגענומען דאָס וואָס ער דאַרף און געגאַנגען אָפּקומען דאָס זייניקע. דעם ערשטן טאָג איז געווען ווי אַלעמאָל. ר׳האָט געדאַוונט, געלערנט מיטן זון וואָס האָט אים געבראַכט עסן און שוין פֿאַרבליבן איבערן טאָג, נאָר אין מיטן דער נאַכט האָט מען אין דעם נומער וואָס אַנטקעגנאיבער אַריינגעפירט אַ פאַרשוין, אַ ריז, וואָס בלויז אַ קוק געבן אויף אים איז געווען אַ פּחד. ווייזט אויס אין גאַנצן נישט פון אונדזערע קאַנטן. שוין דער לבוש אַליין איז עפּעס געווען אַן אויסטערלישער: אַ שווערע בורקע אינמיטן זומער מיט אַ רויטן גאַרטל, און אַ הייך, ער האָט זיך אַזש געמוזט איינבייגן ביים אַריבערטרעטן די שוועל. ער האָט אים כסדר מבלבל געווען מיט זיינע געשרייען און ניבול־פה. ער האָט נאָר געוואָלט וויסן ווער ס׳איז דער שכן זיינער און

פאַר וואָס ער זיצט, באַרימענדיק זיך דערוויילֿ אַז ער איז שוין גאָר נישט קיין גראָשנדיקער גנב, נאָר אַן אמתער „היציל׳׳ פון די גוראַליעס. מיט אים שפּילט מען זיך נישט. רעדט מען אַקעגן איז כיק און פּטור. ווען נישט וואָס ער איז געווען אַביסל אונטערן גלעזל און אַ האַלב נאַקעטער, וואָלט מען אים נישט געגומען אַזוי אין מיטן דער נאַכט פון וואַרעמען בעט אַרויס. „אַזאַ נפקה, די פּאַראַפּיע, ער וועט זיך אָפּרעכענען מיט איר. נישט אַנדערש נאָר זי האָט אים אויסגעגעבן און נאָך צוגענומען דאָס קניפּל ביי אים. ר׳האָט קוים באַוויזן די בורקע אַרויפכאַפּן אויף זיך. נאָר אַ דאגה האָט ער, ער וועט זיך סיי ווי אַרויסברעכן פון דאַנען. שוין נישט דאָס ערשטע מאָל ביי אים. פון אַזאַ לאָך איז אויך מיר אַ קונץ׳׳ — האָט ער נישט אויפגעהערט שיכורלעך צו ברייען — „אויב דער שכן וויל, וועט ער עס נאָך טאָן היינט ביינאַכט. דורכן שכנס פענצטערל קען מען עס מאַכן זייער גרינג. ער האָט עס געזען דאָס פענצטערל, ווען מ׳האָט אים אַריינגעפירט אַהער. אַ כאַליערע אויף זיי, אים האָט מען גאָר אַריינגעזעצט אין אַ לאָך אָן אַ פענצטער.׳׳

ווען ר׳ דוד האָט אים אין זיין געבראָכענעם האַלב פּויליש און אַביסל כאַכלאַצקע און דער עיקר יידיש געגעבן צו פאַרשטיין פאַר וואָס ער זיצט און ווער ער איז, האָט עס דעם פאַרשוין אויפגעקאַכט. ער האָט גענומען קלאַפּן און טרייסלען מיט די גראַטעס און געזופן „דעם קליוטשניק׳׳ מיט איינע טענות און געשרייען, און דער עיקר פאַר וואָס מ׳האַלט אים דאָ אין דער שטייג מיט אַ פאַרכוואַטן זשידיק, וואָס זיצט דאָ מן הסתם פאַר אָפּנאַרן מיט דער וואָג, ווען ער איז אַ „בילאַנדער׳׳ פאַר וועמען אפילו די גרעסטע „היצלעס׳׳ פון גאַנץ קליין־פּוילן ציטערן. אַפילו אין טורמע מאָרדעוועט עס מיט זיי, ווען ער באַוויזט זיך דאָרט. איינס פון דיביידע, אָדער מ׳זאָל דעם זשידיק אַוועקפירן פון דאַנען און איינזעצן אין אַ היבער שטעלעכל, אָדער אים אַוועקפירן אין אַ לייטישער טורמע אַריין. אין קיין „קוטשע׳׳ זיצט ער נישט! — האָט ער געהאַקט מיט וואָס ס׳איז אים געקומען אין די הענט אַריין אין די ווענט, אין דער טיר מיט די גראַטעס, אַז די גאַנצע קאָזע האָט זיך געהוידעט. ס׳האָט נישט געהאָלפן איינטענהן און סטראַשען אַז מ׳וועט אים קאָוען אין קייטן. ער איז נאָך ווילדער געוואָרן: „אַזאַ באַליידיקונג, אַן אמתן פאַליאַק, אַ ביליאַנדער, זאָל מען האַלטן אין אַ שטייג מיט אַ זשידיק. ער וועט זיי שוין ווייזן די פאַרקויפטע

שקורעס, וואָס לאָזן אַריין דעם יידן מיט זיינע קישנס און יאַיכלעך אויף צו פּאַרפּאַסקודזשען די קאָזע״. אַ גאַנצן טאָג האָט ער אַזוי געגוואַלדעוועט און גע־ליאַרעמט מיט רציחה. ערשט ווען מ׳האָט פאַרנאַכט אַריינגעפירט צו אים בערען אַ געקאָוועטן, איז ער שטילער געוואָרן, נאָר נאָך בייז און חוצפּהדיק נאָכגעקוקט דעם נייעם גאַסט.

אַ מידער איז בערע געזעסן אויפן בעטל ווי איינגעשרומפּן. ס׳האָט אויסגעוויזן, אַז ער זעט קיינעם נישט און הערט נישט וואָס עס טוט זיך אַרום אים, נאָר ווען דער קליוטשניק האָט זיי אַריינדערלאַנגט עסן, האָט יענער זיך גלייך צוגעכאַפּט צו דער שיסל געקעכטס, אָבער בערע האָט זיינע צוריקגעוויזן און בלויז אַ פּיר געטאָן מיט די גרויע אויגן צום קליוטשניק: — איגנאַץ, מ׳עט מיר נישט ברענגען פון דער היים?

— כ׳וויים נישט, כ׳האָב מורא אַז — האָט איגנאַץ זיך צוריקגעצויגן אַ ציטערנדיקער און געוואונקען אין דער זייט פון אַרויסגאַנג, ווי געזאָגט: „דאָס מאָל איז אַנדערש, בערע, מ׳היט אין דרויסן״. בערע האָט עס, ווייזט אויס, פאַרשטאַנען און פון זיך אַזוי אַ שפּיי געטאָן זייטיק מיט ביטול: גלופּסטוואָ!

דער קליוטשניק האָט קוים באַוויזן אַוועקצואיילן ווי דער היציל איז אַזש אַרויס פון די כלים מיט אַ געבריל: — „נאָך אַ זשידעק האָט מען מיר דאָ אַריינגעבראַכט״ — איז ער אויפגעשפּרונגען און אַ וואָרף געטאָן די שיסל צו די גראַטעס — יאָ ביילאַנדער! — האָט ער אַ צעווילדעוועטער געשטור־רעמט איבער בערען, וואָס האָט קוים באַוויזן אַרויסצושיקן די געקאָוועטע הענט פאָרויס כדי אים אָפּצוהאַלטן פון אַרויפפאַלן אויף אים. — ביסט אויך אַ זשידיאָנאָק, פּונקט ווי יענער דאָרט, אַ קעשענע גנבל. אַריינגע־שמוגלט דיך אַהער אין קייטן מכלומרשט כדי עפּעס אויסצונאָרן ביים „דיאַדקאָ״. געמיינט אַ מענטש, צום סוף אַ — האָט ער נישט באַוויזן צו ענדיקן, ווייל בערע האָט זיך פּלוצים אַ הייב געטאָן און אים געגעבן אַ שטויס אויף צוריק: — פאַרמאַך דעם פּיסק, דו בולוואַן איינער!

יענער אָבער האָט זיך ערשט אויף אַן אמת צעלאָזן: — כיק וועל איך מאַכן, דיך און יענעם אַ דאָרט און אַלע זשידקעס — האָט ער אין געאייל גענומען אויסטאָן אַ שטיוול.

ר׳ דוד, וואָס האָט דאָס צוגעזען פון זיין „בומער״, האָט געוואָלט נעמען שרייען, אָבער דאָ איז עפּעס געשען וואָס האָט אים ממש אָפּגענומען דאָס לשון: „מ׳טאָר דאָך נישט פאַרגלייכן — פּלעגט ר׳ דוד איבערחזרן דאָס זעלבע יעדעס מאָל ווען ס׳איז אים אויסגעקומען צו דערציילן די מעשה — אַנטקעגן דעם גלית האָט בערע מיט אַמאָל אויסגעזען אין מיינע אויגן ווי אַ געבונדענער דוד. כ׳האָב אַזש אָנגעהויבן טאַמלען ווען כ׳האָב דערזען וואָס עס טוט זיך און דערהערט צוויי קולות קומען אַרויס פון זעלבן מויל מיט אַמאָל, איינס אַ בחיפּזונדיקס ווי די בערע אַבאַס זיינען געוואוינט ווען זיי כעסן: „ר׳ דוד, קיקט און שוויגט!״ און איינס אַ צערייצטס מיט אַ גרילץ: „„דו וועסט עס באַליידיקן אונדזער ראַבין, דו ראַצער איינער! מיטן פּנים אין דער ערד, אונטערצינדער דו! ווייסט כאַטש צו וועמען דו רעדסט״ — האָט זיך דער לאַנגער בערע אויסגעגלייכט און גענומען שטאַלפּערן צום היציל. ער איז עפּעס גאַר העכער געוואָרן און איין שטיק געשריי. פונעם אָפּענעם מויל און די אויפגעשטעלטע געקאָוועטע הענט, געביילט אין פויסטן, האָט עס געדעוועט מיט אַזאַ רציחה און גזלנישער גדלות — יאַ בערע אַבאַ, דאָס היטל אַראָפּ, סוואָלאָטש! אַ ביליאַנדער ביסטו, אַ הונטס־צוואָט ביסטו, נישט דער דיאַדקאַ! מיטן פּנים אין דער ערד, ווייבערניק איינער! יאַ דיאַדיאַ! — האָט ער אַלץ געזאָטן מיט אַזאַ גדלות ווי ער וואָלט דעם גרעסטן יחוס אויסגעגעבן — עך בין בערע אבע! — האָט ער פאַרענדיקט אין יידיש און גענומען שטאַלפּערן הינטערווײלעכטס און אַ שפּיי געטאָן צום ריז, וואָס איז עפּעס ווי פאַרגלישעט געוואָרן פון זיין רציחה, און ווי נאָר ער האָט דערהערט אַרויסרעדן דעם גרויסן יחוס, האָט עס גענומען וואַרפן מיט אים, אַז מ׳האָט געקענט הערן ווי די ציין קלינגען אים פאַר פּחד.

— ליאַ באַגאַ, ליאַ באַגאַ! — האָט ער געבעטשעט ווי אַ געשלאָגענער הונט און אויף אַלע פיר זיך גענומען ראַטשקען צו בערע אַבען און ממש געקושט אים די טריט — אַזאַן אומגליק, דיאַדיאַ, אַזאַן אומגליק!

— ווייזט אויס, אַ גרויסער מענטש געווען ביי זיי, דער בערע אבע — האָט ר׳ דוד אַלעמאָל פאַרענדיקט ניט גאָר אָן דרך ארץ.

— ני, זיי שטאַמען דאָך פון אַ גרויס אָרט — פּלעגט זיך זיינוועלע נישט קענען איינהאַלטן פון אַ חוזק טאָן.

לאָז געמאַך, זיינוול, — האָט אים ר׳ דוד אָפּגעשטעלט מיט אמתן פּאַריבל, — מיש זיך נישט מיט ליצנות דאָרט וואו ס׳איז אַ סכנה. מ׳קען נישט וויסן וואו אַ ייד אַ שבוי, איז מקדש השם און אין וואָס דער נסיון זיינער באַשטייט. פאַרשטייסט, וועלכע זכויותן ער קען דאַרפן וויסן מיר נישט, און פאַרטשעפּען זיך מיט זיי קען אַמאָל זיין אין דער בחינה פון „גזילת כבשת־הרש״. בפרט, זיינוול, אַז ס׳איז נאָך דאָ משפּחה. צו וואָס זשע דאַרפסטו עס? לאָז ער אָפּקומען דאָס זייניקע און שוין.

— אויב אַזוי, דוד, — גיט זיך דער לץ מכלומרשט אונטער און ס׳איז פּאָרט נישט קלאָר צי ער מיינט עס טאַקע, — וועל איך טאַקע מיערצעשעם אַרויסנעמען אַ תשובה אויף דעם. ווער קען דען טאַקע וויסן פאַר וועמעס מעשים טובים ער קומט עס אָפּ.

ה

ביסלעכווייז, האָט מען אין שטעטל זיך אויפגעהערט צו שושקען וועגן בערען און אַפילו אויפגעהערט נאָכצוקוקן דודיען אויף וועמען די עלטער האָט זיך פּלוצים אָנגערוקט מיט אַמאָל; דאָס רויטע בערדל איז געוואָרן אַש־גראָ; די ברייטלעכע פּלייצעס — עפּעס ווי איינגעשרומפּן און געבויגן. ער האָט געזומען רעדן געלאַסענער און געהיטענער. אויך דער גאַנג איז געוואָרן אַ געמאָסטענער, און זעלטן ווען ער האָט דערמאָנט דעם זונס נאָמען.

פון זיין הויף איז מען נאָך אַלץ יעדן זונטיק פאַרטאָג אַרויסגעפאָרן מיט פערד און וואָגנס און רייטנדיק מיט רעש און גאַלאָפּ; די בליצלאָמפּן האָבן נאָך אַלץ אין די אָוונטן אַרויסגעשיינט פון די ברייטע פענצטער איבער די הויכע פּאָטשענעס. פרעמדע פּריצים און היימישע פּאָליציאַנטן זיינען פון דאָרט גאַנץ אָפט אַרויסגעקומען בגילופינדיק מיט פאַרפלאָמטע פּנימער. ס׳איז אָבער פּאָרט שוין נישט געווען דאָס וואָס פריער. שוין דודיעס איינגעהאַלטנקייט אַליין צווישן מענטשן, האָט געוויזן אַז דער גאַנצער ענין גייט אים עפּעס ווי נישט אָן. אַפילו אין „שטיבל״ איז ער זיך געזעסן אין אַ ווינקל. מיט קיינעם קיין מחזקות נישט געהאַט און גלייך נאָכן דאַוונען אַהיימגעגאַנגען נישט וואַרטנדיק אַפילו אויפן איינציקן איידעם זיינעם, דעם לערנער, וואָס האָט זיך געריבן צווישן די אײדעלע יונגעלייטלעך. מ׳האָט געקענט זען, אַז ער שעפּט נחת פונעם איידעם, אָבער דאָך זיך געהאַלטן אַביסל פון ווייטנס.

ווי אַזוי עס קומט צו דודיען אַזאַ אײדעם, איז אַ גאַנצע מעשה מיט אַ תקיעת־כף נאָך ווען די קינדער זיינען געווען קליין, און געמאַכט געוואָרן בשעת אַ פריילעכע הוליאַנקע נאָך אַ שווער מחלוקת צווישן די לייזער־אייזיקס און בערע־אבעס. עס האָט גענומען לאַנג ביז די משפחות האָבן נאָכדעם מסכים געווען אויפן שידוך; אָבער אַפילו נאָך דער חתונה, האָט עס נישט אויסגעזען אַז די צדדים פילן זיך צו געהויבן איינס מיטן אַנדערן. יאַנטשע איז געווען אַ מאָדנער יינגלוויז און גאָר אַנדערש פון ביידע משפחות אויך נאָך דער חתונה. ווי נאָר ער איז אַראָפּ פון „קעסט", האָט ער זיך דערווייטערט פון די אייגענע. געוואָרן אַ שותף מיט אַ תבואה־סוחר און גאָרנישט געוואָלט האָבן צו טאָן מיטן טאַטנס יאַטקעס און דעם שווערס פערד מסחרים.

פון קינדוויז אָן האָט יאַנטשע לייזער אייזיקס זיך אַרויסגעוויזן צו זיין אַנדערש פון דער משפחה. אים האָט געצויגן צו די שטיבל־יינגלעך און צוזאַמען מיט זיי געלערנט חסידות און געפּראַוועט הילולאָס, און באַהאַל־טענערהייט אויך אַריינגעקוקט אין די „טריפה־פסולס" וואָס איניקע פון זיי האָבן ערגעצוואו דערטאַפּט און געהאַלטן באהאלטן אונטער די גמרות. אין איין צייט האָט ער זיך אַפילו געגרייט אַריבערצושוואַרצן די גרעניץ קיין גאַליציע און דאָרטן צו קומען צו אַ תכלית, נאָר די מלחמה האָט דעם פּלאַן צעשטערט. איז ער געבליבן איינער פון דער חברה חסידישע יונגע־לייט, אַ יודע ספר און אַ היינטוועלטיקער צוזאַמען. לייענט אַ בלאַט צייטונג אָפענערהייט, אָבער טשעפּעט נישט די באָרד. כאַפּט זיך אַפילו אַמאָל אַריין אין „גאָרן־שטיבל" אין דער קאָמעניצע אַריינצוקוקן אין זייערע געשיכטע ביכלעך דאָרט. דער עיקר אָבער רייבט ער זיך צווישן חסידים. די משפחה חוזקט אַפילו פון אים אַז ער שניידט זיך אויף אַ חסיד און קען זיך אַלץ נישט אויסשניידן, פון דעסטוועגן איז מען שטילערהייט צופרידן מיט זיינע דרכים. בפרט זינט דער מעשה מיט בערע אַבעס פאַרשווינדן, איז ער ביסלעכוויז געוואָרן דאָס שיינדל אין דער משפחה.

אויף אים קוקנדיק, האָט דודיע שוין אויך געוואָגט צוצושטיין צום „כולל־צעטל", וואָס מ'האָט אין שטיבל צוגעגרייט צו שיקן צום רבין אויף די ימים־נוראים. געווען איז עס אַזוי: ווי נאָר ר' דוד דיין, האָט זיך אין אָנהייב חודש אלול אָוועקגעזעצט נישט ווייט פונעם עמוד מיטן לענגלעכן

בויגן־פּאַפּיר שרייבן דאָס „כולל־צעטל״ אויף וועלכן אַלע חסידים האָבן אַנגעגעבן זייערע נעמען מיט די בקשות און געגעבן „כופר־נפש״, האָט דודיע זיך צוגעזעצט לעבן אים. נישט ארויסברענגענדיק קיין וואָרט, האָט ער דער־לאַנגט זיין „כופר־נפש״ און געקוקט אויפן אײדעם, יענער זאָל זאָגן וואָס צו שרייבן. געוויינטלעך, האָט ר׳ דוד קיינעם נישט געזאָגט וואָס צו שרייבן און וועמען פון דער משפחה מזכיר צו זיין. מיט דודיען אָבער האָט ער זיך אַנדערש נוהג געווען. ער האָט טאַקע געשריבן דאָס וואָס יאַנטשע האָט געהייסן, אָבער די גאַנצע צייט געקוקט אויף דודיען. ווען יענער איז פאַרטיק געוואָרן מיטן מזכיר זיין די משפחה און דודיע האָט פאַרענדיקט אויסלייגן דעם „כופר נפש״ פאַר יעדן באַזונדער אין קופּקעלעך, האָט ר׳ דוד געלאָזן אָפּגעווישט די גענדזענע פעדער אינעם שטיקל קלעק־פּאַפּיר, זיך אַ ווײַלע געפּאָרעט מיט די קופּקעלעך זילבערנע מטבעות, ווי ער וואָלט זיי געציילט און דורך זיי דערזען, אַז עפּעס פעלט. — „הערסטאָך, דודיע, אין אונדזער חסידות, האַלט מען זיך נישט פאַר קיין שופטים פונעם רבונו של עולמס ברואים, און — האָט ער ווי געציילט די ווערטער — פאַרשטעלן חלילה וועמען עס איז דעם וועג צום רבין זאָל לעבן, איז אוודאי נישט אונדזער דרך. אַ טאַטע טאָר עס אוודאי נישט, בפרט נאָך ווען עס גייט וועגן אַ שבוי. עס שטייט דאָך בפירוש: „אין חבוש מתיר עצמו״... ווייסט דאָך, וואָס עס מיינט, האַ?״

— איך מיינט מזכיר צו זיין אויך — — —, האָט יאַנטשע אַן אויפגערודערטער געוואָלט אָפּשטעלן ר׳ דודן נאָך אײדער ער האָט באַוויזן אַנצורופן אים ביים נאָמען. ר׳ דוד האָט אָבער מיט אַ מאַך מיט דער האַנט אים איינגאַנצן מבטל געווען — ווייסעך דאָרט וואָס דו ווילסט, יאַנטשע, וועסט נאָך מער ווי איין זאַק באָרשטש דאַרפן אויסזופן ביז וועסט זיין אַ חסיד. אין די זאַכן מישט מען זיך נישט. ביסט דאָך אַ יודע ספר, ווייסטו דאָך אַז ס׳שטייט: „ופוקד כל היצורים״ — האָט ער דעם אײדעם אָפּגעמאַסטן מיט זיין קאָסאַקן ביטול־קוק און באַדויערן, ווי זיין שטייגער איז ווען עמ׳ץ פאַרמעסט זיך מיט אים אין חסידות, — הערסטאָך, דודיע, קיין כופר־נפש דאַרפסטו נישט געבן פאַר אים. דעם טעם דערפון קען איך דיר איצט נישט זאָגן, אָבער מזכיר זיין דאַרפסטו אים אַליין מיט דיין אייגן

מויל. כרחם אב על בנים, שטייט. נו, דודיע, זאָג! — האָט ער צוריק־גענומען די פעדער און זי פאַרזיכטיק אַריינגעשטעקט אין טינטער.

— כ׳ווייס דאָך אָבער נישט אַפילו צי ער — — —, האָט דודיע שטאַמלענדיק אָפּגעהאַקט אינמיטן.

— דיין זאַך איז מזכיר צו זיין.

— אויב אַזוי, שרייבט זשע: בערע אבא בן מאַכליע לאה שתחיה.

— לפדיון הגוף והנפש — האָט ר׳ דוד פאַר אים פאַרענדיקט.

— אַן אוראייניקל פון ר׳ אבא לייזער ע״ה מקדושי שנת ת״ח ות״ט, — האָט דודיע מיט אַמאָל אַרויסגעפּלאַצט, — עך בעיט ענק אַזוי אַ שראַבן. עך ווייסט דאָך וואָס ער איז געווען פאַר אַ קינד, ר׳ דוד, — האָט זיך דודיע מיט אַמאָל אינגאַנצן אויסגעגעבן.

— יענעמס זכות זאָל אים טאָקע ביישטיין, — האָט ר׳ דוד מיט אַ צופרידענעם שמייכל צוגעוואונטשן און מיט הרחבה צוגעגעבן, — היינט וועסטו געבן „תיקון״, דודיע! — האָט ער צונויפגעלייגט דאָס כולל־צעטל פאַר אַ סימן צו אַנדערע, אַז היינט וועט מען מער נישט מזכיר זיין. — לאָז מען דאַווענען מעריב!

פון דאַן אָן האָט ער דעם זון מזכיר געווען יעדן יאָר. אין שטאָט זיינען אַרומגעגאַנגען אַלערליי שמועות וועגן בערע אבען. קיינער האָט אָבער נישט געוואוסט קיין זאַך אויף קלאָר. בלויז קוקנדיק אויף דודיען, האָט מען געקענט זען אַז אויך ער האָט זיך שוין מייאש געווען פון אים. ער האָט זיך אַלץ ווינציקער אָפּגעגעבן מיט די געשעפטן און אינמיטן העלן טאָג זיך גאָר אַריינגעשטעלט אין שטיבל אַריין, וואו דער איידעם האָט געוויינטלעך אַריינגעכאַפּט אַ בלאַט גמרא, ווען ער האָט זיך נאָר געקענט אָפּרייסן פון געשעפט. אַנגעשפּאַרט אויפן שטעקן מיט דער מעשענער גאַלקע, איז ער געזעסן און געקוקט פאַר זיך אַ היפשע ווײַלע און פּונקט אַזוי שווייגנדיק זיך פלוצים אַ הויב געטאָן און אַרויס. מ׳האָט געזען אַז „דער אַלטער״, ווי מ׳האָט אים פון זיך אַליין אָנגעהויבן רופן, קען זיך קיין אָרט נישט געפינען. עפּעס עסט אים וואָס לאָזט אים נישט רוען. און דאָך האָט ער דעם זונס נאָמען דערמאָנט בלויז ביים שרייבן דאָס „כולל־צעטל״.

אַן אַנדערש מאָל, אַז ס׳האָט אים אַ כאַפּ געטאָן דער אומרו, האָט ער זיך פלוצים אַריינגעשטעלט צו בענטשע שניידער אין דער מייסטערסקייע, וואָס

איז פונקט אַנטקעגנאיבער זיין פּאַטשענע. אויך דאָ זיצט ער מערסטנס אַ שווייגנדיקער אַנגעשפּאַרט אויפן שטעקן נישט אַראָפּנעמענדיק קיין אויג פון בענטשען, ווי ער וואָלט געוואָלט פון די קנייטשן פון זיין פּנים אַרויס־לייענען וואָס עס הערט זיך מיטן עלטסטן זון זיינעם, וועלכער „זיצט" אויך ערגיץ אין דער גרויסער שטאָט, כאָטש גאָר פאַר אַנדערע חטאים.

וו

פריערדיקע יאָרן פלעגט ער קיינמאָל נישט אַריינשמעקן צום יינגסטן שוואָגער זיינעם, וואָס האָט אויף צו להכעיס דער גאַנצער משפחה זיך גאָר אויסגעלערנט שניידעריי און שפּעטער אויך די קינדער זיינע אָוועקגעשיקט אין דער גרויסער שטאָט צו לערנען זיך די מלאכה מיט אַלע נייע מאָדעס. אַ דאַמסקע שניידער איז ער, בענטשע, און נעמט אַליין די מאָס און פּאַסט אַליין צו און מוז מיט די אייגענע פינגער גוט אַרומגלעטן און אַרומטאַפּן ציי ס׳ליגט גוט געפּאַסט פונקט ווי ער וויל. נו, וועט אַ לייטיש ווייבל צי אַ מיידל זיך גיין נייען ביי אים? „אַז די הענט זאָלן אים נאָר דאַרן", האָט מען אין אַלע לייטישע הייזער אָפן געשאָלטן, און באַהאַלטענערהייט זיך געבעטן ביי אים צו מאַכן אַ מלבוש. „עס טאָקט דאָך ביי אים". פאַר לייטן האָט עס נאַטירלעך געהייסן, אַז ס׳איז געמאַכט אין זאַמאַשטש ביים וואַרשעווער דאָרט... „וואָס דען, דאָ קען מען זיך עפּעס רעכטס דערלעבן? אוודאי, ווען בענטשע וואָלט זיין אַ לייט. פינגערלעך דאָס האָט דיר" — האָבן יונגע ווייבלעך זיך געגרויטלט און גבאיטעס געשאָלטן. דעריבער האָט אַפילו די משפחה זיך געהאַלטן פון דער ווייטנס פון אים און זיין הויז.

ווען די קינדער זיינען צוריקגעקומען פון דער גרויסער שטאָט גאַנצע קענערס אין דער מלאכה, איז דאָרט גאָר געוואָרן אַ לעבן, נישט פאַר קיין שום יידיש הויז געדאַכט. אָן די היטלען און אָן רעקלעך איז מען דאָרט געזעסן און געשניידערט הויך אויפן קול מיט געלעכטער און געזאַנג פון פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט. איצט האָט מען שוין דאָרט גענייט אויך מענערישע קליידער. דער עיקר האָט זיך דאָרט געטאָן אין די שבת־צו־נאַכטסן, ווען דאָס גאַנצע שניידערישע יונגוואַרג פון שטעטל איז זיך דאָרט צונויפגעקומען הוליען און הערן צום וויפלטן מאָל שוין וואָס בענטשעס

זינדלעך דערציילן פון דער גרויסער שטאָט. גאַנצע פּעסער ביר מיט צובייסעכץ האָט מען אַהין איבערגעטראָגן פון דער נאָענטער שענק.

די גרעבליע גאַס מיט גאַנצע שטיקער „רינג" האָבן געזאָטן פון כעס פאַר וואָס מ'לאָזט זיי נישט שלאָפן, אָבער מורא געהאַט צו רעדן אַ הויך וואָרט. בענטשעס זינדלעך דאַרף מען די צינגלעך נישט פּיקן, און דער עיקר ביסטו קיינמאָל נישט זיכער צי די „חברה זיצערס", כאָטש זיי זיינען פון אויבן אויף ברוגז מיט זיי, וועלן זיך נישט אין דער לעצטער מינוט אַ כאַפּ טאָן ברעכן אַ ביין דעם יעניקן וואָס וועט זיך אָנהייבן מיט זיי. האָט מען איבערגעליטן דעם שבת צו נאַכטס און אַ גאַנצע וואָך געוויינט פון זייער פּאַטשענע. „זאָלן זיי קומען אויף אַנדערע הענט".

אַ באַלעבאַטיש יינגל, האָט אויך צען מאָל איבערגעטראַכט איידער ר'איז אַריינגעגאַנגען אַהין זיך נעמען אַ מאָס אויף אַ מלבוש; און אַז מ'האָט זיך שוין געמוזט באַגעגענען מיטן עלטערן „הענעכל די קרומע זאַך" אויפן שפּאַציר הינטערן ווייסן קלויסטער, האָט מען מער ווי אַ צי טאָן דאָס היטל פאַר אַ באַגריסונג נישט באַוויליקט אויף זיין ברייטן, לוסטיקן גוטן אָונט. „די קרומע זאַך" האָט זיך אָבער ווי נישט ווייסנדיק געמאַכט און דווקא געזוכט צו פאַרקניפּן אַ שמועס. ער האָט עס געמאַכט זייער קונציק. איידער יענער האָט נאָך באַוויזן צו מאַכן אַ טראָט, האָט ער אַ האַקע געטאָן מיטן קרומען פיסל וואָס איז געווען איינגעפּאַסט אין אַן אייזערנעם שוך, און ממש ווי אַ תלמיד פאַר אַ לערער זיך אַ בעט געטאָן: „כ'האָב ענק שוין אויסגעקוקט צו טרעפן. כ'דאַרף אינען עפּעס פרעגן: וואָס איז די טייטש פון וואָרט „דיקסי" אין „באַנטשע שווייג"? אין וואַרשע האָב איך געקענט אין „קלוב" פרעגן, אָבער דאָ גיט מען זיך דאָך נישט אָפּ מיט אונדז" — האָט ער דערוויל אָנגעוואונקען אַז אין „התקווה פאַרייך" פילן זיך די זייניקע נישט צו היימיש.

ער האָט אַלעמאָל געהאַט וואָס צו פרעגן. צום ערשטן האָט מען געמיינט, אַז ער וויל זיך בלויז אַרויסווייזן פאַר אַן אינטעליגענט. ער האָט אָבער אַזוי געפירט דעם שמועס, אַז ס'איז אויסגעקומען אַז ער וויל טאַקע וויסן. קען מען דאָך נישט לאָזן אים און אַנטלויפן — ענטפערט מען, און איין ענטפער ברענגט גלייך אַן אַנדער פראַגע. דערביי ווייזט זיך אַרויס, אַז נישט נאָר פּרצן האָט ער געלייענט, נאָר כמעט אַלע יידישע שרייבער. פון רייזענען

קען ער גאַנצע שטיקער אויף אויסנווייניק. ביסלעכווייז האָט הענעכל זיך געגומען רעכענען צווישן די באַלעזענע. עס זעט אויס אַז ער איז באַקאַנט אויך מיט אַן אַנדער סאָרט שרייבער, וועגן וועלכע ער האָט אין אָנהויב גאָרנישט דערמאָנט. פּלוצים האָט ער גאָר אַ פרעג געטאָן צי מ׳האָט געלייענט קאָוטסקין, און שוין נישט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער, האָט ער שוין געגעבן אָנצוהערן אַז ענלעכע אַזעלכע ביכער וואָס רעדן וועגן דער געזעל־שאַפט און איר צוקונפט, קען מען דורך אים קריגן. אַ פריינד לייט אים די ביכער. אין די גרויסע שטעט האָבן זיי אַזעלכע קלובן וואו מ׳שטודירט די ביכער, האָט ער עפּעס ווי אָנגעוואונקען אַ סוד. זעלטן אָבער, אַז עמיץ זאָל וועלן ווערן צו נאָענט מיט הענעכלען און זיך וויזן מיט אים אין „רינג". נאָך אַלעמען, האָט ער אַפילו אינמיטן אַן ערנסטן שמועס געקענט פּלוצים אַרויספּאָרן מיט אַ פעפערדיקן וויץ אויפן חשבון פון אַ פּאָרל וואָס איז נאָר וואָס דורכגעגאַנגען, אָדער סתם אַזוי וואוילויונגעריש זיך פאַרטשעפּען מיט עמיצן און אָוועקהיינקען מיט אַ פול מויל געלעכטער און פאַרשייטקייט. אַ „קרומע זאַך בלייבט אַ קרומע זאַך" — האָט מען אים נישט גענומען ערנסט און נישט געוואָלט האָבן מיט אים קיין מחזקות. פונעם יינגערן „לייזער דאַמע", האָט מען זיך גאָר אויסגעהיטן. ווי נאָר אַ פרוי האָט זיך באַוויזן אויף זייער שוועל, איז ער שוין רואיק נישט איינגעזעסן אויפן בענקל: „וואָס ווערט די דאַמע זאָגן עפּעס גוטס?" — איז ער מיט דער גאַנצער הויך און שטאַלטנעקייט פון אַ לייזער אייזיק אָקעגנגעלאָפן. „ווי אַ קאַץ ווען זי דערזעט סמעטענע", האָט מען אָפּגעפּסקנט וועגן אים און אים געהאַלטן פון דער ווייטנס ווי ווייט מעגלעך. ער האָט זיך אָבער גאַנץ ווייניק גענומען צום האַרצן פון דעם. „די אמתע דאַמעטשקעס, — האָט ער הויך געלאַכט, אַז דער גאַנצער שפּאַציר־עולם זאָל הערן, — זיינען גאָר מיט מיר דאָ א״, — האָט ער זיך נישט געשעמט אַרומצונעמען וועמען פון די שניידער מיידלעך וועלכע האָבן אים אַלעמאָל אַרומגערינגלט ווי נאָר ר׳האָט זיך באַוויזן הינטערן ווייסן קלויסטער.

— „ווען נישט זייערע גאָלדענע פינגער, וואָלט דען אַ לייטיש מענטש אַריינגעשמעקט צו די לייט" — האָט מען זיך אין באַלעבאַטישע הייזער פאַר־ענטפערט פאַרן אַריינגיין אַהין באַשטעלן אַן אויסשטייער. ס׳האָט טאַקע זעלטן געטראָפן אַז אַ באַלעבאַטיש קינד זאָל וואָגן אַריינצוגיין צו בענטשען אין

מייסטערסקייט אַן אַ שמירה פון דער מאַמען אָדער אַ מומע, וואָס קען זיך אויף די הייַנטיקע מאָדעס. „זיי עסן דאָך אויף מיט די אויגן", „אַזוי דער אַלטער און אַזוי די יונגאַטשעס".

און אַז ווער פון יונגוואַרג האָט זיך פאַרט נישט געקענט איינהאַלטן און אַריינגעכאַפּט זיך אַהין אין אַ שבת צו נאַכטס, איז שוין געווען רעכט, אַז דער טאַטע אָדער די מאַמע זאָל נאָכן גוט אָנבייזערן זיך אַ מאַך טאָן זייטיק ווי אַ קאָנצעסיע: „אַז דו מוזסט זיך שוין יאָ אַרומשלייען ווייס עך דאָרט ווי, ניכיי וואָלסטי זעך שוין פשיקאָמפּאַניעט מיט דער חברה אין „גאָרן־שטיבל", נישט מיט די הולטייעס, ימח שמם. דאָרט, זאָגט מען דאָך, קיקט מען כאָטש אַריין אין אַ יידיש וואָרט, נישט סתם הולטייעווען."

ס'איז נאַטירלעך אַ לאַנגע צייט קיינעם נישט איינגעפאַלן, אַז די אַלע הוליאַנקעס זיינען אין דער אמתן געווען נאָר אַ פאַרבלענדעניש. זאָל שטאָט און דער קאָמענדאַנט מיינען, אַז זיי האָבן בלויז אינזינען דאָס פלעשל און אויסגעלאַסענע גראָבע רייד.

ווען מען האָט טאָקע געקענט קומען אויפן זינען, אַז אַ חוץ די שבת־צו־נאַכטסן מיט די הוליאַנקעס, זיינען דאָרט געווען אויך שטילע אָוונטן וואָס האָבן טיף צערודערט די קליינע גרופּע יינגלעך און מיידלעך פון די הינטערגעסלעך וועלכע זיינען געזעסן אין אַלקער, און מיט גרויס אָפּשיי זיך איינגעהערט צו הענעכלס לייענען און אויסטייטשן די שווערע זאַצן פון די דינע ביכלעך אַן טעוועלעך. שוין די נעמען אַליין פון די ביכלעך זיינען געווען מאָדנע און אויסטערליש, בפרט נאָך אַז הענעכל האָט פאַרזאָגט קיינעם נישט איבערגעבן וואָס מ'טוט דאָ אין מיטן דער וואָך און פון וואָס מ'לייענט. האָט מען טיף אין זיך געהאַלטן די מאָדנע נעמען מיט די אויסטערלישע ווערטער: „אין הונדערט יאָר אַרום"; „אויף מאָרגן נאָך דער סאָציאַלער רעוואָלוציע". ביים פינעפער לעמפּל וואָס האָט קוים באַלויכטן דאָס ענגע צימערל, האָבן זיך איבערגעוואָרפן נייע נעמען און שאַרפע רייד, וואָס כאָטש זיי קומען פון אַזוי ווייט און זיינען געזאָגט געוואָרן צו ווען מען אַנדערש, באַנעמט יעדער פון זיי דאָ, אַז דאָס רעדט מען צו אים און ער אַליין מוז געפינען דעם ריכטיקן ענטפער אויף דעם. די ווייטע וועלט איז שוין אָנגעקומען אויך אַהער. ווער ס'איז נישט בלינד און טעמפּ צו די צייכנס פון דער צייט, זעט עס קלאָר און שאַרף: „אָט האָט דאָך ענגעלס דערקלערט,

פלעכאַנאָוו האָט באַשטעטיקט, קאָוטסקי האָט פעסטגעשטעלט; בערנשטיין אַפילו האַלט אויך אַזוי; און בעלאַמי זעט פאָרויס, און לענין איז זיכער" — איר זעט וואָס דאָ טוט זיך — שלעפּט הענעכל נאָך דעם קרומען פוס, נישט קענענדיק מער איינזיצן אויף אַן אָרט אַנוויזנדיק שוואַרץ אויף ווייס: — „דער פּראָלעטאַריאַט איז דער איינציקער קלאַס וועמעס אינטערעסן פאַלן צונויף מיט — — —"

מ׳האָט פאַרגעסן אַז ס׳איז שפּעט, אַז מאָרגן איז אַ שווערער אַרבעטס־טאָג. נישט אין אַ שאָטנדיקן אַלקערל זיינען זיי געזעסן, נאָר אין דער ווייטער גרויסער וועלט וואו מענטשן נעמען דאָס אייגענע לעבן אין די הענט אַריין און גרייטן צו דאָס נייע וואָס מוז קומען. זיי זיינען געווען מיט דער היילינער באַבושקאַן אין דער פּעטערפּאַוולסקער פעסטונג און נאָכ־געלאָפן גערשונין אין די סיבירער סטעפּעס, און זיך אויך מיטגעטראָגן מיט טראַצקין און די רויטע מחנות אויף יענער זייט גרעניץ, וועלכע האָבן שוין אָנגעהויבן פאַרווירקלעכן די באַפרייאונג פון די מאַסן. אָט, אָט, וועט עס אָנקומען אויך אַהער און צו דעם גרייטן זיי זיך איצט, — האָט אַ מאָדנער ציטער געפיבערט אין יעדן פון זיי.

אָפט האָט אַ שטיקל האַרבע עברי זיך אַ שטעל געטאָן פאַר זיי ווי אַ בלינדע וואַנט, אָדער ווער עס איז האָט אויפגעצאַפּלט מיט שרעק: „מיינט דאָך עס, אַז אַלץ דאָ וועט מוזן פריער חרוב ונחרב ווערן"... הענעכל האָט דאַן דער ערשטער גענומען אויפּווייזן דעם ריכטיקן מיין, שאַרנדיק זיך איבערן אַלקערל מיט אימפּעט אויפכאַפּנדיק דאָ דעמס, דאָ יענעמס צערודערטן בליק: „וואָס מיינט איר, אַ קרומע זאַך קען מען אויסגלייכען נישט צעברע־כנדיק עס פריער?"

ווען ס׳איז אים אָבער אַליין נישט געווען גענוג קלאָר, האָט ער אומ־באַהאָלפן געבלעטערט דאָס ביכל און לסוף אַרויסגעפּלאַצט: „אַזאַ העק, דער רוח זאָל עס נעמען, נישטאָ אַפילו וועמען עפּעס צו פרעגן", און גלייך ביי זיך באַשטימט מיט וועמען פון „התקווה פאַריין" צו פאַרפירן אַ שמועס וועגן דעם. מ׳טאָר זיך אַפילו נישט פאַרלאָזן צופיל אויף זיי. זיי האָבן נאָר אין זינען זיך אַליין. „אַלץ, הייסט ביי זיי, דאַרף דינען דער יידישער זאַך". זיי ווייסן נישט די טאַטע־מאַמעס קינדער, אַז ס׳קען נישט זיין קיין יידישער משיח אַליין, און אַז מ׳שניידט צו, פאַלן אַראָפּ שטיקלעך. אין די

קליינע אותיותלעך קענען זיי אָבער, און ס׳לוינט זיך אַלעמאָל צו פֿאַרפירן אַ שמועס מיט זיי. דאָס בעסטע וואָלט געווען צו וואַרטן אויף דבורהלע דעם דיינס ווען זי וועט קומען פֿון סעמינאַר וואו זי לערנט.

פּונקט ווי דער דיין מיט דער דיינטע אויף זייער אופן, האָבן אויך זייערע קינדער זיך נישט דערוויטערט פֿון די הינטערגעסלעך. כאָטש זיי זיינען גאַנצע קענערס געוואָרן אין די גרויסע שטעט וואו זיי לערנען אַלע, איז ווען זיי קומען אַהיים אויף אַ יום־טוב, זוכן זיי דווקא אויס זייערע געוועזענע חברים און חברטעס פֿון קינדערווייז פֿון בעל־מלאכהשן צעך. מיטן דיינס קינדער קען מען שמועסן און עפּעס לערנען פֿון זיי נישט האָבנדיק דאָס געפֿיל אַז מ׳טוט דיר אַ טובה. אוודאי ווייסן זיי, אַז דער „רינג" און אַלע חסידים שטיבלעך דערגייען געגנוג דעם דיין די יאָרן פֿאַר וואָס זיינע קינדער זיינען אַלע אַוועק אין די סעמינאַרן און נישט אין קיין ישיבות, און ווען זיי קומען אַהיים אויף אַ פּאָר וואָכן, זיצן זיי אָפּ גאַנצע טעג אין „פּאַריין" און שפּאַצירן אין די נעכט פראַנק און פריי מיט די נחות־דרגא. זיי הערן עס אָבער נישט און טוען זיך דאָס זייעריקע.

אמת, מיט משהלע דעם דיינס איז נישט אַזוי לייכט אויסצוקומען. זיין שאַרפער קאָפּ קען נישט פֿאַרטראָגן די אַלע קלאָץ־קשיות וואָס העגעכל צי זיינס גלייכן פרעגט אַלץ. „נאַרישקייטן" — קען ער מיט אַן אומגעדולדיקן מאַך מיט דער האַנט אים מבטל זיין און פּטור. דערפֿאַר אָבער איז מיט דבורהלען אַ מחיה צו רעדן. פּונקט ווי דער טאַטע אירער, גיט זי צו פֿאַרשטיין פֿאַמעלעך און געלאַסן. זי לייגט עס דיר אַריין אין מויל אַריין ווי ס׳וואָלט געווען דיין אייגנס. ס׳ליגט אים נאָך אין טעם איר דערקלערן אים דאָס משל מיטן טשייניק, וואָס ר׳האָט געטראָפֿן אין אַן אָרט וואו עס רעדט זיך וועגן „דער סאָציאַלער יערונג". וויפֿל זיי האָבן זיך נישט געמוטשעט האָבן זיי נישט פֿאַרשטאַנען ווי עס קומט אַ טשייניק צו אַזאַ ערנסטן עניין. ערשט ווען דבורהלע האָט עס געגעבן צו פֿאַרשטיין, איז אים ליכטיק געוואָרן אין קאָפּ און ער האָט עס גלייך געקענט איבערגעבן צו די אַנדערע: „די געזעלשאַפֿט איז דער גרויסער טשייניק אין וועלכן מיר אַלע זיינען אַריינגעפּאַקט. קומען די אומשטענדן און נעמען הייצן דעם טשייניק, ווערט פֿון אונדז אַ פּאַרע און וועלנדיק זיך אַרויסרייסן, שפּאַרן מיר אויפֿן דעקל פֿון אויבן... איצט פֿאַרשטייט עץ שוין? אַז מיר זיינען די פּאַרע, קענען

מיר דאָך אויפרייסן דעם גאַנצן טשייניק אויך... און דאָס איז אויך דער חילוק צווישן עוואָלוציע און רעוואָלוציע. דאָס איז אויך אַן אָנוואונק וועגן דער ראָלע פונעם יחיד אין דער געזעלשאַפט" — איז ער זיך אַזש פאַר־גאַנגען אין התפעלות, און נישט ווילנדיק זיך אַ שפּיל געטאָן מיט די קאָרטן וואָס ליגן אַלעמאָל אויפן טישל, כדי ווי אַ זאַך מאַכט זיך, טאָמער כאַפּט זיך אַריין אַ נישט געבעטענער גאַסט, זאָל עס הייסן אַז מ׳זיצט דאָ און מ׳איז עוסק אין דער שפּיל, ווי עס פּאַסט פאַר גרעבליע לייט.

די גרעבליע גאַס האָט נאַטירלעך פון דעם נישט געוואוסט. אַ חוץ די עטלעכע יינגלעך און מיידלעך וואָס הענעכל האָט זייער פאַרזיכטיק אַריינ־געצויגן, האָבן אַפילו די וואָס זיינען אַהין געקומען יעדן שבת צו נאַכטס נישט געוואוסט פון דעם. אויך בענטשע, וועלכער זיצט דעם גאַנצן אָונט אין דער גרויסער שטוב און פאַרעט זיך מיט אַ מלבוש, האָט געווען נישט געוואוסט מיט וואָס די קינדער פאַרנעמען זיך דאָרט. ער האָט נאָר פאַרשטאַנען אַז זיי לערנען דאָרט עפּעס אַזעלכס וואָס איז אין דער לעצטער מאָדע אין די גרויסע שטעט, און אַז ס׳איז נישט כדאי מ׳זאָל רעדן וועגן דעם. ער איז שטאַרק צופרידן געווען וואָס זיינע קינדער ווערן נאָך אים איבערגיין מיטן דערוויטערן זיך פון דער משפּחה און אַרויסשטעלן זיך קעגן די „שיינע יידן" פון שטעטל. ער קעןביידע נישט פאַרטראָגן נאָך פון קליינערהייט אָן. עס ליגט אים נאָך אַלץ אין די ביינער דער ביטערער טעם ווען מ׳האָט אים געטרייבערט די אָדערן אין חדר, נאָכדעם ווי דער פעטער בערע איז פּלוצים נעלם געוואָרן ווען די קצבים־יונגען האָבן אָפּגעטאָן די מעשה מיטן שוחט ביים בריקל פאַרן שעכטהויז. נאָך ביז היינט קען ער נישט קוקן ר׳ דוד דיין גלייך אין די אויגן אריין. זיי האָבן דאַן ביידע געלערנט ביי איטשע ברייניס אין חדר.

— וועפּריק, רוק זיך! — האָט קיינער נישט געוואָלט זיצן מיט אים אויף איין באַנק, און זיך אָפּן געשמאָלצן פון נחת ווען ער האָט נישט געקענט נאָכזאָגן דעם פּסוק חומש — רצחן בן רצחנים, טראָג, זיך! — האָבן זיי געריסן פּאַסעס פון אים, ווען ער האָט זיך ווי זיי אַלע געוואָלט שטעלן הינטער דער באַנק וואו דודל איז געשטאַנען און געזאָגט קדיש נאָכן יונג פאַרשניטענעם טאַטן. אין דער היים ביי אים האָט מען נישט געטאָרט דערמאָנען אַ וואָרט וועגן דעם. דער טאַטע האָט געקענט דורסן דערפאַר.

ער איז אַפילו נישט זיכער צי דער טאַטע האָט געוואוסט, אַז די באָבע האָט אין דער שטיל איבערגעטראָגן גאַנצע קאַשיקעס עסן און קליידער צו דער שוחטקע וואָס איז געבליבן ווי אויפן וואַסער.

צום ערשטן, האָט ער זיך געהאַלטן פון דער ווייטן פון דודלען. ווען ער האָט אָבער באַמערקט, אַז דווקא יענער רוקט זיך פון אים נישט אָפּ ווי די אַנדערע, האָט ער זיך אָנגעהויבן דערנענטערן צו אים און אַפילו געוואָגט אים פאַרצולייגן אַ שטיקל פון דעם געבייטלטן ברויט מיט שמאַלץ, מיט וועלכן ער פלעגט זיך באַלעקן נאָכן אַראָפּשלינגען די פּאָר ביסנס: „עץ עסט אַלעמאָל געבייטלטס?" — האָט ער נישט געגלויבט זיינע אייגענע אויגן און געוואָרן אַזוי חבר מיט בענטשען, אַז ר'האָט אים אַפילו געברענגט צו זיי אַהיים אין קעלער שטיבל, וואו זיי האָבן זיך פאַרקליבן נאָך דעם ווי מ'האָט זיי אַרויסגעשטעלט פון דירה.

אין יענע יאָרן איז ביי אים אָנגעוואַקסן די שנאה צו די „שיינע יידן", וואָס לאָזן די שוחטקע מיט קינדער אויסגיין פון הונגער און ממש געשוואָלן ווערן פאַר קעלט אין דעם נאַסן קעלער. ר'האָט די אייגענע אויך מער נישט פאַרטראָגן פאַר וואָס מ'לאָזט אַפילו נישט דערמאָנען וועגן דעם אין הויז. „עך וועל קיינמאָל נישט זיין קיין קאַצעלייניק (קצב)" — האָט ער פאַרזיכערט דודלען. ער האָט אים אַפילו געפּרוּווט נאָכטאָן און געוואָרן אַ מתמיד נישט קוקנדיק וואָס די גאַנצע משפּחה מיטן טאַטן בראש, האָבן געחוזקט פון אים און זיך געבייזערט. ער האָט זיך געמוטשעט פון חדר צו חדר און דערנאָך אין בית־מדרש פאַר זיך, און לסוף געמוזט אַנטלויפן פון דער היים און זיך אָפּגעוואַלגערט אין דער פרעמד עטלעכע יאָר. צוריקגעקומען איז ער אַ שניידער און זיך געהאַלטן פון דער ווייטנס פון דער משפּחה און אויך פון די פריערדיקע חדר חברים, דודלען בתוכם. וואָס מער יענער איז געוואַקסן אין קענען, אַזוי אַז דאָס גאַנצע שטעטל האָט זיך געגרויסט מיט אים, אַלץ מער האָט ער אים אויסגעמיטן. ער האָט בלויז געדענקט יענע יאָרן ווען דודל פלעגט קומען אין חדר אַריין מיט אַ געלאַטעט קאַפּאָטקעלע, אַ פאַרהונגערטער, און די חדר ייִנגלעך, איצט שוין אַליין גאַנצע „שיינע יידן", וואָס האָבן עס אויך באַמערקט האָבן אויסגעלאָזט דעם כעס צו אים: „קאַצע־לייניק, רוק זיך!". עס ליגט אים נאָך די בושה אין האַרצן, ווען ער האָט איינמאָל דערזען דודלען אָנגעטאָן אין זיינס אַן איבערגענייט קאַפּאָטקעלע.

ער האָט עס גלייך דערקענט. „שוין דאַן געהאַט אַ שניידעריש אויג" — שמייכלט ער אין זיך, ווען ער דערמאָנט זיך אין דעם. ער קען די אויגן נישט אויפהייבן אַפילו איצט. ער האָט מער נישט געקענט קוקן דודלען גלייך אין די אויגן אַריין און קען עד היום נישט מוחל זיין די „שיינע יידעלעך" פאַר זייער „תתחדש" וואָס זיי האָבן דודלען אַזוי פריילעך צוגעטראָגן און באַטאַפּט דאָס קאַפּאָטקעלע גלייך ווי זיי וואָלטן נישט געוואוסט. אַז ס'איז איבערגעניצעוועט.

דערנאָך האָבן זיך זייערע וועגן אין גאַנצן צעשיידט. דוד האָט חתונה געהאַט אין אַן אַנדער שטאָט אַריין און אין יאָרן אַרום צוריקגעקומען אָפּנעמען דעם טאַטנס חזקה, וואָס איז געווען אי שוחט אי דיין, און בענטשע איז דערווייל געוואָרן דער בעסטער דאַמסקע שניידער אין שטעטל. אָבער אַליין נישט וויסנדיק האָט ער נאָך אַלץ געוואָלט איבערגיין די לערנערס און שיינע יידן. דערפאַר האָט ער געשיקט די קינדער אין דער גרויסער שטאָט. און זעענדיק ווי זיי זיינען צוריקגעקומען גאַנצע קענערס, האָט אין אים געקוואָלן יעדער אבר: „העגעכל וועט זיי שוין ווייזן". בפרט נאָך אַז ר'האָט זיך דערוואוסט, אַז ר' דודס קינדער שמועסן אַמאָל מיט זיינע, איז ער ביי זיך גאָר געוואָרן געהויבן, און זיך געזען נענטער צו דעם וואָס ער האָט אַמאָל געוואָלט. ווען עמיץ האָט אים געגעבן אָנצוהערן, אַז ס'איז גלייכער אַז זיינע קינדער זאָלן נישט זיין צו נאָענט מיטן דיינס, ווייל יענע, זאָגט מען, זיינען געכאַפּט אין דער מעשה פון די נייע ביכלעך... האָט עס אים אַזוי אויפגעקאָכט, אַז ער האָט יענעם שיר נישט געדורסט: „וואָס מיינסטו דיר, ס'איז דיר די אַמאָליקע צייטן? מ'האָט זיין מאַמען מיט די קינדער געלאָזט אויסגיין פון הונגער? און אַלע שיינע יידן האָבן זיך נישט וויסנדיק געמאַכט. וועפריק רוק זיך!" — האָט ער געזאָטן אויף יענעם מיט אומ־פאַרשטענדלעכע רייד — „רוצח בן רצחנים! און קיינעם האָט נישט געאַרט. איצט עסט עץ די קינדער זיינע. מ'פאַרגינט נישט ס'לעבן. אַז דער רוח וועט ענק נאָך כאַלעיען, ווי ס'האָט אויסגעכאַלעיעט אַלע וואָס האָבן זיין טאַטן געטשעפּעט. עץ עט נאָך אַלע פוילן איבעראַנאַנד, ווי עס פוילט נאָך ביז היינט דער שיינער פיישע נאָמן פאַר אַנברייען אויף זיין טאַטן עליו השלום, אים צו לאַנגע יאָר." — האָט שוין יענער נישט געוואַגט מער צו עפענען דאָס מויל און זיך אָפּגעטראָגן פאַרזאָגנדיק אַ צענטן נישט אָנצוהויבן מיט אים.

ווען בענטשע האָט ס׳ערשטע מאָל געזען דבורהלע דעם דיינס אַריינ־קומען אין דער מייסטערסקייע אָן אַ שומר דווקא, האָט ער זיך כאַפּ געטאָן פון בענקל ווי אָן אָפּגעבריטער. ער האָט ממש נישט געוואוסט וואָס צו טאָן. ס׳איז אים געפאַלן פון די הענט און ר׳האָט אַפילו נישט געזען ווי זיין לייזערל וואַרפט זיך איבער מיט שעלמישע בליקן מיט העגעכלען.

— אַ, אַ גאַסט, אַ גאַסט — האָט ער ענדלעך זיך געפונען און איר אונטערגעטראָגן אַ שטול — וואָס הערט מען עפּעס אויף דער גרויסער וועלט?

דבורהלע איז ווייזט אויס איבערראַשט געוואָרן פונעם וואַרעמען קבלת פּנים און אָנגעהויבן עפּעס שטאַמלען, נישט ענטפערנדיק אויף קיין איינער פון זיינע פראַגעס — כ׳בין דורכגעגאַנגען, האָב איך שוין אין איין וועגס געוואָלט אַ קוק טאָן אויף אַ פאַסאָן.

— אוודאי, וואו דען? (וואָס דען) — האָט בענטשע צוגעשטימט און אָלץ נישט געוואוסט וואָס צו טאָן. ערשט לייזערל האָט זיך אויפגעשטעלט און מיט אַ קניקס אַ בלעטער געטאָן פאַר איר דאָס פאַסאָן־בוך, האָט בענטשע זיך דערכאַפּט און אים אָפּגעשטופּט אָן אַ זייט, — פאַר דבורהלען וועל עך אַליין געפינען דאָס בעסטע וואָס ס׳איז דאָ. זי איז אַ מבין אויף עפּעס רעכטס.

איידער אָבער ער האָט זיך נאָך געקענט נעמען אַ זוך טאָן, איז שוין העגעכל צוגעהונקען צו איר און מיט אַ פראַגע זי פאַרנומען אין אַ שמועס, וואָס האָט שוין אינגאַנצן פאַרשטופּט אָן אַ זייט דעם פאַסאָן.

— מ׳דאַרף ענג ביידן נישט פּיקן די צינגעלעך, — האָט ער מיט אַ ליצנות געפּרואווט אַריינשטעלן אַ וואָרט און געוואוסט אַז ס׳איז אומזיסט די מי. דער גאַנצער פאַסאָן איז, זעט אויס, בלויז אַן אויסרייד אַזאַ. האָט עס אים אי הנאה געטאָן און אי פאַרדראָסן, וואָס ער קען זיך נישט באַווייזן מיט זיין קענטשאַפט, — רעדט, רעדט, קינדערלעך. אין מיינע צייטן האָט מען פון דעם נישט געוואוסט, — האָט ער מער גערעדט צו זיך ווי צו זיי, און זיך צוריק אַוועקגעזעצט אויף זיין אָרט און באַלד אויסגעדרייט זיך מיטן פּנים צום פענצטער, ווי ער וואָלט געוואָלט זען צי די גרעבליע לייט זעען ווי זיין זון שמועסט אַזוי פריי מיטן דיינס טאָכטער.

— ני, עץ האָט שוין באַזאָרגט די גאַנצענע װעלט? — האָט בענטשע אַ חוזק געטאָן פֿונעם זון נאָך איר אַוועקגיין — שוין אײנמאָל אַ פּאַסאָן געווען.

— אַ מאַנסבילישער קאָפּ ביי איר, — האָט הענעכל זיך נישט וויסנדיק געמאַכט פֿונעם טאַטנס ליצנות, — אַ שאָד וואָס זי בלייבט נישט דאָ. מיט איר וואָלטן מיר די גאַנצע יוגנט געקענט האַלטן אין אונדזער קרײַז.

— ס'איז בעסער פֿאַר איר און פֿאַרן טאַטן אירן, אַז זי וועט דאָ נישט זיין. מ'עסט זיי אויף לעבעדיקערהייט. אויף אַ כּלי־קודש איז יעדערער באַלעבאָס.

— מ'דאַרף דאָך אָבער אויך דאָ אַריינברענגען דעם רעוואָלוציאָנערן באַוואוסטזיין, — האָט הענעכל ווי ווייטער פֿאַרגעזעצט דעם שמועס מיט דבורהלען.

— פֿרעג מיך בחרם, וואָס דו פּלאַפּלסט דאָרט, הענעכל, נעם זיך בעסער צו דער מלאכה. שוין גענוג געבטלט און געפּטרט צייט.

לאַנג האָט ער שוין אָבער נישט געמלאכהוועט אינעם טאַטנס וואַרשטאַט, און מיט אים האָבן זיך אויסגעלאָזט די הוליאַנקעס צוזאַמען מיט די שטילע אָונטן, ווען מ'האָט זיך געגרייט אַרויסצולאָזן די פּאַרע פֿונעם קאָכנדיקן טשייניק. די גאַנצע שטאָט האָט געגאַפּט ווען אין איינעם אַ נאָכמיטאָג, האָבן זיך פֿון פּאָליציי פּאָסטן אַ לאָז געטאָן אַ פּאָר פֿרעמדע זשאַנדאַרן מיטן שטאָט־קאָמענדאַנט בראש צו דער גרעבליע גאָס צו. לכתחילה האָט מען געמיינט אַז די זשאַנדאַרן גייען אַהין וואו זיי גייען אַלעמאָל. האָט מען אויסגעבטלט אַלע וויסטע חלומות צו זייערע קעפּ: „שוין ווידער זיך פֿאַר־טשעפּעט מיט עפּעס. אַ בראָך צו זיי מיט זייערע פּרנסות". אָבער אַז די זשאַנדאַרן האָבן זיך גאָר אַ לאָז געטאָן צו בענטשעס מייסטערסקייע, זיינען אַלע רייד פּונקט ווי דאָס פֿריילעכע געזאַנג פֿון די געזעלן, וואָס האָט זיך געטראָגן פֿון די אָפֿענע פֿענצטער, אָפּגעהאַקט געוואָרן אין מיטן. אַלע פּאַטשענעס זיינען שטום געוואָרן אין שטוינען. אין איינע פּאָר מינוט, האָט מען זיך דערמאָנט אַז ווען מ'פֿלעגט אַריינקומען צו בענטשען, האָט מען צווישן די באַלן סחורה און שניידערישע מכשירים אויך געזען ליגן צעשפּרייטע צייטונגען און ביכלעך מיט ווייכע טעוועלעך און מאָדנע נעמען. אַנדערע האָבן שוין געדענקט, אַז פֿון צייט צו צייט, באַזונדערס אין שבת נאָכמיטאָגס,

האָבן זיך דאָרט געדרייט פּרעמדע פּראַנטן. געוויינטלעך האָט מען זיי אָנגענומען פאַר פּשוטע וואוילע־יונגען, וואָס קומען צו בענטשעס זינדלעך הולטייעווען. וועמען זאָל עס איינפאַלן, אַז די הוליאַנקעס מיט די פעסער ביר, זיינען גאָר געווען בלויז אַ פאַרשטעלעניש אַזאַ. איצט, ווען אַלע האָבן שוין געזען ווי הענעכל דער קרומער הינקט אַרויס פון הויז אַ צוגעשמידטער צו איינעם פון די זשאַנדאַרן, איז מיט אַמאָל אַלץ קלאָר געוואָרן. „אָט וואָס פאַר אַ חברה, אמתע קונצנמאַכער, — האָט עס אויסגעזען ווי מ׳שטאָלצירט באמת מיט דעם וואָס ס׳איז זיי געלונגען אָפּצונאַרן אַלעמען אַזאַ לאַנגע צייט. — דאָס האָט מען אים אַזוי אין דער גרויסער שטאָט געלערנט. נו, די גרעבליע שווייגט נישט, האַ?!״ — האָט די גאַנצע גאַס געשטוינט צו זען ווי די בענטשעכע רייסט זיך די האָר פון קאָפּ און שיילט זיך דאָס פּנים נישט אַרויסלאָזנדיק קיין פּיפּס. אָן אַ היטל און אָן אַ רעקל, איז בענטשע נאָכגעגאַנגען די זשאַנדאַרן, וואָס האָבן געטראָגן פּעק צייטונגען מיט ביכער און זיך אָנגעשלאָגן אויף דער שוועל אין דודיען, וואָס האָט נאָך אַ סך יאָרן פון ברוגז אַריבערגעשפּאַנט די גאַס און אָן אַ וואָרט אויס־צורעדן אַרויפגעלייגט די האַנט אויף בענטשעס אַקסל. די גאַס האָט עס אויפגענומען אויף איר שטייגער, ווי אַ שטומע טרייסט אַזאַ: „זעסט, בענטשע, אָט ביסטו שוין אויך אין דער חברה „זיצערס״!״

ווייזט אויס, אַז דער קרומער הענעכל האָט עס באַמערקט און ווי זיין שטייגער פלינק און וואויל־יונגעריש אַ פּלאַפּל געטאָן אין זייער זייט אַריין: „נישקשה, פעטער, ס׳איז אַ כבוד פאַר דער משפחה. וויין נישט, מאַמע, מיט אונדז זיצט דער אמת און יושר. דאָס בעסטע פון פוילן זיצט איצט. שוין צייט טאַקע אויך עץ זאָלט זעך איבערבעטן״. מער האָט ער שוין נישט באַוויזן צו זאָגן, ווייל דער זשאַנדאַר האָט אים אַ צי געטאָן מיט זיך מיט אַן אימפּעט: „האָסט שוין גענוג געשוואַרגאָטשעט, גרויסער העלד מיינער. ווער עס וויל עס איבערקערן די וועלט. עס פּאַסט גאָרנישט דער משפחה״ — האָט ער אין האַלבן ערנסט זיך אויסגעדרייט צו דודיען און אַוועקגעשפּאַנט מיטן זועג צו דער „לאַנגער בריק״ וואו ס׳האָבן שוין געוואַרט נאָך אַ פּאָר פון דער חברה, וועלכע מ׳האָט יענעם נאָכמיטאָג אַרויסגעשלעפּט פון די וואָרשטאַטן און געוועלבן, און משלח געווען אין דער קרייז־שטאָט אַריין.

אין יענעם אָוונט, איז דאָס גאַנצע שטעטל ווי פאַרשטילט געוואָרן, און שטומערהייט געאָטעמט בלויז מיט דער גרעבליע גאַס. אַפילו מנחה מעריב אין די בתי מדרשים, איז אָפּגעדאַווענט געוואָרן אין דער גיך, אָן שהיות. מ׳האָט זיך געשושקעט און געאײַלט אַהיים און נישט צוגעלייגט קיין אויער צו די פון די לצים, וואָס האָבן ווי אַלעמאָל געפּרואווט אַ חוזק טאָן אויפן חשבון פון די „זיצערס״. פון אויער צו אויער האָט מען איבער־געגעבן, אַז ר׳ דוד דיין האָט נאָך בייטאָג, גלייך ווי ער האָט געהערט וועגן הענעכלען און זיינע חברים, אַ זאָג געטאָן: „ני, גיי ווייס, ווען און ווי אַזוי אַ משפחה קריגט אַ תיקון״.

ס׳האָט אויסגעזען ווי גאַס צו געסל גיט זיך איבער אין דער שטיל: „די בעסטע זין פון פוילן זיצן איצט״. איינציקווייז און פּאָרלעכווייז, האָבן אין דער טונקל זיך געשלייכט יוגנטלעכע פון אַלע געסלעך. סיי אַזעלכע וואָס האָבן געהאַט אָן אָריינטריט אין דער מייסטערסקייע און סיי אַזעלכע, וואָס האָבן גאָר געהערט צום „התקוה פאַריין״ און מיט הענעכלס לייט נישט געוואָלט זיך אָנקערן. נישט אָפּגערעדטערהייט האָבן אָבער אַלע געפילט, אַז היינט איז עפּעס אַ משמור־נאַכט פאַר דער יוגנט. עס האָט זיך אָנגע־הויבן עפּעס אַזעלכעס פאַר וועלכן נאָר די יוגנט וועט זיין פאַראַנטוואָרטלעך און אַליין באַצאָלן ווען מ׳דאַרף. מיט איין מאָל איז די וועלט פון די מאָדנע ביכלעך צוגעקומען נאָענט צו זיי. הענעכל איז שוין אין סאַמע מיטן דאָרט, און זייער ריי קומט שוין אויך. מיט די ליקלעך און דורכן „שמאָלן געסל״ האָט מען זיך געלאָזט צום „רינג״ און פון דאָרט צו דער „גרעבליע גאַס״. ווער קען דען איינזיצן אין הויז?

פאַרבייגייענדיק די „קאָמעניצע״ און באַמערקנדיק, אַז די פענצטער פונעם „התקווה פאַריין״ שטומען אויך אין דער פינצטער, האָט עס יעדן ווי הנאה געטאָן. נישט אָפּגערעדטערהייט האָט מען געפילט, אַז היינט אָוונט איז נישט פּאַסיק, אַז דאָס איינציקע לעגאַלע פאַרזאַמלונג הויז אין שטעטל זאָל ווי אַלעמאָל ליכטיקן אין „רינג״ אַריין מיט אָפענע פענצטער און פריילעכן געזאַנג.

בענטשעס מייסטערסקייע איז געשטאַנען פינצטער און אָפן צעפּראַלט נאָך פון בייטאָג אָן. בלויז אין דודיעס הויז אַקעגנאיבער האָבן די בליצלאָמפּן פייערלעך געברענט, און באַלויכטן די הויכע פּאָטשענע פון פּאָרנט און

דעם ברייטן הויף פון הינטן. מ׳האָט אָבער נישט געזען, אַז עמעץ זאָל שפּאַנען די בריטשקע דאָרט. פאַר די הויכע פענצטער פון דודיעס סאַליע זיינען צוויי געעלטערטע יידן געשטאַנען אָרעם אין אָרעם און געבליקט פאַר זיך אין טונקלען דרויסן אַרויס, וואו די יוגנט האָט זיך געשלייכט מיט דער אונטערשטער פּאָטשענע צום „קורצן בריקל״ און פון דאָרט צו די ליים־בערג וואָס נאָכן ווייסן קלויסטער אַזש העט ביי די זאַמדן שוין. ביז שפּעט האָט זיך געטראָגן פון דאָרט דער אָפּקלאַנג פון הויך געזאַנג און רוישיקן געפּלאַפּל, און שטאָט האָט געהאָרכט און געוואַרט.

דאָס שמאָלע געסל

א

דאָס „שמאָלע געסל" איז סאַמע הינטערן „רינג"; אַ שפּאַן בלויז פונעם „רינג" דורך אַ שמאָל ליקל, וואָס איז אַלעמאָל פינצטערלעך, און ביסט שוין אין געסל וואָס באַשטייט פון אַ פּאָר צענדלינג איין־גאָרנדיקע הייזער, געשלאָסענע איינס אין אַנדערן ווי צוגעוואַקסענע צווילינגס און אַוועק־געשטעלט צעוואָרפן אָן אַ סדר פון ביידע זייטן פון אַ שמאָל שטיקל פאַרטיפטן וועג, וואָס איז דעם גרעסטן טייל פון יאָר אַ געדיכטע בלאָטע איבער וועלכער מ'מוז זיך קליגלען דורכצוגיין. הילצערנע משופּעדיקע טרעפּלעך וועלכע מ'זעט זעלטן אַרויס פון דער בלאָטע פירן אַרויף צו די „פּאַטשעגעס". עס זעט אויס ווי די „פּאַטשעגעס" וואָלטן מיט כל־אמצי כוחות צוגעהאַלטן די הייזער נישט אַריינצופאַלן אין דער בלאָטע פון פאַרנט אָדער חלילה נישט אַוועקצובלאָנדזשען הינטערווײַלעכטס און פאַר־לירן זיך ערגעץ אין די טונקעלע ליקלעך, וואָס שניידן איבער דאָס געסל צווישן איין גרופּע הייזער און דער אַנדערער, און פירן אַוועק פון געסל אין די גויאישע ערגעצן אַריין וואו עס ציען זיך גערטענער, סעדער און שמאָלע פאַסן פעלדער אַזש ביזן וואַלד און קרום געשלענגלטע טייך אויס־גוסן, וואָס אָט פאַרלירן זיי זיך אין דער ווייטקייט און אָט גרייכן זיי ביזן סאַמע בערגל לעבן „וואול" מיט דער האַנט צו דערלאַנגען.

אין די פאַרטאָגן טראָגט זיך פון דאָרט דער הילכיקער קלינג־געקלאַנג פון די קאָסציאָלן צוזאַמען מיטן בלעקעכצן פון בהמות און קוואַקען פון עופות, וואָס פילט אָן דאָס „שמאָלע געסל" מיט אַ פרעמדער לעבעדיקייט און גערודער וועלכע צעטומלט אויף אַ ווײַלע די פרומע תהילים־זאָגער דאָ אין געסל, אַז זיי מוזן אַזש פאַרשטאָפּן די אויערן און איבערחזרן עטלעכע מאָל אַ וואָרט. אויך די בעל־מלאכות מיט די העק און זעגן, האַמערס און הובלס, טרייבט עס אונטער אָפּצוכאַפּן דאָס „יידישע וואָרט" אין אײַלעניש און זיך אַ לאָז טאָן אין דערוואַכטן דרויסן אַרויס צו זוכן די דזשעבליע ברויט וואָס קומט אָן אַזוי שווער. בלויז ר' דוד דיין וואָס האָט זיך געפּעדערט אויפצושטיין נאָך איידער די וועלט האָט זיך אַ ריר געטאָן, בלייבט געלאַסן

ווי אַלעמאָל און שטעלט זיך ביים באַנקבעטל וואו עס שלאָפן זיינע עלטערע צוויי יינגלעך און וועקט זיי מיטן זעלבן ניגון פון תהילים וואָס ער האָט נאָר וואָס פאַרענדיקט זאָגן.

— ני, שוין צייט נעמען אַ יידיש וואָרט אין מויל אַריין, קינדער! די תיפלה וועט דאָך די שערי רחמים נישט עפענען. אעירה שחר שטייט. גיסט אָפּ נעגלוואַסער. די צייט שטייט ניש — ציט ער געלאַסן אַראָפּ דאָס איבערבעטל פון זיי און לאָזט זיך ווייטער איבער דער שטוב, נישט מפסיק זייענדיק אויף אַ רגע דאָס ניגונען ביז די קינדער וועלן גרייט זיין צום טעגלעכן שיעור.

אין די פאַרנאַכטן רייסט זיך אָפּט פון דאָרט, פון יענער ווייטער־נאָענטקייט, אַ פאַרשייט ציענדיק געזאַנג וואָס בלויז אין די פרייטיק צונאַכטסן קען דאָס געסל עס פאַרטויבן מיט די הילכיק קלינגענדיקע זמירות און בענקנדיק מאַראַלישע לידער פון דעם בעל־מלאכהשן יונגוואַרג, וואָס זאַמלט זיך אויף די פּאַטשעטעס און די ליקלעך איידער מ׳לאָזט זיך אַרויס אויפן שפּאַציר דורכן „רינג״ צו די בריקן צו און ביז העט הינטער דער שטאָט וואו קיין בייז אויג וועט נישט שטעכן דורך און דורך. בלויז נאַכט און הימל וועט בלינצלען אויף זיי מיט שטערנדיקן אַלץ־וויסן און איביקן סוד פון זיין אין איינעם און דאָך זיין אַזוי ווייט און פאַרהוילן איינער פונעם אַנדערן.

מ׳דאַרף זיך זייער שטאַרק אונטערגאַרטלען יעדן טאָג פון וואָך ממש כדי צו קענען איינהאַלטן זיך און נישט א לאָז טאָן זיך דורך איינער פון די ליקלעך און אוועקבלאָנדזשען פון דאנען ערגעץ ווייט ווייטער פון יידישן „רינג״, וואו עס שטייט אַלעמאָל אַ יאַריד און אַ געטומל און דאָס גאַנצע גוטס פון די פעלדער און וועלדער פון געגנט ליגט דאָרט אויסגעלייגט אויף וואָגנס און שטעלן כמעט אַלע טעג פון וואָך. באַזונדערס רודערט זיך דאָרט אין די מיטוואָכס, די שטענדיקע יאַריד טעג, ווען עס שמעקט פון דאָרט מיט די גאָרע ריחות פון קליין פוילנס שפע. אַ מרוקען פון כל המינים בהמות וואָס ווערן דאַן אַרויסגעפירט פון די אַרומיקע שטאָלן רייסט זיך פון דאָרט און רופט און שלעפּט צו זיך. מ׳דאַרף זיין פון גאָלע אייזן צו קענען דאַן איינזיצן אין געסל. ווען נישט וואָס אין די מיטוואָכס טרעפט זיך אָפּט, אַז אַ שרעק־געשריי טוט אַ פראַל אַריין אין געסל אַריין פון איינער פון די ליקלעך וואו שיכורים דערלאַנגען זיך איינס דאָס אַנדערע מיט די הוילע

הענט, אָדער פֿויערים זיינען מקיים פּסק אַ גנב געכאַפּט ביי דער האַנט, וואָלט קיינער נישט געקענט קיינעם איינהאַלטן אין געסל.

נאָך גוט וואָס די ליקלעך זיינען שמאָל און טונקל און וויפל מ׳זאָל נישט וועלן כאַטש פון דערווייטן אַ קוק טאָן אַהין, קען מען מער ווי די וואַנט פון דעם איינציקן הויך־געמויערטן הויז פון „רינג״ נישט דערבליקן. פון אויבן אַראָפּ מיט אַ מאָדנער אויפגעקומענער גאווה קוקט די מויער אין געסל אַריין מיט רויטע ציגל און גרויסע פענצטער וואָס בלישטשען אַרויס פון דעם הינטערשטן טייל פון דעם געמויערטן הויז. דאָרט איז די אַפּטייק. פון פאָרנט, אין „רינג״, שמעקט דאָרט אַלעמאָל מיט געדעמפטע ריחות פון רפואות און קאַרבאָל, שטילן דרך ארץ און געהיימער שרעק פאַרן דאָקטאָר און זיינע סודות. דאָ פון דער זייט איז די וואוינונג פון גויאישן אַפּטייקער. נישט איינמאָל מוז דאָס געסל פאַרמאַכן די פענצטער און איינהאַלטן דעם אָטעם כדי נישט פאַרשמעקט צו ווערן פון די טריפהנע ריחות און יאָמערלעכן ריטשען ווען מע מאַכט דאָרט צערעכט אַ חזיר אויף די חגאות. באַזונדערס נאָך ווען ס׳איז דאָרט אַ באַל און עס טראָגן זיך פון דאָרט פון אויבן די לוסטיק צעטאַנצטע קלאַנגען און קולות אַזוי אַרויס־רופעריש צעברויזט און פאַרשייט.

„סע גייט זיי גיט, די גויים, רבונו של עולם״, — קרעכצט מען און מ׳פאַרקלאַפּט די פענצטער, און יונגוואַרג שטייט הינטער די פאַרמאַכטע לאָדנס און אויף די פּאָטשעגעס, און דאָס האַרץ ברויזט און נאָגט. קיין בייז וואָרט הערט זיך אָבער פון קיינעם נישט. זעלטן ווען אַ שאַרף וואָרט זאָל געשיקט ווערן אַהינצוצו אַרויף, ווייל די אַפּטייקערן, נישט אויסגערעדט זאָל זיין, איז אַ גוטע נשמה. נישט אַנדערש אַ גלגול פון אַ פאַרוואָגלטער נשמה נעבעך, וואָס קומט אָפּ ביי דעם ערל, דעם אַפּטייקער מיט די שפּיציקע וואָנצעס און אַלעמאָל פאַרפלאַמטן פּנים און רויטע נאָז פון שיכורן. מ׳זאָגט, אַז נאָך אַזאַ הוליאַנקע שלאָגט ער זי נעבעך מכות רצח, און אַלץ דערפאַר, וואָס זי איז אַזאַ דינע, אַן איידעלע. קוים וואָס זי שטייט אויף די פיס און עפנט איר געשניצט מיילעכל אַרויסצורעדן אַ וואָרט.

גאָר ביטער איז איר נעבעך געוואָרן נאָך איר ערשטן און לעצטן קימפעט, ווען זי האָט קוים מיטן לעבן געבערענגט אויף דער וועלט אַ בלאָנד נפשל מיט, גאָט זאָל נישט שטראָפן פאַר די רייד, אַ פּנימל ווי אַ

מלאכל, און דער אַפּטייקער, דער אָנגעפּאַשעטער דבר אחר, איז ממש ווילד געוואָרן פון רציחה. אַ יונג האָט ער געוואָלט. אַ מאָפּס אַזאַ ווי ער אַליין, געראָטן אין זיין משפּחה אַריין פון געזונטע קאַרקן און גראָבע רייד מיט אַ קוויטש. און דאָ האָט זי אים גאָר געבראַכט נאָך אַ שטיקל פּאַרצעלייען נפשל פון פריצישן קאַלטן בלוט, וואָס קוים וואָס עס פּישטשעט, און אַ ליאַדע וואָס, איז עס מסוכן חרוב ווי אַ „יידיש כייקעלע" אין געסל דאָ. טפוי!

זעלטן, אַז די אַפּטייקערשע מיטן ליכטיקן פּנימל און דינעם טאַליעכל, ווייזט זיך אין געסל. זי קען נעבעך נישט אַראָפּגיין פון די הויכע טרעפּ, בפרט נאָך ווען דער דבר־אחר אירער שטעכט איר פון הינטן מיט בייזע בליקן, נעמט זי זיך אַזוי פּלאָנטערן מיט די פיס, אַז ס'איז מיט נסים וואָס זי קייקלט זיך נישט אַראָפּ אויף אַלע פיר. דערפאַר אָבער אַז עס געראָט איר שוין יאָ זיך אַרויסצוכאַפּן פון דאָרט אויף אַ מכלומרשטן שפּאַציר, ווייסט מען, אַז אין וועגעלע וואו עס ליגט דאָס קינד ליגט פאַרבאָרגן אַביסל נאַשוואַרג פון וועלכע יידישע קינדער קענען אויך הנאה האָבן, אָדער אַביסל אָנטון פאַר איינעם פון די אָרעמע יידישע בעל־מלאכות אין געסל. אוודאי טאָר דער דבר־אחר אירער דערפון נישט וויסן, און אַז מ'וויל איר דאַנקען ווישט זי אויס אַ טרער און איילט אַוועק מיט אַ צאַפּל: „בלויז גאָט אַליין קען העלפן".

— אַזאַ גיטע נשמה, נעבעך — שעפּטשעט דאָס געסל — און אַזאַ מזל, השם ישמרנו — באַדויערט מען קוקנדיק דורך די פאַרמאַכטע פענצטער אַרויף צו דער רויטער מויער פון וואַנען עס ברויזן די לוסטיקע צעטאַנצטע קולות פון דער הוליאַנקע. און ווען עס שטילט זיך אין אביסל, זעט מען אַלע ווילע ווי פאַרלעך איינס אָנגעפּאַשעטער פון דעם אַנדערן שלייכן זיך אַרויס אויפן באַלקאָן אָפּקילן זיך. דאָס פאַרשייטע כיכיקען און אויפגערעגטער געפּליסטער רייצט נאָך מער אויף.

— אַזאַ דראַב. איר אויף צולאָכעס פאַרבעט ער דווקא נאָר אָנגעפּאַשעטע חצופהס — וויסן שכנטעס איר אומגליק און ציטערן מיט מיט איר, ווען שפּעט אין דער נאַכט שוין נעמט אַ בייז פאַרשיכורט קול קייכן פון אויבן מיט קללות. זיי וואָלטן אויך געקענט שווערן אַז אַ שטיל פאַרגייענדיק כליפּען נאָדלט זיך פון דאָרט מיט דער גאָרער הילפלאָזיקייט פון אַן עלנדער באַשעפעניש געלאָזן אויף הפקר.

— מ׳זאָל באַהיט און באַשערעמט ווערן — תפלהנען די שכנטעס אין זיך מיט צער און ציען לענגער די קריאת־שמע ווי אַלעמאָל.

— נישט אומזיסט האָט מען עס אַריינגעשטעלט אין סידור די ברכה „שלא עשני אשה" — קרעכצן די וואוילקענעוודיקע און טוען זיך בשעת מעשה אַ שמיר איבערן מויל — מ׳זאָל נישט האָבן געזינדיקט מיט די רייד, רחמנא ליצלן.

ב

אויך דער איינגעפאַלענער פאַרקאַן פון לענג אויס דער חורבה פון „מענדיקס גדולה" מיט אַלע אירע שרעקן און גרויליקער פוסטקייט פירט אין געסל אַריין דורך אַ פאַרשאָטנט ליקל דורך וועלכן ס׳איז גלייכער דורכצולויפן און נישט אַרומקוקן זיך. ביינאַכט, זאָגט מען, שפּיזן דיך דאָרט דורך און דורך אַזעלכע גרינע גליענדיקע אויגן פון פאַרוואָרלאָזטע באַשעפענישן וואָס זעען אויס ווי קעץ, אַז פון זיך אַליין נעמט זיך לויפן און קוים מיטן אָטעם אַריינכאַפּן זיך הינטער אַ יידישער טיר מיט אַ מזוזה. מעגסט זיין ווי זיכער ביי זיך אַז ס׳איז דיר קיינער נישט נאָכגעלאָפן, פאַרשליסטו פאָרט מיט אימפּעט די טיר נישט אויסדרייענדיק זיך אַ קוק צו טאָן דורך אַ שפּאַרונג אַפילו, וואָס עס טוט זיך דאָרט אין דרויסן. ממש ווי דער וויסטער גורל אַליין, השם ישמרנו, וואָלט דאָרט אין פאַר־באַרגעניש געהויערט ערגעץ. נישט אומזיסט טענהט דאָך דער רויטער יאָש וואָס וואוינט נישט ווייט פון דער חורבה, אַז ער האָט שוין נישט איינמאָל געזען ביינאַכט דאָרט אַרומשלייכן בלייכע שאָטנס וואָס טראָגן בינטלעך צווייגן איבער זייערע אַקסלען. נישט אַנדערש, אַז די נשמות פון די „כאַפּערס" זיינען דאָס וואָס גייען אַרום אויפן עולם התוהו ווי אין ספרים שטייט געשריבן.

אוודאי הערט מען זיך נישט צו צו דעם וואָס דער משוגענער רעדט. אַן איינפאַל אַביסל פון אַ צעדרייטן: אינמיטן אַ ישוב און נישט ווייט פון אַזויפיל בתי מדרשים אַזאַ זאַך גאָר. „ניש מעגלעך" — בייזערט זיך אויף אים דאָס גאַנצע געסל. „ווייסעך דאָרט וואָס ער דרייט אַ מוח, אַז בסך הכל איז ער דאָך גאָר האַלב בלינד און זעט אַפילו בייטאָג נישט וויטער פון זיין נאָז" — איז זיכער משה יצחק דער שרייבער וואָס וואוינט אויך נישט ווייט פון דעם אָרט. אָבער ווער ווייסט עס דען נישט, אַז אויף

משה יצחקן קען מען זיך, לא עלינו, נישט פאַרלאָזן, ווייל אין וואָס גלייבט ער דען יאָ? אַפילו ביים דאַוונען חזרט ער איבער צוויי מאָל אַ וואָרט, ווייל ער גלויבט זיך נישט אַז ער האָט עס ריכטיק אַרויסגעזאָגט. און אַז זיינוועלע לץ חוזקט דערפון און מאַכט קאָלעטאָרעס פון דעם יעדן שבת פאַרנאַכט ווען חסידים זיצן ביי שלש סעודות אין שטיבל און ער רינגלט זיך אַרום מיט אַ חברה בחורים און נעמט זיך צום רויטן יאַש וועלכער ליגט אויפן שטרויזאַק הינטערן אויוון און קייעט אַ שטיקל חלה וואָס עמיץ האָט אים צוגעטראָגן: „זאָג מיר נאַר, יאַש, אויב דו האָסט אַליין געזען, דאַרפסטו דאָך וויסן צי די ריטלעך זיינען געווען פון טערקעוויטשער וואַלד אָדער פון אַלטן בית־עולם?

— וואָס איז די נפקא מינה? — העלפט אים שוין ווער אונטער מיטן זעלבן חוזק.

— ס׳איז שוין גאָר אַ נפקא מינה, אַז מ׳איז אַן עדות מוז מען זען אַלץ. אַ יאָ, יאַש? ביסט דאָך עפּעס אַ גאַנצער לערנער.

— כ׳האָב געזען און געזען — טוט זיך דער רויטער יאַש אַ שטעל אויף אין איין אָטעם גליאַמדזשענדיק די חלה מיט די ווערטער — אַז נישט וואָלט איך דאָ געליגן איבעראַנאַנד אַבי נישט דאָרט וואו די כאַפּערס בלאָנקען אַרום? כ׳האָב אַפילו געהערט ווי איינער פון זיי האָט זיך געבעטן: „ויפל איז דער שיעור פון תוהו ובוהו, גיטס מיר אַ שוועבעלע און אַן עק זאָל עס נעמען...״

— אָט אַזוי אַ? — חוזקט נאָך אַלץ דער לץ. אָבער פון וואָס חוזקט ער דען נישט דער לץ? אַז זיין זיידענע קאַפּאָטע האָט שוין נישט קיין גאַנצן פאָדעם אין זיך זאָגט ער דען נישט אַז זיינע איז די גאַנצסטע קאַפּאָטע אין שטיבל, האַ? לאַכט מען טאַקע מיט מיט אים און מ׳בייזערט זיך אויפן רויטן יאַש, אַז ער זאָל נישט באַרעדן קיין יידיש הויז וואו ס׳איז אַמאָל דאָך געזאָגט געוואָרן אַ יידיש וואָרט. אָבער יעדער פאַר זיך מיידט אויס דורכצוגיין דאָרט ביינאַכט; און אַז מ׳מוז, לויפט מען אין איין אָטעם, השם ישמרנו.

אַ טראָט ווייטער אין דער לינקער זייט מיטן בלאָטיקן וועגל, בלויז אַ פּאָר הייזער אַרונטער צו, איז דער „וואול״. משופּעדיק איז ער דער „וואול״ און שטיינערדיק. אַ נשאר פון אַ פאַרצייטישער פעסטונג מיט אַ

טיפן טאָל אין דער מיט, וואָס ציט זיך אַזש ביזן אויסבויג פון טייך דורך וועלכן מ׳פלעגט דורך הינטער וועגן קענען זיך אַריינשיפלען גלייך אין דער באַפעסטיקונג אויסגעהיט פון שונאס אויגן, וואָס פלעגט געוויינטלעך לויערן ביי די זאַמדן פאַר דער בריק. איצט טראָגט אַהין דאָס גאַנצע געסל און דער „רינג" אַלע מיסטן און אָפּפאַלן. פוילע שטיקער האָלץ וואָס וואַלגערן זיך אַרום אין „וואול" צעלייכטן זיך אָפּט אין די זומער נעכט און שפּרייטן אַ מאָדנע אומהיימלעכקייט אַרום זיך. עס דאַכט זיך ווי עפּעס אַמאָליקס שטומס, ווערט זיך קעגן די מיסטן. טיילמאָל, אַנגע־רייצט פון די גויאישע שכנים, קומט דער סטראַזשניק און פאַרשרייבט שטראָף פאַרן גאַנצן געסל פאַר פאַראומרייניקן דאָס פלאַץ, אָבער עס העלפט נישט. ווי נאָר עס ווערט טונקל איילט מען שנעל צום שפּיץ פון „וואול" און אַ וואָרף דעם אָפּפאַל וואָס קייקלט זיך טעמפּ אַראָפּ און פאַר־דעקט אַלץ מער די אַלטע שטיינער און העלצער, און פאַרשטאַרקט דעם איבלדיקן ריח וואָס פאַרעיפּושט דעם גאַנצן אַרום.

בלויז אַ פּאָר שפּאַן פון דאָרט הייבן זיך שוין אָן די גויאישע גערטנער און נידעריקע כאַטעס מיט שטרויענע דעכלעך און קליינע פענצטערלעך. פון דאָרט קומען אַמאָל אַנצולויפן אַ כאַפּטע שקצים מיט הינט אָפּצוהיטן, אַז די יידן זאָלן נישט פאַרטרינקען אין מיסט די אַמאָליקע פוילישע גלאָריע, וואָס האָט דאָ פאַרטיידיקט מיטן אייגענעם בלוט, אַז גאַנץ אייראָפּע זאָל נישט פאַרפלייצט ווערן פון די טאַטערישע און קאָזאַקישע האָרדעס. עס העלפט זיי אָבער נישט, ווייל אויך זייערע טאַטעס און מאַמעס טראָגן אַהין די מיסטן און זעען נישט אין „וואול" קיין שפּור פון די אַמאָליקע פוילישע ריטער וואָס האָבן דאָ געקריגט און געבלוטיקט, ווי עס טענהן די יונגע. „אַפילו קיין קנעפּל פון זייערע מונדירן, איז דאָך דאָ מער נישט צו געפינען" — ווענדן זיי אַליין אָפּ די יונגע פּאַטריאָטן — „זאָל עס עיפּושן אינאיינעם מיט די יידן און דעם מאָסקאַל" — שלעפּן זיי אַוועק די יונגען און אַלץ בלייבט ווי געווען. נישט מער, וואָס אין די הייזער וועלכע שטייען מיט די פענצטער צום „וואול" פאַרהענגט מען ביינאַכט די שויבן נישט צו זען וואָס דאָרט טוט זיך. נישט איינעם האָט זיך שוין אויס־געוויזן אַז עפּעס גליט דאָרט און רודערט האַלבער נאַכט ווען די הענער צעקרייען זיך אין די שטאַלן און דער רויטער בלעכערנער האָן אויפן

טורעמל אין מיטן חזיר־מאַרק, נעמט זיך יאָגן אין אַ קרייז פון צפון ווינט וואָס קומט אָן פּלוצים און וואָיעט אימהדיק אַרום אין אַלע ליקלעך און געסלעך, וואָס ציען זיך ביז צום וואַסער. ביז העט אַוועק צו די לאַנקעס אויף יענער זייט פון די בריקן, וועלכע פירן אַוועק מי יודע וואו צו דער פאַרהוילענער ווייטער וועלט פון די טערקעוויטשער וועלדער מיט די הויכע טאָפּאָליעס און דעמבעס, וואו נישט איין „פּאָוסטאַניע" האָט אויסגעהויכט איר לעצטן אָטעם. בלויז איין גאָט ווייס וואָס עס טוט זיך דאָרט און וואו זיי לאָזן זיך אויס.

זעלטן ווען עס קומט ווער פון דאָרט אַהערצוצו אין געסל אַריין, סיידן ווינטער ווען די בלאָטע איז פאַרפרוירן און פאַרדעקט אונטערן שניי. דאַן באַווייזן זיך פון דאָרט אָנגעפּעלצטע פויערים מיט הויך געלאָדענע וועגענער מיט טאָרף און האָלץ. אַנדערש, גאָר אַנדערש זייַנען זיי פון די שכנישע גויים. רעדן שנעלער און פראָסטער. אָן דעם חניפה שמייכעלע צווישן די פאַרדרייטע וואָנצעס. אַ וואָרט איז אַ וואָרט און מ׳פּאַטשט זיך אַזוי לאַנג אין דער האַנט ביז מ׳דינגט זיך אויס פאַרן וואָגן טאָרף, און איינס און צוויי איז עס שוין אויפן יידישן בוידעם, און הידאַ אין „טשיינאַ" אַריין אינעם „רינג". זאָלסט אַפילו וועלן עפּעס פרעגן וועגן דעם דאָרט פון וואַנען זיי קומען, איז שוין נישטאָ וועמען צו פרעגן. „האָסט וויניק אייגענע קלאָפּאָטן?" — איילן זיי פונעם געסל ווי נאָר זיי קריגן די פּאָר גראָשן.

בלויז אין די הייסע זומער טעג, קען מען אַמאָל הערן עפּעס שיינס און אויסטערלישס פון דאָרט. דאָס איז דאַן ווען דער לאָמער קראָקעלע האָפּסלט אַריין אין געסל מיט געקלימפּער און געקלאַנג פון די גלעקלעך וואָס באָמבלען זיך ביי אים נאָך פון הינטן און פון פאָרנט פון דער בלעך וואָס ער טראָגט אויפן האַלדז ווי אַ רייף. פון דער בלעך הענגען נאָך דראָטן דיינע און דיניטשקע וואָס גרייכן אים ביז די סאַמע קנעכל וועלכע שטעקןביידע אין הילצערנע פּיס פאַרענדיקט ביים טראָט מיט אייזערנע פינגער מיט וועלכע ער טרעט נישט, נאָר האָפּסלט און שפּרינגט מיט אַ מאָדנער פלינקייט, אַרויסהעלפנדיק זיך מיט צוויי קוליעס אויף וועלכע ער שפּאַרט זיך אָן און זעט אַלעמאָל אויס ווי ער וואָלט זיך געהוידעט

שפּרינגענדיק. דאָס אייליקע שפּרינגעוודיקע גלעקלען רופט אַרויס דאָס גאַנצע געסל ווייבער און קינדער אויף די „פּאַטשענעס״.

— דער פיר פיסלדיקער איז שוין דאָ! — נעמען די ווייבער אויפקלייבן די צעפלאַצטע טעלער, שיסלען, צעשפּאָלטענע ליימענע און אייזערנע טעפּ און איילן אים אַנטקעגן צו פאַרבעטן אויף דער „פּאַטשענע״. קוים זיך דערוואַרט אויף אים ער זאָל זיי צוריק פאַרדראָטעווען און גאַנץ מאַכן. אַ מייסטער איז ער אויף דעם. אַפילו ווען אַ טעלער איז צעפּלאַצט אויף פּיץ־פּיצלעך קען ער אים פאַדראָטעווען אַזוי, אַז קיין טראָפּן וואַסער זאָל נישט דורכרינען. ממש גאַנץ געמאַכט. נישט אַנדערש נאָר אַ כישוף־מאַכער. קיין פּרייז שטעלט ער נישט. ער וואַרט מ׳זאָל אים אַליין עפּעס געבן. דאָס שמאָלע אויסגעטריקנטע פּנימל מיט די פּאָר שיטערע האָר אויף דער סאַמע גאָמבע איז ביי אים פאַרגליווערט און אָנגעשטרענגט מיט גרויס באַוואונדערונג אויף דעם פאַרענדיקטן שטיקל אַרבעט. דער־לאַנגט מען אים אַ פּאָר גראָשן איז גוט, און אַז מ׳האָט נישט איז אַ שטיקל ברויט, אַ פּאָר שטיקלעך צוקער אויך גוט באַצאָלט. דער עיקר איז, אַז מ׳זאָל לויבן זיין אַרבעט. באַוואונדערן די פלינקייט פון זיינע דינע שפּיציקע פינגער ווי זיי דראָטעווען, לעכערן און בויערן אַזוי זשוואַווע און אין געאייל ווי אַ נישט געזעענער מכשף וואָלט אין זיי געזעסן.

— פּאַניע קראַקוס, איר זענט אַ מייסטער! — ווייזן שוין די ווייבער ווי אים צו נעמען און קומען דערפאַר אָפּ מיט אַ שיבוש ביים באַצאָלן. טאָמער אָבער דערפילט ער, אַז מ׳איז עפּעס נישט צופרידן ווי אַזוי ער האָט פאַרדראָטעוועט אַ טעפּל, אָדער עמיץ רעדט נאָך אַרויס דעם צווייפל צי דער טעלער וועט נאָכן פאַדראָטעווען שטיין גלייך אָדער חס ושלום גאָר דורכלאָזן וואַסער און מ׳נעמט עס אויספּרוואון פאַר זיינע אויגן, ווערט דער גלאַנץ פון זיינע אויגן מוטנע; דאָס קליינע איינגעשפּרומפּן פּנימל ווערט מיט אַמאָל צעצויגן, שפּיציק און דראָטיק. זיין צעשפּאָלטן קולכל ווי ביי אַ נישט דערוואַקסן ייִנגל נעמט הייזעריק כריפּען און שיפּען: „כ׳בין דיר נישט קיין קראַ קיין פאַרשאָלטענע, נישט גלויביקע דו! כ׳בין קראַקוס דער מייִנסטער! גאָלדענע פינגער. דער בעסטער דראָטן־ציער אין גאַנץ קרוין פּוילן. דער קעניג פון גאַנצן זומפּ־לאַנד אין די וועלדער, הערסט?!״ — נעמען די גלעקלעך קלינגען מיט אַן אויסטערלישן געקלאַנג

ווי זיי וואַלטן פון ווייטע ערגעצן זיך אָנגעיאָגט. — „זאָל מיינס פאַרפאַלן ווערן און דיינס צעשטערט!“ — טוט ער אַ הויב די קוליע און צעהאַקט דאָס פאַרריכטע אויף פיץ פיצלעך.

נאָך אַזאַ מעשה, ווערט פאַרשטייט זיך אַ בהלה און עמיץ קען זיך נאָך אַרויסכאַפּן מיטן צורוף: „קראַקעלע!“, דעמאָלסט איז גאָרנישטאָ קיין גרעניץ צום כעס פון דעם קליינעם גופל אויף די האַלבע פיס. ווי אַ ווילדער לץ שפּרינגט ער קונציק ביז צום אָרט פון וואַנען דער צורוף איז געקומען, און איידער מ׳קוקט זיך אַרום פליען שוין די שויבן אין אַלע זייטן מיט אַ טראַך. און ווי איז דעם וואָס איז צו נאָענט צו אים און ווערט געליימט פון זיין שיפען וואָס גליווערט דאָס בלוט און פענטעט, ווי אַ דראַטענע שלאַנג וואַלט אַרומגעוויקלט די פיס און הענט: „אין מיין צייט, האָבן גאַנצע האָרדעס מאַסקאַליעס געציטערט פאַר מיין שווערד. אין די זומפן מיט זיי, פאַר די קראָען די פאַרשאָלטענע זיי געלאָזן. — פינעט ער און פאַרגייט זיך אין אַ געשפּאָלטענעם קוויטש — אַראָפּ דאָס היטל, פאַרכע־וואַטער זשידיניאַק דו! אויס מיט אייך, דראַניעס!“

ווער ווייס ווי לאַנג ער וואַלט אַזוי געליאַרעמט, ווען נישט חנהטשע די דינטע, וואָס רעדט מיט אים פויליש אויפן גרויס־פּוילישן שטייגער און האָט אַ פולע וואַנט מיט פאַדראַטעוועטע טעפּ און טעלער אויף וועלכע זי האָט נאָך קיינמאָל קיין חיסרון נישט אַרויסגערעדט אַפילו הינטער זיינע אויגן. בלויז זי קען אים איינשטילן. ס׳איז גענוג אַז זי זאָל אַרויסקומען אויף איר פּאַטשעגע און מיטן לאַנגן בלאָסן פּנים אירן אַ קוק טאָן אויף דעם צעיאָכמערטן „קראַקעלע“ — ווי אַלע האָבן אים גערופן הינטער די אויגן — וואָס פּאַכעט אין אַלע זייטן מיט די קוליעס צום בייזערישן קלינגען פון די גלעקלעך. ווי אַ געשפּענסט זעט ער אויס. ער ווערט דאַכט זיך העכער און העכער ווי ער וואַלט זיך געהויבן אויף שטאַלצן. מ׳זעט מער נישט קיין פּנים נאָר אַן אָפן מויל מיט קרומע אויסגעגעסענע געלע ציין וואָס גרוילט צוזאַמען און צום טאַקט פונעם טעמפּן און הוילן קלימפּערן פון די דראָטן אין דער בלעך אויף זיין דין־צעצויגענעם האַלדז מיט די בלויע אָנגעדראָלענע אָדערן. — „דאָס פייער וועט אייך פאַרלענדן, פאַרשאָלטענע! אַלץ וועט פּלאַצן ווי אין דער ביבליע שטייט, אַז אַפילו קראָקוס דער מייַנסטער וועט נישט קענען פאַדראַטעווען!“

— פאַניע מיינסטער! קראַקוס ליבער! — גייט די דיינטע אים אַנטקעגן און שנירלט די ווערטער מיטן גרויס פּוילישן ניגון ווי זי וואָלט אים געגלעט פון דערווייטנס. — וואָס האָט געטראָפן? אָט האָב איך דאָך שוין ווידער אַ צעשפּאָלטענעם טעלער. קוים זיך דערוואַרט אויפן זומער צו דערזען דעם מיינסטער, פאַניע קאָכאַנע — טראָגט זי אים אַנטקעגן די גוטע רייד מיט אויסגעשטרעקטע הענט — ווי איז עפּעס געווען דער ווינטער? און וואָס מאַכט זאָשינקע? איז זי אויך דאָ? — מאַכט זי זיך, ווי זי זוכט דאָס איינינקל זיינס וואָס קומט אָפט מיט אים כדי צו העלפן טראָגן דעם זאַק מיט די מתנות וואָס ער קריגט געוויינטלעך פאַר דער אַרבעט. — און מאַרסעלע, נעבעך איז נאָך אַלץ איבעראַנגאַנד? וואָלסט זי געדאַרפט אַוועקפירן צו די זאַמדן, וועט עס אויסציען די קעלט פון די ביינער. די זומפּן זיינען נישט גוט פאַר איר — לאָזט זי נישט אָפּ קיין אויג פון אים און פרעגט זיך נאָך און עצהט צוגלייך וועגן געזונט פון דער טאָכטער זיינער.

אין אָנהויב זעט נישט אויס צי ער הערט אָדער זעט זי, אָבער ביס־לעכווייז ווערט ער באַהערשט פון איר קול. די שפּיציקייט פון פּנים ווערט קלענער און מילדער: „פאַר אייך האָב איך מיינע פּיס אַוועקגעגעבן" — לויפט אָפּ דער כעס אין אים, און גרויסע טרערן נעמען זיך אים קייקלען פון די קליינע אייגעלעך. שטיל ווי אַ פאַרזינדיקט יינגל בלייבט ער שטיין פאַר איר און זופּט פאַמעלעך פונעם גלאָז וואַסער מיט מאַלינעס סאָק וואָס זי דערלאַנגט אים.

— צו געזונט, פאַניע קראַקוס! ס'איז קאַלט און באַטעמט!

— אַ קראַקעלע זאָגן זיי בין איך! אַ קראַקעלע פון די זומפּן — פּיעשטשעט ער זיך נאָך און צעשמייכלט זיך שוין אַ באַרואיקטער — ווייז נאָר אַהער דעם טעלער. קראַקוס וועט זיי ווייזן וואָס ער קען.

ער איז נאָך אָבער אין גאַנצן אַ צעטרייסלטער און די הענט ציטערן ביי אים.

— וועסט שוין אַן אַנדערש מאָל, מיינסטער! — נעמט זי אים אָן ביי דער האַנט און פירט אים אַרויס פון געסל.

אַזעלכע אויפברויזן טרעפן אָבער ביי אים זייער זעלטן. מערסטנס, איז סיי ער, סיי „דאָס שמאָלע געסל", זייער צופרידן און אויפגעלייגט ווען ער

האָפּסלט אַריין. אַ גאַנצע טשאַטע פריילעכע קינדער באַגלייטן אים אַרויס ווען ער האָפּסלט צוריק אַהיים אַ לוסטיקער, אַ צעשטראַלטער מיט אַ פול מויל מיט דאַנקען אי פאַר די פאַר גראָשן, וואָס ר'האָט פאַרדינט, אי פאַרן פולן זאַק מיט עסנוואַרג און קליידער וואָס זאָשינקאַ קען קוים דערטראָגן.

— זאָל ענק דער ליבער האַר גאָט באַשערעמען פון אַלע בייזע רוחות פון שטאָט און די זומפּן, — האַלט ער אין איין בענטשן און לויבן דאָס געסל אין יידיש — מאַרסעלאַ וועט בעטן פאַר ענק טאָג ווי נאַכט.

— זאָל לעבן דער מיינסטער קראַקוס! — באַגלייטן אים די קינדער מיט אַ הוראַ פון אַלע פּאַטשענעס.

— דער האַר פון די זומפּן! — פאַרגינט ער זיך שוין אַליין אַ מילדן חוזק טאָן אויף זיין אייגענעם חשבון, און שפּאַרט זיך אויף אַ ווײַלע צו ביי אַ פּאַטשענע מכלומרשט אָפּצעווישן דעם שוויס פון פּנים.

פאַר די קינדער איז דאָס אָבער אַ סימן, אַז דאָס מאָל איז ער אַזוי אויפגעלייגט, אַז ער וואַרט נאָר מ'זאָל אים אַ בעט טאָן, וועט ער שוין אַ זינג טאָן פאַר זיי אַן אַלט לידל נאָך פון די צייטן פון די אַלטע ריטער. אָדער נאָך בעסער גאָר: עס וועט זיך אַ צי טאָן אַ מעשה פון די זומפּן מיט זייער ערשטן באַוואוינער ליאַש דער גרויליקער, ווי ער האָט אַליין אויף זיך געבראַכט דאָס אומגליק פון ווערן דער האַר און שקלאַף פון די זומפּן, ביז דער גנעדיקער האַר יעזוס האָט אים באַפרייט פון די יסורים. צי ער וועט מיט אַמאָל אַ פאַרדריי טון די דינע ווענצעלעך און אויסציען די צוויי קוליעס האַלב אַנגעלענט, און מעשה העלד נעמען דעקלאַמירן אַ באַלאַדע וועגן גרויסן ריטער קאַזשימיערש, וואָס האָט איבערגענומען אַ שטרויען פוילן און עס איבערגעלאָזט אַ שטיינערנס. „אוודאי האָט אים זיין אסתרקע געהאָלפן. וואָס דען נישט? פוילישע הענט מיטן יידישן קעפּעלע, קענען וועלטן אויפבויען. אירט נאָך זען" — שמייכלט ער זיך גוטמוטיק און מילד.

שמייכלט מען מיט און עס געפינט זיך שוין ווער, וואָס דערלאַנגט אים אַ טרונק, אָדער האָט גרייט עפּעס אַ שטיקל מלבוש, וואָס קען שוין קוים אַריין אין זאָשינקאַס פולן זאַק. און איידער מ'קוקט זיך אַרום איז ער שוין אינמיטן אַן אַנדערע מעשה: „די זומפּן זיינען דאָרט — ווייזט ער מיט אַ קוליע אויף מערב — און די שוועדן זיינען ביי די זאַמדן פון דער אַנדערער

זייט. אונדזערע, זעט מען נישט. פּול דער וואַלד מיט זיי, אָבער קיין פּיפּס הערט מען נישט. אַזוי האָט מען אונדז אָנגעזאָגט".

די צוהערער ווייסן שוין, אַז ווען ער זאָגט „שוועדן", מיינט ער גאָר די מאַסקאַליעס, וואָס צעטרעטן מיט זייערע צע׳יווירעגע פּיס פּוילנס סאַמע־טענע לאַנקעס. אויפן סאַמע האַרץ פון פּוילן טרעטן זיי די מאַסקאַליעס, נאָר מ׳טאָר דאָס נישט דערמאָנען אָפן... די צייט איז נאָך נישט געקומען אַרויסצורופן דעם בער פון וואַלד. „ליגן אונדזערע באַהאַלטן ביז דער צייט, ווען פון די טאַטרען־בערג וועלן זיך אַ לאָז טאָן די פּוילישע אָדלערס. שאַרן גאַנצע, וועלן זיי אָנפליען פון אַלע זייטן, און נאָך זיי מיט בלאַנקע שאַבליעס אַלע יינגלעך פון אַרום, די סטאַשעקס און די יאַנעקס און בערקאָס, טאַקע ווי גאָר אַמאָל, — שמייכלט ער שעלמיש מיט איין אייגל — און מיט איין געשריי: אין די זומפּן מיט זיי! אין די זומפּן די שוועדן!"

ער מאָלט עס אָפּ אַזוי קלאָר, אַז מ׳קען עס זען מיט די אויגן: „זיי, אין מערב זייט האָבן נאָר איין וועג: אָדער צוריק צו זייערע נאָרעס אין די סטעפּעס, אָדער פּאָרויס אין די זומפּן אַריין, און מיר — טשאַטעווען די גאַנצע צייט."

פּלוצים ווערט ער אָבער עפּעס אומעטיק; די אויגן קוקן העט ווייט אַריבער די צוהערער. עפּעס עסט אים, וואָס ער וויל, דאַכט זיך נישט, נאָר ער מוז עס אַרויסברענגען. שטיל, כמעט שעפּטשענדיק און אַרומקוקנדיק זיך אין אַלע זייטן, נעמט ער אומערן מיט אַ געשפּאַלטן קול: „מירן נאָך אָבער לאַנג דאַרפן טשאַטעווען, ליבינקע. ווער ווייס, צי עך וועל עס דערלעבן" — מורמלט ער האַלב יידיש, האַלב פּויליש. „אַ גרויסע זינד ליגט אויף אונדז, די זינד פונעם פּריץ ליאַש. אַ שטראָף פון גאָט אָט די זומפּן. מאַר־סעלאָ זאָגט אויך אַזוי. ליגנדיק אַזוי פיל יאָרן, ווייס זי עס אויף וואָר. אַלע גוטע מענטשן, אייערינקע אויך צווישן זיי, ווייסן עס שוין פון לאַנג. די טייכן דאָ און אָט די אַלע וואַסערלעך, זיינען אַלע פון האַר גאָט געגעבן געוואָרן צו אונדז, אָבער נישט אַלע זיינען געבענטשט מיטן חסד זיינעם. פּאַראַן אַזעלכע וועלכע זיינען געקומען צו אונדז פון גרויס אומגליק. אַזאַ אָ, איז דאָס „טרערן ריטשקעלע" לעבן די טאָרף פעלדער, נישט ווייט פונעם חרובן טורעמל וואָס זינקט דאָרט. אַ קליינס איז עס, דאָס ריטשקעלע, אַ שמאָלס, אָבער זייער אַ שטראָמיקס און זייער טיף. ווערט טיפער מיט יעדן פרילינג

און האַרבסט, אָבער כל זמן עס וועט נישט אויסגעטריקנט ווערן, וועלן די זומפּן אַלץ טיפער און גרעסער ווערן, און פונעם טשאַטעווען אין די וועלדער וועט גאָרנישט נישט אַרויסקומען..."

— אַלעמאָל טראַכסטו אויס עפּעס אַנדערש — וואָגט בלויז זאָשינקאָ צו דערמאָנען אים, אַז דאָס איז עפּעס אַ נייע מעשה וואָס ער האָט נאָך קיינמאָל פאַרן מויל נישט געבראַכט.

— ווען דער מענטש, דער אָרעמער, זאָל נישט אויסטראַכטן עפּעס, וואָלט ער נישט אויסגעהאַלטן, מיין טייערע, — קוקט ער נאָך אַלץ העט אַריבער די צוהערער, און דאָס פּנימל ווערט אים נאָך איינגעשרומפּענער און פול מיט צער — דאָס טרערן־ריטשקעלע, איז נישט קיין אויסטראַכטעניש, פּונקט ווי דאָס טורעמל דאָרט. עס שטייט דאָך נאָך. אַמאָל איז דאָרט קיין זומפּ נישט געווען, נאָר אַ גרויסער געדיכטער וואַלד מיט די העכסטע און גרעבסטע ביימער. אין דעם טורעם האָט דער פּריץ ליאַש געלעבט. וואָנצעס ווי שפּיזן האָט ער געהאַט און אויגן ווי אַ שפּאַרבער. און האַרט איז זיין האַרץ געווען ווי אַ קיזלשטיין. זיינע פּאַראָבקעס האָט ער פאַר־מוטשעט צום טויט און פאַר די הינט געוואָרפן. האָט דער האַר גאָט רחמנות געקראָגן אויף זיי און ביים פּריץ איז אַן איינציק טעכטערל געבאָרן געוואָרן. שיין ווי די זון אין פרילינג און גוט ווי דאָס פעלד אין האַרבסט. האָט זי געזען ווי דער טאַטע פּאַרמוטשעט די פּאַראָבקעס, האָט זיך איר האַרץ געקאָרטשעט פון פּיין. שטילערהייט האָט זי זיי עסן געטראָגן און די הינט געצוימט. ווען דער טאַטוש אירער האָט זיך פון דעם דערוואוסט, האָט ער זי איינגעשלאָסן אינעם טורעם אויפן סאַמע שפּיץ: „פון דאָרט וועסטו גוט זען ווי מ'שמייסט זיי און גאָרנישט נישט קענען טאָן" — האָט ער געלאַכט און געשפּאָט פונעם גוטן מלאך פון גאָט. וואַכן האָט ער געשטעלט אַרום מויער זי זאָל נישט קענען אַנטלויפן, און ווען די געשמיסענע האָבן געשריגן פון פּיין האָבן די וואַכן פריילעכע האָפּקעס געזונגען. האָט זי טאַקע, נעבעך, גאָרנישט געקענט טאָן. גאַנצע טעג געשטאַנען ביים אָפענעם פענצטער און דאָס האַרץ איז איר צעריסן געוואָרן פון דעם וואָס אירע אויגן האָבן צוגעזען. האָט זיך גאָט דער האַר דערבאַרעמט און אַ קוואַל פון טרערן געעפנט אין אירע ליכטיקע אויגן. טרערן ווי אַ באָב די גרויס זיינען געפאַלן איינע נאָך דער אַנדערער און נישט אויפגעהערט ביז ס'איז געוואָרן אַ

ריטשקעלע אונטן. דער טורעם האָט געגומען זינקען און אַרום זײַנען זומפּן געוואָרן. די דיקע ביימער האָבן זיך געבויגן און אויסגעלייגט ווי פּגרים מיט די שפּיצן אַראָפּ. שטום איז געוואָרן אַרום. די פּאַראָבקעס זײַנען קוים מיטן לעבן אַנטלאָפן.

— און דער פּריץ? — ציטערן מיט די צוהערער.

— מ׳זאָגט, ר׳איז פון זינען אַראָפּ און פאַרבלאָנקעט ערגעץ אין די זומפּן. אַנדערע ווייסן, דער כאָליערע איז ערגעץ אין אַן אַנדער וואַלד אַנטרונען...

— און די טאָכטער?

— דאָס טורעמל זינקט נאָך אַלץ. ווער ווייס וואו זי איז איצט? זאָל זיך גאָט דערבאַרעמען איבער איר און איבער אונדז אַלעמען — טוט ער זיך אַ צלם אָפּ, ווישט אויס אַ פאַרלאָפענע טרער אין אויג און קוקט זיך פאַרווירט אַרום — וואָס גלאָצט עס עפּעס אַזוי אויף מיר? עץ גלייבט מיר נישט? כל זמן דאָס ריטשקעלע וועט אַזוי זײַן, וועלן די זומפּן זײַן, זאָג עך ענק.

— ציט זיך אַריבער אַהער, מײַנסטער, — שטעקט די דײַנטע אַרויס דעם קאָפּ פון פענצטער.

— ווער זשע וועט אָפּטשאַטעווען די מינוט, ווען דאָס ריטשקעלע וועט נעמען טריקענען?...

— און מאַרסעלאַ, נעבעך, וואָס זאָגט דערצו? זי דאַרף דאָך די זאַמדן מיט דער זון.

— גאָטס ווילן — פאַרגעסט ער זיך שוין גאָר אינגאַנצן וואו ער געפינט זיך און וואָס ער האָט נאָר וואָס דערציילט — גאָטס ווילן איז עס. אין די זומפּן מיט זיי! — טוט ער זיך אַ שטעל אויף און אַ קריך אַרײַן אין די קוליעס. די גלעקלעך צעקלינגען זיך ראַפּטום אומהיימלעך און דראָענדיק — אין די זומפּן, די קאַנאַליעס!

דער עולם ציט זיך אַביסל צוריק קוקנדיק פאַרגאַפט ווי ער נעמט האָפּסלען פלינק און געשווינד צום אַרויסגאַנג פון געסל. זאַשינקאַ מיטן שווערן פּאַק קען אים קוים נאָכלויפן.

— אפשר איבער אַ יאָר פרילינג וועט עס אָנהייבן טריקענען... — שטעלט ער זיך פלוצים אָפּ און קוקט אַלעמען גלייך אין די אויגן אַרײַן.

ווי אָפּגערעדט זיך, שווייגט מען אַ ווײַלע ביז ער קומט צו צום עק פון געסל. ערשט דאַן טוט מען זיך אַ לאָז נאָך אים מיט אַ וואָרע:

— זאָל לעבן דער האַר פון די זומפּן! דער מײַנסטער פון גאַנץ קרוין־פּוילן!

— זאָל ענק גאָט דער האַר באַשערעמען, גאָט דער האַר אַליין — האָפּסלט ער צווישן די קינדער אַ שטאַרק געררירטער און פאַרנעמט זיך צום גויאישן געסל מיטן וועגל, וואָס פירט צו יענער זײַט וואו עס געפינען זיך די טאָרף פעלדער און די זומפּן.

— דערלעבט איבער אַ יאָר! — טראָגט זיך צוריק אין געסל אַרײַן זײַן קוויטשיק קולכל צוזאַמען מיטן גרויליקן געקלימפּער פון זײַנע גלעקלעך און דראָטן אויף די טאַצן.

ג

ביים מערבדיקן אַרײַנגאַנג צום געסל, דאָרט וואו די בלאָטע איז צום טיפסטן און אַ גריבערדיק שמאָל ליקל שנײַדט דורך אַ וועגל צו די געציילטע גויאישע הייזקעלעך וואָס קלאַמערן זיך מיט אַלע כוחות אינעם בערגל־אַראָפּ ביז צום וואַסער, אײַנזאַמט אַ פאַרלאָזענער דער „קלויסטער־גאָרטן״. אַ פירעקיקער, אָפּגעצוימטער פּלאַץ איז עס; באַזעצט מיט הויכע ליפּע ביימער וועמעס געדיכטע צווײַגן פּלאָנטערן זיך איינס אין אַנדערן און שפּאַרן אַריבער דעם פּאַרקאַן וואָס האַלט אין אײַנפאַלן.

יעדן פרילינג, ווען די חזירים נעמען זיך ראַיען און וואַלגערן אין די בלאָטיקע גריבער אַרום דעם פּאַרקאַן, טוען זיך די ליפּעס אַ צעלאָז מיט ווייסער בליעכץ און גיבן זיי אַ צעשאָט מיט דער ברייטער האַנט אַריבערן פּאַרקאַן און אין סאַמע געסל אַרײַן. פון די גריבער נעמען זיך אַרויסשפּאַרן ווייסע חזירים־קעפּ וואָס ניוכען מיט שמוציקע פּיסקעס אַרום זיך. דאָס גאַנצע געסל עפנט דאַן די טידן און פּענצטער אַרײַנצוציען די זיס שאַרפע ריחות וואָס קומען פון „קלויסטער־גאָרטן״. שפּעטער צו, אין די הייסע זומער־טעג, קלײַבט מען די האַלב פאַרגעלטע בלעטלעך פון די ליפּע ביימער, וואָס זײַנען אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר אַ סגולה בדוקה צו קאָפּ ווייטיק און מאָגן־פאַרשטאָפּונג, מ׳זאָל באַהיט ווערן. די גרין געלבלעכע טרוקענע בלעטלעך פאַרפאַרעט מען אַ גאַנץ גייענדיקן ווינטער אין הייסע וואַסער,

און מ׳טרינקט דאָס ביטערלעך, האַרבלעך־שמעקנדיק געטראַנק גלייך ווי דער טשייניק קאָכט אויף. אָן צוקער טרינקט מען עס האַלטנדיק אין איין פאַרקרימען זיך ווי ביי אַן אמתער רפואה. ס׳איז זיכערער און אויסגעפּרוּווטער פון אַ רעצעפּט פון דער אַפּטייק און טויזנט מאָל בעסער ווי „צעניץ״. ביליקער — אוודאי.

עס זיינען אַפילו פאַראַן אַזעלכע וואָס קוקן קרום אויף דעם נוצן אַ רפואה פון אַזאַן אָרט, אָבער צופיל שפּאָרן שפּאַרט מען זיך נישט, ווייל אין דער אמתן איז דאָך דאָרט גאָר קיין תיפלה נישטאָ. אין מיטן גאָרטן איז עפּעס יאָ דאָ אַ נשאר פון אַ געביי, אָבער וואָס דאָס איז אין דער אמתן ווייסט מען נישט אויף זיכער. זומער צייט זעט מען אַפילו נישט אַרויס דעם איינגעבויגענעם פאַרפוילטן צלם וואָס שטייט אין אַ ווינקל לעבן טויער עפּעס ווי אַ שומר וועלכן מ׳האָט פאַרגעסן איבערצובייטן. בלויז ווינטער ווען דיביימער זיינען נאַקעט און הויל, בייגט זיך דער צלם אַרויס פון צווישן דעם געפלעכט פון די צווייגן ווי ער וואָלט אַרויסגעוויסט אַ געגנבעטן בליק אויף דער אַרומיקער וועלט. לויפט פאַרביי אַן איילנדיקער ייד און באַמערקט דעם צלם, איז ער אויף גיך יוצא מיט אַ שפּיי און אַ „שקץ תשקצנו״ און פאַרגעסט גלייך אין אים. ווייל אין דער אמתן איז דער גאַנצער „קלויסטער־גאָרטן״ בלויז עפּעס אַ דערמאָנונג פון אַן „אומהייליקייט״ אַ פאַרלאָזענע, אויף וועלכע עס הויערט נישט מער נישט קיין שרעקנדיקער גרויל און נישט קיין אימה פון דורכגעליטענע נסיונות. ס׳איז אַזוי ווי „דאָס שמאָלע געסל״ וואָלט אים באַצוואונגען, אַריינגענומען אין זיך און פאַרשטילט אין איינזאַמקייט; אַפילו די פּאָר גויאישע הייזקעס וואָס רינגלען אים אַרום באַרג אַראָפּ צו ביז צום טייך מיט זייערע פאַרגרויזטע גערטנדלעך און בילנדיקע הינט, קענען אים נישט אַרויסרייסן פון זיין אָפּגעזונדערטער פאַרלאָזנקייט. זיין אָפּגעצוימטקייט שטערט בלויז מיט דעם וואָס מ׳קען נישט גיין גלייך פון געסל צום טייך שעפּן וואַסער ווען דער פּלומפּ איז קאַליע, אָדער ווען מ׳דאַרף „מים שלנו״ אַ טאָג פאַר פּסח. מ׳מוז זיך דאַן גנבענען דורך די גויאישע גערטנדלעך און אונטערקויפן די שקצימלעך מיט די הינט וואָס פאַרשטעלן דעם וועג. דאַן בייזערט מען זיך אַביסל אויפן „קלויסטער־גאָרטן״ און מ׳דערמאָנט זיך שוין אין איין וועגס, אַז אַמאָל, דערציילט מען, איז דאָרט אַ גאַנצע תיפלה געווען פון

אַן אַלט פּאַרגעסענע סעקטע. עס טרעפט, אַז אַמאָל אין פרילינג־צייט, אין סאַמע מיטן בליען, קומען אַהער אַ פּאָר צענדלינג גויים. עפּעס אַזעלכע אָפּגעכוימלטע און פאַרטרויערטע זיינען זיי, ווי זיי וואָלטן געקומען פון עפּעס אַ ווייטער וועלט. מיט ליידיקן קומען זיי אָן בילדער און צלמים. זיי גייען עפּעס נישט, נאָר זיי שלייכן זיך זייטיק און געבויגן ווי דער האַלב פאַרפוילטער צלם נישט ווייט פון אַריינגאַנג. אויך זייער אָנטון איז מאָדנע פרעמד מיט אויסטערליש אַלט־פרענקישע קופּקעס אויף די קעפּ און פאַרגאַרטלט די לענדן מיט ברוינע שטריק געפלעכטן. אַ ווײַלע נישטערן זיי אַרום צווישן די ביימער און אָנגעהויפטע שטיינער, שטעלן זיך דערנאָך אַרום דעם צלם ביים אַריינגאַנג, פּרעפּלען עפּעס שטיל אויף אויסנווייניק קניענדיק אין דער בלאָטע און שלייכן אַוועק פּונקט אַזוי זייטיק ווי זיי זיינען געקומען.

קיינער קוקט זיך אויף זיי נישט אום. אויך די פּאָר גויאישע הייזקעס מאַכן זיך נישט זעענדיק און קיינער קומט פון דאָרט נישט אַרויס די גאַנצע צייט וואָס יענע דרייען זיך דאָרט אַרום. מ׳וויסט אין געסל, אַז די גויאישע שכנים האָבן עפּעס יאָ אַ שייכות מיט די פרעמדע פאַרשוינען וואָס קומען אַהער אין פרילינג. זייערע זיידעס האָבן וויזט אויס אויך געהערט צו דער פאַרגעסענער סעקטע, נאָר די אייניקלעך ווילן פון דעם נישט וויסן מער און שעמען זיך דערמיט. זיי זיינען איצט אמתע קאַטאָליקן און נאָר פאַר אַזעלכע ווילן זיי מ׳זאָל זיי האַלטן. מיידן זיי אויס אַפילו צו רעדן פון יענע און וויכן זיי. זיי וואָלטן שוין לאַנג צענומען דעם פאַרקאַן און אָפּגעווישט דעם לעצטן זכר פון דעם אַמאָליקן געדעכעניש זייערן, נאָר זיי האָבן מורא אָנצוהייבן זיך מיט די היציקע־לייט פונעם גרויען קלויסטער, וואָס אויף יענער זייט טייך ביי „דער לאַנגער בריק״, וועלכע האָבן אַ מנהג איינמאָל אין דריי יאָר צו קומען אַהער פון דאָרט מיט אַלע הייליקע בילדער פון דער פראַוואָסלאַוויע און פראַווען דאָ אַ גאָטעס־דינסט אין די סאַמע הייסע טעג פון יאָר. מיט „דער לאַנגער בריק״ ציען זיי אָן אַהער. אַ מחנה מאַנאַכן און מאָנאַשקעס מיט גרויע צלמים וואָס באַמבלען זיך איבער די שווערע גרויע מאַנטלען פאַרגאַרטלט מיט ווייסע שטריק. מיט אַ ברומענדיקן געפּרעפּל קומען זיי אָן און רינגלען אַרום דעם גאָרטן פון אַלע זייטן און באַקוקן אַלע לעכער און אויפברוכן

אין אים. בלויז אַ ווײַלע שטייען זיי אַזוי און לאָזן זיך דערנאָך קניענדיק אין גאָרטן אַרײַן מיט אַ הילכיקן געזאַנג פון תפילה אין אַ לשון וואָס קיינער אין געסל פאַרשטייט נישט. די יידישע פענצטער און טירן נעמען זיך אויף שנעל צושליסן, נאָר די גויאישע הייזקעס בלייבן אָפן און אויף זייערע פאָטשענעס שטייט מען אין בלויזע קעפ און מ׳שטומט אין דערוואַרטונג, ווײַל נישט אַלע מאָל גייט עס אָפּ גלאַטיק. עס טרעפט, אַז אין דער זעלבער צייט ווען דאָס פּרעפּלען גייט אָן אינעווייניק אין גאָרטן, אַרבעטן שנעל אַ פּאָר צענדליק הענט אין דרויסן ביים פאַרריכטן דעם פּאַרקאַן פון וועלכן אַלע האַלטן אַ גאַנץ יאָר אין איין שלעפּן די דרענגלעך און געפּלעכטן. און אַז זיי פּאַקן דאַן עמיצנס אַ חזיר אַרומקריכן אין גאָרטן, קען זיך שוין דער באַלעבאָס גאָרניט אויסקויפן. נישט איינמאָל ענדיקט זיך עס מיט אַ געשלעג וואָס דער סטראַזשניק מוז איינשטילן דורך אַרויסכאַפּן די בלאַנקע שווערד און האַלטן אין איין פייפן מיטן פייפל ווי ער וואָלט אַלע חיילות פון דער „שוואַרץ־טומאה" צונויפגערופן אַהער. דאָס געסל אָטעמט דאַן שווער הינטער די פאַרמאַכטע טירן און לאָדנס און וואַרט מיט אַנגסט אַז די גויים זאָלן זיך שוין אויסגלייכן איבער דער פאַרלאָזענער ירושה. דער „קלויסטער־גאָרטן" ווערט נאָכדעם נאָך איינזאַמער און דערווייטערטער פונעם געסל ווי ווען עס איז, און טעג נאָכדעם מיידט מען אויס גיין מיטן וועג וואָס פירט דורך אים.

אַז מ׳מוז גיין אין יענער זייט אַריין, גייט מען שוין מיטן ליקל „הינטערן־וואול". מ׳מוז אָבער דאַן פאַרבייגיין דאָס איינציקע רויט געפאַרבטע הויז, וואָס שטייט דאָרט אויפן בערגל פאַרן „וואול" און די גויאישע הייזקעס. אויסגעטיילט און העכער פון אַלע הייזער שטייט דאָס הויז מיט דער ברייטער געקאָוועטער טיר מיט אַ פאַרטיפונג ווי אַ נישע אין סאַמע מיטן. פון דער נישע קיילעכט זיך אַרויס אַ דיק געשליפן גלאָז אויף וועלכן אַ שאַרף געשניצטער שתי־וערב בלישטשעט אומהיימלעך אין געסל אַריין.

דאָרט וואוינט דער גויאישער „פעלדשער", פּאַן כאַרקאָווסקי, וועלכער לעבט כלומרשט גוט מיט אַלע שכנים אָבער האָט נאָך קיינמאָל קיין „גוט־מאָרגן" נישט געזאָגט דער ערשטער. און אויב מ׳נעמט נישט דערביי אַראָפּ דאָס היטל, באַמערקט ער אַפילו נישט דעם באַגריסער און גייט זיך זיין וועג ווי ער וואָלט אַ טובה געטאָן דעם געסל וואָס ער גייט דאָ בכלל.

זיין גאָרטן גרעניצט זיך מיטן „וואול" פון איין זייט און איז פאַרצוימט מיט אַ הויכן פאַרקאַן אַן אַ פּיצל שפּעלטל אַפילו צו קענען אַריינקוקן און זען וואָס דאָרטן טוט זיך. און כדי נאָך מער צו באַוואָרענען זיך פון אַ בייגעריק אויג וואָס קאָן חלילה דורך אַ הויכער פּאַטשענע אַריינבליקן אַהין, איז פון דער אַנדערער זייט דער גאַנצער פאַרקאַן מיט דער וואַנט קעגנאיבער באַוואַקסן מיט אַ געדיכטער קלעטער־פלאַנץ וואָס שפּאַרט אַרויס אין אַלע זייטן מיט נאָכהענגענדיקע געדיכטע קלימפּן. די פענצטער פונעם הויז פון דער צווייטער זייט, צום גויאישן געסל צו, זענען זיך אויך קוים אַרויס פון צווישן די הויכע באַצווייגטע טאָפּאָליעס, וואָס זיינען געדיכט פאַרפּלאַנצט אינעם שמאָלן דורכגאַנג לעבן זיין הויז. מ׳שמועסט אַפילו, אַז פאַר די הגאות ווען פון אַלע גויאישע הייזקעס טראָגן זיך די שאַרפע ריחות פון די מאכלים וואָס מ׳גרייט אויף יום־טוב אַז עס פאַרשמעקט דאָס גאַנצע געסל, פאַרקלאַפּט ער דאַן די שמאָלע פאַרטקעלעך אין זיינע פענצטער און פאַרציט די גרויסע פאַרהאַנגען כדי נישט צו האָבן קיין שום מגע ומשא מיט די שכנים.

אין דער הויך האָט פאַן כאַרקאָווסקי נאָך קיינמאָל קיינעם קיין שלעכט וואָרט נישט געזאָגט, נאָר אַלע ווייסן אַז ס׳איז גלייכער צו האַלטן זיך פון וויטן פון אים און פונעם הויז, ווייל אין אַלע צרות וואָס קומען פון דער מאַכט אויפן שטעטל האָט ער אַ האַנט. דער עיקר ווען עס קומט צו אָפּהיטן ריינקייט. ווערט עמעץ פאַרשריבן פאַר נישט האַלטן ריין, קען בלויז זיינס אַ צעטל אויסקויפן די זינד. ער וועט אָבער אַזאַ צעטל קיינמאָל נישט געבן. אַזאַ איינעם וואָס וועט זיך דערוועגן צו קומען בעטן, וועט ער לאַנג לאָזן שטיין פאַר דער טיר און ווען ער וועט שוין דערלויבן אַריינצוגיין וועט ער ווייטער ווי די שוועל נישט אַריבערגיין. גלייך אויפן אָרט וועט ער געלאָסן יענעם אַ וויז טאָן מיטן פינגער אויף דעם לאַנגן אַריינגאַנג וואָס פירט צו די צימערן. — זעסט ווי ריין מ׳דאַרף זיך האַלטן אין הויז, דער דרויסן מוז אויך אַזוי זיין. פון אייערע „שמעטניקעס" קומען אַלע צרות. געדענק דאָס און זאָג עס צו אַלעמען!

אָפּגעזאָגט און פאַרהאַקט די טיר הינטער יענעמס נאָז. דערציילט מען זיך טאַקע אַן וואונדער פון דער ריינקייט פון דעם הויז. מ׳וויל אָבער נישט רעדן גערן וועגן דעם, ווייל אַלע ווייסן אַז אַ באַזוך ביי אים איז אַ

צרה מ׳זאָל באַהיט ווערן און ענדיקט זיך מערסטנס מיט זיין צעשרייען זיך אויפן קול און פשוט אַרויסטרייבן מיט די גרעסטע זלזולים. אַן אויסנאַם מאַכט ער בלויז פאַר ר׳ דוד דיין און זיין משפחה. ווען עס קומט אים אויס דורכצוגיין דורך דעם דיינס הויז, וואָס איז נישט ווייט און אַביסל נידעריקער פון זיינעם, וואַרט ער נישט ביז מ׳וועט אים באַגריסן, נאָר ער וועט בכיוון אויסדרייען דעם קאָפ צו דער פאַטשעגנע און עלעגאַנט אַ צי טאָן דעם הוט און באַגריסן זיך אויף פויליש און באַלד איבערגיין אויף יידיש, וואָס סיי ער סיי זיינע קינדער רעדן פליסיק און גלאַט מיט אַלע אויסריידענישן און גלייכווערטלעך. ווי אַ פריינטלעכער פאַראינטערעסירטער שכן פרעגט ער זיך נאָך וועגן געזונט און סתם פאַמיליע ענייִנים. דער עיקר אָבער גייט אים אין אַנציען אַ שמועס וועגן דעם דיינס קינדער פון וועמען ער האַלט זייער שטאַרק און באַמיט זיך שטאַרק אַז זיינע קינדער וואָס זיינען אין זעלבן עלטער זאָלן זיך מיט זיי חברן.

— מיינע, זיינען פוילישאַקעס — קומט ער אַלעמאָל צום זייניקן — פאַרשטאָפּטע קעפּ און פוסטעפּאַסניקעס. אַפילו מיט אַ שטעקן קען איך אין זיי גאָרנישט אַריינקלאַפּן. וויפל איך טענה נישט צו זיי: לערנט זיך פון יאַנקלען. אַן אויסגעדאַרטער נעבעך, אַ שוואַכער און שוין צוויי אַזייגער פאַרטאָג גייט ער מיטן טאַטן לערנען אין דער „באַזשניצע״. ער וועט אויסוואַקסן אַ לייט אייער יאַנקל — רעדט ער זיך געלאַסן און נישט אָן קנאה — זיינען אַלע ביי אייך אַזוי? האַ? אַ מזל אַזאַ, ווייזט אויס. אַזוי פיל פויערישע הינטנס אַרום און אַרום — לאָזט ער זיך שוין גיין און וויל נישט הערן אַפילו דער דיינטעס רייד אַז זיין סטאַשעק וועט אויסוואַקסן פון די קינדערישע נאַרישקייטן און יאַדוויגאַ איז דאָך אַ גאָלדן קינד.

— אויסוואַקסן! — טוט ער זיך אַ שטעל מיט רוגזה — אַז ס׳וואַקסט ווי קראַפּיווע און חברט זיך מיט חזירים און סמאַלע קעפּ. וואָלטן כאָטש די דייניקע זיך מיט זיי געחברט, וואָלטן זיי געהאַט פון וועמען זיך עפּעס אָפּצולערנען. דאָס הויז מיטן גאָרטן איז אָפן פאַר זיי. מיין יאַנינאַ האָט זיי דאָך ליב ווי אייגענע. זאָג זיי דאָס.

— ווען האָבן זיי דען צייט, פּאַניע קאָכאַני, אַז פון דער פרי ביז פאַרנאַכט לערנען זיי מיטן טאַטן און אַליין — פאַרענטפערט זיך די דיינטע

— דער פאַן זעט דאָך, זײַנען נאָך אין „שטיבל" מיטן טאַטן. אפילו ס'ביסל וואַרעמעס מוז איך דאָך זיי טראָגן אהין. קענען זיך נישט אָפּרייסן.

— אַט דאָס זאָג איך דאָך טאַקע — נעמט ער שטויסן מיטן שטעקן אין דער בלאָטע אַרײַן — דאָס טענה איך דאָך אַז די גאַל פּלאַצט מיר אַזש — אַט נעם דײַן דבורהלען אַפילו, אַ פּיצלס נאָך. די חכמה קומט דאָך מיט איר מיט אין שטוב אַרײַן. ס'איז דאָ מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורעדן. און דײַן סרוליקל, אַ פּיזשיקל גאָר און אַלעמאָל מיטן בייכעלע, און פאַרשטעקט שוין מײַן סטאַשעקן אין גאַרטל. כ'וועל אים מוזן אָוועקשיקן קיין קראָקע. דאָרט וועט מען אים שוין עפּעס אַרײַנהאַקן אין קאָפּ אַרײַן.

— און די פּאַני יאַנינאַ וועט באַשטיין? — איז שוין די דייַנטע נײַגעריק, נאָר קריגט נישט קיין ענטפער.

— זאָג זיי פון דעסטוועגן די קינדער דײַנע — פאַרענדיקט ער שוין ביים אָוועקגיין — מ'מעג זיך אַביסל אָפּרוען אויך און אַ קינד דאַרף זיך אַמאָל שפּילן אויך. זאָלן דײַנע קומען אַמאָל צו מיר און מײַנע צו דיר. וואָס דען איז מען שכנים. זאָג עס דעם דײַן אויך. ער מעג זיך אויך נעמען אין דער האַנט אַרײַן. ער האָרעוועט צופיל.

אַן אַנדערש מאָל אָבער ווען ער איז צו אויפגעטראָגן אויף די קינדער און עמעץ פונעם דײַנס קינדער איילט פאַרבײַ זײַן פּאַטשענע און באַגריסט זיך, ענטפערט ער נישט גלײַך נאָר טוט אַ שיפּע:

— וואָסזשע לויפסטו עס אַזוי כיליקל, „איפּעס" קעפּעלע? שוין גוט פאַרהאַקט די געדאַנקען מיטן תלמוד? האַ? האָב נישט קיין מורא פאַרן הונט. דיך וועט ער נישט טשעפּען — קען מען נישט וויסן צי ער חוזקט צי ער וויל בלויז באַרואיקן — נו, גיי שוין גיי. וואָס וועסטו האָבן פון אַ גויאישן קאָפּ. די מאַמע וואַרט שוין מיט די טייגלעך מיט יויך. — ברײט ער נאָך די טריט פונעם אָוועקגייענדיקן מיט אָפענער קנאה און פאַרענדיקט מיט אַ קנאַק מיט דער גרויסער געקאָוועטער טיר ביים אַרײַנגיין צוריק צו זיך אין הויז אַרײַן.

ביים סאַמע סוף פון געסל שטייט דאָס דאַזיקע הויז און כאָטש ס'איז נישט העכער פון די אַנדערע הײַזער אַרום, שטאַרט עס עפּעס אַרויס העכער און ברייטער פון אַלע פונעם בערגל אויף וועלכן ס'איז ווי אַרויפגעזעצט

בגוואַלד. פונקט ווי דער באַלעבאָס, קוקט עס פון אויבן אַראָפּ אויפן גאַנצן אַרום און וואַרפט אָן אַן אימה מיט דער פאַרשלאָסענער מאַסיווקייט און רויטקייט פון פאָרנט און מיט די צוויי הויכע לאַמטערנעס פון ביידע זייטן פון דער פאָטשענע, וואָס וואַרענען עפּעס סיי ווען זיי פינצטערן און סיי ווען זיי לייכטן.

פאַן כאַרקאָווסקי פאַרנעמט נישט קיין שום אַמט אין דער אָרטיקער מאַכט. ער גייט בלויז מיט מיט דער סאַניטאַר־קאָמיסיע ווען זי גייט אַכטונג געבן אויף דער ריינקייט. ער באַמיט זיך אַפילו מ׳זאָל וויסן, אַז ער איז צעקריגט מיט דער מאַכט וואָס וויל אַז אַלץ זאָל בלייבן ביים אַלטן. „שמעטניקעס און פאַרכעוואַטע קעפּ איז לייכטער צו האַלטן אין צוים״ — ווערטלט ער זיך מיט אַן אַנוואונק, אַז ער איז פאַר מער פּראָגרעס און נייע פירונגען. אָבער אַלע ווייסן, אַז ווען די לאַמטערנעס ברענען און באַלייכטן די בלאָטעס אַרום, איז שוין דאָרט דער אמתער מושב־לצים פון אַלע פּני פון דער מאַכט פון וועלכע מ׳קען קיין גוטס נישט דערוואַרטן. און ווען די לאַמטערנעס פינצטערן, זיצט די פּריצהטע זיינע אַליין אין די „פּאָקאָיעס״ און רעדט צו זיך אַליין אויפן קול מיט ביטערניש און באַקלאָגט איר וויסטן גורל וואָס פונעם ליכטיקן קראָקעווער לעבן אירן מיידלוויז, פינצטערט זי איצט אַ לעבן אָפּ צווישן די בלאָטעס אין אָט דעם העק און פאַרשלאָסענעם הויז. ער, דער פאַן פעלדשער, זיצט איצט ערגעץ מ׳יטן פּריסטאַוו צי אין קאַנצעלאַריע מיטן שרייבער און בריט אויס זיין קנאה ביים ביטערן טראָפּן. ווען ער וועט זיך נאָכדעם דערשלעפּן שפּעט ביינאַכט אַהיים, וועט ער אַזוי לאַנג קלאַפּן מיטן שטעקן אויף דער הילצערנער פּאָטשענע ביז ער וועט אויפוועקן די קינדער. ווייסן זיי שוין וואָס עס דערוואַרט זיי און נעמען זיך באַהאַלטן הינטערן איבערבעט. מיט וואַקלדיקע טריט שטעלט ער זיך אַריין אין דער שלאָף־שטוב בורטשענדיק:

— פאַרשטאָפּטע קעפּ וואָס איר זענט. אַ ליאַדע זשידיק קען דאָך אייך פאַרקויפן מיט האַק און פּאַק. זיי זיינען טאַקע שמוציק, אָבער קעפּלעך האָבן זיי. סטאַשעק — נעמט ער טרייסלען דאָס פאַרשלאָפענע יינגל נישט צוהערנדיק זיך צו די געבעטן פונעם ווייב — שוואַרגאָטשעסטאָך זייער לשון ווי אַ זייעריקער, פאַר וואָס זשע האָסטו אַזאַ גראָבן קאָפּ? וועפריק איינער! און דו יאַדוויגאַ, קענסט זיך נישט עפּעס אויסלערנען פון זיי? חבר זיך

מיט זיי, הערסט. ס'איז נאָר ביז אַ צייט. זיי וועלן זיך שוין לאַנג נישט האַלטן דאָ. ס'וועט גוט צונוצקומען ווען מירן זיין אָן זיי — צעלאַכט ער זיך פּלוצים שיכורלעך קוקנדיק דעם ווייב גלייך אין פּנים אַריין. — זיי וועלן לאַנג נישט אָנהאַלטן דאָ. מ'וועט זיי אַלע אָנווייזן ווער עלטער איז, אָבער זייער חכמה — ווערט ער ווידער געלאַסן און פאַלט אַוועק אַזוי אין די קליידער אויפן בעט.

אויף צו מאָרגנס, איידער נאָך די קינדער שטייען אויף, וועט ער אין געאייל אַרומגיין אין הויז מיט אַ פּיכטער שמאַטע און פאַרווישן אַלע שפּורן פון אומריינקייט וואָס ער האָט אַריינגעבראַכט נעכטן אין הויז אַריין. די פאַני יאַנינאַ אָבער בלייבט אין אַזאַ פרימאָרגן שפּעט אין בעט. זי קען דעם קאָפּ נישט אויפהייבן. רעדט זי אַזוי פון די קישנס אַראָפּ:

— דאָס וואָס דו האָסט ביינאַכט אָנגעמיסטיקט מיטן מויל, קען מען אַפילו מיט קיין געל־זאַמד נישט פאַרווישן — ביטערט זי אין זיין זייט אַריין מיט טרויער — גאָטס שטראָף וועט זיך נישט פאַרזאַמען פאַן כאַר־קאָווסקי — ווערט זי שוין אין גאַנצן אָפיציעל מיט אים — ווי אַ ביטערער פּיאָלון ביסטו. עסט זיך אַליין און אַלעמען אויף. וועסט מיר נאָך די קינדער פאַרזינדיקן, וועל איך שוין גאָר בלייבן ווי אַ נאַקעטער בוים אין פעלד.

— נו, גענוג שוין דאָרט „אַלטע", — שטעכט ער צוריק, אָבער וויל זיך איבערבעטן — גיי בעסער אַריינעמען די מילך. די בהמות זיינען שוין געמאָלקן, און קענסט שיקן יאַדוויגאַן צו דער דיינטע זי זאָל קומען נעמען פונעם עמער גלייך. אַנדערש טאָרן זיי דאָך נישט. דער ראָבין אירער זיצט שוין פון שעהן מיט די קינדער און לערנט. דאָס גאַנצע געסל פאַרקלינגט ער. און אַביסל פריש גרינס פון גאָרטן וועט זיי אויך נישט פאַרשאַטן. זיי זיינען מיר וואָס אַן אמת אַ שאָד — דערמאָנט ער זיך פּלוצים אין עפּעס און האַקט אָפּ.

— מיטן מויל בריט עס מיט פריסיק און מיט דער האַנט גלעט עס אויף קאַלט — שלעפּט זיך יאַנינאַ אַרויס פון בעט און צלמט זיך אָפּ אַ באַצערטע — גאָטס שטראָף וועט זיך נישט פאַרזאַמען. צינדסט אָן אַ פייער וואָס וועט אונדז אַלעמען פאַרלענדן. געדענק דאָס גוט.

אַזוי איז ער געווען אין דער „פרידנס־צייט" (פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה) אונטער דער ציווילער רוסישער הערשאַפט, אַזוי בשעת דער מלחמה אונטער דער עסטרייכישער אָקופּאַציע און אַזוי נאָכדעם ווען פּוילן איז אויפגעשטאַנען תחיית־המתים. נישט מער, מיט די יאָרן האָט ער זיך אויסגעלערנט צו פאַרדעקן אַביסל די ביטערקייט און געוואָרן איינגעהאַלטענער ביים רעדן מיט מענטשן. באַזונדערס צוריקגעהאַלטן איז ער געוואָרן ווען דער אַלטער דאָקטאָר קאַפּוש איז געלייגט געוואָרן אין זיין אייביקער רו באַגלייט מיטן געוויין פון גאַנצן שטעטל און ס'איז אָנגעקומען אַ נייער דאָקטאָר. האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז „דאָס געסל" רופט גאָר פריער פאַן כאַרקאָווסקין אין פאַל פון אַ קראַנקהייט. „דער שאָטן פונעם אַלטן, גייט מיט אים מיט", האָט מען אין „געסל" געשמועסט. און דער יונגער דאָקטאָר אַליין האָט אים פאַרזיכערט, אַז אַזוי ווי דאָס געסל האָט צו אים צוטרוי, וועט ער אים נישט שטערן צו באַזוכן אַ קראַנקן ווי ביז אַהער, נאָר מיטן תנאי אַז ער זאָל הייסן אין אַפּטייק וויזן דעם דאָקטאָר די רעצעפּטן.

עטלעכע מאָל אין וואָך טריטלט ער זיך געלאַסן אַריין אין דער אַפּטייק ווי נאָר עס ווערט ליכטיק. פאַרצייכנט זיך די הייזער וואו מ'דאַרף דעם פעלדשער און אַן אַ וואָרט אַפילו לאָזט ער זיך מיט געמאָסטענע טריט איבערן ליקל צוריק אין „געסל" אַריין. אונטערן אָרעם האַלט ער אַלע מאָל דאָס דיקע ברוינע ביכל אָן וועלכן ער רירט זיך נישט אַרויס פון הויז ווען ער גייט צו קראַנקע מענטשן אָדער להבדיל בהמות. נאָכן אויסהערן און באַטראַכטן דעם חולה זעצט ער זיך געוויינטלעך אַוועק אַביסל אָן אַ זייט פון קראַנקן. בלעטערט אַ ווײַלע אינעם בוך לייענענדיק פאַר זיך די תרופות וואָס זיינען דאָרט פאַראַן צו פאַרשידענע קראַנקהייטן. ער איז זייער פאַרטיפט דאַן. הערט כמעט נישט וואָס ס'טוט זיך אַרום אים האַלטנדיק איין איין באַנעצן די ליפּן זיינע ווי ער וואָלט פאַרזוכט דעם טעם פון די רפואות וואָס ער דאַרף פאַרשרייבן. פאַרטיק מיטן פאַרשרייבן שטעלט ער זיך אויף, שפּאַרט זיך אָן אויפן שטעקן און כמעט היימישלעך פרעגט ער זיך ווידער אויס וועגן דער קראַנקהייט ווינטשנדיק אַ רפואה שלימה.

— מיט גאָטס הילף, וועט דאָס וואַסערל וואָס כ'האָב פאַרשריבן ברענגען אַ רפואה פון גן־עדן — גיט ער צו אויף יידיש — דער עיקרשט

האַלט ריין. נאָר ריין, אין הויז, דאָס בעט און, כ׳וועל עס אויך איבעררעדן מיטן דאָקטאָר — גיט ער לסוף צו און שפּאַנט אַרויס פּונקט אַזוי באַזאַכט ווי ער איז אַריינגעקומען אָן אַ גוטן טאָג.

„אַ דולע קופּקע״ — פאַרענטפערט מען אים דאָן. מ׳פילט אַז עפּעס איז ער לעצטנס צעטראָגענער ווי געווען, — „אָבער דער מלאך רפאל גייט נאָך מיט אים ווי אין די צייטן פון אַלטן קאַפּוש, די ערד זאָל אים דאָרט גרינג זיין״.

דאָס דאַרפן איבעררעדן מיטן דאָקטאָר, און נאָכמער דאָס דאַרפן פאַרזיכערן די חולאים אַז ער וועט עס טאָן, אַרט אים זייער און ביטערט אין אים כאָטש ער ברענגט עס נישט פאַרן מויל. נאָר אַמאָל ווען ער איז בגילופין קומט עס אַרויס אין אַ פאַרקערטן זין:

— ווייסט, יאַנינאַ, דער יונגער דאָקטאָר טוט אָן מיר גאָרנישט נישט. שליאָמע פאַרטאַטש (דער יידישער פעלדשער) זאָגט ער קען בלויז שערן פּוסטע קעפּ, אָבער אויף אַ קרענק בין איך אַ מבין, — הייבט ער אָן באַרימעריש און בייט באַלד דעם טאָן ווי נאָר זי וויל עפּעס זאָגן — אוודאי, ווען סטאַשעק זאָל געווען זיין אַ לייט, וואָלט געווען גאָר אַנדערש. און יאַדוויגאַ מיינסטו איז בעסער?

— הייבסט שוין ווידער אָן! — וויל זי אים אָפּוועגדן, נאָר ער לאָזט איר נישט אַ וואָרט אַרויסברענגען — אַ פאַסטוך יונג אויסגעוואַקסן. לאָזט נישט קיין מענטש אויף די אויגן. שלעפּט זיך אַרום מיט אַלע ליידאַקעס. אַ ניי פּוילן ווילן זיי בויען. נישטאָ ווער עס זאָל לאַכן. אַ ניי פּוילן מיט פרעמדע האַלעדריגעס, און די אייגענע שכנים בראָט מען די טריט.

— זע נאָר זע, אַ גאַנצער צדיק געוואָרן — קען זיך יאַנינאַ נישט באַהערשן.

ער מאַכט זיך אָבער נישט הערנדיק און טוט זיך אַ צעשפּאַן איבערן הויז ווי עמיץ וואָלט אים געטריבן — און אַז יאַדוויגאַ איז שוין קוצעניר־מוצעניו מיט אַלעמען, רעדט זייער לשון ווי אַ זייעריקע, איז וואָס? אין שקאָלע איז זי אַלץ די לעצטע. דער קאָפּ איז ביי איר אַ קעלבערנער און שוין — — —

— דער וואָרעם טאָטשעט דיך שוין ווידער?! — באַוויזט קוים די פרוי אַריינצושטעלן אַ וואָרט. ער הערט זי שוין אָבער נישט. לויפט אַרויס

פון שטוב מיט אַ זעץ אין טיר. שפּאַנט אַוועק איבערן געסל מיט אייליקע טריט נישט ענטפערנדיק קיינעם אויף קיין באַגריסונג.

— דער רוח טראָגט אים שוין ערגעץ — ווייסט מען דאָן און מ׳טרעט אים אָפּ דעם וועג.

אָפּילו די שכנים פון גויאישן געסל אַרונטער צום וואַסער צו, וואָס זיינען מערסטנס זיינע לייבלעכע קרובים, וויייכן פון אים און פון זיין גלאַטן שמייכלעלע וואָס גליווערט געפרוירן צווישן די קנייטשן פון דעם איידל אויסגעכאַליעטן פּנים זיינעם.

— מיטן פּאַן כאַרקאָווסקי, זאָל מען נאָר האָבן צו טאָן אין שטאַל — שושקען זיי זיך — בלויז בהמות האָט ער געגרן. אייגענע עסט ער ווי מאַיל.

— אַ ביטערער כריין — טראָגט מען אים נאָך דעם צונאָמען און מ׳רעדט וואָס ווינציקער וועגן אים. מ׳קוקט בלויז זייטיק צו די הויכע טאָפּאָליעס וואָס שטייען געדיכט פאַרזעצט לענג אויס דעם ליקל וואָס טיילט אָפּ זיין הויז פון די שכנישע הייזער.

— שדים מוזן דאָרט טאַנצן ביי אים טאָג ווי נאַכט וואָס ער פאַרשטעלט זיך אַזוי, טפו! — שפּייט מען אויס און מ׳מיידט אויס ווי ווייט מעגלעך פאַרבייצוגיין דאָס הויז אָדער אַרויפצוגיין אויף זיין פּאָטשענע.

אָבער אַז מ׳מוז שוין צוליב עפּעס וואָס אָנקומען אַהין, גייט די ציטערניש דיר פּאָרויס נאָך איידער מ׳גנבעט זיך דורך די הינט וועלכע זיינען צוגעבונדן צו די לאַמטערן־סלופּעס און מ׳קומט צו צו דער געקאָ־וועטער טיר אַ צי צו טאָן דאָס צינגל פון דעם גלאַנציקן גלאָק אין דער רעכטער זייט. ממש אַ פּאַניק באַפאַלט שטייענדיק פאַרן בלישטשענדיקן צלם אינעם געשליפענעם גלאָז פון דער נישע. זעסט כמעט גאָרנישט נישט וואָס עס איז פאַר דיר, נאָר פילסט, אַז גאַנצע פּאַליעס אַנגסטן בליאַסקען פון דאָרט אַרויס און פאַרבלענדן און מאַכן אָפּהענטיק. קוים וואָס מ׳באַוויזט נאָר אָפּצוזאָגן דעם „שקץ תשקצנו" אין זיך בלויז, דאַרף מען שוין אַראָפּנעמען דאָס היטל, ווייל אָט עפנט זיך די טיר און אויב דאָס היטל איז נאָך אויפן קאָפּ, וועט די טיר זיך צוריק פאַרהאַקן הינטער דיין נאָז אָן אָפּילו אַ וואָרט אַרויסצורעדן. דאָס איז אויב ער אַליין, דער פּאַן כאַרקאָווסקי, וועט עפענען די טיר. דערזעט ער אַז מ׳שטייט נאָך אין היטל און נישט אויסגערעדט זאָל זיין מיט בלאָטיקע שטיוול, טוט ער

אַ פאַרהאַק די טיר און בלייבט שטיין הינטערן געשליפענעם גלאָז מיט אַ דין פאַרגליוועלטן שמייכעלע פון שפּאָט און ביטערן חוזק. נאָר טאָמער חלילה וועט דער בן זיינער מיטן פאַרשאַרצטן חוצפּהדיקן נעזל עפענען די טיר און דערזען דעם באַהיטלטן, איז גאָר ביטער. נישט ווײסנדיק ווי אַזוי, קען דאָס היטל אַ פלי טאָן פון קאָפּ אַראָפּ גלייך אין דער בלאָטע אַריין, און ווי אַ צולאָג זאָל אַ הונט אַ שפּרונג טאָן אויף דיר און אַרויסנעמען דאָס חיות ממש. ווען נישט וואָס די אַלטע פּריצהטע לויפט אַרויס אין איין אָטעם כדי צו פאַרהיטן פון אַ צרה, וואָלט קיינער נישט געוואָגט צוצוקומען נאָענט צום הויז. היט מען זיך טאַקע ווי ווייט מעגלעך אַרומצוגיין דאָס הויז און סיידן מ׳קען זיך נישט העלפן אין די פרילינג און האַרבסט בלאָטעס, ווען מ׳מוז אַרויפגיין אויף דער פּאָטשעגע כדי צו קענען דורכגיין, אָדער ווען אַ בהמהלע פאַלט פלוצים אַוועק, נעמט מען דאַן די נשמה אין די הענט און מ׳ציט דעם גלאָק מיט ציטערנדיקע פינגער.

בלויז ווען פון יענער זייט פון דער „לאַנגער בריק״, פונעם גרויען קלויסטער אויף דער לאַנקע דאָרט, ציען אָן די מאָנאַכן מיט די פענער און בילדער צום „קלויסטער־גאָרטן״, קען מען פראַנק און פריי שטיין אויף פאַן כאַרקאָווסקיס פּאָטשעגע און צוקוקן זיך ווי די מחנה רינגלט אַרום דעם אָפּגעכוימלטן הילצערנעם צלם ביים טויער און פּרעפּלט עפּעס מאָדנע תפילות אויף אַ נישט פאַרשטענדלעכן לשון מיט אַ יאָמערלעך גרילצנדיקן ניגון. אָבער וואָסער „לייטיש קינד״ פון געסל קען דאָרט לאַנג איינשטיין? ווייל ווי נאָר די מחנה טוט זיך אַ זעץ אַוועק אויף די קני און די בילדער מיט די פענער שטרעקן זיך אַלץ העכער איבער זייערע קעפּ, פאַרגעסן אַלע שכנים פון די גויאישע הייזקעס זייער שנאה צו דעם פרעמדן געפּרעפּל, נעמען זיך אויך קניען און צלמען מיטזינגענדיק מיט גרויס געפיל און נאָכזאָגנדיק די ווערטער פון די פרעמדע תפילות ווי אַריינבעטנדיק אַ דערווייטערטן קרוב וואָס קערט זיך אום אַהיים. פון זיך אַליין ווערט עס. די פענער צעפלאַטערן זיך עפּעס אַזוי היימישלעך אין אַלע זייטן און דאָס געזאַנג טראָגט זיך לייכט און לינד און זיכער אין דער הויך און בינדט און פאַרקניפּט דאָס גויאישע געסל מיטן „קלויסטער־גאָרטן״ מיט נישט זעבאַרע באַנדן וואָס זיינען דאַכט זיך קיינמאָל נישט איבערגעריסן געוואָרן, נאָר זיינען געווען באַהאַלטן די אַלע יאָרן אין

ווייטן קלויסטער, וועלכער אײַנזאַמט דאָרט אין פֿאַרגעסנקייט אויף דער לאַנקע פֿון יענער זייט בריק.

אַ יידיש קינד טוט דאַן אַ ציטער אויף, בלייבנדיק דער איינציקער וואָס שטייט צווישן דעם קניענדיקן עולם. פֿון זיך אַליין טוען זיך ביידע גראָבע פֿינגער אַ שטעק אַריין אין די אויערן; די פֿיס איילן טאַמלענדיק אַרויסצורייסן זיך פֿון די פֿרעמדע באַנדן כדי וואָס פֿריער אַריינצוקריגן זיך אין אַ יידישער שטוב. אין איין אָטעם לויפֿט מען, ווייל אַלע טירן און פֿענצטער פֿאַרהאַקן זיך שוין און שליסן זיך אָפּ. די פֿרעמדע קולות גרוילן אָבער נאָך די איילנדיקע טריט און עס ציט און עס מאַניעט כאָטש נאָך איינמאָל אַ בליק צו טאָן הינטער זיך. ממש ווי דער שטן אַליין וואָלט זיך פֿאַרמאָסטן צו פֿאַרפֿירן יידישע קינדער ביי זיך אין דער היים.

ד

דער טאָג הייבט זיך אָן אין געסל זייער פֿרי. אין יעדער הויז אויף זיין שטייגער און יעדער טאָג אויף זיין אופֿן. אַ זונטיק איז נישט גלייך צו אַ מאָנטיק און אַ דאָנערשטיק צו אַ פֿרייטיק פֿאַרטאָג; אָפּגערעדט שוין פֿון אַ שבת און יום־טוב פֿרימאָרגן.

יעדער הויז אין געסל האָט אויך זיין באַזונדערן פֿאַרטאָג. ווען גאַנץ געסל ווייסט אַז היינט וועט דאָס ערשטע פֿייערל אַ צוק טאָן אינעם נאָכט חושך פֿון דעם און דעם הויז אַרויס. אַלע אָבער וואַרטן צו הערן דעם ווייטן אָפּקלאַנג פֿון יאַשע שמשעס הייזעריק פֿאַרשלאָפֿן קול, וואָס באַגלייט זיין לאַדן־קלאַפּן אין די „רינג־הייזער״: „שטייט אויף יידעלעך צו תהילים!״

אַהער קומט ער נישט. ס'איז צו ווייט פֿון שול און באָד־געסל, אָבער דאָס ווידער־קול דרינגט אַריין אויך אין „שמאָלן געסל״.

זונטאָג פֿאַרטאָג, שיינט דאָס ערשטע פֿייערל פֿונעם בוידעם־שטיבל פֿון יונה דאָרפֿס־גייער. ווי אַ לאַנגער שאָטן טוט ער אַ שפּאַן דורך דאָס געסל אין איילעניש; די קאַפּאָטע פֿאַרשאַרצט אויף אַ העלפֿט און פֿאַרבונדן מיט אַ שטריקל, וואָס אַ שפּיץ דערפֿון באַמבלט זיך אים אין סאַמע מיטן פֿון איינגעפֿאַלענעם בויך; דער זאַק, אין גאַנצן אַ ליידיקער נאָך, הוידעט זיך איבער זיין שמאָלער פּלייצע וואָס ער האַלט אין איין הייבן אַרויף און אַראָפּ, ווי ער וואָלט מיט דעם צוגעשטימט צו עפּעס אַ געדאַנק וואָס מאַטערט

אים. ער וויל אַלעמאָל זיין דער ערשטער אַרויסצוגיין פון שטאָט. פאַרן דאַווענען נאָך איילט ער זיך אַרויס און כאַפּט אַריין דאָס דאַווענען מיט אַן ערשטן ביסן ביי משה פּרעספּער, וועלכער איז דער איינציקער ייד וואָס וואוינט אין סאַמע עק פון דער גויאישער פאָרשטאָט, נאָך די זאַמדן שוין און נאָענט פונעם וועלדל וואו עס געפינט זיך שוין דער אָנהייב פון די ערשטע געבייען פונעם פּריצס גיטער. אויב ער וועט קומען דער ערשטער אַהין, קען ער נאָך אָנהייבן די וואָך מיט אַ גרויסער מציאה. נישט אומזיסט וואוינט משה פּרעספּער אין אַ גויאיש הייפל. טשאַטעוועט יונה אַלעמאָל אָפּ דעם ערשטן פאַרטאָג פון וואָך צו זיין דאָרט מיטן ערשטן בלייך פון טאָג. די שבת נאַכט איז אַ סגולה פאַר אַזעלכע זאַכן, טענהט ער מיט דערפאַרונג, און ערשט דעם קומענדיקן פרייטיק ווען ער קומט צוריק מיט אַ פולן זאַק, וועט מען זיך דערוויסן צי עס האָט אים געגליקט.

— „די מציאה" איז שוין געקומען — וועט מען דאַן אין געסל אַ זאָג טאָן האַלב אין חוזק האַלב אין גרויס נייגעריקייט — „שוין צייט ליכט צו צינדן" — קוקן זיך שכנטעס איבער און זעען נישט מער ווי דער לאַנגער יונה שלעפּט זיך אַ מידער הייבנדיק די שמאָלע פּלייצעס אַרויף און אַראָפּ ביז ער פאַרשווינדט אין דער גרויסער טיר וואָס פירט צו זיין בוידעם פון וואַנען עס וועט באַלד זיך אַ טראָג טאָן אַ קוויטש אַזאַ וואָס איז אי אַ געבייזער אי אַ צופרידענער חוזק: מציאה!

דאָס איז אַזאַ קבלת פנים פון דער פאַרזעסענער טאָכטער וואָס איז אַ ביסל געריררט פון זינען און קומט זעלטן אַרויס אין דרויסן. סיידן זומער, אין די גרויסע היצן, ווען זי שטעקט אַרויס דעם קאָפּ דורכן אָפענעם פענצטער און לאַכט אויפן קול, אָדער אין האַרבסט ווען עס מורזשעט אַ דין רעגנדל וואָס נאַדלט דורך דאָס לייב, שפּאַנט זי מיטאַמאָל אַרויס אין געסל און קוקט יעדן אין פנים אַריין מיט אַ נאַרישן שמייכל: „איי, אַ מחיה, אַ וואַרע מציאה כ׳לעבן".

מאַנטיק גאַנץ פרי, בליצן אויף די ערשטע פייערלעך אין מאירטשעס קראַשעס הויף און באַלד נעמט אָפּהילכן אַ הייזעריק איבערשרייען זיך פונעם אַלטן מיט די בנים:

— פאַרגעסט נישט די זעג, פּרעסערס!

— שיקע, היט זיך מיט די העק! פאַרפּאַק די דאַלאַטעס!

טעסלערס זיינען זיי און לאָזן זיך מיט האַק און פּאַק צו דער אַרבעט ערגעץ אין אַ נאָענטן דאָרף. זייער טומל וועקט אויף אַלע שכנים און רייסט אויף חיים בליאַכער (בלעכער) וואָס נעמט וועקן דעם לערן־יונג זיינעם מיט אַזאַ האַרצרייסעניש אַז מ׳מוז זיך צעלאַכן: „מאַכסט דאָך מעך אימגליקלעך מיט דיין פּאָפּן. מ׳מי מע דאָך (מיר מוזן דאָך נאָך) נאָך היינטיקע וואָך באַדעקן דעם גאַנצן קאָסציאָל״. דער מייסטער בלעכער פון געגנט איז ער און וואו אַ דאַך פון אַ פּריצס הויז אָדער קופּאָל פון אַ קלויסטער וואָס בלאַנקט מיט ווייסקייט אין דער זון אין דעם געגנט, איז עס חיימס אַרבעט. ער איז שטאָלץ מיט זיין מלאכה און גרויסט זיך קעגן די טעסלערס:

— ווער זעט ענקער טעסען וואָס עך טעסעט מיט אַלע כוחות. מ׳פאַר־שמירט עס און מ׳פאַרדעקט עס. עך זיץ מיר אין דער הויך און זע די גאַנצע וועלט און אַלע זעען מיך.

אין שותפות איז ער מיט די קראַשעס בלויז אין זומער. זיי פאַרבויען און ער באַדעקט. ווינטער אָבער אַרבעט ער אין דער היים און גרייט צו אַ אַזעלכע זאַכן וואָס מ׳קען אַפילו אין דער גובערניע נישט קריגן. פאַרשידענע טעפּעלעך און בלעכן און מנורות און וואָס נישט. גאָלדענע הענט האָט ער, אָבער די גרעסטע מייסטערשאַפט לייגט ער אַריין ווען עס קומט צו באַדעקן אַ מקום קדוש. אין יענע טעג קען ער זיך קוים דערוואַרטן אַרויפצוכאַפּן זיך אויפן דאַך און דער קלאַפּ פון זיין העמערל גייט כסדר מיט אַ משונהדיק זינגען און זאָגן וואָס טראָגט זיך פון דער הויך מיט אַן אָפּקלינגענדיקן עכאָ אַרום און אַרום. און ווען עס קומט אים אויס באַשלאָגן אַ משופּעדיקן קופּאָל פון אַ קלויסטער גרייט ער זיך צו דעם אויך ווי צו אַן עבודה. צוגעבונדן צו דעם הענג־שטריק, קומט אים אויס האַלב ליגנדיק צו אַרבעטן און עס זעט אויס ווי ער וואָלט אַרומגענומען דעם קופּאָל און זיך צוגעדריקט צו אים מיט אַ באַזונדער הנאה. ווען ער האָט דאָס ערשטע מאָל דערפילט דעם תענוג וואָס די אַרבעט פאַרשאַפט אים, איז ער אויף צו מאָרגנס אַוועק צום רב פרעגן אַ שאלה צי מעג ער אַרבעטן ביים באַשיינען אַ תיפלה. דער רב האָט אָבער גלייך נישט געענטפערט, האָט ער זיך גענומען פאַר־ענטפערן: „כ׳מאַך שבת פון דעם, רבי, מיין אברהמעלע לערנט ביי ר׳ לאָזערן, גאָט צו דאַנקען, און איך אַליין זינג פון אויבן דאָרט נאָר יידישע ניגונים.״

„און דער, דאָרט פון אויבן, אויפן שפּיץ?" — האָט דער רבּ אים סתּם אַזוי איבערגעשלאָגן.

— אָ, דאָס רבּי, האָב עך גאָרנישט אין זין, איך קיק בלויז אויף מיינע בלעכן און אויף דער וועלט. ווען עך זעט ווי עס זעט אַלץ אויס פון אויבן, רבּי, איי האָבן מיר אַ גאָט אויף דער וועלט!

— אויב אַזוי, זינג זשע ווייטער. נאָר קיין כּשרע ווערטער איז נישט כּדאַי דאָרט אַרויסצוברענגען.

פונדעסטוועגן, יעדעס מאָל ווען ער אַרבעט אויף אַ קלויסטער היט ער זיך דאָן צו זאָגן וואו ער אַרבעט, און ווען די טעסלערס ווילן אים מיטנעמען אויף זייער וועגעלע, זאָגט ער זיך אָפּ. ער גנבעט זיך אַרויס פון געסל און פאַרשווינדט אויף אַ גאַנצער וואָך. אַפילו זיין עלטערער זון לייזער דער גרויסער וואָס העלפט אים ביי אַלע אַרבעטן, קען זיך קוים איינבעטן ביי אים ער זאָל אים מיטנעמען צו דער אַרבעט. „די לאָז מעך געמאַך. ס'איז צו הויך פאַר אַזאַ שנעק ווי די. עסט נאָך צייט האָבן צו דער ביטערער פּרנסה".

דערפאַר אָבער, אַז עס קומט שבת נאָכמיטאָג אין אַ זומער טאָג, זיצט ער צוזאַמען מיט די קראָשעס אויף דער הויכער פּאָטשענע פון זיין הויז, קנאַקט קערעלעך און שיינט מיט נחת דערציילנדיק פון נייע מאָדנע בלעכן וואָס זיינען איצט דאָ, וואָס קענען באַשיינען די וועלט. מ'דאַרף זיין אַ מבין אויף זיי, פאַרגייט ער זיך אין התלהבות ביז די קראָשעס קענען עס שוין מער נישט פאַרטראָגן און לאָזן אים איבער אַליין ביז מאָנטיק פאַרטאָג, ווען זיי וועלן זיך ווידער צונויפטרעפן ביי אַ געביי.

די אַנדערע טעג פון וואָך נאָך איידער עס שאַריעט אויף טאָג בליצט אויף גלייך אין „וואול" אַריין דאָס קאַניצל אין לייביש וואַסערטרעגערס חורבה, וואָס הויערט אויפן סאַמע שוועל פונעם „וואול", און אַלע מיסטן און ריחות וואָס טראָגן זיך פון דאָרט גייען מיט מיט אים אַ גאַנצן טאָג, ווען ער טרעט מיט געמאָסטענע טריט אונטער דער שווערער מאַסע פון די פולע קאַנען אָנגעהאָנגען אויף די פלאַכע קראַמיסלעך וואָס זיינע ברייטע פּלייצעס האַלטן אונטער. גאַנץ באַזאַכט און טראַט ביי טראַט גייט ער פון הויז צו הויז פון די רייכערע באַלעבאַטים פון „רינג" און איינצעלנע פון אַנדערע געסלעך. די רויטע ברייטע באָרד פאַרויס, גלייך ווי אַ ווירע

און מיט אַ הילכיקן טראַט שפּאַנט ער אַרויס נאָך פֿאָרן דאַווענען מיט די נאָך פֿריש טרוקענע קאַנען צו ברענגען דאָס ערשטע וואַסער פֿאַר חיים יונה מילנערס סאַמאָוואַר. די שווער באַנעגלטע שטיוול הילכן אָפּ אויף די קליאַדקעס און גאַנץ געסל ווייסט, אַז לייביש שפּאַנט שוין אין דער פֿינסטער צו דער קרעניצע וואָס צווישן די בערג, העט נאָכן ווייסן קלויסטער, אַנצושעפּן קוואַליק קלאָר וואַסער פֿאַרן גביר פֿון שטעטל וואָס אַלע רופֿן שטילערהייט „דבר־אחר״, און האַלב שטאָט קוקט אויס אויף אַ טובהלע פֿון אים. ער פֿאַרמאָגט די שענסטע קאַמעניצע און די פֿאַראָווע מיל און וועלדער און פֿעלדער, און כאָטש אַ דבר־אחר און וואוינט הינטער דער שטאָט, נאָכן בית עולם שוין אַפֿילו, גרויסט מען זיך מיט אים און מ׳באַרימט זיך פֿאַר יידן פֿון אַנדערע שטעט מיט זיין גדולה. „אין אַן עת צרה איז פֿאַרט דאָ צו וועמען צו גיין זיך אויסוויינען...״ מ׳דערציילט זיך נאָך זיינע חכמות און מ׳האָט רחמנות אויף זיין חיה רחלען נעבעך, וואָס גייט ממש אויס ווי אַ ליכט אין די גרויסע סאַליעס אירע. זי וויל צוריק אין שטאָט אַריין צווישן יידן, אָבער ער, מיט זיינע חכמהלעך, פֿירט זי אַרויס אויפֿן גאַניק פֿון זיין קאַמעניצע פֿון וועלכן מ׳קען אַריינקוקן גלייך אין בית עולם אַריין.

„זעסט, חיה רחלע, דאָרט זיינען אַלע שיינע יידן און אַזעלכע שטילינקע, אַ מחייה. איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר וועלן מיר בלויז אַ שפּרינג טאָן פֿון גאַניקל גלייך אַהין.״

א „דבר־אחר״ טאַקע, נאָר בשעתן גרויסן יקרות נאָך דער גרויסער טריקעניש, נישט היינט געדאַכט, האָט פֿונדעסטוועגן דאָס גאַנצע געסל בעגעסן חלה שבת און יום־טוב, און אין גלייכן געלט. נאָר אַ גביר האָט אַ גרויס מויל. ס׳איז אַ סברא, אַז דאָס האָט ער זיך אַליין אַ נאָמען געגעבן דבר־אחר. מ׳זאָל אים קיין גוט אויג נישט געבן און צוליב דעם זיך אַרויסגעצויגן פֿון שטאָט.

ער האָט אַפֿילו אַן אייגענע ברונע ביי זיך אויפֿן הויף, אָבער דעם סאַמאָוואַר גאַנץ פֿרי מוז מען מאַכן פֿון קרעניצע וואַסער. כאַפּט דערוויל לייביש אַריין אַ גוטן פּעטשאַטיק אויפֿן ניכטערן מאָגן. דאָרט זאָגט ער טאַקע אַ יידיש וואָרט און נעמט עפּעס אין מויל אַריין, און אַז די דינסט איז אין אַ גוטער לוינע, ברענגט ער נאָך אַהיים אויך עפּיס צום איבערבייסן.

דערנאָך קען ער זיך שוין אַרויסלאָזן טראָגן פלומפּ וואַסער צו זיינע באַלעבאַטים. דאַנערשטיק און פרייטיק פאַרגעסט לייביש אין זיין געמאַס־טענעם גאַנג. ער איילט זיך און קען נישט דעריאָגן דאָס בייזערדיקע נאָכ־שרייען און טענות פון די באַלעבאָסטעס: ר׳ לייביש, מיר פריער, איך דאַרף אָפּגיסן דאָס פלייש. כ׳וועל נאָך איבער ענק חלילה מחלל שבת זיין, ר׳ לייביש! ער, אָבער, איילט און איילט. די רויטע באָרד פלאַטערט און די פּאָלעס שוין אין גאַנצן נאַסע, פּאַטשן מיט אַ שליאַפּ שליאַפּ אין די כאַליעוועס. ער איז שוין אַביסל געבויגן פון איילעניש. ער וואָלט וועלן אַלעמען ברענגען פריער, אָבער אַז ער קען זיך שוין קיין עצה נישט געבן, ווייל איניקע מיוחסטעס רעדן שוין גאָר הויך מיט אַ קוויטש און אַנדערע נעמען אים אַפילו שלעפּן צו זיך, ווערט ער שוין גאָר אויסער זיך. גייט ממש אַרויס פון די כלים. טוט זיך מיטאַמאָל אַ שטעל אָפּ, לאָזט אַראָפּ די קאַנען אויף דער ערד, טשעפּעט אָפּ די קראַמיסלעס און שפּאַרט זיי אַן אויפן אַקסל און לאָזט זיי הוידן זיך ווי עדות אויף דעם וואָס ער וויל זאָגן: — „זעיטץ נאָר זעיטץ, מ׳צערייסט מעך קיינעהאָרע (קיין עין הרע) און אויף שבת האָב עך ניש״.

אָפּגעזאָגט דאָס זייניקע, שטייט ער אַ ווײַלע אַן אויסגעשעפּטער און נעמט זיך ווידער צו די קאַנען, נאָר שוין ווי געוויינטלעך מיט אַ געמאָסטענעם טראָט און באַזאַכט:

— שקושע (נישקשה), עץ ׳עט ביי מיר אַלע האָבן וואַסער אויף שבת. דער טאָג איז נאָך גרויס, שקושע!

ה

גלייך מיטן שפּראָץ אויף טאָג שטייט אויף גדליה שוסטער, וועלכער איז אויך אַ בייגל בעקער עטלעכע טעג אין וואָך. אויפן אויבערשטן גאָרן וואָס איז איבער לייביש וואַסערטרעגערס חורבה וואוינט ער. „עך קיק מיר אַריבער דעם „וואול״. — חכמהט ער זיך, — אַז כ׳עפן נאָר די אויגן, זע איך שוין דעם וואַלד זאָגן „מודה אני״.

אויף אים זאָגט דאָס געסל, אַז ער פאַרגינט נישט די הענער זאָלן קרייען פאַר אים. פלייסט ער זיך צו פעדערן איידער נאָך די הענער כאַפּן זיך איבער אויף די בוידעמער. און כדי די שכנים זאָלן חלילה נישט מיינען,

אַז ער האָט זיך פאַרשפּעטיקט, עפּנט ער גלייך אַ פענצטער און ציקלט זיך הויך און דין, צוקלאַפּנדיק מיטן שוסטער העמערל — אין די טעג ווען ער שוסטערט, און פלעמענדיק מיט דער לאָפּעטע אין אויוון אַריין — אין די טעג ווען ער באַקט די דינע געזאָטענע פלעצעלעך און קרישלענדיקע בייגל, וואָס פאַרשמעקן באַלד אַלע באַלעבאַטישע הייזער פון געסל און „רינג".

ווינטער און זומער האַלט ער אָפן „אַ פענצטער צו דער וועלט" און עס טראָגט זיך גלייך דורכן „וואול" און איבערן געסל זיין פייערלעך חזרן דעם ניגון פון טראָפּ: מהפך פשטא, מונח אתנחתא! גדליה איז דער בעל קורא אין בעל מלאכהשן שולעכל, און מיטן חיות פון שבתדיקן לייענען לעבט ער אַ גאַנצע וואָך. דאָס קול איז ביי אים קלאָר און ווייך. ער קען עס קרייזלען לייכט און גרינג און אויסציען ווי אַ פידעלע. מ'זעט ממש בחוש ווי די קרייזלעך ניגון ציקלען זיך אַרויף צוזאַמען מיט די פלינקע פונקען וואָס פליען פונעם קוימען העכער העכער איבערן „וואול" און ווערן נעלם ערגעץ אונטערן זיך רויטלענדיקן הימל, וואָס שפּרייט זיך ווייט און ברייט איבער די שטום געקעסטלטע גערטנער אַזש ביזן וואַלד.

צו גדליהס לייענען אין בעל מלאכהשן שולעכל הערט מען זיך צו מיט הנאה און קיינער וועט נישט ארויסגיין אין דרויסן אפילו אין די הייסטע זומער שבתים. דער עולם זיצט שטיל און פון זיך אַליין ציט מען מיט ווען ער גיט זיך אַזוי אַ פאַרציענדיקן ציקל: „ועתה, לכה נא ארה לי את העם הזה, כי עצום הוא ממני". הערט מען אין שאַרפן ציקל די אייביקע צישנדיקע שנאה צום עם ישראל, ווי זי פלאַמט אַרויס פון געלע פאַרמעטן, און אין דער זעלבער צייט גלעט אַן אונטערטאָן פון זעלביקן ניגון מיט אַזאַ זיכערן ביטול צום גאווהדיקן, צעשראָקענעם בלק. אַזוי אַז נצח ישראל אַליין חוזקט, דאַכט זיך, מיט זיין ניגון אויף אַלע בלקס, וואָס קענען טאַקע בריענדיק אַ צישע טאָן אין אַ הייסן שטיקנדיקן זומער טאָג, אָבער עס וועט קומען אַ פלאַמיק טרוקענער פראָסט וואָס פאַרהאַקט דעם אָטעם פון אַלע שונאי ישראל מיט אַ פאַנצער פון דויערנדיקן שטאָלץ: „ואלה המשפטים אשר תשים לפניהם: כי תקנה עבד עברי, שש שנים יעבוד ובשביעית יצא לחפשי חינם."

צווישן „עמך" גרויסט מען זיך מיט גדליהן. ער איז שוין כמעט אַ

באַלעבאַטישער ייד, כאָטש אַ בעל מלאכה. אים פאַרגינען אַלע זיין סאַמעטן היטל אום שבת און די זיידענע קאַפּאָטע אום יום טוב. בעל מלאכות האַלטן עס אים נישט אַפּער, און „שיינע יידן" טראָגן נישט קיין פאַריבל אויף אים. פאַר גדליהן האָט מען אַפּשיי. חסידים און דער פּער פון „רינג" און די אַנדערע געסלעך שטערן נישט זייערע גמרא בחורים, וואָס „גענדזלען" זיך שוין, אַרויפצוקלעטערן יעדן פרייטיק נאָכן טשאָלנט פאַררוקן אויפן גאָרן צו גדליהן און מעביר סדרה זיין צוזאַמען מיט אַלע „סמאָלע קעפּ" פונעם געסל. גדליה מאַכט זיך ווי ער באַמערקט זיי נישט אָבער זיין פּנים לייכט אויף ביי זייער אַריינקומען; די שוואַרצע אייגעלעך וואָס שיינען אַרויס פון זיין פולן פּנימל באַזיימט מיטן קורצן געלן בערדל טוען אַ בלישטש און מער גאָרנישט. דאָס דויערט אָבער בלויז אַ פּאָר סעקונדן, ווייל באַלד טוט ער אַ פאַרוואַרף אַ פוס אויף אַ פוס מיט שוסטערישער פלינקייט און הרחבה, טוט זיך אַ גלעט דאָס בערדל און מאַכט גאָר אויפגעלייגט: „נו, חברה, טיט נאָר אַ פלעם מיטן הייליקן ניגון: „כי תצא למלחמה על אויביך — — "

דאָס צימער וואָס איז אי אַ וואַרשטאַט, אי אַ שלאָף און עסצימער, איז שוין האַלב צוגערוימט; דער גרויסער, גלאַטער וואַלגער־טיש געלט אַ באַרוטער שוין און אָפּגערייניקט פון טייג. דאָס שוסטערישע געשטעל אין ווינקל איז פאַרדעקט מיט אַ גרוי דיקן ליילעך און די גדליהכע אַ פאַרפלאַמטע פונעם פּאָרען זיךביים אויוון, איז פאַרטועו אין פאַרווייסן די שוואַרצע ראַנדן פונעם אויוון־טירל. מיט יעדן שמיר פון בערשטל מיטן ווייס־ליים, דעקט זיך צו אַ שטיק וואַנט און אויס מיט דער בעקעריי. אויס מיט דעם האַוועון פון אַן אַרבעטס הויז. ס'איז אַ „חדר" איצט, פול מיט אַ היימישן און דאָך אור־אויסטערלישן ניגון, וואָס אַט ריזלט ער ווייך און פּוכקע ווי אַ דורכזיכטיק געל טייגל פון וועלכע מ'מאַכט דאָ אַ גאַנצע וואָך די דינע מאַן־פלעצעלעך, און אַט איז דער ניגון ציקלדיק און פּרוכקע ווי די געזאָטענע בייגל, וואָס צעדינען זיך אין מויל, טעם גן־עדן; און אַט ווערט דער ניגון גאָר שאַרף, אַנגעצויגן ווי אַ האַרטע דראָטווע. שטעכט מאַנענדיק און האַרב; רייצט זיך מיט וועמען מיט געבייזער און פאַרענדיקט מיט אַ ברום און אָפּהילך פון וואָרנענדיקע תוכחה־רייד. דער ניגון שמייסט, בריט די יונגע הערצלעך און שניידט זיך טיף אַריין אין דער נשמה. די אייגעלעך

פון די יינגלעך גלאַנצן מיט אַ גליאיקן בליאַסק און אַלע קעפּלעך זיינען איינס מיט די מיילער וואָס ציקלען און וויקלען זיך נאָך גדליהס קלאָר און לויטער קול: „תחת אשר לא עבדת את ה׳ אלוהיך בשמחה ובטוב לבב מרוב כל.״

קיין געלט נעמט ער נישט פאַר לערנען מעביר סדרה זיין, אָבער באַלעבאַטים האַלטן עס שוין פאַר אַ מנהג, אַז אין די טעג פון חנוכה און פורים, ווען מ׳שיקט יום טוב געלט צום רב, חזן, שמש און מלמד, האָט מען אים שוין אויך אין זינען מיט עפּעס. אין יענע טעג זיצט ער זיך ביים טיש ווי אַ כלי קודש, אָנגעטון אינעם סאַמעטענעם היטל, און יעדעס מאָל ווען אַ יינגל דראַפּעט זיך אַרויף אויף די פאַרשנייטע טרעפּ ציקלט ער אויף מיט הרחבה און נחתדיקן שמייכל: וואויל, גאָר וואויל, זאָלסט מיר דערלעבן אַנטקעגנצוגיין משיחן מיט ברויט און זאַלץ״.

— וללוי אמר: אוריך ותומיך לאיש חסידיך — ברומט ער זיך אונטער ברייטלעך מיטן קריאה ניגון און דערלאַנגט דעם שעמעוודיקן יינגל אַן אויסגעבאַקן פּלעצעלע און זעצט זיך צוריק צום גרויסן ווייסן טיש וואָס איז אין די טעג אָפּגערוימט און פאַרדעקט ווי אין אַ פרייטיק נאָכמיטאָג.

מיט צוויי זאַכן גרויסט זיך גדליה און לויבט דעם אייבערשטן דערפאַר טאָג און נאַכט: „פאַר אַזאַ חסד, סטייען גאָרנישט קיין לויב געזאַנגען אין תהילימל. נאָר דאַנקען דעם השם יתברך וואָס ר׳האָט מיר געשאָנקען אַ קול נגינה, צאָל איך אים מיטן זייניקן.״ אַ קלייניקייט עפּעס, אַ בעל קורא איז ער איינער אין שטעטל און דאַרף פון דעסטוועגן נישט אָנקומען צו קהלס ברויט, ווייל ר׳איז אַ נהנה מיגיע כפיו. דער טאָג איז זיינער, ווען עס ווילט זיך אים טוט ער זיך אַ זינג אויף, אַז דאָס גאַנצע געסל שטעלט אויף מויל און אויערן.

זיין טאָג הייבט זיך אָן פאַרפרי און איז גוט פאַרטיילט צו גאָט און צו לייט. אָפּגעפּאַרטיקט זיך מיטן באָקן, איילט ער אין בית מדרש אַריין דאַווענען און לאָזט איבער פאַר דער גדליהכן דאָס פאַרקויפן די פּלעצלעך און בייגל. „עך בין אַ בעל מלאכה, ניש קאַ קרעימער״ — טענהט ער מיט איר ווען זי האָט תרעומות פאַר וואָס ער לאָזט זי אַליין מיט דער סחורה, וואָס הייבט זיך אָן אויספאַרקויפן ווען ס׳איז שוין ליכטיק אין דרויסן. „והשנית — שטילט ער זי איין — ס׳איז דאָך בלויז אַ פּאָר פרימאָרגנס אַ וואָך און דאַווענען מיט מניין דאַרף מען יעדן טאָג.

באַקן באַקט ער נאָר דינסטיק, מיטוואָך און דאָנערשטיק. זונטיק און מאָנטיק זיינען נישט קיין גוטע טעג פאַר בייגל און פלעצלעך, ווייל ס'איז נאָך דאָ פון שבת אַ פיצל חלה און קוילינטש, און פרייטיק באַקן שוין באַלעבאַסטעס אַליין אויף שבת.

אין די פאַרטאָגן ווען ער באַקט נישט, שוסטערט ער ביז עס ווערט ליכטיק און גייט דאַווענען אין חסידים שטיבל אַריין וואו ער פאַרזיצט זיך ביז שפּעט אויפן טאָג. „מ'קען דאָך נישט אַ גאַנצן טאָג שוסטערן. די שקראַבעס וועלן נישט אַנטלויפן" — גיט ער דער גדליהכן צו פאַרשטיין.

— און פון וואַנען וועט קומען דער שבת אין הויז אַריין, אַז די שקראַבעס וועלן ביי דיר פאַרלעגערט ווערן, שיינער ייד מיינער?! — דערמאָנט אים די אַלטע אין האַלבן געבייזער — פון מיינע פליקעכצן? — רוקט זי אַריין די הענט אינעם טאָפּ מיט פעדערן וואָס שטייט פאַר איר — פליק און פליק און ער פטרט גאַנצע טעג מיט גאָרנישט.

— ביסט זאָלסט מיר מוחל זיין אַ כשר בהמהלע. די פליקסט דאָך דאָ שטיקער עולם הזה, און יענע וועלט איז ביי דיר גאָרנישט? — וויצלט ער זיך גוטמוטיק — ביז די וועסט פאַרטיק ווערן מיטן פליקן דאָס ביסל עולם הזה, וועל איך דערווייל אַריינכאַפּן אַ פּאָר קדושהלעך, איי וועט עס צונויפקומען איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר.

— און אַ פּאָר קניזשעלעך מיט בראָנפן צו פאַרבייסן — קרימט אים נאָך די אַלטע און פלאַמט אויף מיטן גאַנצן קיילעכדיקן פנימל אירן — זולל וסובאַניק, און דאָ וועט מען מיר אָפּרייסן די טירן נאָך די שקראַבעס זיינע.

ער הערט זי שוין אָבער נישט. אַרויסגעטענצלט איבער דער שוועל אויף איין פוס ממש און איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ שאַרפן זאָג, וואָס בלויז דער קלאַנג דערטראָגט זיך צו איר טאָפּ מיט די פעדערן.

— די וועלט איז דען נישט קיין וועלט, יידינע! די שקראַבעס וועלן נישט אַנטלויפן און צו די בלאָטעס איז נאָך העט ווייט.

אַ ווײַלע בלייבט די גדליהכע עפּעס ווי צעטומלט. טיף אין האַרצן טוט איר באַנג וואָס זי טשעפּעט זיך צו אים. לאַנד און לייט זיינען דאָך איר מקנא מיט איר גדליהן. וואו נאָר אַ שמחה, איז ער אויבנאָן מיט אַלע גרויסע לייט. וואָס זשע טאַקע וועט ער אויסזיצן גאַנצע טעג מיט די

שקראַבעס, אַז קיין לייטישן שוך צו מאַכן גיט מען דאָך אים סיי ווי סיי נישט מער. גאַנצע קריסטאַקראַטן געוואָרן די היינטיקע, לויפן אַלע צום וואַרשעווער שוסטער. שיכעלעך אָן שטיפטן ווילן זיי אַלע, האָט איר שוין געהערט אַזוינס ? אַמאָל, ווען די קינדער זיינען נאָך געווען אין דער היים און וועלט איז נאָך געווען וועלט, האָט מען זיך דאָך געגרויסט מיט זיינס אַ פּאָר שטיוועלעך. פאַרן קיסר צו שטעלן. גאָלדענע הענט האָט ער דאָך. ווער האָט זיך דען ביי אים נישט געניים קיין שיך ? פון זיינע לאַטשן האָט מען דאָך געלעקט די פינגער. מ׳האָט זיך געדאַרפט איינבעטן ביי אים ער זאָל אָננעמען אַרבעט. לעצטנס אָבער, זינט עס זיינען אָנגעקומען די נייע מאָדעס, זיינען די געוועלבן אָנגעפילט מיט גרייטע סחורה און בלויז דער וואַרשעווער האַלעבראַדניק האַלט זיך נאָך. אַנדערש פּאַסט זיי נישט די היינטיקע, נאָר גרייטס און מיט געפּלעקלטע שטעך, וואָס איינס און צוויי איז עס שוין אַ שקראַב און וואַלגערט זיך דאָ אין וואַרשטאַט.

„וואָס זשע וועט ער זיצן און היטן די שקראַבעס ?״ — טרויערט עס אין איר אַלטן מוח, און פון זיך אַליין צופן די פינגער די פעדערן און דער בליק בלאָנדזשעט פאַרלאָרן אויף דער וואַנט קעגנאיבער, וואו אינעם רעמל פונעם אָפּגעבליאַקעוועטן מזרח זיינען אַריינגעשטעקט די פאָטאָגראַפיעס פון די קינדער וואָס זיינען ערגעץ אין די מרחקים אַוועק.

ביי איר קומט עס אויס, אַז די נייע מאָדעס מיט די געוועלבן פון שיך וואָס האָבן געמאַכט אויסצודרייען פון גדליהס „גאָלדענע הענט״ און פאַר־שקראַבעוועט דאָס הויז, האָבן אויך אַרויסגעטריבן אירע קינדער און זיי צעשפּרייט איבער דער וועלט. אָט הענגען זיי אויף דער וואַנט אַזעלכע אויסגעפּוצטע טאַקע מיט קיילעכיקע פּנימער, גלאַטע און פרעמדע, אָבער דער מאַמעס אויסגעווייינטע אויגן זעען אַז דער שמייכל איז אַן אָנגעצויגענער, אַ געמאַכטער. „אַ מאַמען נאַרט מען נישט מיט אַן אויסגעסטראַצלט פּנים״ — זיפצט זיך עס פון זיך אַליין — „גאָט זאָל נישט שטראָפן פאַר די רייד. גאָר נישט קיין אייגענע צורה, נעבעך.״ אברהמל וואָס האָט געירשנט פונעם טאַטן אי דאָס קול נגינה, אי דאָס אונטערטענצלען בשעתן פריילעכן פלאַפּלען, האָט עוקר געווען ביניי־ביי ווי נאָר די ערשטע געשטעפּטע שיך זיינען אָנגעקומען אין שטעטל פון דער גרויסער שטאָט. „אַן אויס־כאַפּעניש, רחמנא ליצלן״. אין איין פרימאָרגן האָט ער אויסגעטאָן דאָס

פאַרטעך און אַ זאָג געטאָן: „כ׳על זיך דאָרט אין מקום אויך אויסלערנען דאָס שטעפּן און ווערן אַזאַ יאַ טי בע דאָם ווי זיי דאָרט.״

עס האָט נישט געהאָלפן דעם טאַטנס בייזערן זיך און דער מאַמעס געבעטן. ער האָט איבערגעלאָזט אַלץ מיט אַנאַנדער און אַוועק. אויף „דער מיטלסטער בריק״, האָט זי אים אין אַ רעגנדיקן האַרבסט טאָג אַרויפגעזעצט אויף אַרע באַלעגאָלעס וואָגן און צוזאַמען מיט זיינע חברים פון דער „פּאָזשאַרני קאָמאַנדע״ אים באַשוואָרן צוריקצוקומען וואָס גיכער. אויף צומאָרגנס, האָבן די חברים אָפּגעבראַכט דאָס מעשענע היטל זיינס מיט די צוויי דאַשקעס און געבעטן אָפּגעבן זיי די גלאַנציקע טרובע זיינע מיט וועלכער ער פלעגט אויפוועקן דאָס גאַנצע שטעטל בשעת אַ שׂרפה. הענגט דאָס היטל און גלאַנצט פון וואַנט אַראָפּ שוין יאָרן. אַ זכר פון די טעג ווען דאָס הויז איז געווען פול און אברהמל פלעגט יעדן מיטוואָך פאַרנאַכט זיך אַ פאַרפּוץ טון מיטן היטל און זיך אַוועקשטעלן אויפן גאַניקל און זיך צעטרובען מיט אַ הילך און טרעוואָגע. און באַלד האָבן פון אַלע זייטן גענומען לויפן הענדום פענדום די „פּאָזשאַרניקעס״ מיט העק, עמערס און האָקנס. צום פלומפּ אין מיטן „רינג״ זיינען זיי געלאָפן אין איין אָטעם, דאָרט וואו דער פייער גלאָק הוידעט זיך ווי אַ דערמאָנער אַז אין יעדער רגע קען אָנקומען די בראַנד. אויב ס׳איז טאַקע אַן אמתע שׂריפה ערגעץ, נעמט באַלד דער גלאָק אויך הילכן און פאַרטויבן דאָס טרובען, אָבער ווען ס׳איז נאָר אַ מאַנעוורע, שטעלן זיך די פייערלעשער אויס אַרום אברהמלען און מאַרשירן צו דער „שאָפּע״ אויסצופּרואוון די כלים צי זיי זיינען אין אָרדענונג. יונג און אַלט לויפן זיי נאָך און נישט איין טאַטע וואָרטשעט און האַלט אָפּער גדליהן ביים מנחה דאַווענען אין בית מדרש. „אויסגעזוכט זיך צו דרייען אַ מוח פונקט צו מנחה. קענסט אים נישט זאָגן, האַ?״ אין דער היים פלעגט גדליה אַליין אויך איינטענהן מיט אברהמלען און זיך בייזערן פאַר וואָס ער איז מבטל פון מנחה, אָבער אַז עמיץ האַלט אים אָפּער קען ער עס נישט פאַרטראָגן און ווישט יענעם אָפּ די נאָז: „אַז מ׳בלאָזט נישט אויפן קאַלטן, וועסטו זיך נאָך אָפּפּאַרען מיטן הייסן. זיי וועלן זאָגן צוויי שמונה עשרהס ביי מעריב״.

אין זיך איז גדליה געווען זייער צופרידן וואָס זיין אברהמל איז אַ גאַנצער מאַכער ביי די פייערלעשער און האָט נישט געקענט פאַרליידן

ווען עמיץ וויל פאַרמיִנערן זיין גדולה. „אברהמל נעבעך, וועט קומען אַ אויסגעמוטשעטער, גרייט אים עפּעס אָן", פּלעגט ער דערמאָנען סתם אין דער לופט אַריין, „די גאַנצע שטאָט איז אויף זיין קאָפּ". די אַלטע האָט זיך געמאַכט נישט הערנדיק אַ ווײַלע און זיך באַלד אַ שטעל געטאָן קעגן אים מיט אַ פולער טענה: „אַז ר'איז יאָ אַזאַ מאַכער, פאַר וואָס זשע האָט ער נישט עפּעס דערפון? זאָל דער „דבר־אחר" מיט זיינע בנים שלעפּן די קישקעס מיט וואַסער. זיי האָבן מער צו פאַרלירן. פאַר וואָס דאַרף ער עס עפּעס?"

— אברהמל נעבעך, — וויל גדליה עפּעס דערווידערן און אויפקלערן אָבער עס בלייבט אים שטעקן ערגעץ: „גיי גיב אַ יידענע צו פאַרשטיין אַזעלכע זאַכן". און ווידער, ער וויס, אַז אויך זי גרויסט זיך מיט אברהמלס גדולה. מ'דאַרף נאָר זען ווי זי פוצט זיין קאַסקע און ווי זי שטייט אַן אויסגעסטראַיעטע אויפן גאַניק און קוקט אים נאָך ווי ער לויפט און טרובעט און גאַנץ געסל לויפט נאָך. זינט אָבער ער איז אַוועק איז זי געוואָרן אויס מענטש. ווען די פייערלעשער צעטרובען זיך, גיט זי זיך אַ לאָז צום פענצטער צו זען צי ס'איז חלילה נישט קיין אמתע שריפה און פאַרמאַכט באַלד דאָס פענצטער מיט אַ קרעכץ: „אברהמל נעבעך!"

ווען דאָס ערשטע בילדל איז אָנגעקומען, האָט אים קיינער נישט דערקענט. אַ גלאַטער, אָן אַ היטל און אַ פאַרקעמטער מיט אַ שריַנט אין מיטן גרויסן קאָפּ האָט ער ארויסגעקוקט פונעם גלאַנציקן פּאַפּיר.

— אַן אָפּגעשטעפּטער, — האָט דער טאַטע אַ ציקל געטאָן מיטן אויסגעצויגענעם ניגון פון דער קריאה: „בניך ובנותיך נתונים לעם אחר „ועיניך רואות". די גדליהכע האָט אויפגעצאַפּלט און נישט געקענט אַרויס־ברענגען דעם „נעבעך".

— אברהמל, — האָט זי געגלעט דאָס בילדל פוןביידע זייטן ווי זי וואָלט וועלן דערפילן דאָס אייגענע פלייש און בלוט, אָבער די פינגער זיינען איר שטאַר געוואָרן; די גלאַטקייט האָט איר געקילט דאָס בלוט אין די אָדערן. עפּעס זעט זי נישט גוט. אונטערן לעפּעלע קוועטשט איר עפּעס און פאַר די אויגן שווינדלט. זי האָט זיך קוים צוגעשלעפּט צום וואַרשטאַט און זיך אָנגעשפּאַרט, און מיט אַמאָל דערזען דעם הויפן אַלטע שיך וואָס וואַרטן אויף די לאַטעס און פון זיך אַליין האָט עס אַרויסגעשליוכצט פון איר: „שקראַבעס"!

מער האָט זי דאָס בילדל נישט גענומען אין דער האַנט אַריין. אַריינגעשטעקט עס אינעם רעמל פונעם „מזרח" אין דער קרום, און אַזוי בליאַקעוועט עס דאָרטן שוין יאָרן. די אַנדערע קינדער האָבן די אויגן נישט אַראָפּגענומען פונעם בילדל און איינציקווייז זיך געצויגן נאָך דעם אין דעם ערגעץ וואו אברהמל איז געזעסן און געשטעפּט.

דאָס „קאַנאַריקל", דער צווייטער נאָך אברהמלען, האָט זיך איינמאָל צוגעזעצט צו איר און גענומען איינטענהן, אַז ער האָט דאָ נישט וואָס צו טאָן. האָט זי געקוקט מיט פאַרצאַפּלטע אויגן צום מאַן און צום מזרח אין איין ציטער. דער מאַן האָט אָבער מיט אַ משונהדיקער געשיקטקייט געצויגן אַ דראַטווע און געציקלט מיט אַ באַנומען און פרעמד קול:

„כ'צי אַהין, כ'צי אַהער
וואָס זשע קען איך טאָן מער?
איידל דידל דאָ, איידל דידל דאָ."

און דאָס בילדל אויף דער וואַנט האָט געקוקט פאַר זיך, און שטום געצויגן ווי מיט צוואַנגען. האָט זי געוואוסט אַז ס'איז פאַרפאַלן און געווישט די אויגן מיטן פאַרטעך. — אַבי עך האָב געמיינט צו טאַנצן כאָטש אויף דיין חתונה — איז איר דאָס קיילעכדיקע פּנים אויסגעצויגן געוואָרן און מיט וואַקלדיקע טריט גענומען אַרומשטאַלפּערן אין שטוב ווי אַ נעכטיקע.

אין עטלעכע חדשים אַרום האָט נאָך אַ בילדל געפונען זיין מקום מנוחה אינעם צווייטן ווינקל פונעם „מזרח". איצט איז דער גאַנצער „מזרח" פאַרדעקט מיט בילדלעך און די גדליהכע זיצט און פליקט מעכאַניש די פעדערן און קוקט און קוקט קוים וואָס זי זעט עפּעס.

ו

אין סאַמע מיטן פון „שמאָלן געסל" און איינגעשלאָסן ווי אַלע אין אַ שערענגע נידעריקע הייזלעך פאַרגאַרטלט מיט אַ הויכער פּאַטשענע, וואָס קוקט דורך אַ ליקל גלייך אין „רינג" אַריין, שטייט דאָס הויז פון ר' דוד דיין און שוחט. אין פלוג גענומען, איז עס דאַכט זיך איינס צווישן אַלע, אָבער דאָך איז עס אַנדערש און שטאַרט ממש אַרויס פון דער שערענגע. עפּעס איז עס אַלעמאָל וואַך, און די טיר וואָס עפנט זיך דאָרט פונקט צום טונקעלן ליקל פאַרמאַכט זיך קיינמאָל נישט. קענסט פון יענער

שוועל כאַפּן אַ בליק אויף דער פֿאַרנומענקייט פֿון מאַרק און אויף דער פֿאַרגליווערטער רו אין געסל.

די אָרעמקייט פֿון אַלע הינטערגעסלעך ציט זייער אָפּט אַהערצוצי: ווער מיט אַ שאלה צום דיין, אַן עצה אָדער אַ טענה; ווער מיטן ביטערן געמיט צו דער דיינטע אָדער דער אַלטער שוחטקע, און ווער סתם זיך אָנוואַרעמען און אַביסל זיצן. — „אַז מ׳גייט אַדורך, ווי קען מען עס נישט אַריינגיין זאָגן אַ גוטן טאָג" און אין איין וועגס אויסלייגן דערוויל דאָס אייגענע בינטל צרות און אויסרעדן זיך דאָס האַרץ: „דעם קינדס מעגעלע איז עפּעס נישט מיט אַלעמען, אפשר ווייסט די דיינטע פֿון עפּעס אַ מיטל אָן דער אַפּטייק, וואָס שניידט ממש די קעשענע; דאָס קעפּעלע נעבעך, איז עפּעס אַזוי פֿאַרפּאַפּט שוין, אַז מ׳קען זיך צו דעם נישט צורירן. אפשר עפּעס אַ שמירעכץ, האַ? דער, וואָס כ׳בין נישט ווערט צו דערמאָנען אומגעוואַשן, וועט ענק באַצאָלן. אַנומלטן, איז מיר מיינע ערגעץ פֿאַרפֿאַלן געוואָרן אויף אַ גאַנצן אָוונט און אַהיימגעקומען אַ פֿאַרפּלאָמטע, אַ פֿאַר־סאַפּעטע מיט עפּעס אַ שמאָטשע־ראָטשע. עך ווייסט דאָך, אַזאַ מין מחזורל נישט אויסגערעדט זאָל זיין פֿון די הייניטיקע, וואָזשע מיינט עך זאָל עך טיען דעמיט, האַ? נאַדיר אַזאַ צרה אויף מיין קאָפּ".

אויך „שטיבל יינגלעך", חברים און נישט חברים פֿון דיינס קינדער טרעפֿן אָפּט אַהין אַריינצוכאַפּן אַביסל לערנען און זיך צוזעצן לעבן די, מיט ווע‍מען דער דיין לערנט פֿון צייט צו צייט.

גאַנץ געסל ווייסט, אַז פֿעדערן דעם פּרימאָרגן פֿריער פֿאַרן דיינס הויז איז נישט מעגלעך. דאָרט ווערט גאָר קיינמאָל נישט נאַכט. אויף דעם הויז זאָגט מען, אַז אַפֿילו נאָך „קרישמע" (קריאת־שמע) האָט די נאַכט אויף דעם קיין שליטה נישט. דאָס קול פֿון לערנען און זאָגן טוט זיך פֿון דאָרט נישט אָפּ דעם גאַנצן מעת־לעת. פֿון תחילת אָוונט אָן שוין ברענט אַ קאַניצל איבערן גרויסן אויוון און ווערט קיינמאָל נישט פֿאַרלאָשן. אמת, אין דרויסן זעט מען קוים אָן דעם שוואַכן שיין, אָבער מ׳ווייסט אַז דער נר־תמיד ברענט דאָרט און די אַלטע נעבעך, דעם דיינס מאַמע, זיצט פֿאַרן קוימען און וויינט אַריין אין פֿאַרסאַזשעטן חלל אַריין מיט אַ באַהאַרצט ברומעניש פֿון תחינות און תהילים זאָגן ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין.

גלייך נאָכן אומגליק מיטן מאַן וואָס איז פאַרשניטן געוואָרן אַזוי יונג און זי געלאָזן אויף הפקר מיט די זעקס שוואַלבן, האָט זי זיך איינגעשפּאַנט אין שווערן יאָך און פון פאַרטאָג אָן געשלעפּט זיך איבער דער פערשטאָט ווי אַ פּשוטע דאָרפסגייערקע און דערפון געשפּייזט אירע עופהלעך ביז זי האָט זיי אַלע מיטן אייבערשטנס הילף געבראַכט צו אַ שטאַנד. דערפאַר האָט זי יעדן אָוונט און גאַנץ כעלות געלויבט דעם האַר פון אַלע וועלטן און מעשים, ווי אין דער תחינה שטייט, פאַר זיין גענאַד און חסד וואָס ער האָט געטאָן מיט איר. די קינדער גייען אַלע אין גלייכן וועג און באַגערן צו לערנען און לערנען נאָך אַנדערע אויך.

איצט, ווען זי לעבט אין כבוד פונעם זון וואָס האָט פאַרנומען דעם טאַטנס אָרט און נאָך איבערגעשטיגן אים אין תורה און חכמה, און געזען ממש בחוש אַז אַלע וואָס האָבן מיטן מאַן אירן פאַרטשעפּעט, האָבן נישט אויסגעמיטן גאָטס שטראָף, גייט זי נאָך אַלץ אַרום אַביסל האַנדלען אויף דער פערשטאָט און טראָגט נאָך אַלץ דעם לעדערנעם בייטל הינטערן פאַרטעך וואו עס ליגט דאָס לייזעכץ וואָס זי נוצט אויף איינקויפן שבת־אויבס פאַר די אייניקלעך און פאַרוואַרלאָזטע און געשטראָפטע אין געסל. ווי נאָר זי פאַרעט זיך אָפּ מיטן טאָג לייזעכץ און אַרומשלייען זיך איבער די צעבראָכענע טירן פון די הינטערגעסלעך, פאַלט זי ממש צו צום קומען וואו עס צאַנקט דאָס קאַניצל. זי קען, זאָגט זי, נישט פאַרטראָגן קיין לאָמפּ, סיידן שבת אָדער יום־טוב ווען די נשמה יתרה פאָדערט דאָס איריקע. אין די וואָכן־טעג אומערט זי אָפּ מנחה־מעריב מיט אַ ניגון וואָס אַלע אויסגייענדיקע גרוילן צאַפּלען אין אים, און ווערט פאַרטיק מיטן ברומען און זאָגן ערשט העט שפּעט ווען ר׳ דוד קומט אַהיים און נעמט זיך בעטן ביי איר זי זאָל זיך שוין אַביסל אָפּרוען.

— כ׳קען דען פאַרטיק ווערן מיטן טאָג, — בעט זי זיך און ציט אָפּ פון מינוט צו מינוט ביז חצות.

— כ׳וויים, מאַמע, — גיט איר ר׳ דוד נאָך, — עך ווער אויך קוים פאַרטיק, — פאַרנעמט ער זיך ערשט אַליין מעיין צו זיין אין אַ ספר. און איידער מ׳קוקט זיך אום איז זי שוין ווידער ביים קומען און ר׳ דוד שפּאַנט שוין אַרום איבערן שטוב און זאָגט פאַר זיך אין דער שטיל ביז ס׳וועט צייט זיין צו וועקן די קינדער און גיין אין בית־מדרש אַריין לערנען.

אַפילו שבת פאַרטאָג, ווען גאַנץ געסל ווייסט, אַז היינט וועט קיין ליכט נישט אויפצוקן פון קיין הויז, פילט דאָס געסל אַז דעם דיינס שטוב איז וואָך. נאָך איידער דער שומר אין „רינג״ האָט באַוויזן צו גראַגערן צום צווייטן מאָל, שפּאַנט שוין ר׳ דוד דיין מיט די קינדער אין בית־מדרש אַריין. אין הויז איז צו טונקל צו לערנען. דאָס קאַניצל איבערן אויוון איז קוים געניג פאַר דער מאַמען. טראָגן זיך זייערע טריט איבער די הילצערנע בריקלעך, און גאַנץ „געסל״ האָרכט זיך איין אין מידן שלאָף.

לויבט מען זיך געוויינטלעך מיטן הויז און ווי דער שטייגער איז, נעמט מען עס אויך פון צייט צו צייט אויף דער צונג מיט שטעכלקעס, באַזונדערס אין צייט פון אַ מחלוקת, אָבער ווי נאָר מ׳דערזעט די דיינטע אין אַ דאָנערשטיק פאַרנאַכט טאָפּטשען אין דער בלאָטע ערגעץ צו אַ הינטערגעסל, פאַרגעסט מען אין דער אייגענער פאַרביטערטקייט און ס׳גייט אויף אַ ברכה אַפילו אויף די שאַרפסטע ליפּן: „אַז וואויל צו איר וואָס זי קען זיך עס פאַרגינען״. ווער ווייסט עס דען נישט, אַז הינטער דער שווערער שאַל אין וועלכער זי הילט זיך איין אָדער אין קאָשיקל וואָס די „אַלטע״ טראָגט איר אָפּט נאָך, ליגט פון כל־טוב; שטיקלעך דרויב וואָס דער דיין קריגט יעדן מיטוואָך ביינאַכט נאָך דער שחיטה ווי זיין חלק: אַ מילצל, אַ קישקעלע, אַ פּאַרציע לונג און לעבער; אַמאָל אויך אַ קעפּל פון אַ קעלבל, און אין די ווינטער חדשים טבת און שבט די געל און ווייס פאַרשטאַרטע פּיסלעך פון די פּסחדיקע שמאַלץ געענדז און אינדיקעס וואָס פאַרמעגלעכע באַלע־באָסטעס לאָזן איבער ווי אַ פּסח־מתנה פאַרן שוחט. דאָס בעסטע געדישעכטס קען מען דאָך מאַכן דערפון.

געוויינטלעך שטייט אַ שטיקל יאַריד אין הויז יעדן דאָנערשטיק אין דער פרי. אויף דער לאַנגער באַנק אין קליינעם קיכל, ליגט אָנגעהויפנט דאָס דרויב און די באַלעבאָסטעס פון געסל איינגעהילט אין שאַלעכלעך ביז צו די אויגן כאַפּן זיך אַריין מכלומרשט בלויז אַ קוק צו טאָן אויף דערווייל, און דינגען זיך אין איין וועגס איבער יעדן פּיצל קישקעלע און מילצל.

— אַ ניט, וואָלט עך זיך געלאַקעמעט אויף דעם דרויב, האָט זיך אָבער מיינעם פאַרגלוסט אַ יושקע, מישטיינס געזאָגט. — פּרוואוט מען אַפילו אַרונטערשלאָגן דעם ווערט פון דעם אָפּגעקליבענעם ביסל דרויב.

— מ׳קען דען נישט אויסקומען אָן דעם? נאָכן אויסווייקן און אָפּקראַצן, בלייבט דאָך סיי ווי אַ נויקעץ פון דעם. אָן עבירה די אַרבעט, כ׳לעבן.

— צי וואָזשע האָט עץ זיך אַזוי געאיילט, בלימטשע לעבן, אַז ס׳האָט נישט די ווערט און עץ דאַרפט עס נישט — קען זיך די דיינטע נישט איינהאַלטן פון אַ שטאָך צוריק.

— ני, ני, געניג געבאַלאַמוטשעט, קינדער, — מישט זיך סוף כל סוף אַריין די „אַלטע" וואָס איז נאָר וואָס פאַרטיק געוואָרן מיטן זאַגעכץ און פאַרבעטן דאָס באַנקבעטל, באַהאַלטנדיק דאָס קישעלע מיטן שטיין אין דעם אויף וועלכן זי שלאָפט זינט דער יינגסטער אירער איז פאַרפאַלן געוואָרן ערגעץ אין טיף רוסלאַנד, — מאָרגן איז דער „קערצער פרייטיק" און ביים קרומען משהן זיינען נעבעך פאַרשלאָפטביידע קינדער, לא עלינו — איז עס אין איין וועגס אויך אַ דערמאָנונג צו דער שנור, אַז זי האָט געגונג בעלנים אויפן ביסל דרויב.

— ני, נעמצט שוין וואָס עץ דאַרפט און זאָל זיין צום געזונט — האַקט חנהטשע אָפּ דעם מסחר און נעמט זיך פאַרען מיט די שאַלן זיי זאָלן זיין גרייט ווען זי וועט זיי דאַרפן. זי האָט פיינט אָן אומאָרדענונג און דאָס שטיקל יאַריד מיט די צעשלומפּערטע ווייבער שטערט איר אין דער פּינקט־לעכער פרימאָרגן אַרבעט. אַפילו די בעטן זיינען נאָך ביי איר הייַנט נישט פאַרבעט. כאַפּט זי שוין איצט איינס פאַרן אַנדערן. אַבי נאָר די קינדער וועלן זיך אַריינכאַפּן אָפּעסן דעם איבערבייס, וועט זי זיך שוין קענען גלייך אַרויסלאָזן אין געסל אַריין. די שוויגער איז דאָך טאַקע גערעכט: „מאָרגן איז דאָך דער קערצער פרייטיק".

אַמאָל באַווייזט זי נאָך אַראָפּצוכאַפּן זיך אויפן בית־עולם און זיך גוט אויסוויינען אויפן קבר פון עלטסטן קינד, וועלכער איז נאָך אין אָנהייב פון דער מלחמה אומקומען בשעת אַ באָמבאַרדע. „ביסט טאַקע פּטור פון מצוות, לייבעלע, — אומערט עס פון איר אַרויס — אַ שליח־מצווה קענסטו דאָך אָבער יאָ זיין. דאָס גאַנצע געסל איז פול מיט וויטיקן, נעבעך. דאַרפסט זען ווי דער טאַטע איז גראָ געוואָרן פאַר דער צייט און פול מיט יסורים, מ׳זאָל באַהיט ווערן. אונדזערע שבתים און יום־טובים זאָלן נאָר קומען פאַרן כסא הכבוד. מ׳רעדט שוין ווידער פון מחלוקת — טוט זי

פּלוצים אַ צאַפּל — מ׳טשעפּעט שוין ווידער מיטן טאַטן. ליגסט דאָך נישט ווייט פונעם זיידן דיינעם, גיי און לאָז אים נישט איינזיצן אין גן־עדן דאָרט. זאָג אים, אַז די באָבע זאָל לעבן און זיין געזונט, ווייגט זיך די אויגן אויס. מ׳פאַרטרייבט מיר די קינדער. מ׳עסט אונדז אויף מיט די אויגן. זאָל ער נישט שווייגן, הערסט! הוילע וואונדן זיינען מיר, לייבעלע. עך בין שוין אויך קראַנק פון יסורים, וואָס עך קען אַפילו צום מויל נישט ברענגען. אַלע גוטע מלאכים זיינען דאָך מיט דיר, גיי און בעט רחמים... — טרעט זי צוריק הינטערוויילעכטס און שטייענדיק שוין ביים טירל, ווישט זי אָפּ די טרערן מיט דער שאַל, גייט פאַרויס דריי טריט געזעגענענדיק זיך — אַ גוטן שבת, לייבעלע. דאָס גאַנצע געסל לאָבט זיך מיט דיר, ווי איז מיר נישט!״

נישט דער מאַן און נישט די שוויגער דאַרפן וויסן וואו זי איז געווען. עס הייסט, אַז ס׳איז נעבעך דאָ אַזוי פיל צרות־צרעת אין די הייזער פון „הינטערן וואול״, אַז זי האָט זיך פשוט נישט געקענט אָפּרייסן.

— דעם קרומען משהס דירה, וועט נאָך מ׳זאָל באַהיט ווערן איינפאַלן אַ ליאַדע טאָג. איר׳ט געדאַרפט זען ווי זיי האָבן זיך עס צוגעכאַפּט צום ביסל דרויב. קיין פיצל האָלץ נישטאָ אין קאַמער שוין. הער נאָר — שטייט זי צו צום מאַן ביים גרייטן צום טיש — וואָלסט געדאַרפט איבעררעדן מיט חיים קראַש. ר׳איז דאָך אויך אַ שכן. זאָל ער אונטערשפּאַרן די דירה מיט אַ פּאָר קלעצער כאָטש. אין דער חורבה דאָ, זיינען נאָך פאַראַן אַ פּאָר נישט פאַרפוילטע.

— אַנומלטן — העלפט איר אַרויס די שוויגער — בין עך דאָרט געגאַן פאַרריכטן די לאַטשן מיינע, קען ער דאָך נעבעך קוים האַלטן די דראַטווע אין דער האַנט. אַ גאַנצע שטאָט יידן און מ׳שווייגט, און ביי לייביש וואַסערטרעגער מיינסטו איז בעסער? חושך מצרים דאָרט. איידער כ׳האָב זיך ארויפגעקראַבקעט דאָרט מיטן לייטער. אונטן איז שוין אינגאַנצן אַ לאָך, וואוינען זיי מ׳שטיינס געזאָגט, אויפן בוידעם. האָסט נאָך אפשר אַ פאַלטעלע פאַרן עלטערן זייערן? — רעדט זי שוין צו דער שניר.

— כ׳האָב עס אַפילו נאָך געוואָלט איבערנייען פאַר יצחקלען — קווענקלט זיך חנהטשע און נעמט אַרויס דאָס לעצטע פאַלטעלע וואָס איז געבליבן פונעם עלטערן, — עץ ווילט נאָך היינט צוגיין אַהין, שוויגער?

— ווי דען? — שטייט זי שוין אין דער שאָל — הוילע לאָך דאָרט. ׳עסט מיר עפּעס איבערלאָזן, וועל עך שפּעטער איבערכאַפּן.

— מאָרגן, בלי נדר, וועל עך רעדן מיט חיים קראַש, — באַגלייט ר׳ דוד די מאַמען צו דער טיר — זוים זיך נאָר ניט, מאַמע.

די ייִנגערע קינדער, וואָס זיצן די גאַנצע צייט הונגעריקע, ווערן שוין אומגעדולדיק און נעמען אַביסל רודערן.

— עס באַקומט דען דער ביסן, קינדער — וויל זיי די מאַמע איינשטילן און געבן צו פאַרשטיין.

— לאָז זיי געמאַך, גיב זיי בעסער עפּעס אין מויל אַריין. געלויבט דער אייבערשטער דערפאַר.

ז

ווייסט טאַקע דאָס געסל פון דעם אַלעם, און קוקט אַרויף צום הויז ביי יעדער געלעגנהייט און נעמט זיך שטאַרק איבער מיטן צער פון דעם הויז, וואָס די מלחמה האָט עס אַזוי אָנגערירט.

— גיי ווייס, וואָס ער טוט און וועמען ער שטראָפט — שעפּטשען פרומע ווייבער און גיבן פון דעסטוועגן צו — מ׳זאָל נישט האָבן געזינדיקט מיט די רייד — ווער ווייס פאַר וועלכע זינד, לא עלינו. ס׳איז דאָך אַ מעשה שוין נישט פון היינט — גיט מען דערמיט אַ וואונק אָן, אַז ס׳איז עפּעס נישט גלאַט געווען נאָך מיט „דער אַלטערס״ יונגער אַלמנהשאַפט אויך.

מיינט עס אויך, אַז דווקא דער טיפער אָפּשיי וואָס אַלע האָבן פאַרן דיין און זיין משפחה, איז אויך די סיבה פאַר וואָס מ׳נעמט זיי אַלעמאָל אויף דער צונג. פון אויער צו אויער טראָגן זיך רייד פון אומצופרידנקייט און חסרונות, וואָס אַ שמץ דערפון ווערט פאַררעכנט אויפן חשבון פון דער שטראָף וואָס טרעפט אַלעמאָל דעם הויז.

— דעם אמת מעג מען דאָך זאָגן אַפּילו אויף אַן אייגענעם טאַטן, נישט אַזוי? זיי זיינען נעבעך גרויסהאַלטערס דאָרט מיטן גאַנצן עניוות, מישטיינס געזאָגט. צו אַכט יאָר איז שוין נישטאָ פאַר זיי קיין חדר אין שטעטל.

— אַפּילו ר׳ לאָזערל תם האָט דאָך שוין נישט קאָ תורה פאַר זיי.

— אַפּילו קאָ ישיבה איז נישט גענוג גרויס פאַר זיי.

— דער דיין אַליין לערנט מיט זיי. יעדן טאָג מיט אַן אַנדערן אין דערפרי און בייטאָג און ביינאַכט. אַפּילו די מיידלעך, זאָגט מען, לערנען

דאָרט ווי יינגלעך. וואָס דאַרפט עך מער, אַפילו דעם קליינעם שימעלע מיט די קראַנקע פיסלעך, וואָס קוים ער האַלט זיך, נעבעך, שלעפּט ער דאָך שוין אויך פאַרטאָג צום לערנען. ווען עך זאָלט נישט אַריינקומען אַהין זיינען זיי מיט עפּעס פאַרנומען. די עלטערע לערנען די יינגערע. ס'אי פּשוט מקנא צו זיין.

— און אַנדערע זאַכן מיינט עך לערנט מען זיי נישט ?

ווער געדענקט דען נישט דעם עסטרייכישן יונגערמאַן וואָס האָט זיך ביי זיי „געקריעט" בשעת דער מלחמה. ער האָט דאָך זיי געלערנט דייטש, און וואָס נישט מישטיינס געזאָגט. ס'איז אַ סברא אַז דער דיין אַליין האָט אויך אַריינגעקוקט אין זייערע ספרימלעך. גייט ער דען נישט אַלע טאָג צו משה אליהן אַ בליק צו טאָן אין די גאַזעטן ?

— כ'זאָג ענק, הלוואי ס'זאָל זיך גוט ענדיקן. זיי זיינען גאַנץ היפּש אַנגעריירט, כ'זאָל נישט האָבן געזינדיקט מיט די רייד.

— און ווי זיי גייען עס אָנגעטון אַלע, אָפּגעפּוצט די שטיוועלעך און די הייזעלעך. סע פּעכלט דאָך ממש. אַפילו די לאַטעס בלאַנקען אַרויס.

— עך האָט שוין געזען אַמאָל אַז די דיינטע זאָל זיך אויפנייען אַ קליידל ביי אַ היגענדיקן שניידער, האַ ? פאַרט צום רבין און סטראַצלט זיך דאָרט אויס ווי אַ פּריצהטע. איידל געפּאַטשקעט.

אַזוי מערן זיך פון יאָר צו יאָר די ווייבערישע באַרעדענישן. אויך אין די שטיבלעך שושקעט מען זיך אָפּט מיט אַנווינקענישן און חשדים אויפן דיין מיט די קינדער. גאַנצע נאָכמיטאָגן לערנט ער מיט זיי ספּארבע (עשרים וארבעה) מיטן אבן־עזרא נאָך. ס'איז שוין גאָרנישט גלאַטיק מיט אים נאָך פון בחורווייז אָן. טאָג ווי נאַכט זיך געחברט מיט די „הויפישע".

ערגער ווערט דאָס באַרעדעניש אין צייט פון אַ מחלוקת. דאַן עפנט זיך דאָס מויל און העצט מיט אָפענער שנאה שוין : „נישט אומזיסט האָט ער נאָך קיין הויך וואָרט נישט געזאָגט קעגן די „גאָרן־שטיבל" לייט — קאָכט זיך ביי יעדן מחלוקת פּעלטע גבאי, אַ בית־מדרש באַלעבאָס, וואָס שטייט מיט איין פוס אין דער גרעבליע גאַס און וויל זיך איינקויפן אין יחוס ביי די פרומאַקעס פון חסידישן שניט — לעלעט מיט די בנים גאַנץ פאַרטאָג, אַלע זאָלן זען. זאָל ער בעסער אַכטונג געבן וואָס זיי טוען אין

דער פּינצטער — שטייט ער אויף דער מזרח וואַנט און ציילט די פּעדים פון די ציצית ביים אָנטון דעם טלית, און פּייערט אין איין וועגס קעגן די אומזיסטע פּרעסערס, די כלי־קודש — לעלערס, און הייסן זיך אָפּגילטן. אַלע צרות נעמען זיך פון זיי. מ׳קען דען זיי דערסטאַרטשען! — ווערט ער אַלץ זיכערער ביי זיך מיטן פאַרגרעסערן זיך פון עולם צוהערער וואָס האָבן סתם הנאה פון דערנידעריקן אַ „שיינעם ייד״. — מ׳טאָר זיי נישט שווייגן — הערט ער נישט אויף צו פּליאַסקען הויך אויפן קול צום ווינקל צו וואו ר׳ דוד זיצט מיט יצחקלען און לערנט.

דאָס נאָפּט לעמפּל וואָס הענגט אויף אַ דראָט אָנגעטשעפּעט אין דער סטעליע, הוידעט זיך פאַמעלעך הין און צוריק איבער זייערע קעפּ; טאַנצט, דאַכט זיך אונטער נאָך יעדן פּליאַסק פונעם הויכן ברייטפּלייציקן פּעלטען. ר׳ דוד מאַכט זיך אָבער נישט הערנדיק. טוט בלויז ווײַלנווייז אַ קאָסאָקן בליק אַריבער דעם קרייז פונעם געלן הוידנדיקן שיין, וואָס דאָס לעמפּל מאַכט אַרום אים און יצחקלען, און לערנט ווייטער.

— זאָגט דאָך אָבער דער רש״ל אַנדערש — שלאָגט זיך אָפּ יצחקלס קול אינעם חלל צווישן זייער ווינקל און דער מזרח־וואַנט, און איז מבטל דאָס גאַנצע פּליאַסקען פונעם גבאי מיטן געזעמל טעלער־לעקער אַרום אים.

רייצט עס פּעלטען נאָך מער אויף און ער נעמט שפּרייזן צום ווינקל צו מיט רוגזה: — גאַנצע טעפּ נאָפּט דאַרף עס האָבן. דעם קיסרס גיטער דאַרף מען צו זיי, אָבער דאַוועגען מיט מניין וועט עס לויפן אין „שטיבל״ אַריין, — רייסט זיך פון אים דער פאַרדרוס, וואָס ר׳ דוד לערנט בלויז אין בית־מדרש, אָבער צום דאַוונען גייט ער אין ריזשינער שטיבל דערלעבן, — וואָס זעמיר עפּעס משה מחויב אויסצוהאַלטן אַ גאַנצע שטאָט? — בלייבט ער אָבער פאַרט שטיין ביים צווייטן עק פון דער באַנק ווי ער וואָלט נישט געוואָגט אַריינצורייסן זיך אין ר׳ דודס ווינקל אַריין — פאַר וואָס זאָגט מען שוין נישט קאַ ברכות? זמן תפלה! יידן דאַרפן גיין צו דער מלאכה. — רוקט ער זיך צוריק הינטערווײַלעכטס, און דאָס געזעמל ווייסט שוין אַז פּעלטע האָט זיך מיישב געווען און וועט זיך שוין ביי אַן אַנדער געלעגנהייט אויסטענהן מיטן דיין.

— פאַרשטייסט, — האָט ר׳ דוד געגעבן יצחקלען צו פאַרשטיין — ס׳איז אַן אַלטע מעשה נאָך פון ר׳ עקיבאס צייטן אָן. געדענקסט דאָך וואָס

ער זאָגט: „כשהייתי עם־הארץ... ווען ר׳איז געווען אַן עם־הארץ איז ער גרייט געווען צו צערייסן אַ תלמיד־חכם ווי אַ פיש״. אַן אויסרייד וועט זיך שוין אַלעמאָל געפינען. דערווייל פּלאַפּלט ער דאָך נאָר, פּעלטע. עך האָב נאָך געקענט דעם טאַטן זיינעם, איז ער אויך, ס׳זאָל אים נישט גערעכנט ווערן, נישט בעסער געווען ווען די יוכע האָט אים אָנגעשפּאַרט. פון דעסטוועגן בשעת צרה, נישט היינט געדאַכט ביי דער גרויסער כאָליערע, האָט יענער זיך ממש מוסר נפש געווען פאַר יעדן איינעם. קענסט נישט וויסן וואָס אַזאַ איינער וועט נאָך טאָן.

— אָבער? — האָט יצחקל נישט נאָכגעלאָזן.

— וואָס טויג דיר אַן אָבער. די זאַך איז ווי דער רבי, זאָל מאריך ימים זיין, האָט געזאָגט: „אַ חסיד מאַכט אַן עיגול אַרום זיך מיטן שטעקן, איז אַרום און אַרום גלות און ער איז אין ארץ ישראל.״ זעסטאָך, אַז ווייטער פון אונדזער עיגול איז ער נישט געגאַנגען.

— דאַרף מען, הייסט עס, דאַרטן לאָזן ווי עס איז מיט אַלע גראָב־קייטן? און די וועלט ווייסט דען, אַז ס׳איז דאָ אַזאַ עיגול?

— וואָס שייך דער וועלט, וועט זי זיך סוף כל סוף דערוויסן דעם אמת און ער אַליין טאַקע אויך. דערווייל מוז מען אָבער אויך געדענקען, אַז אַפילו בשעת מחלוקת דאַרף מען איינזינען האָבן אַז ס׳וועט אַמאָל קומען צו שלום. אין דעם פאַל, דאַרפן מיר עס איינזינען האָבן.

— קומט אויס, אַז יענער מעג דערווייל אַלץ און שוין — האָט זיך יצחקל געשפּאַרט.

— דאָס זאָג עך נישט. דאַרפסט נאָר געדענקען, אַז אויך זיין טאַטע איז נישט אַרויס גאַנץ פאַרן דערטשעפּען דעם זיידן דיינעם, און ער ווייסט עס גאַנץ גוט. עס קען אַפילו זיין, אַז דאָס ברענט אים און האַלט אים צוריק אויך. מיין נזיפה, ווי דו מיינסט, דאַרף מען דאָ נישט. אונדזער חסידות האַלט נישט פון אַרויסשטעלן זיך באַלד אויפן אָרט. מיר זעמיר נישט מחוייב צו ווייזן דעם בעל־השגחה וואָס ער דאַרף טאָן און ווען. אַז מ׳האָט געדאַרפט איז דער ריזשינער זכותו יגן עלינו געפאָרן אין קאַליעסן און אַז מ׳האָט געמוזט איז ער געזעסן תפוס.

— וואָס זשע איז דאָס פאַרגלייכעניש? — איז נאָך אַלץ יצחקל באַשטאַנען אויף זיינעם.

— גיין שוין גיי, אין זיין צייט דאַרף יעדער איינער פילן זיין אָרט און זיין כוח. מ׳דאַרף נאָר וויסן וואו איין און וואו אויס. שוין צייט צו דאַווענען און עפּעס נעמען אין מויל אַריין, — האָט ר׳ דוד פלוצים אָפּגעהאַקט ווי ער וואָלט זיך פאַר עפּעס דערשראָקן — ס׳אַנדערע, אין ספרים רעדט מען אַ סך פון דעם. ביסט נישט קליין אַליין אַריינצוקוקן און אויסגעפינען.

האָט טאַקע יצחקל געזוכט און גענישטערט אין ספרים. אָבער נישט נאָר אין די וואָס שטייען אין דער שראַנק אין דער גרויסער שטוב און שפּרייטן דורך די מאַטע שויבן עפּעס אַ מין אָפּגעקילטע זיכערקייט מיט די לעדערנע און לייוונטענע רוקנס זייערע. ער האָט אויך גענישטערט אין די ספרימלעך פאַרבאָרגן אויפן בוידעם הינטער די סטריכעס, וואָס ליגן דאָרט ווי אַ באַהאַלטענע ירושה פונעם פעטער, וועלכער איז ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן אין די מלחמה יאָרן. גאָר פאַרכאַפּט האָט אים אין ספר. אויף די לאַנגע גמרא דפן עפנט דאָרט אויף דער מחבר פון „החיים והטבע״ די שטומע וועלט פוןביימער און גראָזן און וואַסערן; פיר פיסלדיקע, צוויי פיסלדיקע און פליענדיקע און שווימענדיקע, וואָס רייסן זיך און ציען זיך לויט אַזעלכע נישט באַוואוסטע כללים אַז ס׳כאַפּט אַזש אָן אַ ציטער. טאַקע פּלאי־פּלאים, אָבער פון דף צו דף ווערט אַלץ קלאָרער, אַז נאָר די וואָס שטעלן זיך איין פאַר זייער מין, האַלטן אויס און בלייבן לעבן. ווי אַ גרויס מלחמה פעלד זעט עס אויס, און ער קען זיך ממש נישט אָפּרייסן פון צו קוקן און מיטקעמפן. אויך מיט די סיפורי־מעשיות פון צדיקים וואָס ליגן אָנגעהויפנט אויף דער פאָליצע איבער דער באָבעס באַנק־בעטל אין קיך, האָט ער זיך אָנגעלייענט. זיי זייען מערסטנס נישט געבונדן. מיט די גרינע און געלע שער־בלעטלעך ליגן זיי אָנגעהויפנט, האַלב צעשאָטענע שוין פון אַ סך נוצן, און די צעקנייטשטע און פאַרגעלטע בלעטלעך הענגען ממש ווי אויף משקולות מיט דינע פעדעם. עפּעס ווי זייער אויסזען וואָלט זיך צוגעפּאַסט צו דער מערכה וואָס תרעומותט אַרויס פונעם רוב פון די מעשות דאָרט וועגן נגישות און רדיפות אויף גוטע יידן. און נישט אַלע האָבן דווקא אָפּגעשוויגן, נאָר גאָר צוריקגעצאָלט מיט קללות און חרמות.

און ווען ער האָט זיך נאָך דערוואוסט פון אַ וואָרט דאָ און דאָרט פון דער מאַמען, אַז אין די יונגע יאָרן האָט דער טאַטע זיינער אויך געפירט מחלוקת ביז ר׳האָט אָפּגענומען די „חזקה״ פונעם יידן, און דווקא נישט

בלויז מיט גוטע רייד נאָר מיט מעשים. האָט ער דעם טאַטנס איצטיקן דרך שוין גאָרנישט נישט גורס געווען, כאָטש געזאָגט האָט ער אים נישט. ביז אין איין פרימאָרגן נאָך אַ שווערן אַריינלערנען עטלעכע שעה נאָכאַנאַנד ווען ר׳ דוד האָט באַוויזן זיין גאַנצע בריהשאַפט פון מסביר זיין אַן ענין. יצחקל האָט גאָר פאַרגעסן אַז דאָס לערנט מיט אים זיין אייגענער טאַטע וועמען ער קען נאַטירלעך פון קאָפּ ביז די פיס. איצט האָט ער נאָר געזען אַ שיינענדיקן הויכן שטערן, אַ פּאָר שאַרפע אויגן מיט פיצלעך מאַטע באַקן ביינער און איידל געשניצטע ליפּן וואָס שטאַרן אַרויס פון אַ געדיכט גרוילעכן וואַלד האָר. די שפּיצן באָרד און פאות זיינען אַט געמיטלעך רואיק און אַט ציטערדיק צאַפּלדיק פונקט ווי דאָס קול זיינס מיטן ניגון, וואָס קומט ווי פון אַ וויטן ערגעץ — אַט גלעטנדיק ווייך און אַט פייערדיק און אויפרייסנדיק. עפּעס ווי נישט קיין הינענדיקער איז ער אים אויסגעקומען. אין אַ גרויסן קאָכעדיקן ים פון פרעגער און אָפּפרעגער שווימט ער מיט אים אַרום. בלויז דער קאָפּ מיט באָרד און פאות זעט זיך אַרויס גליטשנדיק זיך אַזוי פלינק און זיכער צווישן די פאַרשטעלטע דורכגאַנגען ווי אַ האָר די ברייט. מיט איין גליקלעכן בייג און קנייטש ווערט מיטאַמאָל אַלץ אַזוי שכלדיק און קלאָר, אַרויס פונעם קאָך און פּלאָנטער פון וואַלד גלייך צום אָפענעם טראַקט וואו עס שיינט אַזוי פיל טאָג־ליכט, ממש מיט דער האַנט אָנצוטאַפּן. ער איז געווען איבערפולט אי מיט די שאַרפע סברות אי מיטן אמתן תענוג פון לערנען, ווען דער גמרא־ניגון טרויערט נישט, נאָר גלעט און נעמט דיך אַרום מיט זיידענע ציטערנדיקע שפּיץ־פינגער, וואָס זיינען דאַכט זיך אין דיר און רירן קוים אָן. ווען ער שעמט זיך נישט און ס׳זאָל זיין אין שטייגער, וואָלט ער זיך צוגעטוליעט צום ברייטפּלייציקן גאון וואָס זיצט פאַר אים און ווי תלמידים פון אַמאָל זיך אויסגעגאָסן מיט האַרץ: „אַז וואויל צו מיר, וואָס כ׳קען טרינקען דיין וואַסער און זיך שטויבן ביי דיינע פיס״.

דער טאַטע איז אָבער נאָך אַלץ פאַרטיפט און ברומט עפּעס פאַר זיך אַליין אַ ניגונדל, וואָס ער האָט דאָס ערשטע מאָל געהערט. „איצט איז ער אין זיין אייגענעם עיגול״ — פאַלט אים עפּעס פּלוצים איין און קען עס נישט דערפירן ווייטער.

פון פאַרטועניקייט, האָבן סיי ער סיי ר׳ דוד געהאַט פאַרגעסן אַז ס׳איז פאַראַן אַ מחלוקת און אַז פעלטע גבאי האָט באַוויזן אַריבערצוציען אויף זיין צד די גאַנצע כאַפּטע פרומאַקעס, וואָס קענען ר׳ דודן נישט פאַרגעבן זיין נישט וועלן צושטיין צו זיי „אויסצוראַמען דאָס גאָרן־שטיבל״. איז פונקט דאַן געקומען דער „קוואַטש״ צו דערמאָנען זיי אין דעם. ווי נאָר ר׳איז אַריינגעקומען אין בית־מדרש און דערזען דעם דיין זיצן אין אַזאַ געהויבענער שטימונג און שלווה ווי ער וואָלט געשעפּט תענוג מיט עמערס, האָט עס אים אַ ברי געטאָן. אויף גיך אַ כאַפּ געטון אַ גמרא און מיטן פלאַטערנדיקן לייבסערדאַק ווי אַלעמאָל זיך אַ לאָז געטון צו יענעם ווינקל און אַוועקגעשטעלט איין פוס אויף דער באַנק הינטער ר׳ דוד׳ס פּלייצע און גענומען קוואַטשען מיט אַ פול מויל צונג לערנענדיק כלומרשט פאַרטיפט.

יצחקלען האָט עס ווי אַ שמיץ געטאָן מיט בריעכץ. ער איז אין גאַנצן געוואָרן אַ פלאַם פייער און אויפגעשפּרונגען און פאַרלאָשן דאָס לעמפּל.

— אויס עיגול. עד בין נישט גורס אַזאַ שלום. מלחמה איז מלחמה און שוין.

— אין דער פינצטער, שייגאָץ דו, וועסטו בעסער זען די טריף־פּסולען דיינע, — האָט דער קוואַטש ווי געוואָרט אויף דעם.

— מ׳זאָל באַהיט און באַשערעמט ווערן, — איז ר׳ דוד אויך אַרויס פון די כלים — קום, יצחקל, מ׳עמיר געפינען אַ בעסער אָרט צו לערנען.

— עץ הערט, יידן, ער איז ניש בעסער פונעם באָק זיינעם, — האָט זיך דער קוואַטש צעלאָזט אויפן קול — אוודאי איז דאָס אָרט וואו דו שטייסט אסור ווי חזיר. ביסט פּסול נאָך פון ייִנגלווייז אָן.

— ני, אָ, כבוד התורה! — האָט זיך ווער געוואָלט אַריינמישן.

— כבוד שמאָוועד — האָט דער קוואַטש נישט אָפּגעלאָזט און פעלטע גבאי מיט זיין געמבע מיט אים.

— לעלערס מיינע, מ׳דארף זיי דאָ ניש. דאָס אָרט פּאַסט זיי ניש, וואָן אַרויס פון דאַנען!

ר׳ דוד האָט זיך טאַקע גענומען רוקן הינטערווייליעכץ מיטציענדיק יצחקלען. ער האָט אים אָבער פאַרלוירן אין געזעמל פון קולות, און אים

דערזען ערשט ווען ר׳איז שוין געשטאַנען אויף אַ באַנק אַריינשרייענדיק אין עולם אַריין:

— עך בין ניש מוחל דעם טאַטנס כבוד. עך מיינט, אַז ס׳איז ענק אַמאָל מיטן זיידן ע״ה! דרך ארץ, וועפריקעס — האָט עס אַרויסגעזאָטן פון אים פאָר אַלע צייטן. — זעט נאָר די צדיקים דאָ. די טריף־פסולען היטן זיי. היט בעסער די וואָג ביי פעלטען אין שייער און דאָס פאַרטעך ביים קוואַטשעס בת־יחידה, — האָט ער דערלאַנגט דעם קוואַטש ווי מיט אַ האַמער. אַלע האָבן געוואוסט, אַז זיין טאָכטער האָט בשעת דער מלחמה זיך געחברט מיטן קאָמענדאַנט און געקראָגן די דערלויבעניש צו עפענען אַ טאַבאַק געשעפט.

— פע, פע! — האָבן פון אַלע זייטן זיך שוין געהויבן הענט אים אַרונטערצושלעפן.

— א מוציא שם־רע — האָט זיך דער קוואַטש געריסן צו אים, אָבער ר׳ דוד האָט אים אָפגעשטעלט איידער ער האָט נאָך באַוויזן אים אַנצוכאַפּן.

— איצט זעסטו שוין צו וואָס דו האָסט דערפירט מיט דיין קנאות. —

האָבן זיך ביידע בערד און שאַרפע אויגן באַגעגנט און אָפגעשפרונגען פון זיך ווי אָפגעבריט. — פון ביטול תורה קומט מען צו בזיון. ביסט שוין דיינס אָפגעקומען און הלוואי זאָל מען דיר דאָרט אויך מוחל זיין, — האָט ר׳ דוד אים אָפגעמאָסטן פון אַלע זייטן.

— אַזוי גאָר?! — האָט דער קוואַטש געעפנט דאָס מויל און פלוצים געבליבן אָפהענטיק. דאָס גאַנצע בלוט פון פנים איז אים אָפגערונען.

— דאַרפסט איבערבעטן ר׳ חיימטשען — האָט ר׳ דוד אָנגענומען יצחקלען ביי דער האַנט — ר׳איז עלטער פאַר דיר און אַ בן־תורה. ביסט נאָך צו יונג צו מישן זיך אין מחלוקתן, הערסט?!

— ער האָט דאָך געוואָלט מלחמה — איז יצחקל נאָך געווען אויסער זיך און דאָך ניש געקענט ביישטיין דעם טאַטנס בליק און גענומען צוגיין צום טאַמלענדיקן יידן וואָס אַלץ אויף אים איז איצט שלאַבעריק געווען: די קאַפּאָטע, דער ברייטער לייבסערדאַק מיט די געלבלעכע ציצית פאַר־וועבט מיט אַ תכלת פעדימל, און אַפילו די באָרד און פאות זיינען נאָכגע־האַנגען פאַרלוירענע. נאָר דאָ האָט פּעלטע זיך אַ שטעל געטאָן צווישן זיי און אַראָפגעלאָזט יצחקלען אַ פּאַטש.

— אַט האָט עך אַן איבערבעטן זיך, לעלערס!

— חורבן בית־המקדש, וויי איז מיר — האָט דער קוואַטש אַ דער־שראָקענער אַרויסגעגליאָמדזשעט ניט מיט זיין קול און געכאַפּט דעם טלית און תפילין און נאָכגעלאָפן ר׳ דודן מיט יצחקלען אין דרויסן אַרויס.

אַ לאַנגע צייט נאָכדעם איז דאָס ווינקל אין בית מדרש געשטאַנען ליידיק. ווי אָפּגערעדט זיך, האָט קיינער נישט געוואַגט זיך אַוועקצוזעצן אין פרימאָרגן דאָרט לערנען. דאָס לעמפּל האָט דאָרט געברענט אַ פּאָר טעג סתם אַזוי זיך ביז דער שמש האָט עס אין גאַנצן פאַרגעסן אָנצוצינדן.

ח

אַ פּאָר וואָכן נאָך דער קריגעריי אין בית־מדרש, האָט זיך יצחקל מיטן טאָג צוגלייך אַרויסגעשלייכט פונעם „שמאָלן געסל״. פאַרנומען זיך מיטן וועגל צום „יאַטקע בריקל״ און פון דאָרט דורך דער לאָנקע צו די זאַמדן וואָס לעבן וואַלד וואו די קאַלייקע שטעלט זיך אָפּ אויף אַ מינוט; טוט אַ פייף און פאַרשווינדט אין דער געדיכטעניש פון וואַלד.

אין אַ לייוונטן זעקל האָט ער געהאַט בלויז די תפילין, אַביסל הינטערוועש, און אין אַ זוים פון רעקל זיינען געלעגן איינגענייט אַ פּאָר הונדערט זלאָטעס. עס האָט געהייסן, אַז מלבושים וועט ער זיך סיי ווי קויפן אַנדערע. אַזעלכע ווי מ׳טראָגט דאָרט אויף יענער זייט וואו עס הייבט זיך אָן די גרויסע וועלט.

נישט ער און נישט די פאַרצאָגטע טאַטע־מאַמע, האָבן געוואוסט וואוהין ער פאָרט און וואָס ער וועט דאָרטן טאָן. „אויף איבערצוקומען אַ שטיקל צייט האָסטו דאָך געלט, וועסטו זיך אַרומקוקן. אלא חלילה שלעכט, איז דאָך דער וועג אַהיים נישט פאַרשאָטן חלילה״. — האָט די מאַמע זיך און אים געטרייסט, נאָכדעם ווי זי איז שוין באַשטאַנען אַז ער מוז טאַקע פאָרן. „אוודאי האָב עך אַנדערש געוואָלט, נאָר דאָס האַרץ האָט מיר אָבער אַלעמאָל געטיאָכקעט אַז אַזוי וועט זיך עס אויסלאָזן.״

— פאָר געזונט, — האָט אים דער טאַטע צוגעפירט צו דער טיר. אָנגענומען ביי דער האַנט און מיט די שפּיץ־פינגער אָנגערירט די מזוזה און זיי צוגעטראָגן צו די ליפּן שעפּטשענדיק: „ביי יוספן שטייט: כי למחיה

שלחני, זאָל דיר זיין זכות ביישטיין" — איז ער אים נאָכגעגאַנגען דריי טריט און זיך צוריקגעקערט אין שטוב אַריין.

דער באַשלוס אָוועקצופאָרן וואָס שנעלער, איז ביי יצחקלען פאַרטיק געוואָרן גלייך ביים אַרויסלויפן פון בית־מדרש.

— עך האָב דאָ ניש וואָס צו טאָן מער — האָט ער האַסטיק ווי זיין שטייגער אַרויסגעפּליוכעט.

— וואָס הייסט? — האָט ר' דוד אַ צאַפּל געטאָן.

— ס'הייסט, אַז ס'קען נאָך קומען צו עפּעס ערגערס. עך קען נישט פאַרשווייגן און דו וועסט דערפון ליידן. די אַנדערע קינדער זיינען נאָך יונג, אָבער עך קען נישט צוזען דעם בזיון, און פון וועמען? דער עיקר פאַרשטיי עך נישט דעם פאַרוואָס.

— וועסט אפשר אַמאָל וויסן דעם פאַרוואָס, — האָט ר' דוד ווי אַ שלונג געטאָן די ווערטער, וואָס טרעפט ביי אים גאַנץ אָפּט ווען ר'איז פון עפּעס זייער צערודערט און גלייך אָנגעהויבן — כ'האָב עס געוואוסט שוין פון לאַנג. די גמרא זאָגט: הרואה שיצרו מתגבר עליו ילך למקום שאין מכירין אותו. ילבש שחורים ויתעטף שחורים ויעשה מה שלבו חפץ. (ווען איינער זעט אַז דער יצר־הרע שטאַרקט זיך איבער אים, זאָל ער גיין צו אַ פּלאַץ וואו מ'קען אים נישט. זאָל ער זיך אָנטון און איינהילן אין שוואַרצן און טאָן וואָס דאָס האַרץ גלוסט). וואָס זשע מיינסטו, ס'האָלט שוין אַזוי ווייט מיט דיר? — האָט ער פאַרביסן די ליפּן אַזוי, אַז יצחקל איז אַזש פאַרציטערט געוואָרן.

— כ'ווייס נאָר, — האָט ער, אויסמיידנדיק אַ שאַרפן ענטפער, געשטאַמלט

— אַז עמיץ פון אונדז מוז זיך אַרויסרייסן פון דאַנען איידער ס'ווערט — ר' דוד האָט אים נישט געלאָזט ענדיקן.

— ס'איז נישט איצט די צייט צו רעדן דערפון. כ'וועל עס נעמען אויפן רעיון, — איז ער שוין אינגאַנצן צוגעלאָזן געוואָרן צו אים — כ'בין נאָך אין ספק צי ס'איז שוין טאַקע די צייט. גיי בעסער אַהיים. די מאַמע וועט נאָך מיינען מי יודע וואָס. זי ווייסט שוין מן הסתם. עס פעלן נישט קיין בשורות טרעגער.

פון דער מאַמעס באַגעגעניש איז ער עפּעס נאָך מער צערודערט געוואָרן. גלייך ווי זי וואָלט זיך שוין לאַנג גערעכט אויף דעם, האָט זי

אים גלייך צוגעפירט צום אָפענעם קוימען און אַריינגעתחינהט מיט אַ צעשפּאָלטן קול: „אויב ס׳איז חלילה באַשערט געווען עמיצן פון אונדזער הויז אַ מכשול און אַ גזר, זאָל עס שוין זיין אַן אָפּקומעניש און אַן אויס־לייזונג פון היינט אַן און ווייטער, אָמן! שפּיי אויס דריי מאָל: טפו, טפו, טפו, אויף אַלע וויסטע וועלדער און מדבריות זאָל עס פאַלן אַן אונדזער שאָדן.״

טעג נאָכדעם האָט ער נישט געוואוסט וואו זיך אַהינצוטאָן. אַרומ־געבלאָנקעט פון בריק צו בריק, אין די הינטערגעסלעך, אויף די לאָנקעס; אַ פּאָר מאָל זיך אַריינגעגאַנוועט אין „גאָרן־שטיבל״, און דאָס געפיל פון זען אַלץ צום לעצטן מאָל איז כסדר מיט אים מיטגעגאַנגען. דעם טאַטנס נישט דערזאָגטע רייד, האָבן געהאַלטן אין איין צוריקקומען צו אים און זיך אַלעמאָל אויסגעלייגט אין אַ מיסטעריעזן עיגול, וואָס שליסט זיך אָפּ מיט אַ הענגענדיקער האַנט וואָס איז גרייט געבן פּעטש און פּעכיקע שוואַרצע ווערטער הילכן איבער איר.

פאַרטאָג, ווען זיי זיינען ביידע געגאַנגען אין שטיבל אַריין לערנען האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער הערט נישט די אייגענע טריט, און ס׳גאַנצע געסל איז עפּעס טויב און שטום. ס׳איז אים ענגער געוואָרן פון טאָג צו טאָג. אין האַלבן וואַך און דרימל אויפן באַנקבעטל, האָט זיך פאַר אים שוין צום ווייפלטן מאָל באַוויזן אַ רעדל געלע שיין פון אַ לעמפּל וואָס צייכנט אַן עיגול וואָס הוידעט זיך געשפּענסטיק איבערן הויז. פאַרגעסענע בילדער פון לאַנג צוריק, שטייען איצט פאַר אים אַזוי לעבעדיק ווי זיי וואָלטן איצט געשען.

ווי אַ שאָטן פּאַדעט די מאַמע אַרום אין טונקעלן קיכל און ביטערט, אַז זינט זי האָט אָט דעם העק דערקענט האָט זי נאָך קיין איין מינוט קאָ גוטע ניש פאַרזיכט. דעם טאַטן אירן, דעם חזן און שוחט, האָט מען דאָך ביי איר אין שטעטל ממש געטראָגן אויף די הענט. פאַר ר׳ סרולטשען איז דאָך דאָס גאַנצע שטעטל געשטאַנען אויף די נעגל, אָבער דאָ וואָס? ווען דער טאַטע דיינער איז אָנגעקומען צו אונדז האָט מען דאָך מויל און אויערן אויפגעשטעלט. געבלאָזן די טריט. און ס׳איז דען נישטאָ פאַר וואָס, האַ? אַזאַן אוצר! תשעה באב איז דאָך געוואָרן, ווען מ׳האָט זיך דערוואוסט, אַז דודל פאָרט גאָר אָפּנעמען אַ חזקה אין דעם העק. וויפל

מ׳האָט זיך געבעטן ביי אים. דער טאַטע ע״ה האָט זיך געלייגט אין דער לענג און אין דער ברייט: „מיין קינד, דאָ ביסטו דאָך קייסער און קיניג, וואָס טויג דיר דאָרט אַ חזקה אין דעם לאַנד?״ האָט ער זיך אָבער איינגעשפּאַרט און מיך אויך פאַרשלעפּט אַהער. טילקע לעבּ עד ווען כ׳פּאָר נאָך אַהין אויפן זומער מיט די קינדער. מ׳עסט דאָך מעך אויף מיט די אויגן. לייבעלען האָבן זיי דען נישט אויפגעגעסן? ! כ׳וועל זיך נאָך אַמאָל איינפּאַקן און אַוועק —

— הער שוין אויף, — הערט ער קלאָר דאָס באַצערטע קול פון דער באָבען פונעם אָפּענעם קוימען אַפּער — פאַרזינדיק נישט דאָס הויז, חנהטשע. זיין טאַטנס בלוט און דער מאַמעס טרערן האָט ער געדאַרפט אָפּנעמען. פון אונדזער פאַרוואָגלטקייט ווייסט נאָר איין גאָט אין הימל.

— און מיין פאַרוואָגלטקייט, שוויגער, מ׳עסט דאָך מיר אויף די קינדער, ווײ דער מאַמען !

— חס ושלום, וואָס רעדסטו דאָרט — איילט פונקט אַריין דער טאַטע פון מנחה־מעריב און שלינגט איין דעם „גוטן אָוונט״ צוזאַמען מיטן קוש פון דער מזוזה — אין שטיבל קען מען דען נישט לערנען און אין דער היים ברוך השם אויך. בעסער מ׳ישט זיך נישט אין די זאַכן. ווען דו פאָלגסט מיך, יצחקל, וואָלט צו דעם נישט געקומען.

— זע נאָר, זע, ער איז נאָך גערעכט אויך — שטייט שוין די מאַמע גרייט אָנצונעמען זיך פאַר אים. דער טאַטע ווערט אָבער פּלוצים ווייכער.

— ווייסט, מ׳רעדט דאָך שוין פון שלום. עפּעס האָסטו יאָ אויפגעטאָן. . .

— און דו ביסט שוין פּיקס און פאַרטיק, — קען זיך די מאַמע נישט באַרויקן — ס׳עט שוין זיין שלום ושלווה. דאָס ווײפּלטע מאָל איז עס שוין, האַ? און יעדעס מאָל ווערסטו גראָער און גראָער. קוק זיך נאָר אָן. קרעכצט גאַנצע נעכט. כ׳על ניש שווייגן, שוויגער. זאָגט אים בכיבוד אם ער זאָל נאָך איצט פאָרן צו אונדז. מ׳עט אים דאָרט אויפכאַפּן. ס׳עט דאָ קיינמאָל קאָ שלום ניש זיין. ס׳אַ קללה אויף דעם העק. וואו ס׳האָט זיך אים פאַרגלוסט אָפּנעמען אַ חזקה. פאַר ווּעמען דאַרפסטו זי? ווּעסט זען, די קינדער וועלן אויסוואַקסן, וועלן זיי זיך צעלויפן און דיך איבערלאָזן מיט דער חזקה.

דאָס קאַניצל אויפן קוימען טוקט זיך און באַלייכט בלויז אַ קליין פּיצל פינצטערניש פונעם קיכל. דאַכט זיך די באָבע ע״ה זיצט נאָך אַלץ דאָרט און קאָרטשעט זיך פון צער רוקנדיק די פּאַרווײַנטע ברילן הין און אַהער. ווי לאַנג איז עס שוין, אַז די באָבע איז נישטאָ? — ווערט ער מיט אַמאָל אין גאַנצן וואַך און הערט זיך אַליין קריצן מיט די ציין. „איבערלאָזן די חזקה״ — שפּאַרט ער זיך אין אַן ערגעץ אַריין וואָס ער קען נישט זען. אין די אויערן קלינגען ווידער דעם טאַטנס איינגעמענדיקע רייד: „אויף דער עלטער, ווען מ׳וועט מיערטשעשעם דערלעבן, וועלן מיר פאָרן צו די קינדער. עך וויל סיי ווי נישט זיי זאָלן זיך האַלטן ביי דער חזקה. אין דעם איז דער שווער ע״ה געווען גערעכט. זיי וועלן מיט גאָטס הילף זיין בכוח צו שאַפן זיך אייגענע חזקות...

— אָבער ניט דאָ, — הערט ער זיך אַליין דערווידערן דעם טאַטן. — אָבי ס׳וועט זיך נאָר עפענען די וועלט...

צי ער האָט עס ווען עס איז טאַקע געהערט די רייד, איז ער נישט גאַנץ זיכער ביי זיך. ער איז אָבער אַזוי דורכגענומען מיט דעם, אַז ער קען שוין אָנהייבן רעדן מיטן טאַטן פון סאַמע עיקר. אָבער אָנגעהויבן האָט ער גאַנץ זייטיק און מכלומרשט צופעליק אין אַ שבת נאָכמיטאָג נאָכן פרעגן די טייטש פון אַ שווערן אבן־עזרא:

— כ׳האָב אַנומלטן זיך געפּאַרעט מיטן לופּטערן די ספרים, איז מיר צו האַנט געקומען דיינס אַ שיר, וואָס כ׳וויל האָבן.

— טאַקע, ווייס איך דאָרט וואָס, מעשי־נערות — האָט ער אים לכתחילה געוואָלט אָפּשטופּן מיטן מבטל זיין די גאַנצע זאַך. יצחקל האָט זיך אָבער נישט געלאָזט.

— כ׳ווייס, אַז דו האלטסט היינט נישט דערביי. כאָטש איך פאַרשטיי נישט פאַר וואָס. דער אבן־עזרא למשל האָט דאָך אויך מחבר געווען שירים און ר׳ יהודה הלוי.

—וואָס פאַרגלייכסטו עפּעס? זיי האָט עס נישט געשאַדט. זיי האָבן געהאַט ברייטע פּלייצעס. געווען פאַרפאַנצערט, האָבן זיי געמעגט.

— וואָס מיך וואונדערט איז אויפן לשון — האָט יצחקל ווידער פאַר־קערעוועט אין אַ זייט — גאָר נישט ווי ביי די אַמאָליקע בעלי־מליצה.

— די חברים מיינע האָבן טאַקע אויך אַזוי געזאָגט. געדענקסט דאָך פּנחסן. געוואָרן אַ מגיד און פאַרעט זיך נאָך, דאַכט זיך, היינט אויך מיט די שמאַכטעס. ווען כ׳האָב אָבער דערזען, אַז ס׳הייבט מיך אָן אָוועקפירן פונעם דרך, האָב איך אָפּגעהאַקט.

— וואָס הייסט? איך זע נישט אין דעם שיר קיין אַראָפּפירן פון דרך.

— אַזוי ווייט האָט עס חלילה נאָך נישט געהאַלטן. אלא וואָס דען, ביטול זמן איז שוין יאָ געווען, און ס׳האָט געקענט חלילה ווערן נאָך ערגער. נאָך אַלעמען איז עס דאָך אַ תאווה ווי אַלע תאוות. האָב עך אָפּגעהאַקט און ס׳טוט מיר ברוך השם נישט באַנג.

— און דאָך האַלט מען עס נאָך אַלץ אין איין אָפּערוואָרפן דיר.

— אַ שטיקל עונש קומט דאָך מיר. צום עיקר אָבער האָט עס מיר נישט געשאַדט.

— דהיינו?

— כ׳האָב געמיינט אַז וועסט עס אַליין פאַרשטיין און פאַרשפּאָרן צו פרעגן. ביסטו אָבער פול מיט קשיות איצט, וועל עך דיר זאָגן. פון קינדוויז אָן, האָב עך מיך געמוטשעט מיטן עניין פון גאולת־הדם. ווייסטאָך אוודאי פאַרוואָס. כ׳בין דאָך אויפגעהאָדעוועט געוואָרן מיט דעם. עס האָט מיך נישט געלאָזט רוען. ביז כ׳האָב אָנגעטראָפן אין ספרים, אַז היינטיקע צייטן קריגט עס אַ תיקון דורכן דין חזקה שיבא בעל הבית ויחזיק בשלו, איז מיר ממש ליכטיק געוואָרן אין די אויגן און כ׳האָב שוין מער נישט געקענט איינזיצן. כ׳האָב געוואוסט, אַז עס מיינט מחלוקת און דער זיידע דיינער איז געווען שטאַרק קעגן. מעיז פּנים זיין אים האָב עך נישט געקענט, האָב עך זיך מיישב געווען און אַוועקגעפאָרן צום רבין זאָל מאריך ימים זיין און געווען אַ „יושב" עפּעס מער פון אַ האַלב יאָר. פאַרשטייט זיך, אַז זעענדיק ווי מ׳קוקט דאָרט אויף די פּוילישע מחלוקתן, האָב עך מיין עניין אַפילו אויף די ליפּן נישט געברענגט. ביים געזעגענען זיך אָבער, בין איך ממש אַרויס פון די כלים. אַריינקוקנדיק אין מיין קוויטל, האָט דער רבי אַ זאָג געטאָן צו ר׳ מרדכי מקורב: „ווייסט, מרדכי, דער טאַטע זיינער איז געווען אַן אדם גדול נאָר אָן אריכת ימים, לא עלינו, און ס׳איז אים באַשערט געווען אַ שטעטל פון מחלוקת. ס׳איז אָבער איינס פון די „תשע קהילות". איז עס שוין גאָרנישט קיין קלייניקייט. זאָל איך דער איבער־

שטער העלפֿן — האָט ער שוין מיר דערלאַנגט די האַנט צום געזעגענען און שוין. דאָס איבעריקע ווייסטו דאָך שוין אַליין. כ׳האָב שוין געוואוסט וואו עך מעג איינשטעלן און וואָס עס וועט מיר שטיין אין וועג. האָב עך מיטן אייבערשטנס הילף שטאַרק געהאָרעוועט ביז כ׳בין געווען בכוח אָפּצו־שטעלן אַפילו דעם גרעסטן בעל מחלוקת אויפֿן אָרט אי על פּי דין אי על פּי שכל. כ׳האָב ברוך השם נושא חן געווען ביי די גאָר גרויסע פּוילישע רבים. וואָס ווייסטו ווער עס האָט זיך אַלץ נישט געמישט אין דעם. די צרה איז נאָר מיט די קליינע פּלאַטיצעס. די מאַמע האָט נאָך אַלץ מורא פֿאַר זיי. עך הער זיי אָבער ווי די קאַץ. מיינס האָב עך אָפּגענומען.

אויף צומאָרגנס נאָך דעם שמועס, וואָס איז עפּעס געבליבן שטעקן אינמיטן צוליב דעם וואָס די קינדער האָבן זיך גענומען דרייען אַרום זיי, איז ר׳ דוד אַהיימגעקומען פֿון לייענען „דאָס בלאַט־צייטונג״ ביי משה אליה לייענער אַ צערודערטער.

— דאָס נייע מלכות וויל מלחמה און די „גרויסע״ וועלן אוודאי נישט שווייגן. זיי קוקן נאָר אויס אויף דעם — האָט ער קוקנדיק אויף יצחקלען גערעדט צום ווייב.

— ווי איז מיר, — האָט זי אַ צאַפּל געטאָן — מ׳האָמיר נאָך וויניק קרבנות געגעבן. אכצן אירע אין איינע פֿאַר יאָר. כ׳וויל ניש מער, הערסט, געוואָג באַצאָלט — איז זי אַרויס מיט אַ הילפסלאָזן יאָמער אַרויפֿכאַפּנדיק די שאַל אויף זיך.

— וואוהין גייסטו עס? — איז ר׳ דוד איר נאָכגעלאָפֿן אַ פֿאַר טריט, כאָטש ר׳האָט זיך גלייך געכאַפּט אַז דאָס לויפֿט זי אויפֿן בית־עולם איינרייסן אויפֿן זונס קבר.

— ווען כ׳בין דעם שבועות געווען ביים רבין, האָב עך דיך מזכיר געווען ווי אַלעמאָל — האָט ר׳ דוד זיך דערגענטערט צו יצחקלען ווי ער וואָלט זיך שוין אָנגעהויבן געזעגענען מיט אים — האָט ער אַ מאַך געטאָן ווי זיין שטייגער: „ניי?״ — האָב עך זיך גענומען קלאָגן, אַז עס זעט מיר אויס אַז דו וואַקלסט זיך און ווילסט גאָר אַוועקפֿאָרן פֿון דער היים. האָט ער אַ שמייכל געטאָן: וואָס הייסט? „ער דאַרף דאָך פֿאָרן. היינטיקע קינדער דאַרפֿן פֿאָרן און וואָס גיכער. ווייסט, מרדכי, האָט ער זיך שוין געווענדט צום מקורב. אין ספרים ווערט געברענגט, אַז קודם ביאת הגואל וועט נישט

זיין קיין איין ווינקל אויפן כדור הארץ וואו ס׳זאָל זיך נישט געפינען כאָטש איין ייד וואָס קען זאָגן „ברכו״. איך פאַרשטיי נישט פאַר וואָס מ׳דאַרף די קינדער שטערן״. עך האָב געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר הענט און פיס האָבן מיר געציטערט. מעגסט אפשר נישט האַלטן דערביי, יצחקל — האָט ער אָפּגעקרעכצט — עך גלייב אָבער באמונה שלמה, אַז ער האָט דיך שוין געזען פאָרן און דיך געזעגנט. צו וואָסזשע זאָלסטו וואַרטן, — האָט זיך אים דאָס קול געבראָכן — די מאַמע איז גערעכט. מיר האָבן גענוג באַצאָלט, און עך וויל מער ניש איינשטעלן. דערווייל קען מען נאָך פאָרן אין די וואָלינער קאַנטן אָן שוועריקייטן. וועסט אָפּגעבן אַ גרוס דעם פעטער דאָרט. ער קען זיך אין די זאַכן. זאָג אים, אַז וואָס ווייטער פון דאַנען אַלץ בעסער. פאַרשטייסט? אוודאי וואָלט עך בעסער געוואָלט ס׳זאָל זיין ארץ־ישראל. אלא טאָמער איז פריער אָפן אַן אַנדערער וועג, האָבן מיר אַ קיימא לן: אין בודקין בשעת הסכנה. מיט דער מאַמען על עך שוין איבערשמועסן.

אַ צעטומלטער פון דער פלוצימדיקייט פון דער גאַנצער זאַך און דורכגענומען פונעם טאַטנס רייד און ציטערנדיק קול, האָט יצחקל נישט געקענט עפענען דאָס מויל.

— וואָסזשע שטייסטו אַזוי? מיינסט, אַז כ׳דאַרף דיר עפּעס אָנזאָגן? אָדער ס׳העלפט ניש אָדער מ׳דאַרף ניש. — האָבן זיך ביידנס בליקן באַגעגנט און זיך דערפילט ווי קיינמאָל נישט פריער.

ט

יצחקלס נעלם ווערן, און אַנדערש האָט מען עס נישט געקענט אָנרופן, ווייל ר׳האָט זיך מיט קיינעם נישט געזעגנט, האָט אַ רודער געטאָן דאָס שטעטל.

— וואָס הייסט? אַ גאַנצע גאַס און קיינער האָט גאָרנישט געזען. און וואו איז אָרע באַלעגאָלע? און וואָס עפּעס אַזאַ געהיטעניש, מ׳זאָל באַהיט און באַשערעמט ווערן? נישט אַנדערש, אַז אַפילו די משפחה האָט נישט געוואוסט. עוקר געווען און שוין.

— זעסטאָך, זיי ווייסן אויך ניש וואו ר׳איז נעלם געוואָרן.

— עך זעט דען ניש ווי זיי גייען ביידע אַרום אבל וחפוי ראש.

— אַ שטיל וואַסער אַזאַ.

— דער קוואָל איז אַזאַ — האָבן שונאים ווידער געהאַט אַ געלעגנהייט צו שטעכן ביזן ביין.

— זיין יאָר דאַרף זיך דאָך באַלד מעלדן צום מיליטער — האָט זיך אַפילו געפונען אַ מסור צו דערטראָגן עס צו דער קאַנצעלאַריע. האָבן אָבער שוין יענע אויך געוואוסט וואָס בייזע צונגען ברייען נאָך פון די לעצטע מלחמה יאָרן אָן וועגן דעם עסטרייכישן דאָקטאָר ביי וועמען יצחקל איז געווען אַן איינגייער, און דעם דאָקטאָרס טעכטערל האָט זיך דאָך דאָ נישט לאַנג באַוויזן אויף דער גרעבליע גאַס.

— עץ וויסט, פעלטע גבאי וואָלט געקענט שווערן, אַז ר׳האָט געזען דעם תכשיט זיך דרייען פאַר איר „נומער״ אין שמואל איטשעס איינ־פאַר־הויז.

— וואָסזשע, מ׳האָט זיך דען געקענט עפּעס בעסערס רעכטן פון דעם שייגאַץ. ס׳איז נאָר אַ רחמנות אויף ר׳ דודן — האָבן מכלומרשט פריינד באַדויערט — ס׳איז שוין ניש דאָסזעלבע הויז וואָס אַמאָל.

פון דאַן אָן איז פון דרויסן אַלץ נאָך געווען ווי אַמאָל, די טיר האָט זיך נאָך אַלץ געעפנט אין טונקעלן ליקל אַריין וואָס פירט צום „רינג״. די הינטערגעסלעך האָבן נאָך אַלץ געקלעפּט צו דעם ווען זיי האָבן עס געדאַרפט. זיך געלויבט מיט דעם און עס געגריזשעט מיט צונג און ציין פון צייט צו צייט. אָבער אין הויז גופא איז אַלץ שוין געווען ווי אויף דערוויל. די חדרים גרויס און קליין זיינען טאַקע געווען דיזעלבע און די באַנקבעטלעך וואו די קינדער זיינען געשלאָפן זיינען אַלע געשטאַנען אַרום די ווענט, אָבער פון יאָר צו יאָר, האָט מען מיט איינס ווינציקער געדאַרפט אויסבעטן. ר׳ דוד האָט די פאַרטאָגן געפּראַוועט אַליין אין דער גרויסער שטוב, און די דיינטע איז יעדן פרימאָרגן פון געוואוינטשאַפט וועגן אַרומ־געגאַנגען צווישן די באַנקבעטלעך און געקרעכצט. נאָכן אָנבייסן, האָט זי זיך שוין נישט געקאָנט קיין אָרט געפינען.

— ניי, ווען גייט מען שוין?! — האָט זי אונטערגעאיילט די לעצטע צוויי קינדער וואָס זיינען נאָך געבליבן, זיי זאָלן גיין זען צי ס׳איז עפּעס אָנגע־קומען אין פּאָטשט.

דאָס הויז איז שוין מער נישט געשטאַנען נאָר אין „שמאָלן געסל״. מיט אַלע חושים איז עס שוין געווען אָנגעשפּיצט צו דער ווייטער וועלט וואו די קינדער זיינען איינציקווייז אַוועק מיט יצחקלס הילף.

— אַ פּאַפּירענע בריק, ווי דער מאַמען, — האָט חנהטשע עטלעכע מאָל אין וואָך צוגעטראָגן דעם מאַן טינט און פּעדער — די קינדער גייען דאָך דאָרט אויס פון בענקשאַפט, און דו נאָר דו לערנסט, — האָט זי אים מכלומרשט אָפּערגעהאַלטן און זיך באַלד פאַרענטפערט — ווען עך זאָל קענען און וויסן וואָס צו שרייבן, וואָלט עך דיך ניש מטריח געווען. כל זמן זיי זיינען געווען נאָענט נאָך, בין עך געלאָפן, איין גאָט וויס דעם אמת.

דאָס ליקל

א

„דאָס ליקל״ איז איינס פון די געדיכטסטע און לענגסטע געסלעך אין שטעטל, און פון דעסטוועגן זעט מען עס כמעט נישט אַרויס, נישט אין יאַריד־טאָג און נישט אין געוויינטלעכע וואָך און יום־טוב טעג. אָן אַ זייט און ווי אָפּגערוקט פון אַלעמען, ציט זיך עס מיט דער לענג און געדרייטן אויסבויג פון טייך; פונעם אַריינגאַנג צו דער הייל לעבן דער „אַלטער בריק״ פון איין זייט און ביז העט אַרויף צום אַנדערן עק, ביים הילצערנעם פּאַרקאַן אויף וועלכן עס שפּאַרן זיך אָן די געדיכטע צעצווייגטע בלעטער־ביימער און שטייף שטייענדיקע טאָפּאָליעס, וועלכע פאַרשטעלן די גלעזערנע וועראַנדע פון דער „קאַנצעלאַריע״ פון אַ בייז אויג.

האַרבסט־צייט און נאָך מער ווינטער ווען די צווייגן זייַנען הויל און נאַקעט, ווייסט זיך פון דאָרט אַרויס „די קאָזע״ מיט די פאַרזשאַווערטע פאַרגראַטעטע פענצטערלעך דורך וועלכע שטעכיק בייזע בליקן און אַמאָל אויך אַ חוצפּהדיק פייפן טוט זיך אַ טראָג אַריבערן פּאַרקאַן צו די אָפּגעכוואַליעטע, ביי דער ערד ליִגנדיקע הייזקעלעך פונעם „ליקל״. אין פרילינג, ווען דער טייך צעכוואַליעט זיך צוזאַמען מיטן געהייל פון די יאָמערנדיקע מאַרצאָווע ווינטן און רייסט אויף די שליוזשעס, פאַרפלייצנדיק די טאָרף־פעלדער און לאָנקעס אויף יענער זייט, זיצט „דאָס ליקל״ אויף די שטרוי און שינדל־דעכלעך אין איינע שרעק, אַז דער צעשטורעמטער טייך זאָל חלילה נישט פאַרגעסן וואָס אין פּסוק שטייט, און אַריבערכוואַליעווען אַריבער די זאַמדן אויף דער זייט ברעג און פאַרגיסן דאָס גאַנצע ליקל ביז אַרויף צו די הויכע פּאָטשענעס פון דער צווייטער זייט מיט דער שורה געוועלבן געשלאָסן איינס אין אַנדערן וועלכע פאַרשטעלן עס אַלעמאָל פון אַ נייגעריק אויג.

אין גאַנצן אַ פּאָר טריט רעכטס פונעם טראַקט, וואָס ציט זיך האַרט מיט די הויכע פּאָטשענעס גלייך פון דער „מיטלסטער בריק״ ביזן „רינג״, ליגט דאָס ליקל; און דאָך איז עס ווי פאַרהוילן און אַריינגעטון אין זיך אַזוי, אַז אַפילו אין יאַריד־טעג גרייכט נישט אַהער דער האַרמידער פונעם

פערד־מאַרק. בלויז אין די הייסע זומער־טעג וועט עמיץ פון אַן אַנדער געסל פאַרבלאָנדזשען און געפינען דעם וועג אַהער כדי וואָס פריער צוצו־קומען צום באָד־פּלאַץ און אפשר אויך זיך אַריינכאַפּן אין דער הייל דאָרט. ווער ווייסט, אפשר וועט איצט זיין די ריכטיקע מינוט ווען ס׳וועט דער אוצר, וואָס איז דאָרט זיכער באַהאַלטן, אַ בלישטש טון פון דער פאַר־באָרגעניש אַרויס. וועט שוין כדאי זיין דאָס פּלאַטערן און ציטערן ליגנדיק אויפן בויך דאָרט און מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם איינזאַפּן אין זיך די ווייטע פאַרשטיקטע עכאָס וואָס טראָגן זיך אַרום דאָ ווי אָפּגעהאַקטע שפּליטערן פון אַ סוד, וואָס וויל און קען זיך נישט אויפדעקן. מ׳זאָגט אַז די הייל ציט זיך איבערן גאַנצן שטעטל מיט דורכגאַנגען וואָס פירן אי צום פּריצישן הויף און אי צום גרויען קלויסטער אויף יענער זייט פון די לאַנקעס. משמעות, אַז אויך צו דער אַלטער שול און בית־מדרש פירט ערגעצוואו אַ געהיים וועגל דאָרט, נאָר ווער ווייס עס דען גענוי. פּונקט ווי קיינער ווייסט נישט מער וואוהין די הייל פירט בכלל. מ׳זאָגט אַז דער אַרויסגאַנג פון יענער זייט ווערט פאַרפאַלן ערגעצוואו נאָך די זאַמדן אין די טערקעוויטשער וועלדער. אַמאָליקע פּריצים האָבן אַהין פאַרשלעפּט זייערע געפאַנגענע, און אין צייט פון סכנה פאַר די טאַטאַרישע אָנפאַלן דאָרט פאַרשטעקט זייערע אוצרות און שפּעטער שוין מער נישט געקענט געפינען דאָס אָרט. האָבן אַסך פון זיי יאָרן־לאַנג נאָכדעם געהאַלטן אין איין גראָבן דאָרט און געעפנט נייע דורכגאַנגען אַזוי אַז איצט ווייסט מען שוין אינגאַנצן נישט צוליב וואָס אַ דורכגאַנג טוט זיך מיט אַמאָל אַ בויג אויס און בלייבט שטיין ביי אַ בלינדער וואַנט. ווער ווייס וואָס די בלינדע וואַנט פאַרשטעלט און וואָס עס טוט זיך אויף יענער זייט. ציט עס טאַקע צו דערוויסן זיך, אָבער ווייטער פון אַ פּאָר טריט שטעלט מען זיך נישט איין אַריינצוקריכן. אָט, דאַכט זיך, וועט די פייכטע ערד זיך נאָכגעבן און פאַרשטעלן דעם וועג אויף צוריק. ליגט מען אַזוי לאַנג נישט ווייט פונעם אַריינגאַנג און מ׳בליקט פאַר זיך, אַז עס הייבט זיך אָן דאַכטן, אַז עפּעס מינ׳עט פאַר די אויגן און האַלט זיך אין אויפדעקן, און אין די אויערן זשומעט אַ ווייט שורשען פון אַן אונטער־ערדיש וואַסערל. אַליין נישט וויסנדיק הילכט דיר פּלוצים צוריק דער עכאָ פון דיין אייגן קול, וואָס דו קענסט בשום אופן נישט דערמאָנען זיך ווען דו האָסט עס אַרויסגעלאָזט. אוודאי רוקט מען זיך

אויף צוריק אין איין אָטעם, נאָר דער אָפּהילך גייט דיר כסדר נאָך. מישט זיך אַפילו אַריין נאָכדעם אינעם גמרא־ניגון אין אַ שפּעטער משמור־נאַכט. זעסט און הערסט אים דעם פאַרבלאָנקעטן אָפּקלאַנג וואו דו זאָלסט זיך נישט געפינען. און עס ציט און שרעקט אָפּ אין דער זעלבער צייט צו גיין נאָך אַמאָל אַהין. עפּעס מוז דאָך זיין אין די אַלע זאָגעכצן און מעשות וועגן דער הייל. זוכט מען אויך אַ באַשייד אין ספרים, און דער אומרו ווערט נאָך גרעסער און שאַרפער.

שטייט מען אָפּט לאַנג אויף „דער אַלטער בריק" בליקנדיק אין די שטורעמדיקע וואַסערן אונטן און פאַר די אויגן טאַנצן שפּריצן פון מעשות ביז עס שטייט קלאָר פאַר די אויגן דער פאַרמוחטער ר' חזקאל דער מעמדות־ייד, וועלכער קומט איינמאָל אין יאָר צונויפצוקלייבן דאָס מעמדות פאַרן רבין. אַ הויכער אַ ברייטפּלייציקער איז ער און כולו באָרד און פּאות אַרום אַ פּאָר גרויסע שוואַרצע בליאַסקעדיקע אויגן. מיט דעם גראָבן פינגער פון דער רעכטער האַנט פאַרשטעקט אין ברייטן שוואַרצן גאַרטל, שפּאַנט ער פאַרמוחט אַרום הין און צוריק אין שטיבל און וויקלט זיך אין ליולקע ציביק רויך. ממש קטורת אַרום אים און מיט אים. פּלוצים טוט ער זיך אַ רוק צו צום טיש וואו די בחורים לערנען איצט זייער שטיל כדי נישט צו שטערן דעם מעמדות ייד אין די מחשבות. נעמט אַרויס אַ מטבע פון דער הינטער־קעשענע אין דער געהאַקטער ריפּסענער קאַפּאָטע, באַקוקט זי לאַנג ווי ער וואָלט זי אָפּגעשפּראָכן — „ני, פּרחי כהונה מיינע, ווער וועט אַ לויף טון נאָך אַ העלפטעלע מיט אַ פּאָר קיכלעך!"

קיין בעלנים פעלן נישט, ווייל פאַרן וועג, ווייסט מען שוין, וועט מען קריגן אַ שאַרפן זאָג, אַ מאמר וואָס טוט אַזש אַ הייב דעם מוח, און איידער נאָך דו דערכאַפּסט זיך ביסטו שוין מויל און אויערן. די בלישטשענדיקע אויגן פונעם פאַרמוחטן ייד בליצן, מיניען זיך און ווערן עפּעס ווי פאַרפאַלן אין געדיכטן וואַלד פון באָרד און פּאות, וואָס פירט דיך, דאַכט זיך, אין אַן ערגעץ וואָס איז אי פאַרהוילן און אי מיט דער האַנט צו דערלאַנגען. ביסט אין גאַנצן אַריינגעטון אינעם קול זיינעם וואָס ציט און צאַפּלט און בלאָנקעט ערגעץ ווייט ווייט און דאָך אַזוי נאָענט און גראָ היימיש. אוודאי ווייסט מען אַז מ'זיצט ביי אַ גלעזל משקה אין „שטיבל" און מ'הערט אַ גוט וואָרט וואָס מ'פּלייסט זיך צו געדענקען אין אַלע פּרטים: „אַ חסיד

דאַרף וויסן דריי זאַכן: אַלע פיר זייטן פון „שטיבל" זיינען מזרח; אַלע פיר עקן פון טיש זיינען אויבן־אָן, און אַלע פרשות אין דער תורה זיינען ששי." אָדער גאָר אַזוי מיט אַ שמייכל: „עץ ווייסט, ס'האָט געגומען דעם ערשטן יידן כמעט הונדערט יאָר צו ווערן אַן אמתער אברהם און טאַקע פולע הונדערט אַרויסצוברעננגען פון זיך אַן אמת יידיש קינד, און דער רמז דערפון איז פון אויבן אויף: לך־לך איז בגימטריא מאה." אוודאי זיצט מען און מ'האָט הנאה, בלויז הנאה. אָבער איידער וואָס און ווען דערזעסטו ממש ווי די באָרד און פאות טוען זיך אַן עפן מיט אַ פיפקע פון דער אויסגעלאָשענער ליולקע, און אַ גלעטנדיק ציענדיק קול פירט דיך אַוועק פון „שטיבל" אין אַ וויטער פאַרהוילנדיקייט אַריין. ציילסט ממש די טריט ווי די ווערטער פון דער מעשה וואָס וויקלט זיך אויף פון דער געדיכטעניש, און דער פאַרבלאָנקעטער אָפּקלאַנג פון דער הייל לעבן דער „אַלטער בריק" טרעט נישט אָפּ פון דיר די גאַנצע צייט: „כידוע, האָט דער בעש"ט ז"ל געקראָגן צו וויסן, אַז אויב זכות אבות וועט אים ביישטיין אָנצוקומען באַצייטנס קיין ארץ ישראל און טרעפן זיך פנים אל פנים מיטן אור־החיים הקדוש, וועלן אם ירצה השם געשען גרויסע זאַכן. עץ פאַר־שטייט: יענער, זכרונו לברכה, איז דאָך עפּעס געווען דער ארי שבחבורה אין צפת, און דער בעש"ט איז דאָך דער בעש"ט, און זיי ביידע אין ארץ ישראל. האָט אָבער דער בעש"ט זיך נוהג געווען פאַר יעדער זאַך זיך גוט מיישב צו זיין. האָט ער זיך מיישב געווען און אַוועקגעשיקט אַ שליח מיוחד קיין ארץ ישראל מיט אַ בריוו. האָט ער אָבער נישט געקראָגן קיין תשובה. איז עס אים געווען אַ גרויסער פלא, נאָר פאַרשטאַנען האָט ער, אַז גאָר גרינג וועט עס אים נישט אָנקומען און מ'דאַרף זיך גוט אונטער־גאַרטלען. ס'איז אַפילו פאַראַן אַ יש אומרים, אַז יענער האָט אים יאָ געענטפערט און געגעבן אַ סימן: „אויב ער זעט אים פון קאָפּ ביז די פיס, דאַרף ער זיך נישט מוסר נפש זיין און פאָרן אַזאַ וויטן וועג, וואָס איז פול מיט סכנות נפשות. עס וועט אם ירצה השם זיין אַלץ ווי עס דאַרף צו זיין און ער קען דאָס זעלבע אויפטון אין דער היים. אלא טאָמער קען ער אים אַזוי נישט זען ווי ער האָט געשריבן, וועלן סיי ווי נישט העלפן אַלע זיינע פאָרטלען. ס'וועט נאָר פאַרגרעסערן די סכנה."

האָבן מיר אָבער בקבלה, אַז אָדער דער בעש״ט האָט די תשובה לגמרי נישט געקראָגן, אָדער ער האָט זיך מיישב געווען און מיישב געווען און איז געקומען צו דער דעה, אַז ער קען מער נישט וואַרטן. ווייל געוואוסט האָט ער, אַז דעם אור־החיים איז קיין אריכת־ימים נישט באַשערט געווען, לא עלינו, און וויפל מאָל ער האָט זיך געשטאַרקט אים צו זען, האָט ער מער ווי ביז די קנעכל נישט געקענט גרייכן. הייסט עס אַז די מניעות זיינען זייער גרויס און די צייט שטייט נישט. „אַז מען שטעלט נישט איין, נעמט מען נישט אויס״, האָט מען דאָן געזונגען אַ ניגונדל אין מעזשיבעזש. האָט ער זיך מיט דעם ניגונדל און בלויז מיט ר׳ לייבן געלאָזט אין וועג אַריין גרייט אויף אַלץ. אַז ר׳האָט גאָרנישט נישט געפועלט נאָך אַלע מסירת־נפשן ווייסט עץ דאָך. ר׳איז אַפילו שיר נישט אַראָפּ פון אַלע מדריגות רחמנא ליצלן, און דאָך האָט ער נישט אָפּגעטראָטן. ממה נפשך: קומען די מניעות פון וואַנען עס קומען אַלעמאָל מניעות און מכשולים, מוז מען דאָך זיי מיטן אויבערשטנס הילף בייקומען און אַ סוף זאָל עס נעמען. וויפל איז דער שיעור צו וואַרטן? אלא טאָמער חלילה איז נאָך נישט די צייט, וועט אַן אמתער מסירת־נפש פון אַ יידן אם ירצה השם פועלן עס זאָל זיין די ריכטיקע צייט. און אַז מ׳דאַרף און מ׳האָט קיין ברירה נישט, שטעלט מען זיך אונטער און מ׳נעמט אויף זיך צו פּרוואוון אויף אַלע וועגן. „חוצפּה אַפילו כלפּי שמייא מהנייא״ שטייט דאָך, און דאָס מיינט מען טאַקע אויף משיחס צייטן. בקיצור, וואָס מער ער האָט זיך מיישב געווען וועגן דעם, אַלץ גרעסער איז געוואָרן די תשוקה נישט צו וואַרטן און נישט אונטערצוגעבן זיך. נאָך מער איז די תשוקה זיינע אַנצוקומען קיין ארץ ישראל געשטאַרקט געוואָרן, ווען ר׳האָט זיך דערוואוסט אַז דער אור־החיים זעט אים יאָ אין גאַנצן, פון קאָפּ ביז די פיס. הייסט דאָך עס, אַז די מניעה איז בלויז אין אים און דער תיקון קען קומען נאָר מיט עולה זיין קיין ארץ־ישראל. האָט ער געטון וואָס מ׳דאַרף און דורך עליית־נשמה שואל עצה געווען ביי זיין רבין אחיה־השילוני. האָט מען אים געוויזן אַז נאָר זיינס אַן אייניקל וועט זוכה זיין צו קומען קיין ארץ־ישראל מיטן גלייכן וועג. האָט ער פון דעם געלערנט, אַז ער דאַרף זוכן אַן אַנדערן וועג. „אַז עס גייט נישט בנגלה, מיטן דרך־המלך, דאַרף מען פּרוואוון בנסתר, דורך אַ הינטערוועגל. דער עיקר איז אָנצוקומען דאָרט וואו מ׳דאַרף און מ׳מוז.״ אַז עס זיינען

בנמצא אַזעלכע הינטערוועגלעך ,איז דאָך אַ דבר־ידוע. וואו נאָר אַן עדה יידן דינט דעם אייבערשטן באמונה שלמה, איז ערגעץ אַרום זיי פאַראַנען אַ וועג אַהין. נישט מער, וואָס מ׳דאַרף זיך גוט קענען אויף דעם און זוכה זיין צוצוטרעפן די ריכטיקע מינוט אויפן ריכטיקן אָרט און נישט פאַרזוימען קיין הרף־עין צו דערשפּירן די אמתע סטעזשקע אויף וועלכער מ׳דאַרף גיין. האָט דער בעש״ט איינער אַליין זיך אַרויסגעלאָזט איבער די ,,תשע־קהילות״ פון מדינת פּוילן און זיך מתוודד געווען סיי אין די בתי־מדרשים און סיי פאַרשטעלטערהייט אויף די יאַר־מערק, צוקוקנדיק זיך צו יעדן באַלעגאָלע און פרעמדן געשפּאַן. ס׳איז דאָך נישט מעגלעך אַז עמיץ פון דאָרט זאָל זיך נישט דורכגאַנוועגען פון דאָרט אהער מיטן הינטערוועגל.

בטוח איז ער געווען, אַז זיין הייליקער חוש־הריח וועט אים דאָך פירן צו דעם וואָס ער דאַרף, ווייל יעדער באַשעפעניש טראָגט דאָך מיט זיך מיט דעם ריח פון וואַנען זי קומט. ס׳איז אָבער געווען אומזיסט: אין סאַמע מיטן יאַריד און אַרומבלאָנקען צווישן מענטשן מיט די אויסטער־לישסטע בגדים און פערד און בהמות אין מאָדנע געשפּאַנען, איז דער חוש־הריח זיינער געוואָרן אַזוי שאַרף אַז די ריחות וואָס ר׳האָט געשפּירט האָבן אים געפירט אין אַלע זייטן פון דער וועלט מיט אַמאָל, און קיין איינער פון זיי האָט נישט געשמעקט מיט אוירא דארץ־ישראל. האָט ער מהרהר געווען אַז ס׳וועט גלייכער זיין צו זוכן צווישן די בערג און געדיכטע וועלדער וואו די ריחות קומען פון סאַמע מקור און נישט געמישט מיט אַזויפיל פּסולת. ימים ושנים האָט ער אַזוי אַרומגעבלאָנקעט דאָ אין די קאַנטן: אין שעברעשינער וואַלד מיט די הויכע טאָפּאָליעס און געדיכטע גראָזן ווי גרינער סאַמעט. מ׳זאָגט אַז פאַרצייטנס זיינען דאָרט געווען גאָר בולטע סימנים אויסגעקריצט אויף דיביימער, וואָס דער וואָס ווייסט האָט געקאָנט לייענען: ,,זה השער לד׳ צדיקים יבואו בו״. איצט איז דאָס שוין מער נישט געווען, און ווער ווייס, אפשר איז דאָס טאַקע געווען איינע פון די מניעות וואָס האָט זיין ליכטיק אויג פאַרבלענדט. איז ער פון דאָרט אַוועק צום טערקעוויטשער וואַלד דאָ נאָך די זאַמדן וואו די ווייסע בערעזעס פאַרשטעלן אומגעהייערע פינצטערע היילן וואו קיין מוטער־בריאה וויזט זיך נישט בייטאָג און ביינאַכט, און דער שווערער ריח פון פוילקייט און נעץ פאַרהאַקט דעם אָטעם און פאַרגליווערט די חושים. ר׳איז אָבער נישט

אָפּגעטראָטן פון דאַנען, ווייל פון שעה צו שעה איז די תשוקה צו ארץ־ישראל שטאַרקער געוואָרן און מיט יעדן טראָט איז די הייליקע ראיה לויטערער געוואָרן. און וואָס ווייטער ר׳איז אַריין אין דער געדיכטער פינצטערניש, אַלץ מער האָט ער געזען. אָט האַלט ער שוין ביי די לענדן פון אור־החיים הקדוש, ביים האָרץ מיטן אורים ותומים, ביי די אָקסל מיט די תכלת פעדים פון אפוד. דער חוש הריח איז אַזוי אויסגעאיידלט שוין, אַז רק ער שפּירט דעם באַטעמטן ריח פון פרישער חלה מיט זאפראן און נעמט שוין אויף דער קלונג פונעם שטייסל וואָס שטויסט די בשמים פון קטורת דאָ נישט ווייט. „נישט אַנדערש, אַז דאָ איז די טיר צום גן־עדן התחתון״ — האָט דער רעיון אים פאַרטראָגן אויף אַן אויגנבליק אין איינער פון די היילן, אָבער אײדער ער האָט נאָך באַוויזן אַ בליק צו טון פאַר זיך, איז פון ערגעץ אויסגעוואַקסן פאַר אים אַ ישמעאלי מיט אַ האָרן ווי אַ שופר אויפן אָקסל און אַ וואַלד־שטעקן אין האַנט, און שוין גאַרנישט ווי אַ ישמעאלי אָ מאַך געטון צו אים בניחותא: „מילא, דאָס וואָס דו זוכסט אַליין, קען נאָר דיר אַליין שאַטן, נאָר דאָס וואָס דו מיינסט אַז דו זעסט און מ׳קען זיך אַזוי אַריינגאַנווענען דורך אַ הינטערוועגל איז אַ גרויסע סכנה פאַר כלל־ישראל״.

דער בעש״ט זי״ע, האָט זיך אָבער נישט געלאָזט אָפּשרעקן און מכוון געווען וואָס ר׳האָט געדאַרפט און דאָס אויג נישט אַראָפּגענומען פונעם חלהכל וואָס דער ישמעאלי האָט געהאַלטן אונטערן אָרעם. „אַז דו וועסט מיך פירן אַהין פון וואַנען דאָס חלהכל קומט, בין איך דיר מבטיח אַז דו וועסט זיך מער נישט דאַרפן פאַרשטעלן פאַר אַ וואַלד־גזלן רחמנא ליצלן. און וויפל איז דער שיעור פון שפּילן זיך אין פאַרשטעלעניש? ווי לאַנג וועט מען אונדז נאָך שרעקן מיט גזלנות? אויף וואָס וואַרט מען דען נאָך? דו זאָג בעסער וואו האָסטו געגומען דאָס חלהכל?״

— אַזוי גאָר, בלויז מיטן חוש־הריח ווילסטו אָנקומען און מיט חוצפה. מילא, ווילסט דאָך זען, קום זשע. נאָר געדענק, אז ס׳איז ערב שבת און דער וועג איז זייער אַ שמאָלער. אויף יענער זייט פון דער הייל איז „די אַלטע ריטשקע״. פון יענער זייט דאָרטן ברענג איך מיר אַלע ערב שבת אַ חלהכל.״

ווי לאַנג זיי זיינען אַזוי געגאַנגען ווייס מען נישט. מיט יעדן טראָט

איז די לופט אַרום זיי אַלץ קלאָרער און דינער געוואָרן, און דער ריח פונעם חלהכל אַלץ שאַרפער; דער פריערדיקער טונקל האָט זיך אָפּגערוקט ווי ער וואָלט זיך אויפגעלעזט מיט זייער דערנענטערן זיך. און אַ פלאַמיקע זון האָט געברענט הינטער זיי און געבריט די טריט ביז זיי זיינען צוגע־קומען צו אַ שמאָל ריטשקעלע מיט איין ברעטל איבער דעם פון ברעג צו ברעג. דער ישמעאלי, וואָס איז די גאַנצע צייט געגאַנגען פאָרויס, האָט אַ שפּאַן געטאָן אויפן ברעטל אַרויף און ווי פאַר זיך אַ זאָג געטאָן:

— ס׳איז נישט גענוג צו וויסן וואָס מ׳וויל. מ׳דאַרף אויך קענען הערן און באַצייטנס דערזען.

פון דער העלער הויט האָט אַ שטראָם וואַסער אַ שטויס געטאָן דאָס ברעטל מיטן ישמעאלי אויף דער אַנדערער זייט און דער בעש״ט האָט מיטאַמאָל דערזען, אַז ער שטייט פאַר דער הייל לעבן דער „אַלטער בריק״ און פאַר אים אַ שטורעמדיק ריטשקעלע וואָס ווערט אַלץ העכער און ברייטער. מיט אַלע חושים האָט ער געשפּירט דעם ריח פון פרישע חלה מיט זאַפראַן און דערהערט דאָס קלינגען פון די מערזערס שטויסנדיק בשמים לכבוד שבת, און איבער אַלץ דאָס האַמערן פונעם בעדער אין אַן אַלטער פאַרזשאַווערטער קאַסע דאָ נישט ווייט. אַ סימן, אַז דאָס מרחץ איז שוין אָנגעהייצט.

— „מ׳גייט נישט אַליין״, — האָט ער קלאָר געהערט אַ קול פון יענער זייט, און פאַרשטאַנען אַז אויף דעם עולם וועט ער דעם אור־החיים הקדוש שוין נישט זען פנים אל פנים.

— צדיק באמונתו יחיה! — האָט ער זיך געשטאַרקט און אָפּגעשטעלט דעם פלייץ פונעם ריטשקעלע, וואָס האָט דאָס גאַנצע שטעטל געוואָלט איינשלינגען.

— ני, בחורים, לחיים! נעמצט צי כזיתן און מאַכט אַ מזונות! — בליצט דער מעמדות ייד מיט מויל און אויגן, און ביסט כמעט זיכער אַז אין דער געדיכטעניש פון די באָרד און פאות איז נאָך אַלץ מער פאַרבאָרגן וויפל ס׳איז דאָ אַנטפּלעקט געוואָרן.

איילסטו אָוועק פון דער „אַלטער בריק״ צוריק אין „שטיבל״ אַריין ווייטער צו זוכן אי אין די אַלטע פאַרגעלטע ספרימלעך מיט רוקנס אויפ־

געגעסן פון מאַיל, וואָס ליגן אין די אונטערשטע פּאָליצעס פון דער ספרים־שאַפע, און אי אין די פריש־געבונדענע „טריף־פּסולען״, וואָס זײַנען געוויינטלעך פאַרשטעקט צווישן די „שמות״ אויפן בוידעם. דער מעמדות־ייִד וועט דאָך שוין מער נישט קומען אַהער. ערגעץ אויפן וועג האָט ער אָוועקגעלייגט די באָרד און פאות אין אייביקער פאַרבאָרגעניש. מוזסטו אַליין זוכן. עמיצער מוז דאָך געפינען דעם וועג אַהין. אַ פּאָר שפּרונג בלויז אַריבער די ברעטלעך פונעם שמאָלן ריטשקעלע און זע ווי לייכט און אָן אַ מכשול ביסט גלייך — — אינעם אָפּגעכויוולטן „ליקל״, וואָס קוקט זיך אויף דיר אײַנגאַנצן נישט אום. אָפּגעשליסן און גראָ שטייט עס ווי פאַרטייעט אין זיך סיי זומער סיי ווינטער מיט פאַרמאַכטע טיר און פענצטער וועלכע שפּאַרן זיך ממש אָן אין דער בלאָטע, וואָס טריקנט זיך דאָ זעלטן אויס.

ב

אין איין עק פון „ליקל״ שטומט די לאַנגע שאַפע מיט די געקאָוועטע טויערן וואו אָרע באַלעגאָלע האַלט זײַן געשפּאַן. און אין דעם צווייטן — האַרט ביים וואַסער שוין, נידעריקן זיך צונויפגעדריקטע עטלעכע הילצערנע הייזקעלעך באַדעקט מיט ליים און פאַרטריקנטן מאָך. די הייזער אין „ליקל״ זײַנען נישט געשלאָסן איינס אין דאָס אַנדערע אין אַ שורה ווי אין די אַנדערע געסלעך, נאָר צעוואָרפן אָן אַ סדר ווי פּלעקער אַרײַנגעהאַקט אין דער בלאָטע. אַרום יעדן הייזל אַ פּריזבע וואָס איז אַביסל העכער פון דער בלאָטע און פירט אין אַ שמאָל ליקל אַריין וואָס טונקלט אָוועק ביז דער אַנדערער זײַט פונעם הייזל וואו אַ נייע בלאָטע הייבט זיך אָן מיט אַן אַנדער טונקל ליקל. אַ פור וואָס קומט דאָ אַהער מיט אַביסל האָלץ אָדער טאָרף, מוז זיך זייער שטאַרק קליגלען ביים דורכשטופּן זיך כדי נישט מיטצושלעפּן אַ שטיק הייזל מיט זיך. דערפאַר אָבער איז נישט שווער צו טרעפן ווער עס וואוינט אין אַ הייזל דאָ. אַבי ביסט נאָר אין אַ ליקל ווייסטו שוין דערקענען צי דאָ וואוינט אַ שמאַטניק, אַ סאַדאָווניק, אַ פעדערן־פּליקערין, אַ בלעכער צי אַ סטעלמאַך, צי גאָר אַ דאַרפסגייער. יעדער ליקל איז אַ רשות־היחיד וואו אָפּגעדינטע חפצים פון יעדערנס מלאכה וואַלגערן זיך לרוב. פון דעסטוועגן דאַרפסטו נישט פאַרבלאָנדזשען דאָ. אַ מענטש האָט אַ מויל און קען פרעגן און אָנרופן ביים נאָמען און

צונאָמען. קיינער וועט אויף דיר דאָ קיין פּאַריבל נישט האָבן ווען וועסט זיך נאָכפרעגן אויף וועמען מיטן צונאָמען. אַשטייגער: וואו וואוינט חיים סאַדאָווניק, מאַשע די קרומע, חיה די טיקערן, ברײַנע די באָבע, חוהלע גאַרבאַטש די פּעדערן־פּליקערין אָדער אַפילו שמואל אליה פּאַנפּאַטש. העכסטנס וועט יענער אויף דיר אַ ציקל טאָן מיט אַ ניגון: „און אַז יאָ, איז וואָס ?‟. מ׳דאַרף נאָר זיין געהיטן מיט די הייזקעלעך אין וועלכע די באַלעבאַטים זייערע זיינען עפּעס צוליב אַ סיבה אַנגעשטויסן אויף דער גאַנצער וועלט און ווילן נישט האָבן קיין שום מגע ומשא מיט וועמען עס איז פון די אַנדערע געסלעך. יענע הייזקעלעך אָבער ווייס קינד און קייט וועל עס וואוינט אין זיי, פאַרשפּאָרט מען פרעגן. ס׳איז דאָרטן אַלעמאָל דאָ עפּעס אַ סימן אַפילו פאַר דעם וואָס ווייס נישט.

אַזאַ למשל איז דאָס הייזקעלע אין סאַמע געדיכטעניש פון „ליקל‟; אַ נידעריקס, אַ בייכיקס, מיט אַ שטרוי־דעכל מיט אַ ווערך אַרויף ביז צום סאַמע קוימען, און בלויז צוויי פענצטערלעך מיט אַ טיר פון איין זייט. די אַנדערע זייטן זיינען בלויז בלינדע ווענט. האַרט איבער די פענצטערלעך ליגט אָנגעלענט אַ שמאָלער לייטער וואָס גרייכט ביז דעם ווערך אַרויף. עס מאַכט נישט אויס אין וועלכער צייט פון טאָג דו זאָלסט נישט דורכגיין דאָרטן, וועסטו אַלץ טרעפן דעם שטומען מילע שטיין ביים פענצטער וואַרטשענדיק עפּעס מיט אַ מאָדנע קוויטשל און מאַכנדיק די משונהדיקסטע העוויות. אָנגעטון איז ער בלויז אין אַן אויסגעוואַקסן העמדל, וואָס גרייכט אים קוים ביז די קני. דאָס גולמעוואַטע פּנים מיט די פּאָר שיטערע בלאָנדע הערעלעך דער גאָמבע האַלט אין איין צוקן און די פּאָר געזונטע פינגער פון די קורצע הענטלעך זיינע, שפּילן זיך אַרום מיט די אָפּגעדעקטע טיילן פון זיין צעיוירן לייב מיט אַן אַנגסטיקן תענוג. טייל־מאָל ווען ר׳איז אַליין אין שטיבל, טוט ער אַן עפן אַ פענצטערל און פלינק ווי אַ וועוורעק טוט ער אַ שפּרונג אויף אַלע פיר צום לייטער צו און איינס און צוויי איז ער שוין אויפן קוימען הוידנדיק זיך אַ ווילע שטרעקנדיק די קורצע פיסלעך פאָרויס. פון גרויס תענוג, נעמט ער זיך באַלעקן מיט דער סלינע וואָס רינט אים פון מויל און נישט קענענדיק זיך זאַט אָנקוועלן, כאַפּט ער שטיקער סלינע און נעמט שמירן די אָפּגעדעקטע גלידער פרייכנדיק און קייכנדיק ביז ער פאַרלירט דאָס גלייכגעוויכט און גליטשט זיך אַראָפּ פון דעכל מיט אַ גרויליקן קוויטש.

„דער זיידעכעס הויף" רופט מען דאָס שטיבל, און פון וועלכער זייט דו זאָלסט נישט צוקומען צו דעם, קומסטו אַלץ אויס גלייך מיטן שטרויענעם דעכל, וואָס ליגט אויף דעם ווי אַ פאַרסאַזשעטע שטאַרץ איבער אַ בייכיקן טשאָלנט־טאָפּ. אַפילו „דער זיידע מיט דער זיידעכען", וועלכע זעען אויס ווי קינדער וואָס זיינען פאַרעלטערט געוואָרן איידער זיי האָבן באַוויזן אויסצואוואַקסן, מוזן זיך איינבייגן ביים אַראָפּגיין די פּאָר טרעפּלעך, וואָס פירן אינעווייניק אין שטיבל אַריין. דערפאַר איז עס אינעווייניק אַ רחבת־ידים. אַזוי באַרימט זיך די זיידעכע אַליין ווען אַ באַלעבאָסטע וויל זיין זיכער צי זי וועט חלילה נישט פאַרשמירן די פעדערן וואָס זי גיט איר צום פליקן אויף אויסשטייער.

— וואָס רעדט עץ, — שעפּטשעט זי ווי איר שטייגער איז מיט אַ קול וואָס איז עפּעס יאָ ווייבעריש און נישט ווייבעריש. נישט דערוואַקסן, דאַכט זיך, און פאַרט אַלט־געבאַקן און צוגעלעגערט, — באַן אינץ אין דירה האָב יעדך פלאַץ גענוג און גענאַך. וויפל פאַרנעמען דען די קוימענ־אויוון מישטיינס געזאָגט, און די בעטן מיטן באַנקבעטל פאַר די קינדער? צי מאַאַנע פעדערן רירט זעך דער זיידע נישט צי. ר'האָט זעך זאַאַן מקום־מנוחה פאַר די שמאַטעס. יעדך זוג ענק צי, אַז זיי וועלן באַ מיר זאַאַן אַ צעכט. זאָל יעדך אַזוי דערלעבן צו פירן ענקער טאָכטער אין מקוה אַריין, — גיט זי דערוויל אָנצוהערן אויף איר צווייטער מלאָכה ווי אַ טיקערין. — עץ דאַרפט נישט קאָ מורא האָבן. אַזאַ צעכט ווי יעדך בין, דאַרף מען אויספאָרן די גאַנצע מדינה.

— ווי קליין זי איז, אַזאַ גרויס צעכט איז זי טאַקע, — רעדט מען וועגן איר אין באַלעבאַטישע הייזער ווען עס קומט צו באַשטעלן זי ווי אַ סאַרווערן אויף אַ חתונה.

— די פיסלעך פון אירע בעטן שטייען באַן איר אין ערדענע טעפּ, — וייסן צו דערציילן די וואָס זיינען אַמאָל געווען ביי איר אין שטיבל, וואו אַ שוואַרצע טונקלקייט הערשט אַפילו אין זוניקע טעג. די גאַנצע בלינדע וואַנט איז פאַרנומען מיטן גרויסן באַק־אויוון און פּיעקעליק וואו עס שטייען גרויסע טעפּ מיט פעדערן. די הילצערנע בעטן מיט די פיסלעך אין ערדענע טעפּ כדי זיי זאָלן נישט פוילן פונעם הוילן נישט באַדעקטן דיל, זיינען אַלעמאָל פאַרבעט הויך ביז דער סטעליע; אַ דרייפיסיקער טיש

מיט שטולן פֿאַרנעמט די אַנדערע וואַנט מיט אַ שטיקל פֿון דעם פֿענצטערל דורך וועלכן מילע קען זיך אַרויסגליטשן גלייך אויף דער פּריזבע. די אַנדערע העלפֿט ביז דער טיר איז דעם זיידנס מקום־מנוחה וואו ער סאָרטירט יעדן אָוונט די שמאַטעס וואָס ער קלייבט אויף אַ גאַנצן טאָג.

אַז דער זיידע מיט דער זיידעכן גייען אַמאָל צוזאַמען, קען מען פֿון הינטן־אַרום נישט וויסן ווער ס'איז ווער. ביידע איין הייך און איין וואוקס, און ביידע געהילט אין אַזעלכע שוואַרצע איינהילעכישן ספּק שפּענצערס ספּק קאַפּטלעך אין וועלכע קינדער פֿאַרשטעלן זיך פּורים. סיידן ווען אויף די אַקסל פֿון איינעם פֿון זיי הוידעט זיך אַ זעקל וואָס איז אי פֿאַרלאַטעט און אי פֿול מיט לעכער דורך וועלכע עס שפּאַרן אַרויס שמאַטעס, ווייסט מען אַז דאָס איז דער זיידע און ס'איז נישט קיין פֿאַרשטעלעניש, נאָר טאָקע דער זיידע מיט דער זיידעכן אַליין. וואָס זעען אויס ווי אַ צווילינג, וואָס האָט נישט באַוויזן אויסצוואַקסן.

פֿון וואַנען ס'האָט זיך צו זיי גענומען דער דאָזיקער נאָמען איז שווער צו זאָגן. אפשר איז עס געווען אַן איינפֿאַל פֿון זיינוועלע לץ וואָס האָט ליב אַלץ צו מאַכן קאַפּויר: אַזעלכע צוויי פֿאַרשוינען וואָס זעען אויס ווי אייביקע אייניקלעך, וואָס וואַקסן קיינמאָל נישט אויס, זיינען ביי אים אַ „זיידע מיט אַ זיידעכן", און אפשר איז עס גאָר דערפֿאַר וואָס דער זיידע וועלכער רעדט געווייינטלעך ווייניק, און ווי קליין געוואַקסן ער איז, האָט ער פֿונעם בייגן זיך אַ גאַנצן טאָג ביי די שמאַטעס געקראָגן די טבע נאָך קלענער צו מאַכן זיך דורך האַלטן דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, און נאָר ווען ער וויל עפּעס מאַכן זיכער דורך אַ שבועה, הייבט ער אויף דעם קאָפּ און קוקט יענעם גלייך אין די אויגן אַריין: — לאָם יעד אַזוי דערלעבן צו זיין אַ זיידע —

אַנקוקנדיק דאַן דאָס קליינע יידעלע וואָס וויל מיט אַמאָל גרעסער ווערן און זיין מיט לייטן גלייך, דאַרף מען האָבן אַ טאַטעריש האַרץ נישט צו ענטפֿערן גלייך: — אמן, זיידע!

אַזוי האָט מען, ווייזט אויס, זיך שוין צוגעוואוינט צו רופֿן אים אַלעמאָל „זיידע" און זי די „זיידעכע", און אַפֿילו פֿאַרגעסן אַז ס'איז אַ צונאָמען. ס'איז אָבער גריילעך מעגלעך אַז דאָס איז איינער פֿון די פֿאַלן ווען אַן אמתער נאָמען פּאַסט זיך אַזוי צו אַ מענטש ווי אַ צוגע־געבענער צונאָמען. געקראָגן דעם נאָמען האָט ער ווי אַ סגולה צו אריכת־

ימים ווען ער איז ייִנגלווייז שטאַרק קראַנק געוואָרן. דאַן האָט מען אים פאַרצוויגן גערופן „זיידל״ „זיידעלע״. ביים עולה לתורה זיין איינמאָל אין אַ יובל האָט מען אים נאַטירלעך צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע נעמען אויך גערופן „זיידל״, אָבער יעדער וואָס האָט נאָר געזען דעם פאַרשוין, קליין און גרוי און קיילעכיק אַ ריס טון זיך צום באַלעמער און אַ מרוקע טון מיט אַ נישט דערבאַקן קול די ברכות פון קריאת התורה, האָט זיך אים גלייך איינגעקריצט אין זיכרון נאָר דער לעצטער נאָמען. ס׳איז שוין אַזוי געבליבן.

אַלע ווייסן אָבער, אַז דאָס פּאָרל איז נישט שטאַרק צופרידן צו הערן זיך רופן מיט דעם נאָמען, ווייל אין דער אמתן איז סיידן אַ נס קענען זיי אַמאָל זיין אמתע זיידע־באָבע. פונעם עלטערן זייערן חיימל, האָבן זיי אַפילו געהאָפּט צו האָבן אַביסל נחת. געווען אַ לערנער, זיך געחברט מיט די לייטישסטע ייִנגלעך אין ריזשינער שטיבל, שוין אַפילו געשטאַנען אין שידוכים און מיט אַמאָל איז אים אַריין אַ מאַנקאָליע אין קאָפּ אַריין: ער מוז פאָרן לערנען אין די שקאָלעס ערגעץ אין גאַליציע. עס האָט נישט געהאָלפן קיין וויינען און קיין בעטן זיך. ער איז מיט אַמאָל פאַרשוואונדן און זיך צוריק באַוויזן אין אַ צייט אַרום אַ פאַרהונגערטער, אָפּגעשליסן און אָפּגעריסן מיט אַ מאָדנעם שמייכל אויפן אָנגעבלאָזענעם פּנים ווי איינער וואָס האָט זיך דערוואוסט עפּעס אַ סוד צו וועלכן נאָר יחידי־סגולה זיינען זוכה. געערעדט האָט ער זעלטן און נאָך זעלטענער זיך באַוויזן אין ריזשינער שטיבל. בלויז אַמאָל אין אַ משמור־נאַכט האָט ער זיך אַריינגעשלייכט אַהין, געשטאַנען אַ ווײַלע און זיך צוגעהערט צום לערנען צושאָקלענדיק מיטן שמייכלענדיקן פּנים און זיך מיט אַמאָל פאַרקרימט: „קיר־פּיטשניקאָווס גראַמאַטיקע חזרט עץ מער נישט? הא? דער וועג צום גן־עדן איז אויך דאָרט נישטאָ״ — איז דער שמייכל אַריבער אין אַ ביטערער גרימאַסע און מיט אַ הויך קול אַרויסגעיאָגט פון זיך אין איילעניש אַ פּלאָנטער פון רייד — „ס׳איז דאָרט גאָרנישט נישטאָ קיין צייכן פון אַ וועג. מ׳מוז אים אַליין מיט די אייגענע הענט אַרויסשלעפּן פון דער בלאָטע. די בעסטע בלאָטע איז באַן אונדז אין ליקל. דאָרט שטייט מיין באַן. באַרג אַרויף ביזן ווערך וועל יעך פאָרן, יעך מיט מילען״ — האָט ער זיך אַזש פאַר־כלינעט אין רעדן און פאַרענדיקט מיט אַ הויל געלעכטער — „די באַן

פּאַרט באַלד אָפּ, וואָס זיצט עץ דאָ!״ און איידער נאָך ווער פון זיינע געוועזענע חברים האָט באַוויזן זיך צו דערנענטערן צו אים, איז ער שוין געווען אויף יענער זייט טיר. שעהנווייז פלעגט ער אָפּשטיין אין דער בלאָטע פאַרן שטיבל זייערן און קנעטן און שאַרן די בלאָטע אויף דער פריזבע אַרויף. דאָס בויט ער דעם וועג פאַר דער באָן וואָס וועט אים פירן גלייך צום גן־עדן. ווען ער שטייט אויפן ווערך פון שטרויענעם דאַך האָרט לעבן קוימען אָן אויסגעשמירטער אין בלאָטע און אין סאַזשע שרייט עס פון אים אַרויס ווי אַ דיבוק: „גלייך נאָך דער לאַנגער בריק שטייט שוין דאָס אייזעלע און וואַרט. קומט צאַן־קדשים אַרויף אויף דער באָן, וועלן מיר עס אַריינשלעפּן ביי די אויערן, כאַ כאַ כאַ! — האָט ער זיך אַראָפּגעגליטשט פון דעכל אין דער כאַפּטע חדר־יינגלעך אַריין, וואָס זיינען זיך צונויפגעלאָפן אויפן בייז־וואונדער — „בלויז יעך און מילע ווייסן דאָס. ביי די אויערלעך וועט מען שלעפּן״.

דער זיידע מיט דער זיידעכען און אַלע זיינע געוועזענע חברים האָבן שוין געדאַנקט גאָט ווען ר׳איז ווידער נעלם געוואָרן ווי אין וואַסער אַריין. פון צייט צו צייט בלויז האָט ווער עס איז געוואוסט, אַז מ׳האָט אים געזען אַרומשלייען זיך אויף דער מדינה מיט אַ כאַפּטע בעטלער. אין שטעטל האָט ער זיך אָבער מער נישט געוויזן און בלויז די יינגלעך פון ריזשינער שטיבל האָבן אים אָפּט דערמאָנט מיט אַ ציטער, ווייל אַסך פון זיינע זאָגעכצן ווען ר׳האָט געהאַט אַ קלאָרע מינוט, זיינען זיי אַריין אין געמיט און זיך נישט געקאָנט באַפרייען דערפון. איינס פון זיינע ווערטלעך האָבן אַלע פאַרגעדענקט און זעלטן געוואָגט אַרויסצוזאָגן: „דאָ פוילט מען אין וואַרטעניש און דאָרט האָרט מען אין הוילעניש, ווי איז מיר״.

— מיין חיימל נעבעך, — האָט די זיידעכע געווישט די אויגן יעדעס מאָל ווען עמיץ פון זיינע חברים זיינען פאַר איר פאַרבייגעגאַנגען, און גאַנץ שטעטל האָט טאַקע מיט איר מיטגעזיפצט: „נעבעך, מיט וועמען זיי זיינען לא עלינו געבליבן״.

האָט מען זיך געפלייסט ווי ווייט מעגלעך נישט אָנטון זיי קיין צער מיטן רופן זיי ביי דעם אָנגענומענעם נאָמען, אָבער נישט אַלעמאָל קען מען עס אויספירן, ווייל נישט אַלעמאָל ווייזן זיי אַרויס זייער אומצופרידנקייט. פאַרקערט גאָר, זיי קענען מיט אַמאָל זיך אַ בייזער טון: „עץ האָט שוין

אַפילו דעם נאָמען פאַרגעסן, הא, נאַדיר גאַר אַזאַ טראַנץ״. נאָר די וואָס קוקן זיך גוט צו, ווייסן ווען עס אַרט זיי אַז מ׳רופט זיי מיט דעם נאָמען. ביי אים דערקענט מען עס אינעם אויפהייבן דעם קאָפּ און אַריינקוקן דיר גלייך אין די אויגן אַריין. איז עס בשעתן אויפרופן אים צו ־ער תורה די צוויי מאָל אין יאָר ווען ער האָט יאָרצייט, דערקענט מען עס באַלד אין דעם נישט זיכערן גענגל זיינעם צום באַלעמער. ס׳איז דאָך נישט שייך צו האָבן טענות צום שמש. ער מוז דאָך אויפרופן אַזוי ווי מ׳הייסט, אָבער די בליקן אַפילו פון די נאָענטע שכנים זיינע ווי משה דער קרומער און יאַנטשע גאַרב, אמתע קאַליקעס און אמתע צונעמען. אַפילו זיי דאַכט זיך אים חוזקן פון דעם נאָמען וואָס רופט אים טאַקע צו דער תורה אָבער ער קלעפּט עפּעס פאַרט נישט צום גאַנצן יינגלעשן אויסזען זיינעם. די גאַנצע צייט וואָס ער שטייט דאָרט, גלעט ער מיט איין האַנט דאָס שיטערע בערדל זיינס און מיט דער צווייטער האַלט ער זיך אָן אין שולחן, אַליין נישט וויסנדיק אַז ער טוט עס, כדי צו קענען זיכערער אויפהייבן די אויגן און זען אויף קלאָר ווי מ׳קוקט אויף אים אַרום און אַרום. ערשט ווען ער איבערצייגט זיך, אַז קיינער האָט אים שוין נישט אין זינען, לאָזט ער ווידער אַראָפּ דעם קאָפּ און שווייגט ווי אַלעמאָל. עס טרעפט אָבער אויך, אַז ער האַלט זיך נישט איין און ווייזט אַרויס זיין נישט צופרידנקייט: „און אַז יעך בין אַ שמאַטניק, מעג מען מיר דערקיטשען — טוט ער דאַן אַ הייב דעם טאָן מיטן קאָפּ אַזוי ווי ער וואָלט יענעם וועך ווייס וואָס אַריינ־געזאָגט — ס׳פעלט ענק צרות, צי אייגענע ווייטיקן? אַ שטיקל נאָמען, ווייס יעך וואָס, דאַרף מען אַזוי פייניקן!״ אין וואָס די פּיין באַשטייט האָט יענער נישט געוואוסט געענוי, נאָר ר׳האָט זיך שוין געהיטן צו רופן ביים נאָמען. „הערט נאָר״ — האָבן אַ סך נישט געוואוסט ווי אַנדערש צו רופן אים אַריינצוקומען אין זייער קאַמער אויפצוקלייבן די שמאַטעס וואָס ליגן און וואַרטן אויף אים שוין פון וואָכן.

— שויך, אַט באַלד, — האָט עס אויסגעזען ווי ער איז צופרידן מיט דעם אופן פון רופן אים. אָבער אָפט האָט ער זיך אינגאַנצן נישט וויסנדיק געמאַכט און פאַרבייגעגאַנגען נישט קוקנדיק אין גאַנצן אין דער זייט אַריין. ערשט שפּעטער פאַרנאַכט צו, ווען דער זאַק איז ביי אים שוין געווען פול, האָט ער זיך אַ שטעל געטאָן פאַר דער טיר און אַריינגערעדט

מיטן פאַרלעגערטן קולכל: — עץ האָט עפּעס, האַלטץ עס אויף מאָרגן, יעדן בעיט ענק, — האָט ער ווי געוואָלט איבערבעטן זיך.

אויך די זיידעכע האָט נישט אַלעמאָל זיך גלייך באַצויגן צו דעם אופן פון אָנרופן זי: „עץ זאָלט מע לעבן און געזינט זיין. עץ האָט טאַקיש ניש פון וועמען צי שפּעטן" — האָט זי אַמאָל געקענט אין גוטן מוט אָזוי אָפּערהאַלטן אַ באַלעבאָסטע ווען זי האָט אָפּגעבראַכט די פעדערן פאַרן אויסשטייער, — אַז יעדן בין אַזוי געשטראָפט אָן אַ נויקעץ נחת. דאַרף מען נאָך מיר ווי טין! וואָס האָט עץ זיך אָנגעטשעפּעט. דעם גרויסן נחת וואָס יעדן קען שוין דערלעבן. פון יענעם, הער יעדן דאָך גאָרנישט זינט ר'איז אָוועק אויף דער מדינה, און דער קליינער, ווייסט עץ דאָך, — ווייסט שוין נישט די באַלעבאָסטע צי זי כעסט זיך אויף איר צי זי רעדט זיך גלאָט אויס דאָס ביטערע האַרץ. הייבט זי טאַקע אויך אָן צו פאַרענטפערן זיך — הערט עץ דאָך. ווער ס'האָט קינדער אין די וויגן, זאָל לאָזן לייטן צופרידן. עץ מיין דען עפּעס. פון מיידלווייז אָן נאָך געדענק עך, אַז מ'האָט ענק אַזוי געריפן.

— ני ני, שוין — ווישט זיך די זיידעכע אויס די אויגן — זאָל מען שוין האַלטן ביים גיין פאַרבעטן צו דער חתונה, מעגט עץ מעך רופן וואָס עץ ווילט אַליין, — זעט זי זיך שוין גיין איבער די פּאַטשענעס צוזאַמען מיט דער גרויסער ביילען צו פאַרבעטן אויף חתונה. די גרויסע ביילע, אויסגעפּוצט אינעם סאַמעטענעם קאַפּטל מיט די ברייטע קלאַפּן און פאַר־דעקט דעם קאָפּ מיט אַ געבלימלט שאַלעכל, שפּאַנט פאַראויס און זי, אין שוואַרצן, ספּק שפּענצער ספּק קאַפּטל מיטן פאַרקעמטן שייטל מיט די לעקעלעך ביז אַריבער די אויערן, שפּרייזט נאָך, גרייכנדיק איר קוים ביזן אָרעם.

— אַ לאָקש מיט אַ באָבעלע — שמייכלט מען זיי נאָך אויף אַלע פּאַטשענעס און מ'דערוואַרט זיך שוין קוים זיי זאָלן צוקומען און זיך אַ שטעל טאָן פאַר דער טיר מיט אַ קניקס. פריער די גרויסע ביילע און דערנאָך די זיידעכע. כאָטש מ'ווייסט נאָך וואָס זיי זיינען געקומען, איז נישט קיין כבוד עס אָפּצוכאַפּן אין דרויסן. וואַרטן זיי אַ ווײַלע ביז די באַלעבאָסטע בעט זיי אַריין אין שטוב מיט אַ וואָרע: „אָ וואָ, געסט, זייער אָנגעלייגט — עפנט זי ברייט די טיר פאַרן פּאָרל וואָס טריטלט באַזאַכט

אַן אויסצורעדן אַ וואָרט ביז יענע ציט זיי שוין ביי דער צונג, — „וואָסזשע ׳עט עך עפּעס זוגן גיטס, !״

— מיט גיטס זאָלט עך געניגנד זיין און מיט נחת און ברכה, — הייבט אָן די גרויסע ביילע דעם פּזמון פון פאַרבעטעניש מיט אַ ניגון, און די ויידעכע מאַכנדיק מיט די ליפּן בלויז שאָקלט צו מיטן קאָפּ — קול ששון וקול שמחה גיטלשע קרוין, זאָמיר אַזוי אַלע באַזאַמען דערלעבן צי קימען אָנזאָגן די גיטע בשורה, ווי ברייטשע מעכליעס האָט אינדז געגעבן פאָרן וועג און געהייסן אינדז זאָלן זיין איר שליח־מצוה צו פאַרבעטן ענק מיטן מאַן און די קינדערלעך זאָלן געזינט זיין צו דער חתונה וואָס זיי מאַכן מיערטשעשעם מיט מזל און ברכה אין אַ שעה מוצלחת פון היינטיקן דינסטיק איבער צוויי וואָכן מ׳זאָל דערלעבן.

דער שטייגער איז, אַז די פאַרבעטענע הערט אויס דעם פּזמון שטייענדיק. דער נוסח איז אַלעמאָל דער אייגענער נאָר צוגעפּאַסט צו דער באַשטימטער געלעגנהייט. אַמאָל קען עס הייסן אַן „אויפרופעכץ״, אַ „לעקעך און בראָנפן״, „תנאים״ צי אַ „קנס־מאָל״ — אַמאָל אויך צו אַ „ברית״. דער ניגון און דער קניקס בלייבט אָבער דער אייגענער: „געבעטן אי צו דער אויפנאַמע, אי צו דער חופּה, שבת אין שול אַריין און צו דער לאַטשעשנע. זי האָט אינדז אויכעט געבעטן זוגן, אַז מיערטשעשעם ביי ענקערע שמחות, וועט זי מיטן מאַן מיט דער גאַנצער משפּחה ענק אָפּדינען מיטן זעלבן״.

— זייער געבעטן — טוט די ויידעכע אַ שטעל אַריין איר טייל פון פּזמון און מאַכט אַ טריט אויף צוריק. ערשט דאַן ענטפערט די פאַר־בעטענע:

— עך זאָלט מע דערלעבן צו זיין די גיטע שליחים צו קינדס קינדער מיט אַלעמען בענויף.

— אמן ואמן! — איילט ווידער די גרויסע ביילע פאָרויס און די ויידעכע נאָך איר, און אַלע פּאַטשענעס קוקן זיי נאָך.

כאָטש דער ויידעכעס טייל אינעם גאַנצן פאַרבעטעניש זעט אויס ווי אַ צוטשעפּעניש און קונדסים פאַרגינען זיך איר אַמאָל נאָכשרייען: „זייער געבעטן״. פון דעסטוועגן וועט סיי זי, סיי די לייטישע באַלעבאָסטע וואָס מאַכט אַ שמחה נישט אָפּזאָגן זיך פון דעם באין אופן. די גרויסע ביילע

לאָזט זיך זייער לאַנג איינרעדן ביז די באַלעבאָסטע פּועלט ביי איר זי זאָל מיטנעמען די זיידעכע.

— וואָס דאַרף יעדן אַ שטימען דיין! — פּרוּוט זי זיך אָפּזאָגן פון דער שותּפטע, — ז'איז אַ טיקערן, איז גענוג.

— וואָס אַרט עס ענק, ביילעשי, איר'ט דאָך במילא זיין די זאָגערן, וואָס ווייס וועמען און וואָס. אַן אָרעם מענטש, אַ געשטראָפטע נעבעך. זאָל זי זיך אַביסל חייהטשען דערמיט. עץ ווייסט דאָך, ז'עט מע נאָך פאַרווינען דעם קאָפּ.

אַלע ווייסן, אַז טאָמער מאַכט זיך און מ'פאַרקוקט זי אין דער שליחות, איז זי ממש אויס מענטש. אפילו ווען די כלה אליין זאָל זי נאָכדעם קומען בעטן צו דער חתונה, וועט זי שוין נישט קומען. און אַ חתונה אָן דער זיידעכען ביים סאַרווערן און מצווה־טענצל איז עפּעס נישט שייך. וואָס „דער עפּעס נישט שייך" מיינט, איז שווער אויסצוגעפינען אויף קלאָר. אָבער ס'זעט אַלעמאָל אויס ווי מ'וואָלט פון עפּעס זיך געוואָלט אויסהיטן דורך איר זיין. איר נישט זיין איז עפּעס פון די נישט גוטע סימנים וועלכע קיינער וויל נישט אַרויסברענגען פון מויל. איז גלייכער צו טאָן אַלץ וואָס מ'קען אַז ווי נאָר מ'רופט די גרויסע ביילע, זאָל יענע גלייך ווייסן, אַז זי גייט מיט דער זיידעכען.

„וואָס דאַרף עך איבערקלערן, ביילעשי, עץ זענט דאָך אַ קליגע און מ'דאַרף ענק קאָ פינגער נישט טיקען אין מויל אַריין. זאָל זי בעסער גיין צו מיר אויף שמחות. עץ פאַרשטייט! — ווינקט מען אָן אויף דעם, אַז באַהיט זאָל מען ווערן, נישט דאָ געדאַכט און נישט ביי קיין שום יידן געדאַכט, ווען מ'זעט דעם זיידן מיט דער זיידעכן איינגעהילט, דאַכט זיך, אין איין שאַל, איילן זיך ביי דער זייט פון וועג נישט אויפהייבנדיק די קעפּ אויף איין סעקונדע אַפילו, טוט גלייך אַ טיאָכקע אין האַרץ. ערגעצוואו, לא עלינו, דאַרף מען שוין איבערזיצן אַ נאַכט מיט אַ מת און צונויפשאָבען די תכריכים.

איז טאַקע גלייכער שוין צו האָבן זי מיטן זיידן אויף אַ שמחה. ס'פאַרשטייט זיך אַז קיינער פרעגט נישט ביי קיינעם דעם טעם פאַר יאָ אָדער נישט וועלן די זיידעכע און מ'רעדט נישט צו קלאָר דערפון. ס'איז גענוג אַז די גרויסע ביילע גייט אַליין אָדער גאָר מיט חוהלע די גבאיטע,

אַז אַלע פּאַטשעגעס זאָלן זיך אַ וויג טאָן מיט אַ שושקעניש און ברעכן די קעפּ. די זיידעכע וועט דאָך אוודאי נישט רעדן דערפון. ערשטנס, רעדט זי בכלל נישט גערן און צווייטנס, מ׳קען מיינען אַז ס׳גייט איר אינעם טעלער וואָס זי וועט קענען שטעלן ביי דער החתונה. „יעך מיט מאַאַן מאַן שפּאַז מע זעך אַליין בוראך האָשעם, און מיר ווילן גוניש אימזיסט. פאַר מאַאַנע שוואַלבן וועל מע פין מיסט קלאַאַבן און נישט נעמען באַ יענעם" — קען זי זיך אַמאָל אויסוויינען פאַר עמיצן אין אַ צייט אַרום ערשט. אין וואָס עס גייט איר אין דער אמתן איז צו קענען אַמאָל אַראָפּ־וואַרפן פון זיך דעם שלומפּער און אויסטון די גרויסע שאַל וואָס פאַר־טרויערט אַ גאַנץ געסל ווי נאָר זי באַווייזט זיך דאָרט. „עץ וואַיסט, ווי נאָר כ׳טי זעך אַן דאָס שאַיטל מיטן קאַפּטל פאַרגעס יעך אין אַלע מאַאַנע וואַיטיקן. אַלעהיי כ׳וואָלט געגאַנגען פירן מאַאַנס אַן אייגנס צי דער חופּה" — פאַרענטפערט זי זיך למאי זי וויל נישט אָפּטרעטן איר חזקה פון פאַרבעטעניש. „אַז דער רבונו של עולם האָט מעך אַזוי געשטראָפט, פאַר וואָס זשע פאַרגינט מען מע נישט כאָטש אַ נויקעץ תענוג. ווען דען קען יעך אָנטון דעם יום־טוב מיינעם, מישטיינס געזאָגט. מיט די אויגן האָט מען מעך אויפגעגעסן. דאָס קינד, ווייסט עץ דאָך, אַ שטימע ציגג נעבעך. זינט ר׳איז געבוירן געוואָרן האָב יעך מיט עם צי טין. וואָס זשע קען יעך שוין דערלעבן? און דער עלטערער וואַלגערט זעך ערגעץ אַרים, טאָמער ווייסט עץ וואָס ס׳האָט עם געפעלט באַ מיער, — האָקט זי איבער אינמיטן און איילט אַוועק אַן איינגעשרומפּענע צוריק צו אירע טעפּ מיט פעדערן און ליאַכעס. און אין דערזעלבער צייט האַלטן אַן אויג אויף די תלמידים פון נאָענטן חדר, וואָס קלייבן זיך אַרום איר פענצטער ווען נאָר דער רבי לאָזט זיי אָפּ פון אויג אויף אַ ווײַלע. דער שטומער מילע מיינט, ווייזט אויס, אַז דאָס זיינען די קינדער געקומען זיך שפּילן מיט אים, נעמט ער מרוקען און מאַכן העוויות, רייסט זיך צום פענצטער מיט אַלע צעקרימטע אברים זיינע כדי אַרויסצובאַקומען זיך אין דרויסן. די זיידעכע וויל אים פאַרשטעלן פון די קינדערס אויגן, פּרוּווט זי פאַרלייגן די שמאָלע שייבלעך מיט די גרויסע קישנס און אַרויפוואַרפן אויף אים עפּעס אַ משונהדיקע דעקע. גליטשט ער זיך אָבער אַרויס פון אונטער די הענט, פאַרשווינדט אויף אַ ווײַלע אין אַ ווינקל און באַווייזט זיך ווידער

אויפן טיש. און איידער נאָך די ציידעכע קוקט זיך אום, טוט ער אַ פאַרשאַרץ דאָס העמדל איבערן צעווירענעם בייכל און נעמט זיך קנייפּן מיט די פאַרדרייטע פינגערלעך מיט אַזאַ ווילדער הנאה, אַז די סלינע רינט אים פונעם מויל ביז די קורצע צעדרייטע פיסלעך. מ׳קען אים שוין דאַן נישט רירן פון אָרט. די ציידעכע קען זיך קיין עצה נישט געבן מיט אים, בלייבט זי אַ ווײַלע אָפּהענטיק שטיין ווי פאַרגולמט. גלאָצט פאַר זיך אַזאַ פאַר־לאָרענע ווי זי וואָלט גאָרנישט נישט געזען און נישט געהערט דאָס כאַכאַטשען פון די קינדער, וואָס שפּרינגען אַזש אונטער אויף די ערטער נאָכמאַכנדיק מילעס העוויות און ווילדע פאַרקרימענישן שרייענדיק אין איין קול: — מילע, נאָך נאָך! נאָר מיט אַמאָל דערכאַפּט זי זיך און טוט אַ לויף צו און רײַסט אויף דאָס פענצטער. און נאָך איידער זי באַוויזט אַ גאָס צו טאָן פון דער קוואָרט וואַסער וואָס שטייט דאָרט אַלעמאָל גרייט פאַר אַזאַ פאַל, ווערט דאָס כאַכאַטשען פון די קינדער פאַרשטומט אין סאַמע מיטן. גרויליק פאַרציטערטע טרעטן זיי צוריק הינטערוויילעכטס, ווי דאָס יאָמערלעכע צעטראַסקעטע קול פון דער ציידעכן וואָלט זיי געשמיסן מיט ברידיק שטעכעכץ.

— וואָס כאַכאַטשעט עץ אויף גאָטס בייז־ווינדער, לעלערס מיינע?! אַ שטים קינד געבעך און עץ פרייט זעך. שדים זענט עץ און ביש קאַ יידישע קינדער. אין ענקער רי אַריין, אַ הוש! — טוט זי אַ פליוך דאָס וואַסער אויף דער צעשראָקענער כאַליאַסטרע קינדער, — ניש אימעזיסט איז דער עלטערער אַנטלאָפן פון ענק. גייטס אַוועק, כ׳וועל ענק נאָך שעלטן! — פאַרהאַקט זי אויף שנעל דאָס פענצטער און נעמט זיך שיילן דאָס פנים ווי זי וואָלט געוואָלט אויסקראַצן דעם גאַנצן ווייטיק אירן. — כ׳על ענק נאָך שעלטן! — ברעקלט זיך איר צעטראַסקעט קול אין „ליקל״ און יאָגט נאָך די צעטומלטע קינדער, וואָס טרעטן אָפּ מיט גרויס שווע־ריקייט הינטערוויילעכטץ, נישט קענענדיק ממש אָפּרייסן זיך פון דער איינגעשרומפּענער ציידעכן, וואָס איז איצט איין שטיק געיאָמער און ביידע הענט אַרבעטן ביי איר עפּעס מיט אַמאָל אין איין און דערזעלבער צייט: די רעכטע שיילט נאָך אַלץ דאָס צעקאַרטשעטע פנים און די לינקע שטייפט צו די דינע פאַרשוימטע ליפּן, אָפּצוהאַלטן מן הסתם די קללה, וואָס שוימט איר אויף דער צונג.

ג

אַקעגנאַיבער דעם „זיידנס הויף" און בלויז מיט אַ קאָפּ און אַ שמאָל פענצטערל העכער פון דער געדיכטער בלאָטע אין וועלכער עס זינקט דאָס גאַנצע „ליקל", הויערט כמעט ווי אָפּגעזונדערט בענטשע למדנס איבערזעץ חדר. צוצוקומען צו דעם ביינאַכט אַפילו מיט אַ לאַמטערן, איז ממש סכנת נפשות. נאָר יידישע קינדער ווייסן דעם סוד פון מאַכן זיך סימנים פון בייטאָג אַן ווי אין פּסוק שטייט: „עשי לך ציונים בדרך", צייכנס מאַך דיר אויפן וועג. און וועלעכס חדר יינגל ווייסט עס נישט אַז „דרך" מיינט צו גיין לערנען תורה. בפרט, אַז בענטשע למדן לערנט מערסטנס מיט באַלמלאָכישע קינדער ביי וועמען אַ שטיקל בלאָטע און שטאָק־פינצטערניש שפּילט קיין ראָלע נישט. נישטערנדיק אין דער פינצטער הערן זיי שוין און זיינען דורכגענומען מיט די „מעשה שהיהס" וואָס בענטשע למדן דערציילט אַלעמאָל אַ שעה פאַרן אַהיימגיין. „ס'איז אַ סגולה צו גוטע חלומות", שמייכלט ער זיך אונטער, „דאַכט זיך וואָס? א בלאָטע דאָ ארום און ארום, און די הייל דאָ נישט ווייט איז ממש אַ חורבה היינט, אַמאָל אָבער בשעת סכנה טוט פלוצים פון דאָרט אַ בלינצל אויף אַ ליכטל אין זכות פון אַ צדיק זכותו יגן עלינו און, ס'איז אויס בלאָטע. דער סאַמע גן־עדן התחתון שטייט דיר פאַר די אויגן און מ'האָט אַ שבת ווי אַ ווין מיט פלייש און פיש און מחייהדיקן צימעס, און עס שמעקט מיט זאַפערן און בשמים ביז די סכנה גייט אַריבער און עולם כמנהגו נוהג".

מ'דאַרף דאָך חלילה זיין שוין גאָר אַן אמתער וועפריק און אַ בעל עבירהניק איינצוהאַלטן זיך און פאַרפעלן אַזאַ טייערע מעשה שהיה.

— מיט וועלכן צדיק האָט עס געטראָפן, און ווען?

— גיי שוין גיי, אַפילו די מעשה ביכלעך וואָס די פּאַקן־טרעגער צעלייגן זיך מיט זיי אויפן צעקאַרבטן טיש אין בית־מדרש ביים אַריינגאַנג, זיינען פול מיט אַזעלכע מעשות. שוין אָפּגערעדט פון די ספּורי נפלאות צדיקי יסוד עולם, וואָס ליגן אין אַלע „שטיבלעך" אויף דער נידעריקער פּאָליצע ביים ארון־קודש. גיי צו און ווערסט אַליין זען מיט די אייגענע אויגן.

— וואָס שייך וועלכער צדיק? — קנייטשט זיך בענטשע למדן און

קוקט דעם יינגל גלייך אין די פרעגנדיקע אויגן אַריין — ווען די שעה איז ראוי דערצו, קומט עס; און וועלכער ייד האָט עס נישט זיין שעה און זיין סכנה צו וועלכער ער דאַרף אַן אמתע סייעתא דשמייא? פאַר־שטייסטו שוין?!

ציען זיך אַהין די יינגלעך נאַכט נאָך נאַכט און קליגלען זיך צו געפינען דעם בעסטן וועג צוצוקומען צו דער פּאָטשעגע דאָרט און געדענקען די גאַנצע צייט, אַז נישט דער לאַמטערן ווייזט דעם וועג, אַמאָל פאַרבלענדט ער גאָר און פאַרפירט מיט די לאַנגע שאָטנס וואָס לייגן זיך עפּעס נאַזנדיק איבער דער גאַנצער בלאָטע. ס׳איז אַ פּשוטע זאַך: אַלע ספרים רעדן פון דעם — „דאָרט וואוהין אַ מענטש דאַרף אָנקומען, אַהין פירן אים די פיס״... יאָ לאַמטערן, נישט לאַמטערן, אַבי דו ווייסט די סימנים און אַ לייבצודעקל מיט כשרע ציצית איז אויף דיר, וועלן די פיס שוין ברענגען וואו דו דאַרפסט.

ווי אַ סך הייזקעס דאָ אין „ליקל״, איז עס אָפּגעכויוולט און אונטער־געשפּאַרט מיט קלעצער, און דאָך טיילט זיך עס אויס און איז אַנדערש פון אַלע אַרומיקע. נישט קיין פריזבע פון ליים און גרויע ציגל רינגלען עס אַרום, נאָר אַ הויכע הילצערנע פּאָטשעגע, וואָס ציט זיך איבער דער גאַנצער לענג פון דער פאָרנדיקער זייט מיט די שמאָלע פענצטערלעך און געקאָוועטער טיר פון פאָדערהייזל. ווי אויף שטאָלצן שטייט עס און קער זיך גאָר נישט אָן מיט די נידעריקע פריזבעס וואָס רינגלען אַרום די הייזקעס אַרום און אַרום. עפּעס ווי פון אויבן אַראָפּ קוקט עס אויף די שכנטעס און זעט אויס ווי אַוועקגעשטעלט דאָ צייטווייליק. צו יעדער מינוט קען זיך עס אָנהייבן רירן און אַוועקשפּאַנען פון דאַנען צו אַ מעשה שהיה. אַז מ׳דאַרף, איז דאָך נישט שייך.

ביז וואַנען וואָס אָבער קענסטו, אויב דו ווילסט, טרעטן אויף דער הויכער פּאָטשעגע און מיטהוידען זיך מיט די לויזע ברעטער ביז צום סאַמע סוף, און דערנאָך אָנשפּאַרן זיך אין איינער פון די פּאַרענטשעס אַראָפּצוטאַנצן פון דאָרט צו דער נאָענטער פריזבע. מעגסט זיין זיכער, אַז ווייטער ווי ביז צו דער „אַלטער בריק״ וועסטו נישט אָנקומען און ווייל זאָלסט נישט וועלן אַריינבליקן אין דער עפענונג פון דער הייל דאָרט דערלעבן, וועסטו אַלץ וועלן שוין זיצןביים טיש מיט בענטשע למדן און

הערן און זען די מעשה שהיה וואָס קען זיך דאָ פאַרלויפן מיטן איי־בערשטנס הילף.

ד

אין די יונגע יאָרן איז בענטשע למדן גאָר געווען אַ טאַנדייטנער שניידער. ביז צו דער חתונה האָט ער געאַרבעט ביי יענעם און אַרומ־געשלייעט זיך אין די דערפער אַרום גלייך ווי דער מיינסטער זיינער. נאָך דער חתונה אָבער האָט נעכע זיינע גענומען צוהעלפן אין דער פרנסה. זיך פאַרשאַפט ערגעץ צוויי גרויסע געקעסטלטע ברעטער מיט קלעפיקע פאַרבן אָזעלכע מיט וועלכע מ׳קען מאַליעווען און באַצירן די ווייסע און גרויע לייוונטן וואָס די פויערים וועבן אַליין אויס. שטייען אַרום דער הייזקע קופקעס פויערטעס יעדן יאַריד טאָג און וואַרטן אויף זייערע לייוונטן וואָס נעכע צעשפרייט אַזוי קונציק צווישן די ברעטער. נאָכן צושרויפן זיי אינאיינעם און אונטערשטעלן פון אונטן הייסע פאַרעדיקע טעפּ וואַסער, וואָס גיבן אַרויס פון זיך אַזאַ שאַרפן ריח פון אייל און איבערגעקאָכטן האָניק, קומען די לייוונטן אַרויס באַמאַליעוועט מיט קריינדעלעך און צאַצ־קעס. אַז עס פאַרכאַפּט דאָס אויג. עפּעס ווייס זי דיר אַזאַ קונץ, די נעכע, אַז כאָטש די ברעטער זיינען אַלעמאָל די זעלבע, קוועטשן זיי אָפּ אויפן לייוונט די פאַרשידנסטע קאָלירן און צייכענונגען. נאָכדעם ווי בענטשע וועט זיך אַ נעם טאָן צו די לייוונטן אָדער די פויערטע אַליין וועט זיך פאַרען מיט שער און נאָדל יעדע פרייע מינוט וואָס זי האָט נאָר, וועט אַ קאַפּטאַנדל, אַ קאָפּ טיכל, צי גאָר אַ ברייטע שליעפע פאַרגלאַנצן און פאַרבלענדן דעם גאַנצן „רינג״ ביים קומענדיקן יאַריד. איר דאַרפט זען ווי די זון טוט זיך אַ שפּיגל אין דעם. דער פויערטעס פנים פלאַמט און די פויערים פאַרגאַפּיען זיך אַזש די נכפה כאַפּט זיי. קומענדיקע וואָך וועט ביי נעכען נישט סטייען קיין מאַליעוואַנקע און קיין כוחות צו טאָן די ליב פאַר אַלע פויערטעס. פאַרשטייט זיך אַז גאַנץ „ליקל״ האָט מקנא געווען בענטשען, וואָס אַ חוץ דעם וואָס ער קען קיין לייטישן שטאָך נישט טאָן, איז ער נאָך, איר זאָלט מיר מוחל זיין, אַ שטיקל חושם אויך. אַז נישט איז ער דען אַ שניידער. אמת, אַ פּאָר יאָר פאַר דער חתונה, ווייסן די נישט פאַרגינערס צו באַרעדן אים, האָט ער זיך טאַקע געוואַלגערט מיט די טאַנדייטניקעס אין די דערפער, אָבער פון קינדוויַיז אָן איז ער דאָך גאָר

געוועז אַ שמייסער ביי אָרע באַלעגאָלעס טאַטן נאָך. טאַקע דאָ נישט ווייט אין דער שאַפע ביים עק פון „ליקל״.

נאָר מאַלע וואָס נישט פאַרגינערס רעדן דאָרט. דער עיקר איז וואָס אין סאַמע מיטן דער גרויסער מחיה אין הויז, האָט ער זיך גאָר געקענט אָוועקשטעלן מיט אַ פויער צי אַ פויערטע און פלאַפּלען נישט געשטויגן נישט געפלויגן אַזעלכע בבא־מעשות, וואָס די האָר שטעלן זיך קאַפּויער. און נאָך שענער פון שיין, האָט ער זיך גאָר פלוצטאַלבן אַריינגענומען אַ מאַנקאַליע אין קאָפּ אַריין, אַז מ׳קען ממש פּלאַצן פון געלעכטער. שוין גאָר אין די מיטעלע יאָרן, ווען דאָס בלאָנדע בערדל זיינס האָט זיך שוין מיט אַלע אַרויסשטאַרנדיקע שפּיצן געהאַט גוט באַפּעסטיקט אויף זיין אויסגעצערט דורכזיכטיק פּנימל, איז ער גאָר געוואָרן אַ לערנער. ער האָט אַפילו רעכט קיין עברי נישט געקענט. ווי זשע קען אַזאַ ווערן אַ לערנער אין מיטן דערינען? מ׳עט דאָך מאַכן קאַלעטאָרעס פון אים, אַז ער וועט זיך נאָר צורירן צו אַ ספר. מיט די בית־מדרש לייט, וואָס קענען אין די קליינע אותיותלעך, שפּילט מען זיך נישט. זיי קענען דיר מאַכן די ריכטיקע העצע פון אַזאַ איינעם וואָס שטופּט זיך דאָרט וואו ער געהערט נישט און זיינע אבות אבותנו האָבן נישט געהערט אַהין. האָט עס טאַקע בענטשע געוואוסט, און נעכע זיינע האָט זיך ביי אים געבעטן רחמים: „פאַר מיר און פאַר די קינדער ביסטי גיט אַזוי ווי די ביסט. אויב די ווילסט שוין גאָר, ווען מיר זעך קוויילן ווי ווייט מעגלעך און מאַכן די קינדער פאַר לערנער, וואָס נאָך ווילסטי?״

ער האָט זיך אָבער נישט געלאָזט אָפּוועגדן. ערשטנס, קען מען פון קיין מיידלעך קיין לערנער נישט מאַכן, און דערווייל האָבן זיי נאָר מיידלעך. והשנית, ער האָט אַליין געהערט פונעם מגידס מויל מיטוואָך ביינאַכט אין בית־מדרש, אַז עס שטייט בפירוש אַז „יעדער ייד מוז לערנען בייטאָג און ביינאַכט; וואָסזשע פאַר אַ ייד איז ער, האַ?״ — האָבן אַלע שפּיצן פונעם בערדל זיך אָנגעשפּיזלט קעגן נעכען.

און נאָכדעם ווען אַלע מלמדים האָבן אים שוין גוט אָפּגעשייגעצט ער זאָל זיך אָפּטשעפּען פון זיי, זיי האָבן בילעכערס וואָס צו טאָן ווי זיך אָוועקזעצן מיט אים קנעלן, און נאָכדעם ווי דער רב האָט, אויף נעכעס

געווייין, אים מבטיח געווען, אַז אַ פּשוטער ייד איז יוצא מיטן דאַווענען, האָט ער זיך אַלץ געהאַלטןביים זייניקן.

— איז דערפאַר וואָס כ׳האָב זעך געהאָדעוועט אַ יתום, בין עך פּטור פון לערנען? דער רב ווייסטאָך יאָ. ער דאַרף דאָך חלילה נישט אָנקומען צום מגיד ער זאָל אים דערציילן וועגן דעם פאַסטעך וואָס האָט אויף די עלטערע יאָרן זיך גענומען צום לערנען און געוואָרן אַ תנא.

— יאָ, יאָ, דער תנא ר׳ עקיבא, — האָט דער רב קוים געקענט איינהאַלטן דעם שמייכל.

— און עך, האָב פון דעם ביז איצט נישט געוואוסט, — האָט בענטשע מיט תחנונים אויסגעשטרעקט די פאַרהאָרעוועטע הענט צום רב.

— אָבער האָסטאָך אַ ווייב מיט קינדער קיינעהאָרע (עין הרעה), בענטשע. שפּייזן די משפּחה איז אַ מצווה מדאורייתא.

— מידע וואוּ, רבי? — האָט ער מיט אַ געבראָכן קול זיך געבעטן — עך זעט, עך פאַרשטיי אַפילו ניש וואָס עך רעדט צו מיר. וואָסער מצווה איז עס, רבי? עך מיז וויסן. עכ׳ל אויפשטיין פאַרטאָג, כ׳על אָראָפּ־גאָנווענען אַ שעה פונעם טאָג, כ׳על — האָט ער זיך פאַרכליניעט מיט די רייד און הינטערווייילעכטס זיך אַרויסגערוקט פון רבס חדר.

— אַ משוגעת, רחמנא ליצלן, — האָט שטעטל אָפּגעפּסקנט ווען מ׳האָט זיך דערוואוסט וועגן דעם.

ווי נאָר ר׳האָט זיך באַוויזן אין בית־מדרש צי אין אַ „שטיבל״, האָט מען זיך אַ נעם געטאָן מיט אויספרעגעניש און ליצנות. „וואו האַלט ער עס אין לערנען און ווען ווערט ער שוין אַ תנא״. ער האָט זיך אָבער געמאַכט תמעוואַטע, און אַרויסנעמענדיק אַ סידורל צי אַ חומשל פּשוט אַ ווענד געטאָן זיך צום נאָענט שטייענדיקן צו אים: „עך בעיט ענק, לייענטס מיט מיר פון דאָ אָ״.

די ערשטע צייט פלעגט אַזאַ בעטעניש געענטפערט ווערן מיט אַן אָפּשטופּעניש און געלעכטער, אָדער אַ נאַסער האַנטעך איז פון ערגעץ אָנגעפלויגן אין רעדל אַריין מיט אַ צוזינג פון חוזק: „ר׳ תנא!״ ביס־לעכוויז אָבער, האָט מען זיך צוגעוואוינט צו אים און אים געלאָזט צורו. אייניקע האָבן אַפילו פון רחמנות וועגן זיך צוגעזעצט אויף אַ ווײַלע און געלייענט מיט אים און געזאָגט די טייטש, וואָס ער פלעגט ממש איינ־

שלינגען וואָרט נאָך וואָרט, און ווי ער וואָלט געפונען אַן אבן־טוב גלייך צוריקלויפן אַהיים צו דער אַרבעט.

ווי ווייט מעגלעך האָט ער אויסגעמיטן צו בעטן די עלטערע יידן, וואָס פלעגן זיך אַריינכאַפּן אין בית־מדרש אַרייַן צו לערנען פּאָר זיך דורכן טאָג. אויך פון די חתן־בחורים אויף וועלכע מ׳האָט געזאָגט, אַז זיי זיינען שוין גאַנצע קענערס האָט ער זיך געהאַלטן פון וויטן. זייער זיכער שמייכעלע מיטן כסדרדיקן שפּילן זיך מיט די זילבערנע קייטעלעך פון זייגער, האָט אים אָפּגעשראָקן. ער פלעגט זיך ליבער צוזעצן צו די יינגסטע, וואָס האָבן זיך נאָך אַליין שטאַרק געמוטשעט מיט אַ משנה, און כסדר געדאַרפט אָנקומען צו פרעגן אַן עלטערן פון זיך. אַזאַ איינער איז גיכער געווען גרייט אָפּצוגעבן אים אַ פּאָר מינוט, און דערנאָך זיך קענען אויסבאַרימען פאַר די חברים און אָנלאַכן זיך פולע הויפנס פון די ווילדע גרייזן פונעם „תנא״.

גאָר צופרידן צו „לערנען״ מיט אים, זיינען געווען די עלטערע חדר־יינגלעך. בין מנחה למעריב, האָבן זיי זיך פאַרקליבן מיט אים אין אַ ווינקל און אויסגעטייטשט אַ פּאָר פסוקים פון דער סדרה פון דער וואָך. אין אָנהייב איז עס מכלומרשט געווען בלויז אַ שפּיל צו טאָן זיך מיט אים, און דערנאָך קענען חוזק פון דעם טיטול „רבי״, מיט וועלכן ער פלעגט אַזאַ איינעם אָנרופן ווי נאָר ר׳האָט גוט צעקייעט די טייטש מיטן אויס־רעדעניש. ביסלעכווייז אָבער איז עס געוואָרן אַן ערנסט. זיין אַריינגעטוענקייט אין אויפכאַפּן יעדן אויסטייטש, האָט זיי אַזוי איבערגענומען, אַז זיי האָבן שוין נישט פאַרפעלט קיין איין וואָרט פון רבינס טייטשן. ער האָט שוין אָנגעהויבן וויסן ווען זיי ווייסן גענוי און ווען זיי ווייסן אַליין נישט. „עך בעיט ענק, פרעגטס דעם רבין נאָך אַמאָל״...

אויך די „שטיבל יינגלעך״, האָבן זיך געכאַפּט מיט דער צייט, אַז נישט נאָר פרעגט ער זיי טייטש, נאָר לערנענדיק מיט אים ווערט זיי עפּעס אַליין קלאָרער דער עניין. ער האָט נאָך אַלץ מיט תחנונים געבעטן יעדן איינעם צו לייענען מיט אים, נאָר שוין נישט פון סידור אָדער חומש. אין אַ גאַנץ קורצער צייט, האָט ער שוין געוואָגט צו עפענען אַ גמרא. מ׳האָט אים נאָך גאַנץ לייכט אָפּגעשטופּט און געוואָלט זיך אויסדרייען פון אים, אָבער געחוזקט האָט מען שוין נישט.

— אַ ייד איז זיך אַזוי מכניע — האָבן די מער סטאַטעטשנע אָפּגע־שטעלט די ליצנים.

— ער וועט שוין זיין אַ למדן, — האָט מען שוין ווי געוואָרט ער זאָל זיך צו ווּעמען צוטשעפּען מיט תחבונים:

— עך בעיט ענק, לערנטס מיט מיר!

עטלעכע יאָר האָט עס אַזוי געדויערט. און כאָטש מ׳האָט אים נישט גענומען צו ערנסט, האָט מען זיך פאָרט אָנגעהויבן באַציען מיט דרך־ארץ צו אים. דער צונאָמען „למדן״ האָט זיך צוגעקלעפּט צו אים נישט מיט קיין פולער גרינגשעצונג. מיט דער צייט, האָבן די ייִנגלעך וואָס זיינען נאָר וואָס אַרויס פון ר׳ לאַזערס חדר און אָנגעהויבן לערנען פאַר זיך אין בית־מדרש דערפילט אַז ער לערנט מיט זיי און נישט זיי מיט אים. איידער מ׳האָט זיך אַרומגעקוקט, האָט מען זיך שוין געשושקעט אַז דער ייד איז גאָר אַ גוטער מסביר. דאָס וואָס ער האָט אויסגעלערנט, קען ער דורך און דורך און געפינט נאָך אַ משל און אַ מעשה צו מאַכן עס קלאָר און לעבעדיק. ממש מויל און אויערן אויפצושטעלן. האָט עס טאַקע קיינעם נישט גע־חידושט, וואָס אין איין נאָך פּסח איז „דאָס ליקל״ צום ערשטן מאָל זינט עס שטייט, באַגליקט געוואָרן מיט אַן איבערזעץ חדר. דאָס גאַנצע „ליקל״ מיט די האַלב פאַרטריקנטע בלאָטעס האָט געשיינט, ווען ר׳ בענטשע למדן האָט מיטן נחת פון דערגרייכן אויפגעעפנט אַלע פענצטערלעך, און מיטן ברייטן, דערציילערישן ניגון פון חומש אַריינגעזונגען אין די תלמידים: „ויאמר״, און ער האָט געזאָגט, „אדוני״, גאָט, „אל״, צו, „משה״, איינער וואָס האָט געהייסן משה „לאמור״, אַזוי צו זאָגן; זאָגט זשע קינדערלעך אינאיינעם חיבור: „גאָט האָט געזאָגט צו משה רבנו, אַז ער זאָל גיין זאָגן צו די יידן אַזוי צו זאָגן״.

צום ערשטן האָבן בלויז די הינטערגעסלעך געשיקט צו אים די קינדער. דערנאָך, האָבן שוין אַפילו קינדער פון „רינג״ און „שמאָלן געסל״ אויך געלערנט ביי אים, און אָנגעקוואָלן אי פון זיינע מעשות און אויסרעדענישן, אי פון דער מעגלעכקייט יעדן מיטוואָך אַרויסצוהעלפן נעכען, (צו איר האָט זיך עפּעס נישט געקלעפּט דער נאָמען רביצן) מיטן דרייען די שרויפן אויף צו פּרעסן די לייוונטן און אונטערשטעלן די פאַרעדיקע טעפּ וואָסער אונטער די ברעטער. דאָס דאַרף מען וויסן ווי

צו טאָן און מיט כוונה ציילן די מינוטן ווען צו רוקן זיי פון איין אָרט צום אַנדערן. די תלמידים האָבן שוין אַרויסגעקוקט אויפן מיטוואָך, און איינגעשטעלט פאַר יעדן זיין רייע. מ׳האָט זיך דערביי געדונגען און אָפּגעקויפט איינער ביים אַנדערן די חזקה. טאָמער חלילה איז אויסגע־פאַלן אַ יום־טוב אין אַ מיטוואָך, האָט דער וועמעס ריי ס׳איז געווען געהאַט אַ טענה; און נישט אויסגערעדט זאָל עס זיין, שטאַרק מתרעם געווען אויפן לוח.

ר׳ בענטשע האָט אויך הנאה געהאַט פון די מיטוואָכס. כדי צו קענען איינהאַלטן די ריי אויף צוצוהעלפן נעבכן, האָט מען נאָך דינסטיק געדאַרפט קענען די פרשה מיט די אויסרעדענישן פון רש״י. האָט מען זיך געפלייסט און גוט איינגעחזרט. שוין פאַרטאָג, פאַרן דאַוונען נאָך, האָט מען באַוויזן דעם רבין וואָס מ׳קען. זיינען אים טאָקע געבליבן אַ פּאָר גוטע שעה דורכן טאָג אַליין אַריינצוקן אין אַ ספר און געפינען עפּעס אַ נייע מעשה וואָס ער וועט אָם ירצה השם דערציילן אין אַ שעת הכושר.

מיט דער צייט, האָבן זיך די מיטוואָכס איינגעשטעלט ביי בענטשע למדן אין חדר ווי אַ מין האַלב פרייער טאָג, ווען דער רבי איז בלויז אַ פאַרטאָגיקער און אָוונטיקער. אַפילו נאָכדעם ווען צוליב די נייע מאָדעס, האָבן די פויערטעס אויפגעהערט צו ברענגען די לייוונטן אָפּצומאַליעווען, האָט מען זיך נאָך אַלץ געדונגען איבער דער רייע. „מאַלע וואָס עס מאַכט זיך. טאָמער וועט פאַרט אַ פויערטע זיך פאַרגלוסטן צו קומען״.

און אַז קיינער איז נישט געקומען, און די טעפּ האָבן זיך נישט געפּאַרעט, איז דאָך פּשוט געווען אַ צער צו קוקן אויף נעבכן, האָט מען סתם איר צוגעהאָלפן מיטן אָפּוואַשן די ברעטער אָדער גלאַט טוען עפּעס אַ שרות פאַר איר. דערפאַר האָט זי זיי פאַרגיטיקט מיט אָפּקאָכן אַביסל הירזש באַשמאַלצן מיט האָניק, וואָס האָט ממש דעם טעם פון מן ווען מ׳עסט עס אין איינעם ביי איין טיש מיטן רבין, און די, וואָס עס איז נישט זייער מיטוואָך שטייען אין דרויסן און באַלעקן זיך מיט דער סלינע, וואָס זיי האָבן אַ פול מויל.

ה

צו בענטשע למדן פלעגן תלמידים צוריקקומען אַפילו לאַנג שוין נאָכדעם ווי זיי זיינען אַרויס פון זיין רשות און געלערנט ביי די גמרא

מלמדים, און אַפילו ווען זיי האָבן געלערנט „פֿאַר זיך״ אין „שטיבל״ צי בית־מדרש. איינעם האָט עס געצויגן צו די מיטוואָכס בייטאָג, אַן אַנדערן צו דער „מעשה שהיה״ פֿאַרן אַהיימגיין אָדער גאָר צום היימישן אויפֿנעמען אין אַ שבת בייטאָג, ווען די רביצן מיט די מיידלעך האָבן שמייכלענדיק געשטעלט שבת־אויבס און אויך געזעסןביים עק טיש און הנאה געהאָט פֿון דעם רבינס פֿאַרטייטשן אַ פּסוק פֿון „פּרק״ אָדער „ברכו נפשי״.

אַפילו שפּעטער, נאָך דער מלחמה שוין, ווען דאָס „גאָרן־שטיבל״ אין דער „קאַמעניצע״ האָט ווי אַ כישוף געצויגן צו זיך אַלע בחורים און מיידלעך, האָט נאָך אַלץ אַ טייל פֿון די געוועזענע תלמידים געצויגן אַריינצוכאַפּן זיך צום „רבין״ אויף אַ ווײַלע, און אַ טייל אַפילו אויף מער ווי אַ ווײַלע. די עלטערע מיידלעך זיינע האָבן שוין לאַנג חתונה געהאַט און וואוינען ערגעץ מעבר־לים, בלויז די יינגערע איז געבליבן אין דער היים און וואוינט מיטן מאַן אירן לייבל דער איינבינדער אינעם אַלקערל, וואו די מאַליעוואַנקע ברעטער דינען איצט ווי אַ פּרעס אויסצוגלייכן די ספרים און ביכער נאָכן פֿאַרנייען זיי און פֿאַרשטייפֿן מיטן קלעפּיקן לאָאַם, וואָס פֿאַרשמעקט דאָס גאַנצע הויז. די לערן־שטוב איז שוין אויך נישט די זעלבע וואָס געווען. בענטשע איז שוין כמעט קיין מלמד נישט. מיט די פּאָר יינגלעך וואָס ער האָט נאָך, לערנט ער אין בית־מדרש אַ פּאָר שעה אין טאָג. פֿאַרשטייט מען טאָקע נישט אין שטאָט פֿאַר וואָס עס ציט אַזוי די בחורים צו טאַפּטשען אין בלאָטע פֿון „ליקל״ און אָפּזיצן דאָרט שעהן גאַנצע. אַ סברא, אַז אַפילו בענטשע אַליין, ווייסט אויך נישט אויף קלאָר וואָס ציט זיי אַהער.

געוויינטלעך, זיצן זיי אַ פּאָר מינוט מיט אים אָדער מיט נעכען אין דער לערן־שטוב; פֿאַרזוכן קוים דעם כיבוד, און געפֿינען באַלד אַ תירוץ אַריינצוגיין אין אַלקערל צו לייבלען. ס׳הייסט, זיי ווילן אַ קוק טאָן אויף די מכשירים זיינע אויף וועלכע מ׳זאָגט, אַז זיי זיינען עפּעס אַזוינס ווי אַזעלכס.

„ני, אדרבה, זאָלן זיי אַ קיק טאָן. פֿאַר וואָס דען ניש? ער וועט זיי אַלץ ווייזן״. ער האָט דאָך זיי מיטגעבראַכט מיט זיך פֿון סאַמע וואַרשע, וואו ער האָט געלערנט די מלאכה. גאָלדערנע הענט האָט ער דאָך. אַז ער נעמט אַ ספֿרל אין דער האַנט אַריין, מעג עס זיין ווי צעקנוידערט וועט

ער עס דיר אָפּגעבן אויספּאַרריכט און פאַרנייט נישט צו דערקענען. פונעם גאַנצן געגנט און אַפילו פונעם פריצישן הויף, און נישט אויסגערעדט זאָל עס זיין פונעם גלח אַליין קומט מען צו אים. אָפּגערעדט שוין, אַז די לייט פון „גאָרן־שטיבל" ברענגען זייערע צעריסענע שאַלאַמויזן צו אים צו פאַרריכטן. ווער קומט עס דען נישט אַהער? — קען זיך נעכע נישט אָפּהאַלטן פון באַרימען זיך אַביסל, — און מיינע מאַליעוואַנקעס קומען נאָך אויך צונויף, — פירט זי אַליין צו דעם בחור ביז צום אַלקער און שטעלט זיך אָפּ — וואָס קומט אָבער דערויס, אַז אויף שבת פעלט נאָך אַלץ צו אַ זלאָטע. קוים וואָס מ'זשיוויעט זיך דורך, מישטיינס געזאָגט.

— ניין מאָס רייד — שלאָגט איר בענטשע איבער מיט פּאַריבל — נאָר זי האָט טענות. פאַר וואָס דערציילסטו אים בעסער ניש, אַז מ'האָמיר ברוך השם נחת פון די עלטערע פון דערוווייטנס. פאַר (פריער) גאָט און דערנאָך זיי, קומט מען יאַקאָש אַדורך ניש צי פאַרזינדיקן. פאַר יעדן יום־טוב און אַמאָל אינמיטן יאָר אויך, קומט עפּעס אָן פון זיי דאָרט. צו דער שוועסטער שיקן זיי דאָך איבער גאַנצע פּעק.

— וואָס דען, פונעם מלמדות דיינעם קען מען היינטיקע צייטן עפּעס האָבן, — קען זיך ווידער נעכע נישט איינהאַלטן און פאַרענדיקט מיט אַ תרעומות אויף זיך אַליין — אַבי עך האָב זיך די אויגן אויסגעוויינט ווען זיי זיינען מיר אַוועק פון דער היים.

— גיי שוין גיי, נעכע, — נעמט ער זי איין מיט גוטן און אָן אָנוואונק אויף אַמאָל נאָך — ווען וויינסטו דען ניש? און צוריקגעשמועסט, ווען וועמען ווילט זיך עס אַוועקלאָזן אַ קינד. אלא גאָט האָט אַזוי געפירט, אַז פון דעם זאָל אַרויסקומען די אמתע הילף, דאַרף מען דאָך טאַקע לויבן און דאַנקען זיין ליבן נאָמען פאַרן גרויסן חסד יעדן שעה אין טאָג, — נעמט ער נישט אַראָפּ די פאַרהויכטע אויגן פונעם שויבן־שענקל, וואו עס זיינען אַריינגעשטעקט די פאָטאָגראַפיעס פון די טעכטער מיט זייערע משפחות — עס מיז זיין זייער אַ קליג אָרט דאָס אַמעריקע. זע נאָר ווי פאַרפיצט און גלאַטיק זיי מאַכן עס דאָרט. דאָ קען מען נישט אַזוי.

— וואָסער אַמעריקע אויף דיר — פאַרריכט אים נעכע — זיי שרייבן, אַז ס'איז אַרגענטינע. ס'איז דאָרט אַזוי הייס ווי אין אַ שוויצבאָד.

— אַ נייע מעשה גאָר. וואָס איז דער חילוק אַרגענטינע־אַמעריקע. ס׳איז אַלץ מעבר לים און גאָר אַ וואַזשנע מדינה.

— זאָגסטאָך אָבער, אַז די הינעגדיקע רעדן אויף זיי אויס די שמד, רחמנא ליצלן. אַפילו די שטיינער דאָרט זיינען טריפה, השם ישמרנו.

— מאַלע וואָס מ׳זאָגט דאָרט. ס׳אי דען נאָר אינדזערע קינדער וואָס שיקן. אַ גאַנצע וועלט שיקט מען דאָך איבער פון גאַלע גיטס, און צו ווילד פרעמדע. אַ האַלבע שטאָט לעבט דאָך דערפון. זיי האָבן אַ גרויסן זכות דאָרט, זאָג עך ענק. עך הער זיך ניש צי צו דעם וואָס מ׳רעדט. גאָר פון אַ הויך אָרט קימט אַזאַ זאַך, — לאָזט ער אַלץ נישט אַראָפּ די אויגן פונעם שויבן־שענקל, וואו די קינדער שמייכלען מיט אַ גליקלעכער צופרידנ־קייט. — ווילסטאָך אַריינגיין צי לייבלען, טאָ גיי געזינטערהייט. מן הסתם דאַרפסטי דאָך עפּעס. דאַכט זיך, אַז נאָך עמיץ איז דאָ דאָרט.

ווער דער עמיץ איז, איז נישט וויכטיק, און צוליב וואָס איינער קומט אַהין, וועט אַפילו לייבל אַליין אויך נישט שטאַרק נאָכפרעגן זיך. פאַר יוצא וועגן, וועט ער אַ נייעם גאַסט פרעגן וואָס ער וויל. אָבער ווי נאָר יענער וועט זיך נעמען אַרומקוקן און עפּעס שטאַמלען, אַז ער איז געקומען צום רבין און וויל דאָ בלויז זען ווי מ׳אַרבעט, פאַרשטייט ער שוין אַז ס׳איז נאָך אַ געוועזענער תלמיד פונעם שווער זיינעם, וואָס וואַגט נאָך נישט אָפן אַרויפצוגיין אין „גאָרן־שטיבל״ אָבער גייט אויס אַריינצוקוקן אין די ספרימלעך וואָס מ׳קריגט דאָרט. ער מאַכט זיך נישט וויסנדיק, אַז ער ווייסט וואָס יענער זוכט דאָ, און נעמט אים אַרומפירן פון איין מאַשינדל צום אַנדערן. מכלומרשט בלויז אויף אויסצופיינען זיך פאַרן גאַסט, ווייזט ער פלוצים אָן אויף אַ פּאַק ביכער וואָס מ׳האָט נאָר וואָס צוגעשיקט פון „הויף״ און פון „גאָרן־שטיבל״.

— און דאָס האָט עך געזען? — באַווייזט ער אַרויסצוקריגן פון אַ הויפן אַרויס אַ לענגלעך, דין, נישט געבונדן ביכל — עך קענט עס לייען, אויב עך ווילט. נישט לאַנג געקראָגן פון ניו יאָרק: „די צוקונפט״. יעדן חודש קריג עך עס. עך פלעג עס נאָך לייענען אין וואַרשע. און אין דעם אַ ווילט עך אַ קיק טאָן, האַ? זעט נאָר די פיינע בילדער, וואָס זיי גיבן דאָ. דאָס שיקן מיר צו די שוועגערינס מיינע. עך געדענקט דאָך זיי — ווערט ער שוין היימישער — ס׳איז אַ שבת נומער פון „פאָרווערטס״ — קוקט ער

דעם גאַסט גלייך אין די אויגן אַרייַן ווי ער וואָלט געוואָלט זען וואָס פאַר אַן איינדרוק עס מאַכט אויף אים, און פּאַרווישט עס גלייך — עס רעדט זיך נאָר אַזוי אַ שבת נומער. געדרוקט ווערט עס פאַר שבת, וואָס דען? — שמייכלט ער — דאָס וועט עץ דאַרפן לייענען דאָ. פאַראַן אַ סך בעלנים אויף דעם. די היגע בלעטער קענען זיך אַזעלכס נישט פאַרגינען.

אַזוי באַקענט מען זיך און מ׳בלייבט שוין אַן אָפּטער אַרייַנגייערביים רבין... מ׳דאַרף נאַטירלעך לייבל וואַרשעווער, ווי ער האָט ליב מ׳זאָל אים רופן, נישט זאָגן אַז קיינער דאַרף נישט וויסן וואָס מ׳נעמט ביי אים און ביי וואָס מ׳זיצט אָפּ שעהן דאָ אין אַלקער. „ביי אינדז אין וואַרשע ווייסט מען ווי צי האַלטן די צינג צווישן די ציין״ — קומט ער אַליין אַרויס, ווען ער זעט אַז מ׳קווענקלט זיך עפּעס צו בעמען. „עץ קענט דאָך אַלעמאָל געפינען עפּעס אַ ספרל וואָס מ׳דאַרף בייַן ענק פאַרריכטן. כ׳על עס מאַכן גיך און גיט״... — ווינקט ער שעלמיש מיט איין אייגל ווען ער באַגלייט דעם גאַסט פון אַלקערל אַרויס.

— פאַרגעסט ניש אַרייַנציקימען, ווען עץ קימט נאָכאַמאָל צום רבין...

די גאַרבאַרניע גאַס

א

וואו די „גאַרבאַרניע גאַס" הייבט זיך אָן, ווייסט מען; אין דעם איז נישט פאַראַן קיין ספק און קיין שום חילוקי־דעות: דאָרט וואו עס ענדיקט זיך די „גרעבליע גאַס" פאַרן „קורצן בריקל", פאַרדרייסטו זיך לינקס און ביסט שוין אין דער „גאַרבאַרניע גאַס". דער ספק און חילוקי דעות הייבט זיך אָן ווען דו קומסט צום אויסבייג, וואָס גיט דער גאַס אָן אויסזען פון אַ דלד (דאַלעד) און ציט זיך ביזן חזיר־מאַרק וועלכער איז שוין געקניפּט און געבונדן מיט דער גויאישער פאַרשטאָט, כאָטש ער איז פאָרט נאָך אין מיטן שטאָט. קענסט דאָך פון דאָרט זען וואָס עס טוט זיך אין סאַמע מיטן „רינג" און אין דער „קאַמעניצע" פון קעגנאיבער.

איינקע האַלטן, אַז דער אויסבייג געהער צו דער „גאַרבאַרניע גאַס" און זי מעג זיך דערפאַר לאָבן און אַרויסשטעלן קעגן אַנדערע גאַסן מיט די קאַצקער אייניקלעך וואָס וואוינען דאָרט אינעם גרויסן הויז מיטן ברייטן אַריינפאָר. אַנדערע אָבער מיינען, אַז עס וואָלט אפשר גלייכער געווען די „גאַרבאַרניע גאַס" זאָל פאַרגעסן אינעם אויסבייג; מוחל דאָס חזיר־פּיסל און פּטור אָן עסק צו דאַרפן זיך פאַרענטפערן ווען שטאָט צערעדט זיך, אַז אייניקע פון די „אייניקלעך" זיינען אין הלכות נשים פונקט אַזוי געכאַפּט אין דער מעשה ווי די „גרעבליע־לייט"; און ווידער, אַז ס'איז שוין יאָ אַזוי. פאַר וואָס זשע קוקט זיך די גאַס נישט אַרום אויף די „פלאָטקעס" אין דער חורבה דאָרט, וואָס גייען אַרום מיט געשוואָלענע פּיס און אויסגעטריקנטע פּנימער. ערשט ווען משה פלאָטקע קריכט אַראָפּ פונעם בוידעם וואו ער וואוינט מיט ווייב און קינדער און לויפט איבערן גאַנצן אויסבייג מיט אַ געשריי: „יידן, כ'גיי זיך טרענקען!" דערמאָנט מען זיך טאַקע, אַז זיי גייען דאָרט אויס פון הונגער. „אַז אפילו צו „מדינה גייך" טויגן זיי דאָך נישט. געבוירענע קאַליקעס, מישטיינס געזאָגט. מיט גאַנצע אברים און קענען גאַרנישט טאָן מיט זיי. צו וואָס זיי זאָלן זיך נישט נעמען גייט עס זיי מיט דער פּוטער אַראָפּ." איז נאָך ווייניק וואָס צוליב די פּאָר מיוחסים

זאָל מען זיך מוזן האַלטן מיט די „פלאַטקעס״ אויך, דאַרף מען נאָך צוליב דעם אַריינגעמען אין קרענצל דאָס ירושה הייזל פון חיים לייבעלע אַפּיקורס. עס שטייט טאַקע ביים סאַמע סוף פון אויסבייג, און די פּאַרנטיקע פענצטער קוקן אַרויס צום חזיר־מאַרק, אָבער עס איז דאָך פּאַרט אַ וואַנט אָן אַ וואַנט מיטן גרויסן הויז נישט אָפּצוטיילן. קווענקלט מען זיך טאַקע וועגן דעם און ס'קומט זייער אָפּט צו שאַרפע חילוקי־דעות און איבעררייידן פון וועלכע מ'קען קיין גרויס נחת נישט האָבן.

אַזאַ מזל האָט זי שוין די „גאַרבאַרניע גאַס״״, אַז ס'זאָל איר קיין זאַך נישט אָנקומען גרינג. אַז זי האָט שוין יאָ אַביסל נחת אַמאָל אין אַ יובל און קען זיך מיט עפּעס באַוויזן, קומט אַ חיים לייבעלע און שטעלט זיך אַוועק אויפן גאַניקל מיט אַ בלאַט צייטונג אין האַנט, און הערט ווי די קאַץ אַ גאַנצע שטאָט מיט יידן, וואָס טייטלט מיט די פינגער אויפן דאַרן קאַפּעליוטשל זיינעם און קמץ־בערדל וואָס ער טראָגט אויף דער גאָמבע אַ זכר־לחורבן אַ יידיש פּנים. אדרבא, זאָגט אַליין צי מ'קען זיך אַרויסשטעלן מיט אַזאַ אַ. פּונקט ווען די „אייניקלעך״ באַשיינען דאָס געסל מיט די שטריימלעך און זיידענע זשופּיצעס גייענדיק צום „מנין״ אין גרויסן הויז אַריין, טוט אים דער בעל־דבר אַ שטופּ אַרויס אויפן גאַניקל אויסגעפּוצט אינעם דאַרן קאַפּעליוטשל אויפן שפּיץ קאָפּ און עפּעס אַן אונטערגעשניטן יאַקל אויף די געפּאַסטע תחתונים, וואָס רירן קוים אָן די גלאַנצעדיקע שטיבלעטן.

— אַן איינפאַל פון אַן איבערגעדרייט שלעסל. מיינט אוודאי, אַז עמיץ וועט זיך פאַרקוקן אויף אים.

— אַז אַ מענטש קוקט כסדר אויפן יויזל מיטן בלעכענעם האָן וואָס קען נישט דעריאָגן דעם ווינט, איז עפּעס אַ רבותא וואָס דער קאָפּ איז אים נישט אויפן ריכטיקן אָרט?

— ער איז נאָך געווען אַ צעדרייטער ווען ר'איז אַרומגעלאָפן מיטן סטאַנדל אין דרויסן קליינערהייט. קיקץ בעסער נישט אין זיין זייט אַריין און שוין.

ס'איז מער נחת צו קוקן ווי מ'גייט צום „מנין״. די מענער פאַרויס — אין זיידענע זשופּיצעס מיט שטריימלעך און הויכע ספּאַדיקעס אויף די קעפּ; הינטער זיי אין אַ גלייכער שורה — די ווייבער אין הויכע קופּקעס, געקרייזלטע שייטלעך און געבלימטע שטערנטיכלעך, שאַרשען מיט די סאַמע־

טענע שליפּעס און געפּאַלדעוועטע יאַקלעך; און די קינדער ביי דער זייט טראָגן זיי נאָך די גאָלד־געליישטע קרבן־מנחה סידורים מיט די מעשענע שלעסער און אין לעדער געבונדענע חומשלעך.

צום „מנין" קומען בלויז נאָענטע משפּחה פון די „קופּקעס", ווי דאָס געסל רופט זיי, און אַ פּאָר שרידים פון די אַלטע קאַצקער וועלכע האָבן זיך נאָך אַלץ נישט צוגעקליבן קיין רבין. פון אַלע עקן שטעטל קומען זיי צום „מנין" וואו מ'שטעלט זיך דאַווענען צום שפּעטסטן, און איידער מ'קוקט זיך אַרום זינגט מען שוין ביים גרויסן קידוש וואָס ברייטעשע די „קופּקעכע" גרייט צו מיט דער ברייטער האַנט.

דאָס גאַנצע געסל פּילט זיך געהויבן דערפון. ס'איז דיר נישט ווי די „גרעבליע גאַס", וואָס ווי נאָר זי האָט „פּאַרטיק געמאַכט" דעם טשאָלנט, זיצט זי שוין אויף די פּאָטשענעס און קנאַקט קערעלעך. אַ לייטיש מענטש קען דאָך דאָרט דאָן נישט דורכגיין בשלום. מיט די אויגן פרעסן זיי דיך אויף די ברייטע קאָרקעס מיט די צעפּלאָמטע פּנימער. דער ביר פּילט זיך דאָרט אַ מייל ווייט. דאָ אָבער, קומט דאָך צו אַ שטיק חיות. ווי מ'זינגט און מ'לערנט דאָס אַ גאַנצן טאָג, און ביי שלוש סעודות קען מען דאָך אויסגיין פון מתיקות.

משה יצחק ליבער, דער ראש פון די „קופּקעס" איז אַ גאַנצע וואָך אַ ייד אַ סוחר; וועגט און מעסט אין דער מעלשענק ווי אַ פּראָסטער חי־וקיים. שמאַיעט אַרום צווישן די פּויערישע וואָגנס אין אַ יאַריד־טאָג און קען דאָס גאַנצע „גאַיעס" ווי זיינע צען פינגער. אויך אין דעם ברייטן אריינפאָר זיינעם, איז כמעט יעדן טאָג אַ יאַריד פון וועגענער אָנגעפּאַקט מיט כל טוב. שבת און יום־טוב אָבער ווערט ער צוריק דאָס קאָצקער אייניקל. די קופּערנע באָרד איז עפּעס ברייטער ווי לענגער און דער שטערן שיינט אַרויס סיי פונעם זיבן־שפּיציקן שטריימל אין דערפרי און סיי פונעם הויכן ספּאָדיק וועלכן ער טראָגט פאַרנאַכט צו שלוש־סעודות. די פּאות, וואָס אַ גאַנצע וואָך זיינען זיי אַזוי פאַרקריזלט אַז זיי ווערן פאַרלוירן ערגעץ אַרום די אויערן און ים־באָרד, שלענגלען זיך איצט ווי קיילעכיק געדרייטע פלעשעלעך כמעט ביז צום גאַרטל צו. די געלאַסנקייט אַליין איז ער, און אַלע קוקן אים אין מויל אַריין.

אַלע ווייסן, אַז ר' משה יצחק איז אַוועק פון „הויף", ווייל ער וויל

נישט זיין קיין רבי. אַ פּשוטער ייד ווי אַלע וויל ער זיין. ער פּאַרט אַפילו זעלטען אַהיים צוליב דעם.

— וואוהין פאָרן, אַז מער ווי אַן איניקל געפינט מען אין ערגעץ נישט?

— איז ער מסכים מיט די פּאָר חסידים וואָס בלאָנקען אַרום ווי שאָף אָן אַ פּאַסטוך און קענען זיך קיין אָרט נישט געפינען.

עס בענקט זיך דאָך אָבער פּאַרט, — פאַרענטפערט מען זיך פאַר זיך אַליין, און מ׳זיצט אָפּ אַ גאַנצן שבת־צונאַכטס ביי דער מלווה־מלכה און מ׳קנייטשט פאַרטיפט, צווישן איין ביס און דעם אַנדערן, דאָס קאַצקער זמרל: „קאַ קאַצק פאָרט מען ניש, קאַ קאַצק גייט מען.״

אַ גאַנצע וואָך דאַוונען זיי אין די „שטיבלעך״ און אין בית־מדרש. שבת און יום־טוב אָבער, ווילט זיך זיין אין איינעם מיט משה יצחקן. מ׳פילט זיך עפּעס געשטאַרקטער און מ׳שעפּט חיות אויף אַ גאַנצע וואָך. אויך די קינדער זיינע, וועלכע חברן זיך אַ גאַנצע וואָך מיט די קינדער אַפילו נישט פון זייערס גלייכן, וועלן שבת און יום־טוב נישט אַרויסגיין פון זייער מחיצה. אויסגעפוצט אין די זיידענע קאַפּאָטקעלעך, ווייסע זאָקן און לאַטשן מיט די הויכע ספּאַדיקעס אויף די קעפּלעך, דרייען זיי זיך אַרום צווישן „מנין״ ווי עס פּאַסט פאַר קאַצקער אייניקלעך. זאָגן אַלעמען דו און האַלטן אין איין קרייזלען די פלעשלדיקע פּאהלעך ביים מיטזינגען אָדער פאַרטיפטן איינהערן זיך ווען דער טאַטע זאָגט עפּעס נאָך פונעם זיידנס וועגן. ווי נאָר דער שבת ווערט אַריבער, ווערן זיי, ווי דער טאַטע, ווערן צוריק פּשוטע ייִנגלעך ווי אַלע אין חדר צי בית־מדרש. וויל זיך טאַקע זייער נישט אַז דער שבת זאָל אַזוי שנעל אַוועק, און מ׳מאַכט זיך נישט וויסנדיק אַז ס׳איז שוין גוט פינצטער.

ווען נישט וואָס חיים לייבעלע איילט זיך אָנצוצינדן דעם בליצלאָמפּ ווי נאָר מ׳מעג שוין, ווייל ער קען זיך שוין קוים דערוואַרטן צו פאַררויכערן אַ פּאַפּיראָס, וואָלט אין קיין הויז קיין פייערל נישט אויפגעלויכטן ביז שפּעט.

— פון דעסטוועגן האָט מען פון אים פאָרט אַ שטיקל ניץ אויך — חכמהט מען זיך גוטמוטיק וועגן אים — אַז מ׳טריקנט אָפּ אַ גאַנצן טאָג אָן אַביסל וואַרעמס, גלוסט זיך שוין אַ גלעזל טיי. „יענע״ ווייסן דאָך נישט ווען אויפ־צוהערן, — ווערט מען ווייכער צו חיים לייבעלען און מ׳כאַפּט אַ זייטיקן בליק צו זען צי דער גראַמאָפאָן מיט דער משונה גרויסער טרובע ווי אַ פאַרקיילעכדיק אָפן מויל איז שוין אַנגעשטעלט צום אָפענעם פענצטער.

באַלד וועט זיך פון דאָרט אַ טראָג טאָן אַ מאָראַלישער צושפּיל, וואָס באַגלייט אַ טיף באַסאָווע שטימע, וועלכע צעטראָגט זיך אין פינצטערן געסל און שלאָגט זיך אָן אין די פענצטער קעגנאיבער:

„המבדיל בין קודש לחול, דער וואָס האָט אַ גראָשן אין קעשענע דעם איז וואויל!"

— הבדלה האָט ער שוין געמאַכט? — קרימט מען זיך מכלומרשט אויפן אַפּיקורס, און פלעמלעך פינקלען אויף פון אַלע פענצטערלעך.

— מ'מעג מיר דאַנקען גאָט, אַז ער טרומייטערט נישט אויף דער פולער וואָך, — געפינט זיך שוין אָן אַנדערש מאָל ווער וואָס איז אָפּן צופרידן פון זיין שפּילן דעם גראַמאָפאָן אויף דער פולער וואָך, איידער ער זאָל חלילה דאַרפן טרובען מיט דעם טרומייטער צונויפצורופן די „פאַזשאַרנע קאָמאַנדע" צו לויפן לעשן אַ פייער, וואָס טרעפט גאַנץ אָפט.

חיים לייבעלע איז דער הויפּט־טרומייטערער זייערער. ווען ער טוט זיך אָן די מעשענע קאַסקע, טוט א רוק אַריין דאָס שפּיציקע העקל הינטערן לעדערנעם פאַסעק מיט די בליאַסקעדיקע קליאַמרעס און נעמט טרומייטערן, הילכט עס אָפּ אין אַלע עקן שטעטל מיט אַ געוואַלד: „וואו ברענט, יידן?!"

ציטערט מען טאַקע אין געסל און מ'פלאַטערט ווען מ'דערזעט אים אַזוי אויפן גאַניקל, אָבער מ'איז דאַן אויך שטאָלץ מיט אים. ס'איז זיך דאָ אויף וועמען צו פאַרלאָזן. זיינע לייט וועלן נישט דערלאָזן אַז די שריפה זאָל זיך חלילה פאַרשפּרייטן און אַרומנעמען דאָס גאַנצע שטעטל ווי אין אַמאָ־ליקע יאָרן.

זינט ער איז געוואָרן דער ראש פון די פייערלעשער, פאַרמאָגן זיי שוין מער פון איין פּאָמפּע מיט אַ גומענער קישקע, און אַפילו באַלעבאַטישע קינדער שטייט שוין אָן צו לערנען זיך קלעטערן אויף אַ לייטער מיט אַ באַסיאַק און איין האַנט און אַ העקל אין דער צווייטער.

„ווער דען זאָל ראַטעווען דאָס שטעטל פון די שריפות?" — האָט ער סוף כל סוף אויסגעפּירט דאָס זייניקע, און ר' משה יצחק ליבער אליין האָט זיך געלאָזט דערקלערן פאַרן ערן־פּרעזעס פון די „מכבי־האש". זיין עלטערן זון האָט ער אַפילו דערלויבט צו ווערן כמעט די צווייטע האַנט אין דער קאָמאַנדע. „ס'איז אַ גרויסע מצוה צו וויסן וואָס צו טאָן בשעת אַ סכנה,

און דער עיקר לערנט עס אויס די מידה פון זיין אַלעמאָל גרייט. אַ קליי־ניקייט, ווי נאָר מ׳טוט אַ פייף, ווייסטו שוין אַז מ׳מיינט דיך — האָט ער זיין פייווישן געגעבן צו פאַרשטיין דעם גאַנצן עניין — ושמרתם לנפשותיכם גייט אויף אַלצדינג, און מיר דאַרפן זיין די ערשטע דאָס צו טאָן און נישט לאָזן עס צו אַנדערע. דאַרפסט זיך אויסלערנען אַזוי, אַז זאָלסט קענען טאָן אַלץ וואָס אַלע טוען, און ווען מ׳דאַרף זאָלסטו אויך וויסן ווי צו הייסן אַנדערע טוען.״

מיט זיין חברה איז שוין משה לייבעלע גאָרנישט קיין אַפּיקורס, וואָס פרעגט אַלץ אָפּ און טענהט, אַז מ׳דאַרף נישט גלייבן בלינד אין דעם וואָס עס שטייט געשריבן. עס קען דאָך זיין אַז עס מיינט גאָר נישט דאָס. ס׳איז גאָר אפשר פאַרקערט.

— דו מיינסט אוודאי דאָס וואָס דו לייענסט זיך אָן אין די גאַזעטן — האָט מען אים נאָכגעגעבן — מ׳קען זיך דען בעסערס רעכטן אויף זיי. היינט זאָגן זיי אַזוי, מאָרגן פאַרקערט.

— עך בין נישט זיכער אין קיין זאַך — האָט ער זיך געהאַלטן ביים זייניקן — עך מיז אַלץ גיט צעקייען.

לצים האָבן זיך דעריבער געחכמהט וועגן אים, אַז סיי ביים לייענען און סיי ביים דאַווענען זאָגט ער איבער צוויי מאָל אַ וואָרט, ווייל ער גלויבט זיך אַליין נישט צי ר׳האָט עס שוין געזאָגט. דאָ אָבער, איז ער זיכער און פאַרלאַנגט מ׳זאָל טאָן בלינד וואָס ער באַפעלט און נישט פרעגן קיין קשיות.

— אָן קשיות, חברה! ווען עס ברענט, טו וואָס מ׳הייסט דיר! עס קען זיין נאָר איין קאָמאַנדיר, און ער זעט וואָס די געפאַר איז און לויט זיין פלאַן דאַרף מען לעשן. ווי סאָלדאטן זענט עץ, — פלעגט ער כלומרשט ברענגען דעם ביישפּיל כדי צו באַטאָנען די וויכטיקייט דערפון. אין דער אמתן האָט ער עס אַלעמאָל דערמאָנט כדי ער זאָל קענען פאַרענדיקן מיט דער באַליבטער פראַזע זיינער, — מ׳דאַרף נישט וואַרטן ביז משיח וועט קומען כדי צו לערנען זיך ווי צו האַלטן אַ כלי אין דער האַנט!

ס׳איז אַ סברא, אַז טאַקע צוליב דער דאָזיקער פראַזע מיט וועלכער ער פלעגט זיך באַנוצן ביי יעדער געלעגנהייט און אין פאַרשידענע וואַריאַציעס, האָט מען אים צוגעקלעפּט דעם צונאָמען אַפּיקורס. פון זיין מויל איז די פראַזע אַלעמאָל אַרויסגעקומען אויף אַ מאָדנעם אופן. די ערשטע העלפט האָט ער

אַקצענטירט טראַפּנווייז, און די צווייטע העלפט איז ווי פאַרשלונגען געוואָרן אונטער דער צונג.

— איז ער נישט קיין אַפּיקורס גמור? אַפילו אויף משיחן דאַרף מען דאָך שוין נישט וואַרטן. אויף וואָזשע דען דאַרף מען וואַרטן, צעדרייטער מוח? — האָט מען אים מיט דעם פּשוט מבטל געווען און זיך פאַרשפּאַרט צו פירן אַ מלחמה מיט אים.

אַפילו די גרעסטע קנאים האָבן נישט געוואָלט אָנהייבן מיט אים. ערשטנס, געדענקען דאָך אַלע, אַז פון קליינווייז אָן איז ער געווען אַ צעדרייטער און האָט געקענט אַ פרעג טאָן אַזוינס וואָס ס'איז נישט כדאי פאַרן מויל צו ברענגען. והשנית ווייסט מען, אַז זיין טיר איז אַלעמאָל אָפן פאַר יעדן וואָס דאַרף אַ טובה אין קאַנצעלאַריע און אַפילו אין גובערניע. ער קען זיך, זאָגט מען, מיט די סאַמע קעפּ און קען צוקומען אַפילו ביז סאַמע פּיטערבאַרג אַליין. מיט אַזאַ איז גלייכער נישט צו פירן קיין מלחמה. ס'איז גענוג אַז אַלע ווייסן אַז ער איז אַן אַפּיקורס, וועט מען שוין ממילא זיין געוואָרנט מיט דעם וואָס ער זאָגט און פּטור. בפרט, אַז דעם אמת מוז מען דאָך זאָגן: קיין מחלוקת זוכט ער נישט. אויב מ'טשעפּעט נישט מיט אים, וועט ער קיין אַפּיקורסות אויך נישט רעדן. אלא ר'איז אַביסל אַ קל און קויפט פאַרן לעצטן גראָשן עפּעס אַ שמאַרגאַל פון „זייערס" אַ באַנק דאָרט און טענהט אַז מיטן „שקל" זיינעם איז ער מקרב די גאולה, איז גלייכער נישט צו קוקן אויף דעם. קאַרג איינרעדעניש איז עס דאָ אויף דער וועלט? והשנית, מ'מוז צוגעבן, אַז וועז נישט ער, וואָלט מען דאָך פּשוט נישט געוואוסט וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט. מיט זיין אַריינטון זיך אין די „בלעטער" פאַרשפּאָרן דאָך שוין אַנדערע צו בטלען צייט. ער טוט עס שוין פאַר זיי. „אַלעהיי אַ „געדונגענער" להבדיל" — האָט ר' משה יצחק ליבער געלאָזט פאַלן אַ וואָרט, ווען מ'איז צוגעשטאַנען צו אים פאַר וואָס ער איז אים מקרב אַמאָל און לאָזט זיך פון אים איבערדערציילן די וועלט־נייעסן פון צייט צו צייט. ס'איז אַפילו אַ סברא, אַז נאָך יענער נאַכט ווען חיים לייבעלע איז אַרומגעלאָפן מיט דער טעלעגראַמע אין דער האַנט און געקלאַפּט אין אַלע לאָדנס: „יידן, ביילים איז באַפרייט געוואָרן!" — האָט ר' משה יצחק אים פאַרבעטן צו מלווה מלכה און געבעטן מיטנעמען די טעלעגראַמע מיט דער לעצטער בלאַט־צייטונג.

— עך פאַרשטייט, אַזאַ איינער וואָס דורך אים זאָגט מען אַן אַזאַ בשורה צו אַ שטאָט מיט יידן, איז גאָר נישט קיין קליינער בעל־זוכה!

דאָס ירושה הייזל, האָט דאַן באַשיינט די גאַנצע „גאַרבאַרניע גאַס".

— עך זעיט, מ׳ווייסט דאָרט זיין אַדרעס!

— אַ מזל פון אַ דירה! האָבן נישט וויניק מקנא געווען, און אין גאַנצן פאַרגעסן, אַז בסך־הכל איז עס אַ פּיצל דירה מיט צוויי שטובן און אַן אַלקער וואו חיים לייבעלע האַלט זיין „שקאָלע". בייטאָג לערנט ער דאָרט מיט מיידלעך לייענען און שרייבן רוסיש און אַ שורה־גריזל, און אין אָונט קומען צו אים אַפילו באַלעבאַטישע קינדער לערנען זיך „פירן מיט דער פען".

— היינטיקע צייטן דאַרף מען עס האָבן, — פאַרענטפערן זיך די טאַטעס וועמעס זין שטייען שוין מיט זיי אין קראָם — מ׳קען זיך דען אין אַלץ פאַרלאָזן אויפן שפּיליטערס באמנות?

איינגייער צו אים אין הויז דערציילן, אַז אין אַלקער ביי אים הענגט דעם קיסרס אַ בילד מיט אַן אייגנהענטיקער אונטערשריפט פונעם גובער־נאַטאָר אַליין, און אין דער גרויסער שטוב לעבן דעם „מזרח" קוקט אַראָפּ פון דער וואַנט אַ פאַרטראַכטער פּריץ אָנגעטון אין אַ שוואַרצן סורדוט מיט זיידענע קלאַפּן. אַן אַ היטל אויפן קאָפּ נאָר מיט אַ פּירעקיקער פאַרפוצטער באָרד ווי ביי אַ פאַרצייטישן גדול. די אויגן זיינע גליען און קוקן אַריין אין יעדן איינעמס פּנים ווי נאָר ער טרעט אַריבער די שוועל און צווינגט ממש איבערצוזלייענען די געכתיבהטע אותיות איבער אים: „אויב איר ווילט איז עס נישט קיין לעגענדע!"

שעהן גאַנצע שטייט ער אָפּ חיימל לייבעלע לעבן דעם בילד. „דער גרעסטער ייד פון אונדזער צייט — פאַרכליניעט ער זיך אַזש ווען ער רעדט וועגן אים — ער האָט געפונען דעם אמתן וועג צו דער גאולה."

— גיי, ווייס, וואָס דער צעדרייטער מיינט און זעט אין יענעמס צורה, און וואָס די בריק אויף וועלכער יענער שטייט און קוקט באַטייט. כ׳וואָלט געשוואָרן אַז די בריק זעט אויס ווי אונדזער „לאַנגע בריק". וואָס זשע קוקט ער דאָרט אַזוי אויס?

— משיחן אודאי — שמייכלט מען זיך אונטער.

— מ׳זאָגט דאָך אָבער אַז יענער האָט זיך אַליין געהאַלטן פאַר אַ שטיקל משיח?!

— עס פעלט אים נאָר צוצושטעלן אַן אייזעלע — האָט זיך זיינוועלע שוין נישט געקענט איינהאַלטן פון אַ לצעווע טאָן און דערפאַר געקראָגן אַ שאַרפן אויסרייד פון ר׳ דוד דיין: „ווען דו זאָלסט וויסן דעם טיפן מיין פון „הרבה דרכים למקום״, וואָלסטו זיך איינגעהאלטן מיטן ליצנות. נאָר גאָר גרויסע קענען זיך איינשטעלן און אַריינמישן אין די זאַכן. פאַראַן זאַכן וואָס נאָר דער זמן איז גורם. וואָס וויסן מיר, וואָס אינדזער זמן איז גורם און מיט וועמעס הענט עס ווערט צוגעגרייט די גאולה. אין ספרים ווערט געברענגט, אַז פאַר דער גאולה וועט אַלץ זיין אַזוי פאַרדעקט, אַז נאָר יחידי־סגולה וועלן זוכה זיין עפּעס צו וויסן. און ערשט זיי, וועלן גאָרנישט נישט אויסזאָגן, ווייל עס קען זיין אַז כדי אָפּצונאַרן דעם מקטרג, וועט מען זיך דאַרפן אַזוי פאַרשטעלן עס זאָל גאָרנישט אויסזען ווי גאולה. איידער דער בעל־דבר וועט זיך כאַפּן וואָס עס טוט זיך, וועט שוין זיין אַלץ אָפּגעטין און שוין. וואָזשע מישסטי זעך, זיינוועלע? וואָס מיינסטי איז געווען דער עניין וואָס דער ריזשינער זכותו יגן עלינו האָט געלאָזט די קינדער זיינע עוסק זיין אין וועלט זאכן און זיך קליידן מכלומרשט פאַרפיצט? ווער קען וויסן וואָס עס טיט זיך הינטער אינדזערע פּלייצעס?

אויף אַ זייטיקן אופן האָט אויך ר׳ משה יצחק ליבער געהאַלפן אין דעם מ׳זאָל נישט צופיל טשעפּען מיט חיים לייבעלען.

— מיר האָבן בקבלה — האָט ער זיך ביי אַ שלוש סעודות אַריבער־געבויגן איבערן טיש ווי ער וואָלט געוואָלט מוסר זיין אַ סוד — אַז ווען דער בעש״ט הקדוש האָט געזען ווי דער שטן מקטרג קוקט אים אַזוי נאָך אַז אַפילו דורך אַ הינטערוועגל קען ער זיך קיין ארץ ישראל נישט דער־שלאָגן, האָט ער פאַרשטאַנען אַז ער מוז עס לאָזן פאַר זיינע תלמידים צו געפינען דעם ריכטיקן וועג. דער זיידע זכותו יגן עלינו האָט אַזוי לאַנג געהאָרעוועט מיט אַ פאַר מניינים שאַרפע יונגעלייט ביז ר׳איז סוף כל סוף געבליבן אַליין און זיך אָפּגעשלאָסן אין חדר מיוחד. דער ריזשינער ז״ל האָט געוואָלט פאַרבלענדן די אויגן פונעם מקטרג דורך נאָכגעבן אים אין חיצוניות, האָבן די צדיקי הדור נישט דערלאָזט. אַ וועג מוז דאָך אָבער פאַרט געפינען ווערן, פּרואווט יעדער דור אויף זיין אופן. היינט פּרואוון

עס די קליינע, איז כל זמן זיי טוען עס מיט אמונה און מסירת־נפש טאָר מען נישט מזלזל זיין אין זיי. מ׳זאָגט דאָך אַז מלכים ושרים נעמען זיי אויף און הערן זיך צו צו זיי. ווער ווייסט, ווער ס׳איז היינט זוכה צו זיין דעם רבונו של עולמס שליח.

עס האָט זיך דערפאַר איינגעשטעלט אַ מאָדנע באַציאונג צו חיים לייבעלען און זיין דירה. מ׳האָט זיך אי געהאַלטן פון ווייטן און אי געהאַט אָפּשיי. אַפילו ר׳ חיים קוואַטש האָט געמוזט צוגעבן: „ווען חיים לייבעלע זאָל אַריינלייגן אַזוי פיל מסירת־נפש אין אמתער אמונה אַריין, וואָלט ער שוין גאָר קיין אַפּיקורס נישט געווען״.

מ׳האָט זיך געשושקעט וועגן דעם, אַז בשעת דער אינספּעקטאָר קומט צו אים אין שקאָלע, פאַרדעקט ער דאָס בילד מיט עפּעס אַן אַלטן געוועב וואָס ער האָט געבראַכט מיט יאָרן צוריק פון ערגעץ. ווען ער ענדיקט שרייבן פאַר עמיצן אַ ביטע צי סתם עפּעס אַ נויטיקע שריפט, טוט ער אַ שליס אויף דאָס שיפלעדל און נעמט פאָרזיכטיק אַרויס אַ לענגלעך שמאָל פּושקעלע געפאַרבט ווייס און בלוי און טראָגט עס יענעם אונטער מיט אַ מינע פון איינעם וואָס האַלט אַן אוצר אין דער האַנט: „מיט בלויז אַ פּאָר גראָשן וועט עך ווערן אַ שותף אויסצולייזן די ארץ־ישראל ערד פון גויאישע הענט״. אויב יענער וואַרפט עפּעס אַריין אין דער פּושקע שיינט ער אויף און טראָגט די פּושקע צוריק צו איר פּלאַץ מיט אַ טענצל ממש; נעמט פון דאָרט אַרויס אַ מאַרקע מיט דר. הערצלס בילד און גיט עס יענעם: „קלעפּט עס צו צו אַ ספר פאַר אַ סגולה.״ טאָמער אָבער דרייט זיך יענער אַרויס מיט עפּעס אַ תירוץ אָדער גאָר מיט אַ פאַרוואורף ווי ער פאַלט עס גאָר אויס צו וועלן אים אַריינשלעפּן אין די זאַכן פון וועלכע ער האַלט נישט, ווערט ער ממש גרין און געל: „נישט נאָר דאָס לאַנד איז פאַרוואַרלאָזט געוואָרן״ — רעדט ער מער צו זיך ווי צו יענעם און גראַבלט אַרויס פון קעשענע אַ טייל פון דעם וואָס יענער האָט באַצאָלט פאַרן שרייבן און לאָזט עס אַראָפּ אין דער פּושקע אַריין — „ס׳וועט נאָך אַמאָל קומען אַ צייט ווען אייערס אַ קינד וועט בענטשן דעם שוויס פון די, וואָס וועלן באַאַרבעטן די אויסגעלייזטע ערד״ — טראָגט ער צוריק דאָס פּושקעלע מיט דרך ארץ צום שיפלעדל און גלעט עס די גאַנצע צייט ווי ער וואָלט עס געוואָלט איבערבעטן פאַר דער באַליידיקונג.

יאָרן שוין ווי ער וואוינט אין דעם הייזל מיט זיין ריוועשעלען וואו אַ ווייטע קרובה האָט אים אין די קינדער־יאָרן געהאָדעוועט פון רחמנות וועגן אויף אַ קיילעכיקן יתום. זי האָט זיך נעבעך געגוג אָנגעליטן פון אים און זיינע ווילדע שטיק. וואו אַ ציג איז ער אויף איר געריטן און וואו אַ וואַנט האָט ער פאַרפּאַטשקעט מיט שוואַרצע שטיקער קויל. פּלוצים אָבער איז אים באַפאַלן דער חשק צו לערנען און די בית־מדרש בחורים האָבן זיך נישט געקאָנט אָפּטשעפּען פון אים און פון זיינע קלאָץ־קשיות, כאָטש ער האָט זיך קוים געקענט אַן עצה געבן מיט דער פּשוטער עברי. דערנאָך האָט ער געקענט אָפּטשאַטעווען דעם אַלטן דאָקטאָר קאַפּרון און אים נאָכגיין און נאָכקוקן ווי ער שרייבט אויף די שמאָלע ראָזע בייגעלעך פּאַפּיר.

— עך וויל עס אויך קענען, — האָט ער אים גענומען ציען ביי דער פּאָלע.

— טאַקע, קום צו מיר אַמאָל אין אַ זונטיק וועל עך דיך אויסלערנען, — האָט דער גוטמוטיקער דאָקטאָר אים נישט אָפּגעשטויסן און דערלאַנגט אַ צוקערקע — ווער נאָר נישט קיין נאַשער, חיימקע, וועל עך דיך שוין אויסלערנען — און ער האָט טאַקע געהאַלטן וואָרט.

אַן אַנדערש מאָל האָט ער זיך פאַרגנבעט צום פענצטער פון דער קאַנצעלאַריע און געקוקט ביז צום פאַרגעסן זיך ווי מ׳פירט דאָרט מיט די פענעס אויף די ברייטע בלעטער פון די אָפענע בייכיקע ביכער. און פּונקט אַזוי פּלוצים האָט אים אָנגעכאַפּט אַמאָל דער שגעון און ר׳האָט זיך אַרויפגעדראַפּעט אויפן סאַמע שפּיץ פון טורעמל אין מיטן חזיר־מאַרק און אַראָפּגעקרייעט פון דאָרט ווי אַ גאַלאַגאַנער־האָן.

אַזוי האָט זי זיך אָפּגעמוטשעט מיט אים ביז צום תפילין־לייגן, ווען ר׳איז איין אָוונט אַריינגעקומען און איר געזאָגט אַז דער מגיד וואָס פאָרט אַרום פאַר אַ ישיבה וועגן, האָט אים געגעבן אַ בריוול מ׳זאָל אים אַריינגעמען. מער האָט זי נישט געהערט פון אים. זי האָט אָבער אַלעמאָל געהאַלטן אין איין פאַרזיכערן אַלעמען, אַז „ער וועט צוריקקומען אָפּנעמען די ירושה מיט גאָט זיין אין הילף. וואָס האָב עך דען מער ווי אייגנס אַ דירה...“

יאָרן שפּעטער איז ער טאַקע צוריקגעקומען און נאָך מיט אַ ווייב דערצו, און גלייך אַוועק אין קאַנצעלאַריע וואו ער האָט באַוויזן שוואַרץ אויף ווייס, אַז ער מעג שרייבן פּראָשעניעס און עפּענען אַ צוויי־קלאַסיקע שולע אויף רוסיש אין זיין היים־שטעטל. דאָס פּאַפּיר איז געווען אייגנהענטיק אונטערגעשריבן פונעם גובערנאַטאָר אַליין אין נאָמען פונעם קיסר ווי אַן אויסדרוק פון אנערקענונג צו זיין לאָיאַלן אונטערטאַן חיים לייב מאָיסעיעװיטש פעלדמאַן.

וואָלט מען אוודאי אין שטעטל געוועןאויסגעבטלט אַלע וויסטע חלומות אויף זיין קאָפּ. געוועןאַ צעדרייטער און געבליבן אַ צעדרייטער. האָט מען אים אָבער אין דער קאַנצעלאַריע אָפּגעגעבן גרויס כבוד. הייסט עס דאָך אַז ער איז אַ קרוב למלכות, האָט מען באַלד פּארקוקט אי זיין קמצל אויף דער שפּיץ גאָמבע, אי זיין קאַפּעליוטשל מיטן קורצן געשפּאַן מיט די שטייפע הויזן איבער די האַלבע שיך מיט דינע זאָקן, וואָס אַזעלכעס איז נאָך נישט געזען געוואָרן אין די היגע קאַנטן.

— שקושע, זאָל זיך נאָר אוועקשטעלן די בלאָטע וועט ער זיך איבער־בעטן מיט אַ פּאָר שטיוול.

צופיל גריבלען זיך וועגן אים האָט מען נישט געדאַרפט. ס׳איז אַלץ אַרויסגעקומען ווי בוימל אויפן וואַסער. ער האָט זיך סוף כל סוף דערשלאָגן ערגעץ אין אַ ישיבה וואו מ׳האָט אויך געלערנט לימודי־חול, און ביי דער קרוינונג פון נייעם קיסר איז אים איינגעפאַלן אָנצושרייבן אַ לויב־ליד לכבוד דעם טאָג אויף לשון־קודש און עס אָפּגעשיקט אַן פּאָסט־מאַרקעס דירעקט קיין פּיטערבאַרג. עס האָט נישט גענומען לאַנג און ביינאַכט האָבן צוויי זשאַנדאַרן אים אַרויסגעשלעפּט פון בעט און אים פאַרנומען מיטן עטאַפּ אין דער גובערניע אַריין. כדי פעסטצושטעלן צי ס׳איז טאַקע ער, האָבן זיי אים פריער געבראַכט אין שטעטל אַריין גלייך אין דער קאַנצעלאַריע און נאָכגעקוקט אין די ביכער. איצט דערמאָנט מען זיך טאַקע, אַז מ׳האָט מיט אַ צייט צוריק געבראַכט אַ פרעמדן יונגערמאַן פון ערגעץ אויף איין נאַכט און באַלד פאַרטאָג אַוועקגעפירט אַ געקאָוועטן אונטער אַ שטאַרקער שמירה. דער קאַנצעלאַריע שרייבער האָט מורא געהאַט אַ פּיפּס צו טאָן, ווייל מ׳האָט אים פאַרזאָגט זהיר וזהיר, אַז מ׳מוז דעם פאַרשוין צושטעלן צום גובערנאַטאָר אַליין אין משך פון צען טעג.

ערשט אין דער גובערניע, האָט מען אים אַראָפּגענומען די קייטעלעך, איבערגעטון און אַרומגעוואַשן און געבראַכט פאַרן אדון הגדול אַליין. דאָרט האָט מען אים געפרעגט צי ער אַליין טאַקע האָט דאָס געשריבן דעם שיר און צי ער קען רוסיש אויף צו באַשטעטיקן די איבערזעצונג, וואָס איז דערפון געמאַכט געוואָרן אויפן באַפעל פונעם קיסר אַליין. דערנאָך האָט דער אדון געוואָלט וויסן פאַר וואָס ער האָט געשיקט דעם בריוו אָן אַ מאַרקע. חיים לייבעלע אָבער, אַזוי דערציילט ער אַליין, האָט שוין דאַן געהאַט גובר געווען דעם פחד וואָס האָט מיט אים געוואָרפן די גאַנצע צייט, איז ער פשוט אַרויס מיטן אמת: ערשטנס האָט ער נישט געהאַט גענוג געלט אויף מאַרקעס. ער עסט דאָך קעסט און דער שווער איז נישט פון די מילדע מענטשן. והשנית, ס'איז דאָך דעם קיסרס פאָסט, מעג זי פירן אַ בריוו צום קיסר אָן מאַרקעס אויך...

דער ענטפער איז דעם גובערנאַטאָר אַזוי געפעלן געוואָרן, אַז ר'האָט אים פאַר אַלעמען אין די אויגן געדריקט די האַנט און אים איבערגעגעבן דעם קיסרס דאַנק־בריוו מיט אַ צושריפט מ'זאָל אים באַלוינען לויט זיין אייגענעם ווילן.

— אַ צעדרייטער, בלייבט אַ צעדרייטער, — לצעוועט מען נישט ווייניק הינטער זיינע פּלייצעס — האָט זיך אויסגעבעטן צו ווערן אַ מלמד אויף גויאיש, מישטיינס געזאָגט.

— און די טרובע איז ביי דיר גאָרניש, האַ?

— מעגסט זיך לצעווען וויפל דו ווילסט, אָבער דעם קיסרס בריוו הענגט ביי אים אויף דער וואַנט. עץ דאַרפט זען ווי דער אינספּעקטאָר ווערט די כפרה ווען ער דערזעט עס.

— ווערסט שוין באַלד זאָגן, אַז אין דעם זכות לעבן מיר אַלע — האָט מען זיך שטענדיק געשפּאַרט וועגן אַלץ וואָס האָט אַ שייכות צו חיים לייבעלען און אַלץ נישט געקענט דערגיין קיין טאַלק.

מ'האָט אי דרך ארץ געהאַט פאַר אים אי עפּעס אויך מורא געהאַט. געוואָלט זיין היימיש מיט אים און זיך פאַרט געהאַלטן פון דערווייטן. ס'איז נישט געווען פאַרשטענדלעך זיין גרויסער אָנזען אין „קאַנצעלאַריע" און אין דערזעלבער צייט זיין האַלטן אין איין טענהן: „נאָר אַן אייגן לאַנד וועט אויסגלייכן דעם יידישן רוקן". אין זיין „שקאָלע" האָט ער געמעגט

לערנען נאָר רוסיש, אָבער באַהאַלטענערהייט האָט ער געלערנט אויך פּויליש און יידיש. די קינדער האָבן שוין געוואוסט, אַז זיי טאָרן נישט איבערלאָזן קיין יידיש אָדער פּויליש העפטל ביי אים אין אַלקער און נישט רעדן מיט קיינעם וועגן דעם.

— מ׳קען אונדז נאָך אַן עין־הרע טאָן — האָט ער מיט אַ פאַרזאָרגטער מינע אַראָפּגעלאָזט די פאַרהענגלעך און פאַרשלאָסן די טיר ביים לערנען „דעם עפּעס אַנדערש", ווי עס האָט פאַרשטעלט געהייסן דאָס לערנען פּויליש און יידיש.

אַזוי פלעגט ער אויך טאָן ווען ער האָט זיי געוואָלט ווייזן אַ נייע זאַך וואָס ער האָט נאָר וואָס באַקומען פון „ערגעץ". געוויינטלעך איז עס געזוען אַ ניי בילד פון ארץ־ישראל, אַ ציוניסטישער מנהיג, אַ שקל אין אַ ווייס בלויער דרוק, צי אַ ברוין געדרוקט פּאַפּירל וואָס מ׳רופט „אַקציע פון קאָלאָניאַל באַנק". סיי זיין טאָן, סיי די קאָלירן, און נאָך מער די נעמען פון די נייע זאכן האָבן פאַרצאַפּלט און אויפגערודערט די תלמידים וועלכע ער האָט זיך אָנפאַרטרויט. דאָס ווערן שותפים צו אַ גרויסן סוד, האָט געמאַכט ציטערן די הערצעלעך און די אויגן זיינען פאַרהויכט געוואָרן ווי מ׳וואָלט אַריינגעבליקט אין אַ פאַרהוילענער מיסטעריע, וואָס נישט יעדער איז זוכה דערצו; און ווער ווייס צי מ׳וועט נישט אַמאָל נכשל ווערן און באַשטראָפט ווערן מיט בלינדעניש ווי בשעת מ׳קוקט אויף די מיט ציצית פאַרפלאָכטענע פינגער פון די כוהנים בשעתן דוכנען. זיין פאַרהוילן קול, פּונקט ווי דאָס פאַרטיפטע קול פון די כוהנים פון הינטער די טליתים אַפער, פאַרפאָלגט דיך נאָכדעם אין דרויסן אויך. „עץ זעט, איבער דער גאַנצער וועלט טוען שוין יידן אין דעם — האָט ער ווי פון אַ פאַרהוילענער ווייטקייט מער פאַרדעקט ווי אַנטפּלעקט — און דאָס וועט ברענגען די גאולה אין אונדזער צייט. דערוויל טאָר מען נאָך דאָ נישט רעדן הויך וועגן דעם. אַ סך פון אונדזערע און להבדיל נאָך זייערע — האָט ער אָנגעוויזן מיטן פינגער צו דער זייט וואַנט וואו ס׳איז געהאָנגען דעם קיסרס בילד — ווילן דאָס עוקר מן השורש זיין. פאַר זיי זיינען מיר אַ פאַרבלאָנ־דזשעטע, פאַרשאָלטענע סטאַדע וואָס מוז אַרומבלאָנקען איבער דער וועלט, און טאָר נישט צוריקקומען אַהיים ביז משיח וועט אַליין קומען. מיר אָבער גלייבן באמונה שלמה — איז זיין קול נענטער צוגעקומען צו זיי, — אַז

מ׳מוז אַליין אָנהייבן צו טאָן איידער עס ווערט צו שפּעט. קוקט זיך צו וואָס דאָ שטייט: „גאולה תתנו לארץ. אַ בפירושער אָנזאָג פון דער תורה: אויסלייזן זאָלט איר דאָס לאַנד. ווען מיר וועלן אויסלייזן דאָס לאַנד, וועלן מיר דאַן אַלע אויסגעלייזט ווערן. יעדער גראָשן אין דער פּושקע אַרייך, איז אַ טריט נענטער צו דער גאולה. אַזוי האָט געזאָגט דר. טעאָדאָר הערצל אַליין — זיינען אים די אויגן פאַרהויכט געוואָרן און די ווערטער זיינען געקומען ווי פון אַ פאַרהוילעניש אַרויס.

ווען ס׳האָט זיך אים געדאַכט אַז די קינדער פאַרשטייען אים נישט און כאַפּן עפּעס נישט די גרויסקייט וואָס שטעקט אין דעם פּאַפּירל צי פּושקעלע, וואָס ער האָט געהאַלטן אין דער האַנט, האָט ער גענומען האַסטיק שפּאַנען איבערן אַלקערל: „עץ וועט דארפן עלטער ווערן, וועט עץ פארשטיין, דערווייל גייטס אהיים. אלע גוטע זאכן דארפן לאנג ווארטן ביז מ׳דערקענט זיך אויף זיי״.

מיטן אָנקומען פון די עסטרייכער אין צייט פון דער מלחמה, איז דעם קיסרס בילד פאַרשוואונדן פון דער וואַנט און אויפן זעלבן אָרט האָט ער אויפגעהאָנגען אַ ווייס־בלויע פּושקע און אונטער איר אַ לענגלעך פּאַפּירל מיט געדרוקטע אותיות אויף העברעאיש, אַז דער „חבר חיים לייב פעלדמאַן איז דער מורשה פון קרן־קימת לישראל פארן גאנצן געגנט און וועט זיין פאַרשריבן אין די ביכער לזיכרון עולם מיטן נאָמען: קיבוץ פעלדמאַן״.

— ווען די וועלט וועט זיך עפּענען נאָך דער מלחמה, וועט אין יעדן ייִדיש הויז הענגען אַזאַ פּושקע... כל ישראל יש להם חלק — האָט ער זיך אַזש פאַרכליניעט מיט די ווערטער און דאָס קמץ־בערדל האָט מיט־געציטערט מיט ריווטשעלעס פרומען אמן — ווי דערלעבט מען עס שוין, רבונו של עולם!

דעם ערשטן אָנהייב האָבן חיים לייבעלע מיט א פּאָר פון זיינע פאַר־טרויטע געמאַכט ערב יום־כיפור. מנחה־צייט האָבן זיי זיך באַוויזן אין שול און אין א פּאָר „שטיבלעך״, און לעבן אלע „צדקה קערות״ אוועקגע־שטעלט די ווייס־בלויע פּושקעס מיט אַן אייגענער געכתיבהטער אויפשריפט: למען ציון לא אחשה! (פון ציונס וועגן וועל איך נישט שווייגן).

— נייע נייעסן גאָר! — איז אומעטום געוואָרן אַ גערודער אַרום די טישן.

— אַזאַ חוצפה, ערב יום הקדוש!

— חיים לייבעלעס גוואַרדיע וויל שוין אַ חלק אין דער שיסל!

— ווער עס וועט אונז ברענגען די גאולה. ווישט זיך בעסער אָפּ די נאָז, שקצים!

— אַ נייער אומגליק יידן, שבתי צביניקעס, רחמנא ליצלן — האָט ר׳ חיים קוואַטש אין זיין „שטיבל" געטראָטן די פּושקע מיט די פיס — היה לא תהיה. וואָן אַרויס פון דאַנען מיט די דוחקי־הקץ צוזאַמען — האָט ער געטריבן יעדן איינעם וואָס האָט געוואַגט צו זאָגן אַ גוט וואָרט.

— ישוב ארץ־ישראל, ר׳ חיים, — האָט מען אים געפּרוּווט איינ־נעמען.

— ישוב איז עס, אַ נייער חורבן. קריעה דאַרף מען רייסן — איז ער געלאָפן אין אַנדערע „שטיבלעך" צו פאַרהיטן פונם אומגליק — אַ פאַרפירעניש, יידן! די גדולי הדור זיינען קעגן!

אין איניקע „שטיבלעך" איז געקומען צו פּעטש. מ׳האָט קוים באוויזן אָפּצודאַווענען מנחה אין אייַלעניש.

— ווייזט אויס אַז ס׳איז אונדז באַשערט אַ ניי מחלוקת. גאָר אַ גרויס מחלוקת — האָט רבי דוד דיין אין זיין „שטיבל" זיך אַוועקגעשטעלט ביים טיש מיט די „קערות". דאָס אַליין איז שוין געווען גענוג אַז קיינער זאָל נישט וואגן אַנצורירן דעם בחור וואָס האָט די פושקע אוועקגעשטעלט. — זיי מיינען דאָך באמת אַז זיי זיינען שליחי־מצוה! האָט ער אויף זיין געלאַסענעם אופן איינגעהאַלטן די קנאים און אַנגעוואונקען אַז מ׳קען דאָס נישט סתם אָפּפּטרן מיט אַ שטאַרקער האַנט. — קען זיין, אַז אין בני־ברק אַמאָל במי ר׳ עקיבא האָט זעך עס אויך אזוי אָנגעהויבן — האָט ער, ווי זיין שטייגער ווען ער פאַרטיפט זיך אין עפּעס, אַ קוק געטאָן קאַסאַקע אַרום זיך און ס׳האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ער בליקט ערגעץ זייער ווייט — אין ספרים ווערט געברענגט, אַז פאַר דער גאולה וועלן זיין אַ סך סימנים סיי בנגלה סיי בנסתר, און מ׳דאַרף זיין זייער געוואָרנט אין דעם וואָס אויסצוקלייבן און וואָס דוחה צו זיין. איין זאַך איז זיכער, זיי מיינען עס באמת און אַנהייבן אַ מחלוקת ערב יום־הקדוש איז אַליין דער גרעסטער קיטרוג, בעט זשע זיך אויס אַ גיט־יאָר און גייטס געזונטערהייט פאַרפאַסטן — האָט ער טראַכטנדיק אַ ווילע אַרויסגענומען אַ פּאָר מטבעות און איינגע־

טיילט אַלע „קערות" און צום לעצט אויך אין דער פושקע אַריין — זאָל עס זיין צו מצוה! — האָט ער זיך אויסגעגלייכט קוקנדיק אַלעמען אין די אויגן אַריין.

— אמן! — האָבן זיך אייניקע נישט געקענט איינהאַלטן פון גע־רירטקייט.

ביים טיש אין בית מדרש איז חיים לייבעלע אַליין געשטאַנען יום־טובדיק פאַרפוצט און ערנסט, ווי ער וואָלט עפּעס גאָר וויכטיקס דערוואַרט.

— פאַר וועמען איז דאָס? — האָט דער שמש זיך געקווענקלט צי ער מעג לאָזן די פושקע שטיין צווישן די אָנגענומענע הייליקע „קערות" — און פאַרוואָס איז עס עפּעס פאַרמאַכט?

— דאָס איז פאַרן כלל. אויסצולייזן ארץ ישראל פון גויאישע הענט, — האָט חיים לייבעלע אים געפּרואווט דערקלערן — דאָס גיבן מיר פאַר זיך אַליין. יעדער ייד האָט אַ חלק אין ארץ־ישראל וואָס דאַרף אויסגעלייזט ווערן.

— טאַקע אַ גרויסע מצוה, — האָט אַ פרומע יידענע אים גלייך נאָכ־געזאָגט און אַריינגעוואָרפן אַ מטבע — סע קומט טאַקע פון דאַרט, האַ? — האָט זי באַוואונדערט דאָס פושקעלע — טאַקע זייער שיין, ס'עט אַריינקומען די ברכה ווען ס'איז צוגעמאַכט.

— בעט זיך אויס אַ גוט יאָר — האָט חיים לייבעלע איר צוגעווינ־טשעוועט אַ גערירטער.

— ני, קען מען שאַצן אַ יידישע נשמה? — האָט זיך די יידענע מיט אַמאָל געכאַפּט ווער ס'איז דער ממונה אויף דעם פושקעלע, און אים אָפּגעמאָסטן מיט אַ שנעלן בליק פונעם דאַרן קאַפּעליוטשל ביזן קמצל און די גלאַנציקע שטיבלעטן — זאָל עס דיר אויך זיין צו מצוה. דו דאַרפסט עס נעבעך נייטיק האָבן.

אין איינע פאַר מינוט איז שוין געווען אַ רעדל אַרום אים.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ נייעס גאָר? — האָט פעלטע גבאי זיך דורכגעשטופּט צום טיש — היינט גיט מען אמתע צדקה, נישט פאַר דיינע זאַכן דאַרט — האָט ער אויסגעשטרעקט די האַנט אָוועקצונעמען די פושקע.

— ניטע! — איז דער גאַנצער עולם דערשטוינט געוואָרן פון דעם פלוצימדיקן געשריי פון דעם שטענדיק שטיל־רעדנדיקן חיים לייבעלע —

האָסט צו קורצע הענט אָפּצושטעלן די גאולה. נאָך דער מלחמה וועט אָפּן ווערן די וועלט און יעדן גראָשן דאָ וועט אויסלייזן אַ שפּאַן ערד פאַר אונדז און פאַר אונדזערע קינדער, דיינע אויך, פּעלטע! — האָט קיינער מער נישט געזען דאָס קיילעכדיקע קאַפּעליוטשל מיטן קמצל נאָר אַ קול וואָס פאַדערט און זאָגט עפּעס פאַרויס — יעדער ייד איז מחויב צו העלפן זיך אַליין און דעם כלל ישראל. מ׳קען מער נישט אָפּקומען מיט ווערטן בלויז!

— וואָס הייסט? — איז פּעלטע שנעל געקומען צו זיך פון דער־שטוינונג, — עכ׳ל נישט לאָזן!

— לאָז אים, פּעלטע, — האָט דער רב זיך פלוצים אַריינגעמישט, און דעם עולם האָט זיך אויסגעוויזן אַז ער איז פלוצים העכער געוואָרן און שפּאַרט אַריבער אַלעמענס קעפּ — ס׳איז ערב יום־כיפור און מ׳קען נישט וויסן וועלכע מטבע וועט איבערוועגן און אויספּועלן אַ גוט יאָר.

— אָבער רבי, — האָט פּעלטע אַזש געציטערט פון אויפרעגונג — ר׳ חיים זאָגט דאָך אַז דער דאָקטאָר זייערער איז אַ —

— רעד נישט אויף קיין שוכן עפר, פּעלטע, — האָט אים דער רב נישט געלאָזט ענדיקן — עס זיינען דאָ גרויסע צדיקים וואָס מיינען אַז ער האָט געהאָט אַ גרויסן זכות. פאַר מלכים און קיסרים האָט ער זיך געשטעלט. דאָס טיט זיך נישט אַליין.

— ער האָט זיך מוסר נפש געווען פאַרן כלל, — האָט חיים לייבעלע זיך דערפילט געשטאַרקט — אַ סך אַזעלכע ווי איך האָט ער צוריקגעבראַכט צו אמונה, רבי — איז אים מיטאַמאָל עפּעס גרינג געוואָרן אויף דער נשמה וואָס ער קען זיך אָפּן מודה זיין אַז ר׳איז אויך אַ מאמין, און אַליין נישט געפילט ווי טרערן רינען אים פון די אויגן.

— בעט זיך אויס אַ גוט יאָר! — האָט אים דער רב אויסגעשטרעקט די האַנט און ביים אַריינלייגן מטבעות אין די „קערות״ אויך אַראָפּגעלאָזט אַ מטבע אין דער פושקע אַריין.

אויף אים קוקנדיק, האָבן אַלע אַרומיקע שוין געטאָן דאָסזעלבע. חיים לייבעלע איז געשטאַנען אַ שטראַלנדיקער און בשום אופן נישט געקענט איינהאַלטן די טרערן — בעט זיך אויס אַ גוט יאָר, די תפילות זאָלן דערהערט ווערן! — האָט ער אַ געריטער געהאַלטן אין איין ווינטשעווען.

— אַזאַ צעדרייטער — איז די גאַרבאַרניע גאַס געווען אי שטאָלץ אי אַביסל אַנגעשטויסן אויף איר חיים לייבעלען, — אויפגעשטעלט אַ גאַנצע שטאָט קעגן זיך.

— עץ האָט געדאַרפט זען מיט וואָס פאַר אַ פאַרפרומעניש דער אפיקורס האָט עס אַלעמען געווינטשעוועט צוליב זיין פישקעלע, — האָט מען אי געחוזקט אי שטאַרק הנאה געהאַט יענעם יום־כיפור צו זען אים אַזאַ אויפגעלייגטן און שטראַלנדיקן.

— דו זעסט ריווטשעלע, עס הייבט זיך אָן רירן. זאָל זיך נאָר עפענען די וועלט!

— אמן! כ׳זאָל נאָך זען מיט די אייגענע אויגן ווי מ׳וועט אָנהייבן פאָרן צו דער אויסגעלייזטער ערד.

ב

וועגן דער „גאַרבאַרניע גאַס״ ווערטלט מען זיך אין שטעטל, מער אין ערנסט ווי אין א שפּאַס, אז מיט איין פוס שטייט זי אין דער „גרעבליע גאַס״ — איז געקניפּט און געבונדן מיט יענע לייט ווי א שטוב מיט אַן אַלקער, און מיט דעם צווייטן פוס שפּאַרט זי שוין אָן אין דער גויאישקער פאַרשטאָט, אַזוי אַז ס׳איז נישט לייכט צו וויסן וואו זי איז אין דער אמתן. עפּעס איז זי שוין טאָקע האַלב גויאיש. יעדער שטיבל שטייט זיך באַזונדער מיט אַ גערטנדל אַרום דעם. כמעט אין יעדן גערטנדל הויכט זיך אַרויס אַ שמאָלער סטאָלב מיט אַ טויבן־שלאַק אויפן סאַמע שפּיץ און אַ הונט איז צוגעבונדן צום אונטערשפּאַר פונעם גאַניקל.

פאַרשטייט זיך, אַז די „גאַרבאַרניע לייט״ שוויגן אויך נישט און לייקענען שטיין און ביין. ערשטנס, לאָזן זיי זיך נישט שפּייען אין דער קאַשע אַריין און הייסן יענעם פריער זיך גוט אָפּרייניקן פונעם אייגענעם שמיעטניק איידער ער האָט גאָר די העזה צו נעמען זיי אין זיין גרויס מויל אַריין: „דער מינדסטער פון אונדזער גאַס, קען זיך פאַרגלייכן און נאָך מיט אַ סמיטשיק מיטן שענסטן און בעסטן פונעם „רינג״ און אַלע גאַסן און געסלעך פון שטעטל״; והשנית, איז שוין צייט אַז לאַנד און לייט זאָלן וויסן, אַז כאָטש די גאַרבאַרניע גאַס איז איינע פון די קירצסטע אין שטעטל, שטייט זי אָבער אויף אייגענע פיס און איז דיר נישט קיין הינטער־טיר צו די

טאָפּלטע פּאַטשעגעס פון דער „גרעבליע גאַס" דאָ אַ באַלד, און נישט צום האַרמידער פון „רינג" העט אַוועק פון דאַנען; און אוודאי נישט קיין צוטשעפּעניש צו דער גויאישקער פאַרשטאַט מיט אירע שטאַלן און חזירים. „שווענקצט ענק גיט אויס דאָס מויל און מאַכט אַ „שהכול", איידער עץ נעמט איגדז אויף דער צינג. שקושע, ס'וועט ענק אסור פאַרשאַטן".

און אין דער אמתן טאַקע, נישט אויסגערעדט זאָל עס זיין, ווען נישט וואָס דאָס „באָד־געסל" האָט אויסגעכאַפּט, וואָלט די „קאַלטע שיל" מיטן בית־מדרש געדאַרפט שטיין טאַקע דאָ אַ אין דער גאַס צווישן די ביימער און גערטנדלעך, און נישט דאָרט אין דער בלאָטע לעבן פערד־מאַרק. ווער ווייס עס דען נישט, אַז דאָס וואָס מ'וויל די „גאַרבאַרניע גאַס" אַריינוואַרפן אין איין טאָפּ מיט די אַנדערע געסלעך איז נאָר מחמת קנאה פון די „בלאָטע־לייט". דאָ איז ריינער און טרוקענער ווי אומעטום. דאָס גראָז דאָ אַרום מיט די בעז־ביימער אין פרילינג, פאַרנעמט דאָס אויג מיט דער נאָז. ס'איז שוין טאַקע כמעט ווי די פאַרשטאָט אַליין. אַ שורה נאָדל־ביימער ציט זיך פון איין זייט פון סאַמע אָנהייב פון דער גאַס ביי דער גרעבליע ביז העט אַוועק צו די גאַניקלעך פון דער פאַרשטאָט.

מ'פאַרגינט זיי אויך נישט דאָס וואָס די הייזקעלעך דאָ זיינען אַלעמאָל אָפּגעווייסט און די נידעריקע פּלויטלעך גרויזן אָפּ די גערטנדלעך פונעם גלאַטן און ברייטן וועג וואו קיין בלאָטע איז כמעט קיינמאָל נישטאָ. מ'עסט זיי אויף ממש מיט די אויגן פאַרן גרינעם שאַוער און הויכע סטראָסטענעס ביים ברעג טייך, וואָס איז גלייך הינטער דער שורה הייזער מיט די רחבותדיקע הויפן און גאַרבאַרניע שאָפּעס פון דער אַנדערער זייט וועג.

ווען נישט דער שאַרפער ריח פונעם „קוואַס", פייכטער קאָרע, וואַפּנע, יוכט און פאַרלעגערטע ווייקעכץ פון פרישע פעל, וואָלט געווען אַ מחייה צו שפּאַצירן דאָ אויף די ברייטע קליאַדקעס לעבן די פּלויטן. מ'קען אַפילו גיין אַ גאַנצע שערענגע אין דער ברייט מיטן טרוקענעם און גלאַטן וועג. אויב אַ הונט זאָל נאָר נישט אַרויסשפּרינגען פון דער נאָענטער פאַרשטאָט און נאָך אים אַ שגץ מיט אַ פאַרריסן נעזל, קענסטו זיך אַזוי רואיק גיין מיטן ברעג און איבערגענומען ווערן פונעם סקריפּען פון דעם ריזיקן היל־צערנעם ראָד, וואָס דרייט זיך געלאַסן און באַזאַכט אויף דער גאַנצער הינטערשטער וואַנט פון דער וואַסער־מיל. מיט די אָפענע שטאַבעס ווי

אויפגעריסענע מיילער שליאַפּעט ער אין וואַסער; אַ שטאַבע אַריין, אַ שטאַבע אַרויס אַן אָפּשטעל. אַ פולער שלונג וואַסער דרייט זיך מיט דער אָפענער שטאַבע ביז אַרויף, און טוט אַ כליאָפּ צוריק אין טייך אַריין מיטן דריי אַראָפּ, שלאָגט זיך אָן אינעם שטראָם וואָס יאָגט זיך מיט אימפּעט צום ראָד, האַקט אים איבער אויף אַ סעקונדע און טוקט זיך גלייך אונטער מיט צעשאָטענע שפּריצעלעך וואָס רעדלען זיך אַ ווילע אין אָן אַ שיר קרייזן און פּאַטשן אַוועק ווייטער ביז אונטערן בריקל אויף יענער זייט וואַסער־מיל.

פון לאַנגען קוקן און פיל־מאָליקן איבערציילן די שטאַבעס און פאַר־פלאָנטערן זיך אין חשבון, נעמט דער ראָד איבערשטעלן זיך אין פאַרשידענע געשטאַלטן ביז ער שטעלט זיך אָפּ אַ געפּענטענער ריז, וואָס רייסט זיך אַוועקצושפּאַנען פונעם אָרט צו עפּעס אַ שליחות וואָס ער דאַרף דורכפירן, און שלעפּט דערווייל אַ גאַנצע מיל מיט שטיינער און גרילצנדיקע וואַלצן אויפן רוקן. אַ שטומער אומרו טרייסלט און וואַרפט מיט אים, אָבער מער ווי צעבויטשען דאָס וואַסער אונטער זיך קען ער ניִשט. דאָס אַליין איז שוין גענוג, אַז צענדליקער פויערישע פורלעך זאָלן כסדר דאַרפן ברענגען פולע זעק מיט ווייץ און קאָרן אָנצוזעטיקן די גרילצנדיקע וואַלצן און שווער־פרייכנדיקע שטיינער. דער לאַנגער יידל וואָס איז מכלומרשט דער באַלעבאָס פון דער מיל, לויפט אַרום דאָרט אינעווייניק אינגאַנצן אַ ווייסער, און האַלט אין איין ציטערן טאָמער ווערן די קאָשיקעס איבער די שטיינער ליידיק, און דער ריז קאָן נאָך אַזוי אַ מיטן ליידיקן מאָגן און שטומער רוגזה זיך אַ שטעל טאָן אינמיטן דערינען ווי די כוחות וואָלטן זיך אים אויסגעלאָזט. ניִשט נאָר די „גאַרבאַרניע גאַס“, נאָר אַפילו דער טומלדיקער „רינג“ האַלט דעם אָטעם איין, ווען פּלוצים האַקט זיך איבער דער בראַזג און כסדרדיקער סקריפּ פון דער מיל. עפּעס ווי אַ ליידיקייט וואָלט פון ערגעצוואו אַ פאַל געטאָן אַהער און פאַרטויבט די אויערן מיט שטומער פוסטקייט. די מעלשענקערס וועלן שוין אָפּלעקן אַ ביינדל. איידער מ׳ווייסט נאָך וואָס ס׳איז געשען, שטייען שוין בלויז האַלבע זעקלעך מעל ביי זיי אויף די ברעטער.

— אַז די וואַסער־מיל פאַרקרעקט זיך, ציטערט מען אין די געסלעך איבער יעדן „המוציא“ ברויט און פּעניצל חלה — פאַרענטפערט זיך דער

לאַנגער יידל פאַר זיין בלימען, וואָס יאַדעט אים למאי נעמט ער זיך אַזוי צום האַרצן און קערט וועלטן צוריקצוברענגען דעם האַרמידער וואָס שנעלער.

— רו זיך אויכעט אָפּ אַביסל צוזאַמען מיט די שרויפן און פאַסקעס. אַ מענטש איז דען שטאַרקער פון די וואַלצן?

גיי גיב איר צו פאַרשטיין, אַז מיטן אָפּשטעלן זיך פון דער מיל, צי צוליב עפּעס וואָס איז קאַליע געוואָרן, צי צוליב דעם וואָס די פויערישע פורלעך מיט תבואה קומען נישט אַזוי אָפט לעצטנס, שטעלט זיך אויך עפּעס אָפּ ביי אים אין האַרצן. דאָס גאַנצע חיות ליגט אים אין דער מיל און ס׳האַרץ זאָגט אים, אַז אָט אָט וועט זיך עס אינגאַנצן אויסלאָזן. ערשטנס, איז זינט די פאַרעווע מיל האָט זיך אָוועקגעשטעלט הינטער דער שטאָט ביי די זאַמדן, זיינען די מעלשענקער געוואָרן גרויס ביי זיך און ביטן זיך אויס דאָס טעלערל פון הימל. און די פויערים קען מען קוים איינהאַלטן צו וואַרטן אַ פּאָר שעה אויף זייער ריי. און דאָ קומט נאָך צו אַ נייע צרה: זינט דאָס נייע מלכות האָט זיך געשטעלט, קומען קאָמיסיעס אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק און צאַפּן אויס דאָס בלוט. דאָ געפעלט זיי נישט דער ראָד, דאָרט זיינען די פאַסיקעס אויסגעריבן. אַן אַנדערש מאָל איז דאָס געשטעל אויף וועלכן די מיל שטייט קליין ביי זיי אין די אויגן.

אַ מיל שטייט שוין אַזויפיל יאָרן, נאָך פון זיין עלטער זיידן אָן; האָט געמאָלן ווי פילע זעק געבייטלטס, ראַזאָווע און זעמל־מעל אַפילו פאַר פריי־צישע הויפן, און פאַר די פּיזשיקעס מיט די קורצע הייזלעך נאָך איז גאָר דאָס געשטעל נישט געווען שטאַרק. „מ׳דאַרף מאַכן אַ נייעם פונדאַמענט״ — זאָגן זיי. „ווי האָב עך עס דען אַזוי פיל געלט פאַר דעם? און די פאַראָווע־מיל וועט דערווייל זשויבן און רייסן פּאַסן פון גאַנצן גאַיעס און אַלע מעלשענקער!״

שטופּט ער עס אָפּ פון וואָך צו וואָך און „שמירט״ אין קאַנצעלאַריע אָפּצושרייען די גזירה. נאָר אַז עס ווערט שוין גאָר שלעכט און ער מוז ווייזן דער „קאָמיסיע״ אַז ער טוט עפּעס, שטעלט ער אָפּ די מיל אויף אַ פּאָר טעג און גיט זי איבער אין די הענט פונעם קראַש מיט די בנים, וועלכע שמאַיען דאָרט אַרום פון גאַנץ פרי ביז שפּעט ביינאַכט אונטערשפּאַרנדיק דאָס

אַלטע געשטעל מיט נייע קלעצער, און פֿאַרשטאָפּן די לעכער און שפּאַלטן מיט שטיינער און ווייס־ליים.

אין די טעג גייט ער אַרום ווי אַ חול־המועדניק, האַלב וואָכעדיק האַלב יום־טובדיק אָנגעטון און האָט אויך צייט אַריינצוכאַפּן זיך צו איינעם פֿון די איידעמעס זיינע וועלכע וואוינען טאַקע אַ טיר אין אַ טיר מיט אים אויפֿן זעלבן הויף, נאָר ער האָט קיינמאָל קיין צייט נישט אַריינצוגיין צו זיי און זיך דורכרעדן ווי עס ווילט זיך. „גיי, נעם אינמיטן אַ מיטוואָכיקן האַרמידער און וואַרף אַראָפּ דעם פֿאַרמעליקטן שפּענצער און זעץ זיך אַוועק שמועסן מיט די איידעמעס אין עולמות.״

סתם פּשוט זיך אַדורכרעדן מיט זיי, איז דאָך נישט שייך. מיט זיי אַ שמועס צו טאָן קען מען נישט אַזוי אַ אויף איין פֿוס. מ'דאַרף פֿריער אַביסל זיצן און זיך צוגעוואוינען איינס צום אַנדערן. ס'איז דיר נישט דער כאַפּ־לאַפּ און האַרמידער פֿון דער מיל.ביים אַריבערטרעטן די שוועל פֿון זייער דירה קומט דיר אַנטקעגן אַן אַנדער מין לופֿט און געמיט. שטיל אויפֿגערוימט קוקן אויף אים די ספרים מיט די ברייטע רוקנס; דער דעמבענער טיש באַדעקט מיטן געשטריקטן טישטעך שעפּטשעט עפּעס שבת־מנוחהדיק: „וואָס עט עך עפּעס זוגן גיטס, שווער לעבן?״

עס דויערט אַ ווײַלע ביז ער געוואוינט זיך צו צו דער שלווה. און כאָטש די איידעמעס זיינען פֿאַרשידן אין כאַראַקטער און אין באַנעמונג, דאָך רופֿן ביי אים זייערע הייזער אַרויס דאָס זעלבע געפֿיל פֿון נחתדיקן ציטער. „גאַנץ קלוג געוועזן פֿון דער „אַלטער״ מיינער, — טראַכט ער — וואָס זי האָט געזען דערצו אַז יעדע דירות זאָלן האָבן איין פּנים.״

דאָס פֿאַרגעניגן קען ער זיך אָבער אָנטאָן נאָר שבת און יום־טוב. אין די וואָך־טעג באַניגט ער זיך מיט די אָנצוהערענישן פֿון גוטע פֿריינד וואָס פֿאַרוואַרפֿן אַמאָל אַ וואָרט ביים דאַווענען, צי ביים וואַרטן אויף זייער ריי אין דער מיל, וועגן די התנהגותן פֿון זיינע צוויי איידעמעס: אַ פֿולן זאַק מיט שבחים אויף דעם עלטערן, אויף אַרטשעלען, וואָס איז כולו זייד און געלאַסנקייט, ווי אַ „ליטוואַק״ ממש; און אויפֿן יינגערן, גרשונען, וואָס איילט זיך אַלעמאָל, רעדט גיך, שאַרף, מיט אַ תרעומותדיק אייבער־קולכל, און קען „מיר נישט דיר נישט״ אָפּבאַדן אויפֿן גרויס־פּוילישן שטייגער מיט אַ בלויזן ביטול־קוק אַליין. „אייסעד דאָרט וואָס די רעדסט״ — לאָזט ער יענעם

שטיין און איילט אַוועק. און ער האָט דאָך דווקא געלערנט אין ליטווישע ישיבות. פון דאָרט האָט ער דאָך אים אָפּגעקויפּט, נישט אַזוי? וואָס זשע לויפט ער עס אַזוי? האַ?

דער לאַנגער יידל שמייכלט זיך אונטער און ענטפערט יענעם גאָרנישט. ער וויסט דעם אמת. די היימען זייערע זיינען ביידע גלייך און ביידע זיצן ברוך השם און לערנען און שמעקן נישט אַריין, נישט אין זיין האַרמידער אין דער מיל און אויך נישט אין דעם געברייי פון שטעטלשע מחלוקתן. אויפן ייִנגערן וואונדערט עס אים אַפילו, ווייל לויט זיין געאייל־ציקייט און שאַרפקייט וואָלט ער יאָ געדאַרפט זיך פאַרפּלאָנטערן אַמאָל אין די זאַכן. עס ווייזט אָבער אויס, אַז די גירסא דינקותא לאָזט אים נישט. יאָרנלאַנג האָט ער געלערנט אין אַ מוסר־ישיבה, האָט ער דערפאַר מיט זיך צו טאָן. קען זיך עפּעס נישט קיין עצה געבן מיט זיך. גאַנץ אָפט כאַפּט ער זיך אינמיטן זיין איילעניש און שטעלט זיך אָפּ: „וואו זשע בין איך ערגעץ אין דער וועלט?"

די שטוב מיט די ספרים ווערט אים ענג דאַן און דאָס טראַסקען פון דער מיל שטערט אים צום כאַפּן דעם רעיון. פליט ער ממש אַרויס פון הויז און איילט מיט די הינטערגעסלעך צום ריזשינער שטיבל. גאַנוועט זיך אַריין דורך דעם הינטערשטן אַריינגאַנג אין ווייבערישן שולעכל, וואָס איז אַ גאַנצע וואָך ליידיק. שפּאַנט אַ ווײַלע הין און צוריק אויף די שפּיץ־פינגער כדי די שטיבל ייִנגלעך זאָלן נישט באַמערקן אַז ס'איז עמיץ אַריינ־געקומען און פאַרגעסט באַלד אין דעם. דער מוסר־ניגון וואָס איז שטיל און איינגעהאַלטן אַלעמאָל ווען ער לערנט אין זיין אייגענער דירה, רייסט זיך איצט פון אים מיט גאַנצע שטיקער געשריי און אָפּגעהאַקטן יאָמער, וואָס ער קען נישט איינהאַלטן: „דער חיי־אדם זאָגט, דער חיי־אדם זאָגט: „יעדער מענטש דאַרף וויסן אַז דאָס גיהינום שטייט אָפן פאַר אים פון אַלע פיר זייטן. אנה מפניך אברח? ואנוכי מלא רימה וכלימה! אַז וואו איך לויף איז אָפן אַ גרוב און וואו איך קוק שיקלט מיר נאָך די טיפּה־סרוחה. אוי לי ואבוי לי."

סיי דער ניגון, סיי די ווערטער אין דער האַרטער ליטווישער עברי, וואָס מ'הערט פון אים נאָר דאַן, קלינגט פרעמד אויסטערליש איבערן גאַנצן שטיבל. עפּעס ווי אַרויסגעריסן פון פאַרבאָרגעניש, וואָס ווער ווייס וואָס

נאָך זי פאַרהוילט אין זיך. די שטיבל ייִנגלעך פון יענער זייט, האָבן אין אָנהייב אויפגעציטערט און מיט שרעק גענומען זוכן דעם באַשייד פון דעם וואָס רייסט זיך פון אים. געפּרואווט נאָכזוכן אין מוסר־ספרים און אַפילו געוואָגט צו פרעגן אים אַליין ווען ר׳האָט אַמאָל אַריינגעאיילט אין שטיבל אַריין און אַ שטעל געטאָן זיך אין אַ ווינקל אַריינקוקן אין אַ ספר. זיי האָבן אָבער גאָרנישט נישט אויסגעפונען. פון זיינע ענטפערס איז אויסגעקומען, אַז אָדער ער פאַרשטעלט זיך אַזוי אַז ס׳קומט אויס אַז ער ווייסט ניט פון וואָס צו זאָגן, אָדער ער געדענקט טאַקע באמת נישט וואָס ער האָט געזאָגט און געיאָמערט ווען עס איז. „אַז בסך־הכל קים עד דאָך גאָר זעלטן אַהער. נאָר ווען עד דאַרף מעיין זיין אין אַ ספר. עץ קיקט צופיל אין מוסר־ספרים, חברה, דאַכט זעך ענק שוין כלערליי שטותים״ — האָט ער געאיילציק און כמעט נישט קוקנדיק אויף קיינעם צוריק אַרויסגעאיילט פון שטיבל.

אַ משוגענער ליטוואַק! — האָט מען אים אָפּגעלאָזט און געלאָזט לויפן.

דער לאַנגער יידל ווייסט דערפון און לאָזט עס אויך גיין ווי עס גייט. „כל זמן ס׳איז דאָ שלום־בית צווישן פאַר־פאָלק און די מיל־שטיינער דרייען זיך, וועט זיך עס שוין אויסדרייען מיט גאָטס הילף צו גוטן״. דעם שידוך האָט דאָך אים דער רבי אַליין געהייסן טאָן. „פון יענע ישיבות קומען אַרויס גאַנץ לייטישע ייִנגעלייט״, האָט אים דער רבי גאַנץ קלאָר געזאָגט, — לעבן דיר וועט ער זיך אויסמענטשלען, אם ירצה השם. וועסט האָבן נאָך אַ בן־תורה אין הויז. מיטן ערשטן האָסטו דאָך גאָר געטראָפן.

— שייך צו זאָגן געטראָפן. ר׳איז דאָך ממש אַ שטיקל זייד, דאַנקען השם יתברך, — האָט ער זיך נישט ווילנדיק אַ באַרים געטאָן.

— זאָל דיר דער אייבערשטער העלפן — וואַרעמט אים און שרעקט אין דער זעלבער צייט דעם רבינס ברכה.

די פאַרנומענקייט זיינע און די כסדרדיקע דאגות, לאָזן אים אָבער נישט צופיל טראַכטן וועגן דעם: „מיערטשעשעם יום־טוב, וועל עך כאַפּן אַ שמועס מיט אים״. קומט אָבער דער יום־טוב, איז איידער נאָך ער באַוויזט אָפּצו־כאַפּן דעם אָטעם דאָרט און אויסטרינקען אַ שעלעכל טיי, איילט שוין יענער אַוועק ערגעץ. כאַטש גיי יאָג אים נאָך.

— אָט אַזוי איז ער, טאַטע, — פּלאַצט אַרויס די טאָכטער מיט אַ געוויין. ווערט אים דאָס ביסל יום־טובדיקע מנוחה שוין אויך פאַרשטערט.

— אַזוי גאָר, — וויל ער זי מיט עפּעס טרייסטן און ווייסט נישט ווי אַזוי — וואָס זאָגט ער דיר?

— עס ציט אים צוריק אַהין. ס'איז אים דאָ ענג, זאָגט ער, ער קען נישט איינזיצן. ס'איז מיר זייער נישט גוט, טאַטע.

— וואָס זשע האָסטו געשוויגן? כ'על מיזן רעדן מיט אים. מיערטשעשעם טאַקע באַלד — רעדט ער זיך און איר איין, און ווייסט אַז ווי נאָר די מיל וועט ווידער אָנהייבן רודערן, וועט עס ווייטער גיין ווי עס גייט.

פון דער זייט וועט ער הערן, אַז גרשונדל פּראָוועט שטיק אין ווייבערישן שולעכל פון ריזשינער שטיבל און אַז מ'פרעגט אים איבער ווייסט ער נישט פון וואָס צו זאָגן. „מ'וועט זיך מוזן דורכרעדן מיט אים. מ'קען עס נישט מער אָפּלייגן. מיערטשעשעם יום־טוב מ'עט דערלעבן.״ דערווייל ביז וואָס וועז, ביז ער וועט זיך דערקלייבן צו רעדן מיט גרשונדלען, שרייבט ער דערווייל קוויטלעך צום רבין וועגן דעם און שעפּט נחת פון צווייטן איידעם זיינעם, פון אַרטשעלען, וועלכער זיצט יומם ולילה ביי די ספרים און איז אַלעמאָל אָנגעטון אין אַ דרייפּערטלדיקן סורדוט, וואָס איז אי חסידיש אי יאָלדיש אינאיינעם. אויף אַרטשעלען זאָגט מען, אַז דאָס איז תורה און סחורה און געפּוצטע שטיוול. אי צו גאָט אי צו לייט. אַ למדן מופלג איז ער. האָט געקראָגן היתר־הוראה צו אַכצן יאָר, און מיט זיינע חידושים אויף פּוסקים רעכענען זיך גאָר גרויסע רבנים, וועלכע פאַררופן זיך אויף אים אין זייערע שאלות ותשובות. דערצו איז ער נאָך אַ ידען אין וועלט־זאַכן. רעדט און שרייבט דאָס לשון פון דער מדינה ממש ווי אַן אויפגעקלערטער, און אַלץ שטיל און געלאַסן. אָפּגעמאָסטן און אָפּגעוואויגן יעדן וואָרט וואָס ער זאָגט אַרויס, און אַזוי איז אויך יעדן אבר און יעדן מלבוש אויף אים.

— עס פעכלט פון אים, — גרויסט זיך די „גאַרבאַרניע גאָס״ מיט אים, און אַפילו די לאַנגע צונגען פון דער „גרעבליע״ גאָס קענען גאָרנישט נישט אָפּדינגען דערפון. אויף אים וועלן אַפילו די שאַרפסטע פּרומאַקעס פון „רינג״ נישט לאָזן פאַלן קיין שפּרענקעלע. „דאָס איינע באַטעמטע עפּעלע פאַרגיטיקט שוין פאַר אַלע ריחות דאָרט״ — איז געוועזן דאָס באַליבטע ווערטל אַפילו ביי די, וואָס האָבן געקרימט מיט דער נאָז אויף דער גאַר־באַרניע גאָס מיט איר פּירעכץ און צוגעלעגערטע ריחות באַזונדערס אין די

פייכטע און הייסע זומער־טעג. דאָס גאַנצע שטעטל דאַרף דאַן צומאַכן טיר און פענצטער צו פאַרהיטן זיך פון דער שטיקעניש און קרעלעניש אין נאָז וואָס טראָגט זיך פון דאָרט צוזאַמען מיט מחנות שוואַרצע פליגן, וואָס ראַיען אַזוי לאַנג אַרום די אויסגעשפּרייטע פעל ביז זיי טרינקען זיך גוט אָן מיט די זאַפטן און הייבן זיך קנוילנווייז אויף ווי פאַרשיכורטע און פאַרזשומען די דערנעבנדיקע געסלעך ביז צום פאַרטויבט ווערן. „זאָל עס אויסגיין צו אַלע וויסטע פעלדער און וועלדער" — שפּייט מען אויס און מ׳פאַרהאַקט טיר און פענצטער פאַר די שוואַרצע זשומענדיקע קנוילן — „נישט אַנדערש אַ גילגול עפּעס, השם ישמרנו".

אָבער ווי נאָר עס קומט צו רייד וועגן אַרטשעלען, גייט גלייך אויף דער ריח פון בשמים אַרום און אַרום.

ערשטנס, ווייסט מען, אַז פון דער מאַמעס צד שטאַמט ער אָפּ אַזש פונעם של״ה הקדוש און פון טאַטנס צד שיינט אַרויס פון אים די חכמה און גדולה פונעם רבין ר׳ שמעלקע זכרונו לברכה. און צווייטנס, כאָטש ס׳איז פאַראַן אַ שמץ פון אַ חשש אויף זיין קליידן זיך קירצלעך לא עלינו, קען מען פאַרט צו זיין התנהגות זיך נישט טשעפּען. קיין צד אין די מחלוקתן פון שטעטל איז ער נישט. זיצט יומם ולילה און לערנט, און אַפילו ווען ער איז אַמאָל מפסיק צו שפּילן אַ שאַך מיט ר׳ דוד דיין, איז עס אויך אין דער בחינה ווי מ׳דערציילט פונעם גרויסן שאַרפן מוח דער ש״ך ז״ל, אַז ער פלעגט בשעתן פאַרטיפן זיך אין לערנען שפּילן מיט גאָלדענע רענדלעך, כדי דער קלאַנג פון אַן אַראָפּגעפאַלן רענדל זאָל אים צוריק־ברענגען צו דעם עולם. נישט איין הארבע שאלה און שווערע סוגיא ווערט ביי זיי פאַרענטפערט ביי אַ פאַרטיע שאַך. אין סאַמע מיטן פאַרטראַכטקייט איבער אַ גאַנג, נעמט זיך וויקלען אַרום זיי עפּעס אַ פאַרטייעט ניגונדל און איידער וואָס און ווען שטייען זיי שוין ביי דער ספרים־שאַפע זוכנדיק מראה מקומות אין די לעדער געבונדענע רמב״מס און חושן־משפּטס.

— איז ווי זשע האַלטן מיר? — קוקן זיך לסוף די צוויי פאַרשאַרצטע שטערנס אָן — מ׳קען דען אַמאָל געווינען ביי אייך — פאַרטיפט מען זיך ווידער אין דער שפּיל און דאָס ניגונדל פּילט אָן דאָס גאַנצע צימער מיט רואיקער געמיטלעכקייט.

דאָס איינציקע מאָל וואָס אַרטשעלע גייט אַרויס פון זיין רשות־היחיד און ווערט דער ראש המדברים פאַרן שטעטל איז בשעת מ׳דאַרף גיין צום מלכות אָדער דאָס מלכות קומט אַליין אַראָפּ פון דער הויפּטשטאָט און מ׳דאַרף גיין מקבל פנים זיין מיט ברויט און זאַלץ און אַ ספר־תורה. ס׳איז זיך דאָ אויף וועמען צו פאַרלאָזן. אַבי נאָר ער עפנט אויף דאָס מויל אין זייער לשון, וועט אפילו דער גרעסטער רשע אויפשטעלן מויל און אויערן. ווערט ממש צוגעזאָטן צו אים און אין זיין זכות קען מען שוין אַלץ פועלן ביי אים.

בקיצור, גרויס און קליין האָבן זיך פשוט געקוויקט מיט אים און עס געהאַלטן פאַר אַ זכות, וואָס מלכות האָט ביי אים סוף כל סוף געפּועלט צו לאָזן זיך רופן „קאַזיאָנע ראַבינער״, און אַזוי אַרום פּטור געוואָרן פון דאַרפן אָנשטעלן עפּעס אַ פרעמדן שלאַק פון די היינטיקע וואָס טוען אָן גרויסע צרות אין אַלע אַרומיקע שטעטלעך, מ׳זאָל באַהיט און באַשע־רעמט ווערן.

אָבער אַפילו שוין נאָכדעם ווי ער האָט געקראָגן דעם טיטול און ער האָט שוין געהייסן אַ רעגירונגס מענטש צו וועלכן מ׳דאַרף אָנקומען, איז ער אַלץ געבליבן דערזעלבער אַרטשעלע דעם לאַנגן יידלס און נישט געוואָרן קיין צד אין שטעטל.

ווי אַזוי אַרטשעלעס משפחה איז געקומען פון אויסלאַנד ערגעץ קיין פוילן און זיך דערשלאָגן ביז אין די קאַנטן, איז אַ גאַנצע מעשה וואָס אַפילו די בעסטע מעשות דערציילער פון דער „גאַרבאַרניע־גאַס״, קענען נישט אויסדערציילן מיט איין מאָל. באַגניגט מען זיך בלויז מיט שטיקלעך און ברעקלעך. אַ וואָרט דאָ, אַ וואָרט דאָרט און אין מיטן אַ בלויז. נאָר וואָס איז די נפקא מינה וואָס די מעשה איז, אַבי ס׳איז דאָ אַן אַרטשעלע וועלכער איז מוציא דאָס שטעטל מיט אַ מלכות־רב און טשעפּעט נישט קיין פליג אויף דער וואַנט. מ׳ווייסט למשל, אַז אַרטשעלעס טאַטע איז פון די איינציקע אייניקלעך פונעם ניקלשבורגער ז״ל, וועלכע זיינען געבליבן ביי יידישקייט. ס׳איז דאָך אַ דבר ידוע, אַז דעם ניקלשבורגערס אייניקלעך האָבן זיך געהאָדעוועט ביי קרובים, ווייל קיין אריכות ימים איז דער משפחה נישט באַשערט געווען. די גרויסע רבים פון יענעם דור האָבן געקוקט קרום אויף דעם וואָס דער ניקלשבורגער איז אַוועק קיין דייטשלאַנד פּראָווען

רבנות, האָט עס אים געשאַדט. די קרובים ביי וועלכע אָרטשעלעס טאַטע האָט זיך געהאַדעוועט, זיינען אָבער געווען לייטישע מענטשן, האָבן זיי אים באַצייטנס אַרויסגעכאַפּט פונעם גיהינום דאָרטן און אים אַוועקגעשיקט אין אַ ליטווישער ישיבה ביי דער גרעניץ וואו ר׳האָט ברוך השם קונה שלמות געווען. ס׳האָט אים אָבער געצויגן צו ״יענע זאַכן״ אויך, האָט אים דער ראש־ישיבה אַליין געדונגען לערער פאַר ״יענע זאַכן״ און אונטער זיין השגחה האָט ער אַלץ געקראָגן בהיתר. ער האָט אים אָבער מורא געהאַט צו האַלטן דאָרט ביי זיך צו לאַנג. ס׳איז צו נאָענט צו יענעם מקום פון וואַנען ר׳איז געקומען. ״ווייסט, מיין קינד, אַז יעדער איינער דאַרף מתקן זיין נישט נאָר פאַר זיך אַליין, נאָר אויך פאַר זיינע אבות — האָט אים דער רבי זיינער מסביר געווען — דער זיידע דיינער האָט געוואָלט אָננעמען דעם שטעקן בייביידע עקן און געפּראָוועט רבנות מיט גרויס חכמה אין אַ באַרעדט אָרט. די גרעסטע פון זיין צייט האָבן דאָס נישט גורם געווען, האָט עס זיינע קינדער שטאַרק אָנגערירט... איז דעריבער גלייכער, אַז דו זאָלסט זיך נישט געפינען צו נאָענט צו דעם אָרט״.

האָט דער תלמיד שוין געוואוסט וואָס ער דאַרף טאָן און זיך אַוועק־געלאָזט קיין פּוילן און געוואָרן אַן איידעם פון אַ גרויסן עושר. קיין רבנות האָט ער נישט געדאַרפט און נישט געוואָלט. דער שווער האָט אים אָפּגעגעבן אַ גאַנצן ״גיט״ נישט ווייט פון דאַנען, און אַלץ וואָס ער האָט געדאַרפט טאָן אַמאָל אין אַ יובל, איז צושטעלן אַ חשבון ווי עס גייט. האָט ער געהאַלטן פאַר די קינדער די בעסטע מלמדים און די אויסגעשטודירטסטע קענערס פאַר יענע זאַכן. און ליתר תוקף, אַז אָרטשעלע זאָל זיין דאָס וואָס ער איז, האָט ער זיך לאַנג אַרומגעקוקט און געפונען אַז דאָס שטעטל איז דאָס בעסטע אָרט פאַר אים, און דעם לאַנגן יידלס דירות די אויסגעקליבנסטע פון דער גאַרבאַרניע גאַס. עס האָט געהייסן, אַז אַרום דער מיל וועט ער קענען באַנוצן זיינע קענטענישן כדי עס זאָל נישט הייסן, אַז זיין גאַנץ לערנען די שבע־חכמות איז געווען לבטלה.

אין אָנהויב האָט מען אין שטעטל אַפילו געמורמלט אויפן שידוך. הינטער די פּלייצעס האָט מען פאַריבל געהאַט אויפן לאַנגן יידל, וואָס האָט זיך געלאָזט אַריינגאַרן אין זאַק אַריין און זיך משדך געווען מיט אַן ״אָנגע־רירטן״ מיוחס, וואָס פאַרגינט זיך אַפילו אויף דער עלטער נישט צו פאַרן

צו קיינעם פון די פּוילישע רבים. „ס׳איז באמת אַן איינשטעלעניש פונעם לאַנגן יידל צו לייגן זיך מיט אַ געזונטן קאָפּ אין אַ קראַנק בעט אַרייַן״. ווער ווייס עס דען נישט, אַז ביי דעם מיוחס אין הויף האַלטן זיך אויף אַלערליי שלעק פון די היינטיקע. זיצן דאָרט אָפּ גאַנצע זומערן, און דאָס חציפות וואָס מ׳הערט זיך אָן פון דאָרט, טאָר מען דאָך ממש פון מויל נישט אַרויסברענגען. נאָר אַזוי ווי מ׳ווייסט אַז דער לאַנגער יידל טוט נישט קיין זאַך אָן דעם רבינס וויסן, איז מן הסתם דאָ אַ טעם דערביי. שטילערהייט אָבער, האָט מען דעם לאַנגן יידל נישט געשאָנעוועט. „שוין נישט געהאַט וואָס אויסצוקלייבן, מישטיינס געזאָגט. הלוואי ס׳זאָל זיך אויסלאָזן צום גוטן.״

הערט נאָר אַ מעשה, אַ גאַנצע וועלט „פּאָרט״ און יענער זיצט זיך אין זיין „גיט״ אין שוואוילטאָג און קראַצט זיך קוים אויס אויף שבועות אַ מאָל צוצופאָרן קיין גאַליציע. מן הסתם אין איינעם פון די הויפן פונעם ריזשינערס קינדער. ווען מ׳פרעגט אים וואו ר׳איז געווען, שמייכלט ער: „וואָס איז די נפקא מינה וואו? אז נישט ווייסט עץ דען א חילוק? והשנית, אַז עך האָב מיר געפונען אַ הדרל, זאָל עך ענק עס אָוועקגעבן, האַ? זיכט זעך וועט עץ געפינען.״ — ווייסט מען נישט צי ער חוזקט צי ער מיינט עס ערנסט. ס׳איז נאָר אַ וואונדער וואָס די דאָזיקע חכמהדיקע רייד האָבן אים נאָך ביז איצט נישט געשאַדט. נישט אַנדערש, אַז דעם זיידנס זכות שטייט אים נאָך אַלץ ביי. „אַז מ׳האָט אויגן און אויערן, פּאָרט מען אַהין, — ציט ער זיך געלאַסן די ליולקע און ציילט יעדן וואָרט, — וואָס ווייסט עץ דען פּוילישע חסידים, וואָס אַ רבי איז?!״ — איז מען קיינמאָל נישט זיכער וואוהין ער צילט, כאָטש יעדן וואָרט זיינס שטעכט ווי מיט שפּילקעס.

עס פאַרשטייט זיך, אַז ווען נישט דער דרך־ארץ און באַהאַלטענע מורא פאַרן גרויסן יחוס זיינעם, און טאַקע אויך וואָס מ׳דאַרף פון צייט צו צייט אָנקומען צום „גיט״ מיט פאַרשידענע קהל־עניינים, וואָלט מען זיך פּאָרט נישט געוועז געקענט איינהאַלטן אַזוי לאַנג. האָט מען געמורמלט שטילערהייט און אָפּגעוואָרט צו זען וואָס די פּרי זיינע וועט זיין.

— לאַנג געוואָרט און גוט געמאַכט! — נעמט זיך איצט איבער די „גאַרבאַרניע גאַס״.

— ווער איז אַ מבין אויף אַן אתרוגל אַ הדר? — גרויסט זי זיך און

פאַרגינט זיך שוין אָפּן צו שעפּן נחת. נאָך דעם אָפּקומעניש פון דאַרפן פאַרשווייגן אַזאַ לאַנגע צייט דאָס מורמלען און קוועטשן מיט די פּלייצעס פון אַלע געסלעך.

איצט, האָבן שוין אַפילו די שאַרפסטע צונגען געמוזט איינהאַלטן זיך און צוגעגעבן, אַז אויף אַן אתרוגל אַ הדר מאַכט מען אַ ברכה מיט פאַר־מאַכטע אויגן. ווען מען גייט עס אָן וואָס זיין טאַטע „פּאַרט" דאָרט ווייסעך וואו איינמאָל אין אַ יובל. אויך דאָס וואָס אַרטשעלע אַליין „פּאַרט", דאַכט זיך, אינגאַנצן נישט אין ערגעץ האָט מען זעלטן ווען געבראַכט פאַרן מויל.

— ער האָט מורא, אַז מ'זאָל אים דאָרט נישט מאַכן פאַר קיין „אייניקל", — געפינט מען אַ זכות און מ'לאָזט עס צורו.

— ווער ווער, מיר מעגן דאָך וויסן וואָס מיר פאַרמאָגן. — האָט די „גאַרבאַרניע גאַס" געהאַלטן הויך דעם קאָפּ און נישט געלאָזט פאַלן קיין שטויבעלע אויף איר אַרטשעלען.

ג

יאַרנלאַנג האָט זיך אַזוי די גאַרבאַרניע גאַס געבענטשט מיט איר הדרל, און שטאָט האָט נאָכגעזאָגט אמן. אַזוי פאַר דער מלחמה און אַזוי נאָך דער מלחמה. אבי מ'האָט נאָר אַביסל אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און צוריק פאַרבויט די אָפּגעברענטע הייזער, האָט מען זיך אויסגעווישט די אויגן, ווי דער שטייגער איז פון קדמונים; איבערגעלאָזט דעם טרויער אויף די יאָרצייט־טעג און געלויבט דעם אייבערשטן דערפאַר וואָס אַלע שטורעם־ווינטן האָבן נישט געקענט אויסרייסן און צעשטערן דאָס וואָס די גאַס פאַרמאָגט.

כאָטש דאָס שטעטל האָט געקאָכט מיט נייע מחלוקתן; אויפן אָרט פון די אַלטע דאַזאָרעס איז אויפגעשטאַנען די „קהילה", אויף וועלכער דאָס נייע מלכות האָט אַכטונג געגעבן זי זאָל אַלע פאַר יאָר באַנייט ווערן דורך וואַלן. דער „רינג" האָט שוין מער נישט געקענט טאָן וואָס ער וויל און זיך געמוזט רעכענען מיט די קהילה לייט פון די הינטערגעסלעך. דאָס „גאָרן־שטיבל" האָט אָפּן מיט הוילע קעפּ און געגאַלטע מאַרדעס אַריינגע־זונגען אין „רינג" אַריין אַלע אָוונט נייע זמירות, וואָס אונדזערע אבות אבותינו האָבן פון זיי קיינמאָל נישט געוואוסט. אַרטשעלע איז אָבער

געבליבן אַרטשעלע. געשטאַנען אין דער זייט פון דעם אַלעם און די „גאַרבאַרניע גאַס" האָט אָנגעקוואָלן.

נאָכדעם אָבער, ווען גרשונדל איז פּלוצים נעלם געוואָרן און מ׳האָט זיך דערוואוסט אַז ער פאָרט אַרום איבער דער מדינה און האַלט דרשות פאַר ישוב ארץ ישראל, האָט אַפילו דער לאַנגער יידל געמוזט צולייגן אַן אויער צו די מורמלעניש, אַז געטאָן האָט ער עס מיטן וויסן פונעם שוואָגער. גאַנצע טעג פלעגט ער דאָך לעצטנס פאַרברענגען מיט אים.

— וואָס וועט ער זיך אויסזיצן דאָ? — האָט אַרטשעלע זיך אַפילו נישט פאַרענטפערט פאַרן שווער ווען ר׳איז אַרייַן צו אים מיט אַ ירגזון: — היתכן. אַזוי טוט מען?!

— ס׳איז אַן עת לעשות איצט, שווער, גלייבט מיר, אַז עץ וועט נאָך אם ירצה השם האָבן נחת פון אים.

דער לאַנגער יידל איז געווען אַזוי דערשטוינט, אַז ער האָט ממש נישט געגלויבט זיינע אייגענע אויערן: — ווי איז מיר נישט, אַרטשעלע, האַלטסטו הייסט עס אויך מיט יענע וואָס ווילן ברענגען משיחן בגוואַלד. עד בעיט דעך — האָט ער זיך עפּעס פּלוצים דערשראָקן פאַר די אייגענע רייד און זיך צעוויינט — אַלע רביס זיינען קעגן. מיש זיך בעסער נישט ווי ביז איצט.

אַרטשעלע האָט אים שוין נישט באַוויזן עפּעס צו זאָגן, ווייל דער לאַנגער יידל איז אַרויסגעלאָפן ווי ער וואָלט מורא געהאַט צו הערן וואָס ער וועט זאָגן.

מער האָבן זיי שוין וועגן דעם נישט גערעדט. אָבער אַזאַ טבע האָבן זיי שוין די מורמלעניש. זיי שלעפּן נאָך איינע די אַנדערע און ברענגען דערצו אַז תרעומותן וואָס זיינען ביז איצט געווען פאַרשטופּט אַן אַ זייט, זאָלן פּלוצים אַרויסקומען אָפן און מ׳קען זיך גאָר אַליין נישט פאַרענטפערן פאַרוואָס מ׳האָט עס פריער נישט באַמערקט.

זינט אַרטשעלעס בת־יחידהקעלע, חוהטשעלע איז אונטערגעוואַקסן, האָט אַ שטילער פאַרדראָס געגעסן די נאָענטע שכנים זיינע. אייגנטלעך קען מען זי דאָך גאָרנישט. זי איז זעלטן ווען אין דער היים. געפינט זיך מערסטנס ביים זיידן אין „גיט".

— וואָסי, ס׳וועט זיי אָפּקומען פונעם יחוס, אַז ס׳קינד וועט זיך חברן מיט די אונדזעריקע ? — פלעגט גאַנץ אָפט די פּעלטעכע, וועלכע וואוינט אין שכנות מיט זייער הייפל, אַרויס פון די כלים. מ׳האָט איר אָבער באַלד פאַרמאַכט דאָס מויל און איר אַריינגעזאָגט ווי זי האָט עס פאַרדינט.

— ווער ווער, נאָר עץ דאַרפט זיך נישט שרעקן, אַז עס וועט עפּעס אָפּנעמען פון ענקער כבוד. ענקער מאַן איז דאָך אַ גאַנצער כל־ולך מיט די שיינע יידן, — האָט מען איר געגעבן אָנצוהערן אַז איר פּעלטע רייסט זיך צום גבאות אין בית־מדרש און אין יעדן מחלוקת גייט ער האַנט אין האַנט מיט די רעדל־פירער פון די שטיבלעך.

נאָך אַזאַ אַריינזאָגן איר, איז זי שוין אָפּגעזעסן און זיך כמעט ווי פאַרענטפערט:

— עך מיין דען עפּעס שלעכטס חלילה. ס׳איז מיר בלויז אַ רחמנות אויף דער מאַמען אירער. איין שטיקל קינד נעבעך און זעט עס נישט אָן.

— האָטס בעסער זעך אינזינען, לאה העניע — האָט מען איר נישט צוגעגעבן גערעכט, אָבער עפּעס אַ שמץ פון אומצופרידנקייט איז געבליבן ביי אַלעמען.

דערווייל האָט מען מיט גרויס בייגעריקייט געוואַרט אויפן נאָך פּסח. ווי נאָר דער וועג האָט זיך אָנגעהויבן פאַרכען פון גרויס טריקעניש און די זון האָט געברענט, האָט דעם זיידנס רויט געפאַרבטע בריטשקע מיט די גומענע רעדער אויף רעסאָרן זיך דורכגעקייקלט באַזאַכט דורכן „רינג״, און מיט דער „גרעבליע גאַס״ זיך פאַרקערעוועט צו דער גאַרבאַרניע גאַס. אין די ספירה טעג טאָר מען זיך אַפילו קיין תענוג נישט אָנטאָן, פון דעסטוועגן האָט פון אַלע פּאָטשענעס זי באַגלייט אַ נחתדיק סמאָטשקען מיט די ליפּן.

— עס זאָל זיי נאָר נישט פאַרשטערט ווערן, רבונו של עולם. כאָטש פון איינעם מעגן זיי דאָך האָבן אַ שטיקל נחת.

מ׳האָט געוואוסט, אַז פאַרנאַכטצו, וועלן מיטן זעלבן וועג אָנקומען אַהער אַ פּאָר הויכע דראָבניאַסטע וואָגנס אָנגעפּאַקט מיט כל טוב. נאָך דעם זעלבן אָוונט וועלן חנהטשע דעם זיינס און נאָך אַ פּאָר ווייבער פון „רינג״ צוזאַמען מיט דער יידעלעכן זיך אַרויסלאָזן איבער די הינטערגעסלעך מיט פולע קוישן אונטער די שאַלן.

— ווער עס פאַרגינט זיי נישט, זאָל אַליין נישט האָבן, — האָט אַפילו דאָס פאַרביטערסטע געמיט נאָכגעשיקט א ברכה דער רויטער בריטשקע, וואָס האָט אַוועקגעפירט די משפחה אין „גיט" אַריין.

ערשט אויף ימים נוראים איז די משפחה צוריקגעקומען אַהיים מיט דער זעלבער בריטשקע באַגלייט פון אַ פּאָר אָנגעפּאַקטע וואָגנס מיט כל־טוב און ווי אַ צולאָג נאָך אַ פורל האָלץ פאַרן בית־מדרש. חוהטשעלע פלעגט בלייבן ביים זיידן ביז שפּעט אין ווינטער אַריין.

צום ערשטן האָט טאָקע גאַנץ שטאָט זיך געוואונדערט, נאָר ווי אַלעמאָל פאַרענטפערט עס מיט אַ מין סאָרט דרך ארץ געמישט מיט אַ באַהאַלטענעם חוזק: „דער גוטער יאָר ווייסט זיי די מיוחסים. מן הסתם איז עפּעס דאָ אַ פאַרבאָרגענער טעם דערביי..." שפּעטער, ווען מ'האָט זיך דערוואוסט, אַז חוהטשעלעס מאַמע, לאהטשע נעבעך, פאַלט יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק איין און דער לאַנגער יידל פירט זי ערגעץ אַוועק אויף חדשים לאַנג, האָבן זיך די לויזע צונגען ערשט צעלאָזן, מכלומרשט פון רחמנות וועגן.

— אַ ווייבל נעבעך דרייט זיך אַרום איינע אַליין אין די פּאָקאָיעס. ער איז דאָך פאַרנומען מיטן זייניקן. גייט איר אויס דאָס חיות, מ'זאָל באַהיט ווערן.

— נישטאָ וואָס מקנא צו זיין די גרויסע לייט.

איז עס פאַרשטייט זיך אָנגעקומען צו דער יידעלעכן, האָט זי אין סאַמע מיטן אַזאַ שושקען זיך אין דער ווייבערישער שול, אָנגענומען די פּעלטעכע ביים קאָפּטל און הויך אַז אַלע זאָלן הערן אַ פליוכע געטאָן.

— וואָס האָבן זיי זיך אָנגעטשעפּעט? ס'איז מיר נאָך ווייניק ביטער וואָס מיין קינד איז נישט געזינט. דאַרפט עך נאָך מעד באַרעדן. וואָס האָב עך ענק שלעכטס געטאָן? מ'עסט מעד דאָך אויף ווי קרעפּל פליישׁ, השם ישמרנו.

האָט מען טאָקע אויף אַ ווײַלע אויפגעהערט רעדן וועגן דעם. ווען די בריטשקע האָט זיך דורכגעקייקלט דורכן שטעטל, האָט מען פון אַלע פּאָטשענעס נאָכגעקוקט, נאָר שוין מיט באַדויערן. אין די הינטערגעסלעך, האָט מען ביים באַוויזן זיך פון דער יידלעכע מיט די פולע קאָשיקעס, געשאָקלט מיט די קעפּ מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם.

— זאָל זיי דער אייבערשטער העלפן! — האָט דער פּליסטער אויס־געדריקט אַ ברכה מיט אַ תפילה אינאיינעם.

ס'איז אָבער, ווייזט אויס, דער גאַרבאַרניע גאַס לאַנג נישט באַשערט געווען צו גרויסן זיך מיט איר שיינדל. „נישט אַנדערש, אַליין זיך אַן עין־הרע געטאָן."

אָנגעהויבן האָט עס זיך ווי אַלע אָנהייבענישן אין שטעטל פון קדמונים אָן — פאַר אַ מחלוקת צי נאָך אַ מחלוקת. דאָס מאָל האָט זיך עס אָנגעהויבן אין סאַמע מיטן דעם מחלוקת איבער דעם נייעם דיין, וואָס איינס פון די גרעסטע חסידים שטיבלעך האָט אַראָפּגעבראַכט כדי איינמאָל פאַר אַלעמאָל אָנצולערנען ר' דוד דיין מיט די ריזשינער גרויסהאַלטער, וואָס האַלטן מיט אים.

— זאָל ער וויסן, אַז ס'וועט אים נישט העלפן דאָס וואָס די „האַלע־בראַדניקעס" פונעם „גאַרן־שטיבל" און די לייט פון די הינטערגעסלעך האַלטן פון אים.

— דער נייער דיין איז געשיקט געוואָרן פון רבין זאָל לעבן אַליין צו העלפן אַרויפפירן דאָס שטעטל אויפן דרך הישר. מ'קען עס דען לאָזן אַזוי אויף הפקר מיט אַ מהיכא־תיתא רב ווען דודל דיין פירט ביי דער נאָז, — האָבן זיי געפּלאַמט און אויסגעלויבט די פרומקייט און געהיטנקייט פונעם נייעם דיין.

צום רב האָבן זיי גאַרנישט. זיי זיינען כלל נישט אויסן צו טשעפּען מיט אים, יהאָבן זיי זיך פון פאַרויס באַוואָרנט, ווייל זיי האָבן געוואוסט אַז עס וועט זיך נישט געפינען קיין איין באַלעבאָס וואָס וועט זיי מיטהעלפן אין דעם. אַפילו אין די שאַרפסטע מחלוקתן האָט מען אים געשאַנעוועט און נישט אַרייַנגעמישט. דעם גאַנצן דרך ארץ און ליבשאַפט צום אַלטן רב האָט מען איבערגעטראָגן צו זיין ר' חיימלען. אַן אָנגעליטענער נעבעך, האָט מען געציטערט איבער אים ווי איבער דעם איינציקן איבערבלייב פון די געציילטע פאַר יאָר ווען קהל האָט געהאַט צו וועמען אַרויפצוקוקן און צוצוהערן זיך. צו דרייצן יאָר האָט אים דער אַלטער רב חתונה געמאַכט מיט דער טאָכטער פון אַ גרויסן מיוחס און גדול בתורה פון הינטער לובלין ערגעץ. אין דער ישיבה דאָרט, האָט ער טאַקע אין איינע פאַר יאָר געקראָגן היתר־הוראה. אויסגענומען איז געווען, אַז ביזן ערשטן קינד וועט דאָס פּאָר־פאָלק וואוינען

ביים שווער. דערנאָך וועלן זיי קומען אַהער כדי צו דערקוויקן די עלטערע יאָרן פונעם רב מיט דער רביצן.

וואָס דאָרט איז געווען מיטן יונגן ווייבל, איז איינע פון די זאַכן וועגן וועלכע ס'זיינען געווען פאַרשידענע סברות. אייניקע האָבן געוואוסט, אַז דאָס יונגע ווייבל איז לא עלינו אַראָפּ פון גלייכן וועג, און ווען ער איז געזעסן און געלערנט האָט זי זיך אַרומגעשלייעט מיט די אָפיצירן פון דאָרטיקן גאַרניזאָן. דער טאַטע אירער איז נישט דאָ געדאַכט געגאַנגען פרי פון דער וועלט צוליב איר. אַנדערע האָבן געוואָלט האָבן, אַז זי איז גלאַט אַרויס לתרבות־רעה און אים געוואָלט מיטשלעפּן מיט זיך קיין אויסלאַנד ערגעץ. און גאָר אַנדערע האָבן עס געוואוסט אויף זיכער, אַז זי איז נאָך דערצו געווען אַ חולנית, מ'זאָל באַהיט ווערן, און אים שיר נישט פון דער וועלט געבערענגט.

וואָס עס זאָל נישט געווען זיין, פלוצים איז חיימל אַהיימגעקומען אַליין אַז אויסגעצערטער און בוטה למות. מ'האָט אים קוים אָפּגעראַטעוועט און איז עד היום געבליבן אַ שאָטן פון אַ מענטש. און אַזוי ווי קיין גט האָט זי אויך נישט געוואָלט נעמען, צי אפשר גאַרנישט נישט געקענט, האָט זיך אָנגעהויבן אַ מעשה פון גביית עדות און לאַדענישן. דער רב איז גראָ און אַלט געוואָרן, און שוין אין דער מלחמה קוים אַרויסגעקראָגן אַ גט. אַנדערע שושקען זיך אַפילו, אַז נישט קיין גט, נאָר אַ היתר פון מאה רבנים. דאָס גאַנצע שטעטל האָט זיך געפרייט ווען ער האָט נאָך אַמאָל חתונה געהאַט און דאָס יונגע ווייבל באַלויכט ממש מיט איר שיינקייט די ווייבערישע שול. אַ גוטע נשמה ווי די אַלטע רביצן אַליין. וואו אַ צעבראָכן געמיט ווייסט זי דערפון און איז אַלעמען איינגעבאַקן אין האַרץ. באַלד נאָך דער חתונה, איז די אַלטע רביצן איינגעפאַלן מיט דער כאָליערע און נאָך איר דער רב אַליין. פאַר דער פטירה, האָבן אים די באַלעבאַטים מיט ר' דוד דייך צוגעזאָגט, אַז זיי וועלן זיין חיימלען חלילה נישט לאָזן פאַלן. גלייך נאָך שבעה האָט מען אַרומגערינגלט דאָס פרישע קבר און אָפּגעגעבן דעם אַלטן רב מזל טוב!

ווייסן זיי די רעדלפירער פון דעם איצטיקן מחלוקת, אַז מיטן רב טאָרן זיי נישט טשעפּען. זיי אַליין זיינען אויך געווען צווישן די צוזאָגערס צום אַלטן רב. האָבן זיי נאָר אַ טענה, אַז ר' דוד פירט דעם רב ביי דער

נאָז און אַלץ וואָס ר׳ דוד זאָגט, קען ער אים נישט מעיז פּנים זיין און זאָגט: מהיכא־תיתא.

אָבער אַפילו נאָכ׳ן פאַרזיכערן בהן צדק און כלערליי שבועות אַז זיי מיינען נאָר דעם דיין, האָט עס זיי זייער ווייניק געהאָלפן.

— ווען מען גלוסט זיך עס היינטיקע צייטן אַזעלכענע זאַכן. יידן זיצן אָן פּרנסה. מ׳טרייבט פון די דערפער, און אין סאמע מיטן „רינג", האָט דאָס מלכות אויפגעשטעלט אַן אייגענע קראָם מיט אַ גרויסע שילד: „קויפט נאָר ביי אייגענע". מ׳צאַפּט אויס דעם דם־התמצית פון די קרעמער מיט אַלערליי שטייערן, און דאָ גאָר אַ נייער דיין אינמיטן דרינען. פאַרדרייט ענק אייערע קעפּ — האָבן די גרעבליע לייט מיט די קצבים נישט צוגעלאָזט דעם נייעם דיין צום שעכטהויז. די בית מדרש־באַלעבאַטים האָבן דאָס גאַנצע מחלוקת באַטראַכט ווי נישט זייערס קיין ענין.

— די חסידים ווילן זיך קריגן, זאָלן זיי. וואָס גייט עס אונדז אָן. זיי ווילן אַן אייגענעם דיין, זאָלן זיי אים קריגן אַן אייגן שיסעלע פון וואָס צו קייען — האָט מען זיך אַפילו פאַרגינען אַ וויצל צו טאָן.

די גרעבליע לייט האָבן שוין מער נישט באַדאַרפט. זיי האָבן זיך אַ נעם געטאָן לצעווען פונעם גאַנצן עסק.

— זעט נאָר דעם „גלית מיטן רבינס כוח", וואָס וועט אונדז אַרויספירן אויפן דרך הישר. — האָבן זיי געקייכט פון געלעכטער, און אַפילו די שטאַרקסטע אָנהענגער פונעם נייעם דיין האָבן געמוזט צוגעבן, אַז אין פאַרגלייך מיט ר׳ דודן איז טאַקע נישטאָ אויף וואָס צו קוקן.

— זיי האָבן שוין איינמאָל אויסגעקליבן — האָט איין לץ זיך איבערגע־וואונקען מיטן אַנדערן — מ׳קען נישט זאָגן, וואַזשנע מבינים.

און גערעכט זיינען זיי טאַקע געווען. דער נייער דיין איז געווען פּונקט דער היפּוך פון ר׳ דודן. ר׳ דוד אַ הויכער, אַ בלאָנדער און אַ געלאַסענער; אָפּגעהיטן אין גאַנג און אין רעדן, און אַלץ ליגט אויף אים גלייך און אויסגעטאָקט. יענער אָבער אַ קורצער, אַ קיילעכיקער און געאיילציקער; איין וואָרט יאָגט אַריבער דאָס צווייטע פּונקט ווי די פלאַטערנדיקע פאָלעס זיינע, וואָס יאָגן נאָך איינס די אַנדערע אין זיין איילקן גאַנג. און כולו שוואַרץ איז ער: פונעם קיילעכיקן טוכענעם היטל

מיט דער הויכער דענקע, ביז דער לאַנגער צעקנייטשטער קאַפּאָטע מיט די פאַרשטויבטע שטיבלעטן אויף די פיס.

פון איין „שטיבל״ צום צווייטן האָט ער זיך אַרומגעאיילט און פון איין באַלעבאָס צום אַנדערן. פון טאָג צו טאָג איז ער אומרואיקער און געאייל־ציקער געוואָרן. עס האָט שוין געהאַלטן דערביי, אַז פון רחמנות וועגן אַליין זאָל מען זיך אָנהויבן אַריינמישן. איז ער אָבער פּלוצים נעלם געוואָרן און נישטאָ אים מער. געזאָגט האָט מען, אַז אַרטשעלע האָט געהאַט אַ האַנט אין דעם. אַ סימן האָט איר — אין די לעצטע פּאָר טעג האָט ער שעהן לאַנג פאַרבראַכט ביי אים אין שטוב.

וואָלט זיך עס אפשר געווען מיט דעם איינגעשטילט, ווייל גאָר אַ גרויסער טייל פון די וואָס האָבן אים געהאָלפן, זיינען אויך נישט געווען מיטן גאַנצן האַרצן פאַר דעם, נאָר זיי האָבן געמוזט מיטהאַלטן מיט זייערע „שטיבלעך״.

— וואָס קענען מיר דען טאָן, אַז דער רבי זאָל לעבן האָט אַזוי געהייסן, — האָבן זיך אייניקע פון זיי אַרויסגעקאַפּט ביים ווען פועלן ביי די באַלעבאַטים אַז זיי זאָלן זיי העלפן.

— טאַקע, עץ מוזט נעבעך פאָלגן ענקער רבין, אָבער ווי קומען מיר צו מישן זיך צווישן רבים! — האָבן זיי גאַנץ קלאָר זיי געגעבן צו פאַרשטיין, אַז דער גאַנצער עניין איז אַ שלאַבעריקער און אַז זיי וויסן, אַז זיי אַליין ווילן עס גאָרנישט אַזוי שטאַרק.

איז, ווי נאָר מ'האָט זיך דערוואוסט אַז דער דיין איז אָוועקגעפאָרן, האָבן אַלע צדדים פרייער אָפּגעאָטעמט און גאַנץ צופרידן געווען וואָס דאָס מאָל האָט אַרטשעלע זיך יאָ אַריינגעמישט. האָט זיך אָבער זיינוועלע לץ פאַרגלוסט אויסצוטייטשן עס אויף זיין שטייגער מיט אַ גלייכווערטל.

— עץ ווייסט פאַר וואָס אַרטשעלע האָט געקענט פועלן ביים דיין אָוועקצופאָרן קעגן זיין רבינס רצון? ווייל „אַ דיין האָבן מיר אַ קיימא לן דאַרף זיין קלאָר אין „דין״, און ער איז שוואַרץ און גראָב״... (אַ שפּיל מיטן וואָרט „דין״ און אַן אָנוואונק אויף 'יענעמס אויסזען וואָס זאָל אָנדייטן אויף זיין כאַראַקטער).

דאָס הלצהלע האָט אָנגעריסן ווי דער 'ריכטיקסטער נאָכשפּיל פון דעם

מאַדנעם מחלוקת. מ׳האָט זיך אָבער נישט געגלייבט אַז דאָס איז דעם לצס איינפאַל, האָט מען עס באַלד צוגעשריבן צו אַרטשעלען אַליין.

— נאָר ער האָט געקענט אַזוי קלוג אַ זאָג טאָן.

— אַ לעבן אויף׳ זיין קאָפּ! — האָט מען געכיכיקעט אין גאַנצן שטעטל.

די „שטיבל־לייט" האָבן זיך אָבער געקאָכט און געכעסט: „אַזוי גאָר, ער מישט זיך שוין אויך אַריין, דער מיוחס. וואָס מיינט ער עס, אַז בלויז ביי אים שטייט עס אין די איידלקייט." — האָבן זיי נישט געקענט איבערטראָגן דעם חוזק, וואָס האָט זייער דורכפאַל נאָך לעכערלעכער געמאַכט.

— מיר זיינען אפשר ווערט דעם שטעקן, — האָבן אַפילו די מעסיקע צווישן זיי זיך געפּילט געטראָפן — ווי קומט אָבער ער צו לאַכן! — איז מיט אַמאָל אַרויסגעקומען דאָס גאַנצע באַהאַלטענע תרעומת און קנאה צו אים. — ווען מ׳איז אַזוי „פאַרשמירט" ווי ער, דאַרף מען נישט קריכן מיט דער נאָז אין׳ פרעמדע גערטענער.

— עץ האָט אים שוין אַמאָל געטראָפן דאַוונען מיט מנין דאָ הינען אַ חוץ שבת און יום־טוב?! — האָט פעלטע געפונען די געלעגנהייט צו וויזן, אַז כאָטש ר׳איז אַליין זיינער אַ שכן, איז אָבער ווען עס קומט׳ צו אַזאַ זאַך, קענען זיך די „שטיבל־לייט" פאַרלאָזן אויף אים אַז ער וועט נישט שווייגן. ער וועט ווי אַלעמאָל העלפן אויסרייסן דאָס שלעכטס מיטן וואָרצל. מעג עס׳ זיין ווער עס איז.

צום שלימזל, האָט זיי נאָך פונקט צוגעשפּילט, וואָס אַ פּאָר פון די אָנגעזעענסטע „שטיבל־לייט" האָבן זיך דערוואוסט, אַז זייערע בחורים וועלכע זיינען מיט אַ׳ צייט צוריק אַוועק אין ישיבות קונה שלמות זיין, געפינען זיך גאָר אין אַזעלכע סעמינאַרן, וואָס איך גאָט ווייסט וואָס ס׳וועט פון זיי ווערן דאָרט. יאָרן לאַנג האָבן זיי זיך געגרויסט דערמיט, אַז זיי האָבן באַוויזן צו ראַטעווען זייערע קינדער פונעם „גאָרן־שטיבל".

— אַז מ׳וויל אַליין בלב ונפש בלייבן ביי יידישקייט, העלפט דער איבערשטער צו, — האָבן זיי ר׳ דודן געשטאָכן ביי יעדער געלעגנהייט.

— דער העכט פילט זיך פון קאָפּ, פאַרשטייט עץ מעך!

און דאָ גאָר נאָדיר אַזאַ זאַך.

— וואָס זאָגסטו נישט׳ צו די תכשיטים, האַ? — האָבן אַנדערע געפונען

איצט די געלעגנהייט אָפּצוצאָלן זיי מיטן זעלבן, — דער העכט פּילט זיך פון קאָפּ, אַ יאָ? און וואו פאַרפירן די פיס?

ווי דער שטייגער, האָט מען לאחר מעשה אָנגעהויבן איבערקייען און זיך דערמאָנען דאָס התנהגות פון די תכשיטים איידער זיי זיינען אַוועקגעפאָרן. האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז איינער און איינער זיינען די בחורים געווען פון די, וועלכע פלעגן זיין איינגייער ביי אַרטשעלען. עס האָט געהייסן, אַז זיי גייען אַהין שמועסן אין לערנען און אַריינקוקן אין אַ ספר, אַ יקר־המציאות וואָס נאָר ביי אים קען מען עס געפינען. האָט מען זיך אין דעם אָנגעכאַפּט און געפונען די געלעגנהייט אַרויפצוכאַפּן זיך אויף אַרטשעלען.

— וואו איז געווען ענקער שכל צו לאָזן זיך אַזוי פירן אין באָד אַריין? — האָט מען די טאַטעס געשאָטן זאַלץ אויף די וואונדן, — אַז אַ קינד גייט צו אַזאַ איינעם וואָס „פּאַרט" נישט, גיט מען נישט אַכטונג וואָס מ׳טוט דאָרט?!

ערשט איצט האָבן זיי זיך טאַקע געכאַפּט, אַז יעדעס מאָל ווען אַ טאַטע האָט געפרעגט זיין בחורל אין וואָס פאַר אַ סוגייה ער האָט עוסק געווען מיט אַרטשעלען, האָט ער עפּעס געדרייט מיט דער צונג. מערסטנס האָט ער גאָר אויסגעטייטשט אַ שווער שטיקל אבן־עזרא צי גאָר אָנגעוואונקען אַז אַ חוצן „יד החזקה" געפינען זיך ביי אים אויך די אַנדערע ספרים פונעם רמב"ם אין וועלכע ס׳איז שטאַרק כדאי אַריינצוקוקן.

און אַז מ׳הויבט זיך שוין אָן צו דערמאָנען און דאָס ביטערע געמיט זוכט אויף וועמען אויסצוגיסן דעם הילפלאָזן כעס, דערמאָנט מען זיך שוין אויך, אַז בשעת דער מלחמה נאָך, ווען ס׳האָט זיך געטאָן חושך אין שטעטל מיטן „גאָרן־שטיבל" און דעם משוגענעם קאָמאַנדאַנט, האָט מען אָפּט געטראָפן משה אליה לייענער שפּאַצירן מיט אַרטשעלען אינעם הייפל זיינעם.

— וואָס האָבן זיי געהאַט איינער מיטן אַנדערן, האַ?

— וואו זיינען טאַקע געווען אונדזערע אויגן דאַן?

— און ס׳איז דען נאָר דאָס אַליין? דעם דיינס בנים, ליגן דען דאָרט נישט אָפּ טאָג ווי נאַכט? וואָסי, ער ווייסט נעבעך נישט, אַז וואו נאָר אַ דינסטמיידל און אַ לערנג זיינען זיי גרייט צו מאַכן געבולבעט (געבילדעט). אין יעדן הינטערגעסל קלייבט מען זיך צונויף יונגען מיט מיידן אינאיינעם

און מ׳לעלעט. און ווער העלפט זיי אין דעם אַז זיי זאָלן נישט אַריינפאַלן?

— איר זאָגט דאָס, און וואָס איז מיט די פרעמדע שלעק וואָס קומען צו אים צו גאַסט פונעם טאַטעליוס „גיט״? פון זייערע דאַרע קאַפּעליוטשלעך אַליין קען מען שוין זען וואָס פאַר אַ פאַרשוינען דאָס זיינען. וויפל מאָל האָט מען זיי שוין געטראָפן דאָרט זיצן טאַקע אַקסל צו אַקסל מיט חוהטשעלען זיינער און גריבלען זיך אין ווער ווייסט וואָס. עץ מעגט זיין זיכער, אַז אין קיין מוסר־ספר גריבלען זיי זיך נישט.

— אַ נייע נייס. ער אַליין לערנט דאָך מיט איר אַלע חכמות זייערע. וואָס זי האָט נישט באַוויזן אויסצולערנען ביים זיידן אירן קליינערהייט, שטופּט ער אין איר אַריין איצט. נישט אומזיסט זיינען זיי אַהין געלאָפן די בחורים.

— עך האָב דאָס שוין געוואוסט פון גאַנץ לאַנג און עך דאַרף חלילה נישט מוציא שם־רע זיין אויף אַ יידישער טאָכטער, — קייעט דער קוואַטש אַ קאַלטן פון דער געלער באָרד — אַז דודל דיין איז זיינס אַ ידיד, איז פאַר מיר אַ וואָרער סימן מיט וואָס ער שמעקט. מיך האָט ער נישט גענאַרט.

— וואָזשע האָט עץ געשוויגן די גאַנצע צייט? — קאַכט זיך שוין פעלטע גבאי ווי מ׳וואָלט ביי אים עפּעס אויסגעכאַפּט— פאַרפירט אַ גאַנצע שטאָט און עץ האָט געשוויגן!

— וואָס הייסט כ׳האָב געשוויגן. מיט גאָט זיין אין הילף, — צענעמט ער איין קאַלטן נאָכן אַנדערן גאַנץ פאַמעלעך — האָבן מיר שוין גאָרנישט נישט געשוויגן. פאַר וואָס מיינט עץ האָבן מיר אַראָפּגעבערענגט אַ נייעם דיין, אַ ירא־שמים ווי מיר ווילן, און דערצו נאָך אַ קענער אין מילי־דעלמא? וואָס מיינט עץ זיינען מיר אויסן געווען? ווען עץ זאָלט נישט געווען זיין קיין בידליעס, וואָלט עץ געווען געזען, אַז ער זאָל קריגן שכירות פון דער קהילה. נאָכדעם וואָלט מען שוין געזען אַז ס׳מלכות זאָל אים באַשטעטיקן. זייער לשון קען ער דאָך פונקט ווי אַרטשעלע, וואָלט מען מער נישט געדאַרפט אָנקומען צו זיין קענעכץ. וואָלט ער געוואָרן אויס קאַפּעליוטש מאַכער מיט דודלען אינאיינעם. ווער זשע האָט געשוויגן און ווער האָט קאַליע געמאַכט? — האָט ער קונציק צוגעפירט צום עיקר וואָס אים קוועטשט.

— אַבי מ׳האָט אַריינגעכאַפּט אַ פּאָר פּירלעך האָלץ פֿאַרן בית־מדרש, האָט עס אַלעמען פֿאַרבלענדט — געפֿינט זיך שוין אָן אַנדערער וואָס מאַכט עס מכלומרשט גלאַטיק, ווי ער וואָלט דערמאָנט אַ פּשוטן פֿאַקט בלויז, און דאָך פֿאַרפֿעלט נישט פֿעלטע צו דערפֿילן דעם שטאָך אויף זיין חשבון.

— פֿון וואַנען זאָל עך וויסן וואָס די לעלערס באַהאַלטן. אַז שיינע יידן האָבן אָנגענומען אַ פֿול מויל מיט וואַסער, — פּרוּווט ער אַראָפּוואַרפֿן די שולד פֿון זיך, — עך בין נאָך איצט אויך גרייט אים צו מאַכן פֿאַר אויס קאַפּעליוטש מאַכער.

— עך האָב אַ כלל, — קומט דער קוואַטש פֿעלטען צו הילף, — אַז אַ געשענקט פֿערד קוקט מען נישט אין די ציין. אַ גאַנצע שטאָט איז געווען פֿאַרבלענדט, השם ישמרנו, האָט מען פֿאַרגעסן אַז דאָרט וואו ס׳איז צו פֿאַרפֿוצט דאַרף מען גוט בודק זיין. איצט אַז דאָס פֿאַרבלענדעניש איז ברוך־השם אַוועק, וועט ער שוין קומען אויף זיין באַצאָלונג. דער רבונו של עולם האָט אַ סך וועגן, און ס׳האָט נאָך נישט געטראָפֿן אַז ווער עס איז זאָל גיין קעגן דעם רבינס רצון און זאָל אַרויס אַ גאַנצער.

— דער רבונו של עולם האָט שוין טאַקע נישט קיין אַנדערע אַרבעט ווי נאָר נאָכצולויפֿן זייער רבינס דיינים — האָבן די ריזשינער ווי אַלעמאָל געחוזקט מיט ביטול, און געווען שטאַרק צופֿרידן וואָס „יענע לייט״ פֿאַרטשעפּען זיך מיטן שיינדל פֿון דער גאַרבאַרניע גאַס, — דאָס וועט זיי נישט אָפּגיין גלאַטיק.

— מער גייט ענק נישט אָן, — האָט דער רב מיט אַ פּאָר בית־מדרש באַלעבאַטים געפּרוּווט איינשטילן די צדדים, — עס גייען אַזוי פֿיל פּורעניותן אויף יידן.

— טאַקע דערפֿאַר — האָט דער קוואַטש אים נישט געלאָזט פֿאַר־ענדיקן — פֿאַר וואָס קומען דען פּורעניותן אויף אונדז? ס׳איז בפירוש אַ שטראָף פֿון זיין ליבן נאָמען, זאָג עך ענק. נאָר צוליב אים און זיינס גלייכן ווערן מיר געשטראָפֿט. כל זמן מ׳האָט נישט געוואוסט, האָט מען נישט געוואוסט. איצט איז אַ מצווה אים צו רודפֿן.

— עך ווייסט וואָס נאָך, ער וועט נאָך מאַכן יד אחת מיט חיים לייבעלען און פֿאַרקויפֿן שקלים בריש־גליה. ער באַרימט זיך דאָך אַז ער וועט קריגן אַ דערלויבעניש פֿון מלכות. נישט קיין מלאכה, אַז דאָס נייע „שטיבל״

וואָס חיים לייבעלע האָט געמאַכט בשותפות מיטן „מזרחי" איז אויך זיין קעפּעלע. ווער דען דאַרף אַ „שטיבל" אָן אַ רבין?

מיט אַמאָל האָט דאָס מחלוקת אָנגענומען אַ נייע פאָרם און אַריינגעצויגן כמעט אַלעמען. צעטיילט די „שטיבלעך" אַליין, דאָס בית־מדרש, און אויפגערודערט אַפילו די שול־באַלעבאַטים פון דער גרעבליע גאַס, וועלכע האָבן מערסטנס נישט געוואוסט געגנוי וועגן וואָס מ'קריגט זיך. חיים לייבעלע שרייבער האָט סוף כל סוף באַוואויגן אַ צאָל יונגעלייט אַוועקצוגיין פון זייערע שטיבלעך און האָבן אַן אייגן מנין, וואו יעדער איינער וועט קויפן אַ שקל און אַרבעטן פאַרן ישוב ארץ־ישראל על פי התורה והמסורה.

— זיי זיינען נאָך ערגער פון די לייט פון „גאָרן־שטיבל", — האָט מען געקריצט מיט די ציין אויף זיי — פאַרשטעלטע בערד און פאַר־שאַרצטע פּאהלעך. די הפטורה זייערע וועלן זיי לייענען פון דער „הצפירה". — האָט מען אויסגעצנוצט קעגן זיי, וואָס חיים לייבעלע האָט נאָך מנחה מעריב פאַרגעלייענט פאַרן מנין אויסצוגן פון די צייטונגען וואָס ער פלעגט באַקומען.

— חיים לייבעלע רעדט שוין אַפילו פון אַ „חדר־מתוקן". יינגלעך מיט מיידלעך אינאיינעם וועט מען לערנען. און ווער וועט זיי קריגן אַ דערלויבעניש?

— אָט דאָס איז עס דאָך וואָס עך טענה — איז פעלטע געווען אין דער מיט — מ'קען זיי קיינס נישט געטרויען די לעלערס. פרומע יונגעלייט מכלומרשט און מאַכן יד־אחת מיט די ציוניסטן. וואָס זיינען זיי דען בעסער פון די האַלעבראַדניקעס? זיי גראָבן באַהאַלטן וואָס יענע טוען אָפן. מ'דאַרף זיי אַלעמען טרייבן ווי דעם סוטה.

— דער מאַהילעווער רב מיט נאָך אַ סך גדולי התורה זיינען דאָך מיט אונדז, — האָט דאָס נייע „שטיבל" אָפּגעשלאָגן די אָנפאַלן — ווי קאָנען ערלעכע יידן מזלזל זיין אין ישוב ארץ־ישראל און עס איבערלאָזן אינגאַנצן צו די פרייע?

— במקום שיש חילול השם, אין חולקין כבוד לרב! — האָט דער קוואַטש געפייערט — דער וואָס האַלט דעם דאָקטאָר זייערן מיט דער צוגעקלעפּטער באָרד פאַר אַ שטיק משיח, השם ישמרנו, איז אַ חוטא ומחטיא

את הרבים. צוזאַמען מיט זיי וועט איר נאָך האָבן דעם סוף פון אַלע דוחקי הקץ.

— יידן, מ׳דאַרף אַרויסראַטעווען דאָס הייליקע ספר פון די פורצים — האָט ער געליאַרעמט אין זיין שטיבל ווען ר׳האָט זיך דערוואוסט, אַז ביים עולה תורה זיין איז מען דאָרט מנדר פאַר ציוניסטישע פאָנדן — אַזעלכע מחוצפים! און ביי וועמען האָבן זיי אַרויסגענומען אַ היתר אויף דעם? אודאי ביי ר׳ אַרטשעלען מיט ר׳ דודלען — האָט ער נאָך אַלץ נישט פאַרגעסן אין אַלטן מחלוקת — נאָר זיי זיינען אין אַלץ שולדיק! דאָס האָבן זיי אין דער שטיל געהאָלפן אונטערגראָבן דעם יסוד. ס׳איז אָבער נישט הפקר קיין וועלט. אומעטום טוט מען שוין אין דעם.

— לאָזט דאָס אָפּ ר׳ חיים — האָבן אַפילו זיינע נאָענטסטע מיטהעלפער נישט מיטגעהאַלטן מיט אים אין דעם, — עץ זעט דען נישט אַז דאָס איז איצט נישט דער עיקר. אַפילו זיי זיינען נישט גורם די איצטיקע שריפה. מ׳דאַרף זיי נישט בידים שטופּן צו יענעם צד — האָבן זיי אים געגעבן אָנצוהערן אַז ס׳איז אפשר גלייכער צו פּרואוון אַריבערגעווינען זיי כדי בייצוקומען דאָס „נייע שטיבל״.

— וואָזשע, עץ ווילט זיי מאַכן פאַר די פייערלעשער. קענט עץ דאָך שוין אויך מאַכן קנוניה מיט חיים לייבעלען. ער זאָגט כאָטש וואָס ער וויל. עד וועל נישט רוען, זאָג עך ענק, ביז זיי וועלן קריגן זייער באַצאָלונג. אויף זיי קוקנדיק שווייגט מען אַלע פושעים. אויף דער „אספת צדיקים״ פון אונזערע רבים זאָלן מאריך ימים זיין, האָט מען בפירוש געאסרט נישט נאָר די פושעים נאָר אויך די נותני יד לפושעים.

וואָס ווייטער איז דאָס מחלוקת אַלץ שטאַרקער געוואָרן.

— ווייסט כאָטש וואָס ס׳טוט זיך?! — האָט דער לאַנגער יידל, אַ צערודערטער, זיך ווידער אַריינגעשטעלט צום איידעם.

— פאַר וואָס זאָל איך עפּעס נישט וויסן? עס זעט מיר אויס, אַז ר׳ דודס רבי איז גערעכט וואָס ער וויל נישט צושטיין צו די אגודות, וואָס צעטיילן די כנסת ישראל.

— אַזוי, הייסט עס, ער האָט דיך גוט אַרומגענומען — האָט אין דעם לאַנגן יידל אַ ברען געטאָן וואָס דער איידעם פאַררופט זיך אויף יענעמס

רבי און נישט אויף זיינעם — פון ווען אַן ביסטו עס שוין אַ מבין אויף אַ רבין?

אַרטשעלע האָט זיך אָבער נישט געוואָלט קריגן מיטן שווער און געוואָלט אָפּלענקען זיינע טענות מיט אַ מאמר:

— עס ווערט געברענגט אין ספרים, אַז קודם ביאת הגואל, וועט זיך דעם שטן איינגעבן צו פאַרשטעלן זיך פאַר אַ צדיק און פאַרפירן אַ מחלוקת לשם שמים מכלומרשט. דאָס מחלוקת וועט זיין אַזוי גרויס, אַז מ׳וועט נישט וויסן ווער ס׳איז מיט וועמען און פאַר וואָס. אַן ערלעכער ייד, וועט דאַן מוזן מאַכן אַן עיגול אַרום זיך און זיין הויזגעזינד עד יעבור זעם.

— עך בין אַ פּשוטער ייד און גלייב אַז וואָס מיין רבי, זאָל לעבן זאָגט, איז הייליק — האָט דער לאַנגער יידל געוואָלט פּרואוון מיט גוטן און נישט געקענט — ס׳איז אַן אגודה לשם שמים, זאָג איך דיר, און ווער עס שטעלט זיך אָקעגן איז אַ מורד — האָט אים אָנגעהויבן שטיקן אין האַלדז — ווייסט כאָטש אין וואָס מ׳איז דיך חושד? אַלעהיי וואָלסטו זיך כאָטש געשטעלט אויף איין צד, — האָט ער זיך פּלוצים גענומען בעטן ביי אים טאַקע ווי ביי אַן אייגן קינד, וואָס מ׳וויל ראַטעווען ווי זינדיק עס זאָל נישט זיין — וואָלסטו זיך אויף וועמען געקענט אָנשפּאַרן.

— וואָזשע וועט דערפון אַרויסקומען? וועמען וועל איך דאָ מנצח זיין? צעבראָכענע שערבעלעך וואָס ווייסן אַפילו נישט אַז זיי זיינען צעבראָכן. אויף צונויפצונעמען די שערבעלעך, האָט אַפילו דעם עלטערזיידן נישט געקלעקט קיין כוח, — האָט ער שוין גערעדט מער צו זיך ווי צום שווער, וואָס האָט טאַקע נישט פאַרשטאַנען וואָס ער מיינט. אַ שוויים אַן אַנגסטיקער איז אים באַפאַלן. „ווייזט אויס, אַז דער מיוחס זיינער, האַלט זיך גאָר פאַר אַ באַזונדערן צד. ווער וויים וואו ער האַלט, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן און וואָס ער קאָן נאָך אָפּטאָן.״

אַרטשעלע האָט די שרעק זיינע אַרויסגעלייענט פון זיין בלייבן שטיין אָפּהענטיק, אַ פאַרלוירענער, און אים געוואָלט באַרואיקן.

— כ׳האָב צוגעזאָגט דעם טאַטן צו פאָרן מיט ר׳ דודן אויף שבועות צום רבין.

— אַזוי גאָר? וואָס זשע זאָל עך זאָגן ר׳ חיימען? — האָט ער אַ שטאָמלדיקער שוין אויסגעגעבן זיך, אַז מ׳האָט אים אונטערגעשיקט צו

פועלן ביי אים צוצושטיין צו דער „אגודה״, וועט מען אים אויפהערן צו באַרעדן.

— זאָגט זיי, אַז זיי זאָלן זוכן ביי זייער רבין צו לערנען דעם אמת אָן מחלוקת, וועלן זייערע קינדער נישט פאַרבלאָנדזשען.

— הייסט עס, אַז ס׳איז אמת וואָס זיי זאָגן אויף דיר. אַז דו קענסט אַזוי רעדן אויפן רבין, זאָל לעבן — האָט דער לאַנגער יידל אַרויסגעפּליוכעט זיין גאַנצע שרעק — וואָס עך האָב דערלעבט. מ׳האָט מעך אָבער געוואָרנט פון אַלע זייטן — האָט שוין דער צער געריעדט פון אים מיט כעס — און ר׳ דודס בנים? און דיין אייגענע טאָכטער שלעפּט זיך נישט אַרום מיט אַלע נחות־דרגא, האַ? כ׳וועל עס מער נישט שווייגן, הערסט?!

— די קינדער דאַרפן מתקן זיין נישט נאָר זיך אַליין, נאָר אויך זייערע עלטערן, — האָט אַרטשעלע ווי צו זיך אַליין איבערגעזאָגט וואָס דער טאַטע האָט אים אַמאָל דערציילט פון זיין ראש־ישיבה׳ס וועגן.

— אַזאַ אומגליק, — האָט דער לאַנגער יידל זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס, — אַפילו דעם רבינס ברכה האָט דיר נישט געקענט העלפן. אַ מסית ומדיח, רחמנא ליצלן — האָט ער זיך הינטערווײילעכטס אַרויסגעשטאָלפּערט פון שטוב און קוים זיך דערשלעפּט צו דער מיל, וואָס האָט ווי אַלעמאָל געטראַסקעט און געקראַצט אַ שטיין אָן אַ שטיין; פלינק קוים מיטן אויג צו דערכאַפּן געדרייט אַ וואַלץ אָן אַ וואַלץ און געטרייסלט מיט די קוישן ווי די חולי־נופל וואָלט זי פאַרצאַפּלט.

ווען די מיל איז אין פולן גאַנג, פלעגט ער געוויינטלעך אַרומשמאַיען צווישן די זעק און געשעפּט חיות פונעם גאַנצן האַרמידער. אָפט האָט ער פון לאַנג קוקן אויף די דרייענדיקע רימענס געהערט דעם ניגון פון דאַוועגען אויסגעלייגט מיט די ווערטער: „והאופנים וחיות הקודש מתנשאים״ און אַזש מיטגעהויבן געוואָרן מיט זיי. איצט, האָט ער גאָרנישט נישט געזען, גאָרנישט געהערט. אַלץ האָט אין אים געגליוועט מיט איין האַרץ־געשריי: „אַ מסית ומדיח, ווי איז מיר, אַ מסית ומדיח!״

צום רבין אויף שבועות איז אָבער אַרטשעלע ניט געפאָרן. פונקט שבת פאַר שבועות, ווי נאָר מ׳האָט נאָך הבדלה געלאָזט די מיל, האָבן די אַלטע רימענס אויף די וואַלצן געפּלאַצט און גענומען שיסן מיט פונקען. איידער מ׳האָט זיי באַוויזן אָפּצושטעלן, האָט פון די זעק אונטן גענומען אויפגיין

אַ רויך און דערנאָך אַ פלאַם וואָס האָט אַרומגעכאַפּט דעם גאַנצן אויסגע־טריקנטן הילצערנעם געשטעל מיט איינמאָל. עס האָט נישט געהאָלפן וואָס די גאַנצע פּאָזשאַרנע קאָמאַנדע איז געקומען צולויפן מיט די קישקעס און פּאָמפּעס. אַלע געסלעך צוזאַמען מיט דער גויאישקער פאַרשטאָט האָבן געהאָלפן לעשן. דער אַלטער בניין האָט זיך ווי געריסן אין פלאַם אַריין פאַרצערט צו ווערן. אין אַ קורצער ווײַלע איז פון דעם גאַנצן געבײַ געבליבן אַ הויפן סטאָלבעס מיט גרויע שטיינער אַנגעוואָרפן איינער איבערן אַנדערן און לעבן זיי, גלאַנצדיק מיט די פאַרברענטע שטאָבעס אין וואַסער אַריין דער הוילער אײַזערנער רייף פונעם אַלטן ריזיקן ראָד.

— מ׳האָט מעך אויפגעגעסן מיט די אויגן, — האָט די יידעלעכע געכליפּעט און געהאַלטן אין איין חלשן.

— אַבי מ׳איז כאָטש אַרויס מיטן לעבן, — האָט דער לאַנגער יידל זיך אַרומגעדרייט אַ צעחושטער — דאַנקען גאָט דערפאַר.

די לויזע צונגען האָבן עס גלייך אויסגעטייטשט, אַז ער האָט זיך גענוג פאַרסטראַכירט און וועט נאָך קענען אויפבויען אַ גרעסערע מיל. דער אמת איז אָבער געווען, אַז דאָס ביסל פאַרזיכערונג האָט אים קוים געקלעקט אויף אָפּצאָלן די חובות און אַביסל אויספאַרריכטן דאָס הייפל וואָס האָט אויך געליטן פון דער שריפה.

— מ׳זאָל באַהיט און באַשערעמט ווערן, — האָט די גאַרבאַרניע גאַס געטרויערט און נישט געוואוסט פאַר וואָס עס קומט איר אַזאַ גזר.

צום לעצטן מאָל, האָבן אַלט און יונג נאָכגעקוקט דער גומענער בריטשקע באַגלייט מיט די דראַבניאַסטע וועגענער, וואָס האָבן פאַרנומען אַרטשעס משפּחה צום טאָטן אין „גיט״ אַריין. אויך די היגטערגעסלעך און דאָס „גאָרן־שטיבל״ האָבן באַדויערט זייער אַוועקפאָרן. איצט האָט מען דאָך שוין געמעגט אויסזאָגן, אַז אַרטשעלע האָט זיי אַ סך מאָל געהאָלפן ביים מלכות.

— דער רבונו של עולם האָט פאַרשידענע וועגן דורך וועלכע יידן דאַרפן געהאָלפן ווערן — האָט ער מסכים געווען מיט ר׳ דודן — און מ׳קען נישט וויסן צי זייער דרך איז נישט איינער פון די פאַרבאָרגענע וועגן, וואָס זעט נאָר איצט אויס אַזוי קרום אין אונדזערע אויגן. סיי ווי

אָבער — לאָזן דאָס מלכות פאַרשטעלן זיי דעם וועג וואָלט געמיינט עובר זיין אויפן „לא תסגיר". — האָבן זיי זיך ביידע פאַרשטאַנען אויפן וואונק.

בלויז אַ פּאָר „שטיבל־לייט" מיטן קוואַטש בראש, זיינען געווען צופרידן דערפון וואָס זיי זיינען פּטור געוואָרן פון אַרטשעלען אויף אַזאַ אופן.

— ס'איז נישט אַזוי פראָסט ווי ענק דאַכט זיך, — האָט דער קוואַטש געוואָלט אַז אַלע זאָלן וויסן — מ'קען נישט אַזוי אַ טשעפּען מיט אונדז און גאַרנישט. ס'איז מיר נאָר אַ שאָד וואָס מ'איז אַזוי לאַנג געווען פאַרבלענדט.

— נישט אַנדערש, נאָר אַליין זיך אַן עין־הרע געגעבן, — האָט די גאַרבאַרניע גאַס געטרויערט און מיט צער נאָכגעקוקט דעם לאַנגן יידל, וואָס איז מיט אַמאָל גראָ געוואָרן ווי אַ טויב און איין זייט מויל האָט זיך ביי אים אויסגעקרימט און כסדר געציטערט.

ד

אַ פּלויט אין אַ פּלויט מיטן לאַנגן יידלס הייפל, וואו די שטילקייט אַליין ליגט אויסגעצויגן הינטער די הויכע טאָפּאָליעס וועלכע פאַרשטעלן דעם גאַנצן פון־פאַרנט, הייבן זיך אָן די לאַנגע ברוין געפאַרבטע שאָפעס פון פעלטע דעם גאַרבער. אַ שפּראָץ אויף טאָג שוין, שפּרייזט דאָרט פעלטע אַרום און וואַרפט אָן אַן אימה אויף די יונגען וואָס אַרבעטן דאָרט אין אַלע ווינקעלעך.

אין סאַמע מיטן פון דער שאָפע אַרבעטן די זאַלצערס. אַ שטויס פעל מיט דער אָפענער זייט אַרויף ליגט פאַר זיי און וואו נאָר זיי גיבן אַ שאָט אַ זשמעניע זאַלץ, ווערט גלייך אַ שטראָמעלע רויט פאַרגליווערט און דאַרפן עס צעשפּרייטן מיט שמאָלע קיילעכיקע שאַרערס איבער דער גאַנצער פעל. אין משך פון עטלעכע מינוט ווערט די פעל איין שטיק צעעפּנטע וואונד, וועלכע האַלט אין גליווערן מיט ברוינלעך גרויע אייטער־דיקע בערגלעך.

אין אַ זייט שטייען די צעמענטענע און הילצערנע טיאָפּעס וואו די פעל ווייקן זיך, און נישט ווייט פון זיי קובליעס מיט וואַפנע און געלע פליסיקייטן.

— היט זיך נאָר דאָרט, זאָלסט דיר דעם ווי הייסטמעכעס נישט אָפּגרייזשען — וואָרנט ער פון דער ווייטנס — פאַרגעסט נישט דעם „קוואַס"!

זשאַלעוועט נישט קיין קאָרע צווישן איין פעל און דער אַנדערער. וואָס מער קאָרע! מיט מיינס אַ פעל שפּילט מען זיך נישט! גלייך לייגן!

— וואָס שפּרינגסטו דאָרט אַרום, דו יאַץ איינער, האָסט זעך דערשראָקן פאַר אַ פליג, האַ? קאַ קרישמע טאָר מען דאָ סיי ווי נישט לייענען, און זי טשעפּעט זעך נאָר צו בהמות.

— זעיטס נאָר ווי מ'האָט זיך עס צעניסט — זעט ער אַלץ מיטאַמאָל, — קענסט נישט פאַרטראָגן דעם ריח פון פרישע קאָרע, שמעק דיין חלק און טראָג זיך אָפּ פון דאַנען. ווייסט גאָר וואָס — קען ער זיך נישט איינהאַלטן פון אַ חוזק טאָן — נאָך שבת ראש חודש וועל עך דעך אַוועקשטעלן ביי דער „קופּע״ וועסטו אויסטיילן מעסטלעך גאַנצע צום הייצן. די ווייבער וועלן זיך מחיה זיין מיט אַזאַ גלאַצער ווי דו.

אַפילו די יונגען וועלכע אַרבעטן אין דרויסן ביים רייניקן די פעל נאָכן „בייצן״, ווייסן אַז זיין קוק גרייכט צו זיי. זיי נעמען נישט אַראָפּ קיין אויג פון די קלעצער צו וועלכע די פעל זיינען צוגעפּעסטיקט. איין נישט געלונגענער דריי מיט דעם פאַרקיילעכטן געהויקערטן שאָבער מיט די טאָפּעלע גלאַטע הענטלעך פון ביידע זייטן, און איבערן גאַנצן הויף וועט אַ דונער טאָן פעלטעס באַסאָווע שטימע.

— קאַליקע! וואָס האָסטי דאָרט צי דער פעל! שובן מ'ז מען מיט אָפענע אויגן און מיט ביידע הענט גלייך. וואָס איז ביי דיר דאָרט אין דער רעכטער דיינער, אַ קילע, צי אַ מרוח־אשך וואָס סע טרייסלט ביי דיר אַזוי?!

— אַז סע טריפן דיר די אויגן, זעץ זשע זעך אַוועק אין בית־מדרש און ווער אַ שיינער־ייד — טוט ער זיך פלוצים אַ לאָז צום זאַלצער וועמען ס'איז אַריין אַ שטיקל זאַלץ אין אויג — פון זיך וואַרפט מען, ליימענער יאַץ. דאָ מוז מען קיקן. ס'איז דיר נישט קיין כוהנים דוכנען, — ווישט ער יענעם אויס דאָס אויג און ער שטייט שוין ביים טיאָפּ וואו דער שווערער ריח פון פעל־ווייקעכטס פאַרשלאָגט דעם אָטעם, — ביי מיר מיז מען קענען שמעקן און נישט ברעקלען זיך. קאַ פּיטערפעסלעך מיט שמן־זית האָב עך נישט פאַר ענק, לעלערס מיינע!

דאָס ערגסטע זידל־וואָרט איז ביי אים „לעלערס״. אַן איינגעגעסענע שנאה טראָגט ער צו די כלי־קודש און בית־מדרש בחורים נאָך פון יינגלווייז

אַז, ווען דער טאַטע זיינער האָט אים איבערגעוואַלד געוואָלט מאַכן פאַר אַ לערנער. וואָס עלטער ער ווערט און פאַרמעגלעכער, אַלץ מער זוכט ער זיך אַרויסצושטעלן אַז ער איז פרומער און ערלעכער פאַר זיי. איז גרייט צו געבן פּעטש יעדן איינעם וואָס איז נישט וואוילגעפעלן אין די אויגן פון די פרומאַקעס.

— זעיטס נאָר ווי אָפּגעניגלט זיי זיינען ביי זיך, אָפּגעפּיצט און אָפּגעהיטן — שטרעקט ער די פאַרגעלטע ברייטע הענט זיינע וואו כמעט יעדער פינגער האָט אויף זיך אַן אַנדער סימן פונעם פאָרען זיך ביי די פעל — סע גריזשעט אָפּ די ביינער פון קהל און קען, דאַכט זיך, קיין צוויי נישט ציילן. שעכטן מיט אַ ברכה און פאַרגלייזטע אויגן. ווי נעם עך דאָס וואָס כ׳וואָלט זיי נישט געטרויט — דרשנט ער מכלומרשט אין גוטן מוט ווען ס׳איז שלום אין שטעטל. אין צייט פון אַ מחלוקת אָבער צעלאָזט ער זיך הויך אויפן קול און טייטלט מיט די פינגער צעגריזשעט פון וואַפּנע אין די שפּיצן און אַנגעדראָלן אין מיטן — פּרואוו זיי נאָר אָנרירן די קאַלטע לונג און לעבערס, וועלן זיי דיר די פעל צעבייצן. קיין האַנט אין קאַלט וואַסער טינקט עס נישט איין און נאָר גיב עס. עם־הארץ טראָג מעך — האַלט ער אין איין פייערן און אַרויסשטעלן זיך אַז ער נעמט זיך אָן פאַרן אַרעמאַנס גראָשן, — אַן אָרעם בית־מדרש נעבעך און דאַרף צושטעלן טעפּ נאַפּט פאַר די „משמורים״ זייערע. זאָלן זיי גיין ערגעץ אַנדערש די לעלערס. קיין נחת וועלן מיר פון זיי סיי ווי נישט דערלעבן!

ס׳איז אַ ירושה זאַך ביי אים, זאָגט מען. דער טאַטע זיינער איז אויך אַזוי געווען. געהאַט אַ גרויס מויל מיט ברייט צעפּלאַטשטע לאַפּעס וואָס ר׳האָט נישט געקענט איינהאַלטן. אויב ס׳איז אים עפּעס נישט געפעלן האָט ער געגעבן אַ זעץ אין שטענדער מיט די לאַפּעס אַזש דאָס גאַנצע בית־מדרש האָט אויפגעצאַפּלט.

— עך זאָג ענק, אַז די שיינע יידן מיט די לעלערס צעפּוטיען ענק, עך זאָלט נישט ויסן וואו איין וואו אויס!

— וואָס הייסט, ר׳ גבריאל, — האָט זיך עמיץ איינגעשטעלט צו באַרואיקן אים, — ר׳ שמשולע דער רב זאָגט דאָך, אַז די תורה וויל אַזוי. וואָס זשע קען מען טין?

— די תורה, — פלעגט ער ערשט אויפשפרינגען ווי אַ צערייצטער אָקס און אָנווייזן מיט די לאַפּעס צום אָרון־קודש — אַט אַ שטייט זי דאָרט די „רייניקייט״ ווי אַ כשר לעמעלע. וואָס זשע ווייסן מיר וואָס זי וויל? עץ מיינט זיי זאָגן אינדז אויס? הערטס מעך — האָט עס גענומען וואָרפן מיט אים מיט שרעק פאַר די אייגענע רייד. אַן אַנגסטיקער שווייס האָט אים באַגאָסן — מיר זיינען אין זייערע הענט, יידן! אַז מיר זיינען בלינד! — האָט ער זיך מיט געוואַלד געצוואונגען איינצוהאַלטן.

געזאָגט האָט מען, אַז זיין אומצוטרוי צו די לערנערס, האָט זיך גענומען דערפון וואָס איינמאָל אין אַ פאַרצויגן מחלוקת איבער שחיטה־געלט, האָבן די קצבים אים געשיקט פאַרהאַנדלען מיטן דיין וועגן אַן אויסגלייך. צוריק־געקומען איז ער אַן אויפגעקאָכטער. ס׳איז געווען פונקט אין די „ביין טעג״ און ער האָט זיך געגרייט איינצוטענהן מיטן דיין, אַז ער זאָל זען ס׳זאָל קומען צו אַן אויסגלייך כדי די „ביין טעג״ זאָל זיך נישט פאַרציען ביז די ימים־טובים. די שטאָט קומט דאָך נעבעך אָפּ אָן אַ שטיקל פלייש. איז ער דעריבער אַזש פאַרציטערט געוואָרן ווען ר׳האָט געטראָפן דעם דיין מיט דער משפחה זיצן ביי אַ פליישיקער סעודה.

— וואָס הייסט? — איז גבריאל אַזוי צעטומלט געוואָרן, אַז ער האָט מער קיין וואָרט נישט געקענט אַרויסברענגען.

— אויף דיר איז מיר אַ חידוש, גבריאל, דו זאָלסט נישט וויסן, אַז ווען מ׳מאַכט אַ סיום אויף אַ מסכתא, איז נישט נאָר מעג מען עסן פלייש, נאָר ס׳איז אַ מצווה, אַן אמתע סעודת־מצווה — האָט אים דער דיין פריינדלעך דערקלערט — ווען זאָלסט געווען אַריינקומען פריער אַביסל, ווען מיין בחור האָט געמאַכט דעם סיום, וואָלט ער דיך אויך מצרף געווען, וואָלט עך דעך געקענט בעטן מיטעסן...

— דערפאַר האָב עך עס געטראָפן די טיר צוגעשפּאַרט און די פענצטער פאַרהאַנגען, — האָט ער זיך צום סוף דערכאַפּט און אַרויסגעלאָפן אָן אַ גוטן טאָג.

— עץ פאַרשטייט, עך על זיצן מיט זיי ביי איין טיש מיט די טעלערס פלייש אין די „ביין טעג״, און עך טאָר אַפילו קיין ביוכע נישט טאָן. ווער וויים וואָס נאָך זיי ווייסן אַז מ׳מעג און זאָגן אינדז נישט אויס — האָט

ער די מעשה געהאַלטן אין איין איבערדערציילן — מיר זיינען ביי זיי אין די הענט, יידן!

דער אומצוטרוי זיינער איז נאָך מער געוואַקסן ווען ר׳האָט זיך איבערצייגט, אַז זיין פעלטע וועט שוין קיין לערנער נישט זיין. ס׳איז נישט געווען קיין סוד, אַז דאָס עסט אים ווי זשאַווער. מיט יאָרן צוריק האָט ער געהערט אַ בעל־דרשן אָפּניגונען מיט אַ פּאַלצעטן קולכל, אַז כאָטש אַלע פּרנסות זיינען כשר און וואויל לויט דער תורה, איז אָבער פּאַרט „וואויל צו דעם וואָס זיינע הענט מישן בשמים און דער גוטער ריח גייט אים נאָך אומעטום, און ווי צו דעם וואָס זיינע הענט פאַרען זיך ביים אויסאַרבעטן לעדער. כאָטש מ׳דאַרף טאָקע לעדער מער ווי בשמים, אָבער ווייל עס גייט אים נאָך דער ריח פון פעל, קאָן מען נישט פאַרדענקען קיינעם וואָס דערווייטערט זיך פון אַזאַ אַ צוליבן שלעכטן ריח.״

— אָט אַזוי אַ לערנט עס די תורה? — האָט ער זיך אויף צומאַרגנס אַריינגעשטעלט צום רב.

— נעם זעך ניש צום האַרצן, ר׳ גבריאל, ווער קען עס זיין זיכער וואָס זיי האָבן געמיינט. דאָס איז דאָך נאָר אַ משל אַזאַ; און ווידער, דאָס האָט מען געזאָגט אויף אַמאָליקע צייטן, נישט אויף היינט ווען מ׳קען זיך גוט אָפּוואַשן. — האָט אים דער רב באַרואיקט. ער איז אָבער געבליבן נישט צופרידן.

— עך ׳על מיין פעלטען מאַכן פאַר אַ לערנער, וועל עך שוין אַליין וויסן — איז ער אַוועק אַן אומצופרידענער פונעם רב.

פעלטע האָט אָבער אינזינען געהאַט נאָכצולויפן די טויבן, כדי זיי צו פאַרנאַרן אין זיין טויבנשלאַק אַריין. ער האָט בעסער געוואָלט אַרומ־שלייען זיך מיט די יונגען פון דער גרעבליע גאַס ווי נאָר ער האָט זיך געקענט אַרויסגנבענען פון חדר. נישט איינמאָל האָט דער טאַטע געמוזט מיט געוואַלד שלעפּן אים אין חדר אַריין און „צום לעצטן מאָל״ זיך איינבעטן ביים רבין ער זאָל אים צוריקנעמען און מאַכן אַ לייט פון אים. אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט ער אים שוין ווידער געשלעפּט איבערן פערד־מאַרק מיט אַ געבייזער, באַגלייט מיט הילכיקע פּעטש און אַ געלעכטער פון אַלע זייטן. גבריאל האָט אָבער נישט אויפגעגעבן דאָס וועלן מאַכן אים פאַר אַ לערנער, און אַ חוץ די מלמדים אויך געצאָלט אַ פּאָר פון די

עלטערע בחורים אין בית־מדרש זיי זאָלן אים מקרב זיין און מיטנעמען צו זייערע משמורים דאָנערשטיק ביינאַכט. געלערנט האָט ער אָבער סיי ווי נישט. ער איז אַ גאַנצע נאַכט געווען פאַרנומען מיטן אַכטונג געבן אויף די קאַרטאָפל, וועלכע האָבן זיך געבראָטן אין גרויסן קאַכליעווע אויוון, און כסדר לויפן אַ גאַנג פאַר די בחורים וואָס האָבן זיך געקענט פאַרגינען און אים געשיקט אין נאָענטן שענקל, וואו מ׳האָט געקענט קריגן פרישע געזאָטענע פלעצלעך און שמעקנדיקע קניזשלעך מיט קאַשע און ציבעלעס.

ווען מ׳האָט זיך אין הויז געכאַפּט, אַז נאָך יעדן משמור ווערט אַ לאָך אין די קאַרטאָפל אין דער שפּיזשאַרניע און עס פעלן אויך אַ פּאָר גראָשן אין דער מאַמעס בייטעלע, האָט אים דער טאַטע ביי די אויערן אַריינגעשלעפּט אין מיטן טאָג אין בית־מדרש אַריין און מקיים פּסק געווען ווי ער קען. אָנשטאָט אָנצונעמען זיך פאַר אים, האָבן נאָך די בחורים צוגעלייגט אַ קנייטל אַז נישט נאָר לערנט ער גאָרנישט, נאָר ער ברעכט נאָך דעם פלויט פונעם נאָענטן „קלויסטער גאָרטן״ אויף אויפצופלאַמען דעם אויוון.

— שיינע לעלערס מיינע! — האָט גבריאל מיטאַמאָל אויסגעלאָזט דעם גאַנצן געבייזער צו די בחורים און אָפּגעלאָזט פעלטען, — פריער לאָזט עץ עם טאָן כל הבייז און פרעסט זיינע געגנבעטע קאַרטאָפליעס און קניזשלעך, און איצט זענט עץ נאָך די כשרע לעמעלעך, פרומע צאַפּעס! שיינע יידן גרויס ווי קליין! — האָט ער אים נאָכדעם שוין צוגעלאָזט לערנען די מלאכה ביי זיך אין דער גאַרבאַרניע.

די גרעבליע גאַס האָט אָנגעקוואָלן, וואָס דער כעס קעגן די שיינע יידן איז ביי אים שטאַרקער געוואָרן, און אים געהאַלטן ווי אַן אייגענעם. אין די אַפּטע מחלוקתן אין וועלכע די קצבים פון דער גרעבליע גאַס זיינען געווען יד־אחת קעגן די שוחטים, איז ער געשטאַנען מיט זיי שטאָל און אייזן. נישט געלאָזט גיין צו קיין דין־תורה ווען אַלע האָבן שוין מסכים געווען.

— אויסגלייכן צווישן מענטשן, דאָס יאָ. אַ פּשרה ביי רבנים, ניין און ניין, — האָט ער זיך געבייזערט און נישט נאָכגעגעבן, — ווען אַן אונדזעריקער זאָל קענען זיין אַ בורר, וואָלט עך פאַרשטאַנען און זיך

געקענט פארלאזן, — האט ער אזוי לאנג געטענהט ביז די קצבים האבן אים נאכגעגעבן.

פונעם טאטן האט פעלטע געירשנט נישט נאר די ברייטע פלייצעס מיטן הויכן געבייזער, נאר אויך דאס גבאות אין בית־מדרש, וואס יענער האט אויף זיך גענומען ווען ר׳איז שוין געווען אויף דער עלטער און א סך געלאסענער און שטילער.

— א שטיקל קענער ביזוטי דאך פארט, פעלטע, — האט דער אלטער געצוימט דעם זון ווי ווייט ער האט געקענט, — דארף נישט זיין שווער פאר דיר צו קענען זיין גבאי אויך מיט זייער הסכמה.

פון דעם אנוואונק האט פעלטע פארשטאנען וואס דער טאטע מיינט. ער זאל זיך נישט אלעמאל האלטן בלויז מיט דער גרעבליע גאס, נאר אויך קריגן אנזען צווישן די פני פון די חסידים־שטיבלעך. דאס איז אים נישט צו שווער אנגעקומען. קיין חסיד איז ער טאקע נישט געווארן, נאר יעדעס מאל ווען א רבי איז געקומען צו זיינע חסידים, איז ער געווען צווישן די ערשטע אקעגנצופארן און נאך אויפן וועג ביים מקבל שלום זיין פארבעטן דעם רבין צו דאווענען און פראווען טיש אין בית־מדרש. ממילא איז ער שוין געזעסן אויבנאן און געשטעלט משקה ווי אן אנגעזעענער באלעבאס. ביסלעכווייז האט מען אים שוין באטראכט פאר אן אייגענעם אין די „שטיבלעך" און פארקוקט זיין אפן מויל און אפרייסן זיך פון צייט צו צייט אויף די לעלערס. עס האט געהייסן, אז דאס לאזט ער אויס דעם כעס צו די בחורים וואס גייען לעצטנס אראפ פון גלייכן וועג. בלויז לפנים זיינען זיי אין בית־מדרש. היינט־מארגן וועט מען זיי שוין פאקן שפאצירנדיק אויף דער לאנגער בריק מיט חיים לייבעלע אפיקורס אין מיטן, אדער זיי וועלן גאר ארפּוּוארפן דעם שלייער און אפן ארויפגיין אין „גארן־שטיבל".

ווי דער גבאי פון בית־מדרש, איז געווען גאנץ נאטירלעך אז עס זאל אים ארן וואס גאנץ אפט געפינט מען צווישן די ספרים באהאלטן יענע טריף־פסולען וואס שטאמען אוודאי פון דארטן, פונעם „גארן־שטיבל".

— מ׳קען זיי גארנישט נישט דערהיטן, מ׳זאל באהיט און באשערעמט ווערן, — האט אים חיים קוואטש צוגעגעבן קוראזש און געווען שטארק צופרידן פון אים, ווייל אין יענעמס מחלוקת מיט ר׳ דוד דיין און די ריזשינער איז ער געווען מיט אים, — זיי זיינען אין אלץ שולדיק. וואו נאר

אַ באַהאַלטענער אַפּיקורס איז ביי זיי אין שטיבל. זייער גאַנץ חסידות איז בלויז אָפּגעפּוצט און פרום פון אויבן. אַ סימן האָסטי וויפל פון זייעריקע זיינען עס מיט אונדזערע רבי׳ס אין דער מלחמה קעגן די אַפּיקורסים די ציוניסטן און פושעי ישראל. און דאָ ביי אינדז אַליין, ווער געפינט אַ זכות אויף די עוכרי־ישראל פון „גאָרן־שטיבל״ אויב נישט דער דודל, דער ראש וראשון ביי זיי אין שטיבל? ס׳איז דען אַ וואונדער וואָס זיינע אייגענע בנים זיינען אַוועק אין די סעמינאַרן? עד זאָג דיר, ער אַליין איז אין אַלץ שולדיק. קאַ יידישע שוועל טאָר מען זיי נישט לאָזן אַריבער־טרעטן.

אויף צו זיין קעגן ר׳ דודן, האָט מען פעלטען נישט געדאַרפט שטאַרק צורעדן. ער האָט מיט אים געהאַט אַ פּערזענלעכן חשבון נאָך פון די טעג ווען ער האָט מיט אים צוזאַמען געפּראַוועט משמורים אין די ייִנגלישע יאָרן. יעדעסמאָל ווען דער טאַטע האָט אים מקיים פּסק געווען פאַר זיין ווילדער אויפפירונג, האָט ער כסדר אַרויסגעשטעלט דודלען פאַרן מוסטער.

— אַן אָרעם קינד, אַ יתום וואָס האָט קוים אָפּצועסן און זע נאָר ווי ער פלייסט זיך. ער גייט דאָך זיי אַלעמען איבער. אַפילו געבן אים פון דיינע געגנבעטע קאַרטאָפליעס האָסטי דאָך קיין שכל נישט. שטאָפּסט אָן די בייכער פון די שיינע יידעלעך, וואָס נאַרן דיך איצט און וועלן דיך אַלעמאָל נאַרן. ווען נאָך זען ער וועט נאָך פאַרנעמען זיין טאַטנס אָרט. אַ לייטישער ייד געווען. גאָר אַ לייטישער. נאָר מיר בידליעס האָבן קיין שכל נישט געהאַט אים אָפּצוהיטן. און דו וואָס? עס וועט מיר דאָך נישט ניחא זיין צו ליגן אין קבר צוליב דיר. — האָט ער אים כסדר געגריזשעט, און ער קען עס איצט בשום אופן נישט פאַרגעסן.

ווען דודל יתום איז מיט יאָרן שפּעטער נאָך גרויסע מחלוקתן פאַרט געוואָרן דיין, האָט דער טאַטע זיינער אָפן נישט געשטעלט זיך אויף ר׳ דודס צד. ער האָט עס נישט געקענט טאָן צוליב דער גרעבליע גאַס, אָבער שטילערהייט האָט ער געזען, אַז די גאַרבאַרניע גאַס מיטן בית־מדרש זאָלן אָפּגעבן כבוד דעם דיין נישט קוקנדיק אויף דעם וואָס די „פּני״ פון די „שטיבלעך״ באַוואָרפן אים מיט בלאָטע. זיי זיינען געווען די ערשטע צו גיין צו אים מיט אַ שאלה. גענומען אים פאַר אַ בורר און פאַרבעטן אים צו דאַווענען ימים־נוראים ביי זיי. קוקנדיק אויף זיי, האָט שוין דאָס „שמאָלע

געסל״ אָפּן געקענט האַלטן איר דודלען פאַר איר שיינדל. אויך פּעלטע האָט זיך געהאַלטן נאָענט פון דערווייטנס פון אים. ביז ער איז איינמאָל געקומען צו ר׳ דודן האַלטן אַ דין־תּורה. פון די טענות וואָס ער און זיין שותּף האָבן באַלייגט, האָט ר׳ דוד זיך דערוואוסט, אַז זייער סכסוך נעמט זיך דערפון, וואָס זייערע חשבונות מיט די פּויערים מיט וועלכע זיי האַנדלען, זיינען בכוונה פאַרפּלאָנטערט. אַחוץ נעמען ביי די פּויערים גרויסע פּראָ־צענטער, נאַרט מען זיי נאָך אָפּ מיט דער וואָג און צאָל פעל און פּראָדוקטן מיט וועלכע יענע צאָלן.

— קיין דין־תּורה קען איך אייך נישט פּסקענען — האָט ר׳ דוד אָנגעהויבן, ווי זיין שטייגער, גאַנץ געלאַסן, כאָטש ס׳האָט אים געוואָרפן אין היץ און קעלט. יעדעס מאָל ווען איינער פון זיי האָט אים אונטערגערוקט אַ פּאַפּירל מיט אַ טאָפּלטן פאַרפּלאָנטערטן חשבון, האָט ער זיך געמיאוסט עס צו האַלטן אין דער האַנט און נאָכן אַריינקוקן אין דעם זיך אָפּגעטרעסלט פון דעם ווי פון אַ שרץ — פונעם קבלת־קניין קען עך ענק אָבער אויך נישט אַרויסלאָזן. לויט מיר נאָך, דאַרפט עך ביידע פאָרן צו אַ צדיק ער זאָל ענק אַרויסגעבן אַ תּשובה...

— וואָס הייסט ? — זיינען ביידע שותּפים אויפגעשפּרונגען ווי אָפּגע־בריטע.

— עס הייסט, אַז איידער מ׳קען ענק אויסגלייכן על פּי תּורה, דאַרפט עך תּשובה טאָן אויף די מעשׂים וואָס זיינען הוילע גנבֿה און גזילה. עך שטעלט אין סכּנה נישט נאָר ענק אַליין, נאָר דעם כּלל ישׂראל.

— גיט עך הייסט עס גערעכט דעם ערל, וואָס האָט מיך געוואָלט שיסן נאָכן אָפּחשבונען זיך — האָט דער שותּף אַ זעץ געטאָן אין טיש, — ס׳איז נישט דעם דיינס דאגה וואָס מיר טיען. עך דאַרף אים נישט געבן קיין חלק פון דעם וואָס עך פאַרדין מיט סכּנות־נפשות. עך דאַרף נישט קאַ דין־תּורהס.

— וואָס מיינט עך, — האָט פּעלטע אַי מיטגעהאַלטן, אַי דערווידערט דעם שותּף — ס׳איז אַ קליינע איינשטעלעניש צו געטרויען אַ גוי געלט היינטיקע צייטן. די אויגן קריכן אַרויס איידער מ׳זעט זיך מיט אַ גראָשן. מעג מען דאָך כאָטש עפּעס האָבן דערפון.

— זאָג עך ענק נאָך אַמאָל, עך פאַרזינדיקט זיך און עך וועט נאָך

חס ושלום ברענגען אַן אומגליק אויף אַלעמען — איז ר׳ דוד שוין אַרויס פון די כלים. — מיר האָבן נאָך ווייניק געצאָלט מיט בלוט, ווילט עך נאָך מיר זאָלן צאָלן פאַר ענק אויך. די תורה איז אונדז נישט געגעבן געוואָרן אויסצוגלייכן אייערע גנבות, — האָט ער זיי צוריקגעוואָרפן די פּאַפּירלעך, — אַז עך וועט צוזאָגן אומצוקערן די גזילה, וועט ענק די תורה דאַן אויסגלייכן — איז ער געבליבן שטיין ביי דער טיר און זיי פאַרשטעלט דעם וועג. — ס׳איז סכנות נפשות, יידן, ווי האָט עך דאָס יאָנעס אַזוינס צו טאָן! דער טאַטע דיינער, פּעלטע, זאָל זיין אָפּגעשיידט, האָט זיך מוסר נפש געווען פאַר יעדן ייד בשעת דער כאָליערע. מיינסט, ער קען איינליגן רואיק אין קבר? באַדענק זיך, פּעלטע — זיינען אים אַזש טרערן געשטאַנען אין די אויגן.

— עך זאָג צו, ר׳ דוד! — האָט פּעלטע גענומען שטאַמלען און דער שותף נאָך אים. — מירן זיך שוין אַליין אויסגלייכן, — האָבן זיי זיך גענומען צו די בייטעלעך ווי וועלנדיק באַצאָלן פּסק־געלט.

— גיט עס בעסער אויף צדקה. מיט תשובה און צדקה קען מען זייער אַ סך פועלן — איז שוין ר׳ דוד געוואָרן צוגעלאָזט באַגלייטנדיק זיי צו דער טיר — די גרעסטע צדקה איז מתן־בסתר. עך וועט שוין אַליין וויסן ווי אַזוי און קיינער דאַרף אויך נישט וויסן פאַר וואָס...׳.

יאָרן נאָך דעם האָט פּעלטע נישט געקענט פאַרגעסן און באַפרייען זיך פון ר׳ דודס קול און באַצערטן בליק ביי יענעם דין־תורה. פאַר זיך אַליין האָט אים הנאה געטאָן, וואָס יענער דין־תורה האָט גורם געווען, ער זאָל זיך אָפּטיילן פונעם שותף און אָפּגעבן זיך בלויז מיט גאַרבעריי, נישט זוכנדיק מער קיין נישט־כשרע פאַרדינסטלעך. פון דעסטוועגן איז אים טיף אין האַרצן געלעגן אַ טענה צו ר׳ דודן. ר׳האָט נישט געקענט פאַרגעסן און מוחל זיין, אַז געפּועלט ביי אים האָט ער ערשט נאָכן דערמאָנען דעם טאַטנס נאָמען. דאָס האָט אים געגעסן און כסדר דערמאָנט דעם טאַטנס ביטערע רייד: „עס וועט מיר נישט ניחא זיין אין קבר". ס׳האָט זיך אים אַלעמאָל געדאַכט אַז עפּעס קען ער אַלץ נישט יוצא זיין פאַר אים. וויפל ער האָט געגעבן מתן־בסתר, האָט ער זיך אַלץ נאָך געפּילט פאַרשמירט. ער איז טאָקע צוליב דעם פרומער און געהיטענער געוואָרן, און צוזאַמען מיט אַלע פרומע לייט געהיטן דאָס שטעטל פון פריצות; אַרויסגעטריבן פון בית־מדרש יעדן בחור אויף וועלכן ס׳איז געפאַלן אַ חשד, אַז ער קוקט אַריין אין יענע ביכלעך, צי ער וואַגט אָנצוטון אַן אַרויפגעזעצטן קאַלנער.

— חדש אסור מן התורה! — האָט ער מיטגעהאַלטן מיטן קוואַטש און זיינע לייט אין אַלץ, און דאָך געוואוסט אַז דאָס איז נישט די תשובה וועלכע ר׳ דוד האָט געמיינט. עס האָט אים דערפאַר ממש הנאה געטאָן, ווען מ׳האָט זיך געקענט טשעפּען צו ר׳ דודן און אָפּפרעגן זיין פרומקייט.

— לעלערס! קענען מכלומרשט קיין צוויי נישט ציילן און טוען כל דבר־אסור שטילערהייט — האָט ער דעמאָלט פריי זיך צעלאָזט אין בית־מדרש וויסנדיק, אַז איצט וועט מען אים נישט אָפּרהאַלטן, אַז ער קען סתם נישט פאַרטראָגן די וואָס קענען לערנען. פאַרקערט, מ׳וועט נאָך צופרידן זיין וואָס ער שטעלט זיך איין צו זאָגן דעם אמת אפילו דעם גרעסטן למדן. — עוקר מן השורש זיין דאַרף מען די, וואָס פאַרשטעלן זיך מיט דער תורה און גראָבן זי אונטער אין דער פינצטער, — האָט ער זיך געפילט זיכער אין זיין גערעכטן צאָרן, — אַלע אומגליקן קומען אויף אונדז צוליב זיי.

זיין פלוצימדיקע פרומקייט און חברן זיך מיט די שיינע יידן פון די „שטיבלעך״, איז דער גאַרבאַרניע גאָס נישט געווען צום האַרצן.

— אַ נייער פרומער צאַפּ — האָט מען הינטער די פּלייצעס זיך פאַרגינען נוקם צו זיין אין אים — מיינט אַז ער וועט זיך איינקויפן אין יחוס ביי זיי. זיי דאַרפן אַ שרייער, נישט מער.

אויך זיין לאה העניע איז נישט צופרידן געווען פון דעם. די שכנטעס האָבן איר כסדר גענאָדלט וועגן דעם מכלומרשט אין גוטן מוט: „ענקער פּעלטע ווערט דאָך אַ גאַנצער שני־בשלישי מיט די שיינע יידן, לאה־העניע. עץ וועט אוודאי זיך אינגיכן אַריבערציען אין „רינג״ אַריין. טראַכט עץ צו פאַרקויפן די שאָפּעס אויך?״

— וואָס זשע, ער וועט נעמען שרייבן מזוזות? — האָט לאה העניע פאַרביסן די ליפּן און צוריקגעענטפערט מכלומרשט מיט אַ וויץ.

— עך מיין דען עפּעס? — איז שוין די שכנטע אַריבער צום פאַר־ענטפערן זיך — ווער סע פאַרגינט ענק נישט, זאָל אַליין נישט האָבן. נאָר פאַר אונדזערס סגאַל צו צערייסן זיך דעם פּעלץ ווי אייערער טיט עס, איז אַביסל אַן איינשטעלעניש. וואָסי, עץ מיינט טאַקע, אַז ער איז פרימער און ערלעכער פון ר׳ דודן?

— כ׳זאָג ענק ווי אַ פּריינט, עך פאַרשטיי נישט צי וואָס ער דאַרף עס. דער טאַטע זיינער איז קליגער געווען פאַר אים. ער האָט זיך אויך ליב געהאַט צו מישן, אָבער קיינמאָל נישט דערטשעפּעט נישט מיטן רב און נישט מיטן דיין.

— ווען ס׳איז מיין מאַן, לאה העניע, וואָלט עך אים געזאָגט מיטן האַרבן וואָרט. די דיינטע ווינט זיך די אויגן אויס ביים קומען אירן דאָרט. עך וואָלט זיך נישט געלייגט מיט אַ געזונטן קאָפּ אין אַ קראַנק בעט אַריין.

— אַז מ׳האָט קינדער אין די וויגן, דאַרף מען לאָזן לייטן צופרידן, — האָט לאה העניע געפּרואווט מיט גוטן.

— בעל מלאכהשע קינדער גייען אַליין נישט אַראָפּ פון גלייכן וועג. יענע פירן זיי אַראָפּ פון וועג. מיט טויזנט אויגן מוז מען זיי נאָכקוקן, און דיינע ווייבער וויסן נישט וואָס סע טוט זיך מיט זיי, — איז פעלטע נאָך שרייערישער געוואָרן.

ס׳האָט אויסגעזען, אַז ער לעבט ממש אויף, ווען ער קען זיך צעלאָזן אויפן קול ווי נאָר ר׳האָט זיך דערוואוסט, אַז מ׳האָט שוין ווידער עמיצן געכאַפּט ביי דער האַנט.

— עך זאָג ענק, מ׳טאָר זיי קיינעם נישט גלייבן, — האָט דאָס גאַנצע פּנים מיט דער שווארצער באָרד געשיינט ווען ס׳האָט זיך גענומען קאָכן מיט אָרטשעלען, — נאָט ענק אַ שמעק טאַביק פאַרן גאַנצן יחוס זייערן.

— כ׳האָב מורא, פעלטע, אַז דו נעמסט אויף זיך צופיל, — האָט לאה העניע סוף כל סוף זיך אָנגענומען מיט מוט און אים באַשוואָרן, אַז ער זאָל דאָס מאָל זיך נישט מישן — די גאַנצע גאַס טייטלט אויף מיר מיט די פינגער. מ׳בריט מיר די טריט צוליב דיין גרויס מויל. כ׳האָב מורא, זאָג עך דיר.

— וואָס עפּעס פּלוצטאַלבן? ווער האָט ער דיך אָנגעשראָקן, בהמה די!

— עס ציטערט אויף מיר די הויט. וואָס האָבן זיי זיך אַזוי אָנגעזעצט אויפן דיין אומזיסט און אומנישט? ס׳ווערט זיי דען נישט באַצאָלט ווערן?! — האָט זי מער נישט געקענט איינהאַלטן די טרערן — און איצט העלפסטי זיי נאָך דערטשעפּען מיט אַ גרויסן רבינס אַן אייניקל. פאַר זיי וועלן זיך אפשר זייערע רביס באַמיען, אָבער ווער וועט זיך אָננעמען פאַר דיר? כ׳האָב מורא, זאָג עך דיר.

— לייען קרישמע, אַז דו האָסט מורא — האָבן אירע רייד אים נאָך מער אויפגעקאָכט, — מ'נאַרט אָפּ אַ גאַנצע שטאָט און עד זאָל גאָר שווייגן. די אמתע באַצאָלונג וועלן זיי קריגן, מיט גאָט זיין אין הילף — האָט ער נאָכגעזאָגט דעם קוואַטשס רייד — וועסטו נאָך זען, עד וועל זיי ערשט ווייזן ווער פעלטע גאַרבער איז!

— אַזוי, דו וועסט זיי ערשט ווייזן — האָט לאה העניע אזש אויפגע־צאַפּלט — ווי איז מיר, צו וואָס ער וועט אונדז נאָך ברענגען. מיינסט טאָקע, אַז עמיצער גלויבט אַז דו ביסט פרימער פאַרן דיין און פאַר אַרטשעלען. ביסט זיי פּשוט מקנא פאַר זייער ערלעכקייט, — האָט זי מיטאַמאָל אַרויסגעפּליוכעט דאָס וואָס איז איר די גאַנצע צייט געלעגן אויף דער צונג — פאַרזינדיקסט אונדז אַלעמען!

— אַזוי אַ מייַנסטי — האָט זיך פעלטע אַ לאָז געטאָן צו איר מיט רציחה אָבער זיך עפּעס דערשראָקן פאַרן אייגענעם כעס און זיך אַוועק־געדרייט צו דער טיר.

— יאָ, יאָ. שלאָג בעסער מעך איידער מיר זאָלן אַלע געשלאָגן ווערן. מיר דאַרפן דאָך נאָך קינדער צו לייטן ברענגען, — האָט זי מיט אַ כליפּ אים נאָכגעשריגן. ער האָט זי שוין אָבער נישט געהערט. ער איז אַוועק אויסלאָזן דעם כעס אויף די לעלערס אין בית־מדרש.

— — — — — — — — — — — — — —

אַ פּאָר טעג נאָכדעם ווי אַרטשעלע האָט פאַרלאָזט דאָס שטעטל, איז לאה העניע ווידער צוגעשטאַנען צו פעלטען.

— ווייסט כאָטש וואָס מ'רעדט, פרימער גזלן מיינער. דער לאַנגער יידל האָט פּונקט אַזוי פיל שכל ווי דו. געלאָזט זיך אָנרעדן פון דער חסידאַרניע און פאַרטריבן די קינדער. ווייסט כאָטש וואָס ר' האָט אים אָנגערופן? וואָס האָט ער געמיינט, אַז ס'וועט אים פאַרשוויגן ווערן? איצט איז אים שוין גיט דעם אַלטן נאַר. די גאַנצע גאַס איז דאָך טויב איצט. און דו קייעסט זיך נאָך אַליץ נישט. טאַנצסט מיט מיט זיי. כ'וועל דיך מער נישט לאָזן טשעפּען מיט קיינעמען, דו הערסט?! כ'וועל נישט לאָזן זאָלסט אויסגיסן די באַד. זאָלן זיי זיך טון וואָס זיי ווילן צווישן זיך. מיר דאַרפן זיך נישט מישן, — האָט זי אים אַפילו ניט געלאָזט אַרויסרעדן קיין וואָרט, — כ'וועל דיך נישט לאָזן בלייבן ווי אַן אָקס אויפן שפּיץ באַרג, —

איז זי אים נאָכגעגאַנגען ווי נאָר ר׳איז אַריינגעקומען פון גאַרבאַרניע און נישט אָפּגעלאָזט ווען ר׳איז צוריקגעקומען פון מנחה־מעריב. ביז שפּעט אין אָוונט האָט זי אים פאַרווינט דעם קאָפּ. ערשט פאַרטאָגצו איז זי אַנטדרימלט געוואָרן. אַ צערודערטער, אַן אויפגערעגטער איז ער אין דער פרי גלייך אַוועק אין בית־מדרש און אַפילו פאַרגעסן אויפצופּענען די שאַפּע פאַר די אַרבעטער. צוריקגעקומען איז ער פריער ווי אַלעמאָל אַ פאַרכמורעטער, אַ דערשלאָגענער; אַ וויילע געגלאָצט אויף דער שטוב ווי ער וואָלט עפּעס נישט דערקענט דאָ, און אַ שלאַבעריקער זיך פּלוצים אַוועקגעזעצט און געהאַלטן אין איין קוקן אויף די הענט.

עס האָט גענומען אַ היפּשע וויילע ביז ער האָט באַמערקט, אַז די קינדערס באַנק־בעטלעך זיינען ליידיק און לאה העניע שטייט מיט דער פּלייצע צום קוימען און קוקט אויף אים אַ פאַרווינטע.

— שוין אַוועק אין חדר אַזוי פרי? — האָט ער סתם אַזוי געפרעגט.

— אַבי דו ווייסט שוין איצט, אַז דיינע הענט זיינען נישט זייער גלייכן, — האָט זי אים געגעבן אַנצוהערן, אַז זי ווייסט שוין אַלץ וואָס ס׳איז פאָרגעקומען אין בית־מדרש יענעם פרימאָרגן. אין אַן איבעררייד צווישן דיין מיטן קוואַטש, האָט ער זיך אַריינגעמישט. אַרויסגעטריבן דעם דיין און דערלאַנגט אַ פּאַטש צו יצחקל דעם דיינס פונקט דאַן ווען יענער האָט גאָר געוואָלט איבערבעטן דעם קוואַטש.

— חורבן בית המקדש — האָט דער קוואַטש אַ צאַפּל געטאָן, זעענדיק ווי ווייט ר׳האָט דערפירט און צוזאַמען מיטן דיין פאַרלאָזט דאָס בית־מדרש. פעלטע איז געבליבן אַליין מיטן עולם דאַוונער, וועלכע האָבן זיך אָפּגערוקט פון אים ווי זיי וואָלטן זיך געמיאוסט צו שטיין אין זיינע דלד־אמות.

— איצט זעסטי שוין אַז מ׳האָט דיך געלאָזט אויף דער פלייש־באַנק? זיי וועלן זיך איבערבעטן און דו וואָס?

— אַזעלכע לעלערס! — האָט ער זיך פּלוצים אויפגעקאָכט און אַ זעץ געטאָן אין טיש — עך וועל זיי נאָך וויזן!

— וועסט שוין איינמאָל וויזן — האָט לאה העניע געכאַפּט די שאַל אויף זיך — כ׳וועל דעך נישט לאָזן פאַרזינדיקן מעך מיט די קינדער מיט דיין עקשנות. עך וועל אַליין לויפן איבערבעטן דעם דיין.

דאָס הייפּל

א

ווען „הייפּל", שפּאַרט מען זיך שוין פון יאָרן צי ס'איז אַ טייל פון דער „גאָרבאָרניע גאַס" צי פון דער „גרעבליע גאַס". אַנדערע, האָבן אפילו גאָר אַ ספק צי ס'איז בכלל אַ טייל פון שטעטל, און מ'דאַרף גאָר די דאָרטיקע יידן באַטראַכטן פונקט ווי די אַנדערע פּאָר יידן וואָס וואוינען אויף דער פערשטאָט:דאָרפסלייט און שוין. האָט עס אָבער אַ מזל, דאָס „הייפּל", וואָס ר' מרדכי ברויער האָט זיך דאָרט באַזעצט. קען מען זיך שוין נישט אָט אַזוי אָפּפּסקענען און אָפּזאָגן זיך פון אַזאַ יידן און אים סתם אַריינוואַרפן אין איין טאָפּ מיט פּשוטע דאָרפס־יידן.

ס'איז טאַקע אמת, אַז ער איז נישט קיין הינענדיקער, אַ געבוירענער, און אפילו נישט קיין היגער איידעם; און רופט זיך גאָר ווי די היינטיקע מיטן פאַמיליע נאָמען. אויך זיין הלבשה און זיין אויסשפּראַך איז כמעט פון אַ ליטוואַק שוין, אָבער מ'ווייסט דאָך אַז ער קומט פון גרויס־פּוילן ערגעץ, און זיין רבי איז אויך פון יענע קאַנטן.

— וואָס זשע האָט עך געוואָלט, אַז ער זאָל קומען אַהער און ענק זאָגן דעם צונאָמען ווי מ'האָט אים גערופן דאָרט אין יענעם מקום? רופט ער זיך אַזוי ווי עס רופן אים די פּריצים זיינע מיט וועלכע ער איז אויסגעבונדן.

— לאַנד און לייט זיינען אינדז מקנא מיט דעם וואָס מיר האָבן אַ מרדכי ברויער צווישן אינדז, וועט עך אים גאָר פאַרשטיפן ערגעץ אויף דער פערשטאָט?

— און אַז עך וועט אים אפילו פאַרשטיפן, וועט ער זיך דען לאָזן? אַז בסך־הכל האָט ער זיך אויסגעקליבן צו דאַוונען אין ריזשינער שטיבל גאָר און מישט זיך אין אַלע שטאָט געשעפטן, נישט ווי אַ צד אין די מחלוקתן, נאָר ווי אַן עצה־געבער און אַרויסהעלפער. מיט זיין שכל הישר האָט ער שוין נישט איין מחלוקה אויסגעגלייכט.

דאָס איינציקע וואָס ער האָט נאָך ביז היינט נישט אויסגעגלייכט איז דאָס שפּאַרעניש וואוהין דאָס „הייפּל" געהערט. און ס'איז טאַקע נישט

אַזוי פּשוט. ערשטנס, געפינט זיך עס שוין אַריבערן „קורצן בריקל" און נאָכן חרובן קלויסטערל, וואָס האַלט אין איין זינקען אין דער ערד אַריין צוליב אַ קללה פון אַ פּאַרצייטישן צדיק נסתר; און צווייטנס, איז עס אַ שפּאַן בלויז פון דער גויאישער פּאַרשטאָט, האַרט ביים ברוינעם מאַריאַטישן קלויסטער מיטן גאָלדענעם קופּאָל וואָס בלישטשעט אין זוניקע טעג העט אַריבער די זאַמדן לעבן טערקעוויטשער וואַלד. ווען די פּויערים קומען זיך צונויף אין אַ זונטיק צי אַ חגא, שטייט מען קאָפּ אויף קאָפּ ביז צום הויכן פּאַרקאַן פון „הייפל". ווען די קלויסטער־טירן טוען זיך אַ צעעפן, ווערט דאָס גאַנצע הייפל באַלויכטן פון די טונען ליכט וואָס פלעמלען דאָרט. אָפּגערעדט שוין, אַז דאָס געפּרעפל וואָס גייט אויף פון דאָרט צעשפּרייט זיך אין „הייפל" פראַנק און פריי. אַפילו אין די ווייטסטע צימערן קען מען זיך פון דעם נישט באַפרייען, סיידן מ'זאָל זיך פאַרשטאָפּן די אויערן. עס העלפן נישט די שווער־געקאָוועטע טירן פון פאַרנט און די דיקע ברייטע לאָדנס, וואָס לאָזן קיין שפּאַרונקעלע ליכט נישט דורך. דאָס טיפע יאָמערלעכע פּרעפלען פונעם דיאַקאָן באַגלייט פון אַ כאָר ווי איין גוס, שאַלט אין גרויסן דרויסן אַריין ווי באַפרייט זיך פון אַ פאַרהוילעניש, און פאַרפלייצט דאָס גאַנצע „הייפל" מיט אַ כוואַליע נאָך אַ כוואַליע קולות וועלכע גייען איינעמען די וועלט.

— וואָס זשע דאַרפן ייִדן פונקט וואוינען דאָרט, האַ?

— מילא, ר' מרדכי ברויער, קען זיך מן הסתם פאַרלערנען דאַמאָלסט, אַז ער הערט עס גאָרנישט. ער האָט דאָך טאַקע אַזאַ טבע צו פאַרטראַכטן זיך אַזוי, אַז מ'מעג צו אים שרייען הערט ער דיך נישט. אַזוי ווען ער שפּילט שאָך און אַזוי להבדיל ווען ער לערנט; און ער זאָגט דאָך אַלעמאָל אַז ער האָט אַ קבלה פון זיינע עלטערן, אַז די משפחה זייערע געהער צו די ערשטע וואָס האָבן זיך באַזעצט אין פּוילן און וועלן דאָרטן וואוינען מיטן אייבערשטנס הילף עד ביאת הגואל. זיינעם אַ זיידן, האָט מען עס ביים אָנקומען אין פּוילן געוויזן אין חלום אַ מחנה בינען רינגלען אים אַרום, האָט ער עס אויסגעטייטשט צו מיינען, אַז מ'עט דאָ דאַרפן אי הנאה האָבן פונעם האָניק אי ליידן פון די ביסן, און וואַרטן ביז ס'וועט קומען די צייט ווען דער גאַנצער גיפט וועט זיך אויסלאָזן. אויף וויפל ער ווייסט, האָט נאָך קיינער פון זיין משפחה נישט פאַרלאָזן פּוילן מיטן אייגענעם ווילן, און זיי וואוינען אַלעמאָל

אַט אַזוי צווישן שטאָט און דערפל. פאַרן פרעפּלען האָט ער קיין מורא נישט. דער גמרא ניגון און דעם רבינס זמירות זיינען די בעסטע סגולה. פאַר וואָס זשע אָבער שטופּן זיך אַהין די אַנדערע? און ווילן נאָך מ׳זאָל זיי אַריינעמען אין תחום פון עירוב. נישט אַנדערש, אַז ס׳איז עפּעס אַן אַפּקומעניש אַזאַ, רחמנא לצלן.

טענהן אָבער די פּאָר „הייפּל־לייט״, אַז סיי דאָס אַלטע בית־עולם און סיי דאָס נייע איז נאָך אַ מהלך רב פון זיי, און זוען נישט וואָס דאָס „קורצע בריקל״ איז אינמיטן, וואָלט דער עירוב סיי ווי געשטאַנען נאָכן „הייפּל״ צו צפון זייט, וואו עס הייבט זיך ערשט באמת אָן דער שמאָלער וועג צו דער פערשטאָט.

און ווידער, קוקט זיך גוט איין וועט איר זען, אַז „דאָס הייפּל״ איז אינגאַנצן נישט געבויט ווי די גויאישע פערשטאָט: אַ דירה מיט אַ גאַניקל אַרויפצוגיין מיט טרעפּלעך פון פאָרנט, און פון הינטן אַ גאָרטן. ס׳איז גאָר פּונקט ווי אין דער „גאַרבאַרניע גאַס״: אַ הייפּל מיט דינע שטאַכעטן אַרום, אינמיטן אַ דירה, און ביי דער זייט אַ פּאָר ביימער און אַ טויבן־שלאַק. פאַר וואָס זשע זאָל מען עס נישט צורעכענען צו דער „גאַרבאַרניע גאַס״? ווער געדענקט דען נישט, אַז אייניקע פון זיי האָבן טאַקע דאָרט געוואוינט אַ סך יאָרן?

און אַז מ׳וויל גאָר, מעג מען „דאָס הייפּל״ אָננעמען ווי דער סאַמע סוף פון דער „גרעבליע גאַס״ גאָר. ערשטנס, איז עס גאָרנישט אַזוי ווייט, און דער בעסטער סימן איז, אַז ווי נאָר מ׳קומט אַריבער „דאָס קורצע בריקל״ מיטן ליידיקן שטיקל וועג אַריבערן חרובן קלויסטערל, געפינט מען דאָרט נאָך היינט די צייכנס פון הויכע טאָפּלטע פּאַטשעניעס פּונקט ווי אין דער „גרעבליע גאַס״. ס׳איז דאָך גאַנץ פּשוט אַז צוליב דעם וואָס דער וועג ווערט יעדן פרילינג און האַרבסט פאַרפלייצט, זיינען די פּאַטשעניעס צעשטערט געוואָרן.

— פון וועגן אָן זשע, קען עס אַ פאַרפלייצעניש דאָרט אויסשליסן יידן פון אַ גאַנצן קהל?

— עס קען נישט זיין, אַז אַ שטעטל וואָס יחוסט זיך צו זיין איינס פון די „תשע קהילות״, זאָל זיך אַליין וועלן פאַרקלענערן, און צוליב וואָס? צוליב אַ קלויסטער דאָרט. גלייבצט מיר, איין שמע ישראל אינדזערער איז

מער מתקן ווי זיי קענען קאַליע מאַכן אין אַ יאָר — האָט ר׳ מרדכי ברויער מיט אַ שמייכל צוגעגעבן — אַן אמתער ריח ניחוח, פאַרשטייט איר מיך.

באַטראַכטן זיך טאַקע די „הייפלשע״ פאר שטעטלשע, און אפילו אין די שווערסטע צייטן נישט געפּראַווועט מאכן קיין מנין פאר זיך, און הערן נישט אויף צו פאַרלאַנגען, אַז דער עירוב זאָל איבערגעטראָגן ווערן ביז נאָכן „הייפל״.

— נאָך אַלעמען — האָבן זיך לעצטנס די דאָרפסגייער און בעלי־מלאכות, וועלכע לאָזן זיך אַרויס זוכן פרנסה אין דער פאַרשטאָט און נאָענטע דערפער, זיך געשטעלט אויף זייער זייט, — ווי נאָר מיר קימען צי צים „הייפל״, שפּירן מיר זיך שוין אין שטאָט. ווען די „היצלעס״ וואָס וואוינען נישט ווייט פונעם קלויסטער, ווערט גרויס אין די אויגן דער יידישער זאַק און רייצן אַן די הינט, וואוהין ראַטעווען מען זיך, האַ?

שטאָט ווייסט אויך, אַז ס׳איז אַ שטיק צוליב ר׳ מרדכי ברויער, וואָס דער גלח פון ברוינעם קלויסטער און דער אַלטער דאָקטאָר קאַפּרון, וואָס איז אַ שכן דאָרט, האָבן שוין נישט איינמאָל איינגעשטעלט דאָס לעבן און געלאָפן אין שטעטל אַריין ווען צעיושעטע באַנדעס האָבן זיך צעהוליעט. אָנגעטון אין דער פּורפּור מאַנטיע מיט דער באַזילבערטער ווייסער אויפגעשטעלטער יאַרמלקע אויפן קאָפּ איילט דער גלח קוזניצקי נאָך דעם דיאַקאָן און דר. קאַפּרון וועלכע טראָגן די הייליקע בילדער, און אַלע גלעקער פונעם קלויסטער הילכן זיי נאָך מיט אַ וואָרנונג: געדענקט, ס׳איז פאַראַן אַן אויג וואָס זעט און קוקט צו.

דער גלח מיטן דר. קאַפּרון זיינען אָפטע איינגייער ביי ר׳ מרדכין אין דירה. ערשטנס איז ער כמעט דער איין און איינציקער אין שטעטל וואָס רעדט פּויליש ווי אַן אמתער פּאָליאַק, און צווייטנס קען מען מיט אים שפּילן אַ שאָך וואָס זאָל אַזש הייבן פון בענקל. און ווייטער איז נישט קיין סוד פאַר זיי, אַז נאָך דעם „הייליקן לאַנד״ איז ביי אים די פּוילישע ערד די הייליקסטע אויף דער וועלט. דערפאַר ווערט זי אַזוי געפּייניקט כדי זוכה צו זיין, צו זיין פון די ערשטע אויסגעלייזט צו ווערן.

— אייערע שרייבן אויך אַזוי? — וויל אַלץ דער גלח אויסגעפינען ביי אים פון וואַנען ער נעמט עס — ביי אונדז האָט מען טאַקע לאַנג געגלייבט אין דעם, נאָר די היינטיקע הערן זיך מער נישט צו צו דעם. אָדער זיי

צעטרענצלען זייערע מאַיאָנטקעס אין די גרויסע שטעט ערגעץ, אָדער זיי רייסן זיך נאָר צו פאַרטרייבן „דעם בער״ — האָט ער סודותדיק כמעט ווי געשעפּטשעט, — זיי זיינען גרייט אפילו מיטן טיוול צו פאַרבינדן זיך — האָט ער זיך אויסגערעדט דאָס האַרץ און געוואָרט אַז דער פאַן ברויער זאָל געפינען עפּעס אַ זיכערן טרייסט פון די ספרים זיינע, וואָס קוקן אַזוי זיכער פון דער שראַנק אַראָפּ.

— איר זעט דר. קאַפּרון — האָט ער דעם דאָקטאָר צוגעפירט צו דער שראַנק ווי וועלנדיק זיך אָנשפּאַרן אין עפּעס גאָר זיכערס — אָט דאָ אַ שטייען די דורות זייערע פון טויזנטער יאָרן צוריק און פון אַלע עקן וועלט. און דאָ ביי אונדז וואַרטן זיי צוזאַמען מיט די אונדזעריקע אויף אחרית הימים. נישט אַזוי פאַן ברויער?

— וויפל זשע ווייסן פון דעם? — האָט דער דאָקטאָר סקעפּטיש געצויגן מיט די אָקסל.

— מ׳וועט וויסן, מ׳וועט מוזן וויסן. איידער עס ווערט ליכטיק מוז ווערן גוט פינצטער.

— ביז וואַנען אַלע וועלן זיך דערוויסן דעם אמתן אמת, איז עס זייער אַ גוטער סימן וואָס די וואָס ווייסן, זיינען גרייט אויף מסירת־נפש פאַר דעם — האָט מרדכי ברויער האַלב פאַרשטעלט אויסגעדריקט זיין ליבשאַפט פאַר זיי.

— אין דער מלחמה קעגן טיוול איז נישטאָ קיין איר און מיר — איז דער דאָקטאָר שוין אויך געוואָרן זיכערער אין זיך — מ׳מוז זיך אים אַנטקעגנשטעלן און פאַרטרייבן.

שטאָט האָט זיך דעריבער געפילט זיכערער מיט ר׳ מרדכין, און אפילו די שאַרפסטע פּרומאַקעס האָבן נישט געקענט וואַרפן קיין פלעק אויף אים פאַר וואָס ער פאַרברענגט שעהן לאַנג מיט זיי און מיט נאָך אַ פּאָר פון זיינע נישט יידישע שכנים. אפילו ווען מ׳האָט זיך דערוואוסט, אַז דאָס האָט ער זיך צונויפגערעדט מיט חיים לייבעלען צו לערנען אויך פּויליש מיט זיינע תלמידים, האָט קיינער עס נישט געבראַכט פאַרן מויל. פונקט ווי מ׳האָט נישט איבערגערעדט דאָס וואָס ער איז אַלעמאָל פאַרפּוצט און רויכערט פּאַפּיראָסן פון אויסלענדישן טיטון, וואָס פאַרשמעקט דאָס גאַנצע „שטיבל״.

— אַז ער האָט רק צו טאָן מיט פריצים און פאַרנעמע לייט, פּאַסט עס

אַזוי, — האָט מען פאַרשטאַנען, און אַ שמץ פון זיין בכבודיקן האַלטן זיך איז געפאַלן אויף אַלעמען.

דאָס איינציקע וואָס האָט געקענט אָנווייזן, אַז מיטן גאַנצן גרויסן זיך מיט אים באַטראַכט מען אים פאַרט נישט ווי קיין היגן, איז אפשר טאַקע דאָס וואָס ער איז דער איינציקער פון די „פּני" דאָ, וועמען מ'רופט ביים פאַמיליע נאָמען. אָבער קיין אַנדערער נאָמען קלעפּט זיך עפּעס פאַרט נישט צו אים. זיינוועלע לך האָט אפילו געפּרואווט אַמאָל צוקלעפּן צו אים דעם צונאָמען „דער פּוילישער", האָט ער געקראַגן אַזאַ באַגראַב פון אַלע זייטן, אַז ר'האָט שוין פאַרזאָגט אַ צענטן צוצורירן זיך מיט דער לצוואָטע צונג צו אים.

אָנגעקומען אַהער איז ר' מרדכי ברויער נאָך גאָר אַ יונגערמאַן ווי אַ „מענטש" פון אַ גרויס־פּוילישן וואַלד סוחר, און איידער מ'האָט זיך ארומגעקוקט איז ער שוין געוואָרן אַ חשוב אין אַלע אַרומיקע הויפן. דורך זיין האַנט גייען דורך אַלע פּריצישע תבואות און געהילצן, וואָס ווערן אָוועקגעשיקט מיט די טייכן ביז קיין דאַנציק. אין זיין פייער־קאַסע ליגן אַ וועלט מיט משכונות און נדבס פון אָרימע כלות. אויף זיינס אַ וואָרט קען מען מויערן שטעלן, אָבער ער אַליין באשטייט מ'זאָל פון אים נעמען אַ קוויטל אויף יעדער קלייניקייט וואָס מ'לייגט ביי אים איין. „אַ מענטש האָט זיך נישט אין דער האַנט", — שמייכלט ער זיך אונטער און טרעט נישט אָפּ פון זייניקן. און טאַקע צוליב דעם, זאָגט מען, האָט ער אַזוי נושא־חן געווען ביי די פּריצים, ווייל ווען דער היגער אַלטער פּריץ איז פּלוצים אַוועקגעפאַלן און דער משוגענער יאַנוש זיינער האָט צעריסן אַלע פּאַפּירן, איז דער ברודער געקומען צו לויפן פון פּאַריז גלייך צו ר' מרדכין, און ער האָט אים צום גראָשן אויסגערעכנט וואָס און וואו עס קומט. ווען דער יונגער פּריץ האָט זיך נישט געקענט אָפּוואונדערן פון זיין זיכרון, האָט ער אים ערשט אַרויסגענומען קאָפּיעס פון אַלע פּאַפּירן און געוויזן. „דער זיכרון אַליין, איז נישט שטאַרק גענוג צו קענען זיך אַנטקעגנשטעלן דעם יצר־הרע, ווען עס קומט צו געלט־זאַכן".

מ'זאָגט, אַז ער האָט דאַן געקענט נתעשר ווערן, ווייל ער אַליין איז געווען דעם פּריצס גרעסטער בעל־חוב.

— צוליב וואָס זאָלט איר מיך שטעלן צו אַ נסיון? — האָט ער זיך ממש

געבעטן ווען עמיץ האָט זיך געשפּאַרט מיט אים, נישט פאַרשטייענדיק צו וואָס מ׳דאַרף אַזויפיל פּאַפּירלעך, ווען דער עיקר איז דאָך דאָס וואָס מ׳גלייבט אים אויפן וואָרט.

באַזונדערס האָט ער אַרויסגערופן דרך־ארץ צו זיך מיט זיין באַנעמען זיך צו מענטשען סיי יונג סיי אַלט. עס האָט נאָך קיינער נישט באַוויזן אויסצוכאַפּן ביי אים קיין „גוט מאָרגן״, אָדער „גוטן אָוונט״. געמאָסטן און געוואויגן איז נישט נאָר זיין וואָרט נאָר אויך זיין גאַנג. טריט ביי טריט גייט ער זיך איבער די קליאַדקעס. דאָס בלאָנדע בערדל פאַרקעמט, אַזוי אַז יעדער האָר פעכלט באַזונדער, דער גוטמוטיקער שמייכל אויפן בלוט און מילך פּנים, שפּרייט אויפגעלייגטקייט אויף די שוועלן פון די אָפענע קראָמען וואו קרעמער שטייען מכלומרשט פאַרטייעטע און האַלטן די אויגן אָנגעשפּיצט אויף יעדן פּיצל קונה, וואָס באַוויזט זיך אין מאַרק. עס ווערט עפּעס גרינגער אויפן געמיט צו זען ווי זיין יאָמשן שטעקעלע מיט דער זילבערנער גאָלקע אויפן הענטל, שטרעקט זיך פאָראויס אַזוי גלייכמאָסיק און באַזאַכט, פּונקט ווי די ציכטיקע הלבשה זיינע, וואָס ליגט אויף אים ווי אויסגעטאָקט פון אויבן ביז אַראָפּ.

אין די וואַרעמע טעג, קען מען זיך זאַט נישט אָנקוקן אינעם קיילעכיקן טוכענעם היטל און דינעם כמעט דורכזיכטיקן לעפּאַגן כאַלאַטל. ווינטער, אין דער ברוינער אויפגעשטעלטער קוטשמע פאַררוקט אַביסל אויף דער זייט פון קאָפּ און אויף דעם גרויען געוואַנטענעם פוטער מיט די ברייטע אויסגעלייגטע קלאַפּן, וואָס פאַרשטעלן כמעט אַ האַלב בערדל. אַלץ אויף אים זאָגט עדות, אַז ס׳גייט אַ מענטש מיט וועמען לאַנד און לייט מעגן זיך לאָבן.

אויף אים קוקנדיק, וועלן גאָר אַ סך אויך אַ בליק טאָן אויף דער אייגענער קאַפּאָטע און זי אָפּשטויבן אין דער גיך, און זיך צוזאָגן, בלי־נדר ווי נאָר זיי קומען אַהיים, וועלן זיי מיט אַ נאָדל־פאָדעם פאַרשטייפן די לויזע קנעפּלעך און אויסגלייכן די קעשענעס וואָס שטאַרן אָפּ אַ חלשות צו קוקן. נישט טראַכטנדיק, וועט מען זיך באַמיען נישט צו מאָלן אַזוי גיך בשעתן רעדן. „נאָך אַלעמען, וואָס איז דאָ די אייליעניש? מ׳קען דען נישט רעדן ווי אַ מענטש?״

אויף זיין דירה רופט אַרויס דעם זעלבן דרך־ארץ. סיי ווען ער האָט געוואוינט אויף דער „גרעבליע״,שפּעטער אויף דער „גאַרבאַרניע גאַס״, און

אוודאי איצט אין „הייפל" — איז זיין דירה אַנדערש פון אַלע. אויב נישט מיטן גרינס פון פאַרנט און גאָרטנדל פון הינטן, איז כאָטש מיטן קאַליר און מיט דעם אייזערנעם קראַצערל, וואָס איז צוגעפעסטיקט צו דער רעכטער זייט פון טיר. מ'דאַרף דיר גאָרנישט נישט אָנזאָגן. דו ווייסט אַליין, אַז דער דרך־ארץ פאַרלאַנגט: „איידער דו גייסט אַריין אַהער, קראַץ גוט אָפּ די בלאָטע פון זיך". דערנאָך ליגט אין קאָרידאָרל אַ ווייך שטיקל געוואַנט, געפלאָכטן ווי אַ ראַגאָזשע, אין וועלכן מ'קען גוט אָפּווישן די פּאָדעשוועס. מ'איז ממש עובר אויף „בל תשחית" ווען מ'טוט אַ טרעט אַריין אַהין אויף דער גלאַנציקער פּאָדלאָגע מיטשלעפּנדיק מיט זיך די בלאָטע און שטויב פון גאַס.

דער טיש איז דאָרט אַלעמאָל אַ געגרייטער ווי צו אַ סעודה, און כאָטש ס'זיינען דאָרט אַלעמאָל דאָ מענטשן: סוחרים און סתם אַזעלכע וואָס קומען נאָך אַן עצה, צי עפּעס נעמען אָדער אָפּגעבן, אָדער גאָר שפּילן אַ שאָך, איז אַלעמאָל געמיטלעך שלווהדיק דאָרט.

— און וואו איז בטחון, ר' ייִד, נאָר בטחון און נישט פאַרלירן זיך, — געפינט ער פאַר יעדן עפּעס אַ וואַרעם וואָרט, — עס פירט זיך דאָך נישט אַליין, חס ושלום. ס'וועט שוין זיין רעכט פון מיין זייט אויך.

אין דעם העלפט אים שטאַרק אַרויס זיין בלימטשע. אַ לעבן אויף איר. אַ שטילע טויב איז זי. קוים וואָס מ'הערט זי, און שטענדיק אַ פאַרנומענע מיט די קינדער און הויז־אַרבעט. זי האָט אָבער אַלעמאָל צייט צו זיין די ערשטע אויפצונעמען דעם אַריינגעקומענעם, און בלויז פון איר שעפּטש ווערט געמיטלעך אויפן האַרצן.

— אָט אַ באַלד, וועט מרדכישי זיין פריי צו רעדן מיט ענק. טרינקט דערווייל אַ גלאָז טיי, נאָר וואָס פאַרפאַרעט. עץ זעט דאָך, מענטשן וואַרטן נאָך פון פריער.

אפילו ווען עמיצער קומט אַמאָל אַריין מיט אַ שווערער טענה, וואָס רייסט אויף די טיר מיט אַ פּראַל, ווערט זי עפּעס גלייך געמיטלעך איינגעהאַלטן אַריבערטרעטנדיק די שוועל.

— מרדכישי וועט אוודאי גערן עפּעס טאָן אין דעם. זאָל ער זיך נאָר אָפּפּאַרטיקן מיטן פריץ דאָרט.

אַזוי האָט זיך עס געפירט ווען פּרנסה איז געגרונען איבערן מויל און אַלע פּריצישע היפן זיינען געווען אָפּן פאַר אים, און אַזוי אויך אפילו נאָכדעם ווען עס האָט אָנגעהויבן גיין מיט דער פּוטער אַראָפּ, ווען די יונגע פּריצים האָבן פון די גרויסע שטעט גענומען ברענגען אייגענע „פאַקטאָרס" און זעלטן ווען אים צוגעלאָזט צו זיך.

— מיר מוזן האַנדלען נאָר מיט אייגענע, — האָט מען אַלץ אָפטער אים געגעבן צו פאַרשטיין אין די הויפן. צו אים און זיין ערלעכקייט האָבן זיי טאָקע גאָרנישט. אדרבא, זיי וייסן זיין ווערט, נאָר וואָס דען? ס'איז אַזאַ צייט היינט. מ'מוז אינזינען האָבן די אייגענע. פּוילן קעמפט פאַר איר לעבן און מוז זיך פאַרלאָזן נאָר אויף זיך אַליין.

דאָס האָט אים, פאַרשטייט זיך, שטאַרק צורודערט: „וואָס הייסט? דער פריץ האָט דען עפּעס דערלייגט צו מיר?" — איז ער געבליבן געדעכט סיי ביי זיך סיי ביים גלח קוזניצקי, וואָס האָט אים געפּרואווט טרייסטן, אַז די פּריצים ווייסן נישט וואָס עס טוט זיך מיט זיי און פאַרפירן דאָס פאָלק. צו קיין פּרנסה איז עס אָבער נישט געקומען. ס'איז געוואָרן אַלץ ווינציקער און שווערער. דער גלח האָט זיך זעלטענער אַריינגעשטעלט אין „הייפל" אַ שמועס צו טאָן, און ווען ר'איז שוין אַמאָל פאַרבייגייענדיק אַריינגעקומען, האָבן זיינע אייגענע תרעומתן צו די נייע פאַראַנדקעס נאָך מער דערשלאָגן דאָס געמיט. „ווער וויס, צי מיר וועלן קענען אין איינעם דערוואַרטן זיך צו גאָטס־קיניגרייך אויף דער ערד — איז ער אַלץ פאַרצווייפלטער געוואָרן, — מ'בריט אונדז די טריט, פאַן ברויער, פון אַלע זייטן. דער טייוול טאַנצט אַרום צווישן אונדז".

גאָר שווער איז געוואָרן מיטן אָנקומען פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, און נאָך מער נאָך דער מלחמה מיטן נייעם מלכות. פונעם גרויסן סוחר מיט וואַלד און תבואה, איז ביסלעכווייז געוואָרן אַ סוחרל ווי אַלע סוחרימלעך אין שטעטל. אַביסל מיט מעל, אַביסל מיט פעל און אַ שטיקל וואַלד דאָ און דאָרט: און אַז מ'מוז, איז וואַליוטע אויך אַן עסק. אַ פּאָר מאָל אין יאָר פאָרט ער צו זיין רבין ערגעץ אין גרויס־פּוילן און שלאָגט זיך אויס די הוצאות דורך ברענגען פון דאָרט מיט דער קליין־באַן עטלעכע פעסער באָפּט, אַ פּאָר זעקלעך צוקער אָדער זאַלץ. צי ער מאַכט גאָר ערגעץ אַ באַשטעלונג אויף מאַנופאַקטור און לייוונט, און שעמט זיך נישט צו שטיין ביי אַ געשטעל גליך ווי אַלע אין

אַ יאַריד טאָג. „עס טוט זיך דאָך נישט אַליין חס ושלום, דאַרף מען טאָן וואָס מ'וויל פון אויבן״ — רעדט ער זיך און אַנדערע אויס דאָס האַרץ.

דאָס בלאָנדע בערדל איז טאַקע אין דער צווישן־צייט געלבלעך גרוי געוואָרן; דאָס פנים אַביסל צעקנייטשט, אָבער נאָך אַלץ מיטן זעלבן שמייכל און גוטמוטיקייט. „מ'איז שוין איבערגעקומען שווערערע צייטן. אונדזערע עלטער־זיידעס — האָט ער מדריך געווען זיין בנימינען — איז שווערער געווען, און האָבן פון דעסטוועגן מורא געהאַט אויסצוטאָן די זאָקן ביים לייגן זיך שלאָפן, טאָמער וועלן זיי חלילה פאַרשפּעטיקן מיט א רגע דעם שופר של משיח. דער זיידע בנימטשע, וואָס דו ביסט אַ נאָמען נאָך אים, האָט געוואוינט אין אַ דאָרף, פלעגט אים דער משרת וועקן אַלע צוויי שעה און ביי יעדן קריי פון די העַנער. מ'קען דען וויסן ווען ס'איז די ריכטיקע מינוט. דער עיקר איז נאָר בטחון, בנימין, נאָר בטחון.

די מלבושים זיינע, זיינען טאַקע שוין אַביסל אָפּגעבליאַקעוועט און די פּאַפּיראָסן שמעקן נישט אַזוי ווי פריער, אָבער דער גאַנג איז נאָך אַלץ געלאַסן און דאָס יאָמשן שטעקעלע מעסט נאָך אַלץ די קליאַדקעס בנעימותלעך און גלייכמאָסיק. די דירה איז נאָך אַלץ די זעלבע ווי געווען: אַן אָפענע טיר און אַ גרייט גלעזל טיי פאַר יעדן, כאָטש מ'קומט שוין נישט אַזוי אָפט ווי פריער. די נאָענטע פריינט זיינע, פאַרשטייען אפילו נישט ווי ער קען עס אַזוי אָנהאַלטן שטאַט. זיי וויסן, אז ער לעבט מערסטנס פון גרייטן. נאָך יעדער נסיעה צום רבין מכלומרשט, פאַרשווינדט פון שטוב אַן אַנדער שטיקל געשליפן גלאָז און אַ זילבערנע פושקע אָדער בשמים־ביקסל, וואָס האָט ארויס־געפינקלט פון די שויבן שראַנקן אין די גוטע יאָרן. א סברה, אז א צאָל ספרים מיט די לעדערנע רוקנס און מעשענע שלעסער זעט מען אויך נישט מער. און בלימטשען האָט מען שוין נישט געזען אַנגעטון אין אַ שטיקל צירונג פון ווער ווייס ווען. אויף אים דערקענט מען עס אָבער נישט. זינגט זיך אַלעמאָל אונטער אַ ניגונדל און האָט פאַראיבל וואָס מ'קומט נישט צו אים אָפט.

— וואָסי, שפּילסט שוין גאָר קיין שאָך נישט? — קומט עס אויס ווי קיין אַנדערע דאגות האָט ער גאָר נישט. אז יענער גיט אים עפּעס אַ תירוץ וואָס געפעלט אים געוויינטלעך נישט, נעמט ער פאַמעלעך אַרויס אַ פּאַפּיראָס פון אַ פּאַפּירן שאַכטל און שמייכלט.

— מיינסט טאַקע, אַז פון אַ פּאַפּירן שאַכטל רויכערט מען נישט? איך שלאָף איצט רואיקער ווי אַמאָל. כ׳האַלט נישט קיינעמס נדנס. אַלעמען ברוך־השם אָפּגעגעבן. אויס פּאַפּירלעך. אמת, בלימטשע, נעבעך, קלאָגט זיך אַמאָל וואָס זי קען מער נישט געבן פון איריקן ווי אַמאָל. וואו זשע שטייט עס דען, אַז ס׳קומען מיר אַלע תענוגים? פאַראַן, ברוך־השם, נאָך יידן אין שטאָט — לאָזט ער יענעם נישט אָפּ ביז ער מוז צוזאָגן, אַז ער וועט בלי נדר קומענדיקן שבת־צונאַכטס צוקומען צו אים.

אויך מיט די נישט יידישע שכנים איז, דאַכט זיך, די באַציאונג געבליבן ווי געווען. ווי אין די אַמאָליקע יאָרן טרעפט מען זיך נאָך אָפּט ביי אַ גלעזל טיי אין „הייפל״ אָדער ביים אַראָפּנעמען די לעצטע פּרות פון דיביימער אין סעדל. אויף צומאָרגנס נאָך ניי־יאָר, שפּאַצירט ער שוין פאַרנט פון „הייפל״ גאַנץ פאַרטאָג כדי די ערשטע באַגריסונג זאָל זיין זיינע צום נייעם יאָר.

— זיי האַלטן דאָך עס פאַר אַ סגולה באַגריסט צו ווערן פון אַ יידן צום אַלעם ערשטן, — האַלט ער אָן דעם אַלטן מנהג גלייך ווי עס וואָלט גאָרנישט נישט געשען.

— די נייע פאַראַנדקעס זייערע, טרעפן זיי אויך. — ווענדט ער אָפּ אַלע טענות — זיי וועלן זיך מוזן באַדענקען, מיטן אייבערשטנס הילף, איר׳ט זען.

ב

נאָר מיט איין זאַך איז ער יאָ אַנדערש געוואָרן אין די לעצטע יאָרן. ווען עס קומט צו אַ כלל־זאַך, איז ער מער איינגעשפּאַרט ווי געווען. ער קען בשום אופן נישט פאַרשטיין פאַר וואָס עמיצער קען טראַכטן אַנדערש ווי ער. דער עיקר קאָכט ער זיך אויף, גאָרנישט ווי זיין שטייגער איז געווען, ווען ער דערוואוסט זיך אַז עמיץ האָט אָפּגעריסן זיין לערן־בחור פון „שטיבל״ און אים אָוועקגעשטעלט אין קראָם צי גאָר אָוועקגעגעבן צו אַ בעל־מלאכה.

— פאַר ווּעמען זשע האָט מען עס אַזוי פיל יאָרן געדרשנט און געלערנט און אָפּגעהיטן ווי דאָס אויג אין קאָפּ? — שטעלט ער זיך אַריין גלייך צו יענעם אין קראָם אַריין מיט אַ געבייזער — אַז אַלע וועלן אַזוי טאָן, וועט מען דאָך שוין באַלד דאַרפן זוכן אַ לייטישן בעל־קורא מיט ליכט. פון די

בעל־מלאכות קען מען דאָך עס נישט דערוואַרטן. ס׳איז דען פּאַר זייערע קעפּ? אויב אונדזערע קינדער אויך נישט, איז ווער זשע? — טרעט ער נישט אָפּ ביז ער פּועלט נישט, אַז לכל הפּחות עטלעכע מאָל אין וואָך וועט דער בחור קומען אין „שטיבל״ אַריין לערנען.

— די תורה טאָר נישט געמינערט ווערן, — איז ער אַלץ איינגעשפּאַרטער געוואָרן אין דעם — דורך אויפהערן לערנען טוט מען נאָר זיי צוליב, — האָט ער געפּרואוווט ווירקן צום ערשטן מיט גוטן און דערנאָך מיט בייזן אויף זיין בנימינען, וואָס האָט זיך ביי אים געבעטן, אַז אָדער ער זאָל אים לאָזן לערנען אַ מלאכה, אָדער צולאָזן העלפן אים אין דער פּרנסה. — דערווייל לעב איך נאָך ברוך־השם, און איך בין דיך מחויב אויסצוהאַלטן, און דו ביסט מחויב צו לערנען אי פאַר זיך, אי פאַר יענע וואָס קענען נעבעך נישט. עמיצער מוז דאָך קענען. פאַרשטייסט? — האָט ער גערעדט מיט האַרץ, — דיינע אבות האָבן זיך אַזוי געפירט און אַזוי וועסטו אויך טאָן.

— אָבער — האָט בנימין געוואָלט אים זאָגן, אַז ער ווייסט ווי ענג ס׳איז אין הויז און וויל צוהעלפן. ער האָט אָבער נישט געקענט קומען צום וואָרט.

— ס׳איז טאַקע אַ מצווה צו לערנען אַ מלאכה. די גמרא זאָגט, אַז דער טאַטע איז מחויב צו לערנען זיין קינד אַ מלאכה. ווען זשע איז דאָס אָבער גערעדט געוואָרן, ווען עס זיינען דאָ אַ סך לערנערס. היינט אָבער מוז מען מיט די ציין האַלטן די בחורים ביי דער גמרא. איך פרעג דיך, אויב נישט מיר, ווער זשע דען? כ׳האָב אָפּגעמאַכט מיט ר׳ דודן, אַז דו זאָלסט לערנען מיט זיין משהלען אינאיינעם. אַזוי וועט עס בלייבן, — האָט דער זון שוין געוואוסט אַז ער וועט שוין גאָרנישט פּועלן.

יאָרן שפּעטער, האָט עס אים שטאַרק באַנג געטאָן וואָס ער האָט אַליין מיט די אייגענע הענט איבערגעגעבן זיין בנימינען אין די הענט פון די „פּאַרפירערס״, ווייל שטילערהייט האָט שוין משהלע מער געזוכט אין די „טריף־פּסולן״ ווי אין דער גמרא. דאָס האָט ער דאָך אָבער נישט געוואוסט. און ווען ער האָט זיך דערוואוסט, איז ער שוין אַליין געווען אַזוי אַראָפּגעפאַלן ביי זיך, אַז ער האָט זיך שוין מיט קיינעם נישט געשפּאַרט און אַלץ אָנגענומען באהבה.

אָנגעהויבן האָט זיך עס מיטן עפּענען זיך פונעם „גאָרן־שטיבל״. דאָס האָט אים גאָר אַרויסגעבראַכט פון די כלים. דאָס וואָס זיי לייענען דאָרטן

מעשה־ביכלעך און זינגען עפּעס נייע זמירות, האָט אים דווקא נישט אַזוי געאַרט. איי, דאָס פּריצות פון ייִנגלעך מיט מיידלעך צוזאַמען, האָט ער אָבער פּאַרט נישט געקענט אַרויסברענגען פון זיך אַ חשד אויף יידישע קינדער, אַז זיי זיינען נישט געהיטן אין אַזעלכע זאַכן.

— חלילה — האָט ער אפילו נישט געוואָלט צוהערן זיך וואָס מ׳זאָגט, — בנות ישראל כשרות הן. לשון הרע איז ווי צרעת. און נאָכאַלעמען קומען דאָך אַהין מערסטנס די נחות־דרגא, וואָס קענען נעבעך נישט עפּעס אַנדערש. זאָלן זיי כאָטש אין עפּעס וואָס אַריינקוקן, — האָט ער מסכים געווען מיט ר׳ דוד דייך, אַז עפּעס אַ ניצוץ איז פּאַרט דאָרט דאָ. — זיי האָבן דאָך דאָרט די מעשהלעך ביכלעך פון היסטאָריע. זאָלן זיי כאָטש דאָס וויסן.

ווען דאָס „גאָרן־שטיבל״ האָט געעפנט די „ביליקע־קיך״ האָט ער זיך אפילו אַליין אַריינגעשטעלט אַהין צו זען מיט די אייגענע אויגן וואָס דאָס יונגוואַרג קען טאָן, און זיי טאַקע געהאָלפן נאָכדעם קריגן פּראָדוקטן וועלכע ס׳איז זייער שווער געווען צו באַקומען. אפילו ווען זיי האָבן זיך געגרייט צו שפּילן טעאַטער, איז ער נישט געווען צווישן די שטאַרקע קעגנער. זיין שאַרפע קעגנערשאַפט האָט זיך אָנגעהויבן ווי נאָר ער האָט זיך דערוואוסט, אַז די חברה גרייטן זיך גאָר אַוועקצופאָרן ווי נאָר די וועלט וועט ווערן אָפּן נאָך דער מלחמה. גרין און געל פלעגט ער ווערן פון כעס ווען עמיץ האָט געהאַט אַ גוט וואָרט פאַר זיי.

— פּושעים ומדיחים! — האָט ער געהאַלטן אין איין פייערן — מיט די אייגענע הענט אומברענגען אַ בניין פון דורות. וואָס הייסט זיי וועלן פאָרן. יעדעס שטיינדל דאָ האָט דאָך זכות־אבות. איבערלאָזן עס אויף הפקר, היה לא תהיה! — איז ער געוואָרן אויסער זיך און אַזש געשטאַמלט פון אויפ־רעגונג. — אוודאי איז נישט גרינג דאָ, אָבער ווען איז עס אַ יידן גרינג אָנגעקומען? די שונאים ווילן דאָך טאַקע, אַז מיר זאָלן אָפּטרעטן דעם וועג, צעשאָטן ווערן ווי פּראָך איבער דער גאָרער וועלט.

— וואָס רעדט עץ ר׳ מרדכי? — האָט מען אים געפּרואווט באַרואיקן — די קינדער גרייטן זיך דאָך צו פאָרן קיין ארץ־ישראל. יעקב אבינו אַליין האָט דאָך איינגעטיילט דאָס הויזגעזינד זיינס אין דריי מחנות, און איינע פון זיי איז געווען לפּליטה, אַנטרונען צו ווערן ווען מ׳וועט דאַרפן.

— אַ שיינער פאַרגלייך — האָט דאָס גרויע בערדל געציטערט ביי אים — דאָרט האָט מען זיך געגרייט אויף מלחמה אויך און דאָ אַנטלויפט מען. אַז ס'וועט קומען די צייט, וועמיר אלע ארויסגיין מיט שמחה, אָבער אַנטלויפן? ניין און ניין! מיר האָמיר בקבלה, אַז פוילן דאַרף זיין די לעצטע סטאַנציע ביז ביאת הגואל. פון דאַנען לויפט מען נישט. מיט לויפן פאַר דער צייט גיט מען נאָר אַ הכשר צו אַלע וואָס ווילן אונדז צערייסן און אָפּשטופּן די גאולה.

גאָר אַנגעצונדן איז ער געוואָרן ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אַז דעם דיינס קינדער זיינען גאַנצע מאַכערס ביי „זיי" דאָרט.

— אַז איר אַלע וועט אַוועקפאָרן פון דאַנען, איז אויף וועמען וועט איר איבערלאָזן די שטאָט? עס אַרט אייך טאַקע גאָרנישט, האָ? — האָט ער בשום אופן נישט געקענט פאַרשטיין ווי אַזוי מ'טאַנצט עס נאָך און מ'זינגט ווען מ'גרייט זיך אויסצולייזיקן אַ גאַנצע יידישע מדינה.

— מיט וועמען ווען מיר דאָ גיין צום טיש? — האָט דער צער ארויס־גערעדט פונעם אָפּגעצערטן פנים זיינעם און פון די אָפּגעבליאַקעוועטע בגדים.

— מ'לאָזט אונדז דען דאָ האָבן אַ טיש? — איז אים מיט אַ מאָל קלאָר געוואָרן אַז קיינער האַלט נישט מיט אים — מ'מוז דאָך אַנטלויפן. עץ זעט טאַקע נישט וואָס עס טוט זיך אַרום אונדז? — האָבן אפילו די, וואָס זיינען געווען קעגן די ציוניסטן, די אפיקורסים, אים דערווידערט.

— אַזוי, אַ מגיפה אַזאַ, רחמנא לצלן. דאַרף מען, הייסט עס מקבל באהבה זיין די גזירה, — איז ער אינגאַנצן אַראָפּגעפאַלן ביי זיך און געפאָרן זוכן טרייסטביים רבין. צוריקגעקומען איז ער נאָך מער אָפּגעצערט און דערשלאָגן, און גלייך פון דער פור אַוועק צו ר' דוד דיין און אַ גאַנצן טאָג געזעסן דאָרט שעפּטשנדיק שטיל און פאַרטרויערט ווי אַן אָבל.

ער האָט זיך מער נישט געשפּאַרט מיט קיינעם, זיך דערווייטערט פון שטעטל און אפילו פון זיינע נאָענטסטע פריינד. איז ער שוין יאָ אַמאָל געקומען אין „שטיבל" אריין, האָט ער אויך מער געשוויגן ווי גערעדט. אַ פאַראומערטער איז ער אַרומגעגאַנגען צווישן עולם און געקוקט אויף אַלעמען ווי עס וואָלט אים שווער געווען צו דערמאָנען זיך וואו ער געפינט זיך. אויך אין דער היים, האָט ער זעלטן גערעדט. אפילו ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אַז זיין בנימין איז איינער פון די לייט, וואָס גרייטן זיך צו דער מינוט ווען די

„גרויסע" פון „יענער זייט" וועלן איבערנעמען די ממשלה און אַלעמען אויסגלייכן, האָט ער אויך בלויז פּאַר יוצא וועגן אים אָפּערגעהאַלטן — דיינע זיידעס האָבן נישט אויף דעם געוואַרט; דיין גרייטעניש וועט דיר נאָך אויספּאַלן באָקעם, השם ישמרנו — און ווידער געשוויגן.

— ער איז שוין גאָרנישט דערזעלבער, לא עלינו, — האָט מען זיך געשושקעט וועגן אים און נישט געוואוסט מיט וואָס אים אויפצוהייטערן — אַריינגענומען זיך אַ מאַנקאַליע אין קאָפּ אַריין און גיי טו עפּעס.

מ'האָט געוואוסט, אַז קוים וואָס ער שטיקעוועט צונויף די וואָך חיונה און ס"האָט געריסן דאָס האַרץ צוצוזען ווי ער ווערט פון טאָג צו טאָג אַלץ אָפּגעלאָזענער און גייט ווי ער וואָלט זיך געוואָקלט. גאַנץ אָפט שפּאַנט ער אַרויס פון „הייפל" מיט קוראַזש, דאַכט זיך, און פאַרנעמט זיך מיט דער „גרעבליע" צום „רינג". קוקט מיט מאָדנע פאַרהויכטע אויגן אויף די האלב ליידיקע קרעמלעך, און פאַרנעמט זיך צו דער „מיטלסטער בריק". דאָרט שטעלט ער זיך אַ ווײַלע אָפּ און קוקט מיט שטאַרע אויגן אויף די באַלעגאָלישע וועגענער, און אײַלט צוריק אין „הייפל" אַריין דורך די הינטערגעסלעך.

— דאָס „הייפל" נעבעך, — האָט מען פון אַלע געסלעך אים נאָכגעקוקט ווי ער גייט און וואַקלט זיך — אַזאַ קלוגער ייד, אַזאַ בר־דעת געווען, און נאַדיר גאָר אַזאַ שטראָף מיט אַן איינגרעדעניש, השם ישמרנו.

דאָס געסל מיט די צוויי נעמען

א

די „שול־גאַס" און די „באָד־גאַס", זיינען בלויז אין נאָמען צוויי באַזונדערע געסלעך; אין דער אמתן איז עס גאָר איין געסל. אין גאַנצן אַ פּאָר צענדלינג נידעריקע געהויקערטע הייזקעלעך באַדעקט מיט שטרוי און שינדל־דעכלעך און צעוואָרפן אויף אַ בערגל־אַרויף, וואָס הייבט זיך אָן גלייך נאָכן „קלויסטער־גאָרטן" הינטערן „שמאָלן־געסל" און בויגט זיך אַוועק אין דער קרום ביז העט אַריבער דעם „פערד־מאַרק", נאָענט פון טראַקט וואָס פירט צו „דער מיטלסטער־בריק".

ביים סאַמע אָנהייב פונעם בערגל־אַרויף פון איין זייט, שטייט די אַלטע שול, דאָס בית־מדרש און דאָס ריזשינער־שטיבל; און פון דער אַנדערער זייט, ביים סאַמע סוף פונעם בערגל־אַרונטער כמעט ביים ברעג טייך שווין, שוואַרצט זיך די האַלב צעפוילטע געביידע פון דער באָד און הקדש.

ס'איז דעריבער געוועגדט פון וועלכער זייט מ'קומט אָן אַהין כדי צו וויסן אין וועלכן געסל מ'געפינט זיך: צי אין „שול־געסל" אָדער „באָד־געסל". און אויך דאָס מוזסטו אַליין פאַר זיך באַשטימען, ווייל קיינער וועט עס דיר דאָ אויף קלאָר נישט זאָגן. די, וואָס וואוינען לעבן דער שול, וועלן זיך פון דעסטוועגן אָפּהאַלטן פון זאָגן אַז דו געפינסט זיך אין „שול־געסל" כדי נישט אויסצוקוקן ווי באַרימער, ווייל פונקט דאָ נאָענט פון דער שול און בית־מדרש וואוינען מערסטנס באַלעגאָלעס, גלעזער, שטריקנדרייער, מצבה־קריצער, לאַטוטניקעס און טאַנדייטנע שניידער און דאַרפסגייער; און נישט אויסגערעדט זאָל עס זיין אויך אַזעלכע וואָס מ'מורמלט אויף זיי, אַז זייערע פינגער זיינען קלעפּיקע און דאַרפן נישט קיין קמיע צו „זען און נישט געזען" צו ווערן, ווען און וואו זיי ווילן נאָר. ווי זשע קען אַזאַ אַ זיך באַרימען, אַז ער איז אויך פון „שול־געסל" וואו תורה און חכמה שטייט אין סיי אין רבס גאָרן־שטיבל איבערן בית־מדרש און סיי אין די דירות פון די שוחטים און דיינים נישט ווייט פון דאַנען. און דווקא פון דער אַנדערער זייט לעבן באָד און הקדש וואוינען

די בעסטע דרדקי און איבערזעץ־מלמדים און גלאַט לייטישע באַלמעלאָכעס. וואָס פאַרקלינגען מיט האַרציקן זאָגן און זינגען דאָס גאַנצע געסל.

איז ווען מ׳פרעגט אַ הינענדיקן וואו ער וואוינט, וועט ער זאָגן: „נישט ווייט פון דער שול און להבדיל כמעט לעבן מרחץ״, אָדער „פונקט קעגן־איבער דער באָד און להבדיל, נישט ווייט פון דער שול״. דעם נאָמען „שול׳ אָדער „באָד־געסל״ מיידט מען אויס. איז עס דעריבער אַ געסל מיט צוויי נעמען, וואָס ווערן באַנוצט פונעם גאַנצן שטעטל אין פאַרשידענע צייטן און געלעגנהייטן, אָבער די איינוואוינער פונעם געסל מיידן בכלל אויס וועלכן עס איז נאָמען. ס׳איז גענוג פאַר זיי, וואָס כאָטש זייער געסל איז אין גאַנצן פון דער זייט פון „רינג״ און די אַנדערע מיוחסדיקע גאַסן פון שטעטל, איז עס אַלעמאָל פאָרט אין סאַמע צענטער פון אַלץ. וואָס עס זאָל נישט פאַסירן אין שטעטל, קלינגט עס גלייך אָפּ אין די חדרים און בית־מדרש דאָרט. און פון וועלכער זייט דו זאָלסט נישט אָנקומען אין געסל אַריין, וועסטו אָנטרעפן אויף עפּעס וואָס קיין אַנדער געסל האָט קיינמאָל נישט געהאַט און וועט שוין נישט האָבן.

פירט דיך דער וועג אַהין פון טראַקט, גייסטו מיט אַן אָפענעם פּלאַץ וואו אין יאַריד־טעג איז עס דער „פערד־מאַרק״ און אין געוויינטלעכע טעג פון יאָר דער „הינטערן־שול״, וואו קונדסים ווילדעווען אַרום אַלע פאַרנאַכט; שפּילן „שלי־שלך״ און „טיטשקע־פּאַלע״, און ברעכן איינער דעם אַנדערן אָן די ביינער. „כ׳וועל דיך שוין פּאַקן הינטערן שול״ — איז דאָס שרעק־וואָרט אין אַלע חדרים און דאָס אָרט וואָס ציט דיך צו זיך ווי אַ מאַגנעט. ביסט אין שאָטן פון דער אַלטער שול מיטן שפּיציקן דאַך, וואָס טורעמט אַרויף מיט קאָלירטע פענצטער און האַלב פאַרשטעלטע עפענונגען דורך וועלכע פייגל פליען אַריין און אַרויס מיט אַ צוויטשער, און קונדסים פּרואוון צילעווען אַהין שפּיציקע שטיינדלעך. אויפן סאַמע מיטן פון דער בלינדער מזרח־וואַנט הענגען פון קדמונים הילצערנע קאַסטנס באַוואַקסענע מיט מאָך און שטעכלקעס וואו כלערליי מינים פייגל נעסטיקן תמיד. קיין לייטיש ייִנגל וועט נישט וואַגן אַרויפצוקלעטערן אַהין און מיט די אייגענע פינגער אָנטאַפּן דאָס פוילע האָלץ. אַפילו דער טיף גרינלעכער מאָך וואָס באַדעקט די קאַסטנס ווי אַ פאַנצער און גלאַנצט פון ווייטן ווי גלאַטער פּליוש, קען נישט פאַרדעקן די שרעק און גרויל וואָס הויערט

דאָרט הענגענדיק אויף דער גרויער וואַנט נאָך פון די צייטן פון כמיעל דעם צורר, וואָס האָט דאָ אין די קאַסטנס דאָס שענסטע פונעם שטעטל געשאָכטן אויף כשר. און ווען דעם צוררס סוף איז געקומען און ס׳איז באַוואוסט געוואָרן אין געגנט, אַז משיח האָט זיך באַוויזן אין דער טערקיי, האָבן די לעבן־געבליבענע, יונג און אַלט, און מאַן און פרוי געשלאָסן אַ רינג ארום דער שול און געטאַנצט אַ מצווה־טענצל אַ גאַנצן מעת־לעת און פאַרקלאַפּט די קאַסטנס אויף אייביק און אייביק זינגענדיק דערביי „אויביו אלביש בושת ועליו יציץ נזרו״.

ווער זשע ווועט עס וואַגן צוצוגיין נאָענט צו דעם אָרט? בפרט, אַז עס קען גרייִלעך געמאָלט זיין אַז פונקט דאַן זאָל „מאָטיע משיח״, וואָס וואוינט אַריבערן וועג, זיצן ווי זיין שטייגער איז הינטער דער טיר און האַלטן אַן אויג אויף די קאַסטנס. ביסט דאַן מיטן לעבן נישט זיכער. אומגעריכט וועט אין דיין זייט אַ פלי־טאָן אַ שטעקן און אַפּילו אַ שטיק אייזן וואָס ער האַלט אַלעמאָל לעבן זיך זיצנדיק אויף דער וואַך.

יאָרן לאַנג האָט מאָטיע משיח געהייסן „דער קעלבערנער״ אָדער „דער דאָרפישער״, ווייל געקומען איז ער פון אַ דערפל דערלעבן, געעפּנט אַ יאַטקע און פאַרקויפט בלויז קעלבערן פלייש. אָבער נישט די קצבים און נישט דאָס שטעטל האָבן אים פאַררעכנט צווישן דער חברה קצבים, ווייל דער עיקר איז ער גאָר געווען אַ דאָרפסגייער און געהאַנדלט מיט וואָס נאָר עס קומט אין דער האַנט אַריין, און דערצו איז ער אויך אַ שטיקל טשודאַק געווען, גערעדט גיך און נישט קלאָר און פאַר דער מינדסטער זאַך אָפּגעווישט יענעם די נאָז: דרך־ארץ, דו רעדסט צו מאָטיען, פאַרשטייסט? נאָר גאָר פלוצים האָט ער פאַרמאַכט די יאַטקע און אָפּגעקויפט דאָס ווינקל־הויז אַקעגן דער שול, און גאָר נישט ווי פריער געוואָרן זייער אַ געהיטענער אין אַלץ. סיי מיטן אָנטון, סיי מיטן גאַנג און דער עיקרביים דאַווענען. לאַנגע שעהן אָפּגעזעסן אין בית־מדרש איינהערנדיק זיך צום לערנען פון די בחורים, און אַליין אויך גענומען קוקן אין ספרימלעך אויף עברי־טייטש. גערעדט האָט ער ווייניק, ממש געציילטע ווערטער. שבת האָט ער אינגאַנצן געשוויגן און דאָס וואָס ר׳האָט שוין געמוזט זאָגן, האָט ער עס געזאָגט אין אַזאַ אויסטערלישן לשון־קודש, אַז קיין מוטער־בריאה האָט עס נישט פאַרשטאַנען אַ חוץ דער מאָטיעכע, וואָס האָט זיך אויסגעלערנט צו פאַרשטיין

אים אויפן וואונק. בלויז אין זעלטענע פאַלן, און דאָס נאָר ווען מ'האָט אים אַרויסגעפירט פון די כלים, האָט ער געקענט אַרויסברענגען אַ פּאָר זאַצן אויף אַ מאָל. און תמיד האָט עס געהאַט אַ שייכות מיטן ענין משיח און תחיית־המתים.

מאָדנע שמועותן האָבן זיך גענומען טראָגן אין שטעטל וועגן אים, און כאָטש מ'האָט געהאַלטן אַז די לצים האָבן עס אויסגעטראַכט, האָט מען פאָרט דערציילט, אַז ערגעצוואו אין גאַליציע האָט מען אין אַ רבישן הויף געקראָגן פון ארץ ישראל אַ בינטל כתבים פון אַ פאַרצייטישן מקובל, וואו סע רעדט זיך וועגן נאָענטן קומען פון משיחן, און אַז דאָרט ווערן דערמאָנט די היגע „קאָסטנס". עפּעס וועט געשען אַרום זיי וואָס ס'וועט זיין דער ערשטער צייכן, אַז די משיח־צייט הייבט זיך אָן.

וואָס דאָס האָט פאַר אַ שייכות מיטן „קעלבערנעם" האָט מען אויף קלאָר נישט געוואוסט, נאָר ס'האָט געהייסן, אַז ער האָט די כתבים געזען אָדער געהערט פון זיי ביי זיין לעצטער נסיעה קיין גאַליציע, און דאַן האָט ער עס ראַפּטום גענומען און געקויפט דאָס ווינקל־הויז אַקעגנאיבער דער שול. ווען ר'איז נאָר אין דער היים זיצט ער ביים פענצטער אָדער הינטער דער טיר און נעמט נישט אַראָפּ קיין אויג פון די קאָסטנס. בחורים וואָס זיינען אויף „משמורים" דערציילן, אַז ווען זיי זאָלן נישט פאַרבייגיין זיין דירה הערט זיך אַ שטיל מורמלען הינטער זיין טיר. נישט אַנדערש אַז ער זיצט דאָרט און זאָגט אויף אויסנווייניק. פאַרשטייט זיך, אַז חברה בחורים גלוסט זיך אַמאָל אַ טשעפּע טאָן, האָט מען גענומען שרייען און רופן: „קעלבערנער", ר' מאָטיע! אָבער ער האָט זיך קיינמאָל נישט אָפּגערופן. נאָר אַז ס'איז וועמען איינמאָל איינגעפאַלן אַ רוף צו טאָן: „משיח"! האָט זיך די טיר אויפגעפּראַלט און דער „קעלבערנער" האָט זיך באַוויזן אַ צעשויבערטער, אַ צערודערטער און באַלד צוריק צוגעהאַקט די טיר. די בחורים האָבן בלויז באַוויזן צו באַמערקן, אַז אויפן יאַטקע קלאָץ וואָס שטייט ביי אים אין פאַדערהויז, האָט אַ חלבן ליכטל געברענט און די קצבישע האַק איז געווען אַריינגעשטעקט אין קלאָץ מיט אַ שפּיץ.

אַזוי האָט מען איבערגעגעבן, אָבער אויך דאָס האָט מען נישט געקענט געפינען קיינעם פון די בחורים צו זאָגן ,אַז ער איז אַליין געווען דערביי און עס אַליין געזען. פון דעסטוועגן, האָט מען אים הינטער די אויגן שוין

אַנגעהויבן רופן „משיח" און קונדסים האָבן פון צייט צו צייט זיך אַ רייץ געטאָן מיט אים דורכלויפנדיק פאַרביי זיין הויז מיט געפילדער און געזאַנג: „אליהו הנביא, אליהו התשבי, במהרה יבא אלינו עם משיח בן דוד". אויפגעציטערט איז ער אַלעמאָל געוואָרן פון דעם געזאַנג, נאָר נישט אַלעמאָל האָט ער זיך געלאָזט נאָכלויפן נאָך די קונדסים מיט אַ שטעקן. פאַרקערט ער פלעגט זיי אָפט גאָר ליבלעך נאָכקוקן און שמייכלען.

זיין געוויינלעכע פירעכץ האָט זיך אויך נאָך דעם נישט געביטן. זונטיק פרי פאַרטאָג, האָט ער זיך אַרויסגעלאָזט אין דאָרף אַריין און צוריקגעקומען ערשט מיטוואָך. דאָנערשטיק נאָכן דאַווענען, האָט ער געעפנט די טיר פונעם פאָדערהויז וואו עס האָט זיך באַוויזן אַ קלאָץ מיט קעלבערן פלייש. ער האָט זיך געשטעלט האַקן די זייטלעך פלייש מיט אַזאַ ערנסט און אַריינגעטוענקייט ווי ער וואָלט געשטאַנען ביי אַן עבודת הקודש. ער האָט אַזוי מאַרקירט, אַז אין יעדן פאַרציע פלייש זאָל זיין אַ ביינדל: „סע קומט צונויץ צו אַ גריץ און אַ באָרשטש", האָט ער נישט קוקנדיק די ווייבער אין די אויגן אַריין געהאַקט און געטיילט, און געלאָזט דער מאַטיעכען זיך חשבונען מיט די קונהטעס. „דאָס ביינדל רעכן עך נישט אויף דער וואָג. דאָס איז אַ צולאָג לכבוד שבת", איז אויסגעקומען ווי ער איז עפּעס מכוון מיט דעם. זיינע קונהטעס, מערסטנס אַזעלכע וואָס קענען זיך נישט פאַרגינען צו קויפן קיין שטיקל רינדערן פלייש ביי אַן אָנגעזעענעם קצב, האָבן אין געאייל אַרומגערינגלט דעם קלאָץ, שטייענדיק ממש איבער אים און אויף די טרעפּלעך פון דער הויכער פּאָטשענע פאַרן הויז בעטנדיק זיך: „ר' מאָטיע, מיר פריער, ס'קינד איז דאָרט אַליין".

— אוודאי איז דאָס קינד אַליין, וועלעכס קינד איז דען נישט אַליין? — האָט ער זיך געטאָן זיינס נישט קוקנדיק אַפילו אין זייער זייט אַריין, — אַ פינטעלע, צוויי פינטעלעך און אָט זיינען גאַנצע דריי, — האָט ער זיך צוגעציילט די וואָג מיט הנאה ממש. אָבער אַז מ'האָט אים שוין גאָר דער־קוטשעט און דער טומל איז געוואָרן צו גרויס, איז ער אָפט אַרויס מיט אַ ירגזון:

— זאָל זיין שטיל, נשים! דרך ארץ, די שול איז דערלעבן דאָ!

אַן אַנדערש מאָל איז ער גאָר אַרויס פון די כלים — וואָס בין עך ענק, אַ קאָצעלייניקל דאָרט. דרך־ארץ חציפהס, כ'קען בעסער לערנען פון ענק!

די ווייבער האָבן דאָן שוין געוואוסט, אַז ס׳מוז ווערן שטיל און ענטפערן טאָר מען גאָרנישט נישט, ווייל ער קען זיך אויפהויבן אינמיטן דערינען און אַוועקגיין פון קלאָץ, — „וועט משיח קומען אַן אַנדערש מאָל, אָן אייער פליישיקער סעודה״ — איז ער דאַן נאָך קלענער געוואָרן ווי ער איז אין דער אמתן געווען. ס׳האָט אויסגעזען ווי דער קלאָץ וואָלט אים אין גאַנצן פאַרשטעלט פון אַלעמען, בלויז דאָס גרוילעכע בערדל האָט מען געזען צוקט און טרייסלט זיך עפּעס מאָדנע, און אויפן קלאָץ הוידעט זיך נאָך אין פאַרלאָזנקייט די גלאַנציקע האַק, וואָס איז מיט אַ שפּיץ געבליבן אויף דער העלפט שטעקן אין אַ זייטל פלייש.

„אַ טשודאַק אַ ייד, אַ וואָרער משוגענער״ — האָט יעדע איינע פון די ווייבער געטראַכט פאַר זיך. נאָר אין דער הויך, כדי איבערצובעטן אים, האָבן די וואָס האָבן אים געקענט לענגער, פאַרפרומט זיך גענומען פאַר־ענטפערן: „אַ ניש ווייסן מיר דען ניש מיט וועמען מיר רעדן, ר׳ מאָטיע? לאָמיר אַזוי דערלעבן משיחן צוזאַמען מיט כל ישראל ווי מ׳ר ווייסן. ס׳איז דאָך אָבער ביי אינדז אילימאָל דער קירצער פרייטיק, איילט מען זיך שוין דאַנערשטיק אויך. האָט נישט קאַ פאַריבל ר׳ מאָטיע, פאַרלענגערט ניש דאָס גלות!״

— חס ושלום, נשים. דער אייבערשטער זאָל היטן. עץ דאַרפט נאָר גערעדנקען וואו עץ שטייט. עץ זעט אָט דאָרט אַ די קאַסטנס. דאָרט וועט מען בקרוב נאָך טאַנצן דאָס מצווה טענצל, — האָט ער געקוקט אַריבער זיי ווי נישט זעענדיק קיינעם מער און גענומען מורמלען עפּעס צו זיך — דאָ אַרום וועט מען קומען נאָך דער טבילה ביים „אַלטן בריקל״, אַנטקעגנ־צוגיין צו דער „לאַנגער בריק״.

נישט הערנדיק וואָס ער מורמלט און נישט ווייסנדיק וואָס צו זאָגן מער, האָבן די צעטומלטע ווייבער גענומען צורעכט מאַכן די שאַלן אויף זיך און זיך גענומען רוקן הינטערווילעכטס, נאָר דאָ האָט שוין די מאָטיעכע זיך אַ נעם געטאָן צו אים מיט אַ געבייזער: — מאַכסט אינדז דאָך אומגליקלעך מיט דיינע הוריותן. מ׳עמער נאָך קימען אויף בעטל ברויט האַשעם שמאַרייני (השם ישמרנו).

— ני, ני, געוואַלדעווע ניש, — האָט ער זיך צוריק אַ נעם געטאָן צו דער האַק, — אַז עץ זענט בלינד און זעט נישט און ווייס נישט. נאָט ענק

אַ פּינטעלע מיט אַ ביינדל און ענק און ענק — האָט ער אויף שנעל צעטיילט די פּאַרציעס פליש און שוין פאַרביסן געשוויגן.

ווען אַלע ווייבער זיינען שוין אַוועק און די מאַטיעכע רייניקט דאָס פּאַדערהויז פון דער בלאָטע וואָס מ׳האָט דאָרט אָנגעטראָגן, שטייט ער נאָך אַלץ ביים קלאָץ און מורמלט: „וואָס ווייסן זיי מישטיינס געזאָגט אויף וואַסער ערד מ׳יר גייען דאָ אַרום״.

— אָבי די ווייסט, — רייסט זיך עס אַרויס פון דער מאַטיעכען שוין נישט צום ערשטן מאָל, — זינט מיר וואוינען דאָ, בין עך שוין אַליין געוואָרן אַש און ערד לעבן דיר. קיק דעך נאָר אָן ווי די זעסט אויס, דיינע הוריותן וועלן מעך נאָך טרייבן צו — —

— מ׳דאַרף זעך גרייטן צי שבת, — הערט ער מער נישט איר קלאָגן זיך און טענהן. ער טוט זיך איבער אין דער גיך. די וואָכעדיקע יאַטקע קליידער פאַרשטעקט ער אין אַלמער און טוט אָן אַ מין סאָרט חול־המועדיקע מלבושים: אַ טוכן היטל מיט אַ הויכער דענקע און אַ קאָרטן כאַלאַטל און אַ פּאָר שטיבלעטן. אַלץ מלבושים וואָס זיינען צווישן שבת און אינדער־וואָכן. דאָס איז דער סימן, אַז מיט דער וואָך האָט ער שוין פאַרענדיקט אָבער דער גאַנצער שבת איז נאָך נישטאָ. זעצט ער זיך דערווייל אַוועק לעבן קלאָץ, לאָזט די דרויסנדיקע טיר אַ שפּאַרונקעלע אָפן און קוקט אָנגע־שטרענגט דאָ צו די קאַסטנס וואָס אַקעגנאיבער און דאָ צום „חתונה גערטנדל״ וואָס איז אין דער רעכטער זייט, ביים פאַרנטיקן אַריינגאַנג צו דער שול.

דאָס גערטנדל איז אַרומגעגרויזט מיט דינע הילצערנע שטאַכעטן. ווילד פאַרוואַקסענע בערגלעך ערד ווי קברים שטאַרן אַרויס דאָרט אינעווייניק פונעם פלאָנטער פון גראָזן און נידעריקע שטעכיקע ביימלעך. אַהין גייט מען קיינמאָל נישט אַריין. בלויז תשעה באב ביינאַכט ווען קיינער זעט נישט, גנבענען זיך אַהין אַריין די קונדסים אָנצערייסן באַדזעקעס אויף צו וואַרפן אין די האָר. אַ גאַנץ יאָר גייט מען עס פאַרביי אין איילעניש. ביינאַכט איז בכלל נישט כדאי דאָרט דורכצוגיין. ווי נאָר עס ווערט פינצטער אין שול, און דאָס גרויסע בית־המדרש שטילט זיך איין שוין נאָענט צו חצות, מיידט מען אויס צו גיין נאָענט צו דעם פּלאַץ. אַפילו די וואָס האָבן קיין

מורא נישט פאַר די מתים וואָס שלייכן זיך דאָן אין שול אַריין כדי נישט צו פאַרגעסן דעם וועג אַהין ווען ס'וועט קומען די צייט פון תחיית המתים, גייען פון דעסטוועגן אַרום און אַרום. (דער אמת איז, אַז מ'דאַרף נישט מורא האָבן פאַר די מתים, ווייל זיי גייען דאָך מיט זייער אייגענעם וועג און האָבן נישט קיין רשות צו באַווייזן זיך צו קיין לעבעדיקער בריאה ווי ס'איז באַוואוסט צו יעדן איינעם וואָס קוקט אריין אין א מוסר ספר. דאָס אָרט אָבער איז נישט קיין היימלעכס און שוין.)

בלויז אין אַ חתונה נאַכט, ווען גאַנץ שטעטל שטופּט זיך פאַרן שול־הויף אַרום דער חופּה מיט פלאַקערנדיקע הבדלות און ליכט אין די הענט, וואָגט מען אויך צו שטיין לעבן פלויט פון גערטנדל. און נישט איינעם דאַכט זיך אויס צו זען בחוש ווי צווישן די פלעמלעך וואָס שפּרינגען אַרום פון בערגל צו בערגל אינעם גערטנדל, ציטערן אַרום דינע לאַנגע שאָטנס. קוק זיך נאָר גוט איין וועסטו זען, אַז אָט שלייכן זיי זיך זייטיק צווישן עולם און פאַרפּלאָנטערן זיך אינעם פריילעכן געזעמל, וואָס מישט זיך אויס מיט די גרויליקע ווינטיקע קולות וועלכע טראָגן זיך פון די הויכע צעצווייגטע טאָפּאָליעס אַרום דער שול; און אָט גיבן זיי זיך אַ ציי צוריק הינטערווייַלעכטס צו די שפּאַלטן פון די שטאַכעטן פונעם גערטנדל און בלייבן ליגן אויסגע־צויגן אויפן ווערגל צום פינצטערן געסל אין אָנגעשפּיצטער ציטערנדיקער וואַרטעניש, גרייט צום אַנטלויפן און פאַרהוילן ווערן אין דעם חושך מיטן בערגל־אַראָפּ לעבן דעם „פּאַשע בריקל". ווי אין יענער נאַכט בשעת דער צורר איז באַפאַלן אַ יידישע חתונה און געטויט דעם חתן מיט דער כלה און אַלע מחותנים, וואָס האָבן נישט באַוויזן צו אַנטלויפן אויף יענער זייט. פון דאַן אָן קומט מען אַהער מיט אַלע יידישע חתונות.

מיט ליכט און הבדלות און פריידיקן געזעמל פון קלעזמאָרים רינגלט מען אַרום דאָס גערטנדל און מ'קוקט נישט אין דער זייט פון די שאָטנס. און די וואָס קוקן יאָ און זען, ציטערן אין זיך און רעדן נישט דערפון. שטום איז די פינטערניש הינטערן גערטנדל און פאַרהוילן זיינען די שאָטנדיקע מחותנים.

— גלאָצסט שוין ווידער? — האָט די מאָטיעכע געפּרואווט אָפּרייסן אים פון שטומען קוקן, אָבער מיט דער צייט האָט זי זיך, ווייזט אויס, צוגעוואוינט, און אפשר — ווער ווייס, אַליין אויך אָנגעהויבן זען עפּעס,

ווייל אַז מ׳פרעגט זי „וואָס מאַכט עפּעס ר׳ מאָטיע אייערער?״, האָט זי שוין דעם גרייטן ענטפער: „וואָס זאָל ער מאַכן? ער קיקט, געלויבט האַשעמעס בורעך״ (השם יתברך).

האָט מען שוין נאָטירלעך וואָס ווינציקער געפרעגט און ווי ווייט מעגלעך נישט ווײסנדיק געמאַכט זיך. דער איינציקער וואָס האָט אַלעמאָל עפּעס צו דערציילן פון מאָטיעס זעענישן, איז דער בלינדער פּנחס וואָס האַלט זיך אויף הינטערן אויוון אין ריזשינער שטיבל. ווען נאָר ער שטאָלפּערט פאַרביי מאָטיעס טיר, שטעלט ער זיך אָפּ אַנשפּאַרנדיק זיך אויפן סענקעוואַטן שטעקן, הערט זיך איין אַ רגע און פרעגט: „ני, מאָטיע, זעסט עפּעס?״

שפּעטער צו, נאָך מנחה־מעריב, ווען ער דערפילט אַז די שטיבל בחורים זיינען שוין אַליין, טוט ער זיך אַ רוק אַפּער פון הינטערן אויוון און גלאָצט פאַר זיך מיט די רויטע אויגן־לעכער רעדנדיק צום שטילן גמרא ניגון וואָס טראָגט זיך פון די טישן. — „ני, וואָס זאָגט עך ניש צי אים? ער האָט שוין ווידער עפּעס געזען?״

אַז די בחורים זיינען אויפגעלייגט און ווילן זיך אַביסל אַ שפּיל טון מיט אים, רוקט מען זיך צו נענטער צו אים און מ׳נעמט אים ציען ביי דער צונג ער זאָל זיי אויסמאָלן וואָס יענער האָט געזען, און ווי נאָר ער הייבט זיך אָן צו פּאַרפּלאָנטערן מיט דער צונג און שטאַמלען, ווי אַלעמאָל ווען ר׳איז זייער אויפגערעגט פון עפּעס, גיט מען אים אַ פּאַרטשעפּע מיט אַ קלוגיטשקער פראַגע: „און עך, ר׳ פּנחס, גלייבט אים טאַקע?״

— „לאַבעסעס!״ — טוט ער זיך ראַפּטום אַ דריי אויס און שטאָלפּערט צוריק הינטערן אויוון — „עך זענט אַפּילו טויב אויך, גרויסע לעלערס (לערנערס) מיינע.״

אַ גאַנצן טאָג דרייט דער בלינדער פּנחס די קאָרבע אין דער שעטשקאַרניע ביי לייזערל קראַפּ אין שאָפּע. איינגעשפּאַנט אין אַ לעדערנעם פערד־געשפּאַן שטאָלפּערט ער אַרום דער שנייד־מאַשין אַרום און אַרום באַוועגנדיק די קאָרבע וואָס אַז זי פאַרכאַפּט די קוליעס שטרוי וועלכע פאַלן אַריין אין דער מאַשין דורך אַ שמאָלער עפענונג פון דער הויך, אַז זי באַוועגט די מעסערס וואָס צעהאַקן דאָס שטרוי אויף שעטשקע. נאָכן אָפּאַרבעטן

אַ פּאָר שעה קומט אים שוין אויס צו טאַפּטשען אין הויפּנס שעטשקע, און אַ פֿרייכנדיקער, קוים שלעפּנדיק די פֿיס, זעט ער אויס ווי אַ באַוועגלעכער קלימפּער פֿון געהאַקטער שטרוי. בלויז די רויטע אָנגעדראָלענע בלינדע אויגן־לעכער בלינצלען אומהיימלעך אַרום זיך ביז ער קען עס שוין מער נישט אויסהאַלטן און טוט זיך אַ שטעל אָפּ. מיט אים שטעלט זיך אויך אָפּ דאָס האַקן און טאַראַראַקן פֿון דער מאַשין. עס הערט זיך בלויז זיין פֿרייכן און כריפּען: „אַ כאָליערע זאָל עס נעמען, שפּאַנט מעך אויס! כ'וועל דאָך שוין באַלד קראַפּירן פֿון דעם שטעכעכץ!"

פֿון דעם פּלוצימדיקן שטיל ווערן, כאַפּט מען זיך אין שטוב אַז מ'מוז זיך איילן אויסצושפּאַנען אים, אַז נישט קען ער נעמען טראַסקען מיטן סענקעוואַטן שטעקן אין אַלע זייטן, אַז פֿון דער גאַנצער מאַשין זאָל באַלד קיין זכר נישט בלייבן.

— שוין באַלד, ר' פּנחס! — שפּאַנט אים לייזערל אויס און שטופּט אים אַריין אַ מטבע אין דער האַנט אַריין.

— אינעם ברויט האָט עץ שוין פֿאַרגעסן, אַ כאָליערע אין די געדערים.

— שעלטס ניש ר' פּנחס, מ'טאָר ניש. עץ שטאַמט דאָך עפּעס פֿון די שיינע יידן, שטאַמט עץ דאָך. אָט איז ברויט, אַ סוכאַרקע ממש — רוקט ער אים אַריין אַ שטיק פֿאַרדאַרט ברויט אין דער פּאַזוכע אַריין.

— שיינע יידן, אַן אויסקוואַרעניש רבונו של עולם. אַפֿילו דאָס דאַרע ברויט פֿאַרגינט מען דאָך ניש. פֿונעם טאָפּ שלעפּט מען אַרויס. מ'קען עס גאַרנישט אויסבאַהאַלטן, — קייעט ער די ווערטער מיט די הוילע יאַסלעס און שטאָלפּערט אַוועק צוריק צום הינטערן אויוון אין ריזשינער שטיבל, וואו עס שטייען זיינע טעפּ מיט וואַסער אין וועלכע ער ווייקט דאָס ברויט כדי צו קענען עס עסן אָן ציין. די טעפּ פֿאַררוקט ער אונטערן שעניק און אונטער די בענק און אין דער הרובע ביז ער פֿאַרגעסט וואו ר'האָט זיי פֿאַרשטעקט און נעמט אַרומטשאַפּען מיטן שטעקן אין איין רציחה, — מ'האָט מעך באַגזלט! רוצחים, וואָס האָט עץ צי מיין ברויט. עך טשעפּע דען אייערע יאַיכלעך. לאָזט מעך מיט מיין ברויט!

נישט איינמאָל ווערט ער אַזוי ווילד, אַז ער נעמט האַקן מיטן שטעקן אין אַלע זייטן און צעברעכט וואו אַ לאָמפּ אין שטיבל. געוויינטלעך אָבער, איז דער בלינדער פּנחס אַ צוריקגעהאַלטענער, אַ שטילער און קען גאַנצע

טעג אָפּליגן הינטערן אויוון און קוים אויסשטרעקן די האַנט צו איינעם פון זיינע טעפּ מיט געווייקטן ברויט כדי עפּעס איבערצוכאַפּן. מער ווי אַ שטיל וואָרטשען הערט מען נישט פון אים. אָדער ער קען גאָר זיך צושאַרן אין דער שטיל נישט ווייט פון אַ טיש וואו מ׳זיצט און מ׳לערנט. אָנשפּאַרן זיך אַ האַלב געבויגענער אויפן גראָבן סענקעוואַטן שטעקן און איינהערן זיך, מאַכנדיק דערביי מיט די ליפּן ווי ער וואָלט נאָכגעזאָגט. ער קען אַזוי אָפּשטיין שעהן און נישט מיד ווערן. די רויטע אויגן־לעכער זיינען אים דאַן פאַרמאַכט. בלויז די לאַנגע אויערן זיינען אָנגעשפּיצט גלייך ווי ער וואָלט עפּעס מער ווי געהערט. ר׳איז אַזוי אַריינגעטון, אַז דער גאַנצער אויסגעצויגענער קערפּער מיט דער צעקאָלטנטער רויטער באָרד פול מיט שעטשקע שפּאַרט זיך פאָרויס, ווי ער וואָלט עפּעס אַלץ געוואָלט איינשלינגען. פּלוצים גיט עס אים אַ טרייסל אויף און ער טוט זיך אַ צעמרוקע: „וואָס האָט עך זעך אַזוי צעלעלעט (צעלערנט) פּלוצ׳ים. עך זעט דען ניש ווי ביטער עס איז, האַ?!״

אויב קיינער כאַפּט זיך מיט גאָרנישט נישט ארויס דאַן, קען ער אזוי נעמען אויסקלאָגן זיין גאַנץ ביטער מזל פון סאַמע אָנהויב אָן. פון דעם ווי פון פּאָקן זיינען אים יונגערהייט די אויגן אויסגערונען ביז צו דעם ווי די שטומע מיכליע מיט וועמען מ׳האָט אים חתונה געמאַכט בשעת דער כאָליערע, האָט ביי אים צוגענומען די פּאָר גילן (גילדן) און צום סוף אַרויסגעוואָרפן פונעם אַלקער, וואָס שטאָט האָט פאַר זיי געדונגען. קיינער האָט זיך דאַן נישט אָנגענומען פאַר אים פּונקט ווי איצט. מ׳פאַרגינט אים נישט דעם הינטערן אויוון זיינעם אויך. „עס שטינקט, זאָגן זיי. זאָלן זיי אויסשמעקן זייער חלק, די שיינע יידן״, — לאָזט ער אויס זיין ביטער געמיט מיט אַ קללה: „אַ כאָליערע אין די געדערים!״ און רוקט זיך צוריק צו זיין הינטערן אויוון וואו ער וועט ווידער אָפּליגן שעהן און קיין פּיפּס נישט טאָן.

אַן אַנדערש מאָל אָבער שטורעמט עס פון אים מיט אומרו און געבייזער. ווי נאָר ער שטעלט זיך אַריין אין שטיבל באַדעקט מיט שעטשקע און יאָשע שמש וויל אים אָפּטרייסלען און אָפּרייניקן אַביסל, טוט ער אַ זאָג אויף: „ביסט שוין אויך אַ שיינער ייד, שאַרלאַטאַן די! וואָס ווילט עך פון מיר? עך בין דאָך אַ פערד איינגעשפּאַנט אין דער קאָרבע ביים

קראַפּ אין שאַפּע. ווי קים עך צי שיינע יידן? דער טאַטע עליו השלום איז געווען אַ ליטישער ייד. געיושבט ביים רבין און מעך געלאָזט אויף הפקר מיט בלינדע אויגן, — נעמט ער צופּן די פאַרטריקנטע צויטן וואָס הענגען אַראָפּ פון זיינע רויטע אויגן־דעקלעך ווי צעפּלעך. — דאָס ברידערל אליקומל האָט געהאַט אין וועמען צו געראָטן. טרינקט אויס אַ פלעשל אין איין שמע ישראל און קען אַלע תורות אויף אויסנווייניק. איי ווייַ, אַ שיינער ייד! — איז ער שוין פאַרטיק מיט אויגן דעקלעך און נעמט זיך צופּן די באָרד, — פנחסן טרייבט מען ווי דעם סוטה. אפילו דעם היינטערן אויוון מאַכט מען מיר ענג. אליקימל וויל פּטור ווערן פון מיר, פּאַסט אים נישט אַ שעטשקע שניידער פאַר אַ ברידער. אָבער עך דאַרף דאָך אויך לעבן, יאָשע, האַ? זאָגסט עפּעס? — ווערט ער עפּעס פלוצים ווי אויסגעלאָשן, — אפשר וואָלטן מירביידע זיך אַ לאָז געטאָן איבער דער מדינה און פּטור ווערן פונעם קראַפּ און מיכליעלע די גנבטע, וואָס אָבי זי דערשנאַפּט ביי מיר אַ גראָשן, ווערט זי חבר־לאָווער אויף אַ נאַכט און באַלד אויסגעריינען. כ׳על זי איבערלאָזן אַן אייביקע עגונה״ — שלעפּט ער זיך צום הינטערן אויוון אין גאַנצן אַ געבויגענער, אַן איינגעשטילטער. ערשט ווען חברה ייִנגלעך פאַרגלוסט זיך אַביסל איבעררייסן די מאָנאָ־טאָנעקייט פון אַ גאַנצן זומערדיקן טאָג לערנען און חזרן, און נעמען זיך אַרומיאָגן אין שטיבל, כאַפּט ער זיך אויף:

— וואָיוועט נישט, שקצים! — טוט ער זיך אַ ריס נאָך זיי מיטן שטעקן, — ווייסט עך כאָטש, אַז ס׳אי שוין כלו כל הקצין!

— פון וואַנען איז עס געדרינגען, ר׳ פנחס? עך האָט עס אַליין געזען? — מאַרקירט מען אויס צו שטיין געגנוג וויט פון זיין שטעקן.

— פרעגצט מאַטיען. ער זעט. ער ווייסט. ער וועט אַפילו מכוון זיין די ריכטיקע מינוט. ווען די גייסט דורך זיצט ער און היט.

— ער איז דאָך משיח, — צעלאַכן זיך די חברה און לאָזן זיך ווידער אין געיעג אַרום דעם שולחן. פנחס אָבער נעמט האַקן מיטן שטעקן אין דיל מיט אַזאַ ירגזון, אַז דאָס גאַנצע שטיבל ציטערט:

— און עך ווייסט אַז ניש, מחוצפים! עך ווייסט שוין איינמאָל ווער ס׳איז ווער דאָ היבען און ווער סע זעט אויף דער וואָר, — פאַרכליניעט

ער זיך מיט אַמאָל מיט די אייגענע רייד און נעמט גלאָצן פאַר זיך מיט די אָנגעצונדענע אויגנאַפּלען מיט אַזאַ אומהיימלעכקייט, אַז אַלע וואָלטן געקענט שווערן אַז נישט נאָר קוקט ער, נאָר ער זעט טאַקע אויך עפּעס אויסטערלישס.

— דער קעלבערנער איז משיח און ר׳ פּנחס איז זיין נביא, — כאַפּט זיך ווער פון די יינגלעך אַרויס.

— וואָס דען די שיינע יידן זיינען עס? שקושע, ס׳מעג ענק פּאַסטן! — שטאָלפּערט ער זיך צוריק צום הינטערן אויוון, נאָר שוין גאָר פּאַמעלעך ווי ציילנדיק די טריט — ס׳מעג ענק פּאַסטן!

ווען נישט וואָס דער טאַטע זיינער, חיים ליכטציער ע״ה, איז געווען אַ שאַרפער ריזשינער חסיד, וואָלט מען שוין לאַנג געזען אים משלח צו זיין פון שטיבל, אָבער יעדעס מאָל ווען מ׳רעדט דערפון שטייט אים דעם טאַטנס זכות ביי. עס טרעפט אַפילו אַז מ׳טיילט אים צו אַביסל כבוד אויך. ווען ס׳איז עפּעס אַ הילולא, און עמיץ דערמאָנט זיך נאָכצוזאָגן אַ וואָרט וואָס דער טאַטע זיינער האָט אַמאָל געזאָגט, דערמאָנט מען זיך אין פּנחסן און מ׳טראָגט אים אונטער אַ גלעזעלע משקה מיט אַ קיכעלע, וואָס ער ווייקט גלייך איין אין איינעם פון זיינע טעפּ און פּאַסמאַקעוועט זיך: „פּאַרט שיינע יידן. גאַרנישט אַפּצושאַצן, כ׳לעבן.״ ער גלייכט זיך אַפילו אויס דאַן און שטעלט זיך אַוועק לעבן טיש אָנלענענדיק זיך אויפן שטעקן און מישט זיך אַפילו אַריין מיט נאָכזאָגן אַ וואָרט חסידות פון זיין טאַטנס וועגן.

אַביסל שפּעטער אָבער קען ער שוין ווידער שטיין אין מיטן שטיבל און פייערן אויף די שיינע יידן וואָס רייסן אים אַרויס דעם ביסן פון מויל, אָדער ער גיט זיך מיט אַ רעש אַ רייס אַרויס פון שטיבל און לאָזט זיך שטאָלפּערן מיט די קליאַדקעס צו מאַטיעס טיר און נעמט גליאָמדזשען מיטן מויל אָן ציין: „בי מאַטעניו, קיקסט נאָך אלץ, האַ?״

ווען עמיץ אַנדערש וואָלט אַזוי גערעדט פאַר מאַטיעס טיר און פענצטער, וואָלט ער געקראָגן מיט עפּעס אין קאָפּ אַריין דערפאַר, אָבער ווי נאָר מאַטיע דערזעט דורך דער שפּאַרונע אַז ס׳איז פּנחס, עפנט ער ברייט די טיר און קוקט אים לאַנג אַריין אין די אויגן־לעכער:

— עך זע און זע און זע אַרים און אַרים.

אויף צו מאַרגנס וועט גאַנץ שטעטל שוין וויסן וועגן דעם און זיך מכלומרשט נישט וויסנדיק מאַכן פונעם גאַנצן עסק. און אויב ס'איז דאַנערשטיק, וועלן די ווייבער ווידער שטיין פאַרן קלאָץ אין זיין פאָדערהויז און אין איילעניש כאַפּן די פונטעלעך קעלבערן פלייש לכבוד שבת, וואָס בלויז ביי „מאָטיע משיח" קריגט מען אַזעלכעס. און דער בלינדער פּנחס וועט ווידער דרייען די קאָרבע אין לייזערל קראַפּס שאָפּע דערלעבן און גלאָצן אַרום זיך מיט די רויטע פאַרפּאַפּטע אויגן־לעכער ביז ער וועט זיך צעשרייען: „אַ כאָליערע אין די געדערים! שפּאַנצט מען אויס. עך קען נישט מער!"

ב

דער נאָענטסטער און היימישסטער וועג צום געסל מיט די צוויי נעמען איז פאַרביי דעם „קלויסטער־גאָרטן" וואָס נאָכן „שמאָלן געסל". דאָ הייבט זיך אָן דאָס „בערגל־ארויף", וואו א פּאָר צענדלינג הייזקעלעך שטייען ווי צוגעשפּיליעט צום שפּיץ פון בערגל און קוקן אַראָפּ פון יענער זייט צו דער באָד און הקדש פונקט אַנטקעגן דעם „פּאַשע בריקל" וואָס הענגט אַלעמאָל אויף משקולת, און גרויס און קליין מוזן זיך פון דעסטוועגן באַנוצן מיט דעם יעדן טאָג.

איז אויב דו גייסט מיט דעם וועג, קענסטו נישט אויסמיידן דאָס געמויערטע קעלערל וואָס שטאַרט אַרויס פון דער זייט פון בערגל ביים סאַמע אָנהייב פון אַרויפגאַנג. אַ ריח פון פוילקייט, האַרבע רפואות און אַ פאַרלעגערטער גערוך פון ציגאַרן־רויך טראָגט זיך אַלעמאָל פון דאָרט. אינעווייניק הינטער דער בלינדער טיר באַדעקט מיט שמאַטעס און קליאַטשע און דעם שמאָלן פענצטערל וואָס ליגט שוין האַלב אין דער ערד, פוילט איבעראַנאַנד פּיישע דער נאמן. שוין פון כמה יאָרן פוילט ער דאָרט און רייצט די נייגעריקייט פון יעדן יינגל וואָס קומט אָן אין יעקב יאָשעס איבערזעץ־חדר דאָרט פון אויבן איבערן קעלערל. די פענצטער פונעם „חדר" ליגן ממש אָנגעלענט אויף דער הינטערשטער זייט דעכל פון קעלערל, און ווי נאָר די פרילינג זון טריקנט אויס די בלאָטעס אַרום און מ'קען שוין עפענען אַ פענצטער, מוז מען עס גלייך פאַרמאַכן צוליב די ריחות וואָס קומען אַרויף פונעם אָפענעם פענצטערל דאָרט אונטן צוזאַמען

מיט דעם פּישטשנדיקן קרעכצן פונעם חולה: „אוי ווי, דאָס אברל טוט מע ווי!"

ווער דער חולה איז און ווי לאַנג ער ליגט אָט דאָ, איז נישט צו שווער צו דערוויסן זיך. פון אַ וואָרט דאָ און דאָרט וואָס מ'קריגט אַרויס פונעם רבין אָדער אין דער היים ווען מ'שטייט צו צו דער באָבען, קומט עס אויס אַז מיט יאָרן צוריק איז ר' פּיישע נאמן געווען דער הויפּט בעל־דעה אין שעכטהויז און די רעכטע האַנט פונעם אַלטן רב. געווען אַ תקיף ביי זיך און זיך נישט אָפּגעשטעלט פאַר מחלוקת. „עך זעט די באָרד — פלעגט ער ווען ער האָט געדאַרפט עפּעס אויספירן, נעמען דאָס שוואַרצע געדיכטע בערדל זיינס אין דער האַנט אַריין און ווי ציילן יעדן האָר באַזונדער, — נישטאָ קיין איין האָר אין איר, וואָס איז זיך נישט גרייט מוסר נפש זיין פאַר כשרות".

נאָך אַזאַ זאָג, האָט שוין קיין קצב נישט געוואָגט צו עפענען דאָס מויל און דער שוחט האָט צוריקגעלייגט דעם חלף אין דער שייד, און אַפילו דער רב האָט געשוויגן. מ'האָט געוואוסט אַז הינטער ר' פּיישען שטייט דאָס גרעסטע „שטיבל" פון שאַרפע חסידים וואָס ווען דורס זיין יעדן איינעם וואָס וועט וואַגן אַקעגנצושטעלן זיך דעם רבינס אַ שני בשלישי און אַ גרויסער מקורב דערצו. „ער, זאָל לעבן", האָט אים טאַקע אַריינגעשטעלט אַהער אַלס נאמן.

יעדער חסידים־שטיבל האָט זיך געהאַט אַן אייגענעם שוחט וואָס האָט געדאַרפט פּרנסה. האָט מען זיך געריסן איבער אַ קצב, איבער אַ באַלעבאָס, איבער יעדן העלדזל פון אַן עוף און אוודאי איבער יעדן בהמהלע צום שעכטן. דער נאמן האָט אַכטונג געגעבן אויף אַלעמען. אי אויף די שוחטימס חלפים אי אויף די קצבימס ערלעכקייט און געהיטנקייט מיט כשרות. איז זייער אָפט געקומען צו תרעומותן וואָס האָבן געפירט צו מחלוקת. די הויפּט מחלוקתן זיינען מערסטנס אַרויסגעקומען מיטן ריזשינער שטיבל און זייער שוחט, קעגן ווען מען אַלע אַנדערע שטיבלעך זיינען אַלעמאָל געווען אויפגעטראָגן צוליב זייער גרויס האַלטן זיך מיט זייער גזע, וואָס איז כידוע „וואָרער הוד מלכות", און אַלע אַנדערע גזעס זיינען בלויז אַ בלאַסער אָפּשיין פון אמתן חסידות. זעלטן ווען, אַז ווער פון ריזשינער שטיבל, זאָל זיך באַווייזן ביים „טיש־פירן" פון אַן אַנדער רבין

וואָס איז געקומען צו זיינע חסידים, שוין אָפּגערעדט פון גיין אָפּגעבן שלום. „נישטאָ וואָס צו זען. ביטול זמן" — האָבן כלאחר־יד איבערגעגעבן די וואָס זיינען אַמאָל יאָ געגאַנגען. „פּויליש חסידות, אייסעך דאָרט וואָס" — האָבן זיי מבטל געווען אַלץ און אַלעמען מיט אַ מאַך פון דער האַנט, אַפּילו ווען מ'האָט זיי נאָכגעזאָגט דאָס שאַרפסטע וואָרט אָדער דערציילט דעם גרעסטן מופת. — „וואָס ווייסט עך, מישטיינס געזאָגט, וואָס אַ רבי איז. אין אַ פּשוטן מיטוואָך בייגינדז (ביי אונדז), זעט מען מער זוי ביין ענק ימים נוראים."

אַזעלכע דיבורים האָבן אָפּט געפירט צו שאַרפע אַריינזאָגעכצן פון אַנדערן צד און אַפּילו צו פּעטש.

— ביין ענק קאָכעט מען זיך דאָך אין חיצוניותן. אין פערדלעך מיט קאַליעסן. נישט אומזיסט ווערן ביי ענק נכשל די סאַמע גרעסטע, אַז נאָר מ'סטראָצלט זיך און מ'פּיצט זיך, — האָט מען זיי אָפּערגעוואָרפן מיט שטעכלקעס און תרעומות.

— און אַז מ'וועט ענק שוין אַפּילו זאָגן דעם טעם פון „מלך פורץ גדר", וועט עך דען פאַרשטיין? — האָקט שוין אַ ריזשינער חסיד אָפּ מיט נאָך גרעסערן ביטול און לאָזט יענעם שטיין אַ געפּלעפטן.

האָט מען זיי דעריבער געהאַלטן פאַר פורצי־גדרניקעס און אויך גערופן „חוץ לארצניקעס" און אַפּילו זיך אָפּגעהאַלטן פון עסן פון זייער שחיטה. גאָר שאַרף איז דאָס מחלוקת געוואָרן, ווען ס'האָט זיך דערטראָגן אין שטעטל אַריין, אַז אין איינעם פון די הויפן פון די ריזשינער קינדער גרייט מען זיך צו עפענען אַ ישיבה וואו מ'וועט אויך לערנען לימודי־חול. עס האָבן אָנגעהויבן אָנקומען וואָרנונגס־בריוו פון די אַנדערע רבישע הויפן, און איידער וואָס און ווען איז דאָס ריזשינער שטיבל ממש געשטעלט געוואָרן אויסערן גבול. אַפּילו די פּשוטע באַלעבאַטים פון בית־מדרש, וועלכע האָבן זיך געוויינטלעך נישט געמישט אין די חסידישע מחלוקתן, און אַבי דער רב מיטן נאמן האָבן געזען דעם שוחטס חלף איז פאַר זיי שוין גענוג געווען, אַפּילו זיי האָבן איצט זיך צוריקגעהאַלטן פון קויפן פלייש פון ר' אריה דעם ריזשינערס שחיטה. שוין אָפּגערעדט פון אַליין שיקן אַן עוף צו שעכטן ביי אים.

— אוודאי איז ר׳ אריה אַ ייד אַ למדן, אַ געהיטענער אויך. אָבער אַ העכט, פאַרשטייט עך מעך, פילט זיך פון קאָפּ.

— אַז אַ וועלט איז קעגן, — האָבן אַנדערע זיך פאַרענטפערט, — קען עך מעך ניש לייגן מיט אַ געזונטן קאָפּ אין אַ קראַנק בעט אַריין.

— דער חלף זיינער, איז פאַרשטייט זיך על פּי דין גוט געשטעלט, — האָט דער נאמן צוגעגעבן ווען אַ פּאָר בית־מדרש באַלעבאַטים זיינען צו אים געקומען מיט אַ בפירושער שאלה. זיי האָבן נישט געקענט פּועלן ביי זיך פּוגע בכבוד צו זיין ר׳ אריהן דעם שוחט און סופר סת״ם, וואָס האָט ימים נוראים געדאַוונט ביי זיי שחריתים, און דער עיקר האָבן זיי נישט געוואָלט אים שלאָגן אין דער פּרנסה — די מלאכה קען ער און צו זיין תורה האָב עך אויך גאָרנישט. ר׳איז אַפילו אפשר אַן ערלעכער ייד אויך, אָבער „כלה שעיניה טרוטות, כל גופה צריך בדיקה״. (אַ כלה וואָס האָט שוואַכע אויגן, דאַרף מען בודק זיין איר גאַנצן קערפּער). ס׳איז וואוהין ער קוקט און מיט וועמען ער איז באַנאַנד, — האָט דער תקיף זיך גערעדט גאַנץ געלאַסן און יעדן וואָרט האָט פון דעסטוועגן געגליט מיט פייער — ווען עך פאָלגט מעך, וואָלט עך אויך מגיה געווען דאָס ספר וואָס ר׳האָט געשריבן פאַר ענק. און אויב עמיצער דאַוונט אין זיינע תפילין — — —

— הייסט עס, אַז עך האָט אים געאַסרט?! — זיינען די יידן פאַר־ציטערט געוואָרן.

— עך?! חלילה. ער אַליין מיט זיין פאַרעכץ אַהין, איז אַ יורד לחייו. וואָס זשע איז דאָ שייך „מיאַכקע לבבות״ — איז דער תקיף שוין אַרויס מיט לשון.

אַזוי האָט דאָס מחלוקת זיך צעפלאַקערט און אַריינגעצויגן אַלע חסידים שטיבלעך און סתם באַלעבאַטים און אַלע קצבים מיט די שוחטים. עס איז געקומען דערצו, אַז נאָענטע משפחות האָבן זיך דערווייטערט איינס פון דאָס אַנדערע. שכנטעס וואָס האָבן יאָרנלאַנג געליגן איינס דאָס אַנדערע כלים און שטוב־זאַכן, זיינען מיטאמאָל געקומען צום רב מיט א שאלה וועגן זייערע כלים. אז א באלעבאָסטע האָט חושד געווען, אז ביי איר בעקער געפינט זיך א טשאָלנט פון איינעם פון די ריזשינער, האָט מען שוין דעם שבת יוצא געווען מיט וואָס עס איז, און אויף צו מאָרגנס צעבראָכן די כלים. עס האָט נישט געהאָלפן וואָס דער רב האָט אַלעמען געענטפערט, אַז ער האָט ר׳ אריהן

קיינמאָל נישט געאַסרט. דער שטן פון מחלוקת האָט גובר געווען אַלץ און אַלעמען מיט כלערליי אויסטראַכטענישן און שמועותן. איינער האָט געפונען אַן אָפּגעשפּאָלטן אות אין אַ מזוזה וואָס ר׳האָט אַמאָל באַשטעלט ביי ר׳ אריהן; אַן אַנדערנס תפילין זיינען פּלוצים ביי אים אַרויסגעפאַלן פון דער האַנט, ווען ר׳האָט זיך שוין געגרייט צו מאַכן די ברכה, און גאָר אַנדערע האָבן געוואוסט אויף זיכער, אַז די קצבים האָבן נאָך לאַנג צוריק געמורמלט צווישן זיך, אַז זינט ר׳ אריה האָט זיך מיט יאָרן צוריק אונטערגעשטעלט און נישט געגאַנגען ווייזן זיין חלף צו איינעם פון די „איינקלעך" וואָס איז געקומען אויף אַ שבת, ציטערן אים די הענט בשעת דער שחיטה. (דער מנהג איז געווען, אַז ווען אַ רבי איז געקומען אין שטעטל, זיינען די שוחטים געגאַנגען די ערשטע „נעמען שלום" און ווייזן די חלפים ווי אַ סימן פון הכנעה).

ר׳ אריה אַליין איז, פאַרשטייט זיך, זייער צערודערט געוואָרן פון דעם גאַנצן עניין. בטבע נישט קיין בעל מחלוקת, האָט ער געפּועלט ביי אַ פּאָר פון די ריזשינער צו גיין מיט אים צו ר׳ פּיישען. יענער האָט אָבער אָנגעשטעלט אַ פּנים פון אַ תם און געטענהט, אַז וואָס שייך אים, האָט ער חלילה גאָרנישט נישט געטאָן אַזעלכעס וואָס איז נישט על פּי דין, און אויף דברים שבלב איז פאַראַן נאָר איין שופט. איי, דער המון וויל נישט עסן פון זיין שחיטה און דערווייטערט זיך פון זיי, איז דאָך „קול המון כקול שדי", זאָלן זיי טאָקע דעריבער מהרהר בתשובה זיין, — האָט ער אַריינ־געשטעקט ביידע הענט אין די אַרבל אַריין און מוסיף געווען — און צוריק־געשמועסט, פאַרשטייי עך נישט נאָך וואָס עך זענט געקומען צו מיר. עך בין דען דער מרא דאתרא דאָ?

— אַפילו מיטן שווייגן, — האָט ר׳ אריה נאָך אַלץ געזוכט אַ פּתח־שלום, — זענט עך דאָך גורם צו שנאת חינם און שפיכת דמים חס ושלום.

אַ ווײַלע האָט דער תקיף גאָרנישט געענטפערט, נאָר אַרויסנעמענדיק די הענט פון די אַרבל, האָט ער זיך אויפגעשטעלט אין דער גאַנצער גרויס און מיט זיכערער ברייטקייט געציילט יעדן וואָרט: „עך זענט זעך אַליין שילדיק. ווער הייסט ענק זיך האַלטן ביים „עגל"? (אַן אָנוואונק אויף זיין חסידות).

דאָ האָבן די ריזשינער שוין נישט אויסגעהאַלטן מער.

— אין די זאָקן וועסטו נאָך קריכן אויף אַלע פיר צו בעטן מחילה און בנאמנות צי ס׳וועט דיר העלפן, — האָט לייבישל מעלשענקער געזאָגט און זיך געריסן צו געבן פּעטש, — אַזאַ פּושע ישראל איינער, אַ מורד במלכות. מ׳דאַרף אים דורסן, דאַרף מען אים.

— ניטע, לייבישל, — האָבן אים די אַנדערע קוים איינגעהאַלטן און אַליין אויך געציטערט מיט אַלע אברים, — ער וועט נאָך קומען אויפן זייניקן ווי עס קומט אַ מחרף ומגדף.

אַ לאַנגע ווײַלע האָט ר׳ פּיישע נאָכגעקוקט די אַוועקגעגאַנגענע אין פולער רוגזה. ר׳ אריהס געלאַסנקייט האָט אים אַרויסגעפירט פון די כלים און די לעצטע ווערטער וואָס זיינען אַרויסגעקומען פון ר׳ אריהס מויל ווי אָפּגעפּסקנט, האָט ער ממש נאָך אַמאָל דערזען שטיין פאַר זיך דורך דער אָפענער טיר דורך וועלכער זיי זיינען אַרויס אָן אַ גוטן טאָג. עס האָט אים עפּעס געפינטלט פאַר די אויגן און געשטאָכן אין אַלע אברים. ער איז צעטומלט געוואָרן. פּלוצים האָט ער זיך גאָר דערמאָנט אין זיינע אייגענע רייד וואָס ר׳האָט געזאָגט צו די בית־מדרש באַלעבאַטים און אויך זיי זיינען אים געשטאַנען פאַר די אויגן לעבעדיק: „ס׳איז וואוהין ער קיקט און מיט וועמען ער איז באַנאַנד״. זיינע אייגענע ווערטער האָבן אים עפּעס איצט שטאַרק צערודערט. „ווי וואָגט ער עפּעס צו טשעפּען מיטן ריזשינערס גזע?״ ר׳האָט זיך נישט געקענט באַרואיקן און גלייך זיך געזעצט שרייבן אַ קוויטל צום רבין זיינעם מיט אַ בקשה אויף רחמים און חיזוק הנפש והגוף, און אין דער גאַנצער צייט פון שרייבן האָט זיך דאָס וואָרט „באַנאַנד״ כסדר איבערגעשטעלט פאַר זיינע אויגן אין פאַר־שיידענע פאָרמען און זיך סוף כל סוף אויסגעלייגט „איבעראַנאַנד״. וויפל ער האָט עס נישט געטריבן פון זיך, איז עס אַלץ נישט אָפּגעטראָטן פון אים און זיך אַזוי צוגעקלעפּט צו אים אַז ר׳האָט געפילט אַ שלאַבעריקייט אין אַלע אברים.

דאָס מחלוקת וואָלט זיך אפשר דאָך געוועזן אָפּגעשטעלט און פאַרגעסן געוואָרן גלייך ווי אַ סך אַנדערע מחלוקתן אין וועלכע דער תקיף האָט געהאַט אַ האַנט. האָט זיך אָבער פונקט געמאַכט, אַז ביי די בערע אַבעס פון דער גרעבליע גאַס, די הויפּט קצבים און וואוילע יונגען פון גאַנצן געגנט, האָט זיך וואָך נאָך וואָך כסדר געהאַלטן אין טרפהנען. וויפל בהמות

זיי זאָלן נישט געוועזן פירן צו דער שחיטה, איז העכסטנס איינע אָדער צוויי געבליבן כשר, און דווקא ביי ר׳ אריהס איינציקן קצב איז אַפילו קיין איין קעלבל נישט טריפה געוואָרן. אַ האַרץ אויף ר׳ אריהן האָבן זיי שוין פון לאַנג געהאַט, ווייל אַפילו אין די פריערדיקע יאָרן, פאַרן מחלוקת נאָך, האָט ער זיי געהאַלטן פון ווייטנס. נישט צוגעטראָטן צו דער שחיטה אויב וועד פון די וואוילע יונגען איז געקומען אין שעכטהויז אונטערן גלעזל אָדער סתם זיך אויפגעפירט חוצפּהדיק. איצט, ווען ר׳ אריה האָט זיך ממש געדאַרפט איינבעטן אין שעכטהויז אַריין מיט זיין קצב, האָט ער זיי אין גאַנצן אויסגעמיטן. פון צייט צו צייט בלויז געוואָרפן אַ זייטיקן קאַסאָקן בליק אין זייער זייט אַריין. זיי האָט זיך אָבער געדאַכט, אַז ער רייצט זיך מיט זיי. פאַרביטערט זייענדיק זיי געוועזן צוליב די גרויסע היזקות און צו וועמען אויסצולאָזן דעם כעס איז נישט געווען, האָט זיי יעדער קוק זייַנער געשטאָכן און גערייצט. ס׳איז אַוועק אַזוי ווייט, אַז ווען דער נאמן איז פונקט אַריינגעקומען אין שעכטהויז, האָבן זיי פאַר אים אויסגעגאָסן זייער ביטער האַרץ.

— וואָסזשע, עץ גלייבט דען אין אַ „גיט־אויג״? — האָט ער זיך אַרויסגעכאַפּט מיינענדיק צו באַרואיקן זיי, — מ׳קען דען אים פאַרווערן צו קיקן?

— ער וועט אונדז נאָך ברענגען צו בעטל־ברויט, — האָט לייבע דער גרויסער זיך צעריטשעט אויסטייטשנדיק דעם נאמנס זאָג, אַז ס׳קען טאַקע זיין אַז מ׳האָט זיי אַ „גוט־אויג״ געגעבן און דערפאַר טרפהט עס אַזוי ביי זיי. — עץ הערט ר׳ פיישע, מ׳עמער נישט שווייגן, — האָט ער זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט און אַוועק.

צי דער נאמן האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס לייבע קען מיינען צי ער האָט זיך סתם נישט ווילנדיק געמאַכט. ער האָט מער גאָרנישט נישט געזאָגט און זיך אַ גאַנצע וואָך נישט געוויזן אין שעכטהויז. אַפילו ווען ער האָט געהערט, אַז קצבים רעדן אָפן וועגן אַ „גוט־אויג״, וואָס עמיץ האָט זיי געגעבן, האָט ער זיך אויך מער נישט געמישט. אין האַרצן איז ער געווען צופרידן וואָס „די בהמות״, די קצבים, מיינען טאַקע אַז ר׳ אריהס אויג האָט זיי געשאַדט. זאָלן זיי מיינען, וועלן זיי דאָך אים מער אין שעכטהויז נישט אַריינלאָזן, וועט ער פאַרלירן דעם איינעם קצב אויך און

אויס מיט זיין שחיטה. דאָס וועט זיי אָנלערנען די „פּורצי־גדרניקעס״, איז ער שוין געווען זיכער מיטן ניצחון וועלכן עס האָט אים צוגעוואונטשן דער רבי זיינער ווי אַן ענטפער אויף יענעם קוויטל.

עס האָט נישט געהאָלפן וואָס דער רב, וועלכער האָט שטאַרק געהאַלטן פון ר׳ אריהס לומדות און ערלעכקייט, האָט אים געפּרואווט אַפּוועגזין אַז מ׳טאָר נישט אַזוי. „איינמאָל איז ר׳ אריה אַ תלמיד־חכם, כבוד התורה איז נישט קיין קלייניקייט. והשנית, דעם המון־עם אַז מ׳גיט אַ פּתחון־פּה, קען ער חלילה נכשל ווערן מיט ווער ווייס וואָס. און וויפל טאַקע איז דער שיר צו רודפן? סוף כל סוף איז דאָך עס אויך אַ חסידות״.

דער תקיף איז שוין אָבער געווען זיכער מיטן ניצחון און נישט נאָכגעגעבן.

— מיר מישן זיך דען? שב ואל תעשה עדיף. און וויסן זאָלט עץ, אַז מיר האָבן אַ קיימא לן פון גאָר אַ גרויס אָרט, אַז מיט די „חוץ־לאַרצניקעס״ איז נאָר פון דערווייטנס. כל זמן זיי זיינען פּורצי־גדר איז אין להם חלק ונחלה בחסידות.

— הייסט עס, אַז עץ האָט גאָרנישט קיין מורא פאַר — — — האָט דער רב געפּרואווט ווערן אַביסל שאַרפער, נאָר דער תקיף האָט אים איבערגעריסן אינמיטן.

— מורא שמוירע. אין די זאָקן וועלן זיי קומען בעטן מחילה.

איז מען טאַקע געגאַנגען אין די זאָקן, נאָר געגאַנגען זיינען די בערע אַבעס אין דער גרויסער שול אַריין שווערן פאַרן אָפענעם ארן־קודש, אַז זיי האָבן נישט געהאַט קיין האַנט אין דעם וואָס אין איינעם אַ מיטוואָך פאַרטאָג, האָט מען געפונען ר׳ אריהן לעבן „יאַטקע בריקל״ אַ פאַרחלשטן. וואָס מ׳האָט אים געטאָן און ווער עס האָט געטאָן, איז קיינמאָל אויף קלאָר נישט אויסגעוויזן געוואָרן און קיינער רעדט נישט גערן דערפון. עס הייסט אַז ר׳ אריה האָט פאַרלוירן דאָס לשון, זיך אָפּגעמוטשעט אַ פּאָר טעג און נפטר געוואָרן.

ביי ר׳ אריהס לוויה האָבן פון גאַנצן שטעטל געפעלט בלויז צוויי אירע — בערע יונגאַטש און ר׳ פּיישע נאַמן. דער ערשטער איז פאַרפאַלן געוואָרן ווי אין וואַסער אַריין ווי נאָר מ׳האָט אָנגעהויבן מורמלען אין אַלע שטיבלעך און אין בית־מדרש אַז די קצבישע הענט זיינען געווען דערביי, און דער

איינציקער סטראַזשניק איז שטעטל האָט זיך אויסגעסטראַיעט מיט דער לאַנגער שווערד און גענומען נאָכגיין די קצבישע יונגען זיי זאָלן אים זאָגן ווען און מיט וועמען זיי זיינען עס געגאַנגען אַהיים פון שעכטהויז אין יענעם פאַרטאָג. ר׳ פיישע האָט עוקר געווען אַ טאָג נאָך דעם ווי די קצבים מיט זייערע משפחות זיינען אויף בייז־וואונדער געקומען אין שול אַריין אין שיך און זאָקן צו שווערן בפני קהל ועדה און פאַר די הייליקע רייניקייטן. ר׳ פיישע איז דאָרט נישט געווען. געזאָגט האָט מען, אַז ר׳האָט זיך אַ גאַנצן טאָג געוואַלגערט אויפן קבר פונעם נפטר אין די שיך און זאָקן און געבעטן מחילה. אַרויסגייענדיק פון דאָרט אַ ציטערנדיקער, אַ געבויגענער, איז אים אַקעגנגעקומען איינער פון די שאַרפסטע ריזשינער, ר׳ אליה ליכטציער, וואָס איז פונקט געגאַנגען מיט אַ פּאַק קנויטן אויסצו־מעסטן דאָס פרישע קבר כדי צו ציען מיט זיי יאָרצייט־ליכט. דערזעענדיק ר׳ פיישען אין דעם הולך, האָט ר׳ אליה אים שאַרף אָפּגעמאָסטן און ווי זיין שטייגער אַ זאָג געטאָן ווי אָפּגעשניטן מיט אַ מעסער: „צוליב שנאת־חינם איז געקומען צו חורבן בית־המקדש, שפיכת־דמים און גלות. ווילסטו עס אָפּקומען מיט אַביסל טרערן און שיך און זאָקן? דאָס איז אַן עניין פאַר יענע און נישט פאַר קיין חסיד.

— נעם עך אויף זעך גלות — האָט דער נאמן אַ געבראָכענער אַרויס־געפּלאַצט מיט אַ געיאָמער.

— זיי נישט קאַ יידענע, פיישע, — האָט אים ר׳ אליה נישט אָפּגעלאָזט און ווייטער געשניטן — מיר האָבן בקבלה, אַז ווער עס דערטשעפּעט מיט זיי, דאַרף ניש קאַ מורא האָבן פאַר קיצור־ימים, נאָר פאַר אריכת־ימים ציציקיקן זייער גדולה ליגנדיק איבעראַנאַנד אויף אַלע פיר ביז דעם רחמנס רחמנות וועט זיך דערבאַרעמען איבער אים.

אויף צו מאָרגנס איז דער תקיף נעלם געוואָרן, און נאָך אים האָט אויך עוקר געווען זיין משפחה און געלאָזן אַ ליידיק הויז, וואָס האָט יאָרנלאַנג געפּוסטעוועט פונקט אַנטקעגן דער חורבה פון „מענדיקס גדולה״ און בלויז הינט און קעץ האָבן דאָרט פראַנק און פריי אַרומגעבלאָנקעט בייטאָג און ביינאַכט. צו די פּלעצער וואָס מ׳מיידט אויס צו רעדן פון זיי און דערמאָנען קעגן נאַכט צו, איז צוגעקומען נאָך אַ פּלאַץ.

ווי מ׳וואָלט זיך אָפּגערעדט, האָט מען בכלל אויפגעהערט צו רעדן וועגן גאַנצן ענין. מ׳האָט זיך בלויז דאָ און דאָרט אַמאָל געשושקעט אי וועגן דער אלמנה וואָס איז געוואָרן אַן אויפקויפערין אין מאַרק כדי צו שפּייזן די יתומים נעבעך, אי וועגן קהל וואָס האָט גלייך נאָכן יאָר פאַרגעסן צוצוטיילן די פּאָר גראָשן אַ וואָך וואָס מ׳פלעגט איר געבן, און זי האָט געמוזט אַוועקשיקן אַ פּאָר קינדער צו קרובים אין אַנדערע שטעטלעך. הויך, האָט אָבער קיינער נישט געוואָגט צו רעדן וועגן דעם. מ׳האָט זיך ווי געפּלייסט אויסצומעקן דעם גאַנצן ענין פון זיכרון. מ׳האָט זיך אָבער פאָרט נישט געקענט דערהיטן דערפון, ווייל פון צייט צו צייט, האָט עמיץ וואָס איז צוריקגעקומען פון אַ נסיעה צו אַ רבין איבערגעגעבן בסוד סודות, אַז „יענער", ווי מ׳האָט אים ביסלעכווייז אָנגעהויבן צו באַצייכענען, וואַלגערט זיך אַרום איבער די „רבישע הויפן" אַן אָפּגעשליסענער, אַן אָפּגעריסענער און איז זיך מתוודה בקול־רם, בעטנדיק מ׳זאָל אים משפטן ווי אַ מורד במלכות. האָט מען אויסגעהערט, אָפּגעקרעכצט און ווייטער געשוויגן.

מיט יאָרן שפּעטער, ווען דער גאַנצער ענין איז שוין כמעט אינגאַנצן פאַרגעסן געוואָרן, האָט זיך אין בית־מדרש אַריין קוים אַריינגעראַטשקעט אַ פרעמדער ייד. אַוועקגעלייגט דאָס טלומעקל הינטערן אויוון, צוגעגאַנגען צום הענגענדיקן קופערנעם האַנטפאַס, איינגעטונקען די הענט, און מיט פאַרגלייזטע אויגן עפּעס לאַנג געמורמלט און צוריקגעגאַנגען הינטערן אויוון און געבליבן ליגן אַ פאַרחלשטער. ווען דער שמש האָט עס באַמערקט און אים אָפּגעמונטערט, האָט דער פרעמדער אים געוויזן אַז אין בוזעם־קעשענע האָט ער געלט און אַז ער וויל עפּעס רעדן מיטן רב. מער האָט ער נישט גערעדט, נאָר ווען דער רב האָט אויף צו מאָרגנס אָפּגעדונגען דאָס קעלערל צופוסנס פונעם בערגל־אַרויף אַנטקעגן דעם ריזשינער שטיבל און געהייסן דעם שמש אַריינפירן אַהין דעם פרעמדן יידן, איז דאָס שטעטל ווידער געוואָרן פול מיט רייד און שמועותן. קיינער האָט אים נישט דערקענט און ער האָט אויך נישט געגעבן אָנצוהערן אַז ער קען וועמען עס איז דאָ. מ׳האָט נאָר געוואוסט, אַז דער ייד איז געקומען אַהער שטאַרבן. צום ערשטן איז דער דאָקטאָר געקומען צו אים אָפט, און אין זוניקע טעג איז ער געזעסן פאַר דער טיר. אַ ווייל אַריינגעקוקט אין אַ ספר און דערנאָך עס געלאָזט ליגן אויפן שויס און פאַר זיך געגלאָצט צום ריזשינער

שטיבל, וואו די בחורים זיינען געזעסן און געלערנט אויפן גאַניקל וואָס איז פונקט קעגנאיבער. שפּעטערצו איז ער שוין מער נישט אַרויסגעקומען נאָר געלעגן אויפן בעטל קעגנאיבער דעם פענצטערל וואָס איז גלייך מיטן בערגל שוין, און אַז עמיץ איז פאַרבייגעגאַנגען האָבן שווערע ריחות פון רפואות און פאַרלעגערטן טאַבאַק־רויך אַ זעץ געטאָן אין דער נאָז צוזאַמען מיט אַ ביטער קרעכצן: „אוי ווי, דאָס אברל טיט מע ווי!"

יידן בני רחמנים האָבן געפּרואווט אַריינגיין, האָט ער אָבער געטריבן פון זיך: „לאָזט מעך געמאַך. ס'איז מע גיט אַזוי און ס'דאַרף זיין אַזוי". ערשט נאָך לאַנגן איינטענהן האָט דער רב ביי אים געפּועלט, אַז פרץ פאַרך, אַ פאַרוואָרלאָזטער יתום, וואָס האָט זיך ביז איצט געוואַלגערט הינטערן אויוון אין בית־מדרש און אויפן בוידעם פון ריזשינער שטיבל וואו זיין מוטער די משוגענע רעכילע האָט זיך אויפגעהאַלטן, זאָל זיך אַריינקלייבן צו אים און אים באַדינען. ס'האָט געהייסן, אַז דער רב קריגט פון ערגיץ געלט צו צאָלן פאַרן דאָקטאָר און די רפואות, און פרומע ווייבער האָבן אַ פּאָר מאָל אין טאָג אַרויסגערופן דעם יתום איבערצוגעבן אַביסל וואַרעם געקעכץ און זיך באַכפּרעגן אויפן חולה. אַריינגיין צו אים האָט ער נישט געלאָזט: „לאָזט מען געמאַך, און שוין!" — האָט ער געמאַכט אַזעלכע יעלות, אַז מ'האָט אויבן אין חדר נישט געקענט לערנען מער.

— מ'זאָל באַהיט און באַשערעמט ווערן, — האָט דער מלמד פון אויבן אין איילעניש פאַרהאַקט דאָס פענצטער און זיך ממש געבעטן ביי די תלמידים — עץ זאָלט מע למען־השם נישט דערטשעפּען מיט אים. ער האָט שוין זיינס געניג.

עס האָט אָבער געצויגן ווי אַ מאַגנעט צו וויסן וואָס דאָרט טוט זיך און טאַקע זען ווי עס זעט אויס דער וואָס ליגט איבעראַנאַנד צוליב אַ גרויסער זינד, וועלכע קיינער וויל פון מויל נישט אַרויסברענגען. אַזאַ געלעגנהייט פלעגט זיך מאַכן נאָר ווען ער איז געוועזן זייער פאַרשלאָפט און פרץ־פאַרך האָט געוואָלט אַביסל אַרויס אויף דער פרישער לופט. האָט ער דאָן בסוד סודות אַריינגעלאָזט וועמען פון די ייִנגלעך אין קעלערל אַריין כדי צו היטן דעם חולה ביז ער וועט צוריקקומען. אויף די שפּיץ־פינגער האָט מען זיך אַריינגעשלייכט אינעם חושכדיקן קעלערל און זיך פאַררוקט אין סאַמע ווינקל פון יענער זייט בעטל. מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם איז מען

געזעסן אי פאַר מורא ער זאָל עס נישט באַמערקן און אָנהייבן מיט די לעצטע כוחות זוארפן וואָס עס קומט אים צו דער האַנט, אי צוליב דעם שווערן ריח דאָרט וואָס האָט געקרעלט אין האַלדז און געאיבלט צו ברעכן.

— פאַרשטעל מיר ניש דאָס פענצטערל, פרצל, — ציטערט ער פלוצים אויף אין מיטן דער פאַרשלאָפקייט, — אוי, ווי פינצטער ס'איז שוין, כ'וויל זען, וואָס סע טיט זעך, פרצל. ביסט דאָ, יתום קטנדל מיינער, האַ? פאַר וואָס זשע שווייגסטו? היינט ווערסטו אַלע ביינדעלעך אַליין אויס־טשמאָקען. מ'האָט שוין געבראַכט דאָס יאַיכל? עד דאָרף עס ניש. ריף מע דעם רב! ניין, ניין, לאָז מען נישט איבער אַליין — כריפעט פון אים אַ קנויל צעקרעכצטע ווערטער — ער'ט שוין אַליין וויסן ווען צו קומען, — טוט ער זיך ראַפּטום אַ זעץ אויף און גלאָצט מיט אויפגעריסענע אויגן דורכן פענצטערל צום שמאָלן וועגל וואָס פירט צום טייך. „אוי ווי, נאָך נישט! — פאַלט ער צוריק אויפן קישן און צעכליפעט זיך אויפן קול אַזוי לאַנג ביז דאָס כליפּען פאַרטייעט זיך, ווערט פאַרדישעט און פאַרגייט זיך אין אַ מין כריפּנעם אויסציען אַ חסידישן ניגון אָן אַן אָנהייב און אָן אַ סוף. מיט פאַרמאַכטע ליפּן אָכצט ער אויס דאָס יאָמער־געזאַנג און עס דאַכט זיך, אַז מ'זעט בחוש ווי ער רייסט זיך מיט גוואַלד אַרויסצובאַקומען זיך פון קעלערל. ער ווערט אָבער כסדר ווי צוריקגעשטויסן און ער, צוזאַמען מיטן געהאַמעוועטן יאָמער בלייבן הויערן אין דעם חושך אַ געפּענטעטע געשפּענסט.

„אוי, ווי, עד מתי?" — טראָגט זיך דאָס מאַטע קול פון אַלע זייטן פון קעלערל און שטיקט זיך און כריפעט מיט גרויל און שווערן גזר.

עס טרעפט אָפט, אַז ער כאַפּט זיך איבער אין מיטן דער נאַכט און נעמט וועקן פרצן מיט אַן אומגעהייער שאַרף און קוויטשיק קול וואָס עס גלויבט זיך גאָרנישט, אַז עס קומט פון אים.

— צינד אָן דאָס קאַניצל, פרצל! זאָלן יידן זען מיין בראָך! כ'וויל זיך מתוודה זיין. געוואַלד, יידן, כ'וויל זיך מתוודה זיין, געוואַלד! אשמתי, עוויתי, פשעתי!

— וואָס טיט עך, ר' פיישע? — שפּרינגט פרץ אויף פונעם שטרויענעם געלעגער, — ס'איז דאָך שוין נאָך חצות.

— טאַקע, נאָך חצות שוין, — כאַפּט ער זיך אָן אינעם וואָרט און טוט זיך אַ צעציקל מיטן ניגון פון סליחות: „חצות לילה אָקום ואערכה: שומר מה מליל?! נאָך אַלץ אַ נעפּל אויפן טייכל, פּרצל? ריף אַרייַן אַ מנין יידן! עד מתי, פּרץ פֿאַרד, עד מתי, יתום קטן?!" — נעמט ער פֿלאַנטערן ביז ער פֿאַלט צוריק אַ פֿאַרמאַטערטער.

די מתמידים פון ריזשינער שטיבל, וואָס פּראַווען אַ משמור דאָרט, לויפן אַרויס אויפן גאַניקל און טרעפן שוין בלויז פֿאַרשטומטע פֿינצטערניש אַרום און אַרום. וואָלטן זיי אוודאי געווען צופרידן אָנצונעמען אַז ס'האָט זיך זיי בלויז אויסגעוויזן, וואָקסט אָבער פּלוצים פּרצל אויס פֿאַר דער אָפענער טיר מיט אַ בעטל קול: „די געדערים דרייען זיך מיר איבער. אַ גאַנצן טאָג אין מויל נישט געהאַט היינט." דאָס ניצט ער אויס די געלעגנהייט אַרייַנצוכאַפּן אַ גוטן ביסן פון די געשמאַקע געבראָטענע קאַרטאָפליעס און קניזשלעך מיט קאַשע וואָס די בחורים כאַפּן איבער אין אַ משמור נאַכט.

אויף צו מאָרגנס, ווען מען זיך שוין שושקען וועגן דעם אין אַלע שטיבלעך, און כלערליי שמועותן וועלן זיך טראָגן פון אויער צו אויער מיט אַ וואונק און אַ קרעכץ; און די חדר־יינגלעך פון אויבן, וועלן בשום אופן נישט קענען האָבן דעם קאָפּ ביים מעביר סדרה זיין פֿאַרן אַהיימגיין. אַלע אויערן זייַנען אָנגעשפּיצט צום אָפענעם פענצטער וואָס איבערן קעלערל. פון דאָרטן הערט זיך אָבער גאָרנישט נישט היינט. און דער רבי ר' יעקב יאָשע וואָס איז אַלעמאָל בייז און אומגעדולדיק, ווען דער חברהס קעפּ זייַנען ערגיץ אַנדערש, מאַכט זיך היינט עפּעס נישט וויסנדיק.

— ווייסט עץ גאָר וואָס, — טוט ער אינמיטן מעביר סדרה זיין אַ לייג אַוועק די פּאַטשיילע אויפן חומש, אַ סימן אַז מ'דאַרף מפסיק זיין, — לאָמיר אַלע זאָגן אַ יום תהילים פֿאַרן חולהס וועגן. ס'איז אַ ביטערער רחמנות נעבעך!

ג

געצייילטע טריט ממש פונעם ליימענעם קעלערל, בערגל אַרויפצוצי, פּילט מען מער נישט די שאַרפע רפואה ריחות. אויך דאָס כריפּנע קול פון חולה לאָזט זיך אויס דאָרט ווי קיינמאָל נישט געווען. דער פּרעסנדיקער גערוך פון געווייקטן לעדער און פֿריש געטריקנטן פֿלאַקס טראָגט דיר אַנטקעגן אַ שלום־עליכם מיט אַ קרעלעניש אין נאָז און פֿאַרטויבן די

אויערן. דאָרט אויבן איז זשאַמעלעס הויף. אַ שורה האַלב צעפּוילטע און צערעפּעטע הייזקעלעך, וואָס ליגן אָנגעלענט און אָנגעהויפנט אויפן „בערגל־אַרויף״. אין די ליקלעך צווישן זיי, זיינען אָנגעוואָרפן נשארן פון פערד־געשפּאַנען און קוליעס אויסגעקעמטער פלאַקס.

אין זוניקע טעג, שטייען די שטריקנדרייער ביי די שפּינדלען פון די שטריקציער און דרייען די קאָרבעס פון די הילצערנע רעדלעך, וואָס פלעכטן און פאַרדרייען די פעדעם פלאַקס אין גראָבע און דינע שטריקלעך. די רעדלעך סקריפּען און די קוליעס פלאַקס וועלכע זיינען צוגעפּעסטיקט צו אַ קלאָץ, וואָס שטאַרט אַרויס פון אַ וואַנט, צישען און שורשען ווי זיי וואָלטן זיך נישט געאיילט אַרויסצוקריכן פון דאָרט אויף דער ליכטיקער שיין. דער שטריקנדרייער טוט עטלעכע אַרבעטן אויף אַמאָל: מיט איין האַנט דרייט ער די קאָרבע און מיט דער צווייטער פירט ער הין און צוריק דעם שפּינדל, וואָס דאַרף האַלטן דעם שטריק אין דער ריכטיקער גרעב. אין דער זעלבער צייט גיט ער אַכטונג, אַז די דינע פעדים וואָס ער ציט פון דעם צוויטן בינטל פלאַקס, וואָס הויערט אויף זיין בויך, זאָלן זיך נישט קנוילן. מוז ער דעריבער פון צייט צו צייט אָפּלאָזן די קאָרבע און טרעטן הינטערווייליקעך און מיט אַ נאַסער שמאַטע פאַרשטייפן דאָס געדריי. עס זעט אויס ווי די פעדים וואָלטן זיך געוויקלט פון זיין נאַפּל; און מיט זיין טרעטן הינטערווייליקעך, ווערט ער אַלץ דינער און דינער און איינס מיטן געפלעכטע און געדריי פון רעדל.

מ׳דאַרף זיין אייזן שטאַרק צו קענען איינזיצן ביים פענצטער אין יעקב יאָשע מלמדס חדר און נישט וועלן זיך מיטדרייען מיטן שטריקנדרייער, וואָס אָט איז ער איינס מיט דער קאָרבע און אָט מיטן שפּינדל, און אין אַ ווילע אַרום האַלב פאַרהוילן פון די קנוילן געוויקלטע שטריק וואָס בלאַנקען אין טונקעלן ליקל מיט אַ מאָדנער פאַרמאַטערטקייט און אַנגסטיקער רו.

דורך די אָפענע טירן און פענצטער, וואָס זיינען האַלב פאַרשטאָפּט מיט קישעלעך און פאַרגעלט פּאַפּיר, טראָגט זיך פון זשאַמעלעס הויף אַ כסדרדיקער טומל און רעשיק געזאַנג פון די שוסטער געזעלן וועלכע לאַטען שוין פון קדמונים אָן די אַלטע שקראַבעס פונעם שטעטל און זיינען נאָך אַלץ נישט פאַרטיק. אין איינער פון יענע הייזקעלעך האָט מיט אַ סך יאָרן צוריק געוואוינט זשאַמע לאַטוטניק און דאָרפסגייער, וועמעס איינגע־

בויגענע און מיט מאָך באַוואַקסענע מצבה אויפן אַלטן בית־עולם באַהאַלט הינטער זיך דאָס פאַרבאָרגענע ליכט, וואָס האָט געשיינט פון דעם הייזקעלע אַריבערן טייך און לאַנקע, און וווייט אַריבער דעם „לאַנגער בריק" אַזש ביז קיין צפת, דער שטאָט פון אר"י הקדוש, זכותו יגן עלינו. אין שטעטל האָט עס קיינער נישט געזען. ווער קוקט זיך דען אום ביי אונדז אויפן „בערגל־אַרויף" און וואָס דאָרט טוט זיך. בפרט, אַז זומער און ווינטער ווען אַלע וועגן זיינען אָפן, איז ער אַרומגעגאַנגען אין די דערפער פון געגנט האַנדלען אָדער אין אַ שליחות פון קהל צו אַנדערע שטעטלעך; האַרבסט און פרילינג ווען די בלאָטעס און פאַרפלייצונגען שניידן אָפּ דאָס שטעטל פון דער וועלט, איז ער געזעסן טאָג ווי נאַכט און געלאַטעט ווי אַלע לאַטוטניקעס. אין נאָענטן בית־מדרש האָט זיין אָרט הינטערן־אויוון אַלעמאָל געוואַרט אויף אים. האָט דעריבער קיינער גאָר־נישט נישט געזען און גאָרנישט געוואוסט וואָס זשאַמעלע טוט נאָך חצות ווען דאָס גאַנצע שטעטל דרימלט אַ פאַרטייעטס אין די געדיכטע בעפלען וועלכע הייבן זיך פון די וואַסערן אַרום און אַרום.

נישט געדרימלט האָט אָבער דער אר"י ז"ל אויף די הייליקע בערגלעך פון צפת. מיט זיין אָפן אויג, האָט ער געקוקט און געוואַכט איבער אַלע גלותן. געזוכט דעם, וואָס איז ראוי צו זיין משיח פון זיין דור. חצות נאָך חצות האָט ער גענישטערט אין דער פינצטערניש און געקוקט אין אַלע עקן פון דער גאָרער וועלט, ביז אין איינער אַ משמור נאַכט, האָט אַ שטראַל־ליכט זיך אַדורכגעריסן דורכן נעפּל פון דעם שטראָמיקן טייך און אַנטפּלעקט פאַר אים דאָס „פּאַשע־בריקל", שמאָל און לעכערדיק הענ־גענדיק אויף משקולות; און פונקט אַנטקעגן, אַן אָפן פענצטערל מיט אַ גרויס אויער צו דעם חושך פון דער נאַכט. „שומר, מה מליל?!" — האָט דער אר"י הקדוש קלאָר פאַרנומען דאָס אַנגסטיקע קול, און האָט גלייך געשיקט צוויי פון זיינע תלמידים נאָכצוגיין נאָכן קול. אַ סימן האָט ער זיי געגעבן, אַז אויב זיי וועלן זוכה זיין צו טרעפן אים אין דער היים און זיין בכוח צו קוקן אים גלייך אין פּנים אַריין, איז עס אַ שעת הכושר. אײדער דער זמן פון קבלת־שבת וועט אָנקומען, וועט דאָס קול פון מבשר שוין זיך טראָגן פון איין עק וועלט צו דער אַנדערער. איז אָבער די שעה נאָך נישט ראוי געווען, האָט די טויבע וואָגט פון זינד גלייך נאָך דער

צווייטער משמורה זיך אַ הויב געטאָן פון נעפּלדיקן גליוזער אַרויס, און מיט חושך און שטומען פאַרשטעלט דעם וועג פון די הייליקע שליחים. האָבן זיי פאַרבלאָנדזשעט אין דער געדיכטעניש פון די אַרומיקע וועלדער און פאַרפירט געוואָרן פון די גליי־ווערעם ביז צו די טאָרף־פעלדער אין וועלכע זיי האָבן נעבעך געטאָפּטשעט ביז אַ שפּראָץ אויף טאָג, ווען דאָס קול פון תורה און תפילה האָט גענומען לעכערן די טויבע וואַנט און גענומען ליכטיקן פאַר זייערע פאַרבלענדטע אויגן. זיינען זיי אָנגעקומען אין זשאַמעלעס דירה פּרייטיק נאָך צוועלף שוין. די טיר איז טאָקע געווען אָפן, זיינען זיי אַריין אינעווייניק און געטראָפן בלויז דעם לאַטוטניקס ווייב פאַרווייסנדיק דאָס טירל פון אויוון מיטן פאַררוקטן טשאָלנט. אַ רגע בלויז האָט עס געדויערט. זיי האָבן אפילו רעכט נישט באַוויזן אַרומצוקוקן זיך אין שטוב, וואו בלויז דאָס אויוון־טירל האָט זיך געווייסט אין דעם טונקל פון אַ האַרבסטיקן פרייטיק נאָך צוועלף, האָבן זיי שוין דערהערט אַ סקריפּ פון אַ טיר און דערשפּירט מער ווי דערזען די פּלייצע פון אַ געבויגן געשטאַלט, וואָס שטייט לעבן בעטל ביי דער דרום וואַנט. ציט אַרויס פון שעניק אַ פּאָר שטרוי, פאַרשפּרייט זיי מיט איילעניש אויף דעם ערדענעם דיל און כהרף־עין ליגט ער שוין אויסגעצויגן מיט די פיס צו דער טיר. בלויז דער ווייטער אָפּקלאַנג פון אַ טיפן קרעכץ האָט דערגרייכט זייערע אויערן, ווייל וויפל זיי האָבן זיך נישט געשטאַרקט צו זען — ווי דער רבי זייערער האָט זיי אָנגעזאָגט, האָבן זיי דעם טונקל און נעפּל נישט געקענט דורכבליקן און קיין פּנים נישט געזען.

ווען זיי זיינען צו זיך געקומען, האָט דאָס גאַנצע שטיבל שוין געיאָמערט און די „מלאָטשעס" האָבן שוין געאיילט דעם מת זיין רעכט צו טאָן און ברענגען צו קבורה פאַר ליכט־צינדן. איבער שבת איז אַ ניס־ביימל אויסגעוואַקסן אויפן קבר, וואָס שאָטנט איבער דעם ביזן היינטיקן טאָג. בלויז תשעה־באב און אין אַן עת־צרה גייט מען צו אַהין אין די זאָקן און דאָס אויך נאָר ביז דעם אָרט וואו דער שאָטן פון ביימל גרייכט. איינגעבויגן און מיט מאָך באַוואַקסן איז די מצבה איבערן קבר, וואָס באַהאַלט אונטער זיך דאָס פאַרבאָרגענע ליכט, אָבער די מעשה אַנטפּלעקט זיך כסדר מיטן מויל פון זקנים, וואָס האָבן אַליין געלייענט דעם אַלטן פּנקס און ווייסן אויך צוצוגעבן מיט סודותדיקן רמז, אַז די שליחים האָבן

גלייך נאָכן אָפּזאָגן צידוק־הדין, מוסר סוד געווען ווער זיי זיינען און ווער דער לאַטוטניק איז געווען. נאָך פּאָר ליכט־צינדן זיינען זיי מיטן שם־המפורש אַנגעקומען צום רש״ל ז״ל קיין לובלין אויף שבת כדי דורך אים אויפצוריכטן גאַנץ מדינת־פּוילן מיטן דרך פונעם אר״י הקדוש.

און וויסן דאַרפט איר, אַז זיי האָבן ברוך־השם געפּועלט, און גאַנץ מדינת־פּוילן האָט געוואוסט, אַז כאָטש דער אר״י ז״ל האָט גוט געזען און די שליחים האָבן זיך מוסר־נפש געווען, איז אָבער די שעה נישט ראוי געווען. האָט קיינער אין שטעטל גאָרנישט נישט געזען. אַפילו דאָס אייגענע ווייב האָט גאָרנישט נישט געוואוסט. דעריבער האָבן מיר נישט זוכה געווען, אַז דאָס פאַרבאָרגענע ליכט זאָל אָנהייבן שיינען פון זיך אַליין. דער אר״י ז״ל אָבער, האָט דאָס נישט גורם געווען, „אַ שליח דאַרף דאָך טאָן זיין שליחות״. האָט ער געפּרואווט אַליין, ווייל דער צער פון צרות ישראל האָט אים אויפגעריסן מויל און אויערן. האָט עס אים טאַקע פאַרשאַדט. „מ׳נעמט נישט אַליין״; און דער אר״י הקדוש, האָט אויך נישט מאריך ימים געווען נאָך דעם, ווייל „נישט אַלץ וואָס מ׳זעט דאַרף מען ווייזן, און נישט אַלץ וואָס מ׳ווייסט מעג מען גלייך אויסזאָגן״.

זיצן די לאַטוטניקעס אין זשאַמעלעס הויף אויבן און לאַטען נאָך אַלץ, און די שטריקנדרייער זיינען אַזוי אַריינגעטאָן אין דרייען און פלעכטן, אַז זיי הערן כלל נישט דאָס פריילעכע געזאַנג וואָס טראָגט זיך פון אויבן פונקט ווי עס גרייכט צו זיי נישט פיישע נאָמנס יאָמערן און אָכצן פון אונטן פונעם קעלערל. ערנסט און פאַרטראָגן אין זיך טרעטן זיי הינטערווײילעכץ מיטן פנים צום רעדל און ציען די שטריק און פאַרשטייפן זיי מיט נאַסע שמאַטעס פלינק און פעסט. נישט אַנדערש זיי האָבן וואַטע אין די אויערן און הערן נישט וואָס עס טוט זיך אַרום זיי.

— „ער וועט זיך שוין לאַנג נישט מוטשען״ — ווייסן די תלמידים פונעם חדר אויבן, און ציטערן און וויינען פון דאָרט ווי ווייט מעגלעך. כאָטש עס ציט אי צו הערן זיין קרעצכן אי צו אַנגסטיקן פאַר זיין טיר ווען ר׳איז אין גאַנצן פאַרשטילט אין הינערפלעט. אוי, ווי שווער ס׳איז דאַן איינצושטיין דאָרטן. ס׳איז שוין אַלץ דאָרט פאַרשוויגן איצט. אייל זשע טאַקע אַוועק פון דאָרט צו כאַפּן אַביסל פרישע לופט אויף דער לאָנקע. מיט דער זייט פון „בערגל־אַרויף״ גיי, ווייל אַז נישט וועלן דיר

די שטריקנדרייער אַבברעכן אַ בייַן פאַרן איבערשלאָגן זיי אין מיטן דער אַרבעט. איז אבי ביסט נאָר בשלום זיי פאַרבייגעגאַנגען, ביסטו שוין לעבן די אָפּגעכויוולטע ווענט פון דער באָד מיטן הקדש. זיי הערן, דאַכט זיך, אַלץ שוין פון כמה יאָרן און שווייגן, שווייג אויך.

ערשט, אַז מ׳עט זוכה זיין און מיטן „אַלטן בריקל" וועלן זיך די אויפגעשטאַנענע צו תחית המתים אַ לאָז טאָן אַהער אין מקווה אַ״ייַן, וועלן זיי שוין איך איין וועגס מיטנעמען פיישע דעם נאָמען אויך, און דאָס „פאַרבאָרגענע ליכט" פון זשאַמעלעס הויף וועט אַ בלישטש טאָן מ׳טן אָפּענעם פענצטערל פאַר די אויגן פון דער גאַנצער גאַס און די יינגל׳עך אין ריזשינער שטיבל. וועלן זיי זיין די ערשטע אנטקעגנצוגיין דעם גואל צו דער „לאַנגער־בריק".

ד

— און ביז דאַן ?

ביז דאַן, זיצן די עלטערע בחורים פון ריזשינער שטיבל מכלומרשט פאַרטיפט אין לערנען. אָבער אין פאַרבאָרגעניש פון די אויגן פון די טאַטעס און פון די יינגערע שטיבל־יינגלעך, פראוועט מען משמורים אין נאָענטן ווייבערישן שולעכל וואו מ׳חזרט אויף אויסנווייניק די גראַמאַטיקעס פון פרעמדע לשונות מיט אַ האַרץ־רייסנדיקן גמרא־ניגון, און פאַרבייסן נאָכדעם מיט אַ פאַרטאָגיקן שפּאַציר צו באַגעגענען דעם זון־אויפגאַנג אויף דער לאַנקע נישט ווייט פון דער „לאַנגער בריק".

שפּעטער, און גאַנצע טעג נאָכדעם, וועלן זיי צוזאַמען מיט אַלע זיצן אַרום די צעקאַרבטע און פאַרחלבטע טישן, און די וועלט פון די, אין לעדער געבונדענע גמראָס, איז אָפּן אויפגעפּראַלט פאַר זיי. איבער זיי — די הוידנדיקע פינפער לאָמפּן אָנגעהאַנגען אויף דינע דראָטן ביז דער סטעליע, און מיט אַ מאַראַליש ציענדיקן ניגון האַלטן זיי זיך אין איין דערגרונטעווען צום סאַמע תוך פון אַ „תנו רבנן" און „אמר מר".

מיטן ניגון גייט אויף אַן אַמפּערניש און שפּאַרן זיך וואָס איז יאָ און נישט פון הי. פון די ברייטע בלעטער פון די אָפענע גמראָס גייט עס אויף צוזאַמען מיטן ניגון, וואָס צעדינט און צעציט זיך מיט אַ קנייטש, אַ הייב און אַ פאַל אַראָפּ, אַן אָפּווענד אין אַ זייט און ווידער אַ פאַרדריי

און פאַרשפּיץ זיך גאָר אין אַן אַנדער ווינקל אַריין. שאַרפער זאָג מיט טראַציקן אַפּוועגד טוט זיך עפּעס מיט אַמאָל אַ ריס פון בלאַט ווי דורכגע־שניטן אין איין אויגנבליק אַלע בריקן און היילן פון די נישט גלייכע שורות פון גמרא־טייל, אַריבערגעשוואומען בשלום די נחתדיקע וואַסערן פון רש״י כתב און בערגל־אַרויף אַריבערגעקלעטערט די בייכיק הויקער־דיקע תוספותן, אָנקומענדיק אַהער פון אַלע עקן וועלט און צייטן.

ס'איז דאַכט זיך אַ מהלך רב פון דעם דאָרטן ביז אַהער, און דאָך איז עס אַזוי נאָענט מיט דער האַנט צו דערלאַנגען. קענסט ממש זען בחוש די טרעפּן־געסלעך פון אושא און צפורי; דאָס בוידעם־שטיבל פון נתזה אין לוד; די טומלדיקע געמאַרקן פון מחוזא, די בריקן און בריקלעך פון נהרדעא און פומבדיתא, און לעבן זיי די שמאָלע געסלעך צווישן די וויינ־גערטנער פון מאַנפּעליע און טראַיאַש. אומעטום שפּאַרט מען זיך און מ'אַמפּערט זיך. אַט פרעגט מען און מ'ענטפערט אָפּ, און אַט איז אַלץ דאַכט זיך שוין פאַרענטפערט, שטייט אָבער פּלוצים אויף אַ נייער פרעגער וואָס ציט מיט ציקלדיקן ניגון אַ נייע קשיא. טראָגט זיך דער ניגון מיט כולו קשיא און באַרואיקנדיקן תירוץ פון אַלע לאַנגע טישן, און עס מישן זיך די טענער מיט דער שאַרפער אַמפּערניש פון די אָפּענע בלעטער צו די פּיצינקע אותיותלעך ביי דער זייט פון דף, און פון דאָרט נאָך העט אַריבער צום סוף פון דער מסכתא וואו דער מהרש״א מיטן מהרש״ל און די נושאי כלים פון אונטן אַמפּערן זיך ווייטער, גלעטן אויס און פאַרגלייכן זיך סוף כל סוף מיט גרויסע שוועריקייטן.

— איז דאָך דער מהרש״א טאַקע גערעכט! — צאַפּלט פון דער העלער הויט אויף אַ יחידישער אויסגעשריי, — יאָ, טאַקע גערעכט! וואָס זשע טוט מען אָבער מיט רשב״א? ס'איז דאָך נאָך אַלץ אַ מחלוקת פון אביי מיט רבאן, וחזרא קושייא לדוכתיה, איז דאָך ווידער די אייגענע קשייא צוריק...

דאַרפסט זיך נישט צופיל אָנשטרענגען. ווי וואָר עס איז צו זען דאָ די שטענדיקע בר־פּלוגתאס אביי און רבא.ביידע גלייך געוויקסיקע און געלערנט ביי איין רבין. כמעט איין קול בייביידן און דאָך ווי אַנדערש זיי זיינען. גרויס בקיאות ביים ערשטן, ממש פול ווי אַ מילגרוים, און קלאָרער שניידנדיקער אָפּפרעג ביים צווייטן. ער האָט אויף וואָס זיך

אָנצושפּאַרן. נישט אומזיסט האָט ער געשליפן דעם מוח ביי יעדן מאמר און פסוק. אַ וואָרט איז נישט בלויז ווי עס איז פאַרשריבן, נאָר ווי מ׳רעדט עס אַרויס. דער טאָן איז וויכטיקער ווי דער סטיל. די זיכערקייט פון אַ מרא־דאתרא איז מיט אים, און ער קען זיי זיינע לייט פון מחוזא. מיט זיי וועסטו מיט בקיאות אַליין גאָרנישט נישט מאַכן. די שווינדלער פון די מחוזאער געמאַרקן מוז מען בינדן נישט נאָר מיט פּשוטע ווערטער נאָר מער נאָך מיט דער כוונה פון וואָרט. און ווער נאָך ווי ער קען אַריינדרינגען אין זייערע כוונות. כפטיש יפוצץ סלע — פונקען דאַרפן פליען פון יעדן הלכה. אודאי איז די הלכה ווי ער, וואָס קען זיך אויף אַלע משונהדיקע דריידלעך פון דער וועלט פון דרויסן. אביי אָבער גיט זיך אויך אַזוי גיך נישט אונטער. „וואָס הייסט?, זעסט דען נישט, אַז דער שכל איז מחייב אַזוי. פאַר וואָס זשע זוכן שפּעלטעלעך און חושד זיין סתם אין דער וועלט אַריין?״. אויך ער איז אַמאָל געווען ראש אב בית־דין און קען די הוויות עולם הזה, אָבער אים גייט עפּעס נאָך אַ מין יתומדיקייט און עלנט פון געבוירן אָן. דעם טאַטן זיינעם האָט ער קיינמאָל נישט געקענט, רופט ער דעם רבין זיינעם „טאַטע״. אין רבינס הויז האָט ער זיך אויפגעהאָדעוועט און דער פּחד פאַרן מלכות וואָס האָט דעם רבין געפּייניקט און דערפירט צום פריען טויט, גייט אים נאָך ווי אַ שאָטן אַ גאַנץ לעבן און סוף כל סוף אים אויך פאַרקירצט די יאָרן. זיין איינציקע פרייד אין לעבן, די שיינע חומא, דאַרף נעבעך איצט אויסבעטלען איר אויסקומעניש ביי רבאן פון דעם ביסל ירושה וואָס ס׳איז געבליבן נאָכן מאַן; און די נישט פאַרגינערקעס, די גבירישע טעכטער, אירע אייגענע געוועזענע חברטעס וואָס האָבן איר קיינמאָל נישט פאַרגינען דאָס לעבן, פאַרטרייבן זי פון מחוזא מיט זייערע געשליפענע צינגעלעך. אירס אַ פאַר־שאַרצטער אָרעם איז נאָך אַלץ אַ בליציקער חלפים־שניט אין זייערע טונקעלע קאַמערן.

בלויז אַ פּאָר געציילטע הלכות האָט אביי קוים באַוויזן אויסצודינגען פאַר זיך מיט זיין גאַנצער בקיאות. זיין שאַרפער בר־פּלוגתא לאָזט קיינמאָל נישט אָפּ: „דער דין מוז אויסגעגליט ווערן ווי אייזן אין פייער. דער אָפּפרעג איז פּונקט אַזוי שאַרף ווי דער תירוץ און יעדן פּסוק קען מען לייענען מיט כמה וכמה טענער״ — שאָקלען זיך די צוויי איינער קעגן

אַנדערן אין זעלבן ווינקל, פון דער זעלבער גמרא אַרויס און גיבן זיך פּלוצעם אַ דריי אויס מיטן פּנים צו דער באַרגיקער צפּורי, וואו די גדולים פון „ירושלמי" אַמפּערן זיך געלאַסן און בנעימותלעך ווי עס פּאַסט פאַר מיוחסים, וואָס גייען אין די פוס טריט פון די אַמאָליקע ריזן רבי יוחנן בן זכאי און רבי עקיבא מיט זיין חברייא. זאָל צפורי מיט איר קלאָרער באַרג לופט זאָגן דעם באַשייד. „כי אתא רבי דימי, אמר", אַז רבי דימי איז געקומען פון דאָרט, האָט ער נאָכגעזאָגט אין נאָמען פון רבי יוחנן. דער זאַנפטיקער ריח פון ארץ ישראל לופט טראָגט זיך איבער אַלע טישן גלייך פון די ברייטע דפּן אַרויס. אַלע אברים זיינען גרייט אויפצונעמען דאָס וואָרט פונעם גרויסן רבי יוחנן וועמעס שיינקייט באַלייכט אַלע וועלטן און וואויל איז צו דער יונגפרוי, וואָס האָט די זכיה צו כאַפּן אַ בליק אויף אים ווען זי פאַרגייט אין טראָגן. דאָס גרויסע אַמפּערן שטילט זיך איין אויף אַ רגע. עס אָטעמט זיך פרייער און דער ניגון גלעט און באַלייכט דאָס גאַנצע שטיבל, ביז פון ערגעץ יאָמערט אויף אַ ביחידותדיק קול גרוי און שניידנדיק ווי אַ חלף: „בכל יום ויום בת־קול יוצאת ומכרזת: כל העולם ניזון בשביל חנינא בני, וחנינא בני דיו בקב חרובין מערב שבת לערב שבת." (יעדן טאָג גייט אויף אַ בת־קול אין הימל און רופט אויס: די גאַנצע וועלט ווערט געשפּייזט פון וועגן חנינא, מיין זון. און חנינא, מיין זון, באַנוגנט זיך מיט אַ טאָפּ באָקסער פון איין ערב שבת צום אַנדערן.)

דער באַרגיקער פרישער ריח פון דער ארץ ישראל לופט, וועפט זיך פּלוצעם אויס און מיט אים פאַרשווינדן אויך די שטענדיקע בר־פּלוגתאס. דורך די אָפענע פענצטער דרינגט אַריין דער עיפּוש פון נאָענטן „ליקל" מיטן געטומל פון נישט ווייטן פערד־מאַרק הינטער דער שול, און פאַר די אויגן שטייען די צעהויקערטע הייזקעס מיט דער בלאָטע ביז די קני. איבער אַלץ ציט זיך גרוי חיים דעם זיידנס תרעומותדיק קול פאַר־שפּיצט אין אַ האַרבער קשיא: „דיו, דיו בקב חרובין מערב שבת לערב שבת ?".

געוויינטלעך קען זיך חיים דעם זיידנס אָפּשאָקלען שעהן נאָכאַנאַנד און מ'זאָל קיין פּיפּס נישט הערן פון אים. מ'ווייסט אַפילו נישט צי ער לערנט. נאָר פּלוצים טוט ער אַזוי אַ שלוכץ אַרויס און ווערט ווידער

פאַרשטילט. שוין אַ לענגערע צייט ווי ער פרעגט קיינעם גאָרנישט און זיצט ווי אַ פּרוש אין סאַמע ווינקל ביים אויוון מישנדיק די בלעטער דאָ פון אַ גמרא, דאָ פון אַ משניות אָדער סתם אַ חומשל צי אַ ספּאַרבע (עשרים וארבע). אויב עמיץ פרעגט אים עפּעס אין אַ סוגיא, טוט ער אַ לאַנגן קוק מיט זיינע שוואַרצע אויגן און ענטפערט מיט אַ ברום: „נאָר דאָס איז דיר קשה, האַ?!" אַז מ'קוועטשט אים צו צו דער וואַנט וואָס ער מיינט דערמיט, לאָזט זיך אויס: „אים איז קשה אַלץ אַרום און אַרום. און אַז דו וועסט שוין וויסן דעם גאָרן טעם פון „יאוש שלא מדעת" (אַ סוגיא אין די דינים פון אָפּגעבן פאַרלוירענע זאַכן) וועסטו דאָך נאָך אַלץ זיצן אין „ליקל" צווישן די שמאַטעס, וואָס די שווינדלער נאָך פון מחוזא אָן קענען קוים פאַרגינען דעם זיידן", — ברומט ער מיט אַ רמז וואָס איז גאַנץ קלאָר צו וואָס ער צילט.

— און תורה לשמה, איז ביי דיר גאָרנישט? — ווילן די חברים אים איבערשפּאָרן.

— ווען איז דאָס גערעדט געוואָרן, ווען עס העלפט נישט צו אָנצו־נעמען אַלץ פאַר גוט און לאָזן אַלץ ווי געווען, אָבער ווען מ'קען דערמיט אַפילו קיין קליאַדקע נישט אָוועקלייגן איבער דער בלאָטע, בלייבט דאָך אַלץ ווי געווען, און עד האָב שוין נישט קאָ כוח צו וואַרטן אויף אַ נס.

— ווילסט גיין קעגן סדר־העולם, חיים? — שפּאַרט זיך מיט אים אַלעמאַל יונה דעם שוחטס ביי ווען דאָס בלאָנדע בערדל מיטן קיילעכ־דיקן פּנימל ציטערט אַלעמאַל, ווי ס'וואָלט אויסגעגעבן דעם פּחד וואָס עסט אים פאַרן נאָענטן שטיין צום פּריזיוו.

— ס'איז דען אַ סדר? ווי נאָר דו טוסט זיך אַ כאַפּ אַרויס אויפן מאַרק, איז דאָך אויס מיטן גאַנצן סדר וואָס זעט דאָ אויס אַזוי פעסט און זיכער פון סיני אָן.

— וואָס זשע ווילסטו? — קענען אַלץ די חברים נישט באַנעמען וואָס אים קוועטשט.

— עך ווייס נאָך אַליין נישט וואָס צו ווען. כ'בין נאָך נישט פאַרטיק מיטן צערייסן אַלע פענטעס פאַרהעקלט מיט מיליע מיליאָסן פּסוקים.

אָבער דאָס זיצעניש דאָ האָט שוין גאָר קיין זינען נישט. וואָס קען מען זיך דאָ אויסוואַרטן, מישטיינס געזאָגט?

לאַנג האָט ער טאַקע מער נישט געוואַרט. אין איין פאַרנאַכט, האָט ער בריש־גליה דורכגעשפּאַנט דעם „רינג" און אַרויפגעגאַנגען אין „גאָרן־שטיבל". אין אַ פּאָר טעג אַרום איז ער אינגאַנצן נעלם געוואָרן און די זיידעכע מיטן זיידן האָבן זיך עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד אַרומגעדרייט אין די פרימאָרגנס אַרום שטיבל אָפּגעכויוולטע און פאַרצאָגטע, און איינגע־הערט זיך צום גמראדיקן ניגונען, ווי זיי וואָלטן עפּעס געוואָלט אויפכאַפּן פון דאָרט. פאַרנאַכטצו האָבן זיי פּונקט אַזוי געטשאָפּעט מיט זייערע שווערע שטיוול אויף דער פּאָטשענע פאַרן „גאָרן־שטיבל" און נאָכגעקוקט יעדן איינעם וואָס איז אַהין אַרויף מיט אַזאַ צער וואָס האָט גאָר קיין ווערטער נישט.

—אַ צער בעלי חיים נעבעך, — האָט מען געשאָקלט מיט די קעפּ אויף זיי, — ווער וויס וואו ער וואַלגערט זיך עס דאָרט דער חסר־דעה.

שפּעטער האָט מען זיך דערוואוסט, אַז צווישן אים מיט נאָך אַ פּאָר שטיבל בחורים איז געווען אָפּגערעדט אַוועקצולאָזן זיך קיין גאַליציען כדי דאָרט צו קומען צו אַ תכלית. יענע האָבן אָבער חרטה געהאָט אין דער לעצטער מינוט און ער וואַלגערט זיך ערגעץ אויף יענער זייט גרעניץ. צוריקגעקומען פון דאָרט איז ער אין אַ צייט אַרום שוין אינגאַנצן אַ פאַרטיקער. מיט קיינעם נישט גערעדט און נישט געוואָלט באַגעגענען זיך. גאַנצע טעג אַרומגעבלאָנקעט אין די הינטערגעסלעך אַ פאַרוואַקסענער, אַ פאַרחושטער און נישט אָפּשטעלנדיק זיך מיט קיינעם. בלויז אַ פּאָר מאָל האָט ער זיך אַרייַנגעשטעלט אין „שטיבל" אין אַ משמור נאַכט. געבלע־טערט אַ ווײַלע אין אַ ספר און אַוועקגעאיילט פּונקט אַזוי ווי ר'איז אַרייַנגעקומען מורמלענדיק עפּעס אומפאַרשטענדלעכס. די בחורים אין זיין עלטער, זיינען, שוין מערסטנס געווען ווער אין טאַטנס געוועלב אָדער אויף קעסט; ווער אין סאָלדאַטן און אַנדערע גאָר אין ווייטע מקומות לערנענדיק אַ מלאכה צי עפּעס אַנדערש.

— אַוועקגעפלויגן די פייגעלעך, כאַ, כאַ, כאַ, — האָט ער איינמאָל זיך הויך צעלאַכט און אַנגעוואָרפן אַן אימה אויף די פּאָר ייִנגלעך וואָס האָבן זיך געטוליעט אין אַ ווינקל טיש, — ווי לאַנג וועט עך דאָ זיצן? אויף

וואָס וואָרט עץ, ביז דער בלינדער פּנחס וועט זען, האַ? — האָט ער זיך אַזש פאַרקייכט פון אַזוי פיל רעדן, — דעם ווילנער גאון איז געווען גוט. זיך אָפּגעשלאָסן אין זיין בוידעם שטיבל און פון דאָרט געזען די וועלט. דער בעש״ט האָט געבלאָנקעט אין די וועלדער און דער רמב״ם האָט זיך געחברט מיטן סולטאַן, אָבער עץ זיצט דאָך אין בלאָטע, — איז ער זיך פאַרגאַנגען מיט אַ קוויטש און אויפגעפּראַלט די טיר און פאַרשוואונדן אין דער נאַכט אַריין איבערלאָזנדיק נאָך זיך אַן אומהיימלעכקייט וואָס מ׳קען זען בחוש, און ס׳ציטערט דאָס גאַנצע לייב און לעבן זיך צוצוריירן צו דעם.

מ׳האָט זיך אַנדערציילט ווילדע זאַכן וועגן אים. ערשטנס, אַז ער בלאָנקעט אַרום מיטן משוגענעם פּריצל יאַנוש מיט דער סקריפּקע אויף די בערגלעך הינטער דער שטאָט וואו זיי פּראַווען משוגענע שטיק ביים שיין פון דער לבנה. יונגוואַרג וואָס איז זיך אַמאָל פאַרגאַנגען וויט אויפן שפּאַציר, האָבן געוואוסט צו דערציילן, אַז זיי הערן יאַנושעס סקריפּען אויפן פידל דעקלאַמירנדיק דערביי שטיקער פון פאַן־טאַדעאוש און דערנאָך טראָגט זיך אַ ווידערקול פון יענעם אָרט מיט אַ גמרא ניגון, וואָס רייסט איין וועלטן מיט איין רעפריין: „וחנינא בני, דיו בקב חרובין מערב שבת לערב שבת״. אַנדערע האָבן זיך געשושקעט, אַז ער שטייט אָפט אין בלאָטע לעבן זייער הויז און קנעט דאָרט אַ וועג פאַר אַ באַן „וואָס וועט פאָרן און פאָרן און פאָרן״.

— מ׳ווייסט דאָרט אויך גאָרנישט! — האָט ער גאַנץ קלאָר און שאַרף אָפּגעהאַקט די דיסקוסיע אין „גאָרן שטיבל״ ווען ער האָט זיך דאָס לעצטע מאָל דאָרט באַוויזן.

נישט באַמערקט פון קיינעם האָט ער זיך אַריינגעשלייכט און זיך פאַרשטעקט אין אַ ווינקעלע. די דיסקוסיע איז געווען אַ היציקע.

— כל זמן מ׳וועט נישט אָוועקשאַרן דעם הייליקן שטויב פון די אבות און זיי צוריק דערזען ווי לעבעדיקע מענטשן, — האָט געטענהט משהלע דעם דייטס, — וועט מען אַליין נישט קענען זיין קיין מענטשן און נעמען דעם אייגענעם גורל אין די הענט אַריין.

— נעם צו די הייליקייט פון די אבות, ביי וואָס זשע וועסטו בלייבן?

אַ באַליע פול מיט וועש. קויטיקע וועש ווי אַלעמענס. צוליב דעם האָט מען עס אַזוי פיל בלוט פאַרגאָסן און געליטן?

— אינטעליגענטלעך! — האָט דער שוואַרצער בנימין אַ שפּריץ געטאָן מיט חוזק און ביטול, — דער איינציקער וואָס טראָגט די וועלט אויף די פּלייצעס איז דער האַרעפּאַשנער מענטש, און ער וויל נישט וויסן פון ענקער גאַנצן שטויב און רויב. עץ ווייסט כאָטש אַז ס'האָט שוין אויפגעטאָגט אויף דער וועלט? און אַלע ענקערע שיינע רייד זיינען בלאָטע. בלאָטע זאָג עך ענק. וואָסער גורל דאַרף מען עס דאָ נעמען אין די הענט, וועמעס גורל? מיינסט אודאי, אַז אַן אייגן לענדעלע ערגעץ אין אַ העק, וועט האָבן מער ווערט ווי די ליקלעך דאָ? נאַרישקייטן, מער אַנטלויפט מען נישט פון דער וועלט.

פאַר אונדז איז דאָ די וועלט, און מיט אַלעמען צוזאַמען וועלן מיר זי איבערמאַכן. מ'דאַרף נאָר נאָך אַביסל וואַרטן. דער עיקר איז מיר זאָלן דאָ זיין גרייט ווען ס'וועט קומען צו אונדז.

— גאָלד מיט בריליאַנטן, בנימין, כמעט די זעלבע רייד ווי דיין טאַטע, נאָר אָן משיח'ן, — האָט איילע ווייצלער געפונען די געלעגנהייט אַ חוזק צו טאָן מכלומרשט אין ערנסט, — מ'טאָר נישט אַנטלויפן, נאָר מ'זיצט און מ'וואַרט ביז „פון יענער זייט" וועט מען קומען אונדז „אויסלייזן". זאָג זשע מיר נאָר, טוסט כאָטש אויס די שטיוול ווען דו גייסט שלאָפן? קענסט חלילה פאַרשפּעטיקן די ריכטיקע מינוט.

— האָסט טאַקע אין וועמען צו גערען מיט דיין לצעוון, — איז בנימין אויפגעשפּרונגען, אַפּצאַלנדיק אים מיטן זעלבן, אַז זיין טאַטע זיינוועלע לץ פּירט זיך אויך אַזוי אין „שטיבל", — עך זאָג ענק אָבער, אַז ס'איז שוין נעענטער ווי ווייטער. שפּילסט זיך מיט פייער, איילע.

— אַזוי אַ? נישט מער און נישט ווייניקער, — האָט דער ווייצלער נישט אָפּגעלאָזט, — זאָג זשע מיר דעם אמת: שלאָפסט טאַקע אין אַנטועכץ? דיין זיידע זאָגט מען דאָך, האָט זיך כל ימיו נישט אויסגעטון ווייל ר'האָט מורא געהאַט צו פאַרשפּעטיקן משיחן.

— וואָס האָסטו זיך עפּעס צוגעטשעפּעט צו זיין זיידן? — האָט נאָך עמיץ אויפגעכאַפּט די שפּיל פון חוזק און ערנסט — יענער האָט דאָך געגלייבט

באמונה שלימה, אַז משיח קען קומען יעדע מינוט, און אַפילו מורא געהאַט צו פאָרן מיט אַ וואָגן מיט צוויי פערד, טאָמער פעלן זיי זיך אויס אויפן וועג.

— נו אוודאי אַזוי, — האָט אַן אַנדערער געוואָלט ווייטער ציען דעם זעלבן חוזק — משיחס אייזעלע גייט דאָך נעבעך טראָט ביי טראָט.

— און אַז יאָ איז וואָס? — איז בנימינען דווקא געפעלן דער פאַרגלייך מיטן זיידן — עך גלייב אויך באמונה שלמה און בין גרייט יעדע מינוט דאָ אויף דעם אָרט און וועל בשום אופן נישט אַנטלויפן אין אַ העק ערגעץ.

— אַלעמאָל דער זעלבער פּזמון, — איז אַריין אין געפּעקט הענעכל דער קרומער, — עץ שלאָגט ענק אין אַן אָפענער טיר, — דער מאַרקסיזם לערנט, אַז מ'קען נישט פאַרלאַטען איין ריס און נישט איגזיגען האָבן די גאַנצע קאַפּאָטע. די יידישע פראַגע איז נאָר איין לאָך אין דער קאַפּאָטע פון דער וועלט. ווען די קאַפּאָטע וועט זיין אַ נייע, וועט שוין אונדזער לאָך אויך פאַרשווינדן.

— אַ ניי אינטעליגענטל, — האָט דער שוואַרצער ווידער אַ שמייץ געטאָן, — וועמען גייען אָן די לעכער דיינע.

— זיי גייען אונדז שוין זייער שטאַרק אָן, — איז בענטשע דעם מעל־שענקערס אים אַריין אין די רייד, — אַרום דיר גייען דאָך אויס דיין אייגענע טאַטע־מאַמע. מ'שטויסט אונדז אַרויס פון אַלע פּרנסות און אַ גאַנצע יוגנט גייט אַרום שלינג און שלאַנג. און דאָרט וואו ס'האָט ביי דיר אויפגעטאָגט איז דאָך אויך דאָס גאַנצע יידישע לעבן צעריבן געוואָרן. נישט אַזוי, אפשר? פּרואוו נאָר אַ שטעל טאָן דיין פוס אויף דער פאַרשטאָט, וועסטו שוין זען צי דו וועסט אים צוריקקריגן אַ גאַנצן, האַ? מיר זעמיר אַרומ־געדרינגלט מיט בלויז שונאים, און אינעווייניק איז אַ פּוסטקייט. דאָס איז אונדזער פּראָבלעם.

— וואוהין זשע פירן אַלע רייד? — איז משה אליה, זייער געוועזענער לערער אויך אַריין אין מיטן און קיינער האָט דערוויל נישט געוואָגט אים אַנטקעגן צו רעדן — צום ערשטן מוזט עץ פאַרשטיין אַז דווקא איצט ווען מיר רייסן זיך אין דער וועלט אַריין און לייגן די האָפענונג נאָר אויף דעם וואָס עס טוט זיך דאָרט, זיינען מיר ערשט צעפּיצלט געוואָרן. יעדער האַלט זיך ביי דער פּאַלע פון אַן אַנדער שטיקל וועלט. רייסט דער אַהער

און דער אַהין און ס׳רירט זיך נישט פון אָרט. אַמאָל האָט יעדער שטיבל ייִנגל זיך געפילט און געלעבט אין דער גאַנצער וועלט. די צייט פון די מלכים און נביאים האָט זיך ביי אים געבונדן מיט דער צייט פון די סופרים, און די תנאים פון דער משנה האָבן זיך געחברט מיט די אמוראים און גאונים. פון זיי איז אַ גלייכער גאַנג צו ר׳ שמואל הנגיד, צום רמב״ם, צו ר׳ יהודה הלוי, צו רש״י — — —

— וואָס זשע מיינט עץ צו זאָגן, — האָט שוין דער שוואַרצער בנימין נישט אויסגעהאַלטן, — אַז מ׳דאַרף זיך צוריק אַריינלייגן אין קינדער וויגעלע? און דאָס האָט אַלץ גאָרנישט געהאַט צו טאָן מיט דער דרויסנ־דיקער וועלט?

— ניין, בנימין, ס׳איז שוין גאָרנישט קיין קינדער וויגעלע. וואָס כ׳מיין איז, אַז מ׳דאַרף היסטאָריש זען זאַכן, און אַז דער איצט איז בלויז איין רינגעלע און מ׳מוז אים איינפּעדעמען אין אונדזער אייגענער היסטאָריע און נישט מיט פרעמדע צוואַנגען. מיר דאַרפן לערנען פון דער וועלט וואָס צו טאָן און ווי אַזוי צו טאָן, אָבער טאָן קענען מיר נאָר דאָס וואָס וועט זיין אין גוסט פון אונדזער געשיכטע. אודאי האָט אונדז דער שולחן־ערוך היפּשלעך געפּענטעט, דאָס מיינט אָבער נישט אַז מ׳מוז אַלץ אַוועקוואַרפן און נאָר כאַפּן פון דער פרעמד. פאַרשטייט איר מיך, קינדער, — האָט ער שוין מעשה לערער נישט דיסקוטירט, — זעט, מיר געפינען זיך דאָ ווי אַרומגערינגלטע. פון דרויסן און אינעווייניק באַלאַגערט. טייכן און וואַסערן אַרום אונדז. מיט בריקן וואָס פירן ערגעץ, אָבער דאָ ליגן אויך אונדזערע גאַסן און געסלעך וואו כמעט טויזנט יאָר יידיש לעבן איז אַריינגעפּאַקט, און זיי האָבן דורך די זעלבע בריקן און באַהאַלטענע היילן אויסגעטראָטן סטעזשקעס צו דער וועלט. אַלע לעבנס פון פריער שוועבן דאָ אַרום — — —

— איך זע נישט מער ווי בלאָטע דאָ, — האָט ווער טראַציק אַ פליוכע געטאָן. מיר זיצן אין דערזעלבער בלאָטע און רירן זיך נישט. דאָס וואָס גאַנצע דורות אונדזערע האָבן דאָ געזונקען אין זיי, מאַכט עס נישט הייליקער און העלפט מיר מיט גאָרנישט. מ׳מוז זיך איינמאָל פאַר אַלעמאָל אַ הייב טאָן און אין דער וועלט אַריין, וואָס עס זאָל נישט זיין.

— מ׳זוייסט דאָרט אויך גאָרנישט!... — האָט זיך פון אַ ווינקל אַ

ריס געטאָן אַ הייזעריק כריפּנע קול, וואָס האָט אַ גרילץ געטאָן ווי אַ טעמפּע זעג — איין גרויסע בלאָטע אומעטום! — האָט ער ווי אַ שאָטן אַרויסגעאײַלט און זיך מער נישט באַוויזן דאָרט ביז ר'איז אין גאַנצן פאַר־שוואונדן פון שטעטל.

— עך זעט, — איז משהלע דעם דיינס דער ערשטער געקומען צו זיך פון געפּלעפּטקייט, — אָט דאָס איז דער סך־הכל פון קוקן אויף אַלץ מיט פאַרהייליקטע ברילן און נישט זען, אַז אין לעבן מוז מען זיך אָנהאַלטן אין עפּעס קאָנקרעטס. פאַראַן אַ בלאָטע, טריקנט מען זי אויס און שוין, מ'טאָר זי נישט פאַרהייליקן דערפאַר ווייל אונדזערע געסלעך שטייען אין איר.

— אַליין וועסטו אָבער קיין בלאָטע נישט אויסטריקענען נאָר מיט אַלעמען צוזאַמען — — —

— אַלע צוזאַמען — האָט בענטשעס קול איראָניש געשמיסן אין פּנים אַריין, — ווען מ'דערלאָזט דיך נישט קריגן קיין ביסן ברויט; ווען דו שטרעקסט אויס אַ האַנט, האַקט מען זי דיר אָפּ, רעדט ער נאָך פון צוזאַמען. איין אויסוועג זע איך: אַרויס פון דאַנען און שוין. יעדער וועג איז גוט, אַבי אַרויס וואָס פריער!

— איז ווען זשע פאָרן מיר און וואוהין? — האָט דבורהלע דעם דיינס געפּרואווט אַריינשטעלן אַביסל אַ לייכטערן טאָן און אויף איר שפּילעוודיקן אופן געוואָלט אָפּווענדן דעם שמועס אָן אַ זייט, — און וואָס וועט זיין מיט אונדז? מיט די מיידלעך, מיין עך, מיר קומען דען גאָרנישט אַריין אין חשבון?

— ביז וואַנען וואָס און ווען, לאָמיר דערווייל נעמען אַ ניגון אין מויל אַריין, דבורהלע, — האָט זיך די דיסקוסיע געהאַלטן אין איבעררייסן, נאָר משה אליה האָט זיי נישט אָפּגעלאָזט, — פאַרגעסט אָבער נישט, אַז יעדער פאַר זיך, וועט שוין ווי עס איז געפינען אַן ענטפער דורך פאָרן וואוהין מ'וועט אים נאָר לאָזן, וואָס זאָל אָבער טאָן דער כלל?

— דער כלל? — איז שוין דבורה אויך ערנסטער געוואָרן, — דער כלל וועט האָבן דאָס וואָס מיר וועלן באַוויזן צו טאָן יעדער אין זיין ווינקל, נישט אַזוי?

דאָ האָבן זיך ערשט די אַמפּערנישן אָנגעהויבן אויפדאַסניי און זיך געצויגן נאַכט אויף נאַכט אפילו נאָכדעם ווי אַ סך האָבן באַוויזן צו לאָזן זיך אין דער וועלט אַריין, און אַפילו נאָכדעם ווי די ערשטע פון די „אויסמושטירטע" האָבן זיך שוין גערופן „חלוצים", און אין די דערפער און ווייטע וועלדער פון וואַלין זיך געגרייט צו אַ ניי שותפותדיק לעבן אין ארץ־ישראל. דאָס „גאַרן־שטיבל" וואו משה אליה איז נאָך אַלץ געזעסן יעדן אָוונט און געשעפּט נחת פון די לייענער, וואָס זיינען געקומען בייטן אַ ביכל, האָט געלויכטן אין „רינג" אַריין, אָבער אויך אין די הינטערגעסלעך האָבן שוין אין די אָוונטן פאַרשידענע גרופּקעלעך זיך געקליבן הינטער פאַרמאַכטע לאָדנס. דאָרט האָט מען זיך אויך געגרייט, נאָר ווי אַזוי און צו וואָס, איז שוין געווען דער סוד פון יעדער גרופּע באַזונדער.

אין די „שטיבלעך" זיינען נאָך איינציקע יינגלעך אַלץ געזעסן ביי די אָפענע גמראס און אַמאָל אין אַ משמור נאַכט, האָט זיך זייער ציענדיקער טרויעריקער ניגון ערגעצוואו באַגעגנט מיטן פייערלעך זיכערן געזאַנג פון „גאָרן שטיבל":

„מיר וועלן בויען, בויען,
בויען אונדזער לאַנד!"

אָפּט זיך אויך אָנגעשלאָגן אין דעם האָפערדיקן אַנזאָג, וואָס האָט זיך געטראָגן פון אַ געסל:

„אַ נייער משיח קומט אָן,
דער יידישער אַרבעטער, דער גבירישער קרבן — — —"

און די געסלעך מיט די ליקלעך האָבן צוגעהאַרכט פאַרטוליעט אין זיך און מיט אַנגסט צוגעזען ווי אַרע באַלעגאָלע, האָט וואָך איין און וואָך אויס אַוועקגעפירט אין זיין גרויסן וואָגן אַ שטיק האַרץ און לייב און לעבן פון אַן אַנדער הויז.

* * *

אַזוי, ביז — — —

ביז דעם סאַמע סוף, ווען דער ימח שמו האָט די טייכן פאַרשטאָפּט, די בריקן צעשטערט. אַלע גאַסן און ליקלעך פאַרברענט און יונג און אַלט זיינען געגאַנגען דעם לעצטן גאַנג מיטן „קורצן בריקל" דורך דער „גרעבליע גאַס" און „רינג", פאַרביי דער עפענונג פון דער הייל אינעם

„ליקל" און ביז צו דער „לאַנגער בריק" וואָס איז שוין מער קיין בריק נישט געווען, נאָר אַ טייל פון אַ גרויסן גרוב לענג אויס דעם אַמאָליקן ברעג טייך.

בלויז אַ שטיקל פונעם „פּאַשע בריקל" האָט פון ווייטנס זיך געטוליעט צו דער לאַנקע, און נישט דערוואַרטנדיק זיך אויף עמיצן צו קומען פון יענער זייט, האָט עס זיך אליין אָפּגעריסן פון משקולת; און פאַלנדיק מיט אַ קנאַל, פאַרשפּיצט זיך צום „בערגל־אַרויף" וואָס אַנטקעגן, וואו פון ושאַמעלעס הויף האָט נאָך געוויכערט אַ לעצטע גלאָוניע ווי אַ פאַרטונקלט אויג.

תש"ה — תש"ך

1960 — 1945

פאַרטייטשונגען

א

אביי און רבא, אַבאַיע, ראָווע — צוויי פון די וויכטיקסטע אַמוראים (זאָגערס, פאַרטייטשערס אָדער דערקלערערס פון דער משנה) אין בבל.

אחדות־לייט, אַכדעס — אייניקייט; סינאָנים פאַר סאָציאַליסטן.

אַלקער — זייטיק צימערל.

אַרויסגעזייערט — קוים אַרויסגערעדט.

אשר יצר, אַשער יאַצאַר — וואָס האָט באַשאַפן; די ברכה וואָס מ'זאָגט ביים וואַשן די הענט נאָכן טאָן דאָס באַדערפעניש.

אמר מר, אָמאַר מאַר — דער האַר האָט געזאָגט; סינאָנים פאַר: דער רבי האָט געזאָגט.

אַנזשליאָקען זיך — אָנטרינקען זיך.

אָפּגעכויוולט — אָפּגעלאָזן. אויך פאַרעלטערט און אַנטמוטיקט.

אָפּגעמאָלן — אָפּגעזאָגט אויף שנעל.

אָפּשלידערן — אויסוידלען אַן דרך־ארץ, צוריקווייזן.

אָפּקאָפּ, אויך אָקאָפּ — עק פון דאַך וואו דאָס רעגנוואַסער פאַלט אַראָפּ.

אור, אָר — ליכט.

אור החיים, אָר האַכאַיעם — ר׳ משה חיים בן עטר, מקובל און פאַרטייטשער פון חומש; געלעבט אין צפת, סוף 17טן י.ה.

אָרור — פאַרשאָלטן.

אושאָ און צפורי (ציפּורי) — שטעט אין ארץ ישראל וואו ס׳זיינען געווען גרויסע ישיבות צווישן 2טן און 5טן י. ה. וויכטיקע תנאים און אמוראים האָבן דאָרט געווירקט.

אויפשניט — שניצל, וואורשט, קאָלבאַס.

אותו האיש, אויסע האַאיש — יענער פאַרשוין; סינאָנים פאַר דער יעזוס פיגור.

אבן עזרא, איבן — אברהם בן עזרא, פּאָעט און פילאָזאָף־פאַרטייטשער פון תנ״ך. געלעבט אין שפּאַניע אין 12טן י.ה.

איבערזעץ־חדר — דאָס חדר וואו מ׳לערנט שוין חומש פאַרטייטשנדיק לויטן אינהאַלט מיט אַלע אויסריידן פון רש״י. איין שטאַפּל העכער פון אָנהייב־חדר גערופן דרדקי (דארדעקי) וואו מ׳לערנט אלף־בית און מ׳הייבט אָן חומש פאַרטייטשנדיק וואָרט און וואָרט.

איפּעס־קעפּעלע — וואונדער קאָפּ.

איש מהימן, מעהעמען — אַ באַגלויבטער מענטש.

איינוואַליען — איינוואַרפן.

אפוד, אייפעד — אַ ספּעציעלער איבער־מלבוש וואָס דער כוהן פלעגט טראָגן.

ב

באבושקא — פארהייליקטע רוסישע רעוואָלוציאָנערקע. סוף 19טן און אָנהייב 20טן י.ה.

באַזאַכט — פּאַמעלעך, מיט דרך־ארץ.

בטלען, באַטלען — פאַרלירן צייט אָן אַ זין.

באַליע — כלי צו וואשן וועש.

באַנג — טרויעריק.

באַנומענע — צעטומעלטע, אַראָפּ פון זינען; אויך פאַרשטייפטע גלידער.

בר פלוגתא, באַר פלוגטע — קעגנער.

באַברעט זיך — זוכט זיך אַרויסצובאַקומען פון אַ שווערער סיטואַציע, פּלאָנטערט זיך.

באַדזשיקעס, אויך באַזשיקעס — שטעכיקע קליינע דערנער וואָס וואַקסן אויף נידעריקע קוסטעס.

באַזשניצע — געבעט־הויז.

באַסיאַק — לאַנגער שטעקן מיט אייזערנעם שפּיץ.

בודקע — קליין קעמערל, וואַך־פּאָסטן.

בולוואַן — נאַר, גולם.

בידליעס — בהמות, סינאָנים פאַר נאַראָנים.

בורא מאורי האש, בוירײ מעאוירײ האָאייש — דער וואָס באַשאַפט פייער. ברכה וואָס מ׳זאָגט שבת צו נאכטס ביי הבדלה, סינאָנים פאַר אונטערצינדער.

בילאַנדער — משפּחה פון ווילע יונגען.

ביאור, בייער — פאַרטייטשונג פון תנ״ך אויף דייטש פון משה מענדלסאָן.

בית־הכסאות, בייס האַקיסעס — „הויז פון שטולן״, שטיבלעך צו טאָן די באַדערפעניש, אָפּטריט.

בייצן — ווען גאַרבערס קוועטשן אַרויס די פייכטקייט פון פעל נאָכן ווייקן.

בלאָט־שלעסלעך — פלאַכע שלעסער.

בלודנע — עלנטע, פאַרלאָזענע.

בעטש — יאָמער־געשריי.

בעניי־ביי — איינס און צוויי (פון אַראַמייאיש: מיניה וביה).

ברייען, בראַיען — רעדן איבעריקע רייד; אויך רעדן גלאַט אין דער וועלט אַריין, אָן אַ זין.

בריטשקע — פריצישער געשפּאַן.

בריש גליה, בערעש געליי — עפנטלעך, פאַר אַלעמען אין די אויגן.

ג

גאַיעס — גויים, געמיינט דאָרפישע פויערים.

גאַליפיי־הויזן — קורץ געפּאַסטע רייט־הויזן.

גבר־אלים, גוואַר אַלעם — אַ שטאַרקער מאַן, פאַר וועלכן אַלע האָבן מורא.

„גוט״ — פריצישער הויף.

גונז זיין, גוינעז — פאַרבאַהאַלטן, פאַרבאַרגן.

גומל־בענטשן, גוימל — ווער עס ווערט געראַטעוועט פון אַן אומגליק, ווערט אויפגערופן צו דער תורה און מאַכט אַ ברכה וועלכע הייבט זיך אָן מיטן וואָרט „הגומל״ — דער וואָס באַצאָלט (טוט) גוטס.

גוראַלעס — באַרג־איינוואוינער.

גירסא דינקותא, גערסע דעיאַנקעסע — דאָס, וואָס מ׳האָט געלערנט יונגערהייט.

גלאָוניע — נישט דערברענט שטיק האָלץ.

גלופּסטוואָ — נאַרישקייט.

„געדונגענער״ — סינאָנים פאַר שבת־גוי.

געווערט — געדויערט.

געחרובט, געכאַרעווט — איינגעפאַלן, אויך שטאַרק קראַנק.

געלענדער — גאַנצער צונויפשטעל פון אַ בנין, גוף.

גענדזלען זיך — ווערן רייף, פוצן זיך.

געפוצטע שטיבלעטן — האלבע שיך מיט עלאסטיק ביי די זייטן און פון פארנט, וואס רייכע איידעמס אויף קעסט פלעגן טראגן.

געקריעט זיך — אויסבאהאלטן זיך פון מיליטער.

געשטאלפערט — געשטעלט נישט זיכערע טריט.

גערופעט — געקראצט, צערודערט, געמאכט אומרואיק.

גרשוני — רוסישער רעוואלוציאנער, אנטלאפן אין א פאס קרויט פון טורמע.

גריזאטע — נעמען זיך צום הארצן.

„גרויסע" — סינאנים פאר קאמוניסטן, באלשעוויקעס.

גרעבליע — פלאץ פון וואסער קאנטראל.

ד

דארבן — דארן.

דבר־אחר, דאווער־אכער — חזיר. סינאנים פאר א קארגן, פאר איינעם וואס פארגינט נישט אי זיך אי יענעם.

דיאדא, דיאדקא — פעטערל, געמיינט: פירער.

דזשעבליע — פיצעלע, קרישקע ברויט.

דרכי־נקיות, דארקיי נקיעס — די וועגן פון ריינקייט. געמיינט: ווי מ׳פירט זיך אויף ביים טאן די באדערפעניש.

דראבנע — קליין, פיצעלע.

דראבניאסטע וואגנס — הויכע פויערישע וואגנס מיט געפלאכטענע ווענטלעך ביי די זייטן.

דראטווע — שטארקע פעדים וואס שוסטער נוצן.

דראן — א לײדיקגייער, א גארנישט.

ה

האאליק — ווען מ׳עסט זויערע פרוכט ווערן די ציין שטייפלעך.

האלאבליעס — פערד געשפאן.

האלעבראדניקעס — אן בערד.

האלאטע — ווילד געזינדל.

הדרת־פנים, האדרעס־פאנעם — א פנים מיט א שיינער בארד, אן אויסזען וואס מאכט אן איינדרוק.

הדרכה, האַדראַכע — דערציִאונג, אָנווייזונג.

הדרל, הודערל — אַ פּראַכט. אויסגעקליבן ווי אַ שיינער אתרוג.

הוויות עולם הזה, האוואיעס אוילעם האַזע — די געוויינטלעכע פירונג פון דער וועלט.

הון, האָן — גרויס פאַרמעגן.

הוריות, הוירעיעס — מחשבות, זיין שטאַרק פאַרטאָן מיט אַ געדאַנק. אויך איבערטראַכטענישן וואָס שרעקן.

היומס, האַיעמס — היינט, טאָג. גענוצט אין דעם זין: נישט קוקנדיק אויף דער צייט וואָס ס'איז פאַרוועגדט געוואָרן אויף דעם.

הינענדיקער — היגער.

היקש, העקעש — פאַרגלייך.

היצלעס — הינט־שלעגער, הינט־כאַפּער. געמיינט אויך מענטשן וואָס זיינען אַלעמאָל גרייט אָנצופאַלן אויף מענטשן אָן אַ פאַרוואָס.

„היצעך" — היט זיך.

הכנות, האַכאָנעס — צוגרייטונגען. סינאָנים פאַר טאָן דאָס מענטשלעכע באַדערפעניש.

העוויה, האַוואַיע — גרימאַסע, מאָדנע באַוועגונג.

העלפטעלע — האַלב פון דער געוויינטלעכער מאָס פון אַ פלעשל בראָנפן.

העצע — אָנרייצן, מאַכן אַ ליאַרעם, אַ טומל.

העק — פאַרוואָרפן ווינקל.

הרחבת־הדעת, האַרכאָוועס האַדאַאַס — רואיקע געמיטלעכקייט, צופרידנקייט.

התנהגות, היסנאַאַגעס — פירונג, געוואוינהייט.

וו

וואַנדאַ — לעגענדאַרע העלדין פון אַלטן פוילן.

וואַיעוועט — האַלט מלחמה, רודערט אַרום.

וואַיט — שטאָט עלטסטער, בירגערמייסטער, מעיאָר.

וויפילע — אַ סאַך, אָן אַ צאָל.

וועליען — וואואַל מיט וועלכן מ'באַדעקט דאָס פנים פון דער כלה ביים „באַדעקנס" פאַר דער חופה.

וועפריק — גראָבער יונג.

ז

זיבעלע — סינאָנים פאַר אַ נאַר, נישט אַנטוויקלט.

זכר, זייכער — איבערבלייב, דערמאָנונג.

זמן און עת, זמאַן, אייס — ביידע מיינען צייט. אַ טייל יידישע פילאָזאָפן מאַכן דעם אונטערשייד: זמן הייסט „באַגרעניצטע צייט" און עת „פליסנ־דיקע, אייביקע צייט". אַ מענטש לעבט אין „זמן", די וועלט לעבט אין „עת".

זנב, זאַנעוו — עק, סינאָנים פאַר אַ נאַר.

זשוואַווע — פלינק, ספריטנע.

זשורנאַל — בוך פון מוסטערן פון פאַרשיידענע מאָדעס.

זשיוויעט — שפּייזט זיך.

זשלאָב — גראָבער יונג, פּוסטער מוח.

זשאַרנע — האַנט־מילעכל צו מאָלן מעל און גרויפּן.

זקן ורגיל, זאָקן וועראַגל — אַן אַלטער מיט אַ סך דערפאַרונג.

ח

חגא, כאַגע — נישט יידישער יום־טוב.

חוצפה אפילו כלפי שמייא מהנייא, כוצפע אַפילע קלאַפּיי שמאַיע מעהאַניע — מיט אַראָגאַנץ קען מען אַפילו ביים הימל דורכפירן וואָס מ׳וויל.

חז"ל, כאַזאַל — איניציאַלן פון „חכמינו זכרונם לברכה" — כאַכמיינו זיכרוינאָם ליבראָכע — אונדזערע חכמים זאָל זייער דערמאָנונג זיין געבענטשט.

חייהטשען, כאַיטשען — קוויקן זיך, האָבן פאַרגעניגן.

חלב, כיילעוו — נישט כשר פעטס.

ט

טאַמלענדיק — ציטערנדיק.

טאַנדייטנע — אַ מלבוש אָדער אַ זאַך וואָס איז געמאַכט נישט לויט דער מאָס און נישט פון בעסטן מאַטעריאַל.

טורקעט — רודערט שוואַך, קוים וואָס עס באַוועגט זיך.

טיאָפּ — כלי געמאַכט פון האָלץ אָדער צעמענט אין וועלכע די פעל ווייקט זיך.

טיטשקע־פּאַלע — קינדער שפּיל מיט צוויי שטעקנס.

טינטיקע — סינאָנים פאַר געדיכטער פינצטערניש.

טראַנץ — נישט צופרידנקייט, אויך אַ שלעכטער ריח.

טראָצקי — פירער פון דער רויטער אַרמיי אין צייט פון דער רוסישער רעוואָלוציע.

טרעלבעך — פעטער בויך.

טרפהן, טאַרפען — מאַכן טריפה.

טשודאַק — מאָדנער, צעטומלטער.

טשיסטיטאַ — ריינקייט.

י

יאַ־טי־בע־דאַם — אַ גאַנצער מאַכער, אַ קנאַקער.

יאַנדעס, יאַנעס — יידישע פאַראַנטוואָרטלעכקייט, אָרנטלעכקייט, יידיש האַרץ.

יאַמש — אַ מין שטאַרק האָלץ.

יאָקבי — גלייך ווי.

יאָזש — נאָדלער. אַ חיהלע וועמעס פעל איז באַדעקט מיט שטעכיקע נאָדלען.

יאָלדיש — שיין פאַרפּוצט. מאָדערנע.

יאָץ — סינאָנים פאַר געץ, גולם.

יוכע — הייס בלוט.

יונים, יעוואַנים — סינאָנים פאַר רוסישע סאָלדאַטן.

יופּיצע — לאַנגע געהאַקטע קאַפּאָטע ;אַרויסגערעדט אויך: זשיפּיצע.

יוצרות, יאַצרעס — ספּעציעלע תפילות פאַר יום־טובים. „פאַרבייטן די יוצרות" — איבערבייטן איין זאַך אויף אַן אַנדערער.

יושב, יוישעוו — זיצער, אַ חסיד וואָס האַלט זיך אויף ביים רבין אין הויף און ווערט אויסגעהאַלטן פון רבין.

יענעזייטיקע — סינאָנים פאַר נישט גוטע, שדים.

כ

כאַפּערס — יידן וואָס האָבן געכאַפּט קליינע קינדער און אָפּגעגעבן פאַר סאָלדאַטן אין דער צייט פון דער „קאַנטאָניסטן גזירה".

כופר־נפש, קויפער נעפעש — אויסלייז געלט.

כיור, כיער — הענגענדיקער האַנט־פאַס אין בית־מדרש אויף צו וואַשן די הענט.

כליופ — אַ גיס אויף שנעל.

כמאַליען — האַקן, געבן קלעפּ איינס נאָכן אַנדערן.

כמה וכמה, קאַמע וועכאַמע — זייער אַ סך.

כמיעל — פאַרקירצונג פון כמיעלניצקי.

בעלות, קאַלאַס — גאַנץ פרי, פאַרטאָג.

כּתרל, קעיסערל — קרוינדל, שיינדל.

ל

לאַווע — אַן אָרט אין טייך וואו דאָס וואַסער שטראָמט האַסטיק.

לאַפּטיעס — שיך געפלאָכטן פון גראָזן און דינע ריטלעך.

לאַפּיטוטן — שליחים פון טיזול.

לאַפּעס — גראָבע הענט.

לאַשטשענע — דאָס פירן חתן־כלה איבער די גאַסן מיט מוזיק אינעם זיבעטן טאָג פון דער חתונה־וואָך.

לאַבעסעס — ווילדע, נישט דערצויגענע יונגען.

לאַזעס — טרוקענע צווייגלעך.

לופּטשיקל — קליין פענצטערל.

ליאַ־באַגאַ — אין נאָמען פון גאָט.

לייב־צו־דעקל — גערופן אויך „ארבע כנפות״. אַ פיר־עק געמאַכט פון טלית שטאָף אָדער סתם ווייסע לייוונט מיט ציצית אין אַלע עקן. ווערט געטראָגן נאָענט צום לייב.

ליקל — שמאָלער דורכגאַנג פון הויז צו הויז.

לא עלינו, לוי אָלינו — נישט פאַר אונדז געדאַכט, מיט אונדז זאָל עס נישט טרעפן.

לעלערס — לערנערס.

מ

מאַניען — רופן מיט אַ וואונק, צוציען מיט אַ בליק.

מאַנקאַליע — איינרעדעניש.

מאַסקע — פּעט.

מאַרצאָווע ווינטן — שטאַרקע ווינטן פון חודש מערץ.

מאיל — ווערעמל וואס עסט אויף פאפיר און מלבושים.

מאנאפאל — בראנפן־געשעפט פון דער רעגירונג.

מאסקאליעס — סינאנים פאר רוסן.

„מאראליש" — טרויעריק, פארבענקט.

מגיה, מאגיא — איינער וואס קוקט איבער א ספר תורה.

מדינה גיין — גיין איבער די היזער בעטלען.

מהיכא־תיתי, מאכעטייסע — זאל זיין אזוי, רעכט אזוי, ס'איז רעכט.

מהרהר בדברי תורה, מעהארהער בעדיוורייי טוירע — קלערט אין לערנען.

מהרש"א — קאמענטאטאר אויף תלמוד; ר' שמואל אליעזר איידלש, פוילן 16טן און 17טן י.ה.

מושב, מוישעוו — אומריין ארט.

מזיק זיין, מאזיק — אנטאן שאדן.

„מזרח" — א ספעציעל געצייכנט בילד מיטן ווארט מזרח אין אים. געוויינטלעך א טייל פון חתן־כלה מתנות און איז געהאנגען אויף דער מזרח וואנט כדי צו וויסן וואו מ'דארף שטיין שמונה־עשרה.

מחזקות, מאכזאקעס — האבן צו טאן מיט עמיצן.

מחלל שבת בפרהסיא, מעכאלעל שאבעס בעפארהעסיע — פארשוועכט דעם שבת עפנטלעך.

מיאכקע לבבות, לעוואוועס — ווייכע הערצער, נאכגיביק.

„מיטה", מיטע — בעטל אויף וועלכן מ'טראגט א טויטן.

מיניען — בלישטשען, פיל קאלירן.

מיערטשעשעם, אם ירצה השם — אויב גאט וועט וועלן, מיט גאטס הילף.

מיעשטשאנעס — נישט יידישע שטאט־איינוואוינער.

מכלומרשט, מיקלוימערשט — גלייך ווי, מאכן אן אנשטעל.

מכשיר זיין, מאכשיר — צוגרייטן זיך צו לעבן אין ישראל.

מלך־אביון, מעלעך־עוויען — ארעמער קיניג, סינאנים פאר דעם גראף זאמאיסקי, פריץ פון דעם געגנט.

מלאטשעס — חברה קדישא לייט, וואס גיבן זיך אפ מיט באגראבן טויטע.

מלווים, מעלאווים — באגלייטער ביי א לוויה.

מלופים קינד — סינאָנים פאַר אַ שוואַכלינג. (מלופים — איינע פון די נקודות).

מסכתא, מעסיכטע — איין גאַנצקייט, אַ טייל פון תלמוד וואָס באַהאַנדלט איין טעמע, למשל: „מסכתא שבת“.

מעביר זיין, מאַוויר — אָפּזאָגן, אָפּשטעלן אַ קצב אָדער אַ שוחט.

„מעמדות“, מאַמודעס — אַ מין יערלעכער אָפּצאָל וואָס חסידים שיקן צום רבין.

מערזער — קופּערנע כלי צו שטויסן קערנער און בשמים.

מרא דאתרא, מאָרע דעאַסרע — דער האַר פון פּלאַץ, דער רב.

מרוח־אַשך — מערויעך אַשעך — צעקוועטשטע אייער שטאָקן.

נ

נוגע בדבר, נויגייע בעדאָווער — עס רירט אים אָן, האָט אַ פּערזענלעכן אינטערעס אין דעם.

נהרדעא, פּומבדיתא און מחוזא — שטעט אין בבל וואו ס׳האָבן געווירקט אָנגעזעענע אמוראים צווישן 2טן און 5־טן י. ה.

נויקעץ — אַ טראָפּן, אַביסעלע.

נומער — צימער אין אַ גאַסט הויז.

נושאים, נאַסים — די וואָס טראָגן דעם טויטן.

ניוכען — נישטערן, זוכן עפּעס אַרויסצושפּירן מיטן חוש הריח.

ניתל, ניטל — קריסמעס נאַכט.

נכפה, נעכפּע — קאָנוואולסיע קראַנקהייט, פּאַליקע.

נפקה, נאַפקע — פּראָסטיטוטקע.

נשאר, נישער — איבערבלייב.

נתזה אין לוד, ניטזע — געהיימער פאַרזאַמלונגס פּלאַץ פון די חכמים אין דער צייט פון די גזירות נאָכן דורכפאַל פון בר־כוכבא אויפשטאַנד.

נתינות, נעסינעס — צושטייער, נדבה.

ס

סאַפּען — שווער אָטעמען.

סאַרכען — שטינקען.

סגולה בדוקה, סגולע בדוקע — אַן אויסגעפּרואווט מיטל, וואָס העלפט.

סוואָלאָטש — אוממענטש.

סובל, סויוול — פאַרליידן, פאַרטראָגן.

סוטה, סויטע — אין חומש באַגריף: אַ פרוי וואָס מ'איז חושד אין פאַראַטן איר מאַן.

סומנעם — טונקעלן, טרויעריקן.

סטאַטיק — אַ שטילער, אַ געלאַסענער.

סטאַטעטשנע — רואיק, געלאַסן אין האַלטונג.

סטאַן, סטאַנדל — העמד.

סטעזשקע — שמאָל וועגל.

סטראַזשניק — פּאָליציאַנט.

סטראַסטענעם — הויכע, אויסגעהוילטע גראָזן וואָס וואַקסן ביים ברעג טייך.

סטראַצלען — פוצן זיך.

סיגע — מינע, אויך געוואוינהייט.

סילוקין מזומן — באַצאָלן מיט באַר געלט און נישט מיט קיין וועקסל.

סייעתא, דשמיא, סעיאַטע דישמאַיע — הילף פון הימל.

סירכא, סערכע — אַ פלעק אָדער אַן איבעריק שטיקל הויט אויף דער לונג, אַ סימן אַז עפּעס איז נישט אין אָרדענונג.

סליינע — קלעפּיקע שפּייעכץ.

סמאַיען — ווערן פייכט, ווען ליפּן ווערן נאַס.

סמאַלע־קאָפּ — צונאָמען פאַר שוסטער.

סענדזשע — ריכטער.

ספאַדיק — אַ הויך היטל, וואָס כלי־קודש טראָגן.

ע

עולם התוהו, אוילעם האַטויהו — וועלט אָן אַ סדר און ציל. איינע פון די שטראָפן פאַר אַ זינדיקן אַרומצוואַנדערן אין דער אומענדלעכקייט.

עומד בדעתו, אוימעד בעדאַטוי — איינער וואָס האַלט זיך פעסט ביי זיין מיינונג, אַן עקשן.

עוקר זיין, אויקער — אַוועק פון אָרט, פלוצים אַנטלויפן.

עירוב, איירעב — די דראָט וואָס נעמט ארום די שטאָט כדי מ׳זאָל מעגן טראָגן אום שבת, ווייל די גאַנצע שטאָט ווערט דאַן „אויסגעמישט״, באַטראַכט ווי אַן איינס.

פ

פּאַנסטווישיזניקעס — פריערים פאַרשקלאַפּט צו פּריצים.

פּאַפּען — ציען דעם רויך פון דער ליולקע אַ צי נאָך אַ צי זייער שנעל.

פּאַקן־טרעגער — ספרים פאַרקויפער, וואָס פאָרן אַרום מיט זייער סחורה פון שטעטל צו שטעטל.

פּאַשע — לאָנקע, גראָז־פּלאַץ, וואו די בהמות קומען עסן.

פּאָוסטאַנציעס — אויפשטענדלער. פּוילישע קעמפער קעגן דער רוסישער מאַכט.

פּאַזשאַרנע קאָמאַנדע — פייערלעשער.

פּאַטאַקעוועט — זאָגט אים נאָך, שטימט איין מיט אים.

פּאַטשענע — הויכע קליאַדקעס וואָס דינען ווי אַ טראָטואַר.

פּאַמעשאַפּן — טיפע הילצערנע שיסלען אויף צו האַלטן אומריינע וואַסער און אָפּפאַל.

פּאַסנע — טרוקן, אָן פעטקייט.

פּאַקאָיעס — סאַלאָנען, גרויסע צימערן.

פּאַרכען — אַפּווישן שטויב.

פּאַרענטש — אָנשפּאַר, אָנלען ביי דער זייט פון אַ בריק אָדער באַלקאָן.

פּגר, פּייגער — אַ טויטער קערפּער. געניצט אויך ווי אַ קללה: שטאַרב!

פּגם, פּגאַם — פעלער, עפּעס וואָס איז נישט גלאַטיק.

פּדיונות, פּידיוינעס — אויסלייז געלט. דאָס געלט וואָס מ׳גיט אַ רבין ביים פּראַווען זיך.

פּועל ישועות, פּויעל יעשועס — אַ רבי וואָס קען העלפן, באַוויזט מופתים.

פּויזשעט — קריכט אויף אַלע פיר.

פּוישן — קרייכן שווער אין וואַסער. אויך ווערן געשוואַלן.

פּטרט, פּאַטערט — מאַכט עס גיך, פאַרלירט צייט, ווערט דערפון פּטור.

פּיווניצע — שענק, טרינק־הויז.

פּינע — שוים.

פליאכעס — גראבע שטיקער.

פלומפ — אייזערנע רער אדער פאמפע ארויסצוציען וואסער פון ברונעם.

„פני״, פניי — אנגעזעענע לייט, די „פאן״ פון שטאט.

פעטשאטיק — ערשט לייז־געלט אין א קראם.

פעכנען — אויסגיין פון הונגער.

פענטעס — בינדס, פארהאלט, אמאל אויך בעטלען.

פעפערס — שפעט שלאפערס.

פער — פארנעמע לייט פון שטאט.

פרא־אדם, פערע־אדעם — ווילדער מענטש, נישט דערצויגן.

פראוועכטס — ווען מ׳קומט צום רבין אפגעבן א קוויטל מיט א פדיון.

פראשעניעס — בקשות, ביטעס אין געריכט.

פריסטאוו — הויפט פון דער פאליציי.

פריסיק — הייס אש.

פרענטעס — לאנגע שטיקער אייזן.

פשיקאמפאניעט — געחברט זיך, צוגעבונדן זיך.

פשר, פשרה, פיישער, פשארע — קאמפראמיס. אויסגלייך.

פ

פאליעס — שטראמען, אויך קלעצער וואס שטארן ארויס פון וואסער ווי א שוץ פאר דער נאענטער בריק.

פאקטארס — פארמיטלער.

פארגלישעט — פארטויבט.

פארהוילסט — באהאלטסט, פארשטעלסט.

פארווירטן — פארבלאנדזשעטן, פארפירטן.

פארצאגט — פארטרויערט.

פארתכלעוועט, פארטאכלעוועט — פארשוועכט, פארלירן אן א זין.

פארטל — ספעציעל מיטל, טאן עפעס דורך א קונץ.

פראנטן — אויסגעפוצטע בחורים.

פריזבע — א באנק פון אויסגעטריקנטער בלאטע אדער צונויפגעלייגטע שטיינער ארום א הויז.

פריזערקע — שערערין, האר־פוצערין.

צ

צודאַטן — קליינקייטן פאַר שניידער און שוסטער אויף אַרויסצוועגדיקן אַ מלבוש.

צוויק — צי, דריק.

צלם־אלוקים, ציילעם עלויקים — גאָטס פאָרם, סינאָנים, פאַר אַ פּנים מיט אַ באָרד.

צעכט — אָפּגעהיט און ריין.

צעיוכעט — צעלאָזט זיך, שטאַרק אין כעס.

צעיושעטע — צעווילדעוועטע.

צעלניק — פאַרשידענע מינים צודאַטן פאַר קליידער.

צעניץ — בלעטלעך וואָס ווערן גענוצט צו מאַכן אַ געטראַנק קעגן פאַרשטאָפּונג.

צעממיתט, צעמיימעסט — צעהאַרגעט, שטאַרק צעשלאָגן.

צעפלאָשעטע — צעלאָזענע, צעוואָרפן אָן אַן אָרדענונג, צעווילדעוועטע.

צעריטשעט — צעשריגן זיך אויפן קול.

ק

קאַגאַניצל, קאַניצל — קליין נאָפט לעמפל.

קאָזניאַ — רעגירונג.

קאָלופּען — קראַצן, אָפּברעקלען שטיקלעך פון עפּעס.

קאַנט — געגנט.

קאַנצעלאַריע — שטאַטיש אַדמיניסטראַציע הויז.

קאָסאָקע — קוקן קרומלעך; ווען דער בליק פון איין אויג גלייכט זיך נישט מיטן אַנדערן.

קאַפּאָטשאַרזשעס — צונאָמען פאַר פּוילישע יידן וואָס טראָגן לאַנגע קאַפּאָטעס.

קאַצאַפּעס — רוסישע אַרבעטער געבראַכט קיין פּוילן פון טיף רוסלאַנד.

קאָזע — טורמע.

קאָזע־בערדל — ציגן־בערדל, שמאָל און שפּיציק.

קאָכען זיך — שטאַרק זיך ליבן, זיין שטאַרק אַריינגעטאָן אין עפּעס.

קאַלייקע — קליין־באַן.

קאַלעטאַרעס — חוזק און שפּאַס.

קאַפּטשעט — ברענגט אַרויס אַ רויך.

קאָניוך — פערד־הענדלער.

קאָנטראַבאַנד — האַנדלען מיט פאַרווערטער סחורה. סחורה אַריבערגעפירט אַן גרעניץ־אָפּצאָל.

קאָסשציאָל — קאַטוילישער קלויסטער.

„קופע" — הויפן געטריקנטע קאָרע וואָס די גאַרבערס פלעגן פאַרקויפן אויף צו הייצן.

„קוואַס" — דאָס וואַסער אין וועלכן מ׳ווייקט פעל.

קוטשע — פינצטערע שטייג פאַר עופות.

קוואַרט — מעשענע אָדער קופערנע כלי צו שעפן וואַסער.

קווענקלט — נישט זיכער וואָס צו באַשליסן, שלאָגט זיך מיט דער דעה.

קיעראָווניק — אָנפירער, פאַרוואַלטער פון אַן אינסטיטוציע.

קל, קאַל — גרינגער, נישט שטאַרק אָפּגעהיט אין יידישקייט.

קליאַדקעס — הילצערנע טראָטואַרן, גערופן אויך: בריקלעך.

קליאַמקעס — שלאָס־צודריקער.

קליוטשניק — שליסל־האַלטער פון טורמע.

קלעפּקע — אַ רייפל וואָס נעמט אַרום אַ פאַס. סינאָנים אויף עפעס וואָס האַלט אַ זאַך צוזאַמען.

קנוניה, קנוניע — מאַכן שותפות, אָפּרעדן זיך אָפּצוטאָן עפעס.

קסיאָנדז — קאַטוילישער גלח.

קעלניע — פאַרנדיקער פלאַץ פאַרן באַלעגאָלע. אויך דאָס לאָפּעטקעלע וואָס מוליאַרעס נוצן.

קריאה, קריע — דאָס לייענען די תורה.

קריעס — שטיקער אייז ווען דער טייך ברעכט אויף אין פרילינג.

קרעקט זיך — וואַרגט זיך. נישט אַראָפּצושלינגען און נישט אויסצושפייען.

ר

ראיה, ראָיע — באַווייז.

ראַפּניקעס — לעדערנע קורצע רייטער־בייטשלעך.

רד״ק, ראַדאַק — ר׳ דוד קמחי, קאָמענטאַטאָר פון תנ״ך. שפּאַניע — 14טן י. ה.

רלב״ג, ראַלבאַג — ר׳ לוי בן גרשון, פילאָזאָף און פאַרטייטשער פון תנ״ך. איטאַליע, סוף 15טן י. ה.

רמ״א, ראַמאָ — ר׳ משה איסערליס, פּוסק, קאָמענטאַטאָר פון תלמוד, פּוילן, 16טן י. ה.

רמב״ם, ראַמבאַם — ר׳ משה בן מימון, פילאָזאָף און פּוסק. שפּאַניע־אַפריקע, 12טן י. ה.

רמב״ן, ראַמבאַן — ר׳ משה בן נחמן, פילאָזאָף און מקובל, קאָמענטאַטאָר פון תנ״ך. שפּאַניע־ארץ־ישראל, 13טן י. ה.

רשב״א, ראַשבאַ — ר׳ שלמה בן אדרת, מפורש פון תלמוד און פּוסק, שפּאַניע, 13טן י. ה.

רש״י, ראַשי — ר׳ שלמה יצחקי, מפורש פון תנ״ך און תלמוד, פראַנקרייך, 11טן י. ה. דער פירוש איז געדרוקט מיט אַ ספּעציעלער שריפט, רש״י כתב.

רש״ל, ראַשאַל — ר׳ שלמה לוריא, קאָמענטאַטאָר פון תלמוד, פּוילן, 16טן י. ה.

ראַצער — איינער וואָס קען זיך די נאָז נישט אָפּווישן, אַ גאַרנישט.

ראש אב בית־דין, ראָש אָוו בייס דין — עלצטער פון די חכמים.

רחבותדיקן, ראַכוועסדיקן — גערעמען, ברייטן.

ריטשקע — קליין שמאָל טייכל.

רינווע — פאַרטיפונג ביים זייט פון וועג פאַרן וואַסער־אָפּלויף.

„רייניקייט״ — סינאָנים פאַר ספר־תורה.

רעיון, ראַיען — געדאַנק, שנעלער איינפאַל.

רשימה, רשימע — פאַרצייכענונג, צעטל פון סחורות.

ש

שאַכער־מאַכער — נישט אָרנטלעכער האַנדל.

שאַלאַש — גרויסע לאַנגע געביידע מיט אַריינגאַנגען פון צוויי זייטן.

שאַלטעק — איינער וואָס מ׳קען זיך אויף אים נישט פאַרלאָזן.

שאָפּע — געביידע צו האַלטן זאַכן.

שבוי, שאָוואו — געפאַנגענער, זיצט אין טורמע.

שהיות, שיעס — פאַרזאַמען זיך, פאַרנעמען איבעדיקע צייט.

שוכן־עפר, שויכן אָפער — טויטער וואָס רוט אין דער ערד.

שומען — שמשקען מיט אַ ציטער.

שורש, שוירעש — וואָרצל, שטאַם.

שוואָך — אַ פוסט ניסל.

שטאַבעס — פלאַכע שטיקער האָלץ וואָס האַלטן צונויף אַ וואַנט אָדער אַ פענצטער.

שטאַכעטן — הילצערנע שטעקלעך פון אַ פאַרצוימונג.

שטאַלטנער — פיין געשניצטע פיגור.

שטאַרץ — צודעק פון אַ טאָפּ.

שיבוש — אַ קלייניקייט.

שיפּע זיבעלע — סינאָנים פאַר קליין געוויקסיקע און שוואַכע.

שיק — אויסטערליש אויסגעפּוצט.

שייטלעך — האָר־היטלען פאַר פרויען, אויך: שטיקער האָלץ.

ש״ך, שאַך — ר׳ שבנא כוהן, פוסק, מחבר פון ספר „שפתי כוהן״, 17טן י.ה., ליטע — האָלאַנד.

שלאַבעריק — שוואַך.

שלאַיעט — שלעפּט זיך.

של״ה, שילאָ — איניציאַלן פון ספר „שני לוחות הברית״ פונעם מיסטיקער ר׳ ישעיה הורוויץ, געבוירן אין פּראַג, צווייטע העלפט פון 16טן י.ה.

שליאַכטאַ — פּוילישער אַדל.

שלוק — אַן אָפּגעכאַפּטער טרונק.

שלווהדיק, שאַלווע — רואיק.

שלי־שלך, שעלי שעלאַך — גרופּן־שפּיל פון קינדער.

שליוזשע — איינריכטונג פאַר וואַסער קאָנטראָל.

שליטה — הערשאַפט, מאַכט.

שמאַיעט — לויפט אַרום אַ צעמישטער.

שמועות, שמיעסן — קלאַנגען וואָס טראָגן זיך פון איין אויער צום אנדערן

שמן־זית, שעמען זאַיעס — בוימל, סינאָנים פאַר זייער אַן אָפּגעהיטענעם, אַן איידעלן.

שמץ, שעמעץ — אַביסל פון עפּעס.

שמות, שיימעס — בלעטלעך פון צעריסענע ספרים.

שנעק — נישט דערוואַקסענער מיט וועלכן מ׳דאַרף זיך נישט רעכענען.

שמעטניק — אַן אָרט צו זאַמלען שמוץ.

שעלמיש — וואוויליוּנגעריש, פאַרפירעריש.

שערענגע — שורה, רייע.

שעת־הכושר, שאָאס האַקוישער — פּאַסיקע צייט, די ריכטיקע מינוט.

שפּאַרונקעלע — שפּאַלט, שמאָלע עפענונג.

שפּאַרן — אייזנדלעך ביי די זייטן פון רייט־שיך.

שפּיליטער — דער וואָס נעמט אַן באַשטעלונגען אויף סחורה ביי די וואָס קענען אַליין נישט פאַרן איינקויפן אין דער גרעסערער שטאָט.

שפּירן — פילן.

שפּרענקעלע — ברעקעלע, טראָפּעלע.

שקורעס — פעל, סינאָנים פאַר שלעכטע מענטשן.

שקץ תשקצנו, שאָקעץ טעשאַקצעני — פאַרמיאוסן זאָלסטו אים, שפּרוך וואָס מען זאָגט ווען מ׳זעט אַ געץ.

שקראַבעס — אַלטע שיך.

שתי וערב, שעסי וואָערעוו — סינאָנים פאַר צלם.

ת

תהומות, טעהוימעס — אָפּגרונטן, טיפענישן.

תוספת, טויסעפעס — צוגאָב צום פּירוש רש״י פון זיינע תלמידים.

תכלת, טכיילעס — בלויע ציצית, וואָס ראַדזינער חסידים טראָגן.

תיקון — ווען אַ חסיד שטעלט בראָנפן ביי אַ יאָרצייט.

תנועה, טנוע — אַ לייכטע באַוועגונג. אויך אַ דינער טאָן פון אַ ניגון.

תנו רבנן, טאָנו ראַבאָנאָן — די רבים האָבן געלערנט.

תפוס, טאָפּעס — געכאַפּט, זיצט אין תפיסה, טורמע.

תשע קהילות, טיישע קעהילעס — די ערשטע ניין קהילות אין פּוילן.

באַמערקטע גרייזן

אויף זייטל 108, ערשטע שורה:
אויפן אָרט פון „ווינקל־שנורן", דארף זיין וויקל־שנירן.

אויף זייטל 120, ביים סוף פון זייטל, פעלט די שורה:
„באַטייליקן זיך מענער און פרויען, און דאָס וועט אויפ־
רודערן די גאַנצע"

אויפן זייטל 199, איין שורה פאר דער לעצטער:
אויפן אָרט פון „משה יצחק אפיקורס"
דאַרף זיין: חיים לייבעלע אפיקורס.

אויף זייטל 200, ערשטע שורה:
אויפן אָרט פון „משה יצחקן"
דאַרף זיין: חיים לייבעלען.